STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09039

IN FARKISHUFTN LAND FUN LEGENDARN DZSHUGASHVILI

Moisheh Grosman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. גרים (משה גראָסמאַן)

אין פאַרכּישופטן לאַנד פון לעגענדאַרן דזשוגאשווילי

מיינע זיבּן יאָר לעבּן אין ראַטנפאַרבּאַנד – (1946-1939)

2

„אמת און פרייהייט"

פּאַריז 1949

IN FARKYCHOUFTN LAND FUN LEGENDARN DJOUGACHVILI

(Au pays ensorcelé du légendaire Djougachvili)

רעגיסטער פון קאַפּיטלען:

צוריק פון קאַלבאַז 7

אויף די ווייסע שפּיטאָל-בעטלעך 16

דאָס טראַגישע יאָר 1942 29

פּוילישע פּאַספּאָרטן און דער טרוים אויף אַרויספאָרן 39

נישט מען לעבט, נאָר מען ראַטעוועט זיך 46

דאָס לעבן איז גרוי ווי אַ רוסישער שינעל 71

אַז מען געוווינט זיך צום ערגסטן, איז שלעכט שוין אויך גוט . . 94

בילדלעך, עפּיזאָדן, קוריאָזן 117

אַ רוסישער בעטהאָוון . . . . „

לייענענדיק דאָסטאָיעווסקין 119

ראַיאַ דערציילט 120

תשעה באב 123

ברויט און טעאַטער 124

„אַוואָסקעס" . . . . „

וואָס איינער איז געווען, דאָס בלייבט ער 125

הילף . . . . „

אַרבעט פאַר דער מלוכה 127

אַ זעלטן בוך 128

פאַרצייכנונגען 129

עס איז שוין לאַנג שטיל געווען 134

אויך אויפן ים קומט דער שטורם פּלוצלינג 137

צווייטער טייל

און ווידער גראַטעלעך... גראַטעלעך 143

אויף אַ קרייץ-פאַרהער ביי גרויסע לייט 159

באַגעגעניש מיט אַ רוסישן ייד, וואָס האָט געוואָלט אַנטלויפן קיין
ארץ-ישראל 161

דער פּראָוואָקאַטאָר בערעלע שמאַיעוויטש זעצט פאַר זיין מלאכה . . 165

פאַרבאַטענע בליקן 169

קלעפּ וואָס פאַרשאַפן ווייטיק און פרייד 170

אַן אויסלענדישער פּאַס אין מיינע הענט 172

אַ גרוס פון ארץ-ישראל 173

די קונץ פון ברעכן כאַראַקטערן און פּראָוואָקאַציע 174

סאָלידאַריטעט מיט אַ טורמע-וועכטער 175

אַ תפילה 176

מיינע חברים באַנדיטן 178

אַ מעשהלע מיט אַ מאַראַל 182

פאַרן משפט

די גערעכטיקייט איז נישט אַלעמאָל בלינד 186
פאַרן לעצטן אַקט 194
צוליב אַ האַלבן פּאַפּיראָס 195
פון טורמע צו טורמע 204
אין לאַגער 217

דער לעצטער עטאַפּ

ערב אַהיימפאָרן 285
די שכנים פון מיין הויף 288
טעג פון פיבער 302
אַרויס ! אַוועק ! אַהיים ! 307

Copyright by the author M. Grossman. — Paris, 1949

Imprimerie de la S.N.I.E., 32, rue de Ménilmontant, Paris 20e

אין סאָוויעטישן אַזיע

צוריק פון קאַלכאַז

ביים אַרויספאָרן פונם דאָרף ווערט מיין אויג פאַרכאַפּט פון אַזאַ מין בילדל:

אויף אַ קליין, קיילעכיק בערגל, גאַנץ נאָנט צום וועג, שטייט אַ האָן. אַ גרויסער, פאַרביקער האָן, מיט אַ רויט־גליענדיקער קאַם אויפן קאָפּ, וועלכע ער טראָגט אַזוי שטאָלץ, ווי אַ קעניג זיין קרוין. ער שטייט רואיק, אומבאַוועגלעך, מיט דעם שנאָבל פאַריסן צום הימל, מיט הערשערישער גאווה, ווי ער וואָלט זיך אַליין אַ מאָנומענט געשטעלט.

אין פלוג זעט עס מיר אויס ווי אַ קאָפּיע, אַרויסגעפלויגן פון אַ מייסטעריש בילד. ווען כהאָב דערזעען אַז עס איז אָריגינאַל, האָט זיך מיר געפּאָרט אין דער מינוט אַ טאָפּלטער גענוס: פון קונסט און נאַטור.

און באַלד דערויף זיינען אָנגעקומען עטלעכע יונגע אוזבעטשקעס פון אונזער קישלאַק. ווען אונזער „אַרבאַ״ (פורל) דערנענטערט זיך צו זיי, פאַרדעקן זיי זייערע פנימער מיט די שוואַרצע פאַראַנדזשאַס.

איך האָב זיי געהאַט געזעען דאָ אַמאָל אויף אַ פאַרזאַמלונג אין קאָלכאָז. עס זיינען געווען פאַרזאַמלט צוועלף יונגע מיידלעך. עס האָט גערעדט צו זיי דער פאָרזיצער. עס האָט געזאָלט הייסן — אַ באַראַטונג פון די קאָמסאָמאָלצעס. אָבער מען ווייסט, פאַרשטייט זיך, נישט רופן אַ פאַרזאַמלונג אויף וועלכער ס'זאָלן זיין מענער און פרויען צוזאַמען.

די פּאָר מענער ביעזשענצעס, וועלכע זיינען צופעליק דעמאָלט געווען אין קאַנטאָר, זיי זיינען אויך שוין פאַרבליבן אויף דער באַראַטונג — ביעזשענצעס ווערן נישט גערעכנט פאַר קיין מאַנספערשוינען... פאַר וועלכע זיי דאַרפן פאַרדעקן זייערע פנימער. אָבער סיידוי האָט זיך די שעמעוודיקייט פון זיי אַזוי גיך נישט אָפּגעטאָן. און אפשר האָט איינע פאַר דער צווייטער געוואָלט בכיוון באַווייזן שעמעוודיקייט? האָט זיך יעדע פון זיי פאַרשטעלט מיט די הענט וויניקסטנס אַ האַלב פנים, אַ האַלבע נאָז, איין אויג — אויף צו זעען און אויף צו זיין פאַרשטעלט. זיך געטוליעט איינע צו דער צווייטער און געכיכיקעט.

דער פאָרזיצער האָט פאַר זיי געהאַלטן אַ געוויינלעכע אַגיטאַציע־רעדע, אָבער מיט טעמפּעראַמענט, היץ, ווי דאָס זאָלן זיין זיינע אייגענע רייד, וועלכע ער לעבט איבער ביים רעדן און וואָלט וועלן, אַז זיינע צוהערערינס זאָלן עס אויך איבערלעבן. אָבער די קאָמסאָמאָלקעס רעאַגירן מיט גאָרנישט, רופן זיך נישט אָן קיין וואָרט. ביים סוף הייבן זיי די הענט צום שטימען, אויטאָמאַטיש. מסכים מיט אַלעם וואָס דער ראַיסי (פאָרזיצער) שלאָגט פאָר.

מיר פאָרן אַצינד אַרויס פונם קישלאַק. איך זיץ האַלב־ליגנדיק אויף דער פור. ש. ב. זיצט איינגעקורטשעט, ווי ער וואָלט וועלן אַז מען זאָל אים נישט געווג

אַרויסזעען, אָבער בײדע קוקן מיר צו די דורכגײענדיקע אוזבעטשקעס. דאַן נעמען עטלעכע פון זײ פאַרבאָרגן צו אונז פאָכען מיט די הענט. פאַרבאָרגן — אז ס'זאָל נישט זעען דער אוזבעקישער אַרבאַקעש (באַלעגאָלע). זײער גריסן מיט די הענט האָט אונז הנאה געטון, כאָטש זײ האָבן געקאָנט מײנען גראָד דאָס פאַרקערטע, זײער פאָכען מיט די הענט האָט געקאָנט באַדײטן „אַבי פּטור געוואָרן!", „טראָגט זיך פונדאַנען וואָס װײַטער!".

אין דער זעלבער רגע האָט דער „מאָנומענט"־האָן אַ צעפּאָכע געטון ברײט מיט די פליגל, אַ פאַרשפּיצטן קרײ אויס געטון צום הימל און האַסטיק אַראָפּגעפליגן פונם בערגל.

איך האָב אָנגעקוקט מײַן באַגלײטער, אים געפרעגט מיט די אויגן:

„צי איז דאָס אַן אָנדײַטונג אויפן סוף, אָדער גאָר אָנהײב? װעט מען װײַ־טער לעבן?"

זײַן בליק האָט נישט געװוּסט װאָס צו ענטפערן, אָדער נישט געװאָלט ענטפערן דווקא־דערפאַר, װײַל ער װײסט שוין גראָד יאָ, און אפשר איז בלויז זײַן בליק נאָר אויף מיר, אָבער מיט די מחשבות איז ער בײַ זײַן פרוי, בײַ זײַנע קינדער? האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אויף „פּטור" און אָפּגעענטפערט:

— סיניש קאַ גרויסע נפקא מינה. איר האָט גרויסע היץ, פילט איר מער און גלײַכצײַטיק װײניקער. איז אפשר גאָר אײך בעסער.

און כדי צו פאַרגעסן אין מײַן גורלדיקער פראַגע, זײַנען מיר בײדע, װי אָפּ־געערדט, אַרויף אויף אַ טעמע װאָס איז אונז בײדן נאָענט, אַן ענין פאַר װעלכן איך האָב תמיד אַ צאַפּלדיקן אינטערעס: דער גורל פון חברים, קאָלעגן.

און עס האָט זיך גענומען אויספּלעכטן אַ שמועס־געװעב מיט זכרונות װעגן עטלעכע לעבנגעבליבענע און עטלעכע שוין געפאַלענע חברים.

**
*

מיר באַקלאָגן איצט דעם טײַערן יידישן דיכטער פון מינסק, דעם נאָבעלן זעליג אַקסעלראָד, װעלכן די סאָװיעטן האָבן דערשאָסן אין מינסקער טורמע. אַקסעל־ראָד איז געװען פון די ערשטע יידיש־סאָװעטישע שרײַבער, װעלכע זײַנען אַראָפּ־געקומען קײן ביאַליסטאָק. זײַן אײדל יידיש פּנים, די רוחניות־שטריכן, װעלכע האָבן זיך אַזוי דין אָפּגעקנײטשט אויף זײַן געזיכט נאָך פון די יונגע יאָרן בעת ער האָט געלערנט אין אַ ישיבה; זײַן אופן פון רעדן, האַלטונג, אויפפירונג, האָבן אים גלײַך געמאַכט בײַ אונז באַליבט.

ער האָט זיך אין ביאַליסטאָק פאַרליבט אין דער יונגערער טאָכטער פון דעם גרויסן שריפטשטעלער י. מ. װײַסנבערג, פערעלע, און מיט איר חתונה געהאַט. צו די חברים האָט ער אַרויסגעװיזן אַ זעלטן־גוטע באַציונג, אַ הײמישע, אַ װאַרעמע. אָפּטמאָל האָט מען געזען װי ער פילט זיך געקװעלט, איז נישט גענוג פרײ, רעדט נישט אַלץ װאָס ער װיל. פאַר נאָענטערע, צו װעלכע ער האָט געפילט צוטרוי, האָט ער זיך אַמאָל אַרויסגעכאַפּט מיט אַ װאָרט. איך בין מיט אים אײנמאָל געגאַנגען אַ שבת בײַטאָג איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן. די יידישע פּריװאַטע געװעלבער, װעלכע האָבן נאָך דעמאָלט טײלװײַז עקזיסטירט, זײַנען געװען געשלאָסן. ער האָט

זיך נישט געקענט דערפון געגנוג אָנווונדערן. ער האָט נישט באַהאַלטן זיין התפּעלות:

— איי־איי, שבת זיינען טאָקע פאַרמאַכט די יידישע קראָמען? או־וואַ!

ער האָט שטאַרק מקרב געווען דעם רעליגיעזן דיכטער חיים סעמיאַטיצקי.

ווען עס איז געקומען צו רייד וועגן אַ יונגן, יידישן סאָוויעטישן שרייבער, וועלכער איז אַראָפּגעקומען פון בירָאָבידזשאַן, הערשל וו. וועלכער איז געווען אַ גאַנצער מאַכער און „שמעלקע" מיט די „פיר אותיות" (נקווד), האָט ער אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט:

— דערמאָנט מיר נישט זיין נאָמען! איך דערלאַנג אים נישט די האַנט. ער איז אַ מסור. ער האָט אין 1937 אָפּגעמסרט אַ סך יידישע שרייבער אין בירָאָ־בידזשאַן און אָנגעמאַכט אַ חורבן. צענדליקער שרייבער און קולטור־טוער האָט מען איינגעזעצט.

ביי דעם הערשל וו. זיינען מיר געווען אַמאָל איינגעלאַדן צו אַ פייערלעך אָוונט־ברויט. ער האָט געהאַט דאָרט באַקומען אַ דירה און גלייך אַראָפּגעבראַכט זיין פרוי און יונגעלע. די דירה איז געווען פון אַ פּוילישן פּאָליציאַנט, וואָס מען האָט שוין געהאַט פאַרשיקט. אויף דער וואַנט זיינען נאָך געהאָנגען הייליקע, קריסטלעכע בילדער. וו. האָט זיי נישט אַראָפּגענומען פון וואַנט, ווייל דאָס האָט, מסתמא, אימפּאָנירט זיין פרוי, וועלכע איז אַ קריסטין. ער איז אַ געשיקטער, פלינ־קער, אויסגעקאָכט אין אַלע אַמטן, באַקומט כסדר קאָמאַנדירוווקעס צו פאָרן הין־און־צוריק קיין מינסק און מאָסקווע. ער האָט עפּעס ספּעציעלע שליחותן. כאָטש מען האָט פאַר אים מורא געהאַט, דאָך האָט אים ווער געגעבן אַ פרעג וועגן בירָאָ־בידזשאַן. מען האָט געוווּסט אַז אין יאָר 1937 זיינען אַרעסטירט געוואָרן נישט נאָר צענדליקער יידישע שרייבער און קולטור־טוער, נאָר טויזנטער יידן. דער עיקר די, וועלכע זיינען אַמאָל געהאַט אָנגעקומען פון אויסלאַנד און זיך דאָרט פרייוויליק באַזעצט. עס איז געוואָרן דאָרט אַ פּאַניק און בהלה. טויזנטער יידן האָבן נאָך באַ־וויזן פון דאָרט צו אַנטלויפן אין אַנדערע געגנטן.

ווען מען האָט געפרעגט וו. וועגן בירָאָבידזשאַן, ער זאָל דערציילן געגויער ווי עס זעט דאָרטן אויס דאָס לעבן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מיר ווייסן שוין וועגן זיין אָפּגעטאָן „שטיקל אַרבעט", האָט ער אַזוי לאָמיך־געמאַכדיק געענטפערט:

— זיי האָבן מיך דאָרט געדרודפט, די שרייבער, נישט געוואָלט דרוקן, אונ־טערגעשטעלט מיר פיסלעך, אַ צייט בין איך אויך געזעסן אַרעסטירט, האָב איך זיי געמסרט! „עין תחת עין" — „טורמע זאַ טורמע".

ווען אַקסלראָד דערמאָנט זיין נאָמען, ווערט ער בלייך און זיינע ליפּן צוקן:

— מוסרים זיינען די געמיינסטע פאַרברעכער, טמאים, מען טאָר אין זייערע ד' אמות נישט שטיין!

איך האָב נאָך געזען אַקסלראָדן דאָס לעצטע מאָל אין יוני 1940, דעמאָלט ווען מיליץ און נקווד־זעלנער האָבן אונטער אויסגעשטרעקטע ביקסן, געפירט אי־בער די ביאַליסטאָקער גאַסן די יידישע יונגעלייט פון פּוילן, די פליטים. ער האָט מיך דאָן געגומען אונטערן אָרעם און געגומען שטעלן גרויסע שפּרייזן. ער איז געוואָרן בלאַס און האָט אונטערגעקרעכצט. איך זאָג אים, אַז מיך דערוואַרט, מסתמא, דער זעלבער גורל. תחילת האָט מען נאָך דערווייל געהאַט געכאַפּט די

איינזאַמע, אָן פאַמיליעס, אָבער שפּעטער וועט אוודאי קומען אויך אונזער ריי. ער דרוקט זיך צו מיר פעסטער צו:

— זאָגט דאָס נישט, זאָגט דאָס נישט, עס איז שרעקלעך. זעט דאָס אויסצו־מיידן, טוט אַלדאָס מעגלעכע. און אפשר וועט דאָס נאָך ווערן אָפּגערופן? ביי אונז טרעפט אָפט אַז אַ באַשלוס זאָל צוויי מאָל אין טאָג געביטן ווערן.

אַקסלראָד איז געווען אַ לײַדנשאַפטלעכער קאָרטן־שפּילער. האַלבע טעג האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דעם האַזאַרד. אונז האָט עס געחידושט. ביי אַ סך פון די סאָוויעטישע מענטשן איז פאַראַן אַ שוואַכקייט צו קאָרטן, שנאַפּס, ביליאַרד. נאָר ער איז געווען דערין פאַרקאַכט מער ווי אַנדערע. איצט איז מיר געוואָרן פאַרש־טענדלעך פאַרוואָס ער גיט אַוועק אַזויפיל צייט אויף צו פאַרגעסן זיך אין שפּי־לערייען.

ער איז אַ מחבר פון עלף בענדלעך דיכטונג. אין זיינע לידער האָט ער אויך געמוזט צאָלן דעם געוויינלעכן דיכטערישן שטייער — באַזינגען סטאַלינען. אָבער זיינע לידער זיינען געשריבן נישט גראָב, מגושמדיק, נאָר איינגעהאַלטן, מיט טאַקט, דין, ענלעך צו דעם פּרעכטיקן און סובטעלן ליד וועגן לענינען און סטאַלינען פון דער דיכטערין רחל בוימוואָל.

אין 1941 האָט מען אין מינסק אַרעסטירט זעליג אַקסלראָדן און דעם יונגן שרייבער עליע קאַהאַן. מען האָט זיי באַשולדיקט אין ייִדישן נאַציאָנאַליזם. זיי האָבן באַקומען דעם פּאַראַגראַף „קאָנטר־רעוואָלוציע". עס זאָל זיי האָבן געמסרט אַ יונגע שרייבערין, וועמען אַקסלראָד און קאַהאַן, די רעדאַקטאָרן פון אַ ליטעראַרישן זשורנאַל, האָבן נישט געוואָלט דרוקן אירע שאַפונגען. לויט אַן אַנדער ווערסיע זאָל האָבן דערין שולדיק געווען פּאָנאָמאַרענקאָ, דער סעקרעטאַר פון דער ווייס־רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכער האָט בכלל שלעכט געקוקט אויף דער ייִדישער טעטיקייט. מען האַלט אים, פּונקט ווי שטשערבאַקאָוון — אַ מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ, פאַר אַ פאַרביסענעם יודאָ־פאָאָב.

אַקסלראָד וואָלט, מסתמא, געהאַט דעם זעלבן גורל פון אַלע אַנדערע פּאָלי־טישע אַרעסטאַנטן: ער וואָלט באַקומען צען יאָר און אַוועק אַרבעטן אין אַ לאַגער (לעצטנס שיסט מען זייער ווייניק, סרוב טויט־אורטיילן ווערן איינגעטוישט אויף לאַנגע יאָרן טורמע און לאַגער, ווייל עס זיינען אַ שאָד אַרבעטס־הענט), האָט אָבער אויסגעבראָכן די מלחמה מיט די דייטשן, מען האָט שנעל געמוזט עוואַקויִרן די אַרעסטאַנטן פון דער מינסקער טורמע. די קרימינעלע האָט מען אויפן אָרט באַ־פרייט, די פּאָליטישע האָט מען שוין נישט באַוויזן צו עוואַקויִרן און מען האָט זיי אַלע דערשאָסן אויפן תפיסה־הויף. עליע קאַהאַן האָט, מן הסתם, זיך אָנגעגעבן אַלס קרימינעלער און מען האָט אים באַפרייט. די אַקטן האָבן שוין אוודאי געמוזט זיין צעשטערט, פאַרברענט. אַקסלראָד האָט, צוליב זיין תמימות, געזאָגט דעם אמת. מען האָט אים געהייסן גיין און דערשאָסן הינטערוויילעכטס. קאַהאַן האָט שפּע־טער פאַרטרוילעך איבערגעגעבן פאַר אייניקע חברים ווי אַזוי אַקסלראָד, וועמען עס איז אין טורמע אָנגעוואַקסן אַ גרויסע באָרד און באַקומען אַן אויסזען פון אַ רב, האָט אין דער לעצטער רגע, ווען ער איז אומגעפאַלן, נאָך באַוויזן אויסצושרייען:

— מאַמע! רבונו של עולם!

עליע קאַהאַן איז אַוועק אין דער אַרמיי. מען האָט אים גלייך געשיקט אויפן פראָנט און ער איז גיך געפאַלן פון אַ דייטשער קויל.

***

עס פֿאַלט אַ שניי. עס שווידערט און אַדורכנעמענדיקע קעלט. איך האָב נאָך הויכע טעמפּעראַטור, עטעם אין אַ פֿאַרשנעלערטן טעמפּאָ. דער קאָפּ איז ווי איינגעצויגן מיט אייזערנע רייפֿן, וועלכע דרוקן, פּרעסן, ווילן אים איבערשניידן אויף העלפֿט. צום ראַיאָן־שפּיטאָל איז שוין נישט ווייט. ש. ב. איז שוין צוריק פֿאַרנומען מיט זיינע מחשבות. ווי אַזוי וועט ער דערפֿאָרן, ווי אַזוי זיך איינאָרדנען, צו וועמען אַריינגיין שלאָפֿן די ערשטע נאַכט? אָבער איך, פֿאַרן צעשיידן זיך מיט אים, וויל נאָך וויסן וואָס מער וועגן גורל פֿון באַקאַנטע און חברים.

ש. ב. האָט נאָך באַוויזן זיך צו עוואַקואירן פֿון ביאַליסטאָק דעם 22־טן יוני, צוזאַמען מיט אַ גרעסערער צאָל יידישע שרייבער, וועלכע מען האָט דערלויבט צו פֿאָרן אין איין וואַגאָן מיט דער ביאַליסטאָקער נקוזד... דאָס איז געווען דער איינציקער צוג, וועלכער האָט זיך באַוויזן צו עוואַקואירן. פֿון דער באַפֿעלקערונג האָט קיינער נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען. צום ערשטן מוזן דאָך אַרויס די וויכטיקע קאָמוניסטישע טוער און באַאַמטע.

פֿון די שרייבער זיינען דאָרט פֿאַרבליבן דוד מיצמאַכער (ער איז גראָד געווען אויף קוראַציע אין דרוסקעניק); דער אַלטער שרייבער און זשורנאַליסט פּסח קאַפּלאַן; דער זשורנאַליסט א. לערמאַן און דער פּובליציסט און קאָמוניסטישער טוער דודל ריכטער. די שרייבער וועלכע עס איז געווען פֿאַרבאָטן צו וווינען אין ביאַליסטאָק און האָבן געמוזט זיך אַריבערציען אין די אַרומיקע שטעטלעך, זיינען אַלע פֿאַרבליבן אויף די ערטער.

דער העברעאישער דיכטער ב. פּאָמעראַנץ; ש. וואָלמאַן; ש. זאַראָמב; א. טאַף. צינאַמאָן איז געשטאָרבן נאָך פֿאַר דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, ער האָט אין אַ קליין שטעטל נעבן ביאַליסטאָק געאַרבעט ביים האַקן האָלץ, זיך פֿאַרוווּנדעט דערביי אַ האַנט און אויסגעגאַנגען פֿון אַ בלוט־פֿאַרגיפֿטונג. אין די פּראָווינצן, אויף דער סאָוויעטישער זייט, האָבן געוווינט און דאָרט שוין פֿאַרבליבן די שרייבער:

קאַווע־וואַנווילד, ברוך אַליצקי, ברוך געלמאַן און א. ראַשקין (פֿרידמאַן).

אין ווילנע זיינען פֿאַרבליבן די שרייבער־פּליטים:

נח פּרילוצקי, משה זילבורג, דר. א. גליקסמאַן, חיים סעמיאַטיצקי, י. ראַבאָן, הערש גוטגעשטאַלט.

פֿון די שרייבער וועלכע זיינען געווען אין לעמבערג און אומגעגנט האָבן זיך באַוויזן צו עוואַקואירן: רחל קאָרן, רייזל זשיכלינסקי און איר מאַן דר. י. קאַנטער, נחום באָמזע און י. אַשנדאָרף.

דער ביאַליסטאָקער נאָוועליסט און זשורנאַליסט אהרן ברעזינסקי, וועלכער איז אַמאָל פּרעמירט געוואָרן דורכן „פֿאָרווערטס" אויף אַ נאָוועלן־קאָנקורס, איז דורך די סאָוויעטן אַרעסטירט געוואָרן. זיין פֿרוי און קינד זיינען פֿאַרשיקט געוואָרן קיין קאַזאַכסטאַן. ווען די דייטשן האָבן איינגענומען ביאַליסטאָק, האָט ברעזינסקי זיך געפֿונען אין דער דאָרטיקער טורמע, וועלכע איז געבליבן אַ פֿאַרשלאָסענע. די וועכטער זיינען אַנטלאָפֿן. די אַרעסטאַנטן האָבן אויפֿגעריסן די טורמע, אַליין זיך באַפֿרייט, אָבער ברעזינסקין האָבן די דייטשן דערשאָסן.

דער באַוווסטער פּעליעטאָניסט און ציוניסטישער עסקן, ד"ר יהושע גאָטליב, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך די סאָוויעטן, איז געשטאָרבן אין תפיסה נאָך פֿאַרן דייטשן איבערפֿאַל.

איך האָב שוין געהאַט פון לאַנג געוווסט וועגן זיין שמועס אין פּינסק מיט אַ יידיש־סאָוויעטישן שרייבער אין די לעצטע חדשים פון יאָר 1939. ער האָט געהאַט דעמאָלט פּאַרבעטן צו זיך דעם סאָוויעטישן גאַסט, אים אויפגענומען מיט כיבוד און אין אַן אויפריכטיקן טאָן אים דערקלערט:

— אמת, ער איז אַן אָנפירנדיקער ציוניסטישער טוער, געווען אַ דעפּוטיר־טער אין פּוילישן סענאַט, געשריבן אַפּט פּעליעטאָנען קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד, אָבער, ער איז דאָך נאָר סוף כל סוף אַ יידישער אינטעלעקטואַליסט, זיין איינ־שטעלונג צום ראַטן־פאַרבאַנד איז דאָך אַ ריין־אידעאישע, נישט סתם קיין שנאה. ער האָט נישט געהאַט דערביי קיין שום מלוכה־אינטערעסן, ער איז דאָך אַ ייד. איצט וועט ער זיך באַמיען אַריינצודרינגען און באַנעמען די נייע, סאָוויעטישע ווירקלעכקייט. ער וועט זי ערנסט דערלערנען און זיך באַמיען צוצופּאַסן. ער קען אפילו באַשטיין צו אַרבעטן אַלס פּשוטער באַאַמטער. אַ סך זאַכן געפעלן אים דווקא אין ראַטנפאַרבאַנד. ער איז אויך אַנטציקט מיט דער נייער רוסישער ליטעראַטור און מיט דער סאָוויעטישער דיכטונג.

יענער האָט דאָס אַלץ רואיק אויסגעהערט, זיך פריער גוט אַרומגעקוקט אין שטוב און דערנאָך אים אַריינגעזאָגט אין אויער:

— מיין פריינטלעכע עצה איז, אַז מער זאָל איך אייך דאָ נישט זען! די רעשט פאַרשטייט שוין אַליין!

ד"ר גאָטליב האָט אַליין, זעט אויס, געגנוג נישט פאַרשטאַנען. ווען מען האָט אים שוין גענומען נאָכגיין און אָבסערווירן, איז ער אַוועק אין אַ קליין שטעטעלע זיך אויסבאַהאַלטן, געפּלאַנט זיך אַריבערצוקריגן פון דאָרט קיין ווילנע. ער האָט אָבער פאַרשפּעטיקט — אין דעם שטעטעלע האָט אים דערקענט אַ יונגער, יידישער קאָמוניסט און אים גלייך איבערגעגעבן אין די הענט פון דער „גערעכטיקייט" — צו דער נקוויד.

אין תפיסה איז אויך געשטאָרבן דער ראַבינער, פּראָפעסאָר משה שאָר. ביים וועלן אַריבערגיין די גרענעץ קיין ווילנע זיינען אַרעסטירט געוואָרן די זשורנאַ־ליסטן הלל מיימאָן און א. צפנת.

אַזוי מישן מיר כסדר די פרישע זכרונות־בלעטער וועגן די געפאַלענע און פאַרפאַלענע חברים און קאָלעגן.

עס קומט אויך צו רייד וועגן דעם אויסטערלישן פאַל מיט דעם דיכטער עמיאָט. אַ טאַלאַנטירטער דיכטער, אַ מענטש, וואָס איז ביז זיין צוויי־און־דרייסיקסטן לעבנס־יאָר געווען אַן אויפריכטיקער מאמין, אַ פרומער ייד, מיט באָרד און פאות, מיטגעאַרבעט אין די „אגודה'שע" צייטונגען, אַ פיינפילנדיקער, אינטעליגענטער שרייבער, אַ טרוימער, תמיד מיט אַרויסגעשטאַרצטע און פאַרחידושטע אויגן — און מיט איינמאָל, אין מיטן העלן טאָג, נאָכן אַפּזיין עטלעכע חדשים ביי די סאָ־וויעטן אין ביאַליסטאָק, האָט ער זיך ראַפּטום איבערגעקערט. געוואָרן אַ כופר בעיקר, געשריבן אַנטי־רעליגיעזע אַרטיקלען, אָפּגעשוירן באָרד און פאות, געגעסן חזיר בפרהסיא און זיך צעלאָזן מיט אַמאָל אין אַלע תאוות.

ווען ער האָט זיך עוואַקואירט צוזאַמען מיט אַלע שרייבער פון ביאַליסטאָק, זייענדיק אין וואַגאָן, האָט מען ערשט אַצינד רעכט דערקענט זיין כאַראַקטער. ווען די דייטשן האָבן אין וועג באַוואָרפן דעם צוג מיט באָמבעס, האָט ער שנעל זיך אַרונטערגערוקט אונטער זיינע אייגענע קינדערלעך, זיך פאַרשטעלט מיט זייערע

גופימלעך. דאָס ווייב זיינס האָט אויסגעשריגן: „אַ בראָך איז צו מיר!" און זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די קינדערלעך זיי צו פאַרשטעלן מיט איר לייב. נעבן איר איז אויך געשטאַנען משה בראָדערזאָן און מיט זיין גוף באַשיצט זיין קליין אייניקל.

דער זעלבער עמיאָט האָט ווי מיטאמאָל פאַרלוירן אַלע גוטע מידות. מען האָט אים נישט לאַנג צוריק גענומען אין דער אַרבעטס־אַרמיי. ער האָט געוואָלט אַרבעטן אין קיך, מען איז דאָרט זיכערער מיטן ביסל עסן. ביים האַקן האָלץ איז אים אַ שפּאָן געפאַלן אין אויג אַריין. ער איז בלינד געוואָרן אויף אַן אויג. נאָכן באַפרייען אים פון אַרבעטס־באַטאַליאָן, האָט ער קודם אַוועקגעוואָרפן זיין ווייב און קינדערלעך און חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין. ער האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין ביראָ־בידזשאַן.

דערמאָנט מען עמיאָטן, מוז מען דערמאָנען דעם פאַרקערטן פאַל — מרדכי אַלעי. ער האָט מיט יאָרן צוריק אָנגעהערט צו דער קאָמוניסטישער שרייבער־גרופּע. ער האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכלעך נאָוועלן, לידער און עסייען. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן פאַר דער מלחמה אַן אייגענעם זשורנאַל. פּלוצים האָט ער אָנגעהויבן ספקן אין זיין אַטעאיזם, זוכן צוריק זיין אַמאָליקן וועג פון די קינדער־יאָרן, גע־גאַנגען אויף שמועסן צו הלל צייטלין ז"ל, אָבער נאָך אַלץ געזוכט און געבלאָנ־דזשעט. אין די ערשטע חדשים זיין אין סאָוויעטיש ביאַליסטאָק, האָט ער זיך שוין געשטעלט מיט ביידע פיס אויפן דרך פון אמונה. ער איז איצט אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד און פאות, לערנט יומם ולילה צוזאַמען מיט די ליובאַוויטשער חסי־דים. ער איז אין סאַמאַרקאַנד, וווּ ער לערנט אויך עברי מיט די בוכאַרישע קינדער.

מען מוז איבערייסן די זכרונות. נישט נאָר איז מיר שווער צו רעדן אפילו קרעכצנדיק, נאָר אויך צו הערן.

אַרום און אַרום איז בלויז שניי, די פעלדער, שאָסיי, די אויסגעקרומטע קאַ־ליקע־ביימער ביי די זייטן, אַלץ איז פאַרדעקט מיט שניי. אַזאַ ווייסער שניי ווי און־מעטום, ווי אין אונזערע געגנטן, נאָר אויף יענע שנייען אין אונזערע געגנטן פלעגן אַמאָל שליטנס מיט גלעקלעך, קינדער שטעלן אויף באַלוואַנעס, גליטשן זיך, שפּילן, באַוואַרפן מיט קוילן שניי. מען הערט אַ פריידיק, קינדעריש געלעכטער — דאָ איז דער שניי צו עפּעס אַנדערש: ער זאָל קניפּן מיט קעלט דעם גוף, ער זאָל שווינדלען פאַר די אויגן, צופּן און פאַרפרירן די וויעס, פאַרדעקן און פאַרפרירן די רינענדיקע טרערן. זיין ווייס־בלויער גלאַנץ דערמאָנט אין אַ נאַקעטן, פאַרפרוירענעם מת, אַלץ אַרום דאָ זעט אויס אַ בית־עולם. דער שניי וועט שוין פאַרדעקן, פאַרשיטן, פאַרפרירן.

צי פיל איך מער? צי פיל איך ווינציקער? צי שלאָף איך גאָר איין? צי הער איך אַ געזאַנג? צי זינג איך אַליין? איז עס גאָר אַ געוויין? צי וויינען בלויז די צוויי גרויסע רעדער פון דער אַרבאַ? צי סקריפּען זיי בלויז אין שניי? איך ליג אויף דער פּלייצע, מיט די אויגן צום הימל, אָבער דער הימל האָט איצט בלויז שניי, ברי־ענדיקן שניי, וועלכער איז שוין נישט ווייס אויך, ער טונקלט, ער פלעמלט, ער לעשט זיך, ער וויגט איין, דער שניי צוזאַמען מיט דער אַרבע. זיי וויגן און פאַרוויגן אין אַ ווייטן וועג אַריין.

באַלד רייסט זיך אַלץ איבער. די אַרבע שטייט אויף אַן אָרט. מיר זיינען שוין דערפאָרן צום שפּיטאָל.

***

איך בין אריין אין דעם קליינעם, דאָרפֿישן שפּיטעלעכל. דער ענטפֿער איז קורץ:

— מען נעמט נישט אָן!

— וווהין וועל איך גיין? וואָס הייסט מען נעמט נישט אָן?

ער האָט אַ תּירוץ:

— דאָס שפּיטאָל איז נישט פֿאַר קיין טיפֿוס־קראַנקע.

בין איך דאָך אָבער אויך באַגליקט מיט אַ לונגן־אָנצינדונג. דאָס האָט נישט בײַ אים קיין באַדײַטונג. מיט מײַן טיפֿוס קאָן איך אָנשטעקן די רעשט קראַנקע. ער איז אוודאי גערעכט, נאָר מיר דוכט זיך, אַז ער שקרט, עס ליגן דאָרט יאָ טיפֿוס־קראַנקע. ער שיקט מיך אין אַ צווייט שפּיטאָל, פֿינף קילאָמעטער ווײַט פֿונדאַנען.

דאָס פֿורל איז שוין דערווײַל אַוועקגעפֿאָרן. ש. ב. זיצט בײַם וועג און וואַרט אויף אַ לאַסט־אויטאָ, זיך אַריבערצוכאַפּן קיין סאַמאַרקאַנד. געלט האָב איך בײַ זיך נאָר צוויי רובל. 28 רובל האָב איך אויסגעגעבן אין קאַלכאָז אויף מאַכאָרקע. איך האָב בײַ זיך אַביסל מעל, מײַן פּאַיאָק וואָס איך האָב נישט פֿאַרנוצט די לעצטע טעג. איך פֿאַרקויף עס איינעם פֿון אונזערע דורכוואַנדערנדיקע פּוילישע ייִדן. איך באַקום דערפֿאַר 8 רובל. ש. ב. באָרגט מיר נאָך צו פֿינף רובל, האָב איך שוין פֿופֿצן רובל. אויב מען וועט מיך נישט אויפֿנעמען אויך אין אַ צווייטן שפּיטאָל, וועל איך אויף אַן אויטאָ צוריקפֿאָרן קיין סאַמאַרקאַנד. עס קאָסט טאַקע 15 רובל.

ש. ב. געזעגנט זיך מיט מיר און שפּרינגט אַרויף אויף אַן אַדורכפֿאָרנדיקן לאַסט־אויטאָ. איך בלײַב איינער אַליין אויפֿן וועג. איך הענג מיר אָן מײַן קליין קלומעקל אויף די פּלייצעס, מיט אַ שטעקן אין האַנט און שפּאַן אַוועק זוכן דאָס צווייטע שפּיטאָל. איך דערפֿיל דעם פֿראָסט וואָס אַמאָל שטאַרקער און אויך די אינעווייניקסטע היץ, זיי ראַנגלען זיך איבער מיר. איך גיי, נאָר מסתּמא נישט מיט מײַנע אייגענע כּוחות, עפּעס מיט אַן אַלטער, פֿאַרבאָרגענער אינערציע. אָדער עס טרײַבט מיך פּשוט די היץ, די קעלט.

אויך אין צווייטן שפּיטאָל נעמט מען נישט אָן. נישטאָ פֿאַראַן מער קיין פּלאַץ. אַפֿילו דער קאָרידאָר איז שוין איבערגעפֿולט מיט קראַנקע. עס ווערט שוין טונקל, איך דערשלעפּ זיך קוים צו אַ „טשאַיכאַנע". דאָרטן ליגן שוין אויף דער פּאָדלאָגע אַ סך אונזערע פּליטים. אָפּגעריסענע, דערשעפּטע, פֿאַרחושכטע, ווי אַלטע מדינה־גייער. ניין, מדינה־גייער האָבן אַמאָל אַזוי נישט אויסגעזען. דאָס זײַנען בעטלער פֿון חתונה־טאַנץ אין „דיבוק", אַרויסגענומענע פֿון דאָרט לעבעדיקע, נאָר נאָך מער פֿאַרהונגערטע און דערשלאָגענע. מען דאַרף באַצאָלן צוויי רובל פֿאַרן איבער־ליגן די נאַכט. מיר ווילט זיך אָבער אויך אויסטרונקען אַ שעלעכל טיי. פֿאַרקויף איך מײַן ביסל מאַכאָרקע וואָס איך האָב נאָך אין טאַש, באַקום דערפֿאַר אַ רובל און טרינק אויס אַ טשײַניקל טיי. ווען מען קריגט נאָך צו אַ שטיקל צוקער, וואָלט אוודאי געווען אַ מחיה, נאָר די הייסע טיי אַליין פֿרישט אויך אָפּ. איך לייג זיך אַוועק נעבן מײַנע גורל־ברידער. מען פֿרעגט בײַ יענעם דעם נאָמען, פֿון וועלכער שטאָט ער איז און געגנט. מען דאַרף מער נישט פֿרעגן, מען ווייסט שוין אַלץ אַליין. ווען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט אינדערפֿרי, איז מײַן שכן נעבן מיר געלעגן טויט. קיינער האָט אַפֿילו נישט געהערט בײַנאַכט ווען ער איז אויסגעגאַנגען. איינער זאָל האָבן געהערט אים קרעכצן און שעפּטשען:

„אַ ביסן ברויט, כאָטש אַ לעצטן ביסן ברויט!"

איך דאַרף אָפּגיין נאָך אַ פינף קילאָמעטער צופוס. פון דאָרטן וועל איך שוין נישט דאַרפן מער באַצאָלן ווי נאָר צען רובל פאַר אַן אויטאָ ביז סאַמאַרקאַנד. וועט מיר נאָך בלייבן דריי רובל. איך שלעפּ זיך צו איבערן שאָסיי דאָס שטיק וועגס. עס קומט אָן אַן אויטאָ מיט פּעסער בענזין. אויף די פּעסער זיצן שוין אָנגעפּאַקט פּאַ־סאַזשירן. איך קאָן באַין אופן נישט אַרויפקריכן. די פּאַסאַזשירן ציען מיך אַרויף.

דער אויטאָ פאָרט שנעל. די פּעסער טרייסלען זיך און מיר זעצט עס אין קאָפּ. נאָך אַ מינוט, נאָך אַ רגע און דער קאָפּ וועט צעשפּרינגען אויף פּיצלעך. איך קרעכץ, איך שריי, עס האָט אַ קנאַפּע פּעולה, דער שאָפער וועט צוליב מיר נישט פאָרן פּאַמעלעכער.

צוויי קילאָמעטער הינטער דער שטאָט סאַמאַרקאַנד מוזן מיר שוין אָפּשטייגן, די מיליץ טאָר אונז נישט באַמערקן אויפן אויטאָ, ווייל דער שאָפער טאָר נישט פירן קיין פּאַסאַזשירן. פאַר מיר איז עס גאָר אַ מעלה: דאָ איז פאַראַן אַ רעסטאָראַן און אויף דער טיר הענגט אַ מעלדונג: „פאַר דריי רובל באַקומט מען אַ זופּ און הונדערט גראַם ברויט". כאָטש איך פיל נישט קיין באַדאַרף צו עסן, נאָר דער ריח פון ברויט האָט מיר גענומען זיסלעך בייסן אין גומען, אין נאָז. אַ ווייטיק צוויקט אין צונג. עס איז אַ וווּנדערלעכער ריח. שוין קנאַפּע פיר וואָכן נישט נאָר נישט געגעסן קיין ברויט אין קאָלכאָז, נאָר אויך דאָס נישט געזעען פאַר די אויגן. דער באַגער צו דערפילן דעם ריח און דעם טעם פון ברויט אין מויל איז ביי מיר אויס־געוואַקסן צו אַ טרוים, צו אַן אידעאַל.

איך בין אַריין אין רעסטאָראַן, באַצאָלט די דריי רובל, אויפגעגעסן די קרויט־זופּ און די הונדערט גראַם ברויט, עס האָבן גענומען שפּאָרן צו מיר נייע כוחות. די צוויי קילאָמעטער ביז דער שטאָט בין איך שוין לייכט דערגאַנגען. איך בין אַוועק צו דעם בלינדן בוכאַרער ייד. נאָכן איבערטרעטן די שוועל בין איך אָבער גלייך אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד.

אויף די ווייסע שפּיטאָל־בעטלעך

קאַפּיטל א

העכער אַ מעת־לעת בין איך געלעגן אָן באַוווּסטזיין. ביי מיר האָט זיך גע־פּאָרעט מיין פריינט בערעלע שמאַיעוויטש. עס האָט מיך אויך באַדינט די מיטל־יעריקע, יידיש־רוסישע פרוי ציפּע וואָרקול, אַן עוואַקואירטע פון כערסאָן. זי האָט פאַר מיר געקאָכט האָבער־גריץ, מיר כסדר דערלאַנגט זיסע טיי און נישט אָפּגע־טרעטן פון מיין געלעגער.

זיי האָבן מיר דערציילט, אַז עס האָט מיך דאָ באַזוכט מיין חבר מרדכי אַלעי. איך האָב אפילו מיט אים גערעדט. איך געדענק אָבער גאָרנישט. עס האָט מיך שוין אונטערזוכט אַ דאָקטער און פעסטגעשטעלט דאָס זעלבע וואָס די דאָקטערין אין קאָלכאָז — טיפוס און לונגען־אָנצינדונג.

איצט באַמיט מען זיך דורך פּראָטעקציע צו באַקומען פאַר מיר אַן אָרט אין אַ שפּיטאָל. עס פּאָרעט זיך פאַר מיר דער אַרטיסט יצחק טורקאָוו. ער איז שוין געווען בעטן ביי איינעם פון די אַלטע און חשובסטע יידיש־סאָוויעטישע שרייבער, ער זאָל אינטערווענירן אין אַ שפּיטאָל. יענער איז אַרומגעלאָפן, געקלאַפּט אין אַלע טירן, האָט אָבער גאָרנישט אויסגעפּועלט. דער זעלבער שרייבער האָט געבעטן, אַז מען זאָל פאַר קיינעם פון זיינע קאָלעגן נישט דערציילן אַז ער פּאָרעט זיך פאַר מיר, איך בין דאָך אַ געזעסענער אין טורמע. ער האָט — זאָגט ער — טאַקי שוין נישט קיין מורא, ער איז אַלט, אים איז שוין אַלצאיינס, פונדעסטוועגן איז בעסער, אַז מען זאָל דאָס נישט וויסן.

מען האָט געדונגען אַ וועגעלע, מיך אַרויפגעלייגט. עס האָבן מיך באַגלייט טורקאָוו און אַן אינזשיניער פון וואַרשע. ווען מען איז צוגעפאָרן צום שפּיטאָל, זיינען זיי שנעל פון מיר אַוועק. אַז איך וועל זיין אָן באַגלייטער, וועט מען מיך אפשר גיכער אָננעמען אין שפּיטאָל.

עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. צוויי טעג האָט מען מיך געפירט פון שפּי־טאָל צו שפּיטאָל. איך בין אָפּגעלעגן אין די קאָרידאָרן, אויפן הויף, פאַר דער טיר, און מען האָט מיך אַלץ נישט אָנגענומען — נישטאָ קיין פּלאַץ. דעם פורמאַן איז מיאוס געוואָרן דאָס אַרומפירן מיך, האָט ער מיך אונטערגעוואָרפן הינטערן טויער פאַר אַ שפּיטאָל נעבן וואָקזאַל און גיך זיך אָפּגעטראָגן מיט זיין פערד און וואָגן.

פאַרן טויער האָבן זיך אָנגעקליבן נאָך עטלעכע קראַנקע פּוילישע יידן. מען האָט געקלאַפּט מיט די שטעקנס אין טויער אַריין, געשריגן. ווי מען האָט נאָר אָפּ־געשפּאַרט די פורטקע, האָבן מיר זיך אַריינגעריסן מיט כוח און געלאָפן צו דער קאַנצעלאַריע.

די אינטענדענטין פון שפּיטאָל איז געווען אַ יידישע דאָקטערין פון אָדעס, סאָפיאַ יאַקאָוולעוונאַ, און דער הויפּט־לייטער — אַ בוכאַרישער ייד, אַ באַרימטער פּראָפעסאָר. זיי האָבן זיך אויף אונז מרחם געווען און געהייסן אַריינגעמען אין שפּיטאָל.

נאָכן אָוועקגעבן דאָס אָנטועכץ, אָפּשערן, אָפּבאָדן — האָט מען מיך אוועק־געלייגט אויף אַ בעטל מיט אַ ווייס ליילעך און פריש איבערצוג! איך האָב זיך

דערפילט גליקלעך. דאָס לעצטע מאָל בין איך געלעגן אויף אַ ווייס ליילעך מיט אַ יאָר צוריק, יענע פּאָר וואָכן אין דער אינערלעכער, אַרכאַנגעלסקער, אויספאָרשונג־טורמע, פאַרן איבערשיקן אין דער אַלגעמיינער, גרויסער טורמע אין אַרכאַנגעלסק.

דאָס ווייסע ליילעך דאָ, דאָס ווייסע קישן און די איבערגעצויגענע קאָלדרע האָבן געעטעמט מיט אַן אַטמאָספער פון זאָרג פאַרן מענטש, מיט באַציאונג צום לעבן פון ליידנדיקן. און דאָס האָט מען דאָך דאָ אַזוי זעלטן געפילט.

קאַפּיטל ב

אויף אונזער זאַל ליגן צוואַנציק קראַנקע, מערסטנס פּוילישע יידן. די באַציאונג פונם פּערסאָנאַל איז נישט קיין שלעכטע, כאָטש אויסנאַמען זיינען פאַראַן. דאָ אַרבעט אַלס קראַנקן־שוועסטער די פרוי פונם יידישן דיכטער פון אוקראַינע — הארצמאַן, ער איז אויפן פראָנט (שפּעטער אומגעקומען). זי ווייזט מיר אַרויס באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. חוץ דעם איז נאָך דאָ געווען מ. קיטאַי פון ריגע. ער האָט ספּעציעל אָנגעבעטן ביי דער אָרדינאַטאָרין סאָפיאַ יאַקאָווליעוונאַ, אַז זי זאָל אויף מיר אַכטונג געבן.

איז פון דעמאָלט אָן האָב איך געהערט צו דער גרופּע קראַנקע, וועלכע זיינען געוואָרן פאַרגעשטעלט פאַר יעדער קאָמיסיע און אינספּעקציע. די סימפּאַטישע יידישע דאָקטערין פון אָדעס, סאָפיאַ יאַקאָווליעוונאַ, האָט ליב געהאַט זיך באַרימען פאַר די פאַרשידענע קאָמיסיעס מיט אירע קראַנקע. ווען זי האָט אַרומגעפירט די קאָמיסיע איבערן זאַל, האָט זי אָנגעוויזן אויף די בעטלעך:

— אָט דאָ ליגט דער דירעקטאָר פון דער היגער ציגל־פאַבריק; אָט דאָ ליגט דער באַוווסטער צירק־אַקראָבאַט; אָט דאָ ליגט אַ שרייבער פון מערב־אייראָפּע.

סאָפיאַ יאַקאָווליעוונאַ האָט זיך דערמיט ווי גערימט. ווי עס וואָלט זיין איר פאַרדינסט וואָס אַזעלכע חשובע בירגער, וועלכע קרענקן אויף טיפוס, ליגן דאָ אין איר פּאַלאַטע, אונטער איר אויפזיכט.

אָבער זי איז געווען אַ פרוי מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ. ווען זי איז געוואָר געוואָרן, אַז די קליינע רוסישע יאַטלעך, וואָס ליגן אין די קעגנאיבערדיקע בעטן, אַז זיי חוזקן פון מיר, שטעלן זיך אויף די בעטן, פּרווון לויפן מיט צעשפּרייטע, אויסגעקרומטע פיס און שרייען צו מיר אַריבער:

— איי ווי, יעווערעי! פּאַקאַזשי קאַק טי ביעזשאַל אָט גיטלעראַ! ניע טאַק? דאַ? איי, ווי, יעווערעי! (באַווייז ווי אַזוי דו ביסט אַנטלאָפן פון היטלערן! אָט אַזוי? יאָ? איי ווי, ייד!).

האָט סאָפיאַ יאַקאָווליעוונאַ אויף זיי אָנגעשריגן און באַפוילן זיי איבערצופירן אין אַן אַנדערער פּאַלאַטע. איר איידל פּנים האָט געפלאַמט און געצונדן דאָס יידישע פייערל אין אירע אויגן. זי האָט זיי פאַרענטפערט:

דער דייטשער סם פאַראַווירט די לופט און האָט שוין דערגרייכט אויך צו די כוליגאַנישע פּעמפּיקעס. וואָס ביי גרויסע כוליגאַנעס אויף דער לונג, איז ביי קליינע אויף דער צונג.

זי האָט תיכּף אַ פאַרשטעל געטון דאָס מויל מיט דער האַנט, ווי זי וואָלט

שוין געהאַט צופיל אַרויסגערעדט און גלייך עס פאַרשווענקט מיט עטלעכע אַנ־דערע ווערטער:

— ליבינקער, אַז איר וועט געזונט ווערן און אַרויס פון שפּיטאָל, גריסט האַרציק אייער פריינט, דעם שרייבער קיטאַי, ער זעט אויס אַ וווּנדערלעכער מענטש.

פאַר דער קאָמיסיע באַריכטעט זי אויך אַמאָל וועגן געזונט־צושטאַנד פון די קראַנקע, אָבער נישט פון די געוויינלעכע, גראָע בירגער, נאָר וועגן די יחסנדיקע קראַנקע, די אָנגעזעענע, וועלכע עס איז כדאי צו דערמאָנען. אויך איך געהער ביי איר צו דער גרופּע. זי דערציילט וועגן מיר, אַז איך בין שוין געווען אינגאַנצן אין רשות פון מלאך־המות. זי האָט נישט געגלייבט — זאָגט זי זיי — אַז עס וועט איר געלונגען מיך נאָך אַרויסצורייסן פון די נעגל פון טויט.

***

אין די ערשטע טעג האָב איך כמעט ווי נישט געגעסן. די פיר הונדערט גראַם שוואַרץ ברויט, וואָס איך האָב באַקומען, האָב איך דעם ערשטן טאָג געלאָזט ליגן אויפן טישל נעבן בעט, איז עס ביינאַכט נעלם געוואָרן. אין די ווייטערדיקע טעג האָב איך שוין דאָס ברויט באַהאַלטן אונטערן קישן, ווייל איך האָב געוווסט אַז עס וועט מיר שפּעטער צונוץ קומען. איך בין שוין נאָכן טיפוס־קריזיס און אַ ליאַדע טאָג וועט זיך יאָווען דער גרויסער אַפּעטיט.

אויפן אָרט פון די דריי יאַטלעך־כוליגאַנעס זיינען געקומען אַנדערע דריי שכנים: אַ יונגער ייד פון וואַרשע, פאַר דער מלחמה געווען אַן אייגנטימער פון אַ גרויס מאַטאַציקלען־געשעפט; געבער פון דראָהאָביטש, אַ געוועזענער מעקלער און גרינבערג — אַ ייד פון בעסעראַביע, געווען אייגנטימער פון אַ מיל.

אויף אונזער זאַל ליגן פינף נישט־יידן און פופצן יידן. צוויי מאָל אין מעת־לעת לעבן די קראַנקע איבער אַ נישט אַנגענעמע סצענקע. דאָס איז דעמאָלט, ווען עס בייט זיך דער דיזשור פון די סאַניטאַרינס. דאַן מוזן די אַוועקגייענדיקע און אַנ־קומענדיקע סאַניטאַרינס איבערציילן די ליילעכער, ציכלעך, קאָלדרעס, אונטערשלאַגן. זיי דאַרפן ביי יעדן מאָל אונטערשרייבן וויפל מען גיט אָפּ און וויפל מען דער־האַלט. אויב אַלץ גייט כשורה, ציילט מען נאָר דריי מאָל, אָבער מערסטנס ציילט מען איבער צו פינף—זעקס מאָל. ביי יעדן מאָל ציילן דעקט מען אָפּ די קראַנקע, טאָמער האָט זיך אַ ליילעך ערגעץ פאַרשטעקט. עס שטימט נישט די צאָל. די סאַ־ניטאַרינס ווערטלען זיך דורך, קריגן זיך. פאַר די קראַנקע, וועלכע פאַרטראָגן נישט קיין טומל, איז פּיינלעך דאָס צוזעהערן.

עטלעכע סאַניטאַרינס האָט מען ביים אַהיימגיין פונם דיזשור געפּאַקט מיט פאַרבאַהאַלטענע ליילעכער. מען האָט זיי אַרעסטירט.

צווישן די עוואַקואירטע יידיש־רוסישע פרויען זיינען פאַראַן אַ סך קאַנדידאַ־טינס אויף צו אַרבעטן אין שפּיטאָל אַלס סאַניטאַרינס. דאָ איז מען געזיכערט מיטן עסן. אָבער סאָפיאַ יאַקאָווליעוונאַ מוז אָננעמען איצט נאָר רוסישע, טאַטע־רינס, אוזבעקינס. זי פאַרענטפערט זיך:

— עס אַרבעטן שוין דאָ סיווי צופיל יידישע אָנגעשטעלטע. מען קאָן מיך נאָך חושד זיין אין נאַציאָנאַלער טענדענציעזקייט.

איינע פון די רוסישע סאַניטאַרינס, אַ נערוועזע פרוי, איר מאַן איז אויפן

פראַנט און אין שטוב לאָזט זי אַליין עטלעכע קליינע קינדערלעך, בייזערט זיך אויף אַ קראַנקן — ער קרעכצט צופיל, פאַרלאַנגט אַלעמאָל געקאָכט וואַסער, הייסט זיך שוין צו־אָפּט איבערבעטן דאָס געלעגער. זי מיינט, אַז דאָס איז אַלץ דערפאַר — ווייל ער איז אַ ייד. אַ ייד — זאָגט זי — האָט ליב צו קרעכצן. זי ווייזט אים אָן מיט אַ פינגער אויף אַ שכנותדיק בעטל:

— אָט דאָ ליגט אַ פּראַוואָסלאַוונער, זע ווי שטיל און רואיק ער פאַרהאַלט זיך!

דער אָנגעגריפּענער קראַנקער קרעכצט קוים אַרויס:

— אין דיין זונהשער מאַמען אַריין! איך בין דאָך נישט קיין ייד, נאָר אַ פּראַוואָסלאַוונער! אַבי דו קראַקעסט ווי אַ קראָ!

אויף דעם שכן ווידער, וואָס זי האָט אָנגעוויזן ווי אויף אַ פּראַוואָסלאַוונעם איז — ווי אויף צו להכעיס — געווען דער בעסעראַבער מילנער, דער ייד גרינבערג.

איך האָב זיך געחכמהט פאַר סאָפיאַ יאַקאָווליעוונאַ:

— אַ מיאוסע טבע האָבן די יידן, אַלץ פאַרכאַפּן זיי, אפילו דעם טיפּוס האָבן זיי אויך פאַרכאַפּט — די מערהייט קראַנקע זיינען אונזערע אחינו בני ישראל.

זי האָט הנאה געהאַט פון דעם ווערטל. זי וועט שוין טאַקע — זאָגט זי — איצט אָננעמען נאָך עטלעכע יידישע סאַניטאַרינס אויף אַרבעט.

קאַפּיטל ג

דער יונגער מאַטאַציקלען־סוחר פון וואַרשע איז שוין געזונט געוואָרן. ער וויל אָבער נישט אַרויס פון שפּיטאָל. ער איז אַ גוטער עלעקטראָטעכניקער און ער זאָגט צו פאַריכטן אין שפּיטאָל די אינסטאַלאַציע, אַלץ ברענגען אין אָרדנונג. די עלעקטרי וועט נישט אַזוי אָפט קאַליע ווערן ווי ביז איצט. ער וויל נאָר דערפאַר אַ קליינעם לוין: ער זאָל באַקומען דאָס זעלבע עסן ווי די קראַנקע.

ער איז אַ שיינער, שלאַנקער יונגערמאַן. ער נעמט אוים ביי די קראַנקן־שוועסטער און שפּיטאָל־לייטונג מיט זיינע פאָטאָגראַפיעס, וועלכע ער באַווייזט זיי. ווי אַזוי ער פאָרט אויף זיין אייגענעם אויטאָמאָביל, ווי שיין ער איז געווען אָנגעטאָן, גלאַט פאַרקעמט, מיט קליינע, שוואַרצע וואָנסעלעך. ער אימפּאָנירט זיי.

איך קען אים אַביסל, ער האָט געהאַט זיין פּריוואַט־גאַראַזש אויפן זעלבן רעדאַקציע־הויף אין וואַרשע ווו איך האָב געאַרבעט. אָבער אונז דאָ געפעלט ער נישט. מיר האָבן אים נישט גערן צוליב זיין שעמען זיך צו רעדן יידיש. פאַר די רוסישע גיט ער זיך אָן פאַר אַ פּאָליאַק.

ער פּאָרעט זיך בסדר ביי דער עלעקטרי, אָבער מער פּאָרעט ער זיך ביי עטלעכע קראַנקע מיט וועלכע ער האָט זיך דאָ באַפריינדעט, ער עסט אויף זייער ברויט, זופּ, וואָס זיי קאָנען נישט אויפעסן. דער אַפּעטיט איז ביי אים גרויס. ער באַרימט זיך אפילו, אַז ער האָט אַ סך פאַרמעגלעכע פריינט אין שטאָט, זיי וועלן אָנגיכן אָנהויבן צו אים קומען און ברענגען פּעקלעך עסן, אָבער דערווייל קומט קיינער נישט. מען ברענגט אים נישט קיין פּעקלעך און ער עסט אויף די רעשטלעך וואָס די קראַנקע לאָזן איבער.

עס איז געגנוג בייז דערויף געבער, דער דראָהאָביטשער מעקלער. ער האַלט, אַז אַלע רעשטלעך געהערן צו אים. ער קאָן אַזוי לאַנג אַריינרעדן אין יעדן קראַנקן,

בעטן, וויינען, פאַלן אויף די קני פאַר יענעמס בעט, ביז ער קריגט דאָס רעשטל עסן. איצט פאַרקאָנקורירט אים דער געמאַכטער „פּאָליאַק".

אויפן פינפטן טאָג נאָכן געזונט ווערן, האָט דער יונגער וואַרשעווער מאַטאָ־ציקלען־סוחר זיך געמוזט צוריק אַוועקלייגן אין בעט אַריין. דער טיפוס האָט זיך ביי אים באַנייט. די דאָקטוירים זיינען שטאַרק באַאומרואיקט, פאַרנעמען זיך מיט אים אַ סך, ווייל אַ רעצידיוו־טיפוס איז כמעט אין אַלע פאַלן שטערבלעך.

ער ליגט אין גרויסער היץ, אָן באַוווסטזיין און מען מאַכט אים אָפטע איינ־שפּריצונגען פון בלוט, קאַמפער און גלוקאָזע.

איצט עסט אויף זיין עסן דער דראָהאָביטשער מעקלער. ער האָט אָבער פאַר אַ קאָנקורענט אַ רוס, וועלכער איז נישט לאַנג אַרויס פון טורמע נאָך אָפּזיצן זעקס יאָר. יענער האָט אַ טבע אויסצולעקן דעם טעלער מיט דער צונג. אונז שאָקירט עס. מיר חוזקן פון אים, זידלען, אָבער ער ענטפערט שטענדיק מיט זיינס אַ פילאָזאָ־פישער תפיסה־טענדענץ:

— יעדער ראַטעוועט זיך מיט וואָס נאָר ער קאָן!

דער רוס פאָרעט זיך ביי דעם קראַנקן סוחר, שטעלט אים אונטער די שיסל אין בעט, רייניקט אים אָפּ. האָבן דערפאַר די אַרומיקע קראַנקע געפּסקנט, אַז דאָס עסן קומט דעם רוס. געבער קען נישט פאַרשטיין אַזאַ מין פּסק: ער איז דאָך טאָפּל העכער און ברייטער פונם רוס, דאַרף ער דאָך מער עסן. ער קען נישט צו־גיין צו אַ פאַראומריייניקטן קראַנקן און אים וואַשן — קומט אים דעריבער נישט צו עסן?

מיט געבערן איז נישטאָ וואָס צו טענהן וועגן לאָגיק. קומט עס צום עסן, פאַרלירט ער דעם שכל, ווערט ווילד און איז גרייט אָפּטאָן אַלע מיאוסע שטיק.

אויפן דריטן טאָג, שפּעט ביינאַכט, איז דער יונגער, וואַרשעווער סוחר גע־שטאָרבן. דאָס איז דער ערשטער טויט־פאַל אויף אונזער זאַל. עס לויפן אַריין די סאַניטאַרינס, קודם דאַרף מען אַראָפּציען פון אים דאָס העמד און די גאַטקעס, ווייל נאָכן אָפּליגן עטלעכע שעה איז שווער פון אַ מת אַראָפּצונעמען די וועש.

אויפן שפּיטאָל־הויף איז דאָ אַן אייגענער בית־עולם. אַ קליין שטיקל ערד. מען גראָבט אויס אַ קבר פאַר זיבן מתים מיטאַמאָל. דערווייל וועט מען אים אַוועק־לייגן אין „מאָרט"־קעמערל, ביז עס וועט זיך אָנזאַמלען די געהעריקע צאָל. מען איז קובר אָן די וועש, אַ נאַקעטן. אויף דער האַנט הענגט מען אָן אַ ברעטעלע מיט אַ נומער.

מען האָט אונטער זיין קישן געפונען, חוץ די פאָטאָגראַפיעס, אויך אַ בייטעלע מיט געלט — דרייסיק קאָפּיקעס בסך הכל.

אַלע יידישע קראַנקע פון דעם זאַל נעמען זיך צונויף און מען באַשטימט, אַז איינער זאָל אָפּזאָגן ביי זיין בעט קדיש. ביים אַרויסטראָגן זאָלן מיר אים באַגלייטן ביז צו דער טיר.

מיר פאַרבונדן די קעפּ מיט האַנטיכער, נישט צו שטיין ביים מת בגילו ראש. עס איז שטאַרק דערפון איבערגענומען דער יונגער, יידישער קאָמסאָמאָליעץ פון כערסאָן. פאַר דער צייט וואָס ער ליגט דאָ אויף אונזער זאַל, האָט דער זיבצניערי־קער כערסאָנער בחור זיך אָנגעהערט אַ סך וועגן יידישקייט. ער הערט נישט אויף צו בעטן, אַז מען זאָל אים דערציילן נאָך און נאָך. ער פאַלט אַריין אין אַן אימה, אויסהערנדיק עפּיזאָדן פון יידישער געשיכטע, מאָדנע פּאַסירונגען וועגן מצוהם

און מנהגים. מען האָט געשאַפן אַ ליכט, אָנגעצונדן און עס אוועקגעשטעלט צו־קאָפּנס דעם מת. קדיש זאָגט אָפּ דער אינהאַבער פון אַ דרוקעריי אין טאַרנאָוו. מיר שטייען אין דער אונטערוועש, די קעפּ פאַרהילט אין האַנטוכער און זאָגן נאָך דעם „יהא שמי רבא״ און די „אָמנ׳ס״. די נישט־יידן זיינען איבערגעשראָקן פון דעם צערעמאָניאַל און האָבן זיך פאַרדעקט די קעפּ מיט קאָלדרעס.

ביים בערסאָנער קאָמסאָמאָליעץ שטייט אויפן טישל אַ גלאָז מילך און אַ גלאָז קאָמפּאָט, וואָס די מאַמע האָט אים אַריינגעשיקט. געבער קלערט אויף דעם בחור, אַז אַלע פליסיקייטן וואָס געפונען זיך דאָ איצט אין זאַל זיינען טמא. מען טאָר זיי נישט טרינקען, ווייל דער מלאך המות, ווען ער קומט צום גוסס, טינקט ער איין זיין חליף אין די פליסיקייטן וואָס געפונען זיך אין דער שטוב. דער קאָמסאָמאָ־ליעץ דערשרעקט זיך און גיט אוועק געבערן די מילך און דעם קאָמפּאָט צום אַרויסגיסן.

ווען מען האָט אַרויסגעטראָגן דעם מת, זיינען מיר אַלע נאָכגעגאַנגען ביז דער טיר, געבער איז אָבער נאָך אַרוים אויפן קאָרידאָר מיט ביידע גלעזער אין האַנט. דאָרט האָט ער אינדערגיך אויסגעטרונקען די מילך און דעם קאָמפּאָט.

מיר האָבן אים געהאַט פאַראיבל, פאַרגעוואָרפן, אָבער ער האָט זיך אָפּגע־ווישט די ליפּן און פרום געזאָגט:

— דער מת וועט דאָרט סיווי האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן! אויב כ׳וואָלט נישט אויסגעטרונקען דאָס ביסל מילך און דעם קאָמפּאָט, וואָלט דער מלאך־המות אויף מיר מער שליטה געהאַט. ער איז נישט חולה צו וואַרטן, איך וועל אים סיווי נישט אַנטרונען ווערן.

ק אַ פּ י ט ל ד

דער שפּיטאָל־שומר, אונזערס אַ ייד, אַן אינזשיניער פון קראָקע, האָט מיר אַריינגעבראַכט אַ לימאָן. דאָס האָט אים פּאָר מיר איבערגעגעבן מיין חבר שמאַ־יעוויטש. ער האָט אים נאָך געגעבן, חוץ דעם לימאָן, צוויי פונט ברויט און אַ האַלב פונט קישמיש (ראָזשינקעס), נאָר דאָס האָט מען אים אַרויסגעגנבעט פון וועכטער־ביידל. ער זאָגט מיר צו, אַז ווען ער וועט קומען צו אַ פּאָר רובל, וועט ער מיר דאָס אָפּקויפן.

די ציטרין איז געוואָרן די סענסאַציע פון שפּיטאָל. אַזאַ זאַך זעט מען אויך נישט אין דער שטאָט. שמאַיעוויטש האָט געמוזט דערפאַר באַצאָלן אַ היפּשע אַפּור־תיקאַ. ציטרין איז געזונט פאַרן האַרץ. איך בין שוין נאָכן טיפוס־קריזיס, בין שטאַרק אָפּגעשוואַכט, וועט מיר דער לימאָן גוט צונוץ קומען. איך לייד אָבער פון הונגער, דער אַפּעטיט איז גרעסער פון דעם עסן וואָס מען טיילט צו אין שפּיטאָל. דאָס וויכטיקסטע איז דאָך ברויט, מען באַקומט נאָר 400 גראַם און מען וואָלט לייכט געקאָנט אויפעסן אַ קילאָ, אַפילו מער. האָב איך מיר נישט פאַרגינען אויפצו־עסן דעם לימאָן. מען דאַרף אים איינטוישן אויף ברויט.

צווישן די קראַנקע איז אָנגעגאַנגען אַ טויש־האַנדל: דריי שטיקלעך צוקער פּאַר אַ שאַכטעלע (פון שוועבעלעך) מאַכאָרקע, אַ פערטל פּייקע ברויט פּאַר דריי ציגאַרעטלעך.

אויף אונזער זאַל איז געלעגן אַ פּופּצניעריק יונגל, גאָלדשטיין. די מאַמע זיי־

נע איז אַ קריסטין, אַ וויסרוסין, זי ליגט אויך דאָ אין שפּיטאָל אויף טיפוס. דער טאַטע, אַ נאַטשאַלניק פון נקוודּ אין מאָסקווע. זיי האָבן זיך נישט לאַנג עוואַקו־אירט פון דאָרטן. ער פאַרברענגט גאַנצע טעג אין שפּיטאָל, פּאָרעט זיך אַרום זיינע חולאים.

עס איז, אייגנטלעך, פאַרבאָטן פאַר אַ זייטיקן, נישט פון שפּיטאָל־פּערסאָנאַל, צו זיין דאָ אויפן זאַל, נאָר ער האָט דערויף אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון דער לייטונג. ער טראָגט אַ ווייס פאַרטוך, האַלט אין איין גיין פון דעם זאַל ווו ס׳ליגט זיין זון צום זאַל ווו ס׳ליגט זיין פרוי, אָדער אין קאַבינעט פון די דאָקטוירים. די קראַנקן־שוועסטער באַקומט עקסטרע באַצאָלט פון גאָלדשטיינען, אַז זי זאָל זיך באַזונדער אָפּגעבן מיט זיינע חולאים. ער איז אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, אַ בלאָנדער, מיט אַ מילד פּנים, סימפּאַטיש אויסזען, האַלט זיך רואיק און באַהערשט. די דאָקטוירים ווי די קראַנקן־שוועסטער, סאַניטאַרינס, דערפילן אַלע זיינע בקשות און פאַרלאַנגען. ער ברענגט פאַר זיינע קראַנקע דאָס שענסטע און בעסטע עסן. עס איז פאַר אים גאָרנישט צו טייער.

אָט דער גאָלדשטיין איז דאָס געוואָר געוואָרן וועגן מיין לימאָן. ער האָט דורך דער פאַרמיטלונג פון מיין שכן מיר פאָרגעשלאָגן אים אָפּצוטרעטן מיין ציטרין. איך האָב באַשטאַנען. איך האָב געבעטן דערפאַר אַ קילאָ ווייס ברויט און אַביסל מאַכאָרקע. ער איז דערויף גלייך איינגעגאַנגען. נישט נאָר איין קילאָ ברויט, ער וועט מיר געבן צוויי קילאָ און נישט סתם קיין מאַכאָרקע, נאָר ער וועט מיר ברענגען אַ האַלב שאַכטל ריכטיקע מאָסקווער פּאַפּיראָסן.

איך האָב זיך געפרייט און עס האָבן זיך אויך געפרייט מיינע שכנים, עפּעס וועלן זיי שוין דערפון געניסן.

גאָלדשטיין האָט באַלד באַקומען חשק צו נאָך איין טראַנזאַקציע. אַזוי ווי איך ליג אין אַ בעטל אויפן מיטן זאַל, נעבן פענצטער, זיין זון אָבער ליגט האַרט ביי דער טיר, עס יאָגט פון דאָרט אַ ווינט, דער זאַל איז דאָך קנאַפּ געהייצט און עס איז קאַלט, עס איז דאָך חודש פעברואַר, זיין יונגל האָט נאָך הויכע טעמפּעראַטור, זאָל איך זיך טוישן מיט די ערטער. ער וועט מיר דערפאַר יעדן טאָג ברענגען ווייס ברויט וויפל כ׳וועל נאָר אַליין וועלן און פּאַפּיראָסן, מאַכאָרקע, אפילו קאָמפּאָט און בכלל אַלע מאכלים וואָס ער ברענגט פאַר זיין זון און פרוי.

עס איז מיר געוואָרן אַביסל פריקרע פון דעם פאָרשלאָג, איך בין נאָך אַליין קראַנק אויף די לונגען, הוסט, נעבן דער טיר איז קאַלט, די וואַנט דאָרטן איז דורכגענעצט, פון סופיט איבער יענעם בעטל טריפט עס אַראָפּ — נאָר עס האַנדלט זיך דאָך אין ברויט! אין וערן זאַט. אין אַזעלכע מאכלים, וואָס איך האָב שוין לאַנג אין מויל נישט געהאַט. דער קראַנקער אָרגאַניזם לעכצט נאָך אַביסל מילך, קאָמפּאָט, לימאָנאַד. קלאָר, אַז איך בין אויף דער טראַנזאַקציע איינגעגאַנגען. אַלע קראַנקע האָבן מיך מקנא געווען מיט דעם גליק וואָס דערוואָרט מיך.

קאַפּיטל ה

מען האָט באַגנבעט דעם שפּיטאָל־מאַגאַזין, ווו עס ליגט דאָס אָנטועכץ פון די קראַנקע. דער „בראַט־כאָזיאַין" (ברודער־ווירטשאַפט־לייטער) האָט זיך פאַר־

ענטפערט: עס איז נישט געשעען קיין שום גנבה, נאָר די מלבושים זיינען פאַרברענט געוואָרן ביים דורכפירן די דעזינפעקציע.

עס איז טאַקע געווען אמת, אָבער נאָר טיילוויז. עטלעכע מלבושים זיינען טאַקע פאַרברענט געוואָרן, נאָר אויף דעם חשבון זיינען שוין די רעשט מלבושים פון אַ פיר הונדערט קראַנקע אויך נעלם געוואָרן. מען האָט דאָס געזען דערפון, וואָס דאָס אַנטועכץ פון אַלע מיליטער־לייט וועלכע ליגן דאָ, אויך פון די וועלכע אַרבעטן אין דער מיליץ, פּראָקוראַטור, שטאַט־פאַרוואַלטונג, זייערע אַלע מלבושים זיינען געבליבן גאַנץ, נישט פאַרברענט און נישט אַוועקגעגנבעט.

דער בראַט־כאַזיאַין האָט אַמאָל געאַרבעט אַלס געהילף־נאַטשאַלניק אין אַ לאַגער. ער איז אַ פאַרטייער. אַ טויגלעכער פאַרשוין. עס דינט אים צו זיין הויכער וווקס. ברייט, פעסט געבויט, מיט מאַטע, אויסבלאָקירטע, בלאָנדע האָר און ענערגיש פּנים. אַז ער זאָגט עפּעס אַ וואָרט מיט זיין טרוקענער באַס־שטימע, איז געזאָגט, צוויי מאָל וועט ער נישט איבערדערן דאָס זעלבע. אַנשטאָט ענטפערן, צעעפנט ער די גראָבע ליפּן, באַווייזט זיינע צוויי שורות גאָלדענע ציין און רוקט אַרויס אויף אַ טריט זיין לינקן, באַשטיוולטן פוס.

ער איז אויך קולטור־פאַרוואַלטער אינם שפּיטאָל. יעדן טאָג לייענט ער פאַר פאַר די קראַנקע די צייטונגען.

ווען מען האָט זיך אַמאָל געקלאָגט פאַר אים, אַז מען גיט צו ווייניק עסן, די זופּ איז שיטער און וואַסערדיק, אַז די פּייקע ברויט געגוגט קוים אויף איין מאָלצייט, האָט ער פאַרזשמורעט די אויגן, צעעפנט דאָס מויל און באַוויזן זיינע גאָלדענע ציין, אַ פעסטן טריט געטאָן מיט זיין שטיוול און מיט רוגזה אויסגעשריגן:

— ווער וואַגט דאָס אָקעגנצורעדן די באַפעלן פון אונזער פירער יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין?! האַ?! ווער וואַגט דאָס צו בונטעווען קעגן די פאַראָרדנונגען פון אונזער פאַרטיי און רעגירונג?! האַ?! ווער?! ווער?! זאָל ער גלייך אָנרופן זיין נאָמען!

אַלע קראַנקע האָבן זיך גלייך איבערגעדעקט מיט די קאָלדרעס ביז איבער די אויערן.

ווען עס האָט זיך איצט געהאַנדלט וועגן דער גנבה פון מלבושים, האָט ער פאַרזיכערט אַלעמען, אַז יעדער וועט שוין וואָס עס איז באַקומען אָנצוטאָן. דאָס האָט ער אוודאי גערעכנט דערויף, אַז אַ סך פון די קראַנקע שטאַרבן דאָך, עס קומען אָן פרישע, וועט שוין ווי עס איז זיין אַלעמען צו פאַרטיילן מיט אָנטועכץ.

טייל פון אונז זיינען גאָר צופרידן פון דער גנבה, ווייל נאָקעט וועט מען דאָך נישט אַרויסלאָזן פונדאַנען, וועט מען דערווייל ליגן אַביסל לענגער אין שפּיטאָל. וואָרים וווּ וועט מען זיך דען אַהינטאָן אין דרויסן? וואָס וועט מען עסן? און דאָ מוז מען אויפן צוועלפטן טאָג נאָכן קריזיס שוין פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל. אַלזאָ, יעדע צרה האָט זיך אויך איר גוטע זייט. און מיר דאַרפן דאָך אַזוי ווייניק, כדי עס זאָל אונז זיין גוט...

קאַפּיטל ז

וויפל מאָל איך האָב זיך שוין נישט אַנטוישט אין מענטשן, וויפל מאָל מען האָט מיך שוין נישט אָפּגענאַרט, פאַרגעס איך דערין גאַנץ גיך און גלייב יעדעם

מאָל אויפסניי. און יעדע נייע אַנטוישונג, יעדע נייע אָפּנאַרעריי טוט מיר אויפסניי וויי, ווי דאָס וואָלט געווען דאָס ערשטע מאָל —

גאָלדשטיין, דער נאַטשאַלניק פון דער מאָסקווער נקוּד (אַלס אַזעלכן האָט אים פאַר אונז פאַרגעשטעלט זיין זון, עס קאָן זיין, אַז עס איז געווען בלויז אַ פוסטע באַרימעריי), דער גאָלדשטיין האָט מיך מיאוס אָפּגענאַרט — פאַר דעם לימאָן האָט ער מיר געבריינגט נאָר איינמאָל אַ האַלבן קילאָ שוואַרץ ברויט, מאַ־כאַרקע אויף דריי ציגאַרעטלעך און מער נישט. פאַר דעם אָפּטרעטן מיין בעטל האָב איך גאָרנישט באַקומען. איך האָב מיך געשעמט דאָס צו דערמאָנען, האָבן דאָס געטאָן מיינע שכנים. ער האָט יעדעס מאָל אָפּגעלייגט, ווייטער צוגעזאָגט און זיך פאַרענטפערט דערמיט, וואָס זיין פרוי האַלט ביים שטאַרבן און ער האָט גישט קיין קאָפּ צו גאָרנישט. (מיר האָבן גראָד געוווסט, אַז ער איז גראָד גאָרנישט אַזוי פאַריאַכמערט און באַצערט צוליב דעם שלעכטן מצב פון זיין פרוי, ער ראָמאַנ־סירט שוין מיט דער יונגער יידישער קראַנקן־שוועסטער).

**
*

שילדקרויט, דער שפּיטאָל־קוכער (אין יאָר 1939 איז ער געווען אַ שותּף צו דעם גרויסן רעסטאָראַן „אַדריאַ" אין וואַרשע), פאַרטיילט שוין איצט אַליין די זופּ און קאַשע צווישן די קראַנקע. דאָס איז אַ נייע פאַראָרדנונג פון דער אינטענדענ־טור, ווייל מען איז געוואָר געוואָרן, אַז די קראַנקן־שוועסטערס און סאַניטאַרינס נעמען אַראָפּ פונם עסן צופיל פאַר זיך.

ביי שילדקרויטן פאַלט טאַקע אויס אַ געדיכטערער זופּ. אָבער ער האָט זיך שוין אויך זיינע סימפּאַטיעס, וועמען ער גיט מער ווי אַנדערע. מיך איז ער אויך פון צייט צו צייט מהנה מיט אַ צוגאָב. אָבער רעכט אויפגעלעבט האָט ביי אים גע־בער. ער באַהאַלט דעם אויסגעליידיקטן טעלער אונטערן העמד, קריכט נאָך שילד־קרויטן אויפן קאָרידאָר, איבער אַלע זאַלן, און כאַפּט זיינע עטלעכע זופּ־צוגאָבן. ווען עס ווערט נאָר טונקל, כאַפּט זיך געבער אַרויס אויפן הויף, לויפט אין דער קיך און ברענגט פון דאָרט עטלעכע רויע מייערן.

אָבער אים איז נאָך אַלץ ווייניק. דעם בעסאַראַבער מילנער גרינבערג ברענגט מען גוטע מאכלים. זעצט זיך צו אים צו געבער און זינגט פאַר אים אָפּ די פּריי־טיק־צונאַכטסדיקע זמירות. ער זינגט טאַקע נישט מיאוס, מיט האַרץ, געפיל. אָפּ־געזונגען, שטעלט ער אויס זיינע בעטלדיקע אויגן און הענט און וואַרט. גרינבערג איז איבערגענומען מיט די יידישע ניגונים און וואַרפט אים אַלעמאָל עפּעס צו.

געבער עסט קיינמאָל נישט אויפן אָרט. דאָס באַקומענע גיט ער שנעל אַ פּאַר־קלעם מיט די פינגער און וואַרפט עס גלייך אונטערן קישן. עס איז בעסער צו עסן ווען קיינער זעט נישט.

ווען איך זאָל זיך נישט אויפכאַפּן ביינאַכט, זע איך קיינמאָל נישט געבערן אַ שלאָפנדיקן. ער ליגט פאַרדעקט מיט דער קאָלדרע נאָר איבער איין אויג. דאָס צווייטע אויג האַלט ער אָפן און צאַיעט זיך, טשאַטעוועט. טאָמער שטאַרבט ווער אַוועק דאָ ווער ער באַלד קענען ירשהנען יענעמס באַהאַלטענעם אוצר אונטערן קישן — אַ פּייקע ברויט. ער האָט נאָך אַנדערע מעטאָדן ווי אַזוי צו דעראָבערן זיין שפּייז:

אויפן קאָרידאָר ליגן קליינע קינדער. ווען זיי באַקומען דאָס ברויט, שאַרט ער זיך צו צו די קליינע מיידעלעך, דעקט זיך אָפּ זיין העמד און באַווייזט פאַר זיי, אַז ער איז געבערעכט... די מיידעלעך דערשרעקן זיך און וואַרפן אים צו די שטיקלעך ברויט.

אויף אונזער זאַל איז געלעגן אַ סערזשאַנט. אויך אים האָט די פרוי אָפּט אריינגעשיקט עסן. געבער באַדינט אים, דערלאַנגט אים יעדן לעפל עסן אין מויל אריין. ער דערציילט אים דערביי מייסעס ווי אַזוי אין פוילן איז ער, געבער, געווען אַ רייכער מאַנופאַקטור־סוחר, אַז אין פוילן זיינען איבערהויפּט דאָ אַ סך וווּנדערלעכע זאַכן, אַז איי איז דאָרטן אַזוי גרויס ווי אַ פויסט, יעדע טרוסקאַווקע איז אַזוי גרויס ווי אַ פּאָמעראַנץ. ער דערציילט אים געגוי, וואָס ער פלעגט אַמאָל אַלץ עסן, יעדן פרייטיק־צונאַכטס: אַ קאַרפּן־קאָפּ, לאָקשן מיט יויך, געבראָטן עוף, קאָמפּאָטן, קיכלעך, איינגעמאַכץ.

דער סערזשאַנט הערט אַלץ רואיק אויס. ער גיט אים סיווי נישט מער ווי דריי לעפל זויער־מילך, דאָס איז שוין זיין טאַקסע. נאָר פונדעסטוועגן וויל ער פאַרשטיין וועגן וואָס פאַראַ מאכלים עס רעדט געבער. און געבער קען נישט רעכט קיין איין שפּראַך.ער רעדט געמישט אוקראַיניש מיט פּויליש, רוסיש, און דער עיקר — יידיש. פרעגט ער זיך איבער, דער סערזשאַנט, וואָס עס הייסט אַזוינס „לאָקשי".

זאָגט אים געבער אַזוי ווייך און צערטלעך:

— נו, לאָק־שע־לעך! ניע אוזשעלי פּאַרשטייט נישט דער טאָוואַרישטש סערזשאַנט וואָס עס הייסט אַזוינס „לאָק־שע־לעך?" אימוויי איז מיער, ווי אַזוי קען מען דאָס אַזאַ זאַך נישט פאַרשטיין?!

און ער סמאָטשקעט דערביי מיט די ליפּן, וויל געבן גענויער צו פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט אַזוינס. יענער באַנעמט אָבער פאָרט נישט, ווענדט זיך שוין געבער צו אַלע יידישע קראַנקע מיט אַזאַ פאַרחידושטן שמייכל:

— יידן, געוואַלד, העלפט נאָ, דער ערל פאַרשטייט דאָך נישט וואָס עס איז אַזוינס „לאָקשעלעך"! מאַי באַזשע, לאָקשעלעך, געוואַלד!

***

דער קוכער שילדקרויט האָט שוין אויך געוואָרפן אַן אומחן אויף געבערן. ער גיט אים שוין נישט קיין צוגאָב־זופּן און רויע מייערן. ווייזט זיך אַרויס, אַז געבער האָט אים געהאַט צוגעזאָגט, אַז נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל וועט ער אים אָוועקגעבן אַלס מתנה זיינס אַ גאָלדענע פּולפּעדער. שילדקרויט איז אָבער געוואָר געוואָרן ביים מאַגאַזינער, אַז געבער איז אָנגעקומען אין שפּיטאָל אריין אין אַ פּאָר צעריסענע וואַטע־הויזן, באָרוועס, אפילו אָן אַ פּופּיקע, אין בלויזן העמד. זיינע צעריסענע הויזן און צעריסן פּאָרל וועש האָט מען אפילו נישט צוגענבעט און עס איז אויך נישט פאַרברענט געוואָרן.

ליינט זיך איצט געבער אַוועק אויף זיין בעט אַ פאַרטרויעריקטער, דערשלאָגענער און זינגט פאַר זיך אַליין, שטיל, די פרייטיק־צונאַכטדיקע זמירות.

ק אַ פּ י ט ל ז

איך בין שוין ראוי אויסגעשריבן צו ווערן פונם שפּיטאָל, נאָר מיין אָנטועכץ

איז אויך צוגעגנבעט. אַנדערע קראַנקע לאָזן זיי אַרויס און גיבן זיי וואָס עס קומט אונטער דער האַנט, אַ פּאָר צעריסענע הויזן, אַ פּאָר לאַגערנע גומי־סאַנדאַלן און עס איז געגנוג. מיט מיר רעכענען זיי זיך אַביסל מערער און וואָלטן וועלן מיר געבן עפּעס אַנשטענדיקע מלבושים. אַזעלכעס איז דערווייל נאָך נישטאָ, מען דאַרף וואַרטן. איך בין אוודאי דערפון צופרידן. שמאַיעוויטש האָט מיר אַרייַנגעשיקט דרייסיק רובל, צוואַנציק האָב איך שוין אויסגעגעבן אויף מאַכאָרקע. מיט אַ פּאָר־מעגן פון צען רובל איז נישטאָ קיין חשק זיך אַרויסצולאָזן אין דער שטאָט.

דער סערזשאַנט קומט שוין צוריק צום געזונט. ער גייט שוין צוביסלעך אַרום. ער טשעפּעט זיך איצט צו געבערן, אַז מען האָט אים בייַנאַכט צוגעגנבעט דריי שטיקלעך צוקער. געבער בייגט זיך אין דרייען, ציטערט, שווערט זיך בכל השבועות אַז ער האָט דעם צוקער נישט גענומען. דער סערזשאַנט גלייבט אים נישט. ער וועט אים, זאָגט ער, אויסגלייכן זיין אויסגעבויגענע נאָז. געבער שווערט איבער זיין ווייב און קינדער, ער זאָל אַזוי נאָך בשלום אַהיימקומען, ווי ער ווייסט נישט פון קיין צוקער.

אונז וואָלט זיך וועלן אַריינמישן, אָנרופן, ווייל מיר ווייסן אַז דאָס מאָל האָט געבער נישט געגנבעט ביי אים דעם צוקער, דאָס האָט געטון זיינס אַ צווייטער שכן, דער יונגער יידישער סטודענט פון וואַרשע. אָבער מיר וועלן דאָך נישט אויסזאָגן, ווייל דער סטודענט וועט כאַפּן קלעפּ. ער איז ערשט נישט לאַנג נאָכן קריזיס. אין דער נאַכט ווען מען האָט אים אַהערגעבערענגט, איז זיין יונגערער ברודער גע־שטאָרבן ביי אים אויף די הענט, דאָס איז געווען אויפן הויף פון עוואַקואַציע־פּונקט ווו זיי זיינען געלעגן. ווי נאָר ער איז דאָ געקומען צום באַוווסטזיין, האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין ברודער און הויך אָפּגעזאָגט נאָך אים קדיש. ער איז אַ זון פון רייכע עלטערן, זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן ווייַנהאַנדל אויף די נאַלעווקעס.

דער קוכער שילדקרויט האָט אים געקענט נאָך פון וואַרשע, האָט ער אים טאַקע אָפּטער צוגעטיילט צוגאָב־זופּן, אָבער שילדקרויט אַרבעט שוין נישט דאָ, ער איז אַוועק פרייוויליק אין דער פּוילישער אַרמיי.

***

אויף אונזער זאַל ליגן צוויי לייטענאַנטן, אַ רוסישער און אַ יידישער. דער יידישער לייטענאַנט עלקין איז אַן ערנסט־געבילדעטער, איידעלער און חנעוודיקער יונגערמאַן. ער איז אין יאָר ניינצן הונדערט עטלעכע און דרייסיק געקומען פון אַמעריקע צוזאַמען מיט זיין מוטער. באַלד אויף דער גרענעץ, נאָך אין באַן, האָבן זיי אָנגענומען די סאָוועטישע בירגערשאַפט. זיין מוטער אַרבעט דאָ איצט אַלס פּאַרוואַלטערין איבער די שפּיטאָל־וועש. אויך די מוטער איז אַן איידעלע, אינטע־ליגענטע פרוי און דאָס גאַנצע מעדיצינישע פּערסאָנאַל באַציט זיך צו איר און צום זון מיט באַזונדערער אַכטונג.

היינט איז דער 23 פעברואַר, דער יום־טוב־טאָג פון דער רויטער אַ־מיי. די שפּיטאָל־לייטונג ברענגט אַריין מתנות פאַר די צוויי לייטענאַנטן — צו פלעשלעך ווייַן און קיכלעך. עס זיינען אַריינגעקומען די דאָקטוירים אונטער דער אָנפירונג פון סאָפיאַ יאַקאָווליעווונאַ און אָנגעווונטשן די לייטענאַנטן. זיי האָבן דעם סער־זשאַנט אויך געזאָגט אַ פּאָר ווונטש־ווערטער, אָבער יענער האָט כעסדיק עפּעס

געבּרומט אין זיך, עס האָט אים פאַרדראָסן וואָס ער האָט נישט באַקומען קיין שום מתנה, נאָר אַ בלויזע ווינטשעוואַניע.

דער רוסישער ליטענאַנט וואָס ליגט נעבן עלקינען איז אויך אַן איידעלער און אינטעליגענטער. ער איז אַ מיטגליד אין פּאַרטיי. נאָר אין אַ שמועס איבער יידישע ענינים, האָט ער בתמימותדיק זיך מודה געווען, אַז ער גליבט דערין אַז די יידן, די אַמאָליקע, פאַר די סאָוויעטישע צייטן, האָבן גענוצט קריסטלעך בלוט אין די מצות. וועגן דעם האָט אים אַמאָל דערציילט זיין עלטערער ברודער. יענער האָט אַליין גע־זעען ווי מען האָט געפונען ביי אַ יידישן קרעטשמער אין זייער דאָרף אַ פלאַש מיט בלוט. און גראָד איז דעמאָלט פאַרלוירן געגאַנגען אַ קריסטלעך קינד און גראָד איז עס געווען ערב־פּאַסכע.

עטלעכע טעג האָט געדויערט ביז עלקין און איך האָבן אים באַדאַרפט אויפ־קלערן און אויסטייטשן אַז ער רעדט שטותים, אומזיניקייטן. ער האָט זיך סוף־כל־סוף געלאָזט איבערצייגן, נאָר אַלץ נאָך סקעפּטיש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— זאָל מיין עלטערער ברודער מיר האָבן דערציילט אַ ליגן ?!

קאַפּיטל ח

איך וואָלט שוין פונדעסטוועגן וועלן אַרויס פון שפּיטאָל, כדי וואָס שנעלער אַוועק אין דער פּוילישער אַרמיי. מען וועט דאָך דאַרפן זיך אָפּרוען כאָטש עטלעכע וואָכן, ווייל אַנדערש וועט מען דאָך אין מיליטער אַריין נישט צונעמען. אָבער אָט ווערן מיר שוין געוואָר, אַז יידן נעמט מען נישט אָן אין דער פּוילישער אַרמיי, אין דער קאָמיסיע זיצן סאָוויעטישע און פּוילישע אָפיצירן און אויב עס קומט אַריין אַ ייד, ווייל מען אים אפילו נישט באַטראַכטן. די סאָוויעטישע אָפיצירן מעלדן, אַז קיין אוקראַינער, ווייסרוסן, ליטווינער און יידן ווערן אין דער פּוילישער אַרמיי נישט אָנגענומען. גיבן טייל יידן זיך אָן פאַר פּאָליאַקן, האָט דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, אַ סאָוויעטישער מאַיאָר, שוין דערצו זיינס אַ ווערטל:

„זאָגט נאָר גלייך דעם אמת, איידער איר טוט זיך נאָך אויס, איר זענט אַ געמלטער פּאָליאַק ?”

און דאָך גיבן יידן נישט אויף די האָפענונג. עס זיינען פאַראַן דערצו נאָך צוויי אויסוועגן:

שמד, אָדער כאַבאַר.

איך האָב שוין, אַלזאָ, נישט אויף וואָס צו האָפן אַריינצוטרעטן אין דער פּוי־לישער אַרמיי. מיך טרייסט אַ פּוילישער סערזשאַנט, וואָס ליגט נעבן מיר. אויב מיר וועלן — זאָגט ער — אַרויסגיין צוזאַמען, זאָל איך נישט בלייבן אין סאַמאַר־קאַנד, נישט גיין דאָ אויף קיין קאָמיסיע, נאָר אַוועקפאָרן צוזאַמען מיט אים קיין קערמינע, עטלעכע שעה רייזע פונדאַנען, וועט ער זיך פאַר מיר איינשטעלן אַז מען זאָל מיך אָננעמען.

מענדל, אַמאָליקער אַדמיניסטראַטאָר פון אַ יידישער וואַנדער־טרופּע אין פּוילן, ער גלייבט, אַז אים וועט מען אויך אָננעמען אין דער פּוילישער אַרמיי, ער האָט — זאָגט ער — פאַרדינסטן פון אַמאָל, ער האָט געדינט אין דער זשאַנדאַרמעריע, גע־האָט אויך געוויסע באַציאונגען מיט דער פּאָליציי. ער מיינט, אַז דער זכות וועט

אים אַצינדביישטיין. זיין אַנטועכץ האָט מען אויך צוגעגנבעט, ער איז שוין גע־זונט, וואָלט שוין באַדאַרפט אַרויס, נאָר ער מוז ליגן און וואַרטן. דער בראַט־כאַזיאַין האָט פאַר אים מורא, מענדל האָט אים קלאָר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער וועט זיך נישט לאָזן, ער ווייסט ווהין מען דאַרף גיין זיך קלאָגן. אין דער מי־ליץ דאָ איז ער אַן איינגייער, ער ווייסט ווו אַריינצושטעלן אַ פּוס, ווו אַנצונעמען אַ קליאַמקע...

⁂

גאָלדשטיינס פרוי איז שוין געזונט געוואָרן, דער זון איז שוין לאַנג אינדער־היים. ער נעמט איצט אַהיים די פרוי. איך בין שוין אַליין צו אים צוגעגאַנגען און געמאָנט מיין חוב. ער אַנטשולדיקט זיך, ער איז שטאַרק פאַרנומען, דאָ אין שפּי־טאָל האָט ער גאָרנישט, נאָר אַז איך וועל אַרויס פונדאַנען, זאָל איך צו אים אַהיימקומען, ער וועט מיך מיט פאַרגעניגן אויפנעמען ווי זיינס אַ גאַסט, ער וועט מיר העלפן מיט וואָס ער וועט קאָנען. איך האָב שוין שיער ווידער נישט געגלייבט. נאָר אויב אפילו עס זאָל אמת זיין, וועל איך אויך צו אים נישט גיין, אפשר איז ער טאַקע אַ נאַטשאַלניק אין נקווד, איז סתם בעסער זיין ווייט פון אַזעלכן.

דעם 4־טן מערץ 1942 האָב איך באַקומען פון בראַט־כאַזיאַין אַ פּאַר הויזן, אַ פופייקע, אַ פּאָר אַלטע שיך, אַ פּאָרל וועש און אפילו אַ האַנטוך. נאָך זיבן וואָכן ליגן האָב איך פאַרלאָזט דאָס ווייסע שפּיטאָל־בעטל און אַרויס פאַרן טויער. איך בין שוין ווידער אויף דער פריי. אויף די גאַסן פון דער אַלטער, היסטאָרישער שטאָט אין מיטל־אַזיען — סאַמאַרקאַנד.

דאָס טראַגישע יאָר 1942

קאַפּיטל א

דאָס נאַצישע חיילות האָט אין דעם יאָר איבערגעכאַפּט די שווערד ביים מלאך המות און געשניטן און פאַרלענדט מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס. יעדע מינוט, יעדע רגע האָבן זיי אין איין אָטעם פאַרוויסט שטעט, פאַרטיליקט לענדער, געשאָסן, געשאָכטן, געהאָנגען און פאַרברענט טויזנטער מענטשן. זיי האָבן אָנגעיאָגט בהלה, פּחד, פּאַרוויסטעניש, הונגער, טיפוס און גיפט. זיי האָבן פאַרסמט הערצער און מוחות מיט שנאה צו דער וועלט, צו אַלע מענטשלעכע הייליקייטן און צו יידן. אָט דוכט זיך, אַז די זון גייט שוין אונטער אויף אייביק, די ערד עפנט אויף איר צודעק און עס רייסט זיך אַרויס אַ פייער־לאַווינע און פאַרצערט אין אירע פלאַמען אַלץ וואָס זי טרעפט אָן אויפן וועג. פון די וועלדער לאָזן זיך אַרויס אַלע חיות רעות, פון די מדבריות פויזען אַרויס שיפּענדיקע עקדישן און שלאַנגען. אָט־אָט — און דאָס דייטשע חיילות וועט מיט טריאומף אַריינמאַרשירן אין אַלע הויפּט־שטעט פון אַלע לענדער — און אַלע, אַלע, קריגס־פירער, דיקטער, דענקער, בונ־טאַרן, הייליקע — אַלע וועלן זיי קניען און קושן דעם ברעג פון דער פאַרבלוטיק־טער טאָגע פון דעם טריאומפאַטאָר, דעם אַרכי־טייוול אַדאָלף היטלער.

אין מאָסקווע, אין קרעמל, זיצט אַ מאַן, מיט נערוון געפלאָכטן פון דראָטן, מיט אַ שטאָלענעם ווילן, מיט אַן אומגעבראָכענעם כוח, מיט אַן אייזערנער ענער־גיע און עקשנות. ער איז אַ זון פון אַ פאָלק, מיט אַ רייכער היסטאָרישער פאַר־גאַנגענהייט, אַ פאָלק מיט גרויסע דיכטער, קריגס־פירער, קעניגן און בערג־רויבער — דאָס יחוסדיקע, גרוזינישע פאָלק — ער, יאָסיף דזשוגאַשווילי — סטאַלין! ער דערשרעקט זיך נישט פאַר היטלערן! ער איז בכוח אים צו שטעלן אַ ווידער־שטאַנד און ער וועט דאָס טון ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג.

ער מונטערט, ער וואָרנט, אַפּעלירט, ער דראָט. ווען די דייטשן זיינען שוין געשטאַנען פאַר די טויערן פון מאָסקווע און טייל בירגער האָבן שוין באַצייטנס געפּוצט די שויבן, געוואַשן די פענצטער און געריייניקט די שטובן, ווייל דער דייטש האָט ליב ריינקייט; ווען טייל בירגער האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט ביי די מאַגאַ־זינען און געוואַרט שוין אויף רויב; ווען טייל בירגער זיינען שוין אַרויסגעגאַנגען יום־טוב־דיק אין גאַס און מיט גיפטיקע שמייכלעך און סם־פלעמעלעך אין די אויגן געוווּנקען צו די יידן און געוואָרטשעט:

„אָט באַלד קומט די שעה פון נקמה! מיר וועלן ווידער פאַרזוכן דעם טעם פון אַביסל יידיש בלוט! מיר וועלן באַצירן די ביימער מיט תליות און עס וועלן זיך וויגן די קעפּ פון אַלע קאָמוניסטישע קאָמיסאַרן און יידן!" — געגנוי די זעלבע ווערטער וואָס זיינען געווען געשריבן אין די פלי־בלעטלעך וואָס די דייטשן האָבן געוואָרפן פון זייערע אַעראָפּלאַנען איבער די מאָסקווער גאַסן — איז געקומען זיין באַפעל:

„שיסן אָן אַ משפט! גלייך אויפן אָרט!"

און במשך צוויי שעה האָט מען געשאָסן אין מאָסקווע עטלעכע און פופציק דירעקטאָרן. במשך עטלעכע שעה האָט מען געשאָסן צווייאונצוואַנציק גענעראַלן־

פאַרעטער. אין סאַמאַרקאַנד האָט מען דעמאָלט געשאָסן דעם דירעקטאָר פון דער פליער־שולע צוליב זיין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער און אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע, כאָטש ער האָט דאָס געטאָן אין אַ שיכורן צושטאַנד.

אין דער פרעסע האָט מען וועגן דעם אַלעם נישט געשריבן, אָבער אַ געוויסער שיכט פון דער באַפעלקערונג האָט וועגן דעם געוווּסט.

אין לענינגראַד שטאַרבט מען פון הונגער, מען עסט קעץ, מען גנבעט מתים פון בית־עולם און מען עסט זיי, עס פאַלן אַנדערטהאַלבן מיליאָן מענטשן פון קוילן, הונגער און עפּידעמיעס — אָבער לענינגראַד וועט נישט אָפּגעגעבן, לענינגראַד האַלט זיך. מיט מתים וועט מען אים פאַרלייגן די וועגן, אָבער היטלער וועט ווייטער נישט גיין, מען מוז אָפּשטעלן זיין טריט.

אָבער דאָס פאָלק אין וויטן הינטערלאַנד איז שוין צעפּרעסן פון אומגלויבן, מיד, איבערגעמאַטערט.די פאַרביסענע שנאה צו די איצטיקע הערשער און אָרדנונג טאַיעט זיך אויף און דאָס גיפטיק־זיסע געפיל פון נקמה פאַרבלענדט זיי. זיי פאַרשטייען אַז עס דערוואַרט זיי נישט קיין גוטס ביים דייטש, אָבער זיי ווילן פאַרזוכן דעם טעם פון נקמה איבער די אייגענע הערשער, זיי ווילן, אַז עס זאָל שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַנדערש ווערן.

אַמאָל האָט מען אָנגעשיקט אַ סך רוסן קיין אוזבעקיסטאַן. בעת דעם סאָוועטיש־פינישן קריג אין 1940, איז געווען אַ ספּעציעלער געהיימער באַפעל, אַז פון אוזבעקיסטאַן זאָל מען נישט נעמען קיין רוסן אויפן פראָנט, זיי דאַרפן דאָ בלייבן. נאָך האָבן די אוזבעקן נישט פאַרגעסן זייער באַסמאַטשן־באַוועגונג (אַן אוזבעקישע, אונטערערדישע נאַציאָנאַלע פרייהייט־באַוועגונג, וועלכע האָט אָבער שפּעטער דעגענערירט און זיך צונויפגעמישט מיט באַנדעס פון פּשוטע רויבער און באַנדיטן). אָפּט דערמאָנען שוין די אוזבעקן דאָס יאָר 1916, ווען זיי האָבן געמאַכט אַ שחיטה איבער די רוסן דאָ. גאַנץ אָפּט דערמאָנען זיי שוין אויך די יאָרן ווען בודיאָני האָט געפירט דעם קאַמף מיט זייערע באַסמאַטשן, אַוועקגעשטעלט דעמאָלט קוילנוואָרפער אויף די גאַסן און געשאָסן אויף דער באַפעלקערונג.

געווען אַמאָל אַ צייט, ווען אַן אוזבעק האָט אָפּגעטרעטן דעם וועג פאַר אַ רוס, אַראָפּגעגאַנגען פונם טראָטואַר צוליב מורא (און צוליב שנאה צו די „טשושקי" — חזרים). איצט דאַרף שוין אַ רוס, אויב נישט אַראָפּגיין פונם טראָטואַר בעתן אָנטרעפן אַן אוזבעק, מוז ער, אַלנפאַלס, שוין גוט אַכטונג געבן אויף זיינע הענט, צי ער ציט נישט אַרויס דאָס מעסער פונם שטיוול.

און דערביי געשעט דאָס אומפאַרשטענדלעכע און נישט־לאָגישע: רוסישע מלחמה־אינוואַלידן שרייבן אויף די ווענט פונם קלאָזעט אין שטאָט־פּאַרק:

„בעי זשידאוו, ספּאַסיי ראָסיו!" (שלאָג יידן, ראַטעווע רוסלאַנד).

די אוזבעקן ציטערן נאָך פונדעסטוועגן הויך אַרויסצוזאָגן עפּעס קעגן מלכות. זיי שושקען זיך אין דער שטיל. מען דערקענט עס נאָר בלויז אין זייערע אויגן. אָבער דווקא די רוסן, די אינוואַלידן, וועלכע זיינען ערשט נישט לאַנג צוריקגעקומען פונם פראָנט, אַרויס פון די שפּיטעלער, זיי שיכורן, סקאַנדאַלעווען און האָבן נישט מורא הויך אויפן קול חוזק צו מאַכן פון יידן און אפילו העצן. שטייט אַזאַ איינער אין פּאַרק, אָנגעלענט אויף קוליעס, הייבט אויף איינע אַזאַ קוליע און באַרימט זיך פאַר זיינע חברים:

— די „אַבראַשעס" (אַזוי האָבן זיי גערופן די יידן) האָבן מיטגעברענגט פון

מאַסקווע און קיעוו אָנגעשטאָפּטע טשעמאָדאַנעס מיט געלט. איך האָב אַליין צע־ממיטט אונזערם אַ סערזשאַנט, אַן „אַבראַשאַ", מען האָט ביי אים אין טשעמאָדאַן געפונען גאַנצע פּעקלעך מיט טשערוואָנצעס! אָט מיט דער קוליע מוז איך נאָך פּלעטן דעם קאָפּ ביי עטלעכע אַבראַשעס!

איצטער פילן זיך שוין די יידן ווי איינס — אַלע ציטערן זיי צוזאַמען. פריער זיינען געווען מחלוקתן און צאַנקערייען צווישן די רוסישע און פּוילישע יידן. דערנאָך, ווען סרוב האָבן זיך איבערגעטראָגן אין אַלטן שטאָט־פערטל, ווו עס וווינען עטלעכע טויזנט בוכאַרער יידן, האָבן די רוסישע מיט די פּוילישע יידן צוזאַמען געמוזט זיך ווערן קעגן דער שנאה צו אונז פון טייל בוכאַרער יידן. ווען איך בין איינמאָל דורכגעגאַנגען בייניאַכט דורך דער „מאַכאַליאַ" (אַ קליין באַזאַרל ווו ס'האַנדלען די בוכאַרער יידן) מיט מיין חבר משה ביעדערקאַ, דעם סעקרעטאַר פון ליפּנער קהילה, איז צוגעגאַנגען אַ יונגער בוכאַרישער ידישער בוליגאַן (אַזעל־כער וואָס קליידט זיך שוין אייראָפּעאיש און פירט אַן אויסגעלאַסן לעבן), אַ קוק געטאָן אין אונזערע פּנימער און נאָכגעלאָזט ביעדערקאַן אַ פּאַטש אין פּנים אריין:

— נאַדיר אַ מתנה, פּוילישער ייד!

איצט אָבער זיינען שוין די בוכאַר־ער יידן אויך אין שרעק. מען האָט שוין געהערט אַז אין אַ קאָלכאָז הינטער טאַשקענט, האָבן אוזבעקן דערהרגעט עטלעכע יידן. מען האָט שוין דאָ שטיל, צווישן זיך, געפּליסטערט דאָס וואָרט:

„פּאָגראָם!"

און דעמאָלט וויסן שוין אַלע יידן, אַז בעת אַ פּאָגראָם ווערט שוין נישט געמאַכט קיין אונטערשיד — אַ ייד פון וואַרשע, קאָוונע, קישיניעוו, אָדער צי סאַ־מאַרקאַנד — פאַרן מערדער זיינען דעמאָלט אַלע שוין גלייך.

און צו דער דאָזיקער בהלה און פּחד אונזערן, איז נאָך צוגעקומען די טאָג־טעגלעכע, שעהדיקע זאָרג: ברויט! אַביסל וואַרעמס, אַ ריין העמד! מיט דעם האָבן מיר געפּיבערט. עס האָט געקלעמט די שרעק נישט צו פאַלן ערגעץ, אין אַ ראָוו, ווו ס'זענען שוין אַ סך פון אונזערע געפאַלן. די „נושאי המטה" האָבן קוים באַוויזן זיי אַוועקצונעמען און אַרויפצוטראָגן אויפן בערגל, הינטער דער שטאָט — אויפן דעם אַלטן יידישן בית־עולם אין סאַמאַרקאַנד.

קאַפּיטל ב

נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל, בין איך געבליבן שטיין פאַרן טויער. זיך אַרומגעקוקט אויף דער גאַס, דערזעען מענטשן און נישט געוווסט צו וועמען און וווהין צו גיין. די פיס זיינען נאָך געווען געשוואָלן, דאָס האַרץ אָפּגעשוואַכט און יעדער טריט איז אָנגעקומען מיט אָנשטרענגונג. ווו שלאָפט מען די ערשטע נאַכט און ווו נעמט מען דעם ערשטן מאָלצייט?

געבער, דער מעקלער פון דראָהאָביטש, וועלכער איז אַרויס עטלעכע טעג פאַר מיר, האָט נאָכן אַרויסגיין נישט באַדאַרפט קיין סך טראַכטן: ער האָט זיך אוועק־געזעצט פאַרן טויער פון שפּיטאָל און געבעטלט.

דער פּוילישער סערזשאַנט, וואָס איז צוזאַמען מיט מיר אַרויס, האָט געהאַלטן אַז קודם דאַרף מען צוגיין צום פּוילישן הילפס־פּונקט ביים וואָקזאַל, באַקומען די

דרייסיק רובל שטיצע, פֿאַר דעם געלט קויפֿן אַ בילעט, זיך אַריינזעצן אין באַן און פֿאָרן קיין קערמינע, אין דער פּוילישער אַרמיי.

מיר זײַנען אָפּגעשטאַנען צוויי שעה אין אַטשערעד, פֿאַר מיר איז געשטאַנען דער סערזשאַנט, אים האָט מען אָנגענומען דעם לעצטן. ער האָט אפֿילו באַקומען נישט דרייסיק, נאָר פֿופֿציק רובל. איך מוז קומען נאָך אַמאָל מאָרגן, ווידער זיך שטעלן אין אַטשערעד. דער סערזשאַנט לייגט מיר אפֿילו פֿאָר צו פֿאָרן מיט אים. סיווי דאַרף מען דאָך אַ „פּראָפּוסק", דאָס האָבן מיר נישט, וועלן מיר שוין קיין באַן־בילעטן אויך נישט אויסקויפֿן, איז שוין אַלציינס, ער וועט אָפּחורשן מיט אַ פּאָר רובל דעם קאָנדוקטאָר און מיליציאָנער.

איך האָב זיך אָפּגעזאָגט מיטצופֿאָרן — אָן אַ פּראָפּוסק און אָן געלט וויל איך נישט ריזיקירן. באַזונדערס — אויב מען האָט אַלע אָנגענומען ביז אים און ביי מיר האָט מען שוין געשלאָסן דעם פּונקט, איז מיר, מסתּמא, באַשערט שוין דאָ צו בלייבן.

איך האָב אָנגעטראָפֿן אַ באַקאַנטן פֿון פּאָסיאָלעק, אַ לאָדזשער, ער האָט אַמאָל געדינט דאָרט אין דער פֿייערלעשער־קאָמאַנדע. ער האָט נאָך אפֿילו דעם אָפֿיציעלן גראַנאַטענעם מונדיר מיט די מעשענע קנעפּ און פּוילישן אָדלער. אין ספּעציעלע טעג, ווען דאָס איז אים נייטיק, טוט ער נאָך איצט אָן דעם מונדיר. ביי די רוסן רופֿט ער אַרוים רעספּעקט, זיי נעמען אים אָן פֿאַר אַן אויסלענדישן נאַטשאַלניק. ער אַרבעט דאָ אין באַן־מאַגאַזין אַלס טרעגער פֿון שווערע משאות, חוץ דעם פֿאַרדינט ער נאָך צו זייטיק.

ער האָט מיך פֿאַרבעטן צו זיך אויף איבערשלאָפֿן ביי אים די ערשטע נאַכט. זיין פֿרוי האָט דערלאַנגט אַ פֿיינעם נאַכטמאָל און מען האָט אויך אויסגעטרונקען צו גלעזעלעך בראָנפֿן אויף אַ לחיים.

דער לאָדזשער פֿייערלעשער איז איבערגעלאָדן מיט גבורה. צו אַ שווערן קאַסטן וואָס ער דאַרף טראָגן, שמייכלט ער ווי צו אַ באַליבט קינד. ער רעדט פֿאַר־מעלעך, שוואַך, אָנגעלאָדן. ער האָט זיך נישט ליב צו באַרימען. ער וויל נאָר, אַז איך זאָל מיט אים מסכּים זיין, אַז אַלע אונזערע אינטעליגענטן זײַנען צעפּוילטע, קליינלעכע עגאָיסטן. אַז נאָר אַ פּראָסטער מענטש, אַן „עמך" איז אַ גוטער ברודער און מען קען זיך אויף אים פֿאַרלאָזן.

פֿונדעסטוועגן האָט ער אַ שוואַכקייט צו די „מענטשעלעך", די אינטעליגענטן, ער האָט ליב מיט זיי צו רעדן, מכבּד זיין, אָבער נאָר דעמאָלט, ווען זיי זײַנען אָרעם און געפֿאַלן ביי זיך.

אויפֿן צווייטן טאָג בין איך אַוועק אין דער אַלטשטאָט. מיך אינטערעסירט צו וויסן דעם גורל פֿון מיינע חברים און באַקאַנטע און די געבליבענע אין קאָל־כאָז „אַכון באַבאַיעף".

דער באַריכט איז נישט קיין קאָמפּליצירטער. פֿון אונזערע פּוילישע שכנים אין אונזער קאָלכאָז־שטיבל, פֿון די זעכצן פֿרויען און קינדער, לעבן נאָך בלויז זיבן. אין איין נאַכט זײַנען אַוועקגעשטאָרבן זעקס קינדער. זיי האָבן זיך אָפּגעסמט מיט אַ געוויקס, וואָס זיי האָבן אָפּגעריסן פֿון די פֿעלדער און אויפֿגעגעסן. דער לאָדזשער עספּעראַנטיסט רעדליך און דער ווילנער אינזשיניער האָבן פֿאַר זיי אויסגעגראָבן אַ קבר. אויפֿן קבר האָבן זיי פֿון דער ערד אויסגעפֿורעמט אַ צלם. די צוויי מאַמעס האָבן געקושט דעם צלם און די צוויי יידן, וועלכע פֿילן זיי אַזוי מיט

און האָבן אַזויפיל זיך אָנגעהאָרעוועט ביים גראָבן דאָס קבר. אָבער דער עיקר זיי־נען די מאַמעס זיי דאַנקבאַר פאַר דעם אויפטו מיטן צלם.

אויפן אַנדערן טאָג איז שוין דאָס קבר געווען איבערגעדרייט, צעשיט, צע־וואָרפן און די מתים צעביסן — דאָס האָבן ביינאַכט די שאַקאַלן דאָ געפּראַוועט זייער פריילעכע סעודה.

אין עטלעכע טעג אַרום זיינען געשטאָרבן די צוויי מאַמעס. עס איז אויך גע־שטאָרבן דער ווילנער אינזשעניער און דער ווינער בוכהאַלטער. דעם עספּעראַנ־טיסט רעדליך האָט מען נאָך באַוויזן אָפּצופירן אַ קראַנקן אין אַ פּוילישן איזאָלאַ־טאָר אין סאַמאַרקאַנד. ער איז דאָרט אָפּגעווען עטלעכע טעג און ווי נאָר ער איז אַרויס פאַרן טויער, איז ער גלייך אַוועקגעפאַלן און אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

אַכט זיינען מיר געהאַט געווען אין איין העלפט פון אונזער שטיבל אין קאָל־כאָז, געשלאָפן צוזאַמען אויף דער פּאָדלאָגע, צוזאַמען געהונגערט, געפרירט און געטרוימט. דורך אַזאַ קורצער צייט זיינען שוין אַוועק פון דער וועלט — פינף: דער בעסעראַבער ייד, דער זעצער פון ראַבקע־קראָקע, דער אינזשיניער פון ווילנע, דער בוכהאַלטער פון ווין און דער עספּעראַנטיסט פון לאָדזש. ביים לעבן זיינען פאַרבליבן דריי: דער יידיש־דייטשער שרייבער מעלצער, דער שרייבער ש. ב. און איך.

מיר זעט דאָס אויס ווי אַ זעלטענער, אויסטערלישער צופאַל — עס זיינען געבליבן לעבן נאָר די שרייבער! אפשר באַדייט דאָס עפּעס? אפשר איז אונז צו־געטיילט געוואָרן די גרויסע זכיה און די גרויסע מיסיע צו פאַראייביקן אין שריפט אָט דאָס אַלץ, וואָס אונזערע שוועסטער און ברידער האָבן איבערגעלעבט מלחמה־צייט אין דעם דאָזיקן פאַרכישופטן און רעטעניש־פולן לאַנד?

קאַפּיטל ג

איך האָב זיך געטראָפן מיט משה ביעדערקאַ. ער איז באַקאַנט געווען אין זיין שטעטל אַלס עילוי, אַלס בקי און חריף. אַ שאַרפער מאַטעמאַטיקער, שאַך־שפּילער, אַ מענטש מיט אַלע גוטע יידישע מידות. געווען סעקרעטאַר פון דער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון דער קהילה אין ליפּנע(נעבן וואָלאָצלאַוועק). ער וועט מיך אַריינעמען צו זיך שלאָפן. ער וווינט ביי אַן אַלטן, בלינדן אוזבעקישן בעטלער.

דאָס ליימיקע קעמערל האָט גאַרנישט חוץ די פיר ווענט און ליימיקע פּאָד־לאָגע. מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן אין אָנטועכץ און זיך איינגעטוליעט מיט זיין צעריסענעם פּאַלטאָ. מיר האָבן זיך געמוזט איבערדעקן ביז איבערן קאָפּ, ווייל עס האָט אַריינגערעגנט. דער סופיט איז דורכגעווייקט און עס האָט אויף אונז אַרויפגערונען. ווי נאָר מען האָט זיך אנגעוואַרעמט אונטערן פּאַלטאָ, האָבן גענו־מען בייסן די כנים, מיר האָבן זיך קוים דערוואַרט אויף טאָג. מיר זיינען גיך אַראָפּ פון געלעגער און געלאָפן זיך אָנוואַרעמען אין אַ „טשאַיכאַנאַ" און אויסטרינקען אַביסל טיי. דאָס פּאָרל וועש און דאָס האַנטוך וואָס איך האָב געהאַט באַקומען אין שפּיטאָל, ביינאַכט האָב איך עס מיר דאָ אונטערגעלייגט צוקאָפּנס, איז אין דער פרי שוין נישט געווען, מען האָט עס, זעט אויס, אָפּגעגנבעט פון הינטערן קאָפּ. מסתמא האָבן דאָס געטאָן די קליינע יאַטלעך, דעם באַלעבאָס אייניקלעך.

איך האָב זיך געטראָפן מיט בערעלע שמאַיעוויטש. ער האָט מיר גלייך אויס־געבאָרגט צוויייהונדערט רובל. כ'זאָל עסן — זאָגט ער — וויפל כ'קאָן נאָר, צו דער זעט, נאָך טיפוס איז דאָך דער אַפּעטיט גרויס. וועט מיר אויסגיין דאָס געלט, וועט ער מיר געבן נאָך צוויייהונדערט רובל, נישקשה, ער פאַרדינט גאַנץ שיין ביים איינ־מעלדן עוואַקויִרטע. נאָר בעסער וואָלט געווען — זאָגט ער צום סוף — ווען איך נעם עפּעס צופאַרדינען, מסחרן מיט עפּעס אויפן מאַרק, ווי עס טוען עס אַ סך פּליטים.

איך האָב מיר גלייך געקויפט אַ גאַנצן קילאָ ברויט פאַר אַכצן רובל און עס מיט איינמאָל אויפגעגעסן. מיר וויצלען זיך שוין אַצינד:

— באָנטשע שוויַיג האָט טאַקע געהאַט אַ גרויסע השגה! איין קליינקייט — אַ ב־לקע מיט פּוטער! ווער מיר גוטס גינט! אַ פּריץ איז ער געווען, אָט דער באָנטשע שוויַיג!

עס איז פאַריבער אַ וואָך. דאָס געלט לאָזט זיך שוין אויס, עס איז מיר נאָך פאַרבליבן צען רובל. גיין האַנדלען קאָן איך נאָכנישט, די פיס זיינען מיר נאָך אַלץ געשוואָלן און עס איז שווער צו שטעלן אַ טריט. שיקן וועמען צו שמאַיעוויטשן און וויַיטער בעטן אַ „הלוואה", גלוסט זיך פאָרט נישט. אינצווישן ווער איך גע־וואָר, אַז מ. קיטאַי ליגט אין שפּיטאָל, ער לייַדט אויף אַ בלוט־דיזענטעריע און אַוויטאַמינאָזע. מ. קיטאַי, דער ליטעראַטור־קריטיקער, עסייאיסט, אַן איינזאַמער, גוטער, שטילער און באַשיידענער מענטש, ער איז דאָ איינזאַם, האָט קיינעם נישט. פּראָפעסאָר מיכאָעלס, דער אַרטיסט, רעזשיסער און דירעקטאָר פון מאָסקווער יידישן טעאַטער, דעפּוטאַט אין מאָסקווער שטאָטראַט, שוין אפילו איינציקע מאָל אויפגעטרעטן אין קרעמל — דער מיכאָעלס איז קיטאַיס אַ יוגנט־חבר, נאָך פון ריגע. ער איז איצט אפילו אַליין געווען אויף עוואַקואַציע אין סאַמאַרקאַנד, זיך אַריבערגעטראָגן קיין טאַשקענט, ער איז אַ געניט איינפלוסרייכער מאַן, אויך פאַר־מעגלעך — אָבער ער העלפט נישט קיטאַין מיט גאָרנישט.

איך קויף אַ טעפּעלע זויערמילך און אַ קליין זעמעלע, גיב אויס דערויף אַכט רובל און גיי דערמיט אַוועק צו אים אין שפּיטאָל אַריין. איך האָב אים געזען דאָס לעצטע מאָל אין יאָר 1939, אין וואַרשע. ווען איך דערזע אים איצט אין שפּיטאָל־טויער, אין דער אונטערוועש, בין איך שטיין געבליבן און דערפילט אַז דאָס בלוט טריפט אין מיר אָפּ. מאַהאַטמאַ גאַנדי זעט אויס ווי אַ ריז לגבי אים. די ברילן אין שוואַרצע האָרן־רעמלעך פאַרדעקן שיער נישט דאָס גאַנצע פּנים זיינס. ער פאַלט אויף מיר אַרויף, כאַפּט מיך אַרום, מיר צעקושן און צעוויינען זיך. מיר רעדן גאָרנישט. ער גלעט מיך, שאָקלט מיטן קאָפּ, זיפצט אָפּ און זאָגט נאָר די איינע זילב:

— הא?

און איך ענטפער אים אָפּ אויך איינזילביק:

— יאָ!!

קומט אַרויס פון שפּיטאָל־זאַל, אויך אין די אונטערוועש, דער וואַרשעווער פּובליציסט משה לעווין (סטאַשעווסקי), איינער פון די אָנגעזעענע און וויכטיקע טוער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן. ער זעט אויס ענלעך צו קי־טאַין און איז אין אַן ענלעכן מצב. זיין פרוי ליגט קראַנק אין אַ קאָלכאָז הינטער סאַמאַרקאַנד און זיין איינציקער זון גרשון ליגט אין אַ צווייטן היגן שפּיטאָל.

זיי שטייען ביידע דאָ ווי פאַרצערטע געשפּענסטער־שאָטנס, געחתמעטע מיט ערב־טויט־צייכנס אין די אויסגעלאָשענע אויגן.

מיר שטייען אין דרייען און קוקן זיך אָן, ווערטער האָבן איצט נישט קיין שליטה און ממשות.

איך זאָג זיי צו צו קומען אין צוויי טעג אַרום ווידער און געזעגן זיך. ווען איך בין געגאַנגען אין צוויי טעג אַרום צום שפּיטאָל, איז אַנטקעגנגעפאָרן אַ דראָ־ראָזשקע אויף וועלכער מען האָט געפירט קיטאַין אין אַ צווייט שפּיטאָל אַריין. ער האָט צו מיר געפאָכעט מיט די הענט, רעדן איז אים שוין געווען שווער. אין אַ טאָג אַרום בין איך אַוועק אין דעם צווייטן שפּיטאָל — און שוין! קיטאַי לעבט שוין נישט! ער איז די נאַכט אויסגעגאַנגען.

אינם טאָג פון זיין לוויה האָט שטאַרק גערעגנט, די שמאָלע געסעלעך פונם אַלטן סאַמאַרקאַנד זיינען געזונקען אין בלאָטע, ביי מיר זיינען די שיך געווען איינ־גאַנצן צעריסן. איך האָב נישט געקאָנט אַרויסגיין אין גאַס. מע, האָט קיטאַין געוואָלט קובר זיין אויפן הויף אין שפּיטאָל, אין אַ געמיינזאַמען קבר, האָב איך דורך אַ יידישער קראַנקן־שוועסטער געגעבן צו וויסן אין שפּיטאָל, אַז קיטאַי איז אַ שרייבער און מען זאָל וועגן זיין טויט צו וויסן טאָן דער היגער שרייבער־סעקציע.

מען האָט אים אַוועקגעפירט אויפן בית־עולם אין דעם נייעם שטאָט־פּערטל. דעם בעל־עגלה האָט מען באַצאָלט מיט קיטאַיס אַלטן פּאַלטאָ. עס האָט אים באַ־גלייט אַ קנאַפּער מנין מלווים. ווען זיי זיינען דורכגעגאַנגען דורך דע· שטאָט, איז גראָד געווען מיטאָג־צייט, האָט מען אָפּגעשטעלט די עגלה, די שרייבער האָבן זיך געשטעלט אין אָטשערעד צו זייער קיך צו באַקומען דאָס מיטאָג, דער בעל־עגלה איז אַוועק אין זיין סטאָלאָווקע אויף מיטאָג. די עגלה איז געשטאַנען אויף דער גאַס. עס האָט געגאָסן אַ רעגן. דאָס פערד, די פור און דער מת זיינען געוואָרן דורכגעווייקט. קיטאַי וועט זיכער דערפאַר נישט האָבן פאַראיבל אויף זיינע חברים. ער איז שטענדיק געווען אַ גוטינקער, אַ געדולדיקער און ער פאַרשטייט איצט וואָס עס הייסט אַזוינס אָפּעסן אַ וואַרעמע זופּ. ער איז פריצייטיק געשטאָרבן, אָבער אַצינד איז זיך שוין נישטאָ וואָס צו יאָגן מיט דער קבורה.

קאַפּיטל ד

איך בין געוואָרן אַ סוחר. משה ביעדערקאַ העלפט מיר דערין צו. ער מסחרט אויף אַ גרעסערן פאַרנעם. ער קויפט אויף ברויטקאַרטן ביי די הייזער־קאָמיסאַרן. זיי האָבן פאַרשריבן אין זייערע איינוווינער־ליסטעס אַ סך פיקטיווע נעמען, פון די געשטאָרבענע, אַוועקגעפאָרענע אין די קאָלכאָזן. די באַאַמטע פונם קאַרטן־ביוראָ האָבן אויך צו פאַרקויפן ברויט־קאַרטעס, זיי גנבענען דאָס אַרוים נאָך איי־דער זיי ווערן געשטעמפּלט פון דער אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג. כדי אָבער צו באַ־קומען ברויט דאַרף מען נאָך, חוץ די קאַרטן, אויך האָבן באַקאַנטשאַפט מיטן פאַר־וואַלטער פון ברויט־מאַגאַזין. עס קומט נישט אָן שווער, אַזאַ „באַקאַנטשאַפט" האָט זיך שוין איר באַשטימטן פּרייז. מען דאַרף אויך אָפּהורשן דעם אָרדנער ביי דער אָטשערעד, דאָס זיינען סרוב אוזבעקישע אָדער בוכאַרישע גאַסן־יונגען, וואָס זיינען אויך „סעקסאָטניקעס" (סעקרעטני סאָטרודניק — געהיימער מיליץ־מיטאַר־

בעטער). און אז מען איז שוין מיט דעם אַלעם באַזאָרגט, באַקומט מען אַרויס דאָס ברויט און קאָרן־פּלעצלעך.

ביעדערקאַ איז איינער פון די הורט־סוחרים. זיינע דעטייל־סוחרים וואַרטן אים שוין אָפּ פאַרן הויז און ער פאַרקויפט זיינע פּלעצלעך. ביעדערקאַ קומט אָפּט צוריק פון אַטשערעד מיט אַ צעריסן היטל, צעפליקט רעקל, מיט אונטערגעהאַקטע אויגן — אָבער דאָס זיינען אַלץ קליניקייטן, צו וועלכע מען האָט זיך שוין צוגעוווינט.

איך בין איינער פון ביעדערקאַס דעטייל־סוחרים. איך נעם ביי אים צו דריי־פיר פּלעצלעך און דאַרף אַרויסגיין עס פאַרקויפן אין גאַס. צום באַקוועמסטן איז צו האַנדלען נעבן סאַלאָמאָנס טשאַיכאַנאַ. אין דער טשאַיכאַנאַ פון דעם בוכאַרישן ייד סאַלאָמאָן, קומען זיך צונויף די יידישע פּליטים. מען טרינקט דאָ טיי, מען דערציילט זיך נייעס און מען מסחרט. עס איז אויסגעשטעלט אַ גאַנצע ריי פון סוחרים מיט צוקערלעך, געגליווערטע פּוס, געקאָכטע בוראַקעס, באַניקערן און פּלעצלעך. עס האַנדלען דערמיט בוכאַרישע פרויען, זייערע קליינע קינדער, פּליטים פון בעסעראַביע, ליטע, אוקראַינע און דער עיקר — פּוילישע יידן.

דאָ זיצן אויך פּוילישע יידן און וואַרטן אַז מען זאָל זיי דינגען צו אַן אַרבעט. ברענגען וואַסער פון ברונעם, צעהאַקן האָלץ, טראָגן ציגל, אַרויסטראָגן מיסט. די אוזבעקן ווייסן שוין, אַז דאַרף מען האָבן וועמען צו עפּעס אַ גראָב, שווער שטיקל אַרבעט, דינגט מען אַ „פּאָליאַק".

די בוכאַרישע יידן קומען דאָ אַמאָל אויך זוכן אַ ייד צו אַ מנין. עס האָט ווער אַ יאָרצייט און דאַרף אָפּזאָגן אַ קדיש, נעמט מען עטלעכע פּוילישע יונגע־לייט. אויב דער בוכאַרער איז אַליין נישט קיין אָרעמאַן, איז ער מכבד די „פּוי־לישע" מיט טיי, אָדער אַביסל זופּ.

ווען איך דאַרף אַרויסגיין פאַרקויפן די פּאָר פּלעצלעך, האַלט איך זיי אונטער דער פּופּייקע, עס זאָל נישט דערזעען קיין מיליציאָנער און דער עיקר צוליב דעם, ווייל איך שעם זיך. גייט מיט מיר ביעדערקאַ מיט. מיר שמועסן דערווייל וועגן וועלט־ענינים, ליטעראַטור, קונסט, פילאָזאָפיע, ער נעמט דערווייל אַרויס פון מיר די פּלעצלעך און ער פאַרקויפט זיי. דעם ריוח גיט ער, פאַרשטייט זיך, מיר. איך בין דער סוחר, נאָר ער טוט מיר די געפעליקייט, פאַרקויפט זיינע אייגענע פּלעצ־לעך און גיט מיר דעם ריוח. ער מוסרט מיך אפילו פאַר מיין שעמעוודיקייט, יעדע זאַך וואָס מען טוט — מיינט ער — דאַרף מען טאָן מיט אַלע רמ"ח איברים, אפילו אָפּשינדן אַ פעל פון אַ נבילה איז אויך נישט קיין חרפה. זאָג איך אים, אַז אָפּשינדן אַ פעל פון אַ נבילה וואָלט איך זיך שוין דווקא נישט קרעמפּירט, נאָר האַנדלען מיט פּלעצלעך אויף דער גאַס איז פאַר מיר פיל שווערער.

ווייטער אַריין האָבן מיר זיך עס שוין איינגעאָרדנט נאָך באַקוועמער.

מיר זיינען געזעסן אין טשאַיכאַנאַ ביים טיש, געטרונקען בלויז „קיפּיאַטאָק" (געזאָטן וואַסער), אָן עסנוג און מיר האָבן געשפּילט אין שאָך. נעבן שאָך־ברעטל זיינען געלעגן די פּלעצלעך. די קונים זיינען שוין צוגעקומען אַליין. מען האָט נאָר באַדאַרפט זיין פאָרזיכטיק מיט אַן אוזבעק, אָדער רוס, ווייל טייל פון זיי האָבן צו־גענומען די פּלעצלעך און באַצאָלט נאָר צו פופציק קאָפּיקעס פאַר אַ שטיק, אַזוי ווי עס קאָסט אויף די קאַרטן. אָבער אַ פּלעצל פאַרקויפט מען פאַר עלף רובל אַ שטיק, ביעדערקאַן מאַכט עס אויס ניין רובל אַ שטיק, איך צאָל צען און פאַרדין אַ רובל. אַז עס געלונגט מיר, פאַרקויף איך ביז צוואַנציק שטיק דורכן טאָג, פאַרדין

איך מיר אויך צוויי פּלעצלעך. איך עס אָבער נישט אויף מער ווי איינס, העכסטנס אַנדערטהאַלבן דורכן טאָג, כדי עס זאָל מיר בלייבן עטלעכע רובל אויף טיי און מאַכאָרקע.

אָבער פון די שטאָם־געסט אין דער טשאַיכאַנאַ ווערט וואָס אַמאָל ווייניקער און ווייניקער. טיפוס, דיזענטעריע, פּעלאַגרע און הונגער שניידן ווי מיט קאָסעס די רייען פון די פּליטים. חוץ אַלעם איז נאָך געווען אַן אָנשיקעניש מיט אַן ערד־ציטערניש דאָ, עס זיינען אומגעקומען עטלעכע צענדליק מענטשן און אונזערע פּלי־טים האָבן דערביי אויך געגעבן זייער קרבן־צושטייער:

אין איין חורבה־שטיבל האָבן געגעכטיקט פינף אונזערע יונגעלייט און זיי זיינען אַלע פאַרשיט געוואָרן; אין דער נישט־טעטיקער צעגעלניע הינטער דער שטאָט, אין אַ צעבראָכענעם אויוון זיינען געלעגן דאָרט דריי יונגעלייט און מען האָט זיי אויך דערווישט שוין טויטע.

די גאַסן זיינען פול מיט אונזערע בעטלערס. אָט זיצן צוויי יונגעלייט אויף דער גאַס הינטער אַ מויער און בעטן מען זאָל זיי שענקען אַ שטיקל ברויט, אַ בוראַק. איינער פון די צוויי ווערט מיד צו בעטן און ער ציט זיך שוין אויס. אַ שוים שלאָגט אים אַרויס פאַרן מויל און די אויגן ווערן גלאָזיק. ער ענדיקט זיך, מען דערלאַנגט אים שוין עפּעס עסן, אָבער ער נעמט שוין נישט, ער דאַרף שוין נישט. דער חבר זיינער רופט:

— מענטשן, מענטשן, ער שטאַרבט שוין סיווי, גיט בעסער מיר דאָס ביסעלע עסן, אפשר וועל איך זיך נאָך ראַטעווען, געוואַלד, געוואַלד, מענטשן!

ביי אַ צווייטן מויער זיצט און בעטלט עזרא אָ. פון ווילנע, אַ לערער און זשורנאַליסט. אָ. איז באַוואַקסן מיט אַ געדיכטער, שוואַרצער באָרד, ער זיצט נאָר אויסגעשטרעקט מיט אַ האַנט און רעדט גאָרנישט. ער איז אַ סטאָיקער. אין דער צווייטער האַנט האַלט ער אַ בוך, וואָס איך האָב מיר שוין באַוויזן איינצוקויפן און עס אים געבאָרגט אויף עטלעכע טעג — פלאַמאַריאָנס אַסטראָנאָמיע. ער וועט דאָך נישט איבערייסן זיין פאַרטיפן זיך אין די שטערן־קאָנסטעלאַציעס, אין „מילך־וועג" — און רופן נאָך נדבות. ווער עס וויל עפּעס שענקען, וואַרפט אַליין אַריין די פּאָר קאָפּיקעס אין זיין האַנט.

די נושאי־המיטה טראָגן אומאויפהערלעך אונזערע מתים צום בית־עולם. דאָס האָבן ישיבה־בחורים פון פּוילן און ליטע און עטלעכע עלטערע יידן פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד אָרגאַניזירט די חברה „נושאי־המיטה", וועלכע נעמט אַראָפּ פון די גאַסן די יידישע טויטע און באַמיט זיך אויך אַרויסצונעמען פון די שפּיטאָלן די יידישע מתים און זיי קובר זיין אויפן בית־עולם.

די ישיבה־בחורים גייען מידע, דערשעפּטע, פאַרהונגערטע און שלעפּן קוים די פיס. עס איז שוין שטאָק־פינצטער, זיי באַלייכטן זיך דעם וועג מיט אַ קליין נאַפט־לעמפּל. אָט זיינען זיי אַריין אין אַ בלאָטע, די מיטה דרייט זיך איבער און דער מת ליגט שוין אין בלאָטע. דיביידע האָבן נישט קיין כוח אַרויסצושלעפּן און זיי רופן אין דער פינצטער:

— יידן בני רחמנים, יידן, גיכער, מען זאָל נישט מחלל־מת זיין, קומט, העלפט!

איך שלעפּ זיך מיט מיין חבר ביעדערקאָ אַהיים, צו אונזער ליימיק קעמערל. מיר טרעטן נאָך אָפּ אין אַ צווייטער טשאַיכאַנאַ, אויף טאַשקענטסקע גאַס. דאָ זיצן אויך אונזערע, נאָר דאָ איז ערגער, מיאוסער. דאָ שטייען עטלעכע אונזערע

מיידלעך, יונגע פרויען, שטייען ביי די ווענט און וואַרטן אויף אַ „גאַסט”, וועלכער זאָל קויפן זייער קערפּער. קיין סך רעדן און אונטערהאַנדלען דאַרף מען נישט, מען ווייסט שוין דעם פּרייז — נאָר איין פּלעצל.

עס איז שוין שפּעט ביינאַכט. ווען מיר גייען אַרויס, איז פון פּאָדיום פאַר דער טשאַיכאָנאַ הערט מען אַ שעפּטשעניש, אַ דינגעניש. אַ פרויען־שטימע זאָגט:

— איך וויל דאָס פּלעצל שוין איצט, פאַר דעם...

און עס ענטפערט אַ שטים פון אַן אוזבעק:

— פריער נישט, איך געטרוי נישט, וועסט קריגן אַ פּלעצל, נאָר נאָך דעם...

איך גיי מיט מיין חבר אַהיים און מיר רעדן הײנטיקן אָוונט שוין גאָרנישט. ווייל וואָס בלייבט שוין איבער צו רעדן, אַז די ווירקלעכקייט פּאַטשט אַזוי גרויליך איבערן פּנים, איבערן גאַנצן גוף, איבער דער נשמה:

— נאַט אייך! אָט אַזוי! אָט דאָס קען ווערן פונם מענטש! אָט אַזוי איז דאָס לעבן! אַזוי, אַזוי, אַזוי!

פוילישע פאַספּאָרטן און דער מורא אויף אַרויספאָרן

קאַפּיטל א

אויף כודזשומסקא גאַס איז טעטיק אַ פּוילישער פּונקט, וואָס גיט אַרויס פּוילישע פּעסער צו אַלע געוועזענע פּוילישע בירגער, וועלכע געפינען זיך אויף דער טעריטאָריע פון סאָוויעטנלאַנד זינט 1939 און האָבן נישט אָנגענומען די סאָוויעטישע בירגערשאַפט. דאָס הייסט די אַלע, וועלכע זיינען געזעסן אין די טורמעס, לאַגערן און פאַרשיקונג.

עס איז אין דער געביידע פון פאָלקס־קלוב, וואָס איז פריער געווען אַ שול פון די בוכאַרער יידן און איז פאַרמאַכט געוואָרן ערשט אין יאָר 1940. דאָס איז געווען די שענסטע שול אין סאַמאַרקאַנד. זי איז פאַרמאַכט געוואָרן די לעצטע.

אין דעם געסל, אַרום דער געביידע, זיינען פאַרזאַמלט טויזנטער פּוילישע יידן און איינצלנע פּאָליאַקן. די לעצטע זיינען שוין סרוב אין די שטעט, ווו ס'געפינען זיך אָפּטיילונגען פון דער פּוילישער אַרמיי.

אויפן סמך פון דעם באַפרייאונג־שיין באַקומט מען אַ פּראָוויזאָרישן פּוילישן פּאַס, אַרויסגעגעבן פון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין קויבישעוו (סאַמאַרא). דער בלאַנקעט איז אויף אַ שיינעם, ווייסן בויגן פּאַפּיר, מיט וואַסער־שטריכן, געדרוקט אין דריי שפּראַכן: פּויליש, רוסיש, פראַנצויזיש. אונטער די פּערסאָנאַליען־דאַטן איז אָפּגעדרוקט אַ ווענדונג אין די אַלע שפּראַכן, וועלכע בעט אַלע פּוילישע אַמבאַסאַדעס אין אויסלאַנד, ווי אויך אַלע אַליאַנס־מלוכות, אַז זיי זאָלן בייהילפיק זיין, יורידיש און מאַטעריעל, דעם אייגנטימער פונם דאָזיקן דאָקומענט.

עס איז אַ באַזונדערע פרייד און סאַטיספאַקציע צו באַקומען אַזאַ אויטאָריטעטן דאָקומענט. אוודאי קומט עס אָן נישט לייכט, מען האָט באַדאַרפט אָפּשטיין גאַנצע טעג, אָבער צו דעם איז מען שוין צוגעוווינט.

ערגער איז מיט די יעניקע, וועלכע האָבן פאַרלוירן, אָדער מען האָט ביי זיי אַרויסגעגנבעט זייערע באַפרייאונג־שיינען. אין אַזאַ פאַל האָט אַזעלכער באַדאַרפט אויסגעפונען צוויי באַגלייבטע עדות, בעסער נאָך פון דער זעלבער שטאָט, וואָס זאָלן באַשטעטיקן די אידענטישקייט פון דער פּערזאָן און אויך באַשטעטיקן, אַז דער זעלבער איז געווען דאָ אַרעסטירט און נישט אָנגענומען די סאָוויעטישע בירגערשאַפט. ווייל אויף באַקומען פּעסער האָבן זיך געמאָלדן אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן שוין געהאַט אָנגענומען די סאָוויעטישע בירגערשאַפט, עס זיינען געווען פאַלן, ווען עס האָבן זיך געמאָלדן יידן פון ליטע, לעטלאַנד, בעסעראַביע און טאַקע אויך אמתע, סאָוויעטישע יידן, וועלכע האָבן געוואָלט אַרויסבאַקומען פּוילישע פּעסער. דאַדורך קען זיי געלונגען אויך אַרויסצופאָרן אַמאָל פון ראַטנפאַרבאַנד.

עס זיינען אַוועק וועגן דעם מסירהס צו דער מאַכט און די נקוודֿ איז עטלעכע מאָל געקומען אין ביוראָ און צוגענומען די ביכער אויף קאָנטראָל. זיי האָבן אויף עטלעכע טעג אָדער וואָכן פאַרחתמעט דאָס ביוראָ.

דער פּלאַץ אַרום דער געביידע איז געוואָרן דער טרעף־פּונקט פון די יידן, אויך דעמאָלט ווען דאָס ביוראָ איז געווען פאַרחתמעט. דאָ האָט מען געמסחרט מיט

עסנוואַרג, מיט באַפרייאונג־שיינען פון געשטאָרבענע, דאָ האָט מען געבעטלט, דאָ איז מען געקומען זוכן באַקאַנטע און הערן נייעס.

אָט ליגט אויסגעצויגן אויף די שטיינערנע שטיגן אַן אינזשיניער און גוט־באַזיצער, וועלכער איז געווען פון די רייכע און וויניקע יידישע ערד־באַזיצער אין מזרח־גאַליציען. ער איז אין אָפּגעשליסענע לאַגער־מלבושים, מיט וווּנדן אויפן פּנים. ער וואַרפט זיך אין קאָנוווּלסיע און אָט־אָט גייט ער אויס. עטלעכע מענטשן וועלכע האָבן אים דערקענט, נעמען אויפן אָרט צונויף עפּעס געלט אויף צו קויפן אים עפּעס צו טרינקען און עסן, אפשר וועט מען אים דאָך נאָך דעראַטעווען.

אַביסל ווייטער פון אים זיצט אויף די שטיגן דער אַמאָליקער בריליאַנטן־סוחר אין לאָדזש, בריליאַנטן־שאַצער פון דער פּוילישער מלוכה־באַנק, אייגנטימער פון אַ סך הייזער און אויך פונם יידישן טעאַטער אין לאָדזש. ער איז אויך אין לאַגער־מלבושים. נעבן אים זיצט דער לאָדזשער זייגערמאַכער ראָטשטיין, וואָס האָט אים געקויפט אַ פּלעצל און אַ טעפּל טיי. ער דערלאַנגט יענעם דאָס עסן און טרינקען אין מויל אַריין, ווייל יענער איז שוואַך און קאָן קוים רירן מיט די הענט.

נישט ווייט פון זיי שטייט וויינבערג און האַנדלט מיט פּענעצלעך געקאָכטע בוראַקעס. וויינבערג איז פון שטעטעלע קוראָוו (ביי לובלין). ער האָט געאַרבעט אַלס זעצער אין פּולאַוו ביי שלמה שיינבערג, געווען אַן אַקטיווער קאָמוניסט און עטלעכע יאָר געזעסן אין די פּוילישע תּפיסהס. הערבסט 1939 איז ער אַריבערגעקומען קיין ביאַליסטאָק. ער איז געוואָרן דאָרט אַ מיטגליד פונם פאַרבאַנד פון געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע אין פּוילן. סוף יאָר האָט מען זיי אַלע צונויפגענומען און געמאָלדן, אַז מען שיקט זיי איבער קיין קיעוו אויף פּאָליטישע קורסן. יעדער איינער פון זיי האָט באַדאַרפט אונטערשרייבן אַ ליידיקן פאָרמולאַר, אַז ער פאַר־פליכטעט זיך דאָרט צו זיין מינימום אַ יאָר.

עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ פּשוטע ווערביר־ביוראָ פאַר אַרבעט. אַלע האָבן זיי געמוזט גלייך גיין צו דער אַרבעט אין קוילן־גרובן, ציגעלניעס, בוי־זאַוואָדן. און טאַקע נישט אין קיעוו גופא, נאָר אין קלע־נערע שטעט.

וויינבערג האָט גלייך גענומען שיקן פּעטיציעס און בריוו צו סטאַלינען. שוין נישט וועגן דעם, וואָס מען האָט זיי אָפּגענאַרט, דאָס האָט ער נישט געוואָגט. ער האָט פאַרשטאַנען אַז עס איז סכּנותדיק, נאָר וועגן דעם, אַז די אַרבעט ווערט שלעכט אָנגעפירט, אַז דאָס בוי־מאַטעריאַל ווערט פאַרטאַכליעוועט, אַז דאָס אייזן ליגט אין וואַסער און זשאַווערט, אַז מען פאַרשווענדט אומזיסט ענערגיע ביים גיכן בויען און שפּעטער דאַרף מען עס אַליין פונאַנדערוואַרפן. ער האָט געשריבן אַלץ וועגן אַזעלכע ענינים, וואָס האָבן באַרירט זיין געוויסן אַלס איבערגעגעבענעם און טרייען קאָמוניסט. צום סוף האָט ער נאָך דערמאָנט וועגן די שלעכטע לעבנס־באַדינגונגען פאַר די אַרבעטער. די באַדינגונגען וואָלטן לייכט געקענט ווערן פאַר־בעסערט, ווען די אָנפירונג, די דירעקטאָרן און ליטערם זאָלן זיין מער זאָרגפעליק און מיט מער ערנסט זיין איבערגענומען מיט זייערע פּאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן.

די אַלע בריוו זיינען אָבער צו סטאַלינען נישט דערגאַנגען, עס האָט זיי פאַר־האַלטן די אָרטיקע מאַכט. מען האָט אים אַרויסגערופן אויף אַ פאַרהער קיין קיעוו, אין פּאַרטיי־קאָמיטעט.

אַ טאָג נאָך דעם שמועס אין קיעווער פּאַרטיי־קאָמיטעט איז ער אַנטלאָפן צו־

ריק קיין ביאַליסטאָק. אין יוני 1940 האָט מען אים אַרעסטירט צוגלייך מיט אַלע אַנדערע צוריקגעלאָפענע פון רוסלאַנד און מיט די פּליטים, וועלכע האָבן נישט אָנגענומען די סאָוויעטישע בירגערשאַפט. ווען ער איז אַרויס פון לאַגער, בעת דער אַמנעסטיע און געקומען קיין סאַמאַרקאַנד, איז ער גלייך אַוועק אַרבעטן אין היגן לעדער־זאַוואָד. אָבער דאָס עסן און די וווינונגס־באַדינגונגען זיינען דאָ נישט געווען פיל בעסער ווי אינם לאַגער. ער איז געשטאַנען דאָ ביז איבער די קני אין וואַסער און געווייקט און געוואַשן די פעלן. ער איז געוואָרן קראַנק, געאַרבעט מיט די לעצטע כוחות. אָבער פון דער פאַבריק האָט מען אים נישט געוואָלט באַפרייען. זיין נאָרמע האָט ער אויסגעפירט קוים אויף 25 פּראָצענט. כאָטש, ווי ער זאָגט, האָבן די רוסישע אַרבעטער אויך נישט אויסגעאַרבעט מער פון אים און דאָך איז ביי יענע פאַרשריבן געוואָרן די פולע נאָרמע און אַמאָל נאָך אַריבער.

איז ער איינמאָל אַריין צום דאָרטיקן אָנפירער פון דער פאַרטיי און פּראָפעסיאָנעלן פאַריין ביי דער פאַבריק און גענומען שרייען און פּראָטעסטירן. ער באַשולדיקט אים אין יודאָפאָביע און טענדענציעזקייט. וויינבערג האָט גענומען שיטן מיט ציטאַטן פון מאַרקס, לענין און סטאַלין. יענער עפנט אויף אַ פּאָר איבערגעשראָקענע אויגן. וויינבערג דראָט אים מיט ווענדן זיך צו די העכערע אינסטאַנצן, אפילו צו סטאַלינען אַליין. ער וועט באַשרייבן די אָרדנונג אין דער פאַבריק און וועגן דער טענדענציעזער האַנדלונג פון דעם באַפולמעכטיקטן פון דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און פאַרטיי.

אינם זעלבן טאָג נאָך האָט אים דער באַפולמעכטיקטער באַפרייט פון דער אַרבעט.

אין מיטן זיין דערציילן, פאַרקויפט ער דערווייל די פענעצלעך בוראַקעס און כאַפּט אַליין אַריין עטלעכע שטיקלעך אין מויל. וויינבערג רעדט מיט זיין צעצויגענעם און זינגעוודיקן קוראָווער דיאַלעקט:

— די נכפּה זאָל זי נעמען! מיינע יונגע יאָרן האָב איך אָפּגעפינצטערט אין די פּוילישע טורמעס. ווען מיין מאַמע איז געוואָר געוואָרן, אַז איך בין דאָרט אין תפיסה קראַנק געוואָרן אויף די לונגען, האָט זי מיר גענומען אַריינשיקן שינקע און חזיר־פעטס. זיינען די ווייבער אין אונזער שטעטל דערפון געוואָר געוואָרן און מען האָט זי נישט אַריינגעלאָזט אין שול אַריין דאַוונען, אפילו צו מזכיר נשמות האָט מען זי נישט צוגעלאָזט. האָט די מאַמע מיינע זיך געשעמט אַרויסצוגיין אין גאַס אַריין, געזעסן וואָכן אין שטוב און געכליפּעט, טעג און נעכט אַזוי. זי האָט אַזוי לאַנג געוויינט, ביז זי האָט זיך אויסגעוויינט די אויגן און זי איז בלינד געוואָרן. יעד בין געבליבן ביי אַ לונגען־פעלער און דאָ האָב איך נאָך צוגעקריגן רעוומאַטיזם, שקאָרבוט און אַ האַרץ־פעלער.

ער ווייזט זיינע געשוואָלענע פיס, ער ווייזט זיינע אויסגעדאַרטע ביינער און אויך די ליידיקע, אָן־ציינ־ניקע יאַסלעס:

— נאָר אַ נכפּה זאָל אויף זי קומען! צוליב דעם־אָ האָט מיין מאַמע באַדאַרפט בלינד ווערן? צוליב דעם־אָ דאַרף יעך און מיר אַלע דאָ אַזוי אויסזעען? צוליב דעם־אָ האָבן באַדאַפט פאַלן אונזערע טויזנטער יונגע יידן, וועלכע האָבן אין פּיעטשאָרע־לאַגער געבויט אַ נייע באַן־ליניע און אונטער יעדער שפּאַלע איז באַגראָבן געוואָרן אונזערס אַ ייד! צוליב דעם־אָ?!

איך זוך מיט עפּעס צו אַרגומענטירן, וויל פאַרענטפערן טייל זיינע טענות,

פשוט כדי ער זאָל זיך באַרואיקן, זיך נישט קאָכן אַזוי, כדי ער זאָל נישט צופיל רעדן וועגן דעם מיט אַנדערע און ווידער אַריינפאַלן אין טורמע. איך געפין אויס עטלעכע אַרגומענטן, וועלכע דאַרפן מילדערן די אומשטענדן, דערמאָן וועגן דער שווערער פּאַרטיידיקונגס־מלחמה קעגן די דייטשן, וועלכער מיר דאַרפן מיט אַלע כוחות צוהעלפן.

נאָר עס איז אומזיסט: מיט געוועזענע קאָמוניסטן וועט איר גאָרנישט אויפטאָן. זיי קענען צו גוט די זאַך, זיי האָבן צופיל אַריינגעלייגט גלויבן אין דער איי־דעע, זייער גאַנץ לעבן — זיי איז אוממעגלעך צו רעדן וועגן זייערע אַנשויאונגען מיט גלייכגילטיקייט, פּאַרעווע.

אונזער שמועס ווערט איבערגעריסן מיט אַ טומל פון אַלע זייטן. עטלעכע פאַרפאַלן מיטאַמאָל:

דער גוט־באַזיצער איז געשטאָרבן. עס איז אויך געשטאָרבן, זיצנדיק, דער לאָדזשער בריליאַנטן־סוחר. און אין דריטן ווינקל איז גאָר אַ פריידיקע סענסאַציע צוליב אַ מאָדנער פּאַסירונג:

אַ יונגערמאַן האָט זיך צעקריגט מיט אַן עלטערן ייד צוליב אַ קלייניקייט, ער האָט אים אַריינגעקוקט אין זיינע דאָקומענטן און פּאַפּירלעך. דער יונגערמאַן האָט אַ פאָטער אין קובאַ, וועלכער איז אַוועק נאָך מיט פופצן יאָר צוריק. האַלט ער איצט אין איין שיקן טעלעגראַמעס קיין האַוואַנאַ צו זיין פאָטער און באַקומט נישט קיין ענטפער. ער האָט אַצינד דאָ אַרויסבאַקומען זיין פּאַס. באַקוקט ער דעם דאָ־קומענט. פרייט זיך און באַקוקט אויך זיין פּאַפּיר מיט דעם ענגלישן טעקסט פון אַ טעלעגראַמע צו זיין פאָטער. איצט — זאָגט ער — אַז ער האָט שוין באַקומען דעם פּאַס, וועט ער שוין, גלייבט ער, באַקומען אויך ענטפער פון זיין טאַטן אין קובאַ. די איצטיקע טעלעגראַמע מוז שוין העלפן, זי וועט זיכער דערגיין. און אָט שטייט נעבן אים אַן עלטערער ייד, קוקט אים אַריין אין די פּאַפּירלעך. דער יונגער־מאַן שנצט אים אָן פאַר אַריינשטעקן די נאָז אין פרעמדע פּאַפּירן. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, מען זידלט זיך שוין, עס האַלט שוין ביי קלעפּ און צום סוף — פאַלן זיך ביידע אין די אָרעמס:

דער עלטערער ייד, וואָס האָט אים אַריינגעקוקט אין די פּאַפּירלעך, איז טאַקע זיין אייגענער טאַטע פון קובאַ!

די געשיכטע דערפון איז אַ קורצע:

זיין טאַטע איז געפאָרן אין אויגוסט 1939 פון האַוואַנאַ קיין פּוילן, וואַרשע, געוואָלט שוין אַריבערנעמען צו זיך די גאַנצע פאַמיליע זיינע. ווען ער איז אָנגע־קומען צו דער פּוילישער גרענעץ האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. ער האָט זיך קוים דערשלעפּט צופוס ביז וואַרשע. ווען ער איז אָנגעקומען אויף זיין הויף, איז דאָס הויז שוין געווען פאַרברענט, ער האָט שוין קיינעם דאָרט נישט געטראָפן. דעם זעקסטן סעפּטעמבער איז געווען דער באַפעל דורכן ראַדיאָ, אַז אַלע מענער זאָלן לויפן אויף מזרח־דרום. איז ער יענע נאַכט אַנטלאָפן. ער האָט זיך דערשלאָגן ביז קאָוועל. דעם קובאַנער פּאַס זיינעם האָט ער פאַרלוירן. דעם 17־טן סעפּטעמבער איז אַריין די רויטע אַרמיי. ביי דער שפּעטערדיקער רעגיסטראַציע האָט ער זיך אָפּגע־זאָגט צו נעמען אַ סאָוויעטישן פּאַס און איז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע פּליטים.

דאָרט טראָגט מען אָוועק די מתים, און אין דעם ווינקל קאָכט זיך מיט דער סענסאַציע, טאַטע און זון קושן זיך נאָך אַלץ און וויינען.

עס איז אַ צייט און אָרט פון מאָדנע, אויסטערלישע פּאַסירונגען און געשעענישן.

קאַפּיטל ב

עס איז אַראָפּגעקומען קיין סאַמאַרקאַנד דער באַקאַנטער זשורנאַליסט, געוועזענער מיטאַרבעטער פון דער יידישער און פּוילישער פּרעסע אין פּוילן ב. ז.. ער זעט גוט אויס, עלעגאַנט אָנגעטון, אין לאַץ טראָגט ער אַ מעטאַלענע אָפּצייכנונג מיט אַ פּוילישן אָדלער. ער איז געקומען אין באַגלייטונג פון נאָך צוויי חשובע, אָפיציעלע פאָרשטייער פון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין קויבישעוו. ב. ז. זאָל איצט זיין פּרעסע־רעפערענט אין דער אַמבאַסאַדע. ער לייקנט דערין, ער איז, זאָגט ער, אַ פּריוואַטער מענטש, נישט קיין דעלעגאַט, נאָר זשורנאַליסט. זייער אָנטועכץ און אויסזען רופן אַרויס אויפמערקזאַמקייט אין גאַס.

ביי די פּוילישע יידן איז עס אַ פרייד צו האָבן אַזאַ חשובן גאַסט, אַן אייגענעם מענטש, אַ פּאָפּולערן זשורנאַליסט. ער וועט זיכער עפּעס אויפטון פאַרן גורל פון די פּוילישע יידן.

ווען עס זיינען צו אים צוגעגאַנגען זיינע באַקאַנטע קאָלעגן, האָט ער קוים אָפּגעענטפערט, צוגעבנדיק:

— רעדט נישט מיט מיר צופיל, ווייל מען קוקט און מען שפּירט אונז נאָך. איך האָב אין טאַש אַן אויסלענדישן פּאַס, פרעג איך נישט נאָך זיי, נאָר איר דאַרפט זיך היטן.

עס איז, מסתמא, אמת, אַז מען קוקט אים נאָך, נאָר חוץ אַלעם איז ער אין אַ געררייצטער שטימונג, אויפגעבלאָזן, נישט געגונג העפלעך און פריינטלעך צו באַקאַנטע און קאָלעגן.

אין יאָר 1940 האָט מען אים געהאַט אַרעסטירט אין ריגע פאַר שלעכט אַריבערגיין די גאַס. ער האָט נישט געוואָלט באַצאָלן די קליינע שטראָף, דערוייל איז מען אין אַרעסט געוואָר געוואָרן ווער ער איז, האָט מען אים שוין פאַרהאַלטן און ער איז פאַראורטיילט געוואָרן צו צען יאָר. אין אויגוסט 1941, נאָכן באַפרייט ווערן צוליב דער אַמנעסטיע, איז ער אַרויס פון לאַגער אַן אָפּגעריסענער, הונגעריקער און זיך אַרומגעוואַלגערט אין טאַשקענט, געלעגן ביי די ברויט־מאַגאַזינען און געוואַרט אַז מען זאָל אים שענקען אַ שטיקל ברויט.

ווייסנדיק דאָס אַלץ, האָבן די גורל־ברידער, אונזערע לאַגערניקעס, אויפגענומען אים מיט סימפּאַטיע און כבוד. זיי האָבן דערוואַרט פון אים אַ גוט וואָרט, אַן עצה, אפשר וועט ער פאַר זיי עפּעס אויפטאָן. ער איז דאָך אַן אָנגעזעענער מענטש, קומט אַלס שליח פון דער אַמבאַסאַדע. זיי האָבן זיך אָבער שנעל דערין אַנטוישט.

ווען אַ גרעסערער עולם האָט אים אַרומגערינגלט ביים פּוילישן פּונקט, דערציילט זייערע ליידן, געבעטן ער זאָל זיי עפּעס זאָגן, האָט ער אויף אַ קאַזיאָנע אופן געגומען מוסרן:

אַז מען זאָל אָוועקוואַרפן דעם גאַסן־האַנדל, ווייל זיי וועלן נאָך צוליב דעם

ווידער אַריינפאַלן אין די טורמעס, זיי זאָלן בעסער צוריק אַוועק אין די קאָלכאָזן און זיך פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט, וועלן זיי אין אַ צייט אַרום קאָנען פאָרן קיין אַרגענטינע, אַפריקע. עס זיינען פאַראַן דערויף אויסזיכטן, מען פירט אונ־טערהאַנדלונגען.

עטלעכע ענטפערן אים אָפּ, אַז ער רעדט ווי אַ דרויסנדיקער, ווי ער וואָלט גאָרנישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך. ער ווייסט דאָך, אַז אין די קאָלכאָזן זיינען אַ סך אונזערע אויסגעשטאָרבן פון הונגער. אַלע האַלטן זיך קוים מיט די לעצטע כוחות. מען וויל אָבער זיין אין שטאָט, ווייל דאָ איז דער פּוילישער הילפס־קאָמיטעט, דאָ זעט מען זיך מיט נאָנטע און דער עיקר — טאָמער קומט אָן די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד, וויל מען זיין פון די ערשטע און נישט פון די לעצטע. יעדע מינוט איז צו לאַנג און מען קאָן מען לייכט פאַרשפּעטיקן. איצט האַנדלט מען שוין ווייניקער, ווייל אַ סך האָט מען טאַקע איינגעזעצט, פאַר פאַרקויפן אַ פלעצל געכאַפּט פינף—זיבן יאָר, און אַ היפּש ביסל איז אויסגעשטאָרבן. עס איז אָבער פאָרט גלייכער צו ריזיקירן מיט אַרעסט, איידער פאַלן אויף די גאַסן.

ב. ז. פילט, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, אַנטשולדיקט ער זיך און רופט אויס:

— נו, איר ווייסט דאָך, אַז מיר געפונען זיך אין אַ לאַנד, וווּ פאַר אַ שפּיי קריגט מען צען יאָר.

איצט האָט ער שוין אַוודאי איבערגעכאַפּט די מאָס. דער עולם רוקט זיך פון אים אָפּ, מען האָט מורא. מילא, ער האָט שוין אָן אויסלענדישן פּאַס, קאָן ער זיך דערלויבן אויף אַ שטעכווערטל, אָבער זיי קאָנען דאָך צוליב דעם ליידן. איינער פרעגט אים נאָך הויך:

— פאַרוואָס נעמט מען אָן פּוילישע נאָר צו שוואַרצע אַרבעטן? העכסטנס פאַר אַ רעכנפירער אין אַן אַרטעל, אפילו נישט אַלס בוכהאַלטער. אונזער אינטע־ליגענץ מוז שווער אַרבעטן און זיין פון די נידעריק באַלוינטסטע. מיר געניסן דאָך אָפיציעל פון אַזיל־רעכט, טאָ פאַרוואָס די אַלע באַגרענעצונגען?

ב. ז. קען ווידער נישט צוימען זיין זשורנאַליסטישן טעמפּעראַמענט און ענטפערט:

— פרעגט וועגן דעם ביי דעם פאָטער פון די פעלקער! (געמיינט סטאַלינען).

עטלעכע מענטשן זיינען מיר אַוועק מיט אים באַזונדער אויף אַ שמועס. איך האָב, וואָס אמת, נישט גערן געהאַט מיט אים צו רעדן. נאָך איידער ער האָט מיך געזען, האָט אַ באַקאַנטער אים געהאַט דערציילט, אַז איך געפין זיך הי, האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט:

— ער האָט געשריבן אין ביאַליסטאָק לויבגעזאַנגען פאַר דער ראַטנמאַכט!

האָט אים יענער געזאָגט, אַז איך האָב שוין לאַנג דערמיט איבערגעריסן, בין געווען פאַרשיקט און געזעסן אין טורמע, האָט ער גלייך געביטן זיין איינ־שטעלונג צו מיר. אַז דער באַקאַנטער האָט מיר דאָס איבערגעגעבן, האָב איך גלייך געפילט דערין אַ בייגעשמאַק. איך האָב געהאַלטן, אַז איך דאַרף נישט געטאַדלט ווערן פאַר מיינע ביאַליסטאָקער לויב־אַרטיקלען און דאַרף איצט נישט באַלוינט ווערן פאַר בייטן מיינע אַנשויאונגען — אין יעדע פאַלן האָב איך געהאַנדלט לויט מיין איבערצייגונג און געוויסן.

אַן אַלטער קאָלעגע זיינער, וועלכער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט אים אין

איין רעדאַקציע לאַנגע יאָרן, בעט אים צוצוהעלפן ביים באַקומען אַ שטעלע אין פּוילישן קאָמיטעט, זאָל זיין כאָטש פאַר אַ סטרוזש. ב. ז. זאָגט אָפּ, עס שטייט אים ניט אָן זיך צו פאַרנעמען מיט אַזעלכע קליינקייטן.

עס קומט צו אים צו אַ יונגער אַדוואָקאַט, אַ קאָמוניסט, אַ זון פון אַ באַוווסטן כלל־טוער. דער אַדוואָקאַט אַליין האָט פון קינדווייז אָן מער פאַרברענגט אין דער שטוב פון ב.ז. ווי אין דער אייגענער היים. ער אַרבעט איצט דאָ אין אַ בעקעריי. ער איז געל, ליידט פון מאַלאַריע, טראָגט צעריסענע שיך פאַרבונדן מיט שטריקלעך, ער איז אויסגעדאַרט. ער איז דאָ מיט זיינס אַ פרוי און קינד. ער בעט ביי ב. ז. אים צו פאַרשאַפן אַ פּוילישן דאָקומענט, דעם סאָוויעטישן וועט ער אַוועקוואַרפן. אפשר וועט ער אַזוי אַרום האָבן די מעגלעכקייט זיך אַרויסצוראַטעווען פונדאַנען, פאָרן קיין אויסלאַנד מיט אַלע פּוילישע צוגלייך. ב. ז. ענטפערט אים האַרט אין ברעמד:

— איך וועל דיר מיט גאָרנישט העלפן. איך האָב געהערט אַז דו ביסט געווען אָן אויספאָרשונגס־ריכטער אין לעמבערג ביי די סאָוויעטן.

ער איז האַרט, שטרענג, טרוקן און צערייצט. ער איז אַריין צוריק איז פּוילישן קאָמיטעט, אָנגעזידלט די פירערשאַפט הלמאי אין דעם קאָמיטעט זיצן בלויז אַסימילירטע אינטעליגענטן פון גאַליציע, אָן פאַרטרעטער פון וואַרשע און לאָדזש. ער מוסרט זיי דערפאַר, וואָס זיי קענען נישט די יידישע שרייבער פון פּוילן, באַציען זיך צו זיי נישט גענוג אויפמערקזאַם.

ווען ער איז אין אַ קורצער צייט אַרום אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד, איז מען געוואָר געוואָרן, אַז עס איז שוין געווען אַ באַפעל אים צוריק צו אַרעסטירן. מען האָט אים שוין אַרומגעזוכט. ווען ער פאַרשפּעטיקט נאָר מיט איין שעה, וואָלט ער שוין קיינמאָל פונדאַנען נישט אַרויס. מען האָט דעמאָלט אַרעסטירט אַ סך מיטאַרבעטער פון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע און פון די הילפס־קאָמיטעטן.

אָבער דאָך פילט מען זיך זיכערער מיט דעם פּוילישן פּאַס אין טאַש. דעם טרוים אויף אַרויספאָרן גיט מען נישט אויף, ווייל דאָס וואָלט געהייסן אויפגעבן אַלץ. עס וואָלט שוין לגמרי נישט געלוינט אַזוי זיך צו קלאַמערן אין דעם אָרעמן ביסל לעבן, וואָס רינט פון מינוט צו מינוט אַלץ מער אויס פונם גוף.

נישט מען לעבט, נאָר מען ראַטעוועט זיך

קאַפּיטל א

איך בין אוועק אַרבעטן אין אַ שפּיטאָל. מען דאַרף דאָרט אויפן הויף איבער־גראָבן די ערד, אויסקלויבן די שטיינער, מען וויל דאָ פאַרזייען ירקות. פינף מענטשן זיינען מיר ביי דער אַרבעט: משה ביעדערקאָ; משה לויפגאַס — אַ השומר הצעיר־ניק; העניעק ליפּמאַן, אַ זון פון דעם אַרטיסט משה ליפּמאַן, און אַ יונגער שוסטער.

די אַרבעט האָבן מיר אָנגענומען דערפאַר, ווייל מען האָט אונז צוגעזאָגט, חוץ דעם לוין פון 150 רובל אַ חודש, אויך צוויי מאָל אין טאָג עסן.

דאָס שפּיטאָל האָט מען ערשט דערעפנט. עס דאַרף זיין פאַר קינדער און יוגנט, קראַנקע אויף טיפוס און דיזענטעריע. דאָס פּערסאָנאַל איז שוין אין קאָמ־פּלעט און מען וואַרט אויף די ערשטע קראַנקע. דער דירעקטאָר, אַ יונגער, יידישער דאָקטער פון אָדעס, שוין אַן אינוואַליד פון דער לעצטער מלחמה, פּאָרעט זיך נאָך אַלץ ביים איינשאַפן דעם נויטיקן אינווענטאַר. עס פעלן אים דערצו פאָנדן, נאָר דאָס באָרגט דערווייל אוים דער שפּיטאָל־קוטשער, פון זיין פּריוואַטן געלט. דער קוטשער שטעלט אויך צו דיספּאָזיציע זיין אייגן פערד און וועגעלע. אים לוינט עס, נישט אַזוי צוליב דעם לוין, וואָס ער וועט באַקומען פאַר זיין אַרבעט, נאָר וואָס ער ווערט „בראָנירט" (געשיצט) פון גיין אין מיליטער.

דעם ערשטן טאָג האָט מען אונז געגעבן אינדערפרי אָפּצועסן הונדערט גראַם ברויט, אַ זופּ און אַ קאַשע. (400 גראַם ברויט באַקומען מיר באַזונדער אויף די קאַרטן). נאָכמיטאָג — אַ האַלבן קרעפּל און אַ געקאָכטן בוראַק. מיר האָבן זיך מיט די מאכלים געקוויקט. עס האָט אויפגערודערט דעם אָרגאַניזם, דאָס בלוט האָט שנעלער פּולסירט. מען האָט דערפילט ווי עס ריזלען אריין אינעם גוף נייע כוחות. מיר האָבן זיך אָבער געפילט דערשלאָגן צוליב דעם אופן ווי עס ווערט אונז דערלאַנגט:

מיר האָבן באַדאַרפט עסן אין קיך, שטייענדיק, אין איילעניש און בגנבה. אָפיציעל טאָרן די שפּיטאָל־אָנגעשטעלטע נישט געניסן פון דעם עסן, דאָס איז באַשטימט פאַר די קראַנקע. מען נעמט אַראָפּ בגנבה אַביסל פּראָדוקטן און מען קאָכט אָפּ — עס מוז דאָך עסן דער דירעקטאָר, בוכהאַלטער, קאַסירער, פּלאַנירער, רעכנונג־פירער, פּאַרוואַלטער, קוטשער, דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטערס, סאַני־טאַרינס, וועכטער און קיך־אָנגעשטעלטע. דאָס אַלץ נעמט מען דערווייל אויף דער קאָנטע פון די קראַנקע, וועלכע מען דאַרף ערשט ברענגען. אַז עס וועט שוין זיין אַ גרעסערע צאָל קראַנקע, דעמאָלט וועט שוין זיין לייכטער אָפּצושפּאָרן עסן פאַר׳ פּערסאָנאַל.

דעריבער האָט דאָס גאַנצע שפּיטאָל־פּערסאָנאַל היינט פאַרנאַכט אויפגענומען מיט פרייד די ידיעה:

„שוין געבראַנגט דעם ערשטן פּאַציענט! שוין דאָ אַ קראַנק קינד! שוין דאָ!"

אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר שוין באַקומען צו עסן נאָר איינמאָל, ווייל דורך דער גאַנצער נאַכט האָט מען צוגעבראַנגט בסך הכל נאָר נאָך צוויי קינדער. עס גייט גאַנץ פּאַמעלעך, מען האָט זיך גערוכט באַלד אינעם ערשטן טאָג אויף עטלעכע צענ־

דליק פּאַציענטן, אָרט איז דאָ אויף העכער הונדערט. און אין שטאָט איז דאָך פאַראַן קראַנקע קינדער איבערגענוג!

מיר האָבן שוין היינט געאַרבעט שוואַכער. איינער איז געשטאָרבן אויף וואָך און מיר פיר האָבן זיך געלאָזט צום פּאַרקאָן, דאָרט ווו עס וואַקסט „טוטאָוווניק". איינער האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן בוים און אָפּגעטרייסלט אַביסל זיסן, אוזבעקישן „מן", טוטאָוווניק (אַזעלכע וויים־געלבלעכע מאַלינעס). מען האָט אָנגעקליבן אַביסל אין די היטלען און צוריק אַוועק גראָבן ערד. די הענט און פיס האָבן נישט געדינט, די זון האָט אונז דורכגעגליט, מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אין שוויים. האָט מען זיך אויסגעצויגן אויף דר'ערד אָפּרוען. איינער איז געשטאָרבן און אַכטונג געגעבן צי עס גייט נישט נאָטשאַלסטווע. מיר האָבן דערווייל געשמועסט וועגן הויכע און ווייטע ענינים — ארץ ישראל.

די עלטסטע דאָקטאָרין האָט געשיקט נאָך מיר רופן. אַזוי ווי עס איז פאַרשריבן אַז איך אַרבעט דאָ אַלס סאַניטאַר, מוז איך אויך אויספירן סאַניטאַרישע פליכטן:

עס איז געשטאָרבן אַ קינד. זאָל איך עס נעמען אונטערן אָרעם, אַוועקטראָגן דאָרט צום פּאַרקאָן, אויסגראָבן אַ קבר און קובר זיין דאָס קינד.

מיך האָט אויפגעשוידערט. איך וועל נישט קאָנען קובר זיין קיין קינד, איך קען נאָך אַלץ נישט גלייכגילטיק קוקן אויף אַ מת. ניין, איך זאָג זיך דערפון אָפּ, דאָס געהערט נישט צו מיינע פליכטן, איך וועל דאָס נישט טאָן.

ווען איך האָב געזען שפּעטער ווי עס טראָגט עס אַוועק דער וועכטער, ווי ער האַלט דאָס קינד אַזוי נישט זאָרגפעליק אונטערן אָרעם און וויקלט דערביי גלייכצייטיק אויך אַ ציגאַר־מאַכאָרקע, האָט מיך שוין פאַרדראָסן אויף מיין אָפּזאָג. איך האָב יאָ באַדאַרפט נעמען דאָס קינד. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך וואָלט אַרויסגעוויזן צו דעם קליינטשיקן מת אַביסל מער געפיל און פּיעטעט.

אין ווייטער אַריין זיינען שוין אָנגעקומען גענוג קראַנקע, אפילו איבער דער נאָרמע, אָבער עסן האָט מען אונז נישט געגעבן מער ווי איינמאָל אין טאָג, און דאָס נאָר אַ בלויזע זופּ, אָן די הונדערט גראַם ברויט און אָן קאַשע. עס האָט נישט געסטאַיעט קיין כחות צו אַרבעטן, מען איז אָפּגעקומען מיט צוויי־דריי שעה אַרבעט. די רעשט צייט זיינען מיר געלעגן און געשמועסט, און געטשאַטעוועט אויף טוטאָוווניק. עס פאַרגייט אַ טאָג נאָך אַ טאָג, עס איז שוין שווער צו אַרבעטן אפילו די צוויי—דריי שעה. נאָך דריי וואָכן זיינען מיר אַוועק פון שפּיטאָל. מען האָט אונז נישט אויסגעצאָלט קיין איין גראָשן. מיר פיגורירן בכלל נישט, זאָגן זיי, אויף דער לוין־ליסטע.

ק אַ פּ י ט ל ב

איך האָב געטראָפן אין גאַס די פרוי פון משה לעווין, זי איז אויך אַן אַקטיווע קאָמוניסטין. זי איז אַמאָל געווען צוזאַמען מיט איר מאַן אין ארץ־ישראל. אין וואַרשע פלעגט זי אַרויסקומען אָפט אין ליטעראַטן־פאַריין און מען האָט צונויפגענומען ביי די שרייבער געלט אויף צו שיקן פּעקלעך פאַר איר מאַן אין תפיסה אַריין. ער איז מער געזעסן ווי געווען אויף דער פריי.

מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ווען מען האָט זי דאָ אָנגעטראָפן מיט עט־

לעבע וואַכן צוריק אויפן גאַס און איר געזאָגט, אַז איך בין הי, אין סאַמאַרקאַנד, האָט זי געענטפערט, אַז עס אינטערעסירט זי נישט. זי וועט סיוווי מיט מיר נישט רעדן, ווייל איך בין „אַ געזעסענער", אַ קעגנער פון דער ראַטנמאַכט.

איצט איז זי דאָך גלייך צוגעגאַנגען און פריינטלעך זיך באַגריסט מיט מיר. זי גייט אַ באָרוועסע, אין אַ צעריסן קלייד, איר פּנים איז געל און צעקנייטשט, די ליפּן פאַרטרוקנט און עס גליען ביי איר די אויגן.

נאָך די ערשטע פאַר העפליכקייט־ווערטער, דערציילט זי מיט אויפרעגונג און ציטערנדיקער שטימע:

— איך בין געקומען פון קאָלכאָז, כ'האָב געהאַט מיט זיך אַ ליילעך, אויפן וועג האָב איך אָנגעקליבן אַ היפּש ביסל טוטאָווניק, אָבער זייענדיק שוין נאָנט צו דער שטאָט, האָט מיר אַ כוליגאַן צוגענומען דאָס ליילעך מיטן טוטאָווניק. איך האָב דאָס געוואָלט מיטברענגען פאַר מיין מאַן און זון, וועלכע ליגן דאָ אין די שפּיטעלער.

אין קאָלכאָז הונגערט זי. מען באַהאַנדלט זי אַ סך ערגער ווי די אַנדערע יידן, די געוועזענע לאַגערניקעס, ווייל די אוזבעקן ווייסן, אַז זי איז אַ קאָמוניסטין. יענע פּוילישע קריגן גיכער צו עסן, ווייל זיי רעדן קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע רייד און די אוזבעקן הערן אַזעלכעס גערן. זי ווייסט נישט צי זי זאָל צוריקגיין אין קאָלכאָז, דערווייל האָט זי נישט ווו צו זיין. זי איז אָן געלט און האָט אויך נישט די היינטיקע נאַכט ווו צו איבערשלאָפן.

איך בין אַוועק מיט איר צו משה לויפגאַס. דאָרט זיינען מיר עטלעכע מענטשן געשלאָפן אויפן דאַך פונם הייזל ווו ער האָט געוווינט. מען האָט צוגעריכט אַ בשותפותדיק מאָלצייט. דער געשפּרעך איז באַלד אַרויף אויף ארץ־ישראל. לויפ־גאַס רעדט מיט איר העברעאיש. ער בעט זי אויפצוזינגען עטלעכע פּאַלעסטינער לידלעך. זי טוט עס נישט מיט גענוג חשק, אגב איז זי מיד, דערשעפּט, דערשלאָגן. די גאַסטפריינטלעכקייט און ווארעמע באַציאונג צו איר, שאַפן אַ חברישע אַטמאָ־ספער און זי זינגט אויף עטלעכע לידער. לויפגאַס האַלט איר אונטער. זיין פּרוי האָט אפילו צו אים אַ טענה:

— ערשט עטלעכע וואָכן זינט עס איז אונז אַוועקגעשטאָרבן דאָס קינד און ער זינגט שוין!

משה פאַרענטפערט זיך:

— אַן ארץ־ישראל־ליד איז נישט סתם קיין געזאַנג.

מען האָט אַרויסגעבראַכט עטלעכע מלבושים, איר אויסגעבעטט און זי האָט זיך געלייגט שלאָפן אויפן דאַך. אינדערפרי איז זי צוריק אַוועק אין קאָלכאָז.

אין עטלעכע טעג אַרום איז שוין אָנגעקומען די ידיעה אַז זי איז דאָרט גע־שטאָרבן.

איר מאַן האָב איך דערנאָך געטראָפן אויפן בוכארישן באַזאַר. ער האָט באַ־קומען אַ פּאָסטן אַלס פּאָליטישער דערציער פאַר די בעזפּריזאָרנע (היימלאָזע) יו־גנטלעכע אין דער טעקסטיל־פאַבריק אויפן נאָמען פון „8־טן מאַרט". אָנשטאָט צו הערן זיינע פּאָליטישע לעקציעס, דערגייען זיי אים די יאָרן, גנבענען צו זיין עסן, חוזקן פון אים.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אים מאָביליזירט אין דעם אַרבעטס־באַטאַליאָן נעבן טאַשקענט. ער איז דאָרט געווען אַ וועכטער פון אַ מאַגאַזין. אין

אַ געוויסער נאַכט איז ער אַריין אין דעם דערנעבנדיקן טייך און שוין צוריק נישט אַרויס. אייניקע האָבן עס אָנגענומען פאַר אַ צופאַל, אַנדערע האָבן פאַרזיכערט, אַז ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אין די זעלבע טעג איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון סיקטיווקאַר, די הויפּט־שטאָט פון דער אויטאָנאָמער רעפּובליק אויפן ווייטן צפון, אַז דער דיכטער אברהם פּטאַשקין איז דאָרט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, זיך אויפגעהאָנגען.

פּטאַשקינען האָב איך געקענט נישט נאָר פון זעען זיך מיט אים אין ליטעראַטן־פאַריין אויף טלאָמאַצקע 13 אין וואַרשע, נאָר אויך געוועזן זיינס אַ פריינט, גע־קענט זיין טאַטן — דעם אַלטן העברעאישן משכיל, געקענט זיין שוועסטער, געקענט אויך אַ סך זיינע לידער.

געזעען האָבן מיר זיך צום לעצטן מאָל יוני 1940, אין ביאַליסטאָק, עטלעכע טעג איידער מען האָט אונז פאַרשיקט.

שוין נאָך דער אַמנעסטיע, אין יאָר 1942, בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ער געפינט זיך נאָך אַלץ אויף צפון, אין קאָמי, אין דער שטאָט סיקטיווקאַר. ער איז באַפרייט געוואָרן פון לאַגער, אָבער נישט געפאָרן אויף דרום, קיין אַזיע. דאָרט איז אויך פאַרבליבן דער באַפרייטער פון טורמע לעאָ פינקלשטיין. פּטאַשקין האָט באַקומען אַרבעט אין אַ באָד און לעאָ פינקלשטיין אַלס בוכהאַלטער אין אַ סטאָ־לאָווקע. איך פון סאַמאַרקאַנד, האָב זיך כסדר מיט זיי איבערגעשריבן. סרוב האָט מען די בריוו נישט אונטערגעשריבן מיט די ריכטיקע נעמען, נאָר מיט די פאַר־שידנסטע פּסעוודאָנימען, ווי: קלאָגמאַן, ווימאַן, בראָכמאַן — אָבער אָפט אויך — האָפמאַן, טרייסטמאַן. יעדער איינער פון אונז האָט באַדאַרפט טרייסט, נאָר צום מערסטן האָט עס באַדאַרפט פּטאַשקין. זיינע בריוו זיינען געווען מרה־שחורה־דיקע, פאַרצווייפלטע. ער האָט געקרענקט אויף פּעלאַגרע, געהונגערט, געאיינזאַמט. נישט זעלטן פלעגט ער אַריינלייגן אין בריוו אויך אַ ליד זיינס. ער האָט געדיכטעט וועגן פייגל, וועלכע פליען צום לאַנד פון די בלויע הימלען און ראָזע פאַרטאָגן. ער האָט די ווערטער „בלויע הימלען", „ראָזע פאַרטאָגן" עטלעכע מאָל איי־בערחזרט, געוואָלט אַז איך זאָל פאַרשטיין אַז דאָס מיינט ער ארץ־ישראל. בכלל האָט מען די בריוו געשריבן מיט אַ סך אָנצוהערע־נישן, אָנדייטונגען, פאַרשטעלט. אַ לענגערע צייט האָב איך אים נישט געענטפערט, די לידער זיינע זיינען מיר נישט איבעריק געפעלן געוואָרן, לויבן האָב איך זיי נישט געקענט, זאָגן אַ נעגאַטיווע מיינונג האָט זיך נישט גע־וואָלט — האָב איך אויפגעהאַלטן מיטן אָפּענטפערן. מיין געוויסן האָט מיך אפילו געפייניקט. אַן איינזאַמען, צעבראָכענעם מענטש נישט אָפּצוענטפערן גיך מיט קיין בריוו איז אַ חטא. און אָט איז איצט אָנגעקומען די גרויל־ידיעה, אַז אהרן פּטאַש־קין האָט זיך אויפגעהאָנגען אין דער באָד. די ידיעה האָט מיר מיטגעטיילט לעאָ פינקלשטיין. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז קיין סאַמאַרקאַנד געקומען אַ פרוי פון סיקטיווקאַר און מיר איבערגעגעבן די צוואה פון פּטאַשקינען, געשיקט צו מיר. זי האָט מיר איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון דער צוואה מינדלעך, ווייל די גע־שריבענע האָט מען איר אויף דער לאַנגער רייזע אַרויסגענגבעט, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע דאָקומענטן.

„איך זאָל נישט פאַראיבל האָבן אויף זיין שוואַכקייט, ער האָט לענגער נישט געקאָנט. פאַר אים וועט דער טויט נאָר זיין אַ דערלייזונג. אויב איך וועל דערלעבן

און אמאָל זען װעמען פון זײַן משפּחה, זאָל איך אַרומנעמען און קושן אין זײַן נאָמען. די לעבנגעבליבענע פרײַנט און חברים זאָלן געדענקען אין אים".

(איך באַדויער, וואָס בײַ מײַן שפּעטערדיקן אַרעסט האָט מען בײַ מיר צוגע־נומען אויך פּטאַשקינס לידער װעגן דעם בלויען לאַנד. איך װאָלט זיי, לפּחות, אי־בערגעשיקט אין דעם מוזיי פון זײַן געטרוימטן, בלויען לאַנד).

מען װערט אויך געוואָר, אַז הינטער קויבישעוו איז געשטאָרבן שלמה שײנבערג. מען װערט געוואָר, אַז פּנחס קאַץ, דער הומאָריסט, װעלכער האָט דאָ געוווינט ערגעץ, צוזאַמען מיט זײַן פרוי און זון, אין אַ קאָלכאָז, איז אַװעק פון קאָלכאָז אין שטאָט אַרײַן, זיך געוואָלט קלאָגן פאַר דער מאַכט אַז מען גיט נישט צו עסן אין קאָלכאָז. ער איז אָבער צו דער שטאָט נישט דערגאַנגען, ער איז געפאַלן אויפן װעג, אין פעלד. דער אַרטיסט זישע קאַץ, װאָס האָט דעם 30־טן יוני 1940, װען מען האָט אים געוואָלט פאַרשיקן קיין סיביר, זיך אויפגעהאַנגען אין אַ קלאָזעט, איז געוועזן זײַן יונגערער ברודער. פּנחס קאַץ האָט זיך עוואַקואירט פון ביאַליסטאָק דעם 22 יוני 1941. דעם עלטערן זון האָט ער געמוזט דאָרטן לאָזן, װײַל ער האָט געהערט צו דער ציווילער לופט־פאַרטיידיקונג און געמוזט בלײַבן אויפן פּאָסטן. אין אַ קורצער צײַט נאָכן טויט פון פּנחס קאַץ, איז זײַן פרוי קראַנק געוואָרן, זיך גע־מאַטערט אַ צײַט און אויך געשטאָרבן.

אין דער זעלבער צײַט האָט זיך ראַש פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז די פּאָפּולערע לאָדזשער רעוווי־אַרטיסטן דזשיגאַן און שומאַכער, װעלכע זײַנען אַרײַנגעטרעטן אין דער פּוילישער אַרמיי, זײַנען דורך פּוילישע אָפיצירן געמסרט געוואָרן פאַר דער נקווד (אַלס סאָװעטישע בירגער האָבן דזשיגאַן און שומאַכער נישט געטאָרט אַרײַנטרעטן אין דער פּוילישער אַרמיי), מען האָט זיי אַרעסטירט און געמשפּט פאַר פאָטערלאַנד־פאַראַט...

איך בין צופעליק געוואָר געוואָרן, אַז דער דיכטער פון דער „יונג־ווילנע"־גרופּע, לייזער וואָלף, וווינט אין שאַכריזאַבסק, 70 קילאָמעטער ווײַט פון דאַנען, און אַרבעט דאָרט אין אַ װאַרשטאַט בײַם פלעכטן שטריק. איך האָב אים איבער־געשיקט אַ בריוול דורך אַ געלעגנהייט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מיר דער זעל־בער צוריקגעבראַנגט דאָס בריוועלע — לייזער וואָלף איז די טעג געשטאָרבן.

אין טאַשקענט איז געשטאָרבן דער יידיש־סאָוועטישער היסטאָריקער און פּובליציסט יודיצקי. ער איז געווען באַקאַנט פון זײַנע קעמפערישע אַרטיקלען קעגן דער יידישער רעליגיע. ווען מען האָט אים אין אַ טאַשקענטער סטאָלאָוקע פאָרגע־שטעלט פאַר אונזערם אַ יידישן שרײַבער פון פּוילן און דער לעצטער האָט אים איבערגעפרעגט:

— זענט איר דאָס דער באַרימטער מחבר פון די קעמפערישע פּאַמפלעטן קעגן רעליגיע?

האָט יודיצקי אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און געבעטן זיך בײַ אים:

— דערבאַרעמט אײַך אויף מיר, דערמאָנט מיר נישט אין דעם!

ער איז שוין דעמאָלט געווען אין דער ערגסטער נויט, פאַרהונגערט, קראַנק. עטלעכע טעג נאָך דעם שמועס איז ער געשטאָרבן. צו זײַן אייביקער רו האָבן אים באַגלייט נאָר זיבן פרײַנט און באַקאַנטע.

***

עס איז דערגאַנגען אַ ידיעה וועגן דעם טויט פון קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט מ. שניאור.

אַ פּאָפּולערער און באַליבטער טיפּ אין פאַרמלחמהדיקן וואַרשע. זיין גרויס מאָנגאָליש־יידיש פּנים, ציגיינערישע אויגן און לאַנגע, געדיכטע קודלעס האָר, וואָס האָבן געגרייכט אַזש ביז צום האַלז, דאָס שטענדיקע רויכערן אַ פּאַפּיראָסל און פּאַרטועין ברומען אַ מעלאָדיע — ווער אין וואַרשע האָט אים נישט געקענט? דיריגענט פון גרויסע יידישע כאָרן, אַליין אויפגעפירט אָראַטאָריעס, די ניינטע סימפּאָניע בעטהאָווענס, קאָמפּאָנירט מוזיק צו יידישע פאָלקס־לידער. אַ שטורמישער, ברוזיזקער, געלעבט אין אַ וועלט פון קלאַנגען און אין אַ סביבה פון שיינע פּאַרערינס, אָבער אויך געוווסט דעם טעם פון דחקות.

אין ביאַליסטאָק, יאָר 1940, ביי די סאָוויעטן, האָט שניאור זיך געפילט גוט און דערהויבן. ער האָט נישט באַדאַרפט זאָרגן וועגן חיונה און אויך נישט וועגן אַ לאָקאַל ווו צו מאַכן רעפּעטיציעס מיט זיין נייעם כאָר. עס האָט אים געשמייכלט די אויפמערקזאַמקייט און גוטע באַציאונג מצד די סאָוויעטישע קונסט־טוער, וואָס זיינען געהאַט אָהערגעקומען פון מינסק און מאָסקווע. איינמאָל האָט ער באַדאַרפט אויפטרעטן מיט זיין כאָר פאַר דעם ראַדיאָ, מיט רוסישע און יידישע לידער. שניאור האָט דעמאָלט עקסטאַטיש געשיינט, ווי אַ טריאומפאַטאָר איז ער געשטאַנען מיט זיין דיריזשאָר־שטעקעלע און אַרויסגעכישופט טענער פון דעם כאָר.

ביים אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה איז שניאורן געלונגען צו עוואַקוירן זיך אין טיפן הינטערלאַנד, אין סאָוויעטישן מיטל־אַזיע. דאָ האָט ער שוין געליטן הונגער און נויט, ווי סרוב „ביעזשענצעס", געגאַנגען אַרום אָן אַפּגעריסענער, שמוציקער, געקראָכן אויף די באַזאַרן, ביי די טישלעך פון גרינוואַרג און פּרוכטן, געזוכט אַ שטיקל מייער אויף דער ערד, געזוכט באַקאַנטע, וואָס וועלן אים אפשר מכבד זיין מיט אַ טאָמאַט, אַן עפּל. אויף די באַזאַרן אין אַזיע איז דאָך אַ מנהג, אַז יעדער קונה מעג פאַרזוכן עפּעס פון דעם וואָס ער גייט קויפן. האָבן די הונגעריקע פּליטים דאָס אויסגענוצט, גענומען עפּעס ביי די טישלעך אויף צו פאַרזוכן, מכלומרשט אַז זיי גייען דאָס קויפן. אָבער די הענדלער זיינען גיך געוואָר געוואָרן פון דעם אויפטו, איז ווען עס איז ווער צוגעקומען פון די פּליטים — די אומזיסטע פאַרזוכער — צו דערקענען זיי איז נישט געווען שווער — האָבן יענע געהאַלטן צוגעגרייט שטעקעלעך און יעדן בעלן אויף אומזוסטן פאַרזוכן — דערלאַנגט איבער די הענט. אויך שניאור האָט נישט איינמאָל באַקומען מיט אַזאַ שטעקעלע איבער די הענט, אָבער אויפגערעגט האָט אים נישט דאָס שלאָגן איבער די הענט — נאָר דאָס שטעקעלע גופא... עס האָט געפלעגט טרעפן אַז אַ פּליט, נישט קוקנדיק אויף די קלעפּ, האָט געכאַפּט אַ מייער, אַ טאָמאַט, אים גלייך אַריינגעכאַפּט אין מויל אַריין און אַנטלאָפן. אויך שניאור האָט איינמאָל עפּעס צוגעכאַפּט ביים טישל, אָבער נישט קיין מייער, נישט קיין טאָמאַט — נאָר דער פאַרקויפערינס שטעקעלע! ער האָט עס געכאַפּט און דערמיט אַנטלאָפן. האָבן אים די הענדלער נאָכגעיאָגט, איז ער אומגעפאַלן, האָבן זיי ביי אים אַרויסגעריסן דאָס שטעקעלע. דאָס איז זיי לייכט אָנגעקומען נאָר מחמת דעם, וואָס שניאור האָט שוין נישט געהאַט מער קיין כוח זיך צו ווערן. די הענדלער זיינען צוריק צו זייערע טישלעך, נאָר שניאור איז שוין געבליבן ליגן. ער איז שוין קיינמאָל מער נישט אויפגעשטאַנען.

צווישן אונזער עולם איז זיך שנעל צעגאַנגען די ידיעה. מען האָט איבערגע־געבן די קליינע פּאָר פּרטים וועגן זיין טויט אויפן באַזאַר. קיין כאָר זיינס האָט שוין נישט עקזיסטירט, וואָס זאָל נאָך אים זינגען אַ טרויער־ליד.

דער הונגער און טיפוס שניידן מיט קאָסעס די רייען פון די פּליטים און ניצול־געוואָרענע. דער מלאך־המות יאָגט, לויפט נאָך יעדן איינעם, מען מוז זיך ראַטעווען, ראַטעווען!

קאַפּיטל ג

איך אַרבעט אַלס רעכנפירער אין קאָלכאָז „קאָמסאָמאָל״. דער בוכהאַלטער איז וואָרקול פון כערסאָן. דער „ראַיסי״ (פּאָרזיצער) פון קאָלכאָז, איסאַיעף, האָט דרך־ארץ פאַר וואָרקולן, ווייל אין אַלעם איז ער געניט, האָט אויך אָנזען אין די שטאָטישע אַמטן.

אין די יונגע יאָרן איז וואָרקול געווען אַ שוסטער, אַ שערער, פריזירער, אין די אָוונטן זיך געלערנט אויף בוכהאַלטעריע־קורסן. ער האָט אַ צייט געאַרבעט אויפן דאָרף און געוואָרן אַן אינספּעקטאָר איבער קאָלכאָזן. וואָרקול איז אַ סאָלי־דער, געוויסנהאַפטער באַאַמטער. ער דאַרף דאָ דורכקאָנטראָלירן אַלע פריערדיקע חשבונות, ווייל דער פריערדיקער פאָרזיצער איז באַגאַנגען מיסברויכן, איז דערפאַר פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און וואַרט איצט אויף אַ באַגנעדיקונג פון וויער־כאָווני סאָוויעט (אויבער־ראַט). דער נייער פאָרזיצער, איסאַיעף, וואָלט וועלן, אַז וואָרקול זאָל אויסגעפונען אין די חשבונות וואָס מער מיסברויכן, אָבער וואָרקול איז אַ סאָלידער און געוויסנהאַפטער מענטש, ער איז פולשטענדיק אָביעקטיוו.

דער אוזבעק איסאַיעף איז אַן אַלטער פּאַרטיי־מיטגליד. ער שטאָלצירט דער־מיט און שטרייכט עס אָפּט אונטער. נאָר איינמאָל האָט ער דערציילט וועגן דעם, אַז אין יאָר 1937 איז ער געווען אַרעסטירט, מען האָט אים חושד געווען אין טראָצקיזם, נאָכן אָפּזיצן צוויי יאָר האָט זיך אַרויסגעוויזן דער אמת און מען האָט אים באַפרייט.

ביי וואָרקולן פרעגט ער נישט נאָר וועגן קאָלכאָז־ענינים, נאָר אויך וועגן אי־דעאישע און פּאָליטישע פראַגן. איסאַיעף איז קנאַפּ באַהאַוונט אין די פּראָבלעמען. צו זיין אָפּטן וויץ געהערט דאָס זאָגן:

— אין לענינען איז דער אמת! —

דערביי נעמט ער אַרויס אַ טשערוואָניעץ (צען־רובל־באַנקנאָט) וועיזט אָן אויף לענינס בילד אויף דעם באַנקנאָט און חזרט איבער נאָכאַמאָל: „אין לענינען איז דער אמת!״ דערמיט מיינט ער צו זאָגן, אַז נאָר אין געלט ליגט דער אמת. ער צעלאַכט זיך דערביי און גיט באַלד צו:

— דאָס איז נאָר אַ וויץ!

ווען ער האָט איינמאָל געזעען ווי איך רעכן צונויף עטלעכע לאַנגע קאָלומנעס ציפערן במשך איין מינוט, האָט ער מיך באַטראַכט מיט גרויס חידוש, געקלאַפּט מיר איבערן פּלייצע און דעם קאָמפּלימענט געזאָגט צו וואָרקולן:

— אייער געהילף־בוכהאַלטער רעכנט גאָנאַל. קאַרל מאַרקס האָט אוודאי אויך געמוזט קענען אַזוי שנעל רעכענען.

אין דעם קאַלכאַז האָב איך זיך געהאַט פאַרהעלטנישמעסיק נישט שלעכט. דער לוין איז געווען אַ נישטיקער, 200 רובל אַ חדוש, נאָר איך האָב געקאָנט דאָ עסן פּרוכטן וויפל כ'וויל נאָר אַליין.

וואָרקול האָט דאָ באַקומען אַ באַזונדער צימערל און דאָ געוווינט מיט זיין פרוי. זי האָט גאַנץ אָפט מיך פאַרבעטן מיטצוהאַלטן מיט זיי מיטאָג. מערסטנס פלעג איך אָפּזאָגן, אָבער אַ צוויי־דריי מאָל אין וואָך האָב איך ביי זיי געגעסן. זיין פרוי ציפּע, וואָס איר גאַנצע הנאה אין לעבן איז געווען נאָר טוען גוטס פאַר ליי־דנדיקע, זי האָט זיך דאָס געהאַט געפּאָרעט ביי מיר, געגעבן עסן, איינגעגעבן רפו־אות, בשעת איך בין געקומען פון קאַלכאַז „אכון באַבאַיעף", אַ טיפוס־קראַנקער, געלעגן ביי דעם בלינדן בוכאַרער ייד. איצט, ווען אירע צוויי זין זיינען אויפן פראָנט, איז זי נאָך מער גוטהאַרציק און גרייט מיטצוהעלפן יעדן באַדערפטיקן מיט וואָס נאָר זי איז אומשטאַנד. נאָר איין סיבה האַלט מיך אָפּ פון צו אָפטן זיין ביי זיי צוגאַסט:

זי, און נאָכמער איר מאַן, האָבן אַ באַזונדער פאַרגעניגן אָפּצוחוזקן פון די פּוילישע יידן. אפילו אויף שמאַיעוויטשן, וואָס איז זייערס אַ גאָר נאָנטער פריינט, זיי קענען אים נאָך פון כערסאָן, האָבן דאָ געשעפטן מיט אים, בשותפות פאַרדינט ביים „מאַכעריי" אין שטאָטראַט און מליץ ביים איינמעלדן עוואַקואירטע, אפילו אויף אים, בערעלע שמאַיעוויטש, רעדן זיי אויך אויס. אַז ער איז אַ פאַלשער, אַן אָפּנאַרער — ווי געוויינלעך אַלע פּוילישע. נאָר די אוקראַאינישע יידן — זאָגן זיי — זיינען די סאַמע בעסטע און פיינסטע.

איך האָב גאָרנישט קעגן די אוקראַאינישע יידן, אדרבא, נאָר איך וויל פאַר־טיידיקן דעם כבוד פון די פּוילישע יידן. עס זיינען פאַראַן שלעכטע און גוטע, פאַלשע און ערלעכע, מען טאָר נישט האָבן קיין פאָראורטיילן לגבי יידן פון דער אָדער יענער געגנט, לאַנד.

זיי האַלטן זיך אָבער ביי דאָס זייעריקע, וואָרפן אַריין אַ פּאָר נייע שטעכ־ווערטלעך. איך ווייז זיי אָן אויף משה ביעדערקאָ, משה לויפּגאַס, וועלכער אַרבעט טאַקע איצט אין דעם קאַלכאַז אַלס שמיד. זיי זיינען מסכים אַז עס זיינען פאַראַן אויך אָרנטלעכע, נאָר ווייניק, דער רוב פּוילישע יידן טויג צו גאָרנישט. איך ענט־פער זיי שוין אַביסל שאַרף:

— די הענט זיינען ביי אייך פון יעקבן, אָבער דאָס קול פון — עשיו.

איך האָב זיי אויף אַן אמת צו־גראָב באַליידיקט. זיי פילן זיך געטראָפן און איך פיל זיך אַביסל שולדיק, קום איך שוין צו זיי אינגאַנצן נישט אַרויף עסן מיטאָג.

איך מוז אָבער סיווי אַוועק פון דעם קאַלכאַז. עס איז דריי קילאָמעטער הינטערן שטאָט, די פיס זיינען ביי מיר אַלץ נאָך געשוואָלן, עס איז מיר שווער צו גיין יעדן טאָג זעקס קילאָמעטער. דאָס האַרץ איז אָפּגעשלאַפט און איך שלאָף אָפט איין אין מיטן דער אַרבעט. איך האָב דאָ געאַרבעט צוויי חדשים. אינגיכן האָב איך מיר אויסגעפונען אַ נייעם פּאָסטן, אַלס נאַכט־וועכטער אין אַ פּויליש קינדער־הויז.

קאַפּיטל ד

דער פּוילישער קאָמיטעט האָט שוין געטיילט ממשותדיקע הילף. יעדן חודש האָט מען געקראָגן אַ קילאָ, אָדער צוויי, מעל, אַביסל צוקער, עטלעכע גראַם טרו־

קענע טיי און אַ שטיקל זייף. מען האָט אויך געגעבן אַ קליינע געלט־שטיצע פון 50—75 רובל און אויך מלבושים. די הילף האָט טיילווייז אויפגעריכט די טויזנ־טער אויסגעמוטשעטע און פאַרהונגערטע פּליטים. עס האָט אויך צוגעגעבן מוט צום אויסדויער. עס האָט שוין זעלטן ווער פון די פּוילישע געהאַנדלט אויף די באַ־זאַרן. עס זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן ריזיקירט צו פאָרן אין די ווייטע שטעט, איבערפירן פּראָדוקטן, מלבושים, לעדער, טיי, מאַכאָרקע. זיי האָבן געמאַכט גרויסע געשעפטן, אַנגעקליבן היפּשע ריווחים, אָבער מערסטנס פון זיי זיינען אַריינ־געפאַלן אין די הענט פון דער מיליץ, געפּטרט דעם ריווח, די פרייהייט און אָפט־מאָל אויך דאָס לעבן.

אונזער שכן, סרוליק, אַ יונג אַן איינרייסער, אַ באַרימער, ביי זיך אין שטעטל איז ער געווען אַ קצב, אַ ייד מיט אַ לאַנגער, רויטער באָרד, געהאַט אַ ווייב און זעקס קינדער, איז ער אין לאַגער געוואָרן אַ „מענטש״, אָפּגעגאָלט די באָרד, צוריק געוואָרן אַ יונגערמאַן און דווקא אין לאַגער געמאַכט אַ לעבן. ער איז ערשט אַלט צוויי־און־דרייסיק יאָר. ער איז הויך, געזונט, שיין, פלינק און כיטרע. איז ער אין לאַגער שנעל געוואָרן אַ בריגאַדיר. האָט ער שוין אַליין נישט באַדאַרפט אַרבעטן, נאָר אָנגעפירט מיט אַן אַרבעטס־קאָלאָנע. ער האָט לייכט געקענט שליסן באַקאַנט־שאַפט, גיך דערשנאַפּט די קונץ פון „פּאָ בלאַטו״, ווערן „בלאַט״ מיט נאַטשאַל־סטווע, געבן און נעמען כאַבאַר, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו ווערן דאָרט דער ברויט־מאַגאַזינער. ער האָט געמאַכט דערביי אַ שיין ביסל געלט, אייגנטלעך נאָר זאַכן, וואָס ער האָט באַקומען פון די אַרעסטאַנטן. די זאַכן האָט מען אַרויסגעשיקט דורך די לאַגער־באַאַמטע צו פאַרקויפן אויף דער פריי. פּרנסה איז געווען ביז איי־בערן מויל. דערנאָך איז ער געוואָרן קולטור־לייטער אין זיין בריגאַדע. אַליין קען ער זיך נישט אונטערשרייבן, ער שעמט זיך נישט דאָס מודה צו זיין, ער באַרימט זיך אפילו דערמיט. ער שווערט זיך:

— יידן, אויף נעמאָנעס, זאָמיר אַזוי זיין געזונט און שנעל פּטור ווערן פון פּאָניען, ווי איך האָב נישט געוווסט און ווייס נאָכנישט עד היום וואָס עס הייסט אַזוינס „קולטור״.

סרוליק האָט זיך דאָ שנעל באַקאַנט מיט די בוכאַרער יידן. ער קויפט אין גע־היים אַ קו, אַ קעלבל, האָט אויסגעפונען אַ שוחט און יעדע פּאָר נעכט שעכט מען אַ בהמה. ער פאַרדינט שטיקער געלט. ער האַנדלט אויך מיט בראָנפן. אָפט טרינקט ער אַליין אויס אַ פלעשל. ער וווינט צוזאַמען מיט אַ חבר אין אַ קליין, לײמיק שטיבל, וווּ עס איז פאַראַן נאָר אַ פּריטשע און אַ בעט. נישטאָ קיין נאַכט, אַז ער זאָל זיך נישט אַריינגעמען איינע אָדער צוויי פרויען. יעדן אינדערפרי לויפט ער צו אונז אַריין און שלעפּט אונז אין זיין שטיבל אַריין:

— קימץ, וועט עץ אַ קוק טוען וואָסערע „ליאַלקעלעך״ יעך האָב געהאַט די נאַכט. עס קאָסט מיך נאָר איין לעפּיאָשקע, דאָס איז דער פּרייז. ביי מיר זיינען אַלע גלייך, גלייביץ מע, אַז איך טו אין זיי אַ מצווה, איך דערהאַלט זיי ביים לעבן. זיי עסן, נעבעך, מיט אַזאַ אַפּעטיט, אַז דאָס האַרץ שניידט פון רחמנות.

מיר זיינען נישט אַריינגעגאַנגען באַקוקן זיינע „ליאַלקעלעך״. מיר האָבן זיי געזען אַרויסגיין פון זיין שטיבל, באמת יונגע און שיינע פרויען. מיט איינער איז ער אַמאָל אַריינגעקומען צו אונז:

— נאַץ ענק, רעדץ מיט איר, זי איז שיין ווי גאָלד, נאָר זי קען נישט קיין יידיש, זי איז עפּעס פון ענקער בראַנזשע.

זי איז אַ יונגע יידישע מאָלערין פון לענינגראַד. זי האָט שוין אויך געשפּילט קליינע ראָלן אין פילם, זי לערנט הי אין דער קונסט־שולע. איר פאָטער, אַ באַקאַנטער מאָלער, האָט מען איינגעזעצט אין יאָר 1937 און פון דעמאָלט אָן איז ער פאַרפאַלן געוואָרן. די מוטער אירע איז לעצטנס געשטאָרבן אין לענינגראַד פון הונגער.

סרוליק האָט געהאַט אַ סך אַזעלכע ענלעכע קרבנות אויף זיין ליבע־מזבח. צום לעצט האָט ער אַריינגעקראָגן אַ יונגע פּריילין, ווייל ער זי שוין נישט אַרויסלאָזן. ער וועט מיט איר ווינען, אפילו חתונה האָבן. ער האָט זיך מיט איר באַקענט אויף דער גאַס, ווען זי איז גראָד אַרויס פון שפּיטאָל נאָך אַ טיפוס. זי האָט נישט געהאַט וווּ צו נעכטיקן און נישט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה. דעם טעם פון טיפוס ווייסט ער אַליין אויך גוט, ער און זיין חבר האָבן אויך שוין דורכגעמאַכט דאָ די קרענק. זי איז אַ יונג יידיש מיידל פון ריגע, אַ טאָכטער פון דעם רייכסטן סוחר דאָרט, דערצווינגן געוואָרן דורך אַ גוווערנאַנטין, רעדט עטלעכע אייראָפּעאישע שפּראַכן. זי איז אַן איידעלע, סובטעלע פרוי. זי וועט שוין בלייבן ביי אים. ער וויל אפילו אַז זי זאָל אים האָבן אַ קינד. ער האָט געשטעלט מיט איר אַ חופּה.

אַ טאָג נאָכדעם האָט מען אים געכאַפּט ביים שעכטן אַ קעלבל, מען האָט אים, זעט אויס, אונטערגעמסרט.

און אָט זעט מען שוין דעם זעלבן סרוליק אויף דער גאַס אַלס אַרעסטאַנט, ער מיט נאָך אַן אַרעסטאַנט טראָגן אַ קעסל זופּ. ער איז שוין צוריק באַוואַקסן מיט אַ רויטער באָרד. ער גייט איינגעבויגן, געבראָכן, מיט אויסגעלאָשענע אויגן.

דאָס ווייב און דער חבר זיינער האָבן אַלץ געטאָן, „געשמירט" ווו מען האָט באַדאַרפט. זיי האָבן זיך געריכט אַז ער וועט באַפרייט ווערן. אין עטלעכע חדשים אַרום קומט פאָר דער פּראָצעס אין אַלטשטאָט. מען וואַרט אויף דעם אַרעסטאַנט אַ שעה, צוויי, ער קומט נישט. עס קומט אַ שליח פון דער מיליץ און רוימט עפּעס איין אינם אויער דעם פאָרזיצער פון געריכט, דער פאָרזיצער שטעלט זיך אויף און מעלדעט, אַז דער פּראָצעס וועט נישט פאָרקומען, ווייל דער באַשולדיקטער האָט צוליב אַ טעכנישער סיבה נישט געקאָנט קומען צום געריכט.

אין אַ שעה אַרום האָט מען שוין געוווּסט וואָס עס איז די „טעכנישע סיבה"

— סרוליק איז היינט געשטאָרבן אין אַרעסט.

איז מיט ספּעקוליאַנטן צווישן די פּליטים ווערט וואָס אַמאָל ווינציקער. אַלע באַמיען זיך צו אַרבעטן. ווייבנבערג פון קוראָוו אַרבעט ביים האָקן שטיינער. אַ יונגע פרוי, וואָס האָט פריער געהאַנדלט מיט לעפּיאָשקעס, פאַרקערט איצט די גאַסן, אַנדערע וואַשן פאַדלאָגעס אין די טשאַיכאַנאַס, אָבער מערסטנס אַרבעטן אין די פאַבריקן און אַרטעלן. די אינטעליגענץ פאַרנעמט פּאָסטנס אַלס נאַכטוועכטער. מען האָט שוין געוווּסט, אַז פרעגט מען איינעם ביי וואָס ער אַרבעט און יענער ענטפערט: „אַ נאַכט־וועכטער!" — פרעגט מען באַלד יענעם צוריק:

— זענט איר היסט עס, אַן אַדוואָקאַט, אָדער אַן אינזשעניער?

און דאָך האָבן רוסישע בירגער אונז מקנא געווען דערמיט, וואָס מיר זיינען פּוילישע בירגער, האָבן פּוילישע פּאַספּאָרטן, ווערן נישט גענומען אין דער אַרמיי און מיר באַקומען צוגעטיילט פון פּוילישן קאָמיטעט אַזעלכע לייטישע מלבושים און פּראָדוקטן!

קאַפּיטל ה

— ק—אַ—ר—אַ—ב—טש—ו—ק!

אַ געשריי אין מיטן דער נאַכט. די פּוילישע קינדערהיים איז אין עק שטאָט. איך שטיי איצט אויף מיין וואַך־פּאָסטן פאַר׳ן הויז. נעבן מיר קניט אַ גרויסער הונט. ער קומט בייטאַכט צו לויפן דאַ אַהער פון אַ שכנותדיקן קאָלכאָז. איך גרייט אים צו עטלעכע ביינער און אַביסל עסן פון קיך, זיצט ער שוין אָפּ נעבן מיר ביז פאַרטאָג. מיט אים איז היימלעכער. איך רעד צו אים אַ פּאָר יידישע ווערטער און מיר דוכט זיך אויס, אַז ער פאַרשטייט.

די קינדערהיים ליגט אויף אַ בערגל, אַרומגערינגלט מיט פעלדער און גערט־נער, איז ווייט פון די אוזבעקישע הייזלעך. אויף די פעלדער און אין די גערטנער דרייען זיך אַרום אוזבעקישע וועכטער, באַוואָפנט מיט יאַגד־ביקסן און פון צייט צו צייט הערן זיך איינצלנע שאָסן. צו דעם בין איך שוין געווען צוגעוווינט. נאָר איצט פאַרהילכט די לופט און צערייסט די פינצטערניש אַן אומהיימלעך געשריי. דאָס געשריי קלערט זיך אין חלל און אַן עכאָ פאַרפילפאַכט עס:

— ק־אַ־ר־אַ־ב־טש־ו־ק! קאַררראַבבבטשוווקקק!

שאַרף און שפּיציק איז דאָס קול פון די פרויען. דעם לעצטן זילב „טשוק”, ציען זיי אויס לאַנג, ווי זיי וואָלטן געוואָיעט. דער הונט איז אויפגעשפּרונגען, אויך זיך צעוואָיעט און געלאָפן אין דער ריכטונג פונוואַנען ס׳טראָגט זיך דער ליאַרם. אין פלוג האָב איך געמיינט אַז עס האָט ערגעץ אויסגעבראָכן אַ שׂרפה, אָדער מען שעכט קינדער. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווסט, אַז דאָס וואָרט „קאַראַב־טשוק” מיינט — גנבים.

מען האָט אָנגעצונדן פאַקעלן, אוזבעקן זיינען זיך צונויפגעלאָפן פון אַלע זייטן, די פרויען האָבן נאָך אַלץ געליאַרעמט „קאַראַבטשוק!” און עס האָבן זיך געהערט שאָסן. אַ שעה האָט אוודאי געדויערט ביז עס איז שטיל געוואָרן. באַלד האָבן די אוזבעקן דורכגעפירט די אַכט געכאַפּטע רוסישע גנבים. זיי זיינען גע־גאַנגען מיט די הענט פאַרבונדן, צעקלאַפּטע און צעבלוטיקטע. זיי האָבן זיך גע־זידלט און געשריגן צו די באַגלייטער:

— אישאַקי! (אייזלען) איר האָט נישט קיין רעכט צו שלאָגן! אויב איר שלאָגט, טאָ פירט נישט אין מיליץ! אונזערע יאַטן וועלן אין אייך נקמה נעמען!

די אוזבעקן האָבן זיך נישט גערעכנט מיט דעם גנבים־רעגולאַמין און זיי ווייטער געמקלט. זיי האָסן די רוסישע גנבים. זיי האָבן פאַראומרייניקט זייער לאַנד. אַמאָליקע צייטן זיינען אוזבעקישע קראָמען געשטאַנען אָפן אויך בייטאַכט, קיינער האָט גאָרנישט גערירט. אַ פאַל פון גנבה האָט געקאָנט טרעפן איינמאָל דורך צענדליקער יאָרן. האָט מען געכאַפּט אַזאַ גנב, האָט מען אים אַרויפגעפירט אויפן טורעם פונם הויכן רעגיסטאַן, אים אָנגעהאָנגען אַ זאַק מיט שטיינער אויף די פּלייצעס, פאַרבונדן אַרום די הענט און אים אַראָפּגעשליידערט אויפן מאַרק.

די אוזבעקן לאָזן אַצינד אויס זייער כעס פאַר אַ סך עוולות און זיי שלאָגן מיט רציחה די געכאַפּטע גנבים. דאָס אוזבעקישע קליינוואַרג לויפט נאָך און באַ־וואַרפט זיי מיט שטיינער. די גנבים שרייען נישט, קרעכצן נישט, נאָר זידלען:

— אייזלען, אין אייערע זונהשע מאַמעס!

די פלאַמענדיקע שטורקאַצן צינדן אונטער די חשכות פון דער נאַכט. די פּיי־ערן רייסן זיך מיט רעוואָלט און נצחון.

מיר ווערט אַצינד ערשט רעכט אומהיימלעך. איך שטיי דאָ יעדע נאַכט אויף דער וואַך, בין נישט באַוואָפנט, אין האַנט האָב איך בלויז אַ שטעקן. אינם מאַגאַזין פון קינדערהיים ליגט אַ סך שפּייז, קלענערע מאַגאַזינען ווערן ביינאַכט באַפאַלן און באַרויבט. די גנבים זיינען מערסטנס באַוואָפנט. ווי אַזוי וועל איך מיר אַן עצה געבן בשעת אַזאַ עווענטועלן איבערפאַל?

יעדן פאַרנאַכט, ווען מען פירט אַהיים די קינדער, וועלכע האָבן דאָ עלטערן (נאָר קיילעכיקע יתומים בלייבן דאָ נעכטיקן), מוזן זיי באַגלייט ווערן פון אַ לערערין און וועכטער. עס איז נאָכנישט געווען דער פאַל, אַז עס זאָל איינמאָל דורכגיין רו־איק, שטענדיק ווערן די קינדער באַוואָרפן מיט שטיינער דורך דעם אוזבעקישן קלייגוואַרג. די לערערין און איך מוזן אַוועקטרייבן די קינדער־כוליגאַנעס, מיר בעטן אָפּט ביי די עלטערע אוזבעקן, אַז זיי זאָלן אויסמוסרן זייערע קינדער, נישט לאָזן זיי וואַרפן קיין שטיינער, אָבער זעלטן פּועלט מען עפּעס. יעדעס מאָל ווערן עטלעכע אונזערע קינדער פאַרוואונדעט. די קליינע אוזבעקלעך האָבן פיינט די פּוילישע קינדער, ווייל זיי גייען אָנגעטאָן אין בעסערע מלבושים, באַקומען צוגעשיקט פון אַמעריקע אָנטועכץ און עסן.

אַלע אייראָפּעאישע פּליטים ווערן אָנגערופן דורך די אוזבעקן — „האַלאַ־האַלאַ!״. עס איז געוואָרן אַ שפּאָט־וואָרט.

די פּוילישע קינדערהיים איז דאָ ווי אַן אינזל, אַרומגערינגלט מיט קנאה און שנאה פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג.

איך בעט ביי דער ליטונג פון קינדערהיים אַוועקצושטעלן אויף ביינאַכט נאָך אַ וועכטער, אינצווייען וועט עס פאַרט זיין לייכטער, זיי זאָגן אָפּ. זיי לייגן מיר פאָר, אויב איך וויל, גיין אַרבעטן אַלס וועכטער אין פּוילישן שפּיטאָל ביים וואַקזאַל. דאָרט — זאָגן זיי — איז זיכערער. אָבער איך זאָג אָפּ. איך וויל בלייבן דאָ, איך האָב דערצו אַ באַזונדערע סיבה.

קאַפּיטל ו

אין דער קינדערהיים זיינען פאַראַן אַכציק קינדער, בלויז צוויי קריסטלעכע און די רעשט — יידישע. די לייטערין איז פרוי ב. פון קראָקע, אַן אינטעליגענטע לערערין, אָבער גענצלעך אַסימילירט. אַסימילאַציע איז אויך איר אידעע, זי רודפט די קינדער אויב זי הערט רעדן אַ יידיש וואָרט. זי האָט איינמאָל אָנגעטראָפן פאַר־נאַכט אַ גרופּע עלטערע יונגלעך, יתומים, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ באַזונדער צימערל און צוזאַמען דאָרט אָפּגעזאָגט קדיש. די פרוי ב. האָט זיי באַשטראָפט מיט דריי טעג נישט צולאָזן זיי צו די גימנאַסטישע איבונגען.

די יונגלעך האָבן זיך אַן עצה געגעבן, זיי זיינען יעדן פאַרנאַכט אַוועק אַביסל ווייטער פון דעם הויז, זיך פאַרבאַהאַלטן הינטער אַ בערגל און דאָרטן אָפּגעזאָגט קדיש.

ווען איך בין דערפון געוואָר געוואָרן, האָב איך אינטערווענירט ביי פרוי ב., איר אפילו אַריינגעזאָגט אַ פּאָר שאַרפע ווערטער און געוואָרנט, אַז איך וועל די

זאָך נישט פאַרשוויגן. איך וועל זאַמלען אונטערשריפטן ביי די פּליטים און זיך אויך ווענדן מיט אַ פּעטיציע צום באַפולמעכטיקטן פון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע. מיר וועלן אַפילו פאָדערן, אַז עס זאָל איינגעפירט ווערן דער לימוד פון יידיש (העברעאיש האָט מען נישט געטאָרט אַפילו דערמאָנען, ווייל עס וואָלט פאַרבאָטן געוואָרן דורך דער מאכט) און יידישע געשיכטע.

דערווייל, ביז וואָס־ווען, האָב איך יעדן טאָג צונויפגענומען אַ קליינע גרופּע פון די עלטערע יונגלעך און געשמועסט מיט זיי וועגן יידישע ענינים, געשיכטע, שפּראַך און ליטעראַטור.

מיין אַמט אַלס וועכטער דאָ האָב איך באַקומען פונם באַפולמעכטיקטנס פאַר־טרעטער אַליין — פון אינזשיניער פּיביך. דורך די עטלעכע חדשים עקזיסטענץ פון די פּוילישע הילף־פּלאַצוווקעס, האָט אויפגעבליט אַזאַ שענדלעכער סיסטעם פון פּראָטעקציאָניזם, קאָרופּציע, חניפה און אינטריגע, ווי עס וואָלט שוין געווען אַן אַלטער, לאַנגיעריקער, באַאַמטן־אַפּאַראַט, וואָס איז שוין דורכגעפרעסן מיט אַלע אייגנשאַפטן פון אַ דעגענערירטער ביוראָקראַטיע.

אַלע פאַרוואַלטערס, לייטערס, בוכהאַלטערן, מאַגאַזינערן, לערער, האָבן באַ־דאַרפט וויסן, למשל, ווען עס איז דער געבורטסטאָג פונם באַפולמעכטיקטן — מאַגיסטער נאָוואַצקי, פון זיין פרוי, כדי אים צו שיקן מתנות און באַגריסונגען. ווען ער איז געקומען מיט זיין פרוי און אַ גאַנצן שטאַב באַאַמטע אויף אַ וויזיט אין די קינדערהיימען, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ טריאומף־טויער, די קינדער אויסגעשטעלט אין רייען און זיי האָבן אויפגענומען די געסט מיט אַ באַגרי־סונגס־ליד.

נאָוואַצקי, אַ מאַגיסטער־יורי פון ווילנע, האָט זיך געפירט מעשה־פּרעזידענט און אויפגענומען דעם פּאַראַד און צוגעטיילט כבוד לויט אַלע צערעמאָניאַלע מנה־גים. אַזוי פּאָמפּיעז און אָנגעבלאָזן האָט זיך אויך געהאַלטן זיין פאַרטרעטער, אינזשיניער פּיביך, מיט וועלכן איך בין געווען באַפריינדעט נאָך פון פּאָסיאָלעק.

די פּוילישע מאַגאַזינען זיינען שוין געווען דעמאָלט אָנגעפולט מיט פּראָ־דוקטן און מלבושים. יעדער פּוילישער בירגער האָט שוין באַקומען עטלעכע קילאָ פּראָדוקטן אַ חודש. אַלנפאַלס אויף איין וואָך אין חודש איז מען שוין געווען פאַרזאָרגט מיט עסן. די באַאַמטע אָבער זיינען שוין געווען פאַרזאָרגט מיט פולן אויסהאַלט, אַלנפאַלס פאַר יענער צייט און באַדינגונגען. עס איז שוין נישט אויס־געקומען צו הונגערן. זיי זיינען אויך געוואָרן בעסער באַקליידט ווי די רעשט פּוי־לישע פּליטים. אָפיציעל האָבן אַלע באַאַמטע באַקומען גלייכע פּאַיאָקן, עס זיינען אָבער געווען ספּעציעלע צוגאָב־פּאַיאָקן, וואָס דאָס האָבן שוין באַשטימט דער באַ־פולמעכטיקטער און זיין פאַרטרעטער, לויט זייער אייגענעם איינזען, וועמען יאָ און וועמען נישט.

אינזשיניער פּיביך האָט אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג ביים וואָקזאַל, אַלס בוכהאַלטער ביי אים האָט געאַרבעט פּראַשקער און אַלס מאַגאַזינער — שאַפּיר. אָט די דריי פון אונזער פּאָסיאָלעק, וועלכע האָבן גלייך ביים אָנקומען אַהער קיין סאַמאַרקאַנד זיך געפּאָרעט צוזאַמען און שוין פאַרגעפּילט, אַז זיי וועלן זיין אָנ־פירער פונם פּוילישן פּונקט.

אָנצוקומען צום אינזשיניער פּיביך האָט מען באַדאַרפט אָפּשטיין אין אָטשע־רעד אַ האַלבן טאָג. איך האָב גענאָסן פון דער באַקאַנטשאַפט מיט אים, אַריינגע־

שיקט אַ צעטעלע דורכן באַדינער און גלייך געוואָרן צו אים צוגעלאָזט. איך האָב זיך געמאַכט אַ היתר צו גענומען פון דער פּריווילעגיע, ווייל נאָכן טיפוס איז מיר שווער געווען לאַנג צו שטיין אויף די פיס. (אין אמתן זיינען אַזעלכע קראַנקע ווי איך געווען אין די הונדערטער).

פּיביך האָט מיר געוואָלט דעמאָלט געבן אַ פּאָסטן אַלס מאַגאַזינער אין אַ פּוילישן פּונקט אין אַ ראַיאָן, הינטער סאַמאַרקאַנד. איך האָב זיך דערפון אָפּגע־זאָגט. דער נאָמען „מאַגאַזינער" איז שוין דעמאָלט געווען קאָמפּראָמיטירט. מען האָט געהאַלטן אַז די מאַגאַזינערן פון די פּראָדוקטן און מלבושים באַגייען מיס־ברויכן, פאַרקויפן אויף לינק זאַכן אויפן שוואַרצן מאַרק אַרוים.

אויב דער מאַגאַזינער אַליין טוט דאָס נישט, פּירט זיך אויף פּינקטלעך, מוז ער פאַרשווייגן די גנבות פון זיינע געהילפן. באַזונדערס האָב איך מיר געהאַט פאַר־גענומען, אַז כּל־זמן איך וועל זיין אין רוסלאַנד, זאָל איך קיין אַנדערע, ווי שוואַר־צע אַרבעט, נישט אָננעמען. ווען אין סאַמאַרקאַנד איז געוואָרן טעטיק די אַלגע־מיינע שרייבער־סעקציע, בין איך אפילו נישט געגאַנגען אַהין נעמען קיין ברויט־קאַרטע, כאָטש איך האָב דעמאָלט געליטן גרויס הונגער. מען האָט שפּעטער אין דער שרייבער־סעקציע אויך פאַרטיילט פּראָדוקטן, צעטעלעך אויף מיטאָגן, האָלץ, איך בין אָבער איבער דער גאַנצער צייט קיין איינמאָל דאָרט אַהין נישט געגאַנגען. האָט מיר פּיביך פאַרגעלייגט דעם פּאָסטן אַלס וועכטער אין קינדער־היים, וואָס איך האָב גלייך, מיט פאַרגעניגן, אָנגענומען.

אין קינדערהיים האָבן אַלע באַאַמטע זיך באַצויגן צו מיר מיט טאַקט. עס האָט נישט געשפּילט קיין ראָלע וואָס איינער איז פּאַרוואַלטער און דער צווייטער אַ סטרוזש. עס זיינען אַלץ געווען מענטשן סרוב מיט העכערער בילדונג. אָבער דער עיקר, מיין איך, האָט אין דער באַציאונג צו מיר דעצידירט דאָס, וואָס איך בין גע־ווען פּראָטעזשירט פונם אינזשיניער פּיביך אַליין.

דעריבער האָט מיר אויך קיינער נישט געשטערט דעריין, ווען איך האָב יעדן פאַרנאַכט זיך אוועקגעשטעלט אינדרויסן מיט דער גרופּע עלטערע יונגלעך און געשמועסט מיט זיי וועגן יידישער געשיכטע, שפּראַך און ליטעראַטור.

צוהערער זיינען געווען ניין, נאָר איך האָב געהאַט פאַר די אויגן — צען. פאַר דעם צענטן צוהערער האָב איך צוגערעכנט מיין אייגן טעכטערל, וועלכע איז געווען פון מיר ווייט־ווייט, אויף דער דייטשער זייט. פאַר דער גאַנצער צייט פון דער צעשיידונג מיט איר, איז נישט געווען קיין איין טאָג, און אפשר אויך קיין איין שעה, אין וועלכער איך זאָל נישט געדענקען און בענקען נאָך מיין קינד. ווען איך האָב זיך צעשיידט מיט איר אין באַראַנאָוויטש, האָט זי שוין גערעדט אַ שיינעם און געשמאַקן ליטווישן יידיש. ביז אין עלטער פון דריי יאָר איז זי דערצויגן גע־וואָרן אין פּויליש, נאָכדעם האָב איך שוין שטענדיק גערעדט צו איר איןביידע שפּראַכן גלייכצייטיק, יעדן פּוילישן זאַץ איבערגעזעצט אויף יידיש, אָדער פאַר־קערט. עס איז איר אָבער אָנגעקומען שווער אַליין צו רעדן יידיש. חוץ איינצלנע ווערטער, ווען זי האָט זיך געוואָלט פאַר מיר באַווייזן און באַרימען. אין יאָר 1938, ווען זי איז אַלט געווען פינף יאָר, איז זי איינמאָל געהאַט צוריקגעקומען פונם גאָרטן מיט אַ געוויין. פּוילישע קינדער האָבן איר נאָכגעשריגן „זשידוווקאַ". ווייסט זי נישט וואָס דאָס באַטייט און וויל אַז איך זאָל איר זאָגן וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ מיאוס וואָרט „זשידוווקאַ". פון דעמאָלט אָן האָב איך אָפּט גענומען איר

פאַרלייענען פון תנ"ך, די מעשה וועגן יוספן, ווי עס פאַרקויפן אים די ברידער, וועגן דעם פאַרבלוטיקטן זיידענעם העמדל און אויך וועגן די גבורות פון שמשון הגיבור. איך האָב איר דאָס איבערגעזעצט אויף יידיש און פויליש. פון דעמאָלט אָן איז נישט אַדורך קיין טאָג, אַז זי זאָל מיך נישט צוציען פאַרן האַנט צו איר בעטעלע און פאַרן אַנטשלאָפן ווערן, געמוזט יעדעס מאָל איר אויפסניי דער־ציילן וועגן יוספן און שימשון הגיבור. אַ יאָר שפּעטער איז זי ווידער געהאַט גע־קומען פונם גאָרטן מיט אַ נייעס:

אירע חברטאָרינס האָבן איר דערציילט, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אין הימל. זיי האָבן איר דערציילט אַ סך שיינע זאַכן וועגן אים. זאָל איך איר זאָגן צי עס איז טאַקע דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. איך האָב זיך געקוועלט, געצעגערט מיט אַן ענטפער און צום סוף איר געזאָגט:

— טייל מענטשן גלייבן אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און טייל מענטשן גלייבן דערין נישט.

האָט זי מיך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט, אַרויפגעקוקט צו מיר און ווידער מיך געפרעגט:

— און דו, טאַטע, גלייבסט ?

בין איך שוין געווען אין נאָך אַ גרעסערער פאַרלעגנהייט, נאָך מער זיך גע־קוועלט מיט אַן ענטפער, אָבער פאָרט איר געזאָגט:

— איך — גלייב נישט.

האָט זי אַ טופּע געטאָן מיטן פוסל און וויינענדיק אַ געשריי געטאָן:

— און איך גלייב יאָ !

זי האָט מיך אַרומגענומען מיטביידע הענטלעך, בעטנדיק צו מיר אַרויפ־געקוקט. צוויי טרערעלעך זיינען פאַרשטאַרט געבליבן אויף איר פּנימל. זיי האָבן זיך מיר אויסגעוויזן ווי צוויי פרעג־און־אויסרוף־צייכנס:

— פאַרוואָס גלייבסטו נישט, פאַרוואָס ? !

אין יאָר 1940, אין אַ סביבה פון יידישע קינדערלעך, האָט זי זיך אויסגע־לערנט שוין פליסיק רעדן יידיש און דאָס האָרץ האָט מיר אָנגעקוואָלן פון יעדן איר יידישן וואָרט.

ווען איך בין געזעסן אין טורמע אין אַרכאַנגעלסק, האָב איך געציטערט אַז דער אויספאָרשער זאָל נישט אַמאָל געוואָר ווערן ווו עס וווינען מיין פרוי און קינד. כדי איך זאָל זיך מודה זיין, אונטערשרייבן און אויספירן דאָס אַלץ וואָס ער פאַר־לאַנגט פון מיר, זאָל ער נישט אַמאָל אַראָפּברענגען דאָ אַהער מיין פרוי און קינד, זיי מיר ווייזן פונדערווייטנס און טריאומפירנדיק אויסרופן:

„איצט וועסטו שוין אויספירן אַלץ וואָס מיר פאַרלאַנגען פון דיר !"

דעריבער האָט זיך מיר אין טורמע אַזוי אָפט געחלומט מיין פרוי און קינד. מיר האָט זיך אויך אויף דער וואָר אַ סך מאָל אויסגעדוכטן, אַז איך הער זייערע שטימען, זייער געוויין. אָט זע איך ווי די מאַמע זיצט און בלעטערט דעם אַלבום מיט דעם טעכטערלס פאָטאָגראַפיעס און ווייזט מיר יעדעס מאָל אַן אַנדערע.

איך האָב דעמאָלט אין טורמע באַשלאָסן, אַז אויב איך וועל אַרויס אויף דער פריי און זיין צוריק אינדערהיים, וועל איך צוגעבן נאָך אַ נאָמען מיין טעכ־טערל, צו דעם נישט־יידישן נאָמען מאַיאַ, וועל איך איר צוגעבן דעם נאָמען אביבה. אין קינדערהיים דאָ קוק איך אויף די אַלע מיידעלעך אין איר עלטער. ביי ווע־

מען איך געפין אוים ענלעכע אויגן, ביי אַן אַנדערער — ענלעכע האָר, ביי אַ דריטער — אַן ענלעכן שמייכל און איך נעם מיר צונויף די אַלע ענלעכקייטן, שטעל זיי צוזאַמען און זע נאָך בולטער מיין טעכטערל.

אין די לעקציעס איצטער מיט די נייַן יונגלעך, זע איך אויך זי פֿאַר אַ צוהערערין. זי וואָלט שוין דאָס אַלץ באַנומען וואָס איך דערצייל פֿאַר זיי. זי וואָלט זיך איינגעהערט מיט נייגיריקייט און שפּאַנונג, מיט אַ צעעפֿנט מויל און אויפגעריסענע אייגעלעך. און אפשר וואָלט איך איר איצט שוין געקענט צוליב טאָן, אַפּווישן פֿון איר פּנימל די צוויי פֿאַרשטאַרטע טרערעלעך פֿון דעמאָלט און איר זאָגן:

— קינדעלע, וויין נישט, איך בין מיט דיר, איך גלייב שוין איצט צוגלייך מיט דיר, איך גלייב, טעכטערל!

און דערפֿאַר איז מיר נאָך ליבער דאָס זיין דאָ אין קינדערהיים, איז מיר נאָך ליבער דאָס לערנען מיט די יונגלעך יידישע למודים, לערנען מיט די נייַן קינדער און מיט דער נישט־אַנוועזנדיקער, צענטער צוהערערין — מאַיאַ־אביבה.

דעריבער איז מיר אַצינד אַזוי פֿאַרדריסלעך און פּיינלעך, וואָס אין שטרייט מיט דער לייטערין ב—ר — האָט זי געזיגט און איך בין אויף אַ באַפֿעל פֿונם באַפּולמעכטיקטן געוואָרן איבערגעטראָגן אויף אַ צווייטן פּאָסטן, צו זיין אַ וועכטער אין דעם פּוילישן שפּיטאָל ביים וואקזאַל.

קאַפּיטל ז

דער שרייבער איקס אַרבעט אין אַ בעקעריי. ער אַרבעט אין דער נאַכט־שיכט ביים טראָגן דאָס וואַסער, האָלץ און ציילט די אָפּגעבאַקענע ברויטן און פּלעצלעך. אינדערפֿרי גייט ער אַהיים אַ מידער, שלעפֿעריקער, טוליעט זיך אין זיין צעריסענער וואַטאָווער פֿופֿייקע און באַמיט זיך צו שטעלן די טריט אַזוי זייטיק, אַז מען זאָל נישט אַזוי בולט אָנזעען זיינע צעריסענע שיך. ער שפּאַנט אַזוי זייטיק אויך דערפֿאַר, ווייל אונטער דער פֿופֿייקע טראָגט ער פֿאַרשטעקט אַ פּלעצל אָדער צוויי און ער וויל דאָס פֿאַרקויפֿן אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן.

די פּלעצלעך האָט ער, פֿאַרשטייט זיך, דאָרט נישט געקראָגן, נאָר גענומען ווען קיינער האָט נישט געזעען, אויסבאַהאַלטן זיי, ווי עס טוען אַלע אַרבעטער אין בעקעריי. ער האָט אַ רעכט נאָר צו עסן אויפֿן אָרט, אין בעקעריי, אַרויסטראָגן נאָר עטלעכע שטיקלעך פּלעצל, ברוכוואַרג וואָס פֿאַלט אַראָפּ. מען מוז דאָס טראָגן אין אַ קליין טעפּעלע. ווען עס מאַכט זיך אַז מען קאָן נישט אַרויסטראָגן קיין גאַנץ פּלעצל, פֿאַרקויפֿט ער די פּאָר שטיקלעך. קונים דערויף פֿעלט נישט. פֿאַר דעם געלט קויפֿט ער זיך טיי צום טרינקען און אַביסל „קטשאַקע", אַזאַ שיטערן, וויסן קעז.

איקס היט זיך שטאַרק אוים אַז זיינע באַקאַנטע זאָלן אים נישט טרעפֿן צוריקגיין פֿון דער אַרבעט, אים זעען איילן אַן איבערגעשראָקענעם אין דער אַרומגעבונדענער פֿופֿייקע, מען זאָל אים, חלילה, נישט טרעפֿן ביים פֿאַרקויפֿן די טריפֿהנע סחורה, די „דעראָבערטע" פּלעצלעך. ער האָט מורא צו באַווייזן פֿאַר וועמען זיינע אומלעגאַלע טראַנזאַקציעס. צווייטנס האָט ער מורא, אַז מען זאָל אים נישט מקנא זיין און דריטנס — וואָס ער שעמט זיך טאַקע מיט זיין „חטא". אָבער ער האָט זיך דערמיט באמת נישט וואָס צו שעמען, ער איז דאָך נישט מחויב צו זיין קיין אוים־

נאָם פון אַלע אַרבעטער, ער מוז דאָך האָבן אַ פּאָר רובל אויף טרינקען טיי, עסן אַ זופּ און באַצאָלן דירה־געלט. דער נישטיקער לוין פון 150 רובל אַ חודש סטאַ־יעט נישט אפילו אויף קיין זופּ יעדן טאָג. און מען דאַרף דאָך קויפן אויך האָלץ צום הייצן (די שרייבער־סעקציע האָט נאָך דעמאָלט גאָרנישט געגעבן), אַ העמד אויסוואַשן. נאָר איקס האָט זיך געהיטן פאַר באַקאַנטע אויך פּשוט דערפאַר, ווייל ער איז פון דער נאַטור אויס — אַ בעל־סוד. ער האָט נישט ליב אַז מען ווייסט עפּעס וועגן זיינע פּריוואַטע ענינים.

נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין בעקעריי, האָט ער פּשוט גע־בעטלט. דווקא פאַר פרעמדע האָט ער גראָד אויספירלעך דערציילט ווי אַזוי זיין בעטלעריי איז אים צוגעגאַנגען, אָפּגעשילדערט עס מיט הומאָר, איבערגעגעבן אַלע קאָמישע סיטואַציעס.

איקס האָט געהאַט דעמאָלט אויסגעקליבן אַלס פּלאַץ פאַר זיין „אונטערנע־מונג" — די הויפּט־פּאָסט אין דעם נייעם שטאָט־פּערטל. דאָרט קומען הונדערטער מענטשן, אַוועקגעבן און אָפּנעמען בריוו. דאָרט זיינען געשטאַנען אַ סך בעטלער. איקס מאַכט דאָס אָבער אויף אַן אַנדערן אופן:

ער גייט צו צו איינעם וואָס איז לייטיש אָנגעטאָן, אַממיינסט צו פרויען, דער־ציילט אַז זיין פרוי איז קראַנק געוואָרן, זי געפינט זיך אין אַ צווייטער רעפּובליק, ער וויל טעלעגראַפירן און געוואָר ווערן וואָס זי מאַכט, מען האָט אים אָבער איצט אַרויסגעגנבעט דאָס בייטעלע מיטן געלט. אַ טעלעגראַמע קאָסט דריי רובל. „באָרגט" מען אים די דאָזיקע סומע.

אַן אַלטע יידישע פרוי, וואָס שטייט אויך ביי דער פּאָסט און בעטלט, זי באַ־קלאָגט הויך איר מזל, — איר שענקט מען, זאָגט זי ,נאָר צו פּאָר צענדליק קאָפּיקעס, העכסטנס אַ רובל און יענער יונגערמאַן האָט עפּעס אַזאַ מאָדנע פּאָרטל, אַז ווי נאָר ער רוימט וועמען עפּעס איין אין אויער, שענקט מען אים באַלד אַ גרינס, אַ גאַנצן דרייער־רובל.

ווי נאָר איקס האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין בעקעריי, האָט ער, פאַרשטייט זיך, גלייך ליקווידירט די פּרנסה פון „פּישקע דער קרומער". ער אַרבעט שווער, פילט זיך דערנידעריקט, איז שלעכט דערנערט, שלאָפט אויף דער פּאָדלאָגע אין אַ שמוציק שטיבל ביי אַ בוכאַרער ייד, אָבער — זאָגט ער מיר אַמאָל — ער האָט זיך פאָרגענומען איבערצולעבן די מלחמה, ער מוז איבערהאַלטן, ער וועט נישט אַוועקשטאַרבן הינטער קיין פּלויט. ער וועט דאָס שטיקל לעבן האַלטן מיט די ציין ווי אַ הונט אַ ביין, נאָר זיך נישט אונטערגעבן. נאָר נישט פאַרצווייפלען. אונז יידן דאַרף זיין לייכטער איבערצוטראָגן די אַלע צרות ווי אַנדערע, מיר זיינען אַ גע־פּרוווט פאָלק, מיר לעבן קיינמאָל נישט, מיר ראַטעווען זיך שטענדיק. לאָמיר אויך איצט זיך ראַטעווען, מיט אַלע מעגלעכקייטן! איך וועל זיך זיי נישט אונטערגעבן!

און עס איז אים געלונגען. עס האָט אים אַלעמאָל גענומען גיין בעסער און בעסער. אַלעקסיי טאָלסטאָי, וועלכער איז געקומען קיין סאַמאַרקאַנד און אויפגע־טרעטן מיט אַ פּאָרטראַג פאַרן סאַמאַרקאַנדער פּאַרטיי־אַקטיוו, האָט זיי אויפמערק־זאַם געמאַכט דערויף, אַז ווי ער האָט געהערט, אַרבעטן דאָ שרייבער אַלס שוואַרץ־אַרבעטער, איינער פון זיי אַרבעט אין אַ בעקעריי. מען דאַרף זען אויסבעסערן זייער לעבנס־באַדינגונגען. דאָס האָט גלייך געווירקט. איקס האָט אַריינגעשיקט אַר־בעטן אין בעקעריי זיין פרוי, וועלכע איז שוין אינצווישנצייט געזונט געוואָרן און

אהערגעקומען קיין סאַמאַרקאַנד. די שרייבער־סעקציע האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן פּאַיאָקן און איקס איז שוין איצט פאַרנומען גאַנצע טעג ביים שטיין אין אָטשערעד און אָפּנעמען די פּאַיאָקן.

איקס האָט אויך געקריגן מלבושים פונם פּוילישן פּונקט, הגם אַלס אַזעלכער וואָס האָט אין יאָר 1940 אָנגענומען די סאָוויעטישע בירגערשאַפט, האָט ער נישט געטאָרט געניסן פון דער פּוילישער הילף, ער האָט עס אָבער דורכגעפירט בשתיקה.

איקס איז שוין אין אַ בעסערן הומאָר, פילט זיך שוין זיכערער, חשובער. ער דערציילט וועגן דעם אופן פון צעטיילן די פּאַיאָקן אין דער שרייבער־סעקציע. עס זיינען פאַראַן פינף קאַטעגאָריעס שרייבער, פינף קאַטעגאָריעס פּאַיאָקן. דער סעק־רעטאַר באַשטימט ווער עס איז ראוי צו באַקומען דעם פּאַיאָק נומער איינס און ווער דעם פּאַיאָק נומער פינף. איקס זאָגט:

— איך באַקום זעקס קילאָ בוראַקעס, קלענערע פון מיר באַקומען נאָר פיר קילאָ, גרעסערע פון מיר — אַכט קילאָ. איך בין זיכער, אַז ווען דאָ וואָלט געווען ראָמען ראָלאַן, וואָלט ער געקריגן גאַנצע צען קילאָ זיסע בוראַקעס! ווי איר זעט מיך לעבן — גאַנצע צען קילאָ!

אָבער מיר מעגן אויפהערן מיט דעם סאָרט הומאָר, ווייל עס ווילט זיך שמועסן אביסל וועגן די פריש־געפאַלענע חברים און באַקאַנטע:

עס איז געשטאָרבן דער באַליבטער אַרטיסט קאַמינען; עס איז געשטאָרבן דער אַרטיסט יואל בערגמאַן; דער אַרטיסט קערמאַן; דער אַרטיסט אַמזעל און זיין טאָכ־טער; די אַרטיסטין פלאָרא, דער זשורנאַליסט, מיטאַרבעטער פון וואַרשעווער „עקס־פּרעס", אַדוואָקאַט באָרנשטיין; דער יונגער שרייבער פון רומעניע קאַזשיבער; דער יונגער וויסנשאַפטלער און שרייבער מ. ראַזנבוים; דער זשורנאַליסט הלל מיימון.

ביים פּוילישן פּונקט הענגט אַ מעלדונג, אַז די פּוילישע אַמבאַסאַדע אין קוי־בישעוו בעט איר מיטצוטיילן ווער עס ווייסט עפּעס וועגן גורל פונם יידישן שריי־בער און וויסנשאַפטלער זלמן רייזען פון ווילנע. (אַרעסטירט אין ווילנע דורך די סאָוויעטן). עס זיינען שפּעטער אויך אַרעסטירט געוואָרן זיינע צוויי זין, באַקאַנטע קאָמוניסטישע טוער, זשורנאַליסטן.

איצט ווילט זיך אונז שוין נישט וויצלען. מיר גייען אין צווייען איבער די שמאָלע סאַמאַרקאַנדער געסלעך און רעדן צווישן זיך האַלבע, אָפּגעבראָכענע ווער־טער. אין שטאָט קורסירט אַ קלאַנג, אַז עס זאָל זיך האָבן אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן באָלערע. מיר גייען און שווייגן. איך גיי צו מיין אַרבעט אין שפּיטאָל אַריין ביים וואָקזאַל. אויפן וועג שטעלן מיר זיך אָפּ ביי אַ מיליטערישן שפּיטאָל. דאָ איז אַ גערטנדל און באַקוועם אָפּצורוען. מיר באַמערקן ווי אין אַ זייט נעבן מויער זיצט איינער אַן אַלטיטשקער אין אַ ווייסן כאַלאַט און לייענט עפּעס אַ בוך, אָדער אַ דיקן העפט. ווען מיר דערנענטערן זיך צו אים, פאַרמאַכט ער שנעל דאָס בוך, לייגט עס אַוועק אויפן באַנק און דעקט עס איבער מיט אַ טאַשן־טיכל. מיר האָבן זיך צו אים צוגעשאַרט און גענומען פאַרפירן אַ שמועס. ער איז אַ דאָקטער, אַ ייד, אַ באַ־קאַנטער כירורג. ווערט ער געוואָר אַז מיר זיינען פּוילישע יידן, ווערן ביי אים די אויגן העלער, רעדט ער מיט אונז שוין אביסל פרייער. ער שטאַמט פון ליטע, נאָך מיט פערציק יאָר צוריק געקומען קיין רוסלאַנד, געקומען אַלס אַרעסטאַנט. ער איז געווען אַן אַנאַרכיסט און אָפּגעזעסן דעמאָלט עטלעכע יאָר אין טורמע.

וואָס ער איז היינט? אָנשטאָט אַן ענטפער, נעמט ער דאָס אַוועקגעלייגטע בוך

אויפן באַנק, דעקט אָפּ דאָס טיכל און באַווייזט אונז וואָס ער לייענט: אַ תנ״ך! איבערגעשריבן מיט דער האַנט, שיינע געכתיבהטע אותיות אויף דיקע, גרויע בלע־טער, דורכגענייט מיט ווייסן פאָדעם.

צווישן איין אָפּעראַציע און דער צווייטער כאַפּט ער זיך אַרויס אויף עטלעכע מינוט אינדרויסן און לייענט פון דעם ספר הספרים.

מיר שווייגן גערירט. ער לייגט פּאַטערלעך אַ־ויה זיינע הענט אויף אונזערע קעפּ און זאָגט:

— איר פרעגט מיך וואָס איך בין היינט? איך בין דאָס וואָס איר זענט — איך בין דער אייביקער ייד! פונקט ווי אַ־דאָס איז דאָס אייביקע בוך! מיר זיינען אַ זיווג! און ווי איז צו אונז, ווען מיר צעשיידן זיך מיט דער באַשערטער!

עס ווערט אונז איצט לייכטער צו גיין. עס פאַרשווונדט אפילו דער טרויער צוליב די ידיעות פון די געשטאָרבענע חברים. עס פאַרשווונדט איבערהויפּט די שרעק פאַרן טויט, פאַר אונזער אייגענעם טויט. מיר האָבן זיך אויף אַ מינוט אָנ־געכאַפּט אין דער אייביקייט, מיר זיינען אויף אַ מינוט געווען אַצינד אין יענעם היכל פון אייביקייט, איצט איז שוין לייכטער צו לעבן און אויך לייכטער צו שטאַרבן.

קאַפּיטל ח

אין שפּיטאָל זיינען געלעגן ביי פופציק קראַנקע, בלויז יידן. דאָס גאַנצע מע־דיצינישע און טעכנישע פּערסאָנאַל באַשטייט אויך פון בלויז יידן. פאַרן טויער האָבן זיך געוואַלגערט אין רינשטאָק נאָך צענדליקער קראַנקע, פון דער שטאָט און פון ראַיאָן, וועלכע זיינען דאָ אַהער געקומען אין שפּיטאָל אַריין, עס איז אָבער פאַר זיי נישטאָ קיין אָרט. אויך ביינאַכט זיינען זיי געשלאָפן אין רינשטאָק. אין שפּי־טאָל האָבן זיי נאָר געקראָגן עסן צוויי מאָל אין טאָג. זיי זיינען אַלע אין צעפּליקטע מלבושים, שמוציק, פאַרחושכט, זיי ליגן אין די קופּעס און טוליען זיך איינער צום צווייטן.

אויב זיי האָבן געקראָגן עפּעס אָנטועכץ פונם פּוילישן פונקט, האָבן זיי עס באַלד אויפן אָרט פאַרטוישט אויף עסן, פּרוכטן, זויערמילך. עס האָט סיווי נישט געהאַט קיין זינען צו טראָגן אַ פּאָר בעסערע הויזן, אַז סיווי נעכטיקט מען אויף דער גאַס, אין בלאָטע, אין ברוד, פאַרלויזיקט, איז שוין גלייכער צו זיין אין די אָפּגעריסענע פּופּייקעס און וואַטע־הויזן.

דער אַרטיסט דוד לעדערמאַן האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל אַלס וואַסערטרע־גער. ער איז געווען נישט בעסער אָנגעטאָן ווי אַלע קראַנקע אינדרויסן. איך האָב אָפּטמאָל געמיינט, אַז דאָס שפּילט ער גאָר אַזאַ אַקטיאָרישע ראָלע אַלס וואַסער־טרעגער, אָדער אַלס בעטלער. ער האָט די נאַטירלעכע ראָלע גוט געשפּילט. איז ער געווען אין אַ בעסערער שטימונג, האָט ער נאָך ביים טראָגן די צוויי עמערס וואַסער זיך צוגעזונגען אַ פריילעך טעאַטער־קופּלעטל. ער האָט וועגן זיין אייגענעם שלעכטן מצב ווייניק גערעדט, ער האָט נאָר יעדעס מאָל דערמאָנט זיינע קינדער און פרוי, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין וואַרשע. עס האָבן שוין אָנגעהויבן אָנקומען דעמאָלט קאַרגע ידיעות וועגן שחיטות איבער די יידן אין פּוילן.

ער האָט גאַנץ שנעל געמוזט אויפהערן אַרבעטן, ווייל ער איז קראַנק געוואָרן אויף דיזענטעריע און אַליין געוואָרן אַ פּאַציענט אינם זעלבן שפּיטאָל.

נאָכן אָפּשטיין די גאַנצע נאַכט אויף מיין וואַך־פּאָסטן, בין איך אינדערפרי אַריין אין דער פּאַלאַטע וווּ עס איז געלעגן דוד לעדערמאַן. מיר האָבן אַביסל געשמועסט וועגן דער וועלט־לאַגע, וועגן יידן, וועגן ליטעראַטור און טעאַטער, וועגן אונזערע אויסזיכטן אויף אַרויסקריגן זיך פונדאַנען און פאַרענדיק מיט דער טעמע וועגן גורל פון אונזערע אייגענע נאָענטסטע דאָרטן, וועגן אונזערע קינדער, פרויען, מאַמעס.

עס איז היינט ערב יום־כיפור. די קראַנקע זיינען היינט מער ערנסט און פאַרזאָרגט ווי אַלעמאָל, אָבער גלייכצייטיק גליט אין זייערע אויגן אַ פייערלעכקייט, אַ פונק פון הייליקייט. עס איז ערב יום־כיפור, שוין דאָס פערטע יאָר מלחמה, שוין דאָס פערטע יאָר ווייט פונדערהיים.

עס טויכן אויף באַקאַנטע זכרונות. די זכרונות רייסן אויף די ווונדן און היילן גלייכצייטיק — אַמאָל איז געווען:

„די מאַמע האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויפן קאָפּ און געבענטשט פאַרן גיין צו כל נדרי, דער טאַטע איז שוין געשטאַנען אין קיטל, אין ווייסע זאָקן, עס ברענען די גרויסע ליכט, מען וווּנטשט זיך און מען וויינט, אַלץ אַרום איז איינגעהילט אין ערפורכט, דאָס גאַנצע שטעטעלע, אַלע יידן, די גאַנצע וועלט, די לופט אַרום, איז אָנגעפילט מיט דעם פחד און הייליקן ציטער פאַר דעם גרויסן יום־הדין און יום הקדוש."

עס קומט אַריין אין פּאַלאַטע סערקעלע די אָקושערקע, זי אַרבעט דאָ אַלס קראַנקן־שוועסטער. מען פרעגט זי, צי מען וועט קענען שאַפן עטלעכע ליכט אויף פאַרנאַכט. זי וועט שאַפן ליכט, זי וועט דאָ זיין מיט די קראַנקע מענער צוזאַמען. אפשר קען ווער פון זיי אַ יידיש וואָרט, זי וויל הערן אַ יידיש וואָרט, אפשר וועט מען שוין דאָס יאָר צערייסן דעם פינצטערן גזר! יעדן טאָג שטאַרבן עטלעכע קראַנקע, עס ליגן שוין אויך קראַנק עטלעכע דאָקטוירים און סאַניטאַרינס, אַלע מוזן, זעט אויס, פאַרזוכן דעם טעם פון טיפוס און דיזענטעריע. מען דאַרף רחמים, מען דאַרף דאַווענען, זי וועט ברענגען ליכט.

פאַרנאַכט בין איך ווידער געקומען אין דער פּאַלאַטע. די קראַנקע זיצן אין די אונטערוועש, פאַרבונדן די קעפּ מיט האַנטוכער, מען האָט שוין אָנגעצונדן צוויי ליכטלעך. קיין מחזור האָט מען נישט געקאָנט קריגן. עטלעכע פון די קראַנקע געדענקען אַ פּאָר תפילות פון אויסנווייניק, קאָנען זיי זיך אָבער נישט רירן פון בעט. דוד לעדערמאַן מיינט, אַז אפשר וועט ער עפּעס געדענקען פון אויסנווייניק. ער שלעפּט זיך צו צום פענצטער וווּ עס ברענען די צוויי ליכטלעך, ער ציט אַרויף נאָך אַ האַנטוך אויפן קאָפּ, דעקט זיך מיט אים איבער, ווי מיט אַ טלית, שאָקלט זיך, ווינגט זיך און גיט אַ יאָמער אַרויס:

— כל נדרי! כל נ—ד—ר—י!

ער צעהעשעט זיך נאָך מער, זאָגט נאָך עטלעכע ווערטער און רייסט איבער. ער זאָגט נאָך אַמאָל די ווערטער:

— כל נדרי! כל נדרי! רבונו של עולם! רבונו של עולם! איך קען נישט מער! איך געדענק נישט מער! איך קען נישט, רבונו של עולם, זאָל דאָס זיין אונזער גאַנצע תפילה, אונזער גאַנץ האַרץ בעט צו דיר, מיר זיינען בלויז תפילה

צו דיר, מיר זיינען בלויז געוויין, מיר בעטן דיך רחמים, רחמים, האָב רחמנות, שוין ·גענוג, מיר קאָנען נישט מער —

און ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן צום אומפאַלן. כ'האָב אים אונטערגעכאַפּט.

אַלע קראַנקע וויינען, אַלע וויינען זיי אויס „כל נדרי".

צי וועט דען גאָט אויך זיי איצט נישט דערהערן?

קאַפּיטל ט

אין דער נאַכט נאָך יום־כיפור איז מיר געווען שווער צו שטיין אויף דער וואַך. מען דאַרף כסדר אַרומגיין איבערן הויף, אָדער זיצן אויף אַ באַנק. אין אַזעל־כע ביינאַכטיקע שעהן, טראַכט מען דורך אַלץ אין דער וועלט. אין מיטן נאַכט זיינען די רעיונות לויטערער, ווייטער פון דער ווירק־עכקייט. עס קומען דעמאָלט געדאַנקען וועלכע באַטאָג ליגן זיי ערגעץ פאַרהוילן, פאַרשטעקט. עס שטערט זיי דאָס טאָג־ליכט, דער טומל. אין דער פינצטערער נאַכט, ווען מען איז מיט זיך אַליין, טויכן זיי אַרויס, פאַרהילן דיך, טראָגן ערגעץ ווייט אַוועק, ציען אַרויף ערגעץ צו די הויכן.

נאָר אין דער היינטיקער נאַכט איז אַ רעגן מיט אַ ווינט, זיי רייסן איבער דאָס טראַכטן. מען איז נאָך מיד פון דעם יום־כיפור־טאָג אויך, שווערט עס אין די פיס און אין קאָפּ און עס וואָלט זיך שטאַרק וועלן כאַפּן כאָטש אַ קליינעם דרימל. איך גיי צו נאָענט צום שפּייז־מאַגאַזין, דאָס איז דער וויכטיקסטער אָביעקט דאָ וועלכן איך דאַרף אָפּהיטן. דאָרט איז אָפן אַ קליין קעמערל, אַ פּעדערהויז, עס שטייען דאָרט די עמערס, צעבראָכענע כלים און דאָס טראָג־בעטל פאַר מתים. איך שטעל אַריין די באַנק אינם פּעדערהייזל און וויל כאַפּן אַ דרימל כאָטש אויף עט־לעכע מינוט.

איך ווייס נישט צי עס האָט לאַנג געדויערט, צי איך האָב לאַנג געדרימלט. איך האָב זיך פּלוצים דערזעען אויף אַ גאָרטן־דאַך, באַוואַקסן מיט פרישן, הויכן גראָז. עס איז דאָרט אַ רעסטאָראַן. איך זיץ און שאָקל זיך אויף אַ וויגשטול און עס קומט אָנצולויפן מיין טעכטערל. זי טראָגט אַ בוקעט בלומען אין האַנט, לויפט צו מיר צו און דערלאַנגט מיר די בלומען. איך כאַפּ זי אַרום, טוליע זי צו זיך, אָבער זי רייסט זיך גלייך אַרויס פון מיינע אָרעמס און לויפט צום ברעג דאַך. איך שפּרונג צו איר צו, באַוויז זי נאָך אָנצוכאַפּן פאַר די האָר, אָבער מיינע הענט פאַרלירן דעם כוח און זי פאַלט שווער אַראָפּ אויפן ברוק. איך דערהער איר געשריי: „טאַטע!"

איך שריי אויף מיט אַ געוויין, רייס זיך אויף פונם דרימל. יאָ, איך האָב בולט געהערט איר שטים, מיין טעכטערלס שטים! איצט איז זי אודאי אומגעקומען, דאָרט, אין באַראַנאָוויטש אָדער אין סלאָנים. דאָס איז געווען איר לעצט געשריי צו מיר. איך בין אין דעם זיכער און דערפיל עס מיט מיין גאַנצן מהות, אָט טאַקע איצט איז זי דאָרט אומגעקומען!

ניין, איך וויל נישט האָבן דאָס באַוווסטזיין, איך וויל נישט זיין וואַך און טראַכטן וועגן דעם, איך וואָלט וועלן נאָך אַמאָל דערהערן איר שטים. אפשר וועל איך זי נאָכאַמאָל דערזעען? ! איך פיל נאָך ווי איך וואָלט געהאַלטן איר בינטל בלומען וואָס זי האָט מיר געשענקט. איז דאָס געווען טאַקי שוין אונזער אַנטגילטיקע צעשיידונג? געזעגן שוין צום לעצטן מאָל?

איך האָב אַריבערגעצויגן די פּופּיקע איבערן קאָפּ און זיך צוריק אַוועקגע־לייגט אויף דער באַנק. איך מוז ווידער איינדרימלען. לאַנג בין איך אוודאי נישט געשלאָפן, מען וועקט מיך אויף. נעבן מיר שטייען צוויי מענער מיט עלעקטרישע טאַשן־לעמפּלעך אין די הענט און באַלייכטן מיין פּנים. איך דערקען זיי: עס איז דער פּוילישער באַפולמעכטיקטער מאַגיסטער נאָוואַצקי און גרינצייג, דער לייטער פונם פּוילישן הויפּט־מאַגאַזין אין סאַמאַרקאַנד, אַמאָליקער יורידישער ראַט־געבער ביי דער וואַרשעווער קהילה. זיי זיינען געקומען אויף אַ נאַכט־אינספּעקציע. נאָ־וואַצקי מאַכט מיר אַ שטרענגן פאָרוווּרף פאַר מיין שלאָפן. איך פאַרענטפער זיך נישט.

באַלד אינדערפרי קומט אָן אַ פאַראָרדנונג פון נאָוואַצקין, אַז צוליבן פאַר־נאַכלעסיקן מיין אַמט, ווער איך פון היינט אָן אָפּגעשאַפט פון דער אַרבעט.

איך געזעגן זיך מיט דעם פּערסאָנאַל, מיט טייל קראַנקע און פאַרלאָז דעם שפּיטאָל־הויף.

פאַרן טויער ליגט אַ קנויל שמאַטע־מענטשן. נעבן זיי שטייט דער הויכער, אויסגעדאַרטער זינגער, אַ גאַסן־בעטלער, אַמאָליקער כאָריסט פון „ווילנער טרופּע" און זינגט פאַר זיי דאָס ליד:

„איך וויל אַהיים! איך בענק אַהיים!"

איך הער נאָך אָבער אַלץ דעם בייגאַכטיקן אויסגעשריי פון מיין קינד:

„טאַטע!"

קאַפּיטל י

איך וווין אין אַלט־שטאָט, עס איז זעקס קילאָמעטער ווייט פון וואָקזאַל. איך וווין אין אַ שמאָל געסעלע, אין מזרח־קוואַרטאַל, אויף אַן אוזבעקישן הויף, וווּ ס'וווינען בלויז פּליטים, און איין אוזבעקישע משפּחה.

די קיביטקע, דאָס קליינע, ליימיקע שטיבעלע מיינס, מיטן ליימיקן דיל, פאַר־מאָגט אַ טישל, אַ בענקל און אַ פּריטשע אויף צו שלאָפן. אין דער וואַנט איז פאַ־ראַן אַ נישע, דאָרט האַלט איך מיינע עטלעכע ביכער און צייטונגען. ביים אַרויס־נעמען פון דאָרטן אַ בוך, אַ צייטונג, דאַרף מען זיין גאַנץ פאָרזיכטיק, ווייל דאָרטן באַהאַלטן זיך אויס די קליינע, גרינע, גיפטיקע סקאָרפּיאָנען. זייערס אַ ביס איז שעדלעך, דערפירט אַמאָל אויך צו טויט־פאַלן.

איצט וווין איך איינער אַליין אין דעם שטיבל. עס האָט געוווינט מיט מיר עטלעכע חדשים מיין חבר בערעלע שמאַיעוויטש, האָט מען אים לעצטנס מאָבילי־זירט אין אַרבעטס־באַטאַליאָן און אַוועקגעשיקט קיין אוראַל.

אין דער קיביטקע רעגנט אַריין, כאָטש מען האָט שוין נאָכאַמאָל פאַרקלעפּט דעם דאַך מיט ליים און שטעשקע. עס איילט זיך מיר נישט אַהיימצוגיין, אַ פוילער רעגן נעצט דורך די מלבושים. פונם ראַדיאָ־הילכער קעגנאיבער דעם רעגיסטאַן הערט זיך איצט די פינפטע סימפאָניע בעטהאָווענס. קיינער הערט זי נישט. די קלאַנגען פאַלן אַראָפּ אין די בלאָטיקע ריוועס. די דורכגייער טוליען זיך צו זייער אייגענער וואַרעמקייט, שלעפּן זיך מיד און זוכן מיט די אויגן אויסצומיידן די גרויסע קאַלוזשעס. אויף די שטיגן פון אַ פאַרמאַכטן מאַגאַזין שטייט אַ רוסישער

ייד און פאַרקויפט רעפּראָדוקציעס פון דער קלאַסישער מאָלעריי. די בילדער זיינען אוודאי פון אַרכיוו פון דער עוואַקואירטער קונסט־אַקאַדעמיע.

עס באַקוקן די בילדער דריי יונגע שילער, פון די יידיש־רוסישע פּליטים. זיי קלייבן אויס עטלעכע בילדלעך. איך וויל אויך קויפן עטלעכע רעפּראָדוקציעס און באַצירן די ווענט פון מיין אומעטיקער קיביטקע. מיין קאַפּיטאַל באַשטייט פון אַכט רובל, איך קלייב אָפּ דריי קאָפּיעס: „דזשאָקאָנדאַ" פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, אַ פּאָרטרעט פון אַן אַלטער פרוי רעמבראַנדטס און אַ רוסיש בילדל, דוכט זיך ווע־רעשטשאַגינס, וואָס שטעלט פאָר ווי אַ יונגע פויערטע זיצט אויף אַ וואָגן און טו־ליעט זיך צו אַ קליין טרומנעלע. זי פירט איר קינד צו קבורה. איר מאַן טרייבט אָן דאָס פערד, ער זיצט אויסגעדרייט מיטן קאָפּ צו דעם טרומנעלע. אַן אומעטיק, שטימונגפול בילדל, פאַרוועבט אין דעם אומעטיקן, רוסישן פּייזאַזש. איך באַצאָל דערפאַר זיבן רובל.

פאַר מיר גייען די דריי יונגע שילער, באַקוקן זייערע געקויפטע בילדלעך און שמועסן וועגן קונסט. זיי מוזן אוודאי אַליין זיין מאָלער. דאָס ערשטע מאָל הער איך אַזאַ אינטעליגענטן געשפּרעך פון אַזעלכע 15—16 יעריקע יינגלעך. איינער פון זיי פרעגט כסדר עקשנותדיק:

— ווו האָבן מיר היינט אונזערע ריעפּינס, ווערעשטשאַגינס, אַנטאָקאָלסקיס? ווו האָבן מיר היינט אונזערע פּושקינס, לערמאָנטאָווס, טאָלסטאָיס און טשעכאָווס? ווו האָבן מיר זיי? פאַרוואָס זיינען זיי היינט נישטאָ? דעמאָלט זיינען מיר דאָך געווען אַ פינצטער, אָפּגעשטאַנען, האַלב־פעאָדאַליש פאָלק און דאָך האָבן מיר אַרויסגע־געבן אַזעלכע גרויסע, אומשטערבלעכע טאַלאַנטן. פאַרוואָס זיינען זיי נישטאָ אויך אין אונזער צייט? ווו זיינען זיי?

מיך האָט איבעראַשט צו הערן אַזעלכע רייפע רייד פון אַזעלכע יוגנטלעכע, בשעת איך בין געוווינט צו הערן שוין פון עלטערע, סטודענטן, אַזעלכע שטייגער פראַגן ווי:

„איז אין פּוילן אויך פאַראַן עלעקטרי? זיינען אין וואַרשע אויך פאַראַנען טראַמוואַיען? מוז טאַקע יעדער אַרבעטער ביי אייך, ביים אַריינגיין אין פאַבריק, פריער אַ קוש טון די האַנט פונם דירעקטאָר? אין אייערע שולן און אוניווערזי־טעטן לערנען דאָך נאָר די זין פון פריצים און קאַפּיטאַליסטן, טאָ פונוואַנען קענען אייערע מענטשן, אַרבעטער, אויך שרייבן און לייענען?"

דער ניוואָ פון די סטודענטן, חוץ טעכנישן וויסן, איז זייער אַ נידעריקער. נאָר די קינדער פון אינטעליגענטע עלטערן, וועלכע קריגן אויך לערע און דערציונג אין דער אייגענער היים, פון די אייגענע עלטערן, זיי זיינען שוין בעסער אָריענטירט אין פראַגן פון ליטעראַטור, אַלגעמיינעם וויסן, האָבן מער אַנונג וועגן דער איבעריקער וועלט און וועגן לעבן פון די אַמאָליקע יאָרן. איינער, אַן עלטערער סטודענט, האָט מיר אַמאָל דערקלערט. אַז עס איז איבערהויפּט נישט פאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ זאַך ווי איינגעבוירענער טאַלאַנט. אַלץ איז נאָר לערע און איבונג. איבט מען אַ סך און גוט, איז מען אַ גוטער פידלער, לערנט מען אַ סך און מען איבט זיך גוט, איז מען אַ גרויסער שרייבער. דער מענטש ווערט געבוירן אַ „טאַבולאַ ראַזאַ", אַ ליידיק בלאַט, מען קען אויף אים אָנשרייבן אַלץ וואָס מען וויל. עס דעצידירן אויך די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַרהעלטנישן, דעריבער טאַקע זיינען די גרעסטע קינסטלער און וויסנשאַפטלער אין דער וועלט — די סאָוויעטישע.

הערנדיק אַצינד דעם געשפּרעך פֿון די דריי שילער, האָב איך געזעען אַז איך האָב צו גיך געאורטיילט וועגן ניוואָ פֿון דער גאַנצער סאָוויעטישער יוגנט. דענקען, געפֿילן, קריטיש טראַכטן, זײַנען אײַנגעבוירענע אײגנשאַפֿטן און קיין שום רעזשים קאָן זיי נישט דערשטיקן אינגאַנצן.

די דריי בילדלעך וואָס כ'האָב איצט געטראָגן הינטער דער פּופּיקע, האָבן דערציילט וועגן מענטשלעכער גאונות, גרויסער קונסט, וואָס איז, זעט אויס, נישט אַזוי שטאַרק אָפּהענגיק פֿון עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען. גייסט און טאַלאַנט זײַנען פּרימערערע עלעמענטן, קערנדיקע, וואָגיקע. זיי האָבן אפשר אומזעבאַר, דאָס ערשטע און לעצטע וואָרט אינם היכל פֿונם גייסטיקן, מענטשלעכן לעבן.

איך האָב די בילדלעך צעהאָנגען אויף די טונקעלע, נאַסע ווענט פֿון מײַן קיביטקע. עס האָט מיר גלייך אויסגעזעען, ווי איך וואָלט אַרײַנגעבראַכט יום־טוב אין דעם שטיבל אַרײַן, אַרײַנגעפֿירט דעם יום־טוב אינדערוואָכן.

איך דאַרף זיך אַצינד, אײַנגנטלעך, צולייגן שלאָפֿן נאָך דער נאַכט, נאָר עס איז שווער. איך מוז געדענקען, אַז איך האָב נאָר איין רובל אין מײַן פֿאַרמעגן. קיין מיטאָג און נאַכטמאָל וועל איך שוין נישט קריגן, איצט הייבט זיך ווידער אָן אַלץ אויפֿסניי. איז סיידי קאָן איך נישט אײַנשלאָפֿן, נעם איך זיך צום לייענען פּושקינס „יעווגעני אָנעגין".

**
*

אַן אַנדערע וועלט, אַנדערע באַגריפֿן, אַן אַנדער אַטמאָספֿער. אפֿילו ריין אויסערלעך — דער רעקוויזיט, די קליידונג, קאָסטיומען; די שמועסן וועגן קונסט און ליבע, מוזיק, שאַרפֿזין, גייסטרייכקייט. ווו וועט מען איצט געפֿונען אַזאַ טאַניאַ? אָלגאַ? ווו זײַנען די ליענסקיס און אָניעגינס? טאַניאַ טראָגט אוודאי איצט אַ וואַטענע פּופּייקע און וואַטענע הויזן, איז אַ שאָפֿער, ליגט אויף דער גאָס אונטער אַן אויטאָ און פֿאַריכט די מאַשין, אין מיטן אַרבעט קנייפּט זי אַרויס אַ שטיק ברויט פֿון טאַש, כאַפּט אין מויל אַרײַן, שעלט דעם אויטאָ אין דער „זונהשער מאַמען אַרײַן".

און אויב זי איז אפֿילו אַ לערערין אין אַ שולע? טאָ וואָס איז איר טרוים? קריגן אַ בעסערן פּאַיאָק, גומענע באָטעס, אַ רויטן בערעט, באַקאַנטשאַפֿט מיט אַ פֿאַרוואַלטער פֿון אַ שפּייז־מאַגאַזין, אָדער מיט אַ נאַטשאַלניק. און ווו איז דאָס סאַמעטענע קלייד אירס, דער ווייסער אַטלאַס, די געשטריקטע קרייזלעך אַרום האַלז, דער פֿאַרפֿומען־ריח, די עלעגאַנטע שפּראַך, איר צאַרטקייט און פֿאַרחלומטקייט, די געפֿילן פֿון סובטעלער ליבע? ווו איז דאָס אַלץ אַוועק? אויף וואָס איז דאָס פֿאַרטוישט געוואָרן? וועגן וואָס וואָלט איצט געזונגען אַלעקסאַנדער פּושקין? צי וואָלט ער היינט אויך געשריבן זײַנע שאַרפֿע, בייסיקע עפּיגראַמען אויף די היינטיקע „פֿירשטן" און רעגירער?

אָבער צי איך וויל, צי איך וויל נישט, מוז איך אַוועקלייגן אין אַ זײַט דאָס בוך „יעווגעני אָניעגין", פֿאַרטרײַבן די אַלע ווײַטע און אַבסטראַקטע געדאַנקען, ווײַל עס הייבט אָן נאָגן דער הונגער. אַ ליעפּיאָשקע קאָסט שוין צוואַנציק רובל, ווו פֿאַרשאַפֿט מען זיך נײַנצן רובל? וואָס וועל איך עסן? וואָס וועט זײַן מאָרגן?

מען מוז אַראָפּגיין פון דער פּריטשע, אַרויסגיין אין גאַס און זוכן עפּעס אַ נייע אַרבעט. איך האָב זיך אָפּט פאַרגענומען נישט אָפּצולאָזן זיך, נישט פאַלן ביי זיך, נישט אונטערגעבן און מיט אַלע כחות זיך דערהאַלטן ביים לעבן. די דייטשן שטייען נאָך אַלץ ביי סטאַלינגראַד. גייען זיי ווייטער, איז דאָך סיווי אַלץ פאַרשפּילט, וועלן מיר אַלע יידן אומקומען. מען וועט אפילו נישט האָבן ווו צו אַנטלויפן, מען וועט דאָס צומאָל נישט באַוויזן.

נאָר טאָמער געשעט פאָרט דער נס? מען וועט די דייטשן אָפּהאַלטן און אפשר אויך צוריקשטופּן, קאָן מען דאָך נאָך האָפן אויף אַ לעבן, קאָן מען דאָך נאָך אַרויס פונדאַנען אויך.

נאָר אויב דאָס לעצטע וועט נישט דערגרייכט ווערן, ווילט זיך איצט דערלעבן צוליב דער גרויסער זאַך, וואָס וואַקסט איצט אויס צום גרעסטן באַגער און טרוים — צו דערלעבן די נקמה איבער די דייטשן! דערלעבן זייער מפּלה! איצט זעט עס אויס ווייט און אוממעגלעך, איז דערפאַר נאָך שטאַרקער דער האַס, ברענט נאָך מער דער באַגער צו דערלעבן צו דעם גליקלעכן מאָמענט, צו דעם טאָג פון נקמה איבער די דייטשע רוצחים.

דאָס לעבן איז גרוי ווי אַ רוסישער שינעל

קאַפּיטל א

סאַמאַרקאַנד איז אַן אַלטע, היסטאָרישע שטאָט. דאָ האָט אַמאָל דורכמאַרשירט דער זיגרייכער אַלעקסאַנדער מוקדון מיט זיינע חיילות. די שטאָט ווערט דערמאָנט אין די מעשה׳לעך פון „טויזנט און איין נאַכט". דאָ איז אַמאָל געווען אַ גרויסער האַנדלס־צענטער, ווו ס׳זענען זיך צונויפגעפאָרן סוחרים פון גאַנץ מיטל־און קליין־אַזיע, צפון־אַפריקע און גריכנלאַנד. דאָ ליגט באַגראָבן דער גרויסער טעמערלאַן, (טימור־ליאַן, דער אייזערנער לאָמער), וואָס האָט אַמאָל באַהערשט כינע און אינדיען (זיין קבר איז ערשט אויסגעפונען געוואָרן אין יאָר 1941). דאָ האָט זיין כינעזישע פרוי ביבי כאַנום געלאָזט בויען ווונדערלעכע טעמפּלען. דאָ האָט זיין אייניקל אויסגעבויט מיט 500 יאָר צוריק דעם באַרימטן „רעגיסטאַן", וואָס איז געווען דער „מעדרעס", סעמינאַר, פאַר גייסטלעכע. די פיר טורעמס פונם רעגיסטאַן זיינען געבויט פון העל־בלויע, פּירקאַנטיקע שטיינער. דער דאָזיקער בלויער קאָליר איז געווען דעמאָלט דער סוד פון דעם כינעזישן כעמיקער און קינסטלער. נאָכן פאַרענדיקן בויען דעם רעגיסטאַן, זאָל מען האָבן דעם קינסטלער אומגעברענגט, כדי ער זאָל שוין פאַר קיינעם נישט פאַרטרויען דעם סוד פון דעם מין פאַרב. עס ווערט געהאַלטן, אַז עד היום איז נאָך קיינעם נישט געלונגען צונויפצושטעלן דעם ניואַנס פון דעם אַרט בלויען קאָליר.

דער קופּאָל פונם רעגיסטאַן איז סעלעדין. ווען עס באַשיינט אים די זון, ענטפערט ער מיט אַ פאַרכישופטע פאַרבן־שפּיל. די מאָלער זיצן דעמאָלט אויף די אַרומיקע דעכער און ווילן איבערכאַפּן אויף זייערע לייוונטן אָט די פאַרבן־סימפאָניע.

די אוזבעקן האָבן ליב געזאַנג, רויטע רויזן און פרויען. זייער גרויסער דיכטער, וואָס האָט געלעבט מיט העכער 400 יאָר צוריק, אַלישער נאַוואָי, דער מחבר פון „פאַרכאַד וואַ שירין", איז אויך געווען אַ וועלט־באַרימטער געלערנטער. פריער האָט ער געשריבן אין פּערסיש, אַראַביש, דערנאָך איז ער אַריבער אויף דער פאָלקס־שפּראַך — אוזבעקיש.

אַלס פאָלק רעכענען זיך די אוזבעקן ערשט זינט זעקסהונדערט יאָר. איבער אַלישער נאַוואָי אַמפּערן זיך עד היום די פּערסן, טאַדזשיקן און אוזבעקן. יעדער צד טענהט:

„צו אונז געהערט זיין זשעני!"

די אוזבעקן שטאָלצירן אויך מיט זייער גרויסן אַסטראָנאָם פון יענער צייט, אולוג בעק, וועלכער זאָל האָבן געוואָרן אומגעבראַכט דורך די מאַכמעדאַנישע גייסטלעכע. זיי האָבן אויך צעשטערט זיין אָבסערוואַטאָריע. מען האָט זי אויך אויסגעגראָבן ערשט אין די לעצטע יאָרן.

זייערע קעניגן און הערשער זיינען געווען גלייכצייטיק גרויסע דיכטער. דיכטונג האָט אין יענער צייט געהערט צו דער סאַמע העכסטער און ראַפינירטסטער קונסט. מיט דעם טיטל דיכטער זיינען באַקרוינט געוואָרן נאָר געציילטע, אויסדערווילטע. מען האָט באַדאַרפט קענען רעציטירן פון אויסנווייניק מינימום פיר טויר־

זנט שורות פון די אַלטע מייסטער. די אייגענע שאַפונגען האָט מען באַדאַרפט אַלע קענען פון אויסנווייניק. מען האָט אויך באַדאַרפט קענען ביז טויזנט פאָלקס־שפּרוכן. די דיכטונג־פאָרם האָט געהאַט אירע שטרענגע, אָפּגעהיטענע געזעצן. באַליבט זיינען געווען די צוויי־שורהדיקע „גאַזעלן". די ערשטע שאַפונגען פון אַ יונגן דיכטער האָבן באַדאַרפט זיין געווידמעט צו די עלטערע, לעבעדיקע דיכטער, געשריבן אין זייער סטיל און פאָרם.

די אוזבעקן זיינען פאַרליבט אין זייער לאַנד און גליבן, אַז יעדער, וואָס האָט נאָר באַטרעטן די אוזבעקישע ערד, אויף וועמענס שיך עס איז נאָר אַרויף דער שטויב פון זייער ערד, וועט שוין קיינמאָל און אין ערגעץ נישט האָבן קיין רו, ביז ער וועט נישט צוריקקומען און ווידער באַטרעטן די זעלביקע ערד.

היינט אָבער איז אין סאַמאַרקאַנד שוין גאַנץ אַנדערש. נאָך שטייען יונגע אוזבעקינס אויפן מאַרק, זיי זיינען געקומען פון קישלאַק (דאָרף) עפּעס איינקויפן און קוקן מיט שטוינונג אויף די קליינע שפּיגעלעך, וואָס עס פאַרקויפט זיי דער אַרטיסט משה ליפּמאַן. אָבער נעבן זיי שפּאַצירן שוין דורך יונגע, שטאָטישע אוזבעקינס, וועלכע האַלטן רוסישע ביכער אונטער די אָרעמס, ביכער וועגן מעדיצין און דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם.

נעבן טראַקטאָר שטייען תמעוואַטע אישאַקן (אייזלען) און צוזאַמען מיטן טאַנק, וואָס ריטשט זיך שנעל איבערן שאָסיי, גייט אין אַ זייט דער פאַרטראַכטער האָרבאַטער קעמל.

די אַלטע אוזבעקן, אין זייערע קאָלירטע כאַלאַטן און טיבעטעיקעס (כינעזישע היטעלעך), זיצן אין די טשאַיכאָנאַס, לייגן גרינעם טאַבאַק אונטערן צונג, דערציילן זיך מעשהלעך און אויפטוען פון זייער באַרימטן פאָלקס־וויצלער מולאַ עפּענדי נאַסרעדין פון בוכאַראַ, שפּילן שאַך, שאָקלען אָפּט טרויעריק מיט די קעפּ און זיפצן:
„יאַמאָן, יאַמאָן!" (שלעכט).

די יונגע אוזבעקן קליידן זיך שוין אויפן רוסישן שטייגער, פאַרשוירן די האָר אויף גלייכע קענטלעך, וויקלען ציגאַרעטלעך מאַכאָרקע, טרינקען „וואָדקאַ" און זידלען זיך מיט דעם רוסישן „אין דער זונהשער מאַמען אַריין".

סרוב פרויען טראָגן נאָך אַלץ פאַראַנדזשאַס, פאַרשטעלן די פּנימער מיט „טשאַטשוואַנס" — געדיכטע שלייערן פון שוואַרצע, פערדישע עק־האָר. אין יאָר 1927 האָט שוין אַ פרוי נישט געקאָנט אַרויסגיין אויפן גאַס אין אַ פאַראַנדזשאַ. יונגע אוזבעקן, מיליציאָנערן און רוסישע זעלנער האָבן אַראָפּגעריסן די שלייערס פון די פרויען, אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, אָנגעזאַמלט אַ גאַנצע קופּע און אונטערגעצונדן. עס איז דערגאַנגען צו געשלעגן און מאָרדן און די מאַכט האָט זיך געזען געצוווּנגען אַרויסצוגעבן אַ פאַראָרדנונג אָפּצושטעלן דאָס אַראָפּרייסן און פאַרברענען די פאַראַנדזשאַס. זי האָט דאָס פאַרענטפערט דערמיט, וואָס די באַסמאַטשן־באַנדעס זיינען שוין ליקווידירט. די באַסמאַטשן (פּאַרטיזאַנער) פלעגן אָפּטמאָל זיך פאַרשטעלן, טראָגן פרויען־מלבושים און פאַראַנדזשאַס. איצט איז דאָס שוין נישט נויטיק. מען זאָל זיך באַגנוגענען בלויז מיט אויפקלערן די פרויען, אַריינציען זיי אין קאַמף קעגן די מוללאַס און רעליגיעזן פאַנאַטיזם.

אין יענע יאָרן איז ליקווידירט געוואָרן דער אַראַבישער אַלפאַבעט און מען האָט געצוווּנגען איבערצוגיין אויף לאַטיינישער שריפט. די אַלע, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער פאַראָרדנונג, זיינען ווי געהעריק באַשטראָפט געוואָרן.

עטלעכע יאָר נאָכדעם, האָט מען אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז דער לאַטייניזשער אַלפאַבעט מוז פאַרטוישט ווערן אויף דעם רוסישן. דעם פריערדיקן אויפטו מיט לאַטיין האָט מען געהאַלטן פאַר אַן אַקט פון סאַבאָטאַזשניקעס, וועלכע זיינען גע־ווען אונטער דער השפּעה פון דעם פּאַן־טערקישן נאַציאָנאַליזם. די, וועלכע האָבן זיך איצט קעגנגעשטעלט דער נייער פאַראָרדנונג, זיינען ווי געהעריק באַשטראָפט גע־וואָרן.

אין יאָר 1937 האָט די רייניקונג אויך דאָ אָנגעמאַכט אַ חורבן. מען האָט דער־שאָסן זייער פירער, אַן אַלטן רעוואָלוציאָנער און באָלשעוויק, אַ חבר פון לענינען נאָך פון די אַמאָליקע יאָרן. מען האָט אויך דערשאָסן זייער באַליבטן דיכטער טשולפאָן (דער קלאָגער).

אויף דער גאַס, אין די עפּנטלעכע ערטער, ווען מען קוקט אויבערפלעכלעך, זעט מען נאָר מערסטנס דעם אוזבעקישן המון: גיריקע, צעווילדעוועטע, אָפּנאַרער, שיכורים, כוליגאַנעס. פּונקט ווי זיי דאַכט זיך אויס, אַז די „פּוילישע״ זיינען נאָר בעטלערס, ספּעקולאַנטן, פוילענצער, אונזערע פרויען — „דזשאַלאַב׳ס״ (פּראָסטי־טוטקעס).

עס האָט באַדאַרפט נעמען אַ לאַנגע צייט, ביז די אוזבעקן און די יידן האָבן זיך נענטער באַקענט. שוין אויפגענומען געוואָרן אַלס געסט ביי זייערע טויעס (שמחות) און ביידע פעלקער האָבן דערזען, אַז מען טאָר נישט אורטיילן גיך און אויבערפלעכלעך, לויט די מענטשן וואָס מען טרעפט צופעליק אויפן גאַס אָדער באַזאַר. אַז ביי זיי, ווי ביי אונז, זיינען פאַראַן אָרנטלעכע, צניעותדיקע, לייטישע מענטשן, מיט מאָראַל און קולטור. אַז נישט אַלע ווערן מיטגעריסן מיט דעם נישט־ריינעם שטראָם, וואָס געוועלטיקט אויף דער שמוציקער און פאַרהושכטער גאַס. דעם גרעסטן דרך ארץ האָבן זיי באַקומען פאַר אונזערע פרומע יידן.

דאָס איז געווען אין דער זעלבער צייט, ווען ביינאַכט איז מען נישט געווען זיכער מיטן דורכגיין אַ גאַס, ווען מען איז באַפאַלן און אויסגעטאָן ביז נאַקעט, יעדן דורכגייער. יעדן פרימאָרגן האָט מען געפונען אויף די גאַסן דערשטיקטע און צעשטאָכענע. אין יענער צייט, ווען עס האָט נאָך אַלץ געבושעוועט דער טיפוס, ווען מען האָט געלעבט אין פּחד פאַרן הונגער־טויט, באַנדיטישע אָנפאַלן און דייטשן אָנגריף.

קאַפּיטל ב

איך אַרבעט ביים גראָבן ערד, מישן קאַלך, טראָגן ליים און ציגל. דער „פּויליר־שער פּונקט״ בויט נאָך אַ קינדערהיים אונטערן שטאָט. עס איז ווינטער, יאַ־נואַר 1943.

מען דאַרף אויפשטיין פאַרטאָג, ווען עס הויבט נאָר אָן צו גרויען, און גיין דריי קילאָמעטער הינטערן שטאָט, ביז צום ציגל־זאַוואָד. מען פאַרדינט 20 רובל פאַר אַ טאָג אַרבעט, דאָס איז אַ הויכער לוין. פאַר שווערער אַרבעט פאַרדינט מען נישט מער ווי אַכט רובל אַ טאָג. אָבער פאַר צוואָנציק רובל קריגט מען צו קויפן קוים איין לעפּיאָשקע (אַ פּלעצל). ביים סוף חודש דאַרפן מיר באַקומען אַ שפּייז־פּאַיאָק. די פּאָר הונדערט גראַם ברויט אַ טאָג וואָס מען באַקומט אויף די קאַרטן, גענוגענען

קוים אויף איין מאַלצייט. אָבער אויך די פּירהונדערט גראַם ברויט איז שווער צו באַקומען, מען דאַרף שטיין אין אַטשערעד עטלעכע שעה און גראָד אין דער אַר־בעטסצייט. די צוואַנציק רובל קריגט מען נישט באַצאָלט יעדן טאָג, מען דאַרף וואַרטן צוויי וואָכן. איז געלונגט דערוויל צו באַרגן ביי אַ פּריינט, עסט מען אָפּ אַ פּלעצל דורכן גאַנצן טאָג, קריגט מען אָבער נישט אַזאַ הלוואה, קומט אוים אַרויס־צוגיין צו דער אַרבעט אַ ניכטערנער, אָפּאַרבעטן ביז פאַרנאַכט און צוריק אַהיים־גיין אַ ניכטערנער.

צווישן צוועלף און איינס איז אַן איבעריים, מיטאָג־צייט. דאַן קאָן מען גיין אין אַ טשאַיכאַנאַ און קויפן אַ טשייניקל טיי. עס קאָסט דריי רובל, אַ גרעסערס — פינף רובל. עס איז פאַראַן אין שכנות אַ סטאָלאָוועקע פאַר די אַרבעטער פונם ציגל־זאַוואָד, אָבער מיר האָבן נישט קיין רעכט דאָרט צו עסן. אַלס קוך־פאַרוואַלטער איז דאָרט אָנגעשטעלט רויזנשמיד פון ווו., געוועזן אַמאָל אַ גרויסער גביר, אַ באַ־קאַנטער געזעלשאַפטלעכער עסקן. ער זאָגט מיר צו, אַז דעמאָלט ווען דער דירעק־טאָר וועט נישט זעען, וועל איך קאָנען קריגן דאָרט אַפּצועסן אַ שיסעלע זופּ, עס קאָסט בסך־הכל איין רובל.

עטלעכע מאָל איז מיר געלונגען צו באַקומען אַזאַ שיסעלע זופּ. עס איז איי־גנטלעך בלויז אַביסל געקאָכט וואַסער, מיט אַ פאַרבלאָנדזשעט שטיקל קאַרטאָפל, אָדער האַלבן לעפל קאַשע. עס דערוואַרעמט אָבער און מאַכט אוים ביליקער פון טיי. אָבער דעם זכות האָב איך נישט געקאָנט האָבן יעדן טאָג. איז דער דירעקטאָר נישט געווען, האָט ער באַדאַרפט באַלד אָנקומען, האָט געקאָנט דורכגיין דער בוכהאַלטער. רויזנשמיד, כאָטש ער איז געווען גאַנץ נאָענט מיטן דירעקטאָר און בוכהאַלטער, וויל ער, אַלס פאַרוואַלטער פון דער קוך, האָט באַדאַרפט זעען וואָס מער אָפּצו־שפּאָרן פון די פּראָדוקטן פאַר דער סטאָלאָוועקע, כדי מען זאָל עס ביינאַכט אַרויס־פירן אין געהיים און פאַרקויפן צו די שפּעקולאַנטן פון שוואַרצן מאַרק.

רויזנשמיד איז דערין נישט שולדיק, דאָס איז זיין „אויפגאַבע" אַלס קיך־פאַרוואַלטער, אַנדערש וואָלט אים דער דירעקטאָר גלייך באַזייטיקט. ער באַקומט טאַקע דערפון אויך אַ קליינעם חלק, אָבער ער איז געצוווּנגען דאָס צו טאָן. רויזנ־שמיד איז נישט נאָר קוך־פאַרוואַלטער, ער דאַרף אויך אָנטרייבן אַ קעמל מיט די פּראָדוקטן, וואָס מען קויפט אין די קאָלכאָזן. ער דאַרף אַליין אַמאָל אויך טראָגן אַ זעקל. ער זעט נישט אוים בעסער פון אַלע אַנדערע „ביעזשענצעס", אין אַ וואַטאָוועער פופייקע, אין צעריסענע הויזן, שמוציק, פאַרשוואַרצט. אָבער פאַרדאָס איז ער פאַר־זיכערט מיטן ביסל עסן פאַר זיך און זיין פאַמיליע.

אינם ציגל־זאַוואָד אַרבעטן אוזבעקישע פרויען און בעזפּריזאָרנע (היימלאָזע) קינדער. זיי האָבן איבער זיך אַלס פּאָליטישן לייטער אַן עלטערע פריילין פון קיעוו, אַן עוואַקואירטע. איר עובדה באַשטייט אין אַכטונג געבן אויף די פרויען און קינ־דער, אויפפּאַסן ווי אַזוי זיי אַרבעטן, אונטערטרייבן, אָנשרייען און דיסציפּלי־נאַריש באַשטראָפן ווען זיי פאָלגן נישט אירע פאַראָרדנונגען. מיטאָג־צייט קומט דאָ אַהער דער פריילינס מוטער און עסט מיט איר צוזאַמען דאָס מיטאָג.

ביים בויען די קינדערהיים זיינען אָנגעשטעלט דרייסיק אַרבעטער, אַלע פּויל־ישע יידן, חוץ עטלעכע רוסישע מייסטערס. טייל אונזערע האָבן נישט ווו צו וווינען, בלייבן זיי דאָ נעכטיקן אין דעם נאָכנישט פאַרטיקן הויז. אַלס וועכטער איז דאָ אָנגעשטעלט אַן עלטערער ברודער פון דעם באַקאַנטן לאָדזשער אַרטיסט

שמואל קוטנער. ער זינגט פאַר אונז זיין ברודערס קופּלעטן און באַווייזט יענעמס פאָטאָגראַפיע. ער באַווייזט זיך אויך מיט זיין זאַמלונג פון פּאָסט־מאַרקעס, ער איז אַ לײדנשאַפטלעכער פילאַטעליסט. דער ערגסטער טאָג וועט זיין ביי אים — זאָגט ער — דעמאָלט, ווען ער וועט מוזן פאַרקויפן די מאַרקעס. איצט מוז ער עס נאָכנישט טוען, כאָטש ער איז שוין געשוואָלן, איז אָן שיך, אַרומגעבונדן די פיס מיט שמאַטעס און ליידט כסדר פון געהעכערטער טעמפּעראַטור.

איך האָב אים געבעטן, אַז אויב ער וועט האַלטן ביים פאַרקויפן די פּאָסט־מאַרקן, זאָל ער איבערלאָזן פאַר מיר איינע, אַ מאַרקע פון ביראָבידזשאַן. ווי איך וועל נאָר באַקומען אויסגעצאָלט דעם לוין, וועל איך זי ביי אים אָפּקויפן, באַדאַי געבן אים אַ בעסערן פּרייז ווי אַן אַנדערער. איך האָב פאַר אַזאַ מאַרקע אַ באַזונדערן אינטערעס.

ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרקויפן די מאַרקעס. מען האָט אים ביינאַכט געמוזט אָפּפירן אין אַ שפּיטאָל און אויף צומאָרגנס האָט ער שוין נישט געלעבט. זיינע קופּלעטלעך האָט מען ביי דער אַרבעט ווייטער געזונגען.

עס איז מיר געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער צו טראָגן די ציגל און גראָבן ערד. הונגעריק, דורכגעפרוירן, פאַרקילט, נישט אויסגעשלאָפן. די לאָפּאַטע פאַלט שוין אָפּטער פון די הענט אַרויס. נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג און איך וועל אויך אַזוי פאַלן.

**
*

עס זיינען ווידער אָנגעקומען ידיעות וועגן אַוועקגעשטאָרבענע באַקאַנטע. ישראל טראַנק, דער יונגער היסטאָריקער און עסייאיסט איז געשטאָרבן אין סיקטיווקאַר. אין לענינאַבאַד (טאַדזשיקיסטאַן) איז געשטאָרבן דער באַוווסטער אַרבעטער־טוער, לאַנגיעריקער פאָרזיצער פון וואַרשעווער טעקסטיל־פאַריין, אָנפירנדיקער קאָמוניסט — אברהם ראָזענפעלד.

פאַרן טויט האָט ער נאָך באַוויזן צו ווערן משוגע. ווען ער איז אין האַרבסט 1939 אָנגעקומען פון וואַרשע מיט זיין פרוי און קינד קיין ביאַליסטאָק, איז ער באַלד געוואָרן פירער פונם פאַריין פון געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע. ער האָט אויך דערפילט זיין פאַרטייאישן חוב דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעוויזן אין נקוד אויף עטלעכע מענטשן, וועלכע זיינען אין וואַרשע געווען באַקאַנט אַלס טראָצקיסטן. מען האָט יענע גלייך איינגעזעצט. אין יאָר 1940 האָט שוין אברהם ראָזענפעלד זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען סאָוויעטישע בירגערשאַפט. ער האָט אויפגעהערט רעדן מיט זיינע חברים און באַקאַנטע, געשוויגן, זיינע אויגן זיינען געוואָרן שטאַרע, אויפגעריסענע. ער איז געווען שטענדיק אַ פאַנאַטישער קעמפער. זיין הויכע און ברייטע פיגור, זיינע האַרטע בלאָנדע האָר האָבן נאָך אונטערגעשטראָכן זיין פאַרביסנקייט. אַ מענטש אָן סענטימענטן, אָן אָפּווייכונגען, אַ פאַרהאַרטעוועטער קאָמוניסט, שטרענג און ברוטאַל צו יעדן אידעאישן קעגנער, וועלכער האָט נישט אָנערקענט דעם גרויסן און דערהויבענעם אמת פון זיין פאַרטיי.

דעם 30 יוני 1940 האָט מען אים דעפּאָרטירט אין אַ פּאָסיאָלעק צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד. אין אויגוסט 1941, נאָך דער אַמנעסטיע, ווען זיי זיינען

געפאָרן מיט אַן עשאַלאָן קיין אַזיע, איז דאָס קינד זייערס געשטאָרבן אויפן וועג, אין וואַגאָן. אין אַ קורצער צייט אַרום איז געשטאָרבן זיין ווייב.

אברהם ראָזענפעלד האָט זיך פאַרלאָזט אַ לאַנגע באָרד, זיך אַוועקגעשטעלט אויף די גאַסן פון לענינאַבאַד און געבעטלט. ער האָט גענומען רעדן אומפאַר־שטענדלעכע רייד, מורמלען און ווייזן מיטן פינגער:

— קברים, בלויז קברים אַ ריי,

באַגראָבן כ'האָב דאָ אַלע דריי.

און ווען מ'האָט אים אָנגעקוקט פרעגנדיק מיטן בליק, האָט ער צוגעמורמלט דעם סוף זאַץ:

— דאָס ווייב! דאָס קינד!! די אידיי!!!

באַלד האָט ער דאָס פאַרזיגנען מיט האַלבע טענער און האַלבע ווערטער פון „אינטערנאַציאָנאַל", אַביסל פאַרענדערט:

— איך וועל זיין — שוין דער לעצטער!

דאָס וואָרט „לעצטער" האָט ער לאַנג געציגן, וואָס אַמאָל פאַמעלעכער און אויסגייענדיק. דערנאָך זיך צעשריגן, צעלאַכט. ער איז אַראָפּ פון זינען. מ'האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ שפּיטאָל אריין. ער האָט זיך אָפּגעמאַטערט דאָרטן אַ שטיקל צייט און אויסגעגאַנגען.

***

איך שלעפּ זיך פון דער אַרבעט אַ מידער און אויסגעשעפּטער. די פיס שטעלן קוים די טריט, וואַקלען זיך, ברעכן זיך איין. מיר דוכט זיך אויס, אַז יעדער ראָוו, יעדע קופּע מיסט, יעדעס שטיקל ערד ווינקט צו מיר און רופט:

„שוין גענוג געשלעפּט זיך, גענוג געמאַטערט, וועסט סיווי נישט דערציען. לייג זיך אַוועק אָט־אָ־דאָ, אָט דאָ, ביסט דאָך שוין מיד, וועסטו זיך אָפּרוען. קום, לייג זיך צו, איך וועל דיך אַרומטוליען מיט ליבע, וועסט רואיק אויסגיין, אָפּרוען, שוין גענוג, גענוג, אָט דאָ לייג זיך אַוועק, אָט דאָ, דאָ!"

ווען איך בין פּאַרט דערקראָכן ביז צו דער טיר פון מיין קיביטקע, איז אַרויסגעלאָפן אַ יידישע שכנהטע און מיר אַנטקעגנגעשריגן מיט פרייד:

— עס איז דאָ! עס איז דאָ!

און זי האָט געפּאַכעט אין דער האַנט מיט אַ צעטעלע. עס איז געווען אַ מעלדונג פון דער פּאָסט, אַז עס איז פאַר מיר אָנגעקומען אַ פּעקל מיט פּראָדוקטן פון פּאַלעסטינע.

דאָס געדרוקטע צעטעלע האָט געפלאַטערט אין איר האַנט ווי אַ טויב, וואָס ברענגט אַ שריפט מיט אַ גוטער בשורה פון אַ גרויסן נצחון.

קאַפּיטל ג

דער יונגער דיכטער פון ליטע און בערעלע שמאַיעוויטש זיינען צוריקגעקו־מען פון דעם אַרבעטס־באַטאַליאָן.

דער ערשטער איז צוריקגעקומען דער דיכטער. ער איז אַלע יאָרן געווען אַ

קאָמוניסט. ווען עס איז אַריין די רויטע אַרמיי אין זייער שטאָט, איז ער געוואָרן אַ מיליציאָנער. אין יוני 1941 האָט ער באַוויזן זיך צו עוואַקואירן קיין סאַמאַרקאַנד. ער אַרבעט דאָ אין אַן אַרטעל פון טשעמאָדאַנען. אַזוי ווי פון דער אַרבעט האָט ער ווייניק פאַרדינט, האָט ער זייטיק צוגעהאַנדלט. ער האָט זיך באַקאַנט נעענטער מיט די דירעקטאָרן, פאַרוואַלטערס פון די אַרטעלן, געמאַכט מיט זיי אָפּט אַ כוסה, ביז ער איז געוואָרן „אַן איינגענער". ער האָט אָפּגעקויפט ביי זיי די רוי־מאַטעריאַלן, לעדער, פאַרשטעקט עס הינטער דער פופייקע און אַוועק דערמיט צו זיינע אָפּנעמער עס פאַרהאַנדלען.

ער האָט זייער שנעל געכאַפּט דעם שניט פון „בלאַטע" גענג, זיך אָנגעהויבן קליידן ווי אַ נאַטשאַלניק, רעדן מיט זייער סטיל און לשון און גענומען גוט פאַרדינען. קאָמוניזם אינטערעסירט אים שוין נישט, ער רעדט נאָר וועגן דעם דעמאָלט, ווען ער איז אין געזעלשאַפט פון די נאַטשאַלניקעס. ביים טרינקען און שליסן לינקע געשעפטלעך, פלאַפּלט מען אויך אַביסל די קאַזיאָנע רייד. ביי וואָס ער האַלט זיך נאָך יאָ פאַרעקשנט, דאָס איז זיין אַטעאיזם. ער האָט הנאה צו חוזק פון זיינע באַקאַנטע, וואָס האָבן דאָ אַזוי פאַרלוירן די קעפּ, אַז זיי זיינען געוואָרן בעלי־תשובהס. זיין קאַלטער אַטעאיזם, זאָגט ער, וואַרעמט אים נאָך מער ווי די וואַרעמע, רעליגיעזע צעקראַכנקייט. ער איז, זאָגט ער, אַ האַרטער, טרוקענער ליטוואַק, אַ „מתנגד", דאַקעגן די פּוילישע יידן זיינען אַלע גענייגט צו חסידישע גענג. זיי פאַלן לייכט אַריין אין עקסטאַז און ווערן באַהערשט פון ראָמאַנטיש־צעפלויגענע שטימונגען. ער איז אַליין אַ דיכטער, אָבער גלייכצייטיק אַ ראַציאָנאַליסט.

ווען מען האָט אים מאָביליזירט אין אַרבעטס־באַטאַליאָן, האָט ער געהאַט ביי זיך אַ היפּשע פּאָר טויזנט רובל, געווען נישקשה באַקליידט. ער איז אָפּגעווען אין אוראַל צוויי חדשים. געאַרבעט אויף דער באַן ביים איבערלאָדן אייזן אין די וואַגאָנען. איבער דער גאַנצער צייט געוווינט אין אַ משא־וואַגאָן, געשלאָפן אין אָנטועכץ, פאַרלויזיקט געוואָרן, נישט דערעסן, געוואָרן אָפּגעשוואַכט, עס איז זיי פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס לעבן.

זיי האָבן געזעען ווי אייניקע פאַרשווונדן פלוצים פון דער אַרבעט, באַקומען אַרויס פונם דאָקטער קראַנקהייטס־ביולעטינען. זיי האָבן אויך אָנגעהויבן זוכן אַ וועג ווי אַזוי זיך צו באַפרייען.

זיי האָבן דעם וועג צום דאָקטער, נאַטשאַלניק און אַלע איבעריקע אָנפירער — געפונען. נאָר געמוזט דערפאַר אַוועקגעבן דאָס ביסל מזומן, זייגערל. די שטיוול און די גוטע מלבושים איינטוישן אויף אַ וואַטענע פופייקע און וואַטאָווע הויזן. צו דעם אַלעמען האָט ער נאָך באַדאַרפט טוישן דעם נאָמען. עס איז אים געלונגען און ער האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעקראָגן.

ווען ער איז איצט, פאַרטאָג, אַריינגעפאַלן צו מיר אין קיביטקע, איז אים נישט געווען לייכט צו דערקענען. ער קומט איצט פון באַן. ער איז הונגעריק, דורכגעקעלטערט, אין אָפּגעריסענע מלבושים, אויסגעמוטשעט, נישט אויסגעשלאָפן, איבערגעשראָקן.

איך האָב זיך דערפרייט מיט אים, מכבד געווען מיט אַ שטיקל ברויט און געקאָכט וואַסער, אים אַוועקגעלייגט אין בעט, אים אויסגערעדט זיין שרעק, באַרואיקט אים.

זיין געמיט־צושטאַנד און שטימונג זיינען אַזעלכע קלאָגעדיקע, אַז ער האַלט אין איין שעפּטשען:

— גאָט צו דאַנקען, גאָט צו דאַנקען, גאָט האָט מיר געהאָלפן, זאָל ער מיר ווייטער העלפן! איך קאָן נאָך דאָ דורכפאַלן, איך בין אויף אַן אַנדערן נאָמען, מען קען מיך דאָ, איך וועל אַנטגיין פון שרעק, ער מוז מיר העלפן, נאָר ער קאָן מיר העלפן, אוי, גאָטעניו, גאָטעניו!

איך האָב פאַר אים פאַרבאָרגן מיין שמייכל. איך האָב געפילט אין זיינע רייד אַ ביינעשמאַק. שוין צופיל געפּאַלנקייט, שוין צופיל זיך איינגעבראָכן. אַזעלכע רייד פון זיין מויל האָבן מיר אויסגעקוקט נישט נאַטירלעך און אפילו דערווידער־דיק. אָבער אין אַזאַ פאַל טאָר מען זיך נישט דערלויבן צו זיין ניכטער־לאָגיש, נישט קוקן אויף אים פון אויבן־אַראָפּ. איך זיץ אויפן בעט, גלעט אים, טרייסט אים:

— באַרויק איך, שרעקט אייך נישט, עס וועט נאָך אַלץ זיין גוט, נאָר זיך נישט פאַרלירן, נאָר זיך נישט איינברעכן, בטחון און גלויבן זיינען אַ גוט געווער קעגן שרעק, עס וועט נאָך זיין גוט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען פון אוראַל דער צווייטער חבר, וואָס איז געווען מיט אים צוזאַמען, בערעלע שמאַיעוויטש. ער איז אויך אין אַזאַ מצב און ענלעכן געמיט־צושטאַנד.

שמאַיעוויטש איז אויך געווען אַן אַקטיווער קאָמוניסט אין פּוילן. כאָטש ער איז געווינט געווען שטענדיק צו דערפאָלגן אין לעבן, דערפאָלג ביי פרויען, ליב געהאַט גוט אָפּצועסן, שיין זיך קליידן, אָבער געווען אויך איבערגעגעבן צו זיין אידעאַל, אנטיילגענומען אין קאָנספּיראַטיווער, קאָמוניסטישער טעטיקייט, אַ קורצע צייט געזעסן אין טורמע. עס האָט אים געמסרט זיין אייגענע מאַמע. עס איז איר נישט אָנגעשטאַנען אין יחוס, אַז איר זון זאָל זיך פאַרנעמען מיט „לאַ־בוזעוואַטע" שטיק און זיך חברן מיט די שניידערס און שוסטערס.

שמאַיעוויטש האָט זיך דאָ אַנטוישט אין אַלע אידעען. ער האַלט, אַז מען דאַרף נאָר גוט אָפּעסן, שיין זיך קליידן, פאַרברענגען מיט פרויען און לייענען פון צייט־צו־צייט אַ גוט בוך. ער האָט ליב די דיכטונג פון משה לייב האַלפּערן. ער געדענקט אפילו פון אויסנווייניק זיינע עטלעכע סטראָפן, וועלכע ער ציטירט ביי יעדער געלעגנהייט. אין די פּאָר סטראָפן רעדט זיך וועגן דער נישטיקייט פון דער וועלט, הבל הבלים, אַז עס איז נישט כדאי די מי פון לעבן.

שמאַיעוויטש טייטשט עס זיך אויס, אַז דאָס מיינט — כאַפּ אַריין וואָס דו קאָנסט נאָר, לעב אַ גוטן טאָג, קימער זיך נישט און דאגה נישט וועגן אַלע איבע־ריקע זאַכן, באַגנוגן זיך מיט די קליינע, טאָג־טעגלעכע הנאות, נעם אַלץ אַזוי ווי עס גייט און נוץ אויס יעדע געלעגנהייט.

ער האָט אַ שנאה צו דעם רעזשים דאָ — נאָר צוליב איין קליינקייט:
ער־האָט געמוזט דאָ ווערן אַ גנב.

ער האָט געאַרבעט אַלס בריגאַדיר אין אַן אַרטעל. יעדן טאָג האָט ער פאַר־שטעקט אַ פּאָר זוילן אין די שטיוול, איבערגעקויפט דעם היטער ביי דער טיר און זיי אַרויסגעטראָגן צום פאַרקויפן. עס פייניקט אים, זאָגט ער, דאָס געוויסן. ער איז אַ שטאָלצער מענטש, אַזויפיל יאָרן טריי געדינט אַן אידעאַל און איצט מוז ער זיך פילן געפאַלן, זיין אַ פּשוטער גנב, באַרויבן זיין אייגענע, פּראָלעטאַרישע

מלוכה. דערפֿאַר — זאָגט ער ווייטער — זוכט ער צו טאָן טובֿות זײַנע באַקאַנטע, געבן זיי הלוואות, מכבד זײַן מיט אַ מאָלצײַט, ווײַל דאַדורך ווערן יענע אויך שותפֿים צו זײַן פֿאַרברעכן. דאָס מאַכט אים לײַכטער זײַן געוויסנביסן.

זײַן פֿרוי און די צוויי קינדער זײַנען פֿאַרבליבן אין כרסאָן. ער איז דעמאָלט געווען מאָביליזירט אין אַרבעטס־באַטאַליאָן, גענראַבן אָקאָפּעס. ער האָט אין דער לעצטער מינוט באַוויזן זיך צו עוואַקוירן, זײַן פֿרוי און קינדער שוין נישט.

קיין כערסאָן איז ער געהאַט אָנגעקומען פֿון פּוילן נאָך סוף יאָר 1939. ער איז אַרײַן אַרבעטן אין אַן אַרטעל, אָבער נישט פֿאַרדינט גענוג אויף צו עסן פֿאַר זיך און זײַן געזינדל. ער איז אַ גוטער פֿאַכמאַן, אַ צושנײַדער, געלעבט בעסער פֿון אַלע אַנדערע אין דעם אַרטעל, דאָך האָט ער און זײַן פֿאַמיליע אונטערגעהונגערט. ער האָט באַמערקט, אַז די אַנדערע אַרבעטער דאָ זעען נישט שלעכט אויס, זײַנען גוט דערנערט און נישקשהדיק געקליידט. ער האָט אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן, שנאָפּן, אויספֿרעגן, ביז ער איז געוואָר געוואָרן: אַלע אַרבעטן בײַנאַכט בײַ זיך אינדערהיים. מען פֿאַרשטעלט די פֿענצטער, מען פֿאַרשליסט די טיר, אויפֿן הויף שטייט וועך און טוט אַכטונג עס זאָל נישט פּלוצים אָנקומען קיין קאָנטראָלער פֿון פֿינאַנדיעל (פֿינאַנס־אָפּטיילונג). מען אַרבעט און מען פֿאַרדינט אויף פּרנסה.

בײַם אָנקומען קיין כערסאָן האָט שמאַיעוויטש אַלעמען דערציילט, אַז ער איז אין פּוילן געווען אַ קאָמוניסט. ער איז אַוועק אין שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט זיך מעלדן. מען האָט גערופֿן אַ מיטאַרבעטער פֿון דער כערסאָנער צײַטונג און ער האָט געהאַט מיט אים אַן אינטערוויו.

אויפֿצומאָרגנס איז געווען פֿאַרעפֿנטלעכט זײַן בילד און דער שמועס מיט דעם פּוילישן קאָמוניסט שמאַיעוויטש, וועלכער האָט געשמאַכט אין די פּוילישע תּפֿיסות, שטענדיק געווען אַרבעטסלאָז און געהונגערט.

היות אָבער שמאַיעוויטש איז אין אמתן געווען אין פּוילן אַ מייסטער פֿון אַ קליין פֿאַבריקל, געהאַלטן עטלעכע אַרבעטער, גוט פֿאַרדינט און גוט אויסגעזען, דיק, אויסגעפּאַשעט, איז אונטער זײַן בילד אין צײַטונג געווען צוגעשריבן, אַז דאָס איז שמאַיעוויטש נאָך געשוואָלן פֿון דעם כסדרדיקן הונגערן אין פּוילן.

ער האָט זיך געווענדעט צו עטלעכע מייסטערס אין זײַן אַרטעל, אַז מען זאָל אים צונעמען אויף פּריוואַטער, בײַנאַכטיקער אַרבעט אין שטוב. ער איז אַ גוטער פֿאַכמאַן און עס פֿעלן דאָך אויס אַזעלכע בעלי־מלאָכות, ער וואָלט זיי רעכט צונוץ געקומען און וואָלט אַליין אויך פֿאַרדינט אויף פּרנסה.

קיינער האָט אים אָבער נישט געוואָלט צונעמען. יעדער האָט אים אָפּגעזאָגט, אויסגעזוכט תּירוצים, אַז זיי אַרבעטן נישט אינדערהיים, דאַרפֿן נישט קיינעם, ווייסן נישט פֿון וואָס צו זאָגן.

אין אַ צײַט אַרום איז ער געוואָר געוואָרן, אַז פֿון איין באַלעמעלאָכע צום צווייטן איז געגאַנגען דער פּאַראָל:

„נישט אָננעמען שמאַיעוויטשן, זיך היטן פֿאַר אים, ער איז אַ קאָמוניסט!”

טייל פֿון זיי זײַנען אַליין אויך קאָמוניסטן, פּאַרטיי־מיטגלידער, אָבער זיי פֿאַרשטייען שוין ווי אַזוי זיך צו פֿירן, שמאַיעוויטש איז אָבער אַ קאָמוניסט פֿון פּוילן, — אַ „גרינער רויטער” — ער נעמט עס ערנסט און פֿאַר אַזעלכן דאַרף מען זיך היטן.

שמאַיעוויטש האָט דערנאָך אַליין פאַרלייגט אַ געהיים וואַרשטאַטל ביי זיך אין שטוב. זיין פרוי איז געשטאַנען פאַרן טויער און אַכטונג געגעבן. בייטאָג האָט ער געאַרבעט אין אַרטעל און ביינאַכט אין שטוב, פאַר זיך. ער האָט פאַרדינט אויף עסן און טרינקען פאַר זיין ווייב און קינדער.

איצט ווייסט שוין שמאַיעוויטש ווי אַזוי זיך צו פירן, ווי אַזוי צו רעדן, זיך האַלטן, אַן עצה געבן, ער איז שוין, זאָגט ער, אויס יאָלד. ער האַסט יעדע אידעע, האָט פיינט אַלע, וועלכע רעדן נאָך וועגן אידעען, קאָמוניסטישע, סאָציאַליסטישע, ציוניסטישע, צי סתם וועגן מאָראַל און יושר, אַלצאיינס, מען דאַרף שפּייען אויף דעם אַלעם, ווייל „ווי זינגט דאָרט משה לייב"...

איצט, נאָכן צוריקקומען פונם אַרבעטס־באַטאַליאָן אין אוראַל, איז ער נעבעכדיק, דאַר, אויסגעמאַטערט, דערשלאָגן. די אַרבעט דאָרט האָט אים נאָכאַמאָל איינגעבראָכן. איצט איז ער אַ דעזערטיר, לעבט אין שרעק, קאָן דערווייל נישט גיין פאַרדינען, דאַרף זיך צוריק איינשאַפן פּאַפּירלעך אויפן אייגענעם נאָמען. דערצו דאַרף מען שפּאָר געלט. מען דאַרף זיין אָנגעטאָן אנשטענדיק, לייטיש. ער איז אין אַ פּופּייקע־קאַסטיום. פּאַסקודנע.

שמאַיעוויטש נעמט אַראָפּ זיינע ברילן, ווישט אויס די גלעזלעך. עס גיט אַ בלינצל אַ שלעכט פייערל אין זיינע אויגן. ער צערייבט די הענט, קלאַפּט אונז גוטברודעריש אין פּלייצע:

— מנע, מען מוז זיך אויפּסניי אַ נעם טאָן! לאָמיר גיין, לאָמיר גיין, לאָמיר לאָזן די שוואַכע! פּרץ איז גערעכט געווען. מען מוז נעמען דאָס לעבן מיט די פויסטן. איך וועל עס נעמען!

קאַפּיטל ד

איך האָב דאָ באַקענט אַן איידעלן, אידעאַליסטישן יונגערמאַן, אַ פאַנאַטישער ליבהאָבער פון יידיש, יידישער ליטעראַטור, אַ פילאָלאָג, אַליין געשריבן אַרטיקלען און לידער, פאַרפאַסט מוזיק. געווען אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין ווילנע, מיטאַרבעטער פון יוואָ — לייזער ראַן.

אין יאָר 1936 איז ער פאַרפאָלגט געוואָרן פון דער פוילישער פּאָליציי, געווען אַ באַפעל אים צו פאַרשיקן אין דעם באַקאַנטן קאָנצענטראַציע־לאַגער קאַרטוז־בערעזע. עס איז דעמאָלט געלונגען אים און זיין פרוי זיך אַריבערצוקריגן די סאָוויעטישע גרענעץ.

באַלד נאָכן אַריבערקומען אויף דער סאָוועטישער זייט זיינען ער און זיין פרוי אַרעסטירט געוואָרן און פאַרמשפּט צו דריי יאָר תפיסה. מען האָט זיי באַשאָנקען מיט דעם פּאַראַגראַף „פּע־שאַ" (פּאָדאָזרעניע שפּיאָנאַזשאַ — פאַרדאַכט אין שפּיאָנאַזש).

זיי זיינען אָפּגעווען דריי יאָר אין אַ לאַגער אין קאַראַגאַנדאַ (קאַזאַכסטאַן). נאָכן באַפרייט ווערן האָבן זיי נישט געהאַט קיין רעכט צו וווינען אין די גרויסע שטעט און האָבן זיך באַזעצט הינטער מאָסקווע.

דער עיקר איז ראַנען געגאַנגען אין דערשלאָגן זיך אַן אווידיענץ צו די העכערע קאָמוניסטישע אינסטאַנצן און פאָדערן רעהאַביליטאַציע, פאָדערן אַן

אויפקלערונג הלמאי מען האָט אים אַרעסטירט. ער האָט דאָך מיטגעהאַט אַלע נויטיקע דאָקומענטן, סימנים און „קאָנטאַקטן". מען האָט לייכט געקאָנט קאָנטראָלירן און פעסטשטעלן ווער ער איז.

אים האָט זיך איינגעגעבן אָנצוקומען צו קאַלינינס סעקרעטאַרין. זי האָט אויסגעהערט אַלע זיינע טענות און פריינטשאַפטלעך, חבריש, אים געעצהט:

— איך בעט אייך, גייט אַהיים! גייט נישט מער אינערגעץ מיט אייערע טענות, טוט מיר צוליב. טעותים טרעפן אָפט. נעמט זיך דערמיט נישט איבער. אַבי איר זענט שוין אויף דער פריי. פאָרט צוריק צו אייער פרוי.

איז ער אָן עקשן, לייזער ראַן. ניין, ער וועט נישט אַוועקגיין, ער מוז וויסן פאַר־וואָס עס איז אַזוי געשען. זאָל מאַקע פעסטגעשטעלט ווערן, אַז עס איז גע־ווען אַ טעות, מער וויל ער נישט, וועט ער זיך פילן רעהאַביליטירט.

זי האָט זיך געמוזט אויפשטעלן פון איר אָרט און נאָכאַמאָל אים בעטן. אָבער שוין אין אַ פאָדערנדיקן טאָן:

— איך בעט אייך, גייט אַהיים! איך בין אויסן נאָר אייער טובה, גייט נישט מער אינערגעץ צו קיינעם! איר האָט געהאַט אַ באַזונדער מזל וואָס איר זענט נאָר אָפּגעקומען מיט דריי יאָר! איר האָט געקאָנט מיט דעם זעלבן דערפאָלג אַריינכאַפּן אויך צען יאָר טורמע. מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט שונאים און מיר מוזן האַנדלען שטרענג. בעסער איינזעצן טויזנט אומשולדיקע, איידער לאָזן אויף דער פריי איין שולדיקן. די רעוואָלוציע פאָדערט אַ סך קרבנות. איר זענט אַ קאָ־מוניסט, איר האָט זיך נישט איינגעבראָכן, מאָלאָדיעץ, פאָרט אַהיים צו אייער פרוי, גייט אַרבעטן, גיט אָן אַ ווענדונג וועגן אָננעמען אייך אין פּאַרטיי, איר וועט אונדז צונוץ קומען. איר וועט שנעל פאַרגעסן אין דער עוולה לגבי אייך. איך זאָג עס אייך ווי אַ קאָמוניסט און אויך ווי אַן עלטערע פרוי, איך וואָלט געקאָנט זיין שוין אייערס אַ מאַמע. גייט געזונטערהייט, איך ווינטש אייך אַלדאָס בעסטע, מער וויל איך אייך דאָ נישט זעען!

זיין עקשנות האָט זיך נישט געבראָכן. אים איז אפילו געלונגען זיך דער־שלאָגן צום קאָמינטערן. ביים אַרויסנעמען דעם „פּראָפּוסק" און אָנשרייבן די אויטאָביאָגראַפיע, האָט ער זיך אָנגעגעבן ווי אַ קאָמוניסט, וועלכער איז ערשט גע־קומען פון פּוילן, נישט דערציילט וועגן זיין אַרעסט. ער האָט זיך באַנוצט מיט אַ ליגן, כאָטש עס איז קעגן זיין טבע און געוווינשאַפט. ער איז אַריין אין דער גע־ביידע פון קאָמינטערן. דער פּראָפּוסק איז אויסגעשטעלט נאָר אויף אַ האַלבער שעה. אויף יעדן האַלבן שטאָק שטייט אַ רויטאַרמייער און קאָנטראָלירט.

ווען ער איז אַריין צום פאַרוואַלטער פון דער געהעריקער אָפּטיילונג און אָנ־געהויבן אַרויסלייגן זיין טענה, דערציילט אַז ער קומט פון לאַגער, ווו ער איז אָפּגעזעסן דריי יאָר — איז דאָרט געוואָרן אַ טומל. מען האָט גענומען גלייך אויספאָרשן ווי אַזוי עס איז אים געלונגען זיך דאָ אַריינצובאַקומען. עס האָט אים געדראָט אַ נייער אַרעסט. נאָר זיין אויסזען און האַלטונג, זיין תמימותדיקייט, אויפריכטיקייט, וואָס שלאָגט אַרויס פון יעדן וואָרט זיינעם (אַ גאַניץ אויג וועט אין אים באַלד דערקענען דעם „פאַרפאַלענעם אידעאַליסט"), נאָר צוליב דעם איז אים געלונגען זיך אָפּצובעטן. מען האָט אים פון קאָמינטערן צוריק אַרויסגעלאָזט. ער האָט זיך אַצינד איבערגעצייגט, אַז קאַלינינס סעקרעטאַרין האָט אויף אַן אמת געמיינט נאָר זיין טובה, אַז זי האָט צו אים גערעדט ווי אַ מאַמע.

לייזער ראַן איז אָפּטער געקומען קיין מאָסקווע און מיטגעאַרבעט אין דער יידישער פילאָלאָגישער סעקציע. ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט דאָרט צו לייעגן די ניו־יאָרקער קאָמוניסטישע „מאָרגן־פרייהייט״. דאָס איז אַ גרויסע פּריווילעגיע, וואָס עס האָבן נאָר געציילטע, פּאַרטרוילעכע מיטאַרבעטער.

בעתן עוואַקואירן זיך קיין סאַמאַרקאַנד האָט ער אפילו מיטגענומען אַ גאַנצן יאָרגאַנג פון דער „מאָרגן־פרייהייט״. מיר האָבן זיך געקוויקט און געשלונגען יעדעס וואָרט — שוין פיר יאָר נישט געלייענט קיין אויסלענדישע צייטונג! מיר האָבן דאָרט געלייענט שטוינענדיקע און פריילעכע זאַכן. מען האָט אין דער „מאָרגן־פרייהייט״ געזידלט די אַלע צייטונגען, וועלכע האָבן אויסגעטראַכט אַזאַ בלבול אויף דער ראַטנמאַכט, אַז זי האָט פאַרשיקט טויזנטער יידן קיין סיביר, זיי פאַרשפאַרט אין די טורמעס און לאַגערן. מען האָט דאָרט געלעזן אַרטיקלען וועגן יידישע שרייבער פון פוילן, וועלכע זיינען געוואָרן טרייע זין פון דעם נייעם פאָטערלאַנד, וועגן זייער קינסטלערישן אויפשוווּנג, וועגן זייערע גוטע, מאַטעריעלע באַדינגונגען, וועגן זייער ליבע צו דער סאָוויעטישער אָרדנונג. מיר האָבן געלאַכט און געוויינט לייענענדיק די דאָזיקע אַרטיקלען.

לייזער ראַן האָט מיר אפילו באַוויזן אַן אויסשניט פון אַ ווילנער צייטונג פון יאָר 1940, ווו עס ווערט געשריבן, אַז דער אַמאָליקער ייוואָ־מיטאַרבעטער לייזער ראַן, וועלכער איז גערודפט געוואָרן אין ייוואָ צוליב זיינע קאָמוניסטישע איבערצייגונגען און געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן פון ווילנע צוליב פּאָליציייאישע רדיפות, איז באַלד נאָכן אַריבערטרעטן די סאָוויעטישע גרענעץ אין יאָר 1936, געוואָרן דאָרט איינגעלאַדן אַלס מיטאַרבעטער אין דער יידישער וויסנשאַפט־סעקציע און באַלד פאַרנומען די שטעלע פון אַ דאָצענט.

לייזער ראַן האָט דעמאָלט געאַרבעט אין קאַראַגאַנדער לאַגער, נישט אַלס דאָצענט פון פילאָלאָגיע... קען זיין, אַז אין קאַראַגאַנדאַ האָט מען געקאָנט שאַפן אַ גאַנץ היפּשן אוניווערזיטעט, ווייל דאָרט געפינען זיך הונדערטער געלערנטע. דאָרט זיינען אויך געזעסן אַ סך סעקרעטאַרן, דעלעגאַטן, פאַרבינדלער, קאָנטראָלערן פון די אויסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען. עס זיינען געווען דאָרט גוטע פּראָפעסאָרן און גוטע צוהערער. עס איז דאָרט אויך געזעסן דער גרוזינישער פּויפּסטלעכער נונציוס, וועלכער האָט באַהערשט פינפאונצוואַנציק שפּראַכן!

ראַן האָט טאַקע נישט איינמאָל אויסגעהערט בשעת דער אַרבעט, לעקציעס פון זיין שכן, דעם פּויפּסטלעכן נונציוס, איבער שפּראַך־פּראָבלעמען. ראַן קען נאָך אַלץ נישט שענקען דעם נונציוס פאַר זיין משונהדיקער טעזע, אַז אַלע שפּראַכן שטאַמען פון העברעאיש. און נישט איינמאָל האָט דער נונציוס גע־מוסרט אים דערפאַר, וואָס ער באַהערשט נישט גענוג פריי די העברעאישע שפּראַך. — איר זענט נישט קיין אמתער ייד — פלעגט ער זאָגן צו ראַנען מיט פאָרוווּרף — איר געהערט צו יענעם מין יידן, איר ווייסט שוין וועמען כ׳מיין, וואָס זיינען לאַנג שוין קיין יידן נישט.

ראַן אַרבעט איצט אַלס עקספּעדיטער אין אַ מאַגאַזין. איך אַרבעט שוין אַלס היטער אין אַ שוסטער־אַרטעל. מיר דערוואַרטן זיך קוים אויף דעם אָוונט, אַז מיר זאָלן זיך קאָנען צוזאַמענטרעפן און אַ שמועס טאָן וועגן ענינים פון ליטעראַטור, קונסט, יידיש לעבן און וועגן יענע גוטע, פאַרגאַנגענע, היימישע יאָרן. דאָס גיט אויך צו כוח צום איבערהאַלטן און שטאַרקן די מאָגערע האָפנונג, אַז אפשר וועט

דאָך נאָכאַמאָל קומען יענע אויסגעבענקטע צייט. מיר ווילן מער גאָרנישט, ווי נאָר: חדש ימינו כקדם!

קאַפּיטל ה

דער נס סטאַלינגראַד איז געשעען! מען האָט אָפּגעשטעלט דעם דייטשן אָנגריף. עס האָט אַ שיין געטאָן אַ שטראַל פון האָפנונג. עס ווערט לייכטער אויפן געמיט. אפשר וועט דאָך געלונגען צו צעטרעטן אָט די גיפטיקע שלאַנג, אָט די חיה־רעה. אפשר וועט דאָך באַזיגט ווערן דער וועלט־מערדער! עס ווילט זיך כאָטש נאָך דערלעבן צו דעם געבענטשטן טאָג פון נקמה איבער די דייטשן.

די באַפעלקערונג איז דערווייל נאָך אַלץ סקעפּטיש. זי צווייפלט אפילו אין דעם סטאַלינגראַדער נצחון. זי איז דורכגעפּרעסן פון אומצוטרוי און אומגלויבן. זי האַלט אַלץ פאַר הוילע באַרימערייען. אָדער אפשר שמייכלט זיי גאָרנישט אַזאַ נצחון־ידיעה? האָט דאָך שוין געקאָנט טרעפן, אַז עס האָט זיך אָוועקגעשטעלט אויף דער גאַס אַ רוסישער שיכור און אויסגעזידלט אַ ייִדישע פרוי, געדראָט איר אַז אָט־אָט וועט קומען דער טאָג און מען וועט פון אַלע ייִדישע „שפּעקולאַנטן" און נאַטשאַלניקעס מאַכן קרעפּל־פלייש. די פרוי האָט זיך נישט געלאָזן; אים אָפּגעענטפערט, איר מאַן און צוויי זין זיינען אויפן פראָנט, זי אַרבעט אין אַ פאַבריק, מען וועט קעמפן ביזן לעצטן און מען וועט פאַרטיליקן די דייטשן און אויך אַזעלכע כוליגאַנעס און קאָנטררעוואָלוציאָנערן ווי ער און זיינסגלייכן:

— דערווייל לעבט נאָך אונזער גרויסער סטאַלין! ער וועט יעם נצחון אויסקעמפן! ער וועט זיך אָפּרעכענען אויך מיט אייך!

אָבער די פרוי איז פאָרט געווען איבערגעשראָקן און זיך צעוויינט. עטלעכע מענטשן האָבן פאַרהאַלטן דעם כוליגאַן, אים איבערגעגעבן צו אַן אוזבעקישן מיליציאָנער. דער לעצטער דרייט זיך אַרויס מיט אַ תירוץ, אַז ער גייט אַצינד אויף זיין פּאָסטן. דער כוליגאַן שאַרט זיך אַרויס און פאַרשווינדט.

עס איז שוין געהאַט דערגאַנגען צו אַזאַ צעלאָזנקייט און דעמאָראַליזאַציע, אַז אין פּאַרק, בעת מען האָט דעמאָנסטרירט אַ פילם וועגן די קאַמפן פון די אוקראַינישע פּאַרטיזאַנער, איז בעת אַ פּאַרעטער אַגיטירט קעגן די פּאַרטיזאַנער, אויסרופנדיק:

„האָט נישט קיין מורא פאַר די דייטשן, זיי זיינען אונזערע רעטער, זיי דערשיסן בלויז קאָמוניסטישע עמיסאַרן און ייִדן!" —

האָט אַ טייל פון עולם אַפּלאָדירט.

איך בין דעמאָלט דערשטוינט געוואָרן פון דעם פאַל. עס האָט אָנגעיאָגט אַ פּחד, עס האָט מיך באַגאָסן אַ שווייס. אין אַן עפנטלעכן אָרט, אין אַ פּאַרק, זאָלן סאָוויעטישע בירגער וואַגן צו אַפּלאָדירן אַ פּאָטערלאַנד־פאַרעטער, אַ דייטשן אַגענט?!

עס שיצט זיי טאַקע די פינצטערניש בעת דער פאָרשטעלונג. איז אָבער דאָס שוין געגנוג? איך בין געווען זיכער, אַז באַלד וועלן אָנקומען די קעטשלעך פון נקווד, אַרומרינגלען דאָס קינאָ און אַלע צושויער פאַרהאַלטן. ניין, עס איז אַזוי נישט געשעען.

אָבער מיר יידן גלייבן יאָ אין נצחון, מיר ווילן גלייבן, מיר מוזן גלייבן!
דאָס איז אונזער שטאַרקסטער באַגער — אַ זיג איבער די דייטשן!

ווען מיר זיינען זיך צונויפגעקומען עטלעכע מענטשן, האָבן מיר אַלץ עפּטער גערעדט, אַז מען וואָלט באַדאַרפט גרינדן אַ יידישן לעגיאָן ביי דער רויטער אַרמיי. יעדער פון אונז וואָלט זיך געשלאָגן ביזן לעצטן אָטעם, פאַר אונז וואָלט קיין צוריקטריט נישט געווען, מיר וואָלטן זיך נישט איבערגעגעבן אין דייטשער גע־פאַנגענשאַפט ווי הונדערטער טויזנטער רוסן, אוקראַינער, קאַזאַקן און אוזבעקן. האָט דאָך קורסירט אַ וויץ וועגן די „נאַצמענען" (נאַציאָנאַלע מינדערהייטן):

די דייטשן אויפן פראָנט שרייען אַריבער דורך הילכערס צו די רויטאַרמייער אין די אָקאָפּעס:

„רוס, סדאַיסיאַ! רוס, סדאַיסיאַ! (רוס, גיב זיך אונטער!).

שטעקט אַרויס אַן אוזבעק דעם קאָפּ פון אָקאָפּע און שרייט צוריק צו די דייטשן:

„אוזבעקן נעמט איר אויך אָן אין געפאַנגענשאַפט?"

פון אַזעלכע "חכמהלעך", דערציילטע אויפן אויער, האָט געוויבלט אין אַלע ווינקעלעך.

מיר וואָלטן וועלן קעמפן אין אַ באַזונדערן לעגיאָן. זאָלן אונזערע קרבנות און העלדישקייט פאַרשריבן ווערן אויף אונזער אייגענעם, יידישן חשבון. ווייסן מיר דאָך, אַז אין דער ליטווישער בריגאַדע זיינען יידן געפאַלן פון די קוילן פון זייערע אייגענע ליטווינער. ווייסן מיר דאָך וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס בו־שעוועט לעצטנס אין דער רויטער אַרמיי. דער דייטשער גיפט האָט זיך גיך אַרי־בערגעטראָגן אין די נשמות פון די רויטע קעמפער. אויף דעם געביט האָבן די דייטשן שוין דערגרייכט אַ היפּשן זיג.

אָבער קלאָר איז אויך, אַז דער וואָס וואָלט געקומען צו די סאָוויעטן מיט אַזאַ פּלאַן פון אַ יידישן לעגיאָן, וואָלט גלייך אַרעסטירט געוואָרן צוליב נאַציאָ־נאַליזם.

אַלע האָבן געוואָלט גיין פרייוויליק אין דער פּוילישער אַרמיי, (דאָ האָט מען אויך אין זינען געהאַט דאָס קעמפן אויף אַנדערע פראָנטן, און געהאַט דערביי שאַנסן נאָך דער מלחמה צו ווערן פריי), מען האָט אָבער קיין יידן נישט אָנגע־נומען. נאָר אַ גאַנץ קליינע צאָל יידן איז אַריין אין דער פּוילישער אַרמיי. טייל האָבן זיך אַריינגעקראָגן מיט דער הילף פון כאַבאַר און טייל מיט דער הילף פון אַ שמד־צעטל. די אַרמיי איז אַרויסגעפאָרן פון רוסלאַנד. אין די טעג פון די שווערע שלאַכטן ביי סטאַלינגראַד, האָט די סאָוויעטישע מאַכט זיך נישט אַנטקעגנגע־שטעלט זייער אַרויספאָרן. זי האָט אפילו געהאַלטן פאַר גלייכער, אַז זיי זאָלן דאָ בכלל נישט זיין. ווייל טאָמער גייט די דייטשע אַרמיי טיפער אין לאַנד אַריין, וועלן אַ סך פון די פּוילישע סאָלדאַטן ווערן זייערע מיטהעלפער. זיי וועלן זוכן נקמה צו נעמען אין די סאָוויעטן פאַרן פאַרשיקן זיי אין די טורמעס און לאַגערן. איצט איז שוין דאָס פאָרן אָפּגעשטעלט. 113 טויזנט זעלנער מיט זייערע משפחות האָבן באַ־וויזן אַרויסצופאָרן פונדאַנען. בעתן אַרויספאָרן האָבן פּוילישע סאָלדאַטן, אין איי־ניקע ערטער, איזאָלירט זייערע יידישע חברים, אָפּגעגעבן פאַר זיי באַזונדערע וואַ־גאָנען און אויפגעצייכנט מיט קרייד:

„וואַגאָנען פאַר יידישע זעלנער".

פּוילישע יידן ווערן נישט אָנגענומען אין דער רויטער אַרמיי, אַפילו נישט די, וועלכע האָבן געהאַט אָנגענומען די סאָוויעטישע בירגערשאַפט. אין עטלעכע ראַיאָנען זיינען געווען אויסנאַמען און מען האָט די פּוילישע יידן מיט סאָוויעטישער בירגערשאַפט יאָ מאָביליזירט. נאָרמאַל ווערן די פּוילישע יידן מיט סאָוויעטישער בירגערשאַפט מאָביליזירט אין די אַרבעטס-באַטאַליאָנען. דאָרט ווערן מאָביליזירט עלטערע, שוואַכע, נישט פעאיקע צו גיין אויפן פראָנט און אויך די פּאָליטיש נישט-זיכערע עלעמענטן פון דער סאָוויעטישער באַפעלקערונג.

***

יעדע וואָך זיינען פאָרגעקומען גרויסע אָבלאַוועס. אויפן באַזאַר, אין די גאַסן, שטובן, בוידעמס, קעלערס. מען האָט געזוכט דעזערטערן. יעדער אָרטיקער „וואָיענקאָמאַט" האָט באַדאַרפט צושטעלן זיין קאָנטינגענט. דערביי זיינען אויך אַ סך פון די פּוילישע געכאַפּט געוואָרן. ביז עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ער איז אַ פּוילישער, וועט אָפּגעדויערן עטלעכע וואָכן, אָדער חדשים. קודם זאָל מען אים טראַנספּאָרטירן, זאָל דער „וואָיענקאָמאַט" זיין אין אָרדנונג מיטן קאָנטינגענט, אויף דעם חשבון פון די פּוילישע קאָן מען דערוויל באַפרייען אַנדערע, פאַר כאַבאַר.

טויזנטער אוזבעקן באַהאַלטן זיך אויס אין די בערג. זיי ריכטן זיך אַז אָט-אָט וועלן אַריינמאַרשירן די דייטשן. אָדער אפשר וועלן גאָר פריער אַריינמאַרשירן דורך פּערסיען די אַמעריקאַנער און ענגלענדער? דאָס איז דאָך זייער שענסטער טרוים. אין ביידע פאַלן וועט מען זיין פּטור פון גיין אויפן פראָנט.

ביי די אָבלאַוועס האָט מען געכאַפּט אוזבעקן פאַרקליידטע פאַר פרויען, הינטער פאַראַנדזשאַס. אָט פירט מען איינעם, וואָס מען האָט אים אַרויסגעצויגן פון אַ קוימען, ווו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן.

אָבער דער נצחון ביי סטאַלינגראַד ווערט אַלץ בולטער און זיכערער. אין די צייטונגען באַווייזט זיך אַן אָפיציעלע מעלדונג, אַז די סאָוויעטישע רעגירונג אַנערקענט נישט מער די פּוילישע שיקאָרסקי-רעגירונג און רייסט מיט איר איבער אַלע באַציאונגען.

פאַר אונז איז דאָס נישט מינער, ווי מען וואָלט אונז פּלוצים גענומען אַטאַקירן פון דער לופט מיט באָמבעס. מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען און דערפילט וואָס דאָס מיינט און באַדייט פאַר אונז.

די פּוילישע אַמבאַסאַדע אין קויבישעוו ווערט ליקווידירט. אַלע פּוילישע הילף-פּלאַצוווקעס ווערן איבערגענומען דורך סאָוויעטישע קאָמיסאַרן, עס ווערן איבערגענומען די פּוילישע קינדערהיימען און שפּיטעלער. אַ סך אָנפירער פון די אַמבאַסאַדעס ווערן אַרעסטירט. די מיליץ קומט אין שטוב צו יעדן פּוילישן און הייסט אים גיין אין מיליציע אָפּגעבן אַ ווענדונג וועגן באַקומען סאָוויעטישע בירגערשאַפט. די פּוילישע בירגערשאַפט ווערט מער נישט אַנערקענט. ווער עס זאָגט זיך אָפּ, ווערט אַרעסטירט. איבער די גאַסן, פאַבריקן, סטאָלאָווקעס, אין די וווינונגען, הויבן זיך אָן מאַסן-אָבלאַוועס אויף די פּוילישע. מען זוכט די אַלע, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס און קומען זיך נישט מעלדן אין דער מיליציע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע מלחמה, עס האָט זיך געעפנט אַ נייער פראָנט — קעגן די פּוילישע. אַ באַזונדערע שלאַכט קעגן אַלע אונזערע טרוימען און האָפ-

נונגען. עס ווערט ווידער פארשניטן אונזער בענקשאפט און האפנונג נאך אנצו־קוקן אמאל אונזערע היימען, דערלעבן אמאל צו זיין פרייע מענטשן אין א פריי לאנד.

קאפיטל ז

מיין ארבעט אלס היטער אין שוסטער־ארטעל איז נישט קיין שווערע. איך שטיי ביי דער טיר א גאנצן מעת־לעת, דערפאר בין איך צוויי טעג פריי. אבער איין זאך איז פאר מיר באזונדערס שווער:

דאס רעווידירן די ארבעטער ביים ארויסגיין פון ארטעל.

אין די ערשטע טעג האבן די הענט מיר זיך נישט געהויבן, געוועז געליימט, דאס בלוט האט געבריט און פארפלאמט דאס פנים, א שוויס האט געגליט און בייסיק געקיצלט דעם שטערן. די ארבעטער האבן מיך שמייכלענדיק דערמוטיקט:

— שעמט זיך נישט, חבר, שעמט זיך נישט, דאס איז אייער פליכט, איר דארפט היטן דאס אייגנטום פון אונזער מלוכה, באזוכט אונז, רעווידירט.

און איינער נאכן צווייטן האבן צעקנעפלט די רעקלעך, איבערגעקערט די טאשן און אויפגעהויבן די הענט. ביי די פרויען האב איך באדארפט זוכן נאר אין זייערע קוישלעך, אבער אין פאל ווען איך האב א פארדאכט אז זי באהאלט עפעס, דארף איך זי אונטערזוכן אזוי גענוי ווי די מענער. אזוי האט מיר עטלעכע מאל אנגעזאגט דער נאטשאלניק. איך בין פאראנטווארטלעך פאר יעדער גנבה.

איך האב שוין דעמאלט געהאט געוווסט, אז ביים ארויסגיין פון די בעקע־רייען, דערלויבט זיך אמאל דער דירעקטאר אליין צוצוגיין צו די ארבעטערינס (שוין נאך דער רעוויזיע פון אכראנניק), פארשארצן זייערע קליידלעך און זוכן דארט געגנבעטע פלעצלעך.

איך האב, פארשטייט זיך, אונזער נאטשאלניקס פאדערונג קיינמאל נישט אויסגעפירט. עס איז אים אפילו נישט שטארק געלעגן דערין, אז איך זאל כאפן די ארבעטער ביי גנבות, נאר די פאראָרדנונג האט ער מיר געמוזט איבערגעבן, כדי צו זיין פארמעל אין ארדנונג.

אין דעם ארטעל האבן אויך געארבעט מיינע חברים, דער ליטווישער דיכטער און בערעלע שמאיעוויטש. זיי האבן מיך רעקאמענדירט אויף דעם פאסטן. זיי האבן מיט התמדה מיך געלערנט די „תורה" און מערערע מאל אנגעזאגט:

— געדענקט דעם טייטש פון פתח שין! ווען עס וועלן קומען די אויפקויפער און ארויסטראגן די געגנבעטע לעדער, וואס עס פארקויפט די אנפירערשאפט — דער נאטשאלניק, דירעקטאר, ווירטשאפטלער, בוכהאלטער און רעכנונג־פירער — זאלט איר נישט שטעלן קיין איבעריקע שאלות. מען וועט אייך ווייזן א פיקטיוון פראפוסק און באשטעל־צעטל און איר דארפט נישט צופיל ארייַנקוקן און איבער־פרעגן. גיך אדורכלאזן.

מיט דעם אננעמען מיך אויף דעם פאסטן, טוט מען מיר א טובה, ווייל אנ־דערש וואלט מען מיך געכאפט אין ארבעטס־באטאליאן, איך בין דאך שוין איצט א סאוויעטישער בירגער. איך זאג געכאפט און נישט גענומען, ווייל קיין שום אפי־ציעלע פאראָרדנונג, אז די פוילישע, די נייע סאוויעטישע בירגער, דארפן גיין אין

דער אַרבעטס־אַרמיי, איז נישט געווען. דאָס איז געווען אַ ריין־לאָקאַלער ענין, יעדער ראַיאָן־וואָיענקאָמאַט האָט געהאַנדלט אַזוי ווי ער האָט נאָר אַליין געוואָלט. אוודאי האָט מען זיך געקאָנט אויסקויפן דורך כאַבאַר, עס האָט אָבער געקאָסט אַ סך געלט.

מען נעמט אַמאָל אַראָפּ אַזאַ פּוילישן פון דער אַרבעט אויך, ווייל אָפיציעל „בראָנירט" (געשיצט, באַפרייט) פון מיליטער־דינסט איז ער נישט; דאָס באַקומען נאָר וויכטיקע מענטשן, פּאַרטיי־לייט, דירעקטאָרן, ספּעציאַליסטן. אונזער אַרטעל האָט זיך אָבער זיינע אייגענע פּריווילעגיעס. דאָ קומען אַריין אַלע נאַטשאַלניקעס פון „וואָיענקאָמאַט", מיליץ, שטאָט־ראַט, פּאַרטיי, דאָ באַקומען זיי שטיוול לויט דעם אָפיציעלן מלוכה־פּרייז. קיין רעכט דאָס צו באַקומען האָבן זיי נישט, דער אַרטעל אַרבעט פאַר דער אַרמיי, פאַר די שפּיטאָלן. נאָר די רעכט שאַפט מען זיך שוין אַליין.

די אָנפירער פון אונזער אַרטעל דאַרפן האָבן דעם „בלאַט" מיט דער נאַטשאַלסטווע, מיט דעם „וואָיענקאָמאַט", ווייל מען קריגט פון זיי אַרויס פּראָלאָנגאַציעס, באַפרייאונג־שיינען פון גיין אין מיליטער, פאַר זיך, פאַר די זין, קרובים, פאַר די בעסערע באַלמעלאָכעס אין אַרטעל. מען דאַרף זיין גוט מיט דער מיליץ און פּאַרטיי־באַאַמטע, ווייל טאָמער פאַלט מען דורך ביי אַ גנבה, זאָל מען עס קאָנען שנעל פאַרייבן.

איז דעריבער, נישט נאָר וואָס זיי באַקומען דאָ שטיוול צום אָפיציעלן פּרייז (אויפן מאַרק קאָסט עס דרייסיק־פאַכיק טייערער), נאָר מען טרינקט אויך צוזאַמען בראָנפן און מען פּראַוועט הוליאַנקעס.

דאָס דאַרף איך טאַקע וויסן ווען נישט אַריינצולאָזן אין אַרטעל קיין אומגעוווּנטשענע באַזוכער. נאַטשאַלסטווע האַלט דעמאָלט אָפּגעשלאָסן די בוכהאַלטעריע און מען מאַכט דאָרט אַ כוסה. ווען מען פרעגט זיך אויפן דירעקטאָר, בוכהאַלטער, דאַרף איך ענטפערן אַז זיי זיינען נישטאָ, אינגאַנצן נישט געקומען, זיינען קראַנק — איך דאַרף שוין אַליין אויסגעפינען די פּאַסיקע תירוצים. ווען מען טרינקט מיטן נאַטשאַלניק פון דער מיליץ, טאָר דערפון נישט וויסן דער סעקרעטאַר פון שטאָט־ראַט, אָדער אַנדערע נאַטשאַלניקעס. מיט יעדן מוז מען טרינקען באַזונדער, אַז איינער זאָל זיך נישט טרעפן מיטן צווייטן.

מיין חודש־לוין איז הונדערט און צען (110) רובל! ווען מען רעכנט אַראָפּ אַלע שטייערן, בלייבט מיר נאָר פינפאונזיבעציק רובל. דאָס אויסצאָלן די שכירות ווערט אָפטמאָל אָפּגעהאַלטן צוויי און דריי חדשים. אָבער דאָס האָט באמת נישט קיין באַדייטונג. אַ קילאָ קאַרטאָפל קאָסט פערציק רובל, אַ קילאָ ברויט קאָסט אַכציק רובל. (400 גראַם ברויט, באַקומט מען אויף די קאַרטן, צום מלוכה־פּרייז, איין רובל אַ קילאָ). אויפעסן דאַרף מען מינדעסטנס אַ קילאָ ברויט אַ טאָג. ווען איך באַקום שוין אַלזאָ מיין חודש־לוין, קאָן איך פאַר אים נישט קריגן קיין צוויי קילאָ קאַרטאָפל, אָדער אַ גאַנצן קילאָ ברויט. אויף די שפּייזקאַרטן באַקומט מען נישט מער ווי נאָר ברויט. זעלטן טרעפט, איינמאָל אין עטלעכע חדשים, ווען מען באַקומט אויך אַ האַלב פונט מאַרמעלאַד. (העכערע באַאַמטע, מיליץ, פּאַרטיי־לייט, ענקאַוועדיסטן, געלערטע, שרייבער, קינסטלער, אַרבעטער אין דער שווערער קריגס־אינדוסטריע, באַקומען באַזונדערע צוגאָב־פּאַיאָקן).

אַזוי, אַז דער אַרבעטס־לוין האָט נישט די מינדעסטע באַדייטונג. קיינער פרעגט

מיך נישט ווי אזוי איך לעב, עס איז נישט קיינעמס דאגה, „גיב זיך אַן עצה ווי אַלע". ווען מען וועט דאַרפֿן, וועט מען דיך פּאַקן. ווייל מען ווייסט סיווי, אַז קיי־נער לעבט נישט פֿונם אַרבעטס־לוין. דאָס ווערט אפשר אויך געטון בכיוון, אַז יעדער איינער זאָל זיך פֿילן שולדיק אין אַ פֿאַרברעכן, און מען זאָל אים קאָנען צו יעדער מינוט, ווען עס וועט זיין נויטיק און געוואונטשן, אים איינזעצן.

אַלזאָ, חוץ דעם לוין, דאַרף איך זען זייטיק צו פֿאַרדינען. אַז נאַטשאַלסטווע דאַרף שנאַפּס, צובייסנס, דאַרף איך, דער אַכראַנניק, אַוועק אין די שמאָלע, אויס־בעקישע געסעלעך, אויסזוכן די וווינונג פֿון אַן אומלעגאַלן הענדלער און קויפֿן ביי אים עטלעכע פֿלעשער שנאַפּס. פֿאַרן גאַנג ווער איך באַלוינט מיט פֿופֿציק רובל און אַמאָל מער. פֿון דעם אָבער איז נאָך אַלץ נישטאָ אויף אָפּצוקאָכן אַ מיטאָג, רויכערן מאַכאָרקע, באַצאָלן דירה־געלט, וואַשן וועש, צוקויפֿן צום ברויט אַביסל „קטשאָקע" (ווייסער, שיטערער קעז) און קישמיש צו דער טיי. (צוקער קריגט מען נישט, ראַזשינקעס קאָסטן דאָ פֿאַרהעלטענישמעסיק נישט־טייער).

האָב איך זיך צוגעזוכט נאָך אַ פּרנסה — שרייבן ענגלישע טעלעגראַמעס קיין אויסלאַנד. די פּוילישע האַלטן אין איין טעלעגראַפֿירן צו זייערע קרובים אין אויסלאַנד. גיבן צו וויסן אַז זיי לעבן און בעטן שיקן פּעקלעך פּראָדוקטן און מלבושים.

די רוסישע זיינען איבעראַשט דערפֿון וואָס מיר באַרימען זיך גאָר, אַז מיר האָבן קרובים אין אויסלאַנד, וואָס מיר האָבן נישט קיין מורא צו זיי צו שרייבן, טעלעגראַפֿירן. אַן עלטערע יידישע פֿריילין פֿון פּאָלטאַווע, אַ לערערין, וועלכע אַרבעט דאָ איצט אין אַרטעל אַלס שוסטערין (זי רעדט נאָר רוסיש), זי זידלט די פּוילישע פֿאַר זייער חוצפּה, פֿאַר זייער קנאַפּן סאָוויעטישן פּאַטריאָטיזם, פֿאַר זייער כסדרדיקן אַלאַרמירן אויסלאַנד צו שיקן פּעקלעך. זי וואָרנט, אַז מען וועט דערפֿאַר די אַלע סוף כל סוף איינזעצן. די לערערין האַלט אַ גאַנצן טאָג, ביי יעדער פּאַסיקער און נישט־פּאַסיקער געלעגנהייט, אין איין לויבן סטאַלינען, זיין געניאַליטעט. זי האָט אים ליב ווי אַן אייגענעם טאַטן. וועגן יעדער קלייניקייט שרייבט זי בריוו צו סטאַלינען. האָט מען זי באַגנבעט אין שטוב, שרייבט זי וועגן דעם צו סטאַלינען, האָט מען אויף איר אָנגעשריגן ביי דער אַרבעט, שרייבט זי צו סטאַלינען. מען האָט איר שוין אויפמערקזאַם געמאַכט פֿון דער היגער מיליץ, אַז זי זאָל אויפהערן דולן אַ קאָפּ מיט אירע אַלט־מיידלשע שטיק און נישט פֿאַר־דרייען דעם קאָפּ פֿונם פֿירער מיט יעדער נאַרישקייט.

ווען עס האָבן אָבער אָנגעהויבן אַלץ אָפֿטער אָנקומען פּעקלעך פֿון אויס־לאַנד, האָבן שוין ריזיקירט צו שרייבן קיין אויסלאַנד אויך רוסישע יידן. די לע־רערין האָט מיך אַוועקגערופֿן אין אַ זייט און מיר פֿאַרטרויט אַ סוד:

איר פֿאָטער איז אַמאָל געווען אַ ציוניסט. נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער איינגעקויפֿט ערד אין פּאַלעסטינע. זיי האָבן געהיטן דאָס פּאַפּיר ווי אַן אויג אין קאָפּ. אָבער אין יאָר 1937 האָבן זיי מורא געקריגן ווייטער צו האַלטן דאָס פּאַפּיר און עס פֿאַרברענט. איר פֿאָטער האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט, ער וואָלט נישט דערלאָזן פֿאַרברענען דעם דאָקומענט. איר פֿעטער איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אַוועק קיין פּאַלעסטינע. ער איז דאָרט אַ לערער אין הרצליה־גימנאַזיע. זיין אַדרעס האָט זי נישט, אַלע אַדרעסן פֿון די אויסלענדי־שע קרובים האָט זי פֿאַרברענט אין יענעם יאָר 1937. זי וויל, אַז איך זאָל איר

אָנשרייבן אַ טעלעגראַמע צו איר פּעטער. (אַלע וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין גענויע אַדרעסן פון זייערע אויסלענדישע קרובים, האָב איך טעלעגראַפירט אויפן אַדרעס פון אַ יידישער אינסטיטוציע אין יענעם לאַנד. מייסטנס קרובים האָבן זיך אַזוי אַרום אָפּגעפונען).

פּאַר שרייבן אַ טעלעגראַמע האָט מען געצאָלט פּופצן, צוואַנציק, אָדער דריי־סיק רובל, וויפל איינער האָט געקאָנט. טייל האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן אפילו דעם קליינעם האָנאָראַר. איך האָב געהאַט אַ באַזונדערע סאַטיספאַקציע און פרייד, ווען די טעלעגראַמעס זיינען דערגאַנגען, אויפגעזוכט די קרובים און עס זיינען אָנגעקו־מען פּעקלעך. אויך פּאַר דער לערערין פון פּאַלטאַווע זיינען אָנגעקומען צוויי פּעקלעך. זי איז געווען דערפון אויסער זיך, מיך אַוועקגערופן אין אַ זייט און מיר אַריינגעוויינט אין אויער אַריין. זי האָט געוויינט פון פרייד.

עס זיינען אויך אָפטמאָל אָנגעקומען קוריאָזע ענטפערס. אַ געוויסער מערזער פון וואַרשע, אַ זון פון אַ רייכן הערינג־סוחר און אייגנטימער פון עטלעכע הייד זער אין וואַרשע און תל־אביב, (אין 1932 האָב איך דעם יונגן מערזער באַקענט אויף דער שיף, ווען ער איז געפאָרן אַלס טוריסט קיין ארץ־ישראל), ער איז איצט אין דער גרעסטער נויט. ער האַנדלט אויפן גאַס מיט צוקערלעך און פּאַפּיראָסן, שטייט ביינאַכט ביים אַריינגאַנג צום יידישן טעאַטער און פאַרקויפט זיין סחורה. פּאַר אים האָב איך געשריבן אַ טעלעגראַמע צו זיין רייכער שוועסטער קיין אַרגענ־טינע, (זי איז די פרוי פון דעם באַוווסטן, אין פּוילן, אייגנטימער פון צענדלי־קער לאָטעריע־קאַנטאָרן, וואָלאַנאָוו), געבעטן צו שיקן פּראָדוקטן און מלבושים, שיך. איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַפישער ענטפער כהאי לישנא:

„טעלעגראַפיר וואָס פאַר אַ נומער שיך מיר זאָלן דיר אַרויסשיקן”.

אַלע פּוילישע יידן אין סאַמאַרקאַנד האָבן געלאַכט פון דער טעלעגראַמע. מערזער גייט פאַרוויקלט די פיס מיט שמאַטעס, ער האָט שוין פאַרגעסן די צייט ווען ער האָט געטראָגן שיך, אַ האַלב יאָר איז ער אָפּגעלעגן אין די שפּיטעלער אויף טיפוס, דיזענטעריע, מאַלאַריע, אַוויטאַמינאָזע. ער איז אויסגעטרוקנט, איינגע־שרומפּן — אים איז טאַקע אַ גרויסער חילוק צי די שיך וועלן זיין מיט איין אָדער עטלעכע נומערן גרעסער. קלענער קאָנען זיי סיי ווי נישט זיין, ווייל ער האָט איצט אַ קינדיש פיסל. אָבער סיי ווי האָט ער נישט געטראַכט די שיך אַליין אָנ־צוטאָן. מען דאַרף דאָך אויך איינמאָל אָפּעסן צו דער זעט, קויפן זיך אַ העמד און אין בעסטן פאַל — אויך אַ פּאָר גומענע לעטשלעך. ער וואָלט די אָנגעקו־מענע פּאָר שיך גלייך אַרויסגעטראָגן אויפן מאַרק. איצט דאַרף ער אויפסניי טע־לעגראַפירן קיין אַרגענטינע. עטלעכע חדשים דויערט ביז עס קומט אָן אַ פּעקל.

נאָך אַ גאַנץ לאַנגע צייט, ווען מען האָט מערזערן אָנגעטראָפן אין גאַס, האָט מען אים פאַרטשעפּעט:

— נו, מערזער'ל, האָסט שוין טעלעגראַפירט קיין אַרגענטינע, דעם נומער פון דיין פוס?

איך האָב זיך געפילט געהויבן פון מיין שרייבן טעלעגראַמעס. אַ פרוי האָט אפילו אָפּגעפונען איר מאַן אין אַמעריקע, כאָטש זי האָט נישט געהאַט זיין אַדרעס און שוין פיר יאָר נישט באַקומען פון אים קיין בריוו. איך האָב געשריבן אַ בריוו צו דער „מאָרגן־פרייהייט” אין ניו־יאָרק (צו אַן אַנדערער צייטונג איז געווען ריזיקאַליש צו שרייבן), און אויך צוגעשריבן עטלעכע ווערטער צו נחמן

מייזל, מיין נאָמען נישט אונטערגעשריבן, און געבעטן אויסזוכן דער פּרויס מאַן. שנעל האָבן אָנגעהויבן אָנקומען בריוו און פּעקלעך פון אים.

אָבער אויך פון דעם דעפּעשן־האָנאָראַר האָט נאָך אַלץ נישט געגוגנט אויף האָבן אָפּצועסן צו דער זעט. און נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען אָפּצושטיין אין אָרטעל אַ גאַנצן דיזשור פון 24 שעה און נישט טועם זיין אַפילו קיין ביסן ברויט.

קאַפּיטל ז

משה ביעדערקא איז געווען אַ וועכטער אין אַן אינפעקציע־שפּיטאָל. ער איז גיך אַליין קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און זיך אַוועקגעלייגט אינם זעלבן שפּיטאָל. דער טיפוס־קריזיס אויפן צוועלפטן טאָג איז אים אַדורך נאָרמאַל. אויפן דרייצנטן טאָג פון זיין קראַנקהייט איז געקומען אַ פאַראָרדנונג, אַז דאָס שפּיטאָל ווערט ליקווידירט און מען דאַרף אַלע קראַנקע אַריבערפירן אין אַן אַנדער שפּיטאָל. מען האָט זיי איינגעוויקלט אין דעקעס, אַרויסגעלייגט אויף לאַסט־אויטאָס און אַוועקגעפירט. עס איז געווען דעם 16־טן מערץ, אַ קאַלטער און רעגנדיקער טאָג. ביעדערקא האָט זיך אויפן וועג פאַרקילט, באַקומען אַ לונגן־אָנצינדונג, און אין צוויי טעג אַרום, דעם 18־טן מערץ אינדערפרי איז ער געשטאָרבן.

עס זיינען געקומען העבער אַ צענדליק זיינע פריינט און ליפּנער באַקאַנטע, ווו ביעדערקא איז געווען קהלה־סעקרעטאַר, ער איז געשטאָרבן אינם זעלבן שפּיטאָל ווו איך בין געלעגן אויף טיפוס. מיר זיינען אַליין אַריין אין טויטן־קעמערל אויפן שפּיטאָל־הויף, עס זיינען דאָרט געלעגן עטלעכע נאַקעטע מתים, פרויען און מענער, מיר האָבן אַרויסגענומען אונזער חבר און אַוועקגעלייגט אויף אַ טראָגבעטל.

מען האָט נישט באַדאַרפט דורכפירן קיין שום פאָרמאַליטעטן, אַפילו נישט פאַרצייכענען אין שפּיטאָל־קאַנצעלאַריע אַז מיר נעמען אַרויס אַ געשטאָרבענעם פּאַציענט.

מיר האָבן אים אַוועקגעטראָגן צום בית־עולם אין אַלטשטאָט. עס איז געווען אַ מהלך פון זעקס קילאָמעטער. אויפן וועג האָט אוזבעקיש קליינוואַרג באַוואָרפן אונז און די מיטה מיט שטיינער, נאָכגעשריגן:

„האַלאָ־האַלאָ", פּאָמער!" (געשטאָרבן).

„האַלאָ־האַלאָ" איז ביי די אוזבעקן דער שפּאָט־נאָמען פון די פּוילישע יידן.

אויפן בית־עולם איז דאָ אַ חברה־קדישא, עטלעכע ישיבה־בחורים פון פּוילן און עטלעכע רוסישע יידן. זיי טאָגן און נעכטיקן דאָ, שלאָפן אין טהרה־שטיבל. מען פירט שוין זינט אַ צייט אַ רעגיסטראַציע פון די פאַרשטאָרבענע יידישע פּליטים. מיט דעם פאַרנעמט זיך אַ טאַרנאָווער ייד, גראָס. משה ביעדערקא איז שוין דער טויזנט דרייאונזעכציקסטער פאַררעגיסטרירטער יידישער פּליט־מת אין סאַמאַרקאַנד (בלויז אויפן אַלטן בית־עולם). דאָס ערשטע יאָר זינט דעם אָנקומען פון די פּליטים קיין סאַמאַרקאַנד, האָט מען בכלל נישט פאַרצייכנט די געשטאָרבענע, אַ סך זיינען געקומען צו קבורה אין די אַלגעמיינע קברים ביי די שפּיטעלער און אַרומיקע קאָלכאָזן.

גראָד איז היינט אָנגעקומען אַ בריוול פון תּל־אָביב, פון ביעדערקאָס שוועס־טער. זי שרייבט צו איר ברודער, אַז ער זאָל זיך גאָרנישט זאָרגן, זי וועט אים צו־שיקן פּעקלעך פון צייט צו צייט. הלוואַי וואָלט זי געקאָנט אויך צושיקן פּעקלעך פּראָדוקטן פאַר זיין פרוי און קינד, וואָס ער האָט געלאָזן אין ליפּנע. עס איז אויך דאָ אַ האָפענונג, שרייבט זי, אַז מען וועט קאָנען אַרויסנעמען פון רוסלאַנד אַביסל פּוילישע יידן קיין ארץ־ישראל. מען מאַכט אַלע באַמיאונגען. עס וועלן שוין אפילו געבויט בעראַקן אויף אויפצונעמען די פּליטים.

עס זיינען געשטאַנען אַרום זיין קבר זעכצן מלווים, דאָס הייסט שוין אַ גרויסע צאָל. עטלעכע חברים זיינע האָבן געזאָגט נאָך אים קדיש. עס איז שוין געווען אויך אַ קדיש פאַר די אייגענע, נאָנטסטע, געפאַלענע אין פּוילן. מיר זיינען אַלע געווען זיכער דעמאָלט, אַז אַלנפאַלס אַ טייל פון אונזערע נאָנטסטע לעבן שוין נישט. אַז עס לעבט שוין נישט קיין איינער פון אונזערע אַלע געלאָזענע דאָרטן, דאָס האָט מען נאָכנישט געוווּסט און נישט געגלייבט.

מיר וועלן דאַרפן איצט אָנשרייבן ענטפער צו ביעדערקאַס שוועסטער אין תּל־אָביב. קיינעם ווילט זיך אַזאַ בשורה נישט מיטטיילן. אָבער סיווי דאַרף מען שרייבן פאַרשטעלט, ווייל בריוו מיט ידיעות וועגן געשטאָרבענע, לאָזט די צענזור זעלטן אַדורך.

צוריקגייענדיק פון בית־עלמין טראַכט יעדער פאַר זיך אין דער שטיל:

— ווער קומט איצט אין דער ריי?

**
*

מיר קלעטערן איבערן באַרג וואָס טיילט אָפּ די אַלטע פון דער נייער שטאָט. עס זיצן דאָרט אויסגעזעצט בעטלערס, אַלטע אוזבעקינס, וועלכע בעטן אין נאָ־מען פון מוכאַמעד; אַן אַלטער רוס, וואָס האַלט זיך אין איין צלמען און לויבן כריסטאָסן; אַ בעסעראַבער ייד, וואָס האַלט זיין געליימט ווייב אויף דער פּלייצע און שפּאַרט זי אונטער מיט אַ הילצערנעם שטענדער, ווי ער וואָלט טראָגן אַ קעסל מיט לימאָנאַד צום פאַרקויפן. דער ייד שרייט:

— האָט רחמנות, ראַטעוועט, דערבאַרעמדיקע יידן! מיינע קינדער זיינען געשטאָרבן, מיין ווייב איז געליימט, איך בין אַ קאַליקע, שענקט אַ שטיקל ברויט, אַ פּאָר קערבלעך! העלפט, ראַטעוועט, יידן בני־רחמנים!

און ווער פון די דורכגייענדיקע יידן שענקט אים עפּעס נישט, באַשיט ער מיט אַ מבול פון קללות און חרמות:

— איר זאָלט געליימט ווערן ווי מיין ווייב! יעדער ביסן ברויט זאָל אייך נישט דורכגיין דורכן גאָרגל אָן אַ „פּראָפּוסק"! אַלע וווייטיקן זאָלן שטיין צו אייך אין אָטשערעד!

נישט ווייט פון די בעטלער זיצט אַ ציגיינערין און לייגט קאָרטן. צו איר איז אוממעגלעך זיך צו דערשלאָגן, זי איז פון אַלע זייטן אַרומגעשטעלט מיט פרויען, וועלכע ווילן וויסן דעם גורל פון זייערע מענער און זין אויפן פראָנט. עס שטייען יונגע מיידלעך, וועלכע ווילן וויסן ווען זיי וועלן חתונה האָבן, צי דער צוקונפטי־קער מאַן וועט נישט זיין קיין שיכור און שלעגער. ווייטער זיצט אַ בלינדער רו־סישער טרעפּער, וועלכער האַלט עטלעכע בלעטלעך בלינדן־שריפט. ער באַטאַפּט

די אותיות מיט די פינגער און טרעפט דעם עתיד פון יעדן איינעם, וואָס גיט אים צען רובל. אויך ביי אים שטייען געגוג בעלנים. אפילו דער קאַטאַריניאַזש מיט דעם ווייסן ים־חזירל, וואָס ציט אַרויס פון קאַטאַרינקע גרייטע, אָנגעשריבענע גורלות, אויך ביי אים שטייט מען אין אָטשערעד. פאַראַן אַזעלכע נייגיריקע פרויען, וועלכע לאָזן זיך טרעפן ביי אַלע דריי — ביי דער ציגיינערין, ביים בלינדן און ביים קאַ־טאַריניאַרזש.

אָט פירט מען דערוויל דורך אַ פּאַרטיע אַרעסטאַנטן, געכאַפּטע פּוילישע יידן, וועלכע האָבן זיך אַפּגעזאָגט אָנצונעמען סאָוויעטישע בירגערשאַפט. מען פירט זיי פון דער מיליציע אין טורמע אריין. די מיליציאָנערן האַלטן אויסגע־שטרעקט די רעוואָלווערן, מיט פייפעלעך אין די מיילער און סיגנאַליזירן, אַז מען זאָל נישט צוגיין נאָענט.

יעדעס מאָל ווען איך דערזע פירן אַרעסטאַנטן, כאַפּט אַ ספּאַזם אין האַלז.

עס וואָלט געווען אַ יושר, זאָגט איינער פון אונז, אַז עטלעכע פּוילישע יידן זאָלן זיך אויפהענגען אויף אַ בוים דאָ אויפן באַרג און אָנהענגען אויף זיך אַפּישן: „סאָוויעטן, הערט אונז אויף צו פּייניקן און רודפן! בעסער דאָ אומקומען אויף דער תליה, איידער אָננעמען אייער בירגערשאַפט און פאַרבלייבן שוין דאָ אויף אייביק אין לאַנד פון פּיין און שרעק! מיר האָבן דאָרט געלאָזן אונזערע פרויען, קינדער און מאַמעס".

נאָר עס איז אַ נאַרישער געדאַנק. מען וויל אָפּטמאָל ענדער לעבן ווי אַ וואָ־רעם, איידער אומקומען. די רוסן זאָגן סיווי צו די פּוילישע:

„איר האָט שוין נישט נאָכוואָס צוריקצופאָרן דאָרט אַהין, פּוילן איז פאַר־וויסט, אַלע אייערע נאָענטע, אַלע יידן דאָרטן, זיינען דורך די דייטשן אויסגעקוילעט".

עס דערנענטערט זיך צו אונז איינער אין אַ גרינעם, קאָרטענעם סאַפּיאָרן־אָנצוג. אַזעלכע אָנצוגן טראָגן די פּוילישע. פאַרן אַרויספאָרן קיין פּערסיען, האָט די פּוילישע אַרמיי איבערגעגעבן אַזעלכע אָנצוגן צו די פּלאַצוווקעס און זיי זיינען פאַרטיילט געוואָרן צווישן די פּליטים.

יענער קומט צו נאָענט, באַגריסט זיך מיט מיר, רופט מיך אָן ביים נאָמען. עס געדויערט אַביסל ביז איך דערקען אים. עס איז דר. יעקב צינעמאַן, דער מחבר פון דעם ווערק: „די געשיכטע פון ציוניזם".

ער קומט איצט פון וועג. ער איז אַנטלאָפן פון דזשאַמבול, קאַזאַכסטאַן, זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די סאָוויעטישע בירגערשאַפט. עס איז שוין געווען אַ באַ־פעל אים צו אַרעסטירן. ער איז אין דער לעצטער מינוט פון דאָרטן אַנטלאָפן.

ער איז אויסגעדאַרט, טרייסלט זיך פון פחד. ער ציטערט דאָ צו שטיין, ער וויל שוין וואָס גיכער זיין אין אַ שטוב. ער האָט נאָך געזען איצט דורכפירן די אַרעסטאַנטן דאָ, איז ער נאָך מער איבערגעשראָקן. צוליב זיין גרינעם אָנצוג איז אים לייכט צו דערקענען אַלס פּוילישן. איך פיר אים אַוועק צו מיר אין קיביטקע.

עס לעבן ווייטער אויף די אַמאָליקע יאָרן אין וואַרשע. מען באַדויערט זיך איינער דעם צווייטן, אָבער באַלד רעדט מען שוין וועגן ליטעראַרישע פּלענער אויף להבא. ער האָט טענות הלמאי עס איז נאָך ביז איצט נישט געוואָרן אָנגעשריבן קיין גוטער ביאָגראַפישער ראָמאַן וועגן טעאָדאָר הערצל. ער רעדט מיך צו אָנ־צושרייבן, אויב מיר וועלן נאָך אַמאָל אַרויס פונדאַנען, אַ ביאָגראַפישן ראָמאַן וועגן הערצלען. מיר שמייכלען מיט ווייטיק: עקזאַלטירטע פאַנטאַזיאָרן!

מיר בלאָנדזשען אַוועק אין דעם שמועס אויף ווייטע, פאַרנעפּלטע וועגן פון זכרונות און פּאָרויסזאָגענישן וועגן דער צוקונפט, וועגן קיום פון יידישן פאָלק, ליטעראַטור, ארץ־ישראל. איך פאַרגעס דערווייל צו פאַרשטעלן דאָס קליינע פענ־צטערל, אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן דאָ דעם נייעם גאַסט. ער וועט דאָך דאָ וווינען אומגעמאָלדן. איך פאַרגעס אפילו צו מאַכן עפּעס עסן, ער איז דאָך אויס־געהונגערט פון וועג. איך האָב נאָך היינט אויך נישט געגעסן, די לוויה האָט פאַר־נומען אַ האַלבן טאָג. נאָר דער שמועס צעוואַרעמט אַזוי, אַז מען פאַרגעסט זיך, מען ווערט איבערגעטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט, אין אַן אַנדערן קלימאַט, שטיי־גער־לעבן, אַטמאָספער, אין אַן אַנדערער וועלט פון שטימונגען און געפילן.

אַרום איז אומעטיק, מרה־שחורהדיק, גרויע ווירקלעכקייט. אַ לעבן וואָס איז, ווי עס האָט מיר געזאָגט אַן אַלטער אוזבעק, אַזוי אומעטיק און גרוי, ווי אַ רוסי־שער שינעל.

אַז מען געווינט זיך צום ערגסטן, איז שלעכט שוין אויך גוט

קאַפּיטל א

די רויטע אַרמיי האָלט אַפּ וויטערדיקע נצחונות. דער דייטש ווערט אַ־ויסגע־שטויסן פון איין שטאָט נאָך דער צווייטער. ביי יעדן גרעסערן זיג, נעמען מיר זיך צונויף אַ צען־צוועלף באַקאַנטע, טרינקען אויס אַ פלאַש וויין, זינגען יידישע פאָלקסלידער, חסידישע ניגונים און אייניקע לאָזן זיך אפילו אין אַ טענצל. מען איז זיך משמח און מען ווינטשט זיך שוין צו דערלעבן דעם טאָג פון סוף מלחמה, דעם טאָג ווען די דייטשע חיילות וועלן ליגן צעטרעטן און באַזיגט.

אויף פסח בין איך געווען פאַרבעטן צום ערשטן סדר צו מיין באַקאַנטן משה לויפגאַס. חוץ אים און זיין פרוי, זיינען נאָך דאָרט געווען שלמה, אַ יונגער „השומר" מיט זיין פרוי, בערעלע שמאַיעוויטש און איך. מיר האָבן זיך צונויפ־געלייגט אויף די קאָסטן און געהאַט אמת־יומטובדיקע מאכלים. עטלעכע מצות האָבן מיר באַקומען צו קויפן ביי די בוכאַרער יידן. דער סדר האָט געדויע־ט ביז צוויי ביינאַכט. מיר האָבן אפילו געקראָגן צו באָרגן ביי אַ בוכאַרער ייד אַ הגדה. דאָס איז נישט פון די לייכטע זאַכן, ווייל סרוב ספרים, סידורים און מחזורים האָבן זיי אין די יאָרן 1937—1940 קובר געווען אויפן בית־עולם.

ווערט שוין אין מיטן עסן — אויך אַ שמועס וועגן די בוכאַרער. זיי איז נאָך גוט געלעגן אין זינען דאָס יאָר 1931, דאָס „גאָלדענע יאָר". מען האָט דעמאָלט געזוכט גאָלד ביי די פאַרמעגלעכע בירגער. די תפיסות זיינען געוואָרן גיך איבער־פולט. מען האָט געקאַטעוועט, געממיתט, אָנגעווענדעט די ראַפינירטסטע פייני־קונגען. מען האָט געגעבן אַזאַ אַרעסטאַנט צו עסן בלויז הערינג און דריי טעג נאָך דעם געהאַלטן אָן וואַסער. מען האָט אייניקע אַרעסטאַנטן אַריינגעפירט אין קלאָזעטן (נישט־קאַנאַליזירטע) און זיי איינגעטונקען אין צואה ביזן האלז. מען האָט די אַרעסטאַנטן געצוווּנגען שלאָגן איינע די אַנדערע. מען האָט די שלעגער צוגעזאָגט, אַז אויב די געשלאָגענע וועלן זיך מודה זיין ווו זיי האָבן פאַרגראָבן דאָס גאָלד, וועט מען זיי, די שלעגער, באַפרייען.

דאָס איז פאָרגעקומען דעמאָלט אין גאַנץ רוסלאַנד. נאָר ביי די בוכאַרער יידן איז נאָך געווען אַ באַזונדערע צרה: פון יאָר 1927 און ביזן אָנהויב1931, האָבן מאַסן בוכאַרער יידן זיך אַריבערגעקראָגן די סאָוועטיש־פּערסישע גרענעץ און אַוועק קיין ארץ־ישראל. האָט זיך אין דעם „גאָלדענעם יאָר" אָנגעהויבן עקס־טרע רדיפות איבער די בוכאַרער יידן. מען האָט זיי מאַסנווייז איינגעזעצט, באַ־שולדיקנדיק זיי אין ציוניזם.

מען האָט אַרעסטירט די קרובים פון די אַנטלאָפענע קיין ארץ־ישראל. עס איז נישט געווען כמעט קיין איין שטוב ביי די בוכאַרער, אַז עס זאָל ווער פון דאָרט נישט זיצן.

עס זיינען אָבער שוין פאַראַן אַזעלכע בוכאַרער יידן, וועלכע באַווייזן זיך מיט זייער „אויפגעקלערטקייט" — זיי וויקלען איין פּוטער, קעז, וואָס זיי פאַר־קויפן אויפן מאַרק, אין „שמות", אויסגעריסענע בלעטלעך פון ספרים און סידו־רים. זיי באַווייזן דערמיט זייער „פּראָגרעסיווקייט" און ברענגען זיך שוין איין

אין איינוועגס אויך פּאַפּיר, ווייל אַ צייטונג פון פיר זייטן קאָסט זעקס רובל (אָפיציעל צוואַנציק קאָפּיקעס, נאָר מען קריגט עס נישט).

פון איצט אָן זאָל עס שוין גיין בעסער. די שטאָטישע מאַכט האָט שוין אפילו צוגעזאָגט די היגע יידן, אַז עס וועלן זיי ווערן צוריק אָפּגעגעבן צוויי שולן און זיי וועלן קאָנען פריי דאַוונען.

די פּוילישע יידן האָבן שוין עטלעכע מנינים און קליינע, פּריוואַטע שולעכלעך, די בוכאַרער אויך, נאָר זיי האָבן אַלץ נאָך מורא, אַז דאָס איז נאָר פון אַ צייטווייליקן, פאַראיבערגייענדיקן כאַראַקטער. אָט די רעליגיע־הנחות האָבן געפּאָדערט די אַלאירטע גרויסמאַכטן. די סאָוויעטישע רעגירונג מוז דאָך אָנקומען צו זייער הילף, גיט זי זיי נאָך, אַבער פּלוצים וועט קומען אַ טאָג און דאָס ראָד וועט זיך אָנהייבן שנעל דרייען אויף צוריק. יעדער איינציקער וועט דעמאָלט דאַרפן באַצאָלן דעם חשבון פאַר די „צעהוליעטע, פרייע טעג”. איז דעריבער נאָך אַלץ בעסער זיך אויסצוהיטן.

אָבער דאָך האָט נישט קיין זינען, אַז מען זאָל ביים סדר דאָס אַלץ אַרומרעדן, פּאָליטיקירן, ווען עס איז דאָ אויפן טיש מצות, וויין, קאַרטאָפל מיט יויך, פלייש, פרוכטן — אַ קעניגלעכע סעודה. בעסער עסן, זיך משמח זיין, זינגען אַ ליד. עס איז בכלל בעסער וואָס ווייניקער צו רעדן איבער פּאָליטיק, כאָטש מיר זיינען דאָ בלויז אייניקע מענטשן, בלויז נאָענטע און באַקאַנטע. עס האָט דאָך דעמאָלט באין אופן מיר נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז יעדעס וואָרט וואָס מיר רעדן דאָ איצט ביים סדר, וועט ווערן צוגעטראָגן און גענוי פאַרשריבן אין דער ענקאַוועדע!

קאַפּיטל ב

די מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרבעסערן. עס זיינען אָנגעקומען מאַסן פּעקלעך פון אויסלאַנד פאַר די פּוילישע יידן. חוץ דעם האָט יעדער איינער זיך נענטער באַקענט מיט זיין סביבה, אומשטענדן, באַדינגונגען און דער עיקר וואָס ער האָט שוין „געכאַפּט דעם שניט”, געוווסט דעם וועג פון „בלאַט”, געבן כאַבאַר, אונטערקויפן.

נאָכנישט איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן די נויט. נאָך האָבן זיך פּרויען פאַרנומען מיט פּראָסטיטוציע, בעטלעריי און גנבה. נאָך איז דער ווילנער לערער עזרא אָ. געזעסן אויף דער ערד און געבעטלט. נאָך האָט דער פרום־געוואָרענער שרייבער מרדכי אָלעי, וועלכער האָט דאָ געלערנט מיט קינדער עברי, אַלץ נאָך אונטערגעהונגערט. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַשליסן, צי מעג מען לויטן יידישן דין, אָדער מידות, צוגיין אויפן מאַרק צו אַ שטעלעכל מיט פרוכטן און גרינוואַרג, פאַרזוכן עטלעכע ראָזשינקעס, וויינטרויבן און — נישט קויפן! קיין געלט אויף צו קויפן האָט ער נישט געהאַט און דאָס האַרץ פלעגט אים אָפּט פאַרחלשן. נאָך האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן צוויי יונגע יידישע שרייבער, קראַנקע, געשוואָלענע, נישט געוואָלט בעטלען, כאָטש אָ. האָט זיי דערצו שטאַרק צוגערעדט. מיר האָבן עטלעכע מאָל צווישן זיך געשאַפן אַ פּאָר הונדערט רובל און געשטילט זייער הונגער אויף עטלעכע טעג.

אָבער די צאָל פון די נויטלײדנדיקע האָט זיך כסדר פאַרקלענערט. דער שרײַבער איקס, וואָס האָט נאָך מיט אַ יאָר צוריק אַליין געבעטלט, גייט שוין איצט איבער די גאַסן און טיילט נדבות. ער טוט דאָס מיט גרויס הנאה און סאַטיספאַקציע.

בערעלע שמאַיעוויטש זיצט שוין אויך צוריק פעסט אין זאָטל. ער פאַרדינט שטיקער גאָלד און עסט פון בעסטן און שענסטן. ער איז שוין ווידער גוט אויסגעקליידט, געקויפט זיך אַ גאָלדן זייגערל, אַ גאָלדן רינגל און זוכט שוין צו קויפן אַ בריליאַנטל. עס קען — זאָגט ער — אַמאָל צונוץ קומען. דאָס זייגערל מיט דעם רינגל טראָגט ער, פאַרשטייט זיך, נישט ביי זיך, נאָר האַלט דאָס ערגעץ פאַרשטעקט. ער האָט שוין צוריק דאָקומענטן אויף זיין אייגענעם נאָמען און איז „בראַנירט" פון גיין אין אַרמיי. עס האָט אים געגנוג געקאָסט דאָס פאַפּירל, אָבער ער קאָן זיך דערויף דערלויבן.

ער וווינט נאָך צוזאַמען מיט מיר אין דעם קליינעם, ליימענעם שטיבעלע. ער וואָלט זיך געקאָנט פאַרגינען אַ שענער שטיבל, נאָר גרעסערע גבירים פון אים וווינען אויך נישט שענער. מען דאַרף נישט אויפרייסן די אויגן ביי קיינעם. עסן עסט מען אויך ביי אַ פאַרשטעלט פענצטער און פאַרשלאָסענער טיר.

די באַציאונגען צווישן אים און מיר זיינען אָנגעצויגענע, אָפט קומט עס צו העפטיקע שטרייטן און מחלוקתן. איך פאַרשוויג אים אַ סך עוולות, ווייל איך געדענק, אַז ער האָט מיך געראַטעוועט נאָכן טיפוס, מיר געגעבן אייניקע מאָל צו עטלעכע הונדערט רובל. ער נוצט אויס די דאַנקבאַרקייט און טוט זיך אָן הנאה פון באַליידיקן מיך און דערנידעריקן. איך לאָז זיך נישט, דאָס רייצט אים נאָך מער אויף. ער מיינט, אַז ער האָט די פולע רעכט דערצו. ער וויל אָבער מיט מיר אויך נישט אינגאַנצן איבערייסן, ווייל עס שמייכלט אים מיין געזעלשאַפט, די חברים, וועלכע קומען צו מיר אין שטוב אַריין. איך געניס פון אַ געוויסן אָנזען אויך ביי זיינע אייגענע באַקאַנטע, אפילו ביי זיין נאַטשאַלסטווע אין אַרטעל. דעריבער וויל ער אין ערגעץ נישט גיין אָן מיר, שטעלט זיך פאָר ווי מיין נאָענטסטער חבר און בעסטער גוטער פריינט. ווען איך בין נישטאָ דערביי, דערציילט ער פאַר אַלעמען, אַז ער האַלט מיך אויס, אַז ער האָט מיך געראַטעוועט, אַז ווען נישט ער, וואָלט איך שוין לאַנג געלעגן אויפן בית־עולם, פונקט ווי אַ סך פון מיינע באַקאַנטע און חברים.

ווען איך בין אויף דער אַרבעט, קומען צו אים אין אונזער שטיבל פרויען, אַלעמאָל אַנדערע. ער באַרימט זיך פאַר מיר דערמיט. ער באַרימט זיך אפילו מיט דעם קליינעם פרייז וואָס עס קאָסט אים די ליבע — „האָנאָראַר" באַצאָלט ער אַ פּאָר שטעק־לעטשלעך, וואָס ער טראָגט אַרויס בגנבה פון אַרטעל.

איך דערמאָן אים אָפט אין זיין פרוי און צוויי קליינע קינדער, וואָס ער האָט געלאָזן אין בערסאָן ביי די דייטשן. איך קען זיי נאָך פון פוילן. זייער בילד הענגט איבער זיין בעט. איך האָב צו אים טענות פאַר זיינע נאַטשאַלניקישע גענג. גייט ער אין פּאָליקליניק צום דאָקטער, מעג שטיין די גרעסטע אָטשערעד, גייט ער זיך גלייך צו צום פענצטערל נאָך אַ נומער. ער איז גוט אָנגעטאָן, נישט קיין מיאוסער יונגערמאַן, אין אַמעריקאַנער ברילן, מיט אַ טעקע אונטערן אָרעם, מיינט ער דעריבער, אַז ער מעג צוגיין אָן אַן אָטשערעד. איך האָב צו אים טענות פאַרוואָס ער, אַלס בריגאַדיר אין אַרטעל, באַגייט זיך גראָב מיט די אַרבעטער. איינמאָל האָט ער

אפילו צעשלאָגן אַ יונגע יידישע בוכאַרערין, פון וואָס זי האָט נאָכדעם באַקומען אַ האַרץ־אָנפאַל. דער מאַן פון דער זעלבער בוכאַרישער פרוי ליגט איצט אין שפּי־טאָל, אָן הענט, אָן פיס, אַזאַ שוועד־פאַרוואונדעטן האָט מען אים געבראַכט פון פראָנט.

איך האָב צו אים טענות פאַר זיין ציניזם, פאַר זיין שנאה צו אַלע אידעאַלן, פאַר זיין חוזקן פון אַלע הייליקייטן.

ער ווידער וואַרפט מיר פאָר, אַז איך בין געוואָרן אַן אַסקעט, אַ פאַרשימל־טער ראָמאַנטיקער, אַ בעל־תשובה, אַ ציוניסט און פיר מיט מיינע חברים קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע שמועסן. ער איז, זאָגט ער, אויך אַ קעגנער פון דעם מין באָל־שעוויזם, זיי האָבן פאַראַטן די אידעע פונם ריכטיקן קאָמוניזם, אָבער ווער האָט נישט פאַראַטן? אַלע האָבן פאַראַטן, די גאַנצע וועלט איז אַ שאַנדהויז, אַלע מענטשן זיינען פאַדלע און געמיין. נאָר מען דאַרף זיך נישט מאַכן דערפון, מען דאַרף לעבן און געניסן. דעריבער דאַרף מען נישט זיין צופיל אויפריכטיק, מען דאַרף נישט רעדן אָפן אפילו מיט אייגענע חברים, ווייל זיי וועלן סיוווי פאַרקויפן און פאַראַטן. ער איז חושד אַלע מיינע באַקאַנטע, אַז זיי זיינען פּראָ־וואָקאַטאָרן.

נאָך אַזאַ שמועס און וויכוח, וואָס ענדיקט זיך אַמאָל אויך מיט שאַרפע ווערטער, ווערן מיר אין אַ קורצער צייט אַרום ווידער צוריק גוט. מיר וווינען דאָך צוזאַמען, אַרבעטן צוזאַמען, מיר קענען זיך שוין פופצן יאָר. ער הייבט ווידער אָן מיר מאַכן קאָמפּלימענטן. ער האָט געלייענט אַמאָל אַלע מיינע געדרוקטע שאַפונ־גען, ער געדענקט דעם אינהאַלט פון טייל זאַכן, וועלכע איך האָב שוין כמעט נישט געדענקט. ער זינגט אויף אַ יידיש פאָלקסליד, ווערט אומעטיק און סענטימענטאַל, דערמאָנט זיין פרוי און קינדערלעך. ער דערמאָנט מיך אין מיין מצב און אויסזען נאָכן טיפוס, טרייסט מיך מיט אַ פּאָר ווערטער, אַז איך וועל נאָך אַמאָל זען מיין פרוי און קינד — און מיר שליסן ווידער שלום, ווערן צוריק גוטע פריינט און חברים.

ק אַ פּ י ט ל ג

זונטיק באַלד אינדערפרי, רו־טאָג, איז אַריין צו אונז אין שטוב אַ קליין יידל מיט אַ גרויסער באָרד, נישט געגנוג זויבער אָנגעטאָן, צעשפּיליעט,מען זעט אַרויס זיין לאַנגן טלית־קטן. ער איילט זיך, איז פאַריאָכמערט, כאָטש זיין פּנים שיינט מיט לייטזעליקייט און די אויגן מיט קינדערישער לויטערקייט.

ער רופט מיך אָן פאַמיליאַר ביים נאָמען און פרעגט מיך ווו עס איז דאָ מזרח־זייט. ער נעמט אַרויס טלית און תפילין און שטעלט זיך דאַווענען.

בערעלע שמאַיעוויטש איז אין כעס. וואָס טוט דאָ אין דער שטוב אַזאַ פאַר־בריזגעט יידל? פּילט זיך אפילו היימיש, שטעלט זיך גלייך דאַווענען! ער האָט פיינט אַלע דאַווענענדיקע יידן. און דאָס קליינע יידל האַלט זיך נאָך דערצו פאַ־ריסן, פרעגט אים אפילו נישט קיין דערלויבעניש און שאָקלט זיך שוין אין טלית און תפילין.

אז בערעלע ווערט אין כעס, כאַפּט ער גלייך אַראָפּ די ברילן און ווישט די גלעזלעך. ער מאַכט צו מיר מיט די הענט און האָט אַ טענה:

— וואָס איז דאָס פאַרא אָנשיקעניש?

דער ייִד דאַוונט שנעל אָפּ און זעצט זיך אַוועק ביים טיש. דערווייל דערזעט ער אויף דער וואַנט די רעפּראָדוקציע פון „דזשאָקאָנדאַ" און עטלעכע אַנדערע בילדלעך. ער שטייט שוין ביים בילד, רעדט וועגן דזשאָקאָנדאַס שמייכל, וועגן אירע פינגער, וועגן איר סענסועלן האַלז. ער רעדט וועגן לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס אַנדערע שאַפונגען, ער באַקוקט שוין די רעמבראַנדט־קאָפּיע, רעדט וועגן רעמבראַנדטס אָפּשטאַמונג, וועגן ייִדן אין זיין משפּחה, באַלד וואַרפט ער זיך איבער אויף שעקספּירן, דאָ שווימט ער ווי אַ פיש אין וואַסער. קען אַלע זיינע דראַמען.

בערעלע שמאַיעוויטש איז פאַרבליפט: דאָס קליינע, פאַרדריפּעטע ייִדל איז בקי אין אַלע קונסט־ און ליטעראַטור־ענינים!

ער האָט נישט געוווּסט, אַז דאָס איז מרדכי אַלעי.

איך האָב דערנאָך בערעלען געוויזן אַ פאָטאָגראַפיע פון מרדכי אַלעי נאָך פון פאַר דער מלחמה, ווען ער איז נאָך געווען אָן אַ באָרד, אָנגעהערט אַ געוויסע ציים צו דער קאָמוניסטישער שרייבער־גרופּע.

שמאַיעוויטש איז אַצינד נאָך מער אין כעס. ער איז שוין אינגאַנצן צעטומלט, דעזאָריענטירט. ער ווייסט שוין נישט ווו ווער עס שטייט, ווו איז די זייט און ווו יענע זייט, אַלץ האָט זיך אויסגעמישט, פאַרווישט די גרענעצן. ער אַליין האַלט זיך פאַר אַ באַוווּסטזיניקן, אינטעליגענטן אַרבעטער און דאָ גאָר קומט אַריין אַזאַ צעטראָגן ייִדל מיט אַ פאַרקנאָדערטער באָרד, וועלכער ציטירט גאָר שעקספּירן פון אויסנווייניק, איז באַהאַוונט אין קונסט, פילאָזאָפיע, ליטעראַטור. דערביי גייט ער אָפּגעריסן, פאַרשמאָדערט און ס'אַרט אים אפילו נישט, דאַרף גאָרנישט, זעט נאָך אויס צו זיין גאַנץ צופרידן, אפילו גליקלעך, דערהויבן.

שפּעטער ווידער קומט אַריין דער שרייבער ש. ב. ער איז שוין לאַנג נישט געווען. ער הייבט באַלד אָן דערציילן זיינע פּאַסירונגען אין דער רויטער אַרמיי. ער איז געווען בסך הכל עטלעכע וואָכן אין דער אַרמיי, צוליב זיין קראַנקהייט באַפרייט געוואָרן, נאָר ער קאָן זיך נאָך אַלץ נישט אויסדערציילן וועגן זיינע פאָר וואָכן דינסט. ער שילדערט קוריאָזע בילדלעך, כאַראַקטעריסטישע טיפּן, דאָס שטייגער־לעבן, ווי אַזוי מען עסט, ווי אַזוי מען מאַכט איבונגען. זיין דערציילן רופט אַרויס הייטערקייט.

איצט גייט ער איבער צו אַן אַנדער סעריע בילדלעך: ער גייט אַמאָל אין שטאָט און פאַרבלאָנדזשעט אין אַ הויף, ער זוכט דאָרט אַ באַקאַנטן, אויפן הויף בויט מען אַ ניי הויז. עס ליגן אָנגעלייגט ציגל. דריי אַרבעטער מישן ליים, קאַלך, קריכן אויף דער רושטאָוואַניע. ער הערט ווי זיי רעדן צווישן זיך ייִדיש. עס הייבט זיך באַלד אָן אַן אויספרעגן, עס פאַרבינדט זיך אַ שמועס און ש. ב. וויצלט זיך מיט זיי, חוזקט:

— איר מאַכט אָן אַזאַ טומל ביי דער אַרבעט, נישט ווי איר וואָלט באַדאַרפט בויען אַ הויז פון צוויי שטאָק, נאָר כאָטש פון צוואַנציק. נאָר פונוואַנען זאָלט איר וויסן וועגן אַזעלכע הייזער, איר האָט נאָך אוודאי אין אייער לעבן נישט געזען קיין העכער הויז ווי פון דריי שטאָק.

יענע חוזקן צוריק:

— פונוואַנען קומט איר דאָס, רב ייד, פון כעלם, פון לאָדזש, פון וואַרשע? באַהאַלט זיך מיט אייערע הייזער דאָרטן. מיר האָבן שוין עפּעס גרעסערע הייזער געזעען, אַביסל שענערע און העכערע ווי אייערע.

— ווו? אין בערדיטשעוו? צי אפילו אין אָדעס, אָדער אין מינסק?

יענע צעלאַכן זיך מיט אַ ווייטיק־געלעכטער.

ש. ב. ווערט פון זיי געוואָר איין קלייניקייט:

די אַלע דריי יידן זיינען פון אַמעריקע. אַראָפּגעקומען אין סאָוויעט־רוסלאַנד אין יאָר 1934. זיי זיינען געקומען דאָ אהער אַרבעטן אויף אַ צייט אַלס בוי־ספּעצן. אין 1937 האָט מען זיי באַשולדיקט אין סאַבאָטאַזש, צוגענומען ביי זיי די אַמעריקאַנער פּעסער און פאַרשיקט אויף פינף יאָר אויפן ווייטן צפון. נאָכן באַ־פרייען, האָט מען זיי דאָ אהערגעשיקט. זיי האָבן נישט קיין רעכט צו וווינען אין רעזשים־שטעט. זיי זיינען שוין סאָוויעטישע בירגער. וועגן צוריקפאָרן קיין אַמע־ריקע קאָן קיין רייד נישט זיין. זיי וועלן קיין אַנדערע, ווי שווערע אַרבעט, נישט באַקומען און זיי ווילן גאָרנישט דאָס אויך. פרעגט זיי ש. ב.:

— טאָ וואָס זשע לאַכט איר אַזוי און זענט צופרידן? וואָס איז אויף אייך די גדולה?

ענטפערן זיי:

— שוין אַלע טרערן אויסגעוויינט. בעסער צו לאַכן. דאָס איז אויך אַזאַ פאַרמאַסקירטער געוויין.

ש. ב. דערציילט וועגן נאָך אַ באַגעגעניש, מיט אַ שרייבער פון אוקראַינע. זיך נעענטער באַקענט מיט אים אין סטאַלאָווקע און האָבן נישט קיין מורא געהאַט צו שמועסן צווישן זיך אַביסל פרייער. ש. ב. דערציילט אים וועגן דער בירגערלע־כער פרייהייט אין מערב־אייראָפּע, אין ענגלאַנד. ווי אַזוי מען האַלט רעדעס אין לאָנדאָנער הייד־פּאַרק קעגן קעניג. יענער שרייבער באַנעמט דאָס נישט. ער טראַכט, טראַכט, קנייטשט דעם שטערן, ביז ער קומט צום אויספיר:

— מיין ליבינקער, וואָס פאַרשטייט איר נישט? אויפן אָרט, אין פּאַרק, טשעפּעט מען נישט יענעם בונטאָוושטשיק, נאָר אין מיטן נאַכט גיט מען יענעם אַ כאַפּ אַרויס פון בעט! קיינער זעט נישט, הערט נישט און ווייסט נישט. די ענגלענדער זיינען כיטראַקעס, פאַרלאָזט זיך אויף זיי!

ש. ב. דערציילט אויך וועגן זיינס אַ שמועס מיט אַן אַלטן קינסטלער. יענער טשעפּעט זיך צו ש. ב. פאַרוואָס ער גייט נישט אין דער רויטער אַרמיי קעמפן. ער זעט דאָך נאָך אויס גאַנץ געזונט, טאָ וואָס זשע זיצט ער דאָ אין הינטערלאַנד? ש. ב. ענטפערט יענעם אָפּ מיט כעס. יענער בעט אים באַלד איבער און נאָך אַ שעה שמועסן, ווערט יענער אַזוי צוגעלאָזן און אויפריכטיק, אַז ער זאָגט אים:

— די ענגלענדער, די אַמעריקאַנער, די פראַנצויזן זאָלן איינגעמען אַ מיתה משונה. זיי זיינען פּחדנים, אויסוואורפן, שלימזלס, פּאַסקודניאַקעס!

— וואָס פאַרא טענה האָט איר צו זיי? איר האָט צו זיי דערלייגט דער באַ־בעס ירושה?

— וואָס פאַרא טענה איך האָב?! אין די יאָרן 1919—1921, ווען זיי האָבן אונז בלאָקירט, פאַרוואָס זיינען זיי פּחדנותדיק צוריק אוועק? פאַרוואָס? פאַר־וואָס זיינען זיי נישט אַריין טיפער אין לאַנד און צעמזיקט, צעקוועטשט אָט די כנופיא, אָט די טיראַנען, אָט די מערדער אונזערע, אָט די אויסוואורפן, וועלכע האָבן

פאַראומגליקט דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק, אַלע פעלקער דאָ! און זיי וועלן נאָך חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט! אָט פאַרוואָס איך האָב צו יענע טענות!

בערעלע שמאָיעוויטש שווייגט די גאַנצע צייט. ער בייסט די נעגל. איך ווייס נישט צי ער טוט דאָס פון הנאה, צי פון כעס.

עס קומען היינטיקן זונטיק אַ סך געסט צו מיר. אָט איז דאָ דער פאַבריקאַנט פון קאַטאָוויץ, דולדיג. ער קומט צו מיר שפּילן אין שאָך. ער איז אַ פאַרערער פון דער דייטשער ליטעראַטור. ער קען גוט שילערן און געטהען. ער ציטירט גאַנצע זייטן פונעם „פאַוסט"־פּראָלאָג. ער איז דערצויגן אויף דער דייטשער קולטור. ער האָט אויך אַביסל יידיש ווישן און קען אַריינקוקן אין אַ ספר. ער לויבט די דייטשע קולטור און טעכניק. יעדער דייטש פאַר זיך, זאָגט ער, איז אַן אָנשטענדיקער און קולטורעלער קערל, נאָר צוזאַמען, ווי אַ פאָלק, זיינען זיי אַ סטאַדע חיות. היטלער איז נישט קיין דייטש. עס וועלן זיך נאָך געפונען דייטשן, וועלכע וועלן אַליין הענגען זייער משוגענעם פירער. אָבער דערווייל קאָנען נאָך די דייטשן זיגן, די רוסן וועלן זיך נישט קיין עצה געבן. די דייטשן וועלן זיגן און אומברענגען אַלע יידן. עס קאָן אונז נאָך ראַטעווען אַמעריקע און ענגלאַנד, ווען זיי וועלן נאָר אויף אַן אמת וועלן, אָבער זיי ווילן נישט, זיי ווילן אַז רוסלאַנד זאָל זיך אויסבלוטיקן. סיווי, אונזער סוף איז געחתמעט! און ער ציטירט ווייטער אַנטשפּרעכנדיקע שטעלן פון „פאַאוסט".

דערנאָך קומט אַריין ד"ר יעקב ציגעמאַן. ער וווינט שוין ביי אַן אַנדערן באַקאַנטן. עס קומט דער ציוניסטישער טוער רויזנשמיד פון וו., עס קומט אַריין דער יונגער „השומר" שלמה. הינטער סאַמאַרקאַנד וווינט אַ גאַנצע גרופּע „שומרים", זיי האָבן זיך געשאַפן איין אייגענע קאָמונע. קיינער ווייסט נישט דערפון, פאַרשטייט זיך, אַז זיי זיינען „שומרים".

אַ גאַנצן טאָג מאַכט זיך נישט צו די טיר. געסט גייען אַרויס און אַנדערע קומען אַריין. עס קומען דריי פרויען פון ריגע, ראַיאַ, ליאַליאַ און עדיע. זייערע מענער זיינען אויף די פראָנטן אין דער רויטער אַרמיי. ליאַליאַס מאַן איז שוין געפאַלן אין שלאַכט. זיי זיינען אינטעליגענטע פרויען, רעדן אויך העברעאיש. זיי העלפן מיר צו אָפּקאָכן אַ מיטאָג און מען עסט צוזאַמען. זיי האָבן נאָענטע קרובים אין אַמעריקע. זיי האָבן הנאה זיך צו ווייצלען און פאַרשטעלן דעם מאָמענט, ווען זיי וועלן אַמאָל אַריבערקומען צו זייערע נאָענטע קיין אַמעריקע. זיי וועלן אַהינפאָרן אין די וואַטענע פופייקעס, די הילצערנע לעפל פאַרשטעקט אין די שטיוול, וועלן וויקלען מאַכאָרקע אין ציטונגס־פּאַפּיר און ווען מען וועט זיי פאַרבעטן דאָרט צו מיטאָג, וועלן זיי, אויס געוווינהייט, זיך שטעלן אין אָטשערעד.

אַ טומלדיקער טאָג היינט געווען. בערעלע האָט פיינט מיינע געסט. ער האָט פיינט די דריי יונגע פרויען, זיי שענקען אים נישט קיין אויפמערקזאַמקייט. ער דראָט מיר מיטן פינגער:

— געדענקט, איך זאָג אייך און וואָרן אייך, איר האָט צופיל צוטרוי צו מענטשן. איך גלייב זיי קיינס נישט. צווישן די אַלע אייערע באַקאַנטע זיינען זיכער דאָ אויך פּראָוואָקאַטאָרן, זיי וועלן אייך נאָך באַגראָבן!

קאַפּיטל ז

עס שפּילט דאָ אַ יידיש טעאַטער. אַן עוואַקואירטע טרופּע פון כאַרקאָוו און

אויך עטלעכע אַקטיאָרן פון פּוילן. צווישן די אַקטיאָרן פון כאַרקאָוו זיינען דאָ עטלעכע, נישט נאָר מיט היפּשן טאַלאַנט, נאָר אויך מיט אַ סך קולטור און וויסן. זיי זיינען אַלע באַשיידענע, טאַקטפולע. יעדער פון זיי באַציט זיך צו דער בינע־אַרבעט מיט גרויס אחריות און ערנסטקייט.

כמעט אַלע זיינען זיי געצוווּנגען זיך צו פאַרנעמען אויך מיט זייטיקע פרנ־סות. פון דער טעאַטער־פּענסיע איז נישטאָ אויף חיונה. זייער בעסטער רעזשיסער און אַקטיאָר איז אויך אַ גוטער שוסטער. ער אַרבעט אין גערהיים, ביי זיך אין שטוב, דאַמען־לעטשלעך. אַז מען דאַרף, איז ער אויך אַ שטובן־מאַלער און אַ סטאָליער. אַנדערע אַקטיאָרן שיקן אַרויס זייערע פרויען האַנדלען אויפן באַזאַר, טייל שפּעקולירן אַליין אין דער שטיל. דריי פון זיי האָט מען געכאַפּט ביי אַ מסחר מיט טיי און זיי איינגעזעצט. נאָר איינער פון דער טרופּע איז פּאַרעקשנט, פאַר־נעמט זיך נישט מיט קיין שום זייטיקער מלאכה און מסחר. זיין פרוי, אין די טע: ווען זי איז פריי פון שפּילן, שטייט זי ביי דער טיר אַלס בילעטער. ווען זי שפּילט און ער איז פריי, פאַרטרעט ער זי אויפן פּאָסטן ביי דער טיר. גראָד איז ער אויך פון די בעסטע אַקטיאָרן און חוץ זיין אַלגעמיינעם וויסן, קען ער אויך די קליינע אותיות׳לעך, אין די יונגע יאָרן געלערנט אין אַ ישיבה.

אין טעאַטער איז שטענדיק אַ געדראַנג. עס איז אַ קליינער, אָפּגעלאָזענער לאָקאַל, די בענק זיינען ענג צונויפגעשטעלט, אָפּט ברעכן אויס קריגערייען און געשלעגן צווישן פּובליקום. נאָר דאָך זיצט מען מיט גרויס הנאה אויף יעדער פאָרשטעלונג. דער זאַל איז שטענדיק געפּאַקט. עס קומען דאָ אַהער אויך די רו־סישע יידן און זייער יוגנט. די יוגנט פאַרשטייט קנאַפּ יידיש, האַלט מען בעת דער פאָרשטעלונג אין איין שושקען זיך, איבערזעצן, פאַרטייטשן.

די זעלבע יידישע טרופּע שפּילט אויך צוויי מאָל אין וואָך אויף רוסיש. עס קומט אויך די יידישע בוכאַרער יוגנט, זיי פאַרשטייען לגמרי נישט קיין יידיש וואָרט, אָבער דאָך קומען זיי גערן, עס איז יידיש טעאַטער, זיי פילן שוין אַרויס אויך אָן דעם לשון. עס קומען אויך אוזבעקן. זיי קומען פּשוט דערפאַר, ווייל עס איז טעאַטער. אין אַנדערע טעאַטערן, אין דער נייער שטאָט, איז שווער זיך צו דערשלאָגן צו אַ בילעט. אין קינאָ אַריין קומט אויך אָן שווער זיך צו דערקריגן. אין טעאַטער שפּילן דאָך פאָרט לעבעדיקע מענטשן, אַרטיסטן זינגען און טאַנצן, פאַראַן אויך עטלעכע שיינע פרויען צווישן די אַרטיסטינס, טאָ וואָס מאַכט אויס די אוזבעקן אַז זיי פאַרשטייען נישט? רוסיש פאַרשטייען זיי אויך קנאַפּ. דאָס טעאַטער אויף אוזבעקיש איז אויך אין דער נייער שטאָט און שפּילט נאָר צוויי מאָל אין דער וואָך. אָפּטמאָל קומען אוזבעקן שיכורערהייט אין טעאַטער אַריין, איז אָדער זיי שלאָפן איין בעת דער פאָרשטעלונג, אָדער זיי סקאַנדאַלעווען, טשע־פּען זיך אין דער פינצטער צו די פרויען אויפן זאַל. ווערט אַ טומל, קומט אָן מי־ליץ און רייסט איבער די פאָרשטעלונג — אָבער דאָס איז דאָך פאַר זיי אויך ספּעקטאַקל!

דעם היינטיקן אָוונט זיינען בערעלע שמאַיעוויטש, איך, אונזער שכנהטעס צוויי יונגע טעכטער פון קאָוונע אַוועק אין טעאַטער, הגם מען שפּילט גראָד אַ זייטיקע פּיעסע פון פּראָפעסאָר דאָברושין א. נ. „לחיים מאָסקווע".

עס ווערט דאָרט געזונגען אַזאַ קופּלעט, ווי:

„מאָסקווער פּייער, מאָסקווער וואַסער,
וואָס איז הייטער, וואָס איז נאַסער!"...

נאָך איידער עס האָט זיך געענדיקט די פֿאַרשטעלונג, איז דאָס טעאַטער געוואָרן אַרומגערינגלט פֿון זעלנער און מיליץ, אַן אַבלאַווע אויף די פּוילישע.

זיי זיינען אַריין דורך אַלע טירן און אָנגעהויבן קאָנטראָלירן די דאָקומענטן. די געכאַפּטע פּוילישע וועט מען אַוועקשיקן אין אַרבעטס־באַטאַליאָן. ווען איך בין אין אַרטעל אויפֿן דיזשור, בין איך געשיצט דורך מיין נאַטשאַלסטווע. אפילו ווען די מיליץ וואָלט מיך אַוועקגענומען פֿון דאָרטן, וואָלט מיין נאַטשאַלסטווע באַלד אינטערווענירט און מיך באַפֿרייט. איצט אָבער, ביינאַכט, איז קיינער ניט־שטאָ ווער עס זאָל אינטערווענירן. זיי קאָנען נאָך ביינאַכט אַוועקשיקן ערגעץ אין אַן אָפּטיילונג. אַ פֿאַראָרדנונג, אַז די פּוילישע זיינען מחויב צו דינען אין אַרבעטס־אַרמיי איז נישטאָ, דאָס טוט יעדער ראַיאָן־וואָיענקאָמאַט אויף אייגענער האַנט. עס פֿעלט גראָד אוים צום באַשטימטן קאָנטינגענט, לאָזט מען זיך אַרוים אויף אַן אַבלאַווע און מען כאַפּט פּוילישע. קודם ווערן זיי אַוועקגעשיקט. נישט אַלעמאָל קומט מען פֿון דאָרט צוריק, ווייל מען נעמט ביי אים צו דעם דאָקומענט און יע־נער איז שוין אוים פּוילישער. אויב ער קאָן אפילו יאָ דערווייזן, אַז ער איז אַ פּוילישער, איז נישטאָ קיין פֿאַראָרדנונג, אַז פּוילישע דאַרפֿן נישט דינען אין דער אַרבעטס־אַרמיי.

פֿון פּובליקום שפּרינגט מען דורך די פֿענצטער. טייל כאַפּן זיך אַריין אין דער פֿאָר־סצענע צום אָרקעסטער. די פּאַניק איז גרויס. די מיליץ פּייפֿט, יאָגט נאָך די אַנטלויפֿנדיקע.

צו מיר קומען אַרוים פֿון הינטער די קוליסן צוויי אַרטיסטן און זאָגן צו מיר הויך, אין רוסיש:

— וואָס טוט איר, אַן אַקטיאָר, דאָ אויפֿן זאַל? קומט גיך אַרונטער הינטער די קוליסן, מען דאַרף אייך דאָרט האָבן!

און זיי פֿירן מיך אַרונטער הינטער די קוליסן. פֿון דאָרט גיי איך אַרוים דורך אַ זייטן־גאַנג און שאַר זיך גיך אַהיים.

עס האָט שוין געהאַט געדוכט זיך, אַז דאָס לעבן נעמט זיך צוביסלעך נאָר־מאַליזירן. איך בין שוין אביסל געקומען צו זיך, הונגער שוין נישט, שוין פֿאַראַן דאָס געמיט צו לייענען אַ בוך, גיי שוין אָפּטער אין קינאָ און טעאַטער — אָבער אין געציילטע מינוטן קאָן פֿון דעם אַלעם ווערן אַ תל. מען שיקט דיך אַוועק ער־געץ קיין אוראַל אויף שווערער אַרבעט, נישט דערעסן, נישט דערשלאָפֿן, אין שמוץ, לייז — עס דאַרף לאַנג נישט דויערן קראַנק צו ווערן און אויסגיין דאָרט ערגעץ אין אַ שפּיטאָל.

אַלץ איז נאָר צייטווייליק, מען איז קיינמאָל נישט זיכער, מען לעבט נאָר מיט דער געגעבענער שעה. איין ריר — און אַלץ צעפֿאַלט זיך. פֿון לעבן ביזן טויט איז אַ קליינטשיקער מהלך, עס שיידט אָפּ נאָר אַ דין ווענטל פֿון צופֿאַל. און צופֿאַל לויערט דאָ אויף דיר צען מאָל אין טאָג, אויף יעדן שריט. עס איז גיכער אַ צופֿאַל, ווען עס טרעפֿט דיך נישט.

קאַפּיטל ה

איך אַרבעט אין אַרטעל שוין עטלעכע חדשים. לעצטנס קומט מיר אויס אָפּטמאָל אָפּצושטיין צוויי מעת־לעת נאָכאַנאַנד אויפֿן דיזשור. ווייל איינעם פֿון די דריי אָכראַנניקעס, דעם אַלטן אוזבעק, האָט מען אָפּגעשאַפֿט. ער האָט געמאַכט שווערקייטן ביים אַרויסטראָגן די לעדער, וואָס נאַטשאַלסטווע האָט אומלעגאַל פֿאַרקויפֿט. דער אוזבעק האָט פֿאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים געבן אַ פּאָר נייע שטיוול און עטלעכע פּאָר שיך פֿאַר זיין גאַנצן הויז־געזינדל. האָט מען באַלד אויסגעפֿונען אַ תירוץ, אַז ער כאַפּט ביי נאַכט אַ דרימל אויף דער וואַך. מען האָט אים גלייך באַזייטיקט פֿון דער אַרבעט.

איך כאַפּ זיך אַמאָל ביינאַכט אַריין אין קאָרידאָר, אָדער אין קאַנצעלאַריע און כאַפּ אַ דרימל אויף אַ האַלבע שעה. ביז איצט זיינען געשעען בעת מיין היטן נאָר צוויי גנבות (דרויסנדיקע) און דווקא דעמאָלט, ווען איך האָב נישט געדרימלט.

דעם גאַנצן ערשטן מאַי זיינען מחויב צו דיזשורירן, באַוואַכן די פֿאַבריק, חוץ דעם שטענדיקן אָכראַנניק, אויך די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. די נאַכט אויפֿן ערשטן מאַי פֿאַטראָלירט מער מיליטער אויף די גאַסן, די מיליץ איז אין אַלאַרם־גרייטקייט. אין אַלע אונטערנעמונגען דאַרפֿן דורך 24 שעה דיזשורירן די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, יעדע צוויי שעה ווערט געטוישט די וואַך. פֿון דער פֿליכט זיינען אויך נישט פֿריי די דירעקטאָרן, נאַטשאַלניקעס. אייגנטלעך איז עס גיכער אַן ערן־וואַך, שוין געוואָרן אַ טראַדיציע, מען היט דאָס אָבער שטרענג אָפּ. עס דאַרף הייסן, אַז די אַרבעטער באַוואַכן זייער אייגן מלוכה־אייגנטום, אַז עס זיינען נאָך פֿאַראַן אַ סך אינערלעכע שונאים, וועלכע קאָנען דעם ערשטן מאַי מאַכן אַן אויפֿשטאַנד און איבערפֿאַלן די פֿאַבריקן.

אין אונזער אַרטעל איז דער עולם אַ היימישער, עס הערשן גוט־ברודערישע און ממש פֿאַמיליאַרע באַציאונגען. די וועלכע האָבן באַדאַרפֿט הייגטיקן ערשטן מאַי דיזשורירן ביינאַכט, האָבן מיך געבעטן מאַכן אַ שוויג, זיי וועלן בעסער אַהיימגיין שלאָפֿן. טאָמער קומט ווער קאָנטראָלירן, זאָל איך זאָגן, אַז זיי זיינען נאָר אַרונטערגעגאַנגען אויף עטלעכע מינוט און וועלן באַלד צוריקקומען.

בין איך געשטאַנען אויף דער וואַך איינער אַליין. די רויטע פֿאָן האָט גע־האָנגען אויף דער צווייטער זייט טויער פֿון אַרטעל, ביי די פֿענצטער. יעדע פֿופֿצן מינוט בין איך צוגעגאַנגען קאָנטראָלירן די פֿענצטער. איז אָט דורך אַזעלכע פֿופֿצן מינוט האָט מען אַראָפּגעגנבעט די פֿאָן. עס האָט ווער נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון וואָס פֿינף מעטער רויטע לייוונט הענגען אויף הפקר, ווערן דורכגענעצט פֿונם רעגן און ברענגען קיינעם נישט קיין נוצן.

איך האָב געוווסט, למשל, אַז די אוזבעקיקעס קויפֿן אין מאַגאַזין סטאַלינס בילד געמאָלן אויף לייוונט, און מען פֿאַרנוצט עס אויף ליילעכער. און דאָ דאַרף מען נאָר אויסשטרעקן די האַנט און גלייך דעראָבערן פֿינף מעטער לייוונט אינ־גאַנצן בחינם.

די צווייטע גנבה איז גיכער געווען אַ שטיקל איבערפֿאַל: אין מיטן נאַכט זיינען צוגעקומען צום אַרטעל עטלעכע רוסישע יאַטן און גענומען באַוואַרפֿן מיך מיט שטיינער. איך בין אַראָפּגעלאָפֿן פֿון די שטיגן און זיי נאָכגעיאָגט. ווען איך

בין צוריקגעקומען, האָב איך דערזען איין שויב אויסגעשניטן. אינדערפרי, ווען מען האָט אויפגעשלאָסן דעם מאַגאַזין, האָט מען געזען, אַז עס פעלט אַ פּאָר נייע שטיוול, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן פענצטער.

די נאַטשאַלסטווע האָט געמאַכט אַ שוויג. ווען זי שטעלט צונויף אַן אַקט, דראָט מיר דערפאַר עטלעכע יאָר תּפיסה. די נאַטשאַלסטווע, מיט קליינע אויסנאַמען, איז געווען אַ סימפּאַטישע. היימישע, ווילע יידן. זיי האָבן מיר אויך קיינמאָל נישט געמאַכט קיין פאָרוואורף דערפאַר, וואָס איך פּאַק נישט די אַרבעטער ביים אַרויסטראָגן געגנבעטע שטיקער לעדער. זיי האָבן גאַנץ גוט געוווסט, פּונקט ווי איך, אַז אַלע אַרבעטער גנבענען, די בעסערע ספּעציאַליסטן מער, די קלענערע און לערן־יינגלעך — וויניקער. אָבער די אַרבעטער האָבן אויך גאַנץ גוט געוווסט וועגן די גנבות פון נאַטשאַלסטווע. זיי האָבן אפילו אָפּטמאָל אַליין אָפּגעקויפט לעדער ביי זייערע באַלעבאַטים (אַ דירעקטאָר, נאַטשאַלניק ווערט מייסטנס גערופן „כאָזיאַין", באַלעבאָס). נאָך דער אַרבעט אין אַרטעל, האָבן די אַרבעטער, ביינאַכט, געאַרבעט אין שטוב פאַר זיך.

נאָר פון צייט צו צייט איז צוגעקומען דער ווירטשאַפט־פאַרוואַלטער און מיר אָנגעזאָגט:

— היינט זאָלט איר פאַרהאַלטן דעם און דעם אַרבעטער, ער נעמט שוין צופיל, מען האָט מיר דערטראָגן וועגן דעם.

ביים אַרויסגיין, ווען עס איז אָנגעקומען יענעמס ריי צו באַזוכן, האָב איך אים שטיל געזאָגט:

— גייט גיך צוריק און קומט אַ ליידיקער!

די געגנבעטע לעדער האָבן זיי אָמיינסט באַהאַלטן אין די הויזן, אַרומגעוויקלט אויפן בויך, אָדער רוקן. עס האָט געטראָפן, אַז עס איז אַמאָל אָנגעקומען דער נאַטשאַלניק פון גאַנצן קאָמבינאַט (אַ גרעסערע גרופּע קרובהשע אַרטעלן), אישמאַטאָף, אַ טאָטער, זיך אַוועקגעשטעלט בעתן אַרויסגיין פון די אַרבעטער און זיך צוגעקוקט ווי אַזוי איך רעווידיר. באַלד נעמט ער אויף מיר שרייען:

— ווי אַזוי באַזוכט איר? די אַרבעטער וועלן זיך דאָך פילן באַליידיקט פון אַזאַ מין רעווידירן! איר באַטאַפּט זיי קוים די טאַשן, דאָ אַ ריר, דאָרט אַ גלעט! דאָס איז חוזק! פאַרוואָס זוכט איר נישט ביי זיי אין די שטיוול? פאַרוואָס הייסט איר נישט צעקנעפּלען דאָס העמד, פאַרוואָס זוכט איר נישט אין די היטלען?

עס איז אַרויסגעקומען מיין נאַטשאַלניק און גלייך אונטערגעהאַלטן די טענות פון אישמאַטאָפן. אויך אויף מיר געשריגן, געטופּעט מיטן שטיוול, געצאָרנט:

— איר מוזט ווערן ענערגישער! איר מוזט דורכפירן ביי יעדן איינעם אַן ענערגישע רעוויזיע! דאָס איז דאָך פאָלקס־אייגנטום פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה!

די אַרבעטער, וועלכע זיינען געשטאַנען אין ריי טיפער אין קאָרידאָר, זיינען צוריק אַריין אין וואַרשטאַט און זיך אָפּגעליידיקט... עס האָט עס נישט באַוויזן צו טון די טאָטערין. זי האַלט אין האַנט איר קוישל. איך זע ווי זי איז טויט־בלייך. זי איז אַ שטילע, סימפּאַטישע פרוי, אַן אַלמנה, איז אַביסל טויבלעך, דערפאַר האָט זי, מסתמא, נישט דערהערט דאָס געשריי פון די נאַטשאַלניקעס און נישט צוריקגעלאָפן אין וואַרשטאַט אַריין. אין קוישל ליגט עפּעס עסן, אַ טיכל און צוויי קלעצלעך פאָדעם. דער פאָדעם איז פונדאַנען גענומען. איך וויקל אין איר

קוישל אזוי לאנג דאָס טיכל, ביז איך פאַרוויקל די צוויי קלעצלעך פּאָדעם און לאָז זי דורך. איך האָב ביי קיינעם גאָרנישט געפונען.

די נאַטשאַלסטווע איז אַריין אין קליינעם צימערל אויף מאַכן אַ כוסה. אויף צומאָרגנס, ווען די טאַטערין איז געקומען צו דער אַרבעט, האָט זי מיר לאַנג געדרוקט די האַנט. זי האָט געהאַט טרערן אין די אויגן פון דאַנקבאַרקייט, איך האָב זי געראַטעוועט.

ק אַ פּ י ט ל ו

איך האָב אויסגעפונען נאָך עטלעכע קליינע פּרנסהלעך. פון די פּאַרדינסטן אין אַרטעל האָב איך נישט אויף אויסצוקומען.

די נאַטשאַלסטווע באַשטייט פון אַכט מענטשן. נאָר דריי פון זיי זיינען פּאַרטייער. איינער פון די אַכט, האַציע פּינסאָן, וואָס טראָגט אויך אַ נאַטשאַלניק־מונדיר ווי אַלע, מיט אַ ברייטן רימען, לעדערנע שטיוול, די האָר פאַרשוירן אויף אַ קענטל, ער קומט נישט שבת צו דער אַרבעט. אַזוי ווי ער איז דער מאַגאַזינער, דאַרף אַרויסגעבן לעדער פון מאַגאַזין פאַר די אַרבעטער, ער האָט פּריוואַטיק נישט איבערגעלאָזן גענוג מאַטעריאַל פאַרן וואָרשטאַט, שיקט מען אים רופן. ער קומט, נאָר עס גייט אים נאָך אַ קליין יונגל, וואָס טראָגט אים נאָך די שליסלען פון מאַגאַזין. שבת טראָגט ער נישט. ער איז אַ ליובאַוויטשער חסיד.

נאָך דער אַרבעט יעדן טאָג, גייט ער לערנען אַ פּרק משניות. דער יאָרטאָג ווען עס איז באַפרייט געוואָרן דער אַלטער ליובאַוויטשער רבי אין דער צייט פון צאַר מיקאָלאַי דעם ערשטן, איז ביי די ליובאַוויטשער חסידים אַ גרויסער יום־טוב. אַ גאַנצע נאַכט שמועסן זיי דברי תורה, טרינקען אַ לחיים און טאַנצן אַ חסידיש ריקודל.

דער איצטיקער ליובאַוויטשער רבי איז אויך געזעסן אין דער רוסישער טורמע, אין „טשעקאַ", נאָר וועגן דעם רעדט מען ווייניק. דער מאַגאַזינער האָט שוין פאַר מיר דערציילט אַלע פּרטים וועגן דעם אַרעסט פון זייער רבין, ווי אַזוי ער האָט זיך פאַרהאַלטן אין „טשעקאַ", ווי אַזוי ער האָט זיי אָפּגעענטפערט. ער דערציילט מיר אויך וועגן זיין אייגענעם טאַטן, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן אין יאָר 1937 און עד היום ווייסט מען נישט וואָס עס איז מיט אים געוואָרן. ער האָט שוין, אַלנפאַלס, געזאָגט נאָך אים קדיש.

צווישן דער נאַטשאַלסטווע זיינען פאַראַן נאָך עטלעכע פיינע מענטשן, אויך די דריי פּאַרטייער, צווישן זיי צוויי פרויען.

מיינע זייטיקע פּרנסהלעך זיינען באַשטאַנען דערין, וואָס איך האָב געהאַט ביי זיך צום פאַרקויפן שטיינדלעך צו צינד־מאַשינקעס, מאַכאָרקע און מאַכאָרקע־ביבולע. עס האָבן דאָס געקויפט ביי מיר די אַרבעטער פון אַרטעל און נאַטשאַלסטווע. איך האָב זיי אויך פאַרקויפט די ראַזיר־מעסערלעך, נאָדלען און זייף וואָס זיינען מיר אָנגעקומען פון פּאַלעסטינע אין צוויי פּעקלעך. ספּעציעל זיינען געווען אַ סך אַמאַטאָרן צו קויפן דעם זייף, אויף וועלכן ס'איז געווען אַן אויפשריפט „כשר", „ארץ־ישראל". אויך די ראַזיר־מעסערלעך מיט די העברעאישע אויפ־

שריפטן האָבן זיי גערן געקויפט, אפילו נישט אויף צום נוצן, נאָר צו האָבן אויף אָן אנדענק, אָדער טיילן עם מתנות צו זייערע באַקאַנטע.

האָב איך זיך שוין אַזוי ווייט אַריינגעלאָזט אין מסחרים, האָט שוין נאַטשאַלסטווע מיך געבעטן פאַר זיי קויפן אַמאָל אַ רינגל, אַ זייגערל, אוירינגלעך. פון דעם האָט קיינער נישט געטאָרט וויסן, עס האָט באַדאַרפט דערלעדיקט ווערן אין דער שטיל. איך האָב במשך איין חודש פאַרדינט עטלעכע טויזנט רובל, וואָס האָט מיר געסטאַיעט פונקט אויף אַ פּאָר גוטע שיך. איך האָב זיך געמיאוסט מיט דעם מסחרן, עס האָט מיך געעקלט, כ'האָב אָבער געוואָלט דעראָבערן געלט אויף אַ פּאָר שיך, ווייל כ'בין אַרומגעגאַנגען אין אַ פּאָר שטעק־לעטשלעך, וואָס איך האָב באַקומען פונם אַרטעל.

***

די נעכט זיינען שוין קילע און איך האָב זיך אַרומגעדרייט אויף דער וואָך אין אַ דינעם רעקל. לויט די פאַרשריפטן קומט מיר צו געבן אַ פעלצל אויף ביינאַכט. אָבער דאָס דאַרף מען שוין באַקומען פונם קאָמבינאַט. בין איך עטלעכע וואָכן געלאָפן אין קאַנטאָר, געשריבן איין וועגדונג נאָך דער אַנדערער, גענומען אַלע נויטיקע אונטערשריפטן און דאָס פעלצל דאָך נישט באַקומען. איינמאָל איז געקומען אין אַרטעל דער ווירטשאַפטס־לייטער פונם גאַנצן קאָמבינאַט, באַלאַטינסקי, האָב איך אים געוויזן מיין דין רעקל. ביינאַכט, זאָג איך אים, ווערט מען דערין געפרוירן, זאָל ער מיר אַרויסגעבן אַן אָרדער אויף אַ פעלצל. דאָס ווענדט זיך טאַקע נאָר אין אים.

ער האַלט אַ שפּיץ־רוט אין האַנט און ער קלאַפּט מיר אַזוי לייכט, ווי־לעריש, מיטן שפּיץ־רוט איבער מיין בויך:

— נאָר געדולד, פּאָליאַק, מען דאַרף האָבן געדולד, עס איז מלחמה־צייט, איר זענט נאָך אַ יונגער מענטש, איר וועט נישט דערפרוירן ווערן. מען דאַרף ביינאַכט, אויף דער וואָך, אַרומלויפן, אביסל אונטערשפּרינגען, וועט אייך זיין וואַרעם.

עס זידט אין מיר דאָס בלוט. נאָך אַ מינוט און איך וועל ביי אים אַרויסכאַפּן די שפּיץ־רוט און דערלאַנגען אים אין מאָרדע. ער, דער אוקראַינישער ייד באַלאַטינסקי, זעט מיר איצט אויס צו זיין גראָטן אין יענעם דייטשן אָפיציר, וואָס האָט אין וואַרשע, סעפּטעמבער 1939, געשלאָגן מיט אַ שפּיץ־רוט די יידן, וואָס האָבן געלאָשן דאָס פייער אין גאַזאָווניע.

מסתמא האָט ער היינט געקראָגן אַ קנאַפּן כאַבאַר פון אונזער נאַטשאַלסטווע, לאָזט ער צו מיר אויס דעם כעס.

דער אַרטעל איז קעגנאיבער דער מיליץ. גראָד פירט איצט די מיליץ אַריין אַ פּאַרטיע געכאַפּטע פּוילישע יידן, אַזעלכע וואָס האָבן נאָכנישט געהאַט אַרויסגענומען קיין סאָוויעטישע פּאַספּאָרטן. באַלאַטינסקי קלאַפּט זיך שוין מיט דער שפּיץ־רוט איבער זיינע שטיוול. ער ווייזט מיר אָן אויף די געכאַפּטע יידן:

— איר זעט די יידישע פּאָליאַקעס? די דייטשן שיסן זיי אויס אין פּוילן און מיר גיבן זיי סאָוועטישע פּעסער, ווילן זיי נאָכנישט, די סוואָלאַטשעס!

איך וועל נישט זאָגן, אַז איך האָב מיך דערפרייט, ווען מען האָט אין עטלעכע טעג אַרום אַרעסטירט באַלאַטינסקין (פאַר פעלשן רעכנונגען און דאָקו־

מענטן), נאָר קיין עגמת־נפש דערפון האָב איך אויך נישט געהאַט. איך האָב נאָך געפילט די שאַנד־צייכנס פון זיין שפּיץ־רוט, מיט וועלכער ער האָט מיר אַזוי ווויִלעריש געקלאַפּט איבערן בויך.

קאַפּיטל ז

איך באַקום אָפּט בריוו פון די חברים־שרייבער. זיי זיינען מייסטנס אַלע אין מיטל־אַזיע, נאָר עטלעכע אין אוראַל און אויפן וויטן צפון. נישט אַלע בריוו זיינען אונטערגעשריבן מיט די ריכטיקע נעמען, סמיינסט זיינען זיי געצייכנט מיט אַזעלכע קריפּטאָנימען ווי: „יאָמערמאַן", „וויסטמאַן", „בראָכמאַן", „קלאָגמאַן", גרימצאָרן".

איך פלעג מיינע בריוו אויך אונטערצייכענען מיט ענלעכע קריפּטאָנימען און דעם צוריק־אַדרעס אָנגעבן אַ פיקטיוון. (דעם ריכטיקן אַדרעס האָב איך אָנגעגעבן אין אַ בריוול מיט עטלעכע געציילטע ווערטער). אָבער די לעצטע טעג, צוליב די נצחונות פון דער רויטער אַרמיי, צייכן איך שוין די בריוו מיט די נעמען: „האָפ־נונג", „טרייסטמאַן".

אין דער אַרמיי זיינען געוואָרן איינגעפירט נייעס: אָפיצירן טראָגן עפּאָלעטן, מען דאַרף אָפּגעבן „טשעסט" (סאַלוטירן), אַז אָפיציר טאָר נישט טראָגן קיין קוישל אין האַנט, אָדער אַ פּעקל, דערויף ווערט אים צוגעטיילט אַ „דענשטשיק", אַן אָרדינאַנס, און יענער דאַרף אים נאָכטראָגן די פּעקלעך. עס זאָל אויך זיין אַ געהיימער צירקולאַר, אַז קיין אָפיצירן טאָרן נישט חתונה האָבן מיט קיין פרוי, וועלכע האָט נישט געענדיקט קיין מיטל־שולע. אין מאָסקווע איז שוין פאַראַן אַ קאַדעטן־שולע אויפן נאָמען פון סוואָראָוו. עס שאַפט זיך אַ סאָוויעטיש יונקער־טום, אַ באַזונדערע, העכערע קאַסטע.

מיט אַ צייט צוריק בין איך געשטאַנען פאַר דער רעדאַקציע פון דער סאַמאַר־קאַנדער צייטונג, „לענינסקי פּוט" (צוויי זייטלעך פון אַ האַלבן צייטונגס־פאָרמאַט), דאָרט ווערן אויף אַ טאַפל אַרויסגעהאָנגען די ידיעות, וועלכע וועלן מאָרגן גע־דרוקט ווערן אין צייטונג. עס קלייבט זיך דאָרט שטענדיק צונויף אַ גרעסערער עולם און מען שטופּט זיך צום טאַפל. אַמאָל לייענט איינער פאָר הויך פאַר אַלע. אָבער סרוב האָבן ליב צו לייענען אַליין, מיט זייערע אייגענע אויגן. איז דאָרט שטענדיק אַ געדראַנג. צווישן דעם עולם האָט זיך אויך געשטופּט אַן אַלטיטשקער גענעראַל, מיט אַ גרוי, פאַרשוירן בערדעלע. ער האַלט אין האַנט אַ געפלאָכטן קוישעלע.

מיר איז געפעלן געוואָרן אָט די פשוטקייט און באַשיידנקייט — אַ גענעראַל שטופּט זיך צוגלייך מיט אַלע בירגער און מאַכט נישט פון זיך קיין ווען.

נאָך דעם איינפירן דאָס סאַלוטירן, האָב איך געזען לעצטנס דורכגיין דעם זעלבן אַלטיטשקן גענעראַל. עס איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ מאַטראָז און ער האָט פאַרזען צו סאַלוטירן דעם גענעראַל. דער אַלטיטשקער איז געוואָרן אין כעס, דאָס ווינציקע ביסל בלוט זיינס איז אים אַריין אין פנים, אין די אויגן. ער האָט פאַר־האַלטן דעם מאַטראָז און אים צוגעפירט צו דער וואַך פון רויטאַרמייער־הויז.

אָבער דאָך איז נאָך אַלץ דער סאָוויעטישער אָפיציר נישט אַזוי אַנגעבלאָזן און פאַריסן ווי אַן אַמאָליקער פּוילישער אָפיציר. ער איז היימיש, צוגעלאָזן, אומ־מיטלבאַר און פאָלקסטימלעך.

איך האָב אַמאָל געטראָפן ביי אַ יידישן זייגערמאַכער אין געוועלבל זיצן אַ פאָדפּולקאָווניק. ער זעט אויס אויף אַ יאָר עטלעכע און פופציק. ביי זיין בענקל זיינען געשטאַנען אָנגעלענט צוויי קוליעס. ער איז נישט לאַנג צוריקגעקומען פון פראָנט אַ פאַרוווּנדעטער. עס איז נישט געווען שווער אין אים צו דערקענען דעם ייד. איך האָב זיך געווענדעט צו אים אין יידיש. זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן. ער האָט זיך אַ הייטערער גענומען רוקן אויפן בענקל. ער ענטפערט:

— וואָס מיינט איר, אַז איך האָב שוין פאַרגעסן צו רעדן זשאַרגאָן?

איך טייטש אים באַלד אויס, אַז אונזער יידיש איז היינט נישט קיין זשאַרגאָן. דאָס איז אַ באַליידיקנדיקע באַצייכנונג פאַר אונזער יידיש־לשון. ער באַנעמט דאָס נישט אַזוי לייכט:

— וואָס איז? דאָס איז דאָך נישט קיין לשון־קודש? עברית אוואַזשאַיע איך מערער, דאָס איז אונזער יידיש־לשון. וואָס מיינט איר, אַז איך האָב נישט געלעזן ביאַליקס און ראַווניצקים אגדה'ס? אַז איך האָב נישט געלעזן בערדי־טשעווסקין און אחד העם? שלום־עליכם'ס זשאַרגאָנישע ביכלעך האָב איך אויך אַמאָל געלייענט, אָבער דאָס איז גיכער פאַר ווייבער און פּראָסטע יידן.

איך זע, אַז דאָס איז אַ טיפּ פון די אַמאָליקע פאַרעקשנטע משכילים. איך זאָג אים, אַז שלום עליכם איז דער גרעסטער יידישער שרייבער, איינער פון די גרויסע וועלט־שרייבער. איך דערצייל אים שוין ביי דער געלעגנהייט, אויף טשי־קאַוועס, אַז שלום עליכם'ס אַלטע שוועגערין וווינט איצט טאַקע דאָ אין סאַ־מאַרקאַנד, זי האַנדלט אויפן מאַרק מיט בדיוו־פּאַפּיר, מיט די אַרויסגעריסענע, ליידיקע פאָדער־בלעטלעך פון ביכער.

אָבער דאָ ענדערט זיך שוין זיין פּנים, עס פאַרשווינדט זיין אויפגעלייגטע הייטערקייט און ער גייט צוריק איבער אין רוסיש. ער רעדט שוין מיטן זייגער־מאַכער וועגן זיין זייגערל, וואָס ער גיט צו פאַריכטן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך בין טאַקטלאָז אַוועק אויף אַזאַ טעמע, וואָס האָט אים געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט.

איך האָב, זעט אויס, נאָך אַלץ זיך נישט צוגעוווינט צום סטיל פון קענען פירן אַ שמועס מיט אַ סאָוויעטישן מענטש.

קאַפּיטל ח

עס איז געשטאָרבן לענינס יונגערער ברודער. ער איז געווען אַ מיטגליד אין צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין „פּראַווּדאַ" האָט זיך באַוויזן אַ קליי־נער נעקראָלאָג. ערשט אויפצומאָרגנס, אין אַ קליין אַרטיקעלע, איז גע־ווען דערמאָנט, אַז דאָס איז געווען לענינס אַ יונגערער ברודער. מער האָט מען וועגן אים נישט געשריבן און דערמאָנט.

קיין מאָסקווע קומען איצט הויכגעשטעלטע געסט פון אויסלאַנד. די רוסישע זשורנאַליסטן זיינען אָפטמאָל זייער נאַאיוו, זיי האַלטן פאַר נויטיק צו דערציילן,

אז אַן ענגלישער פּאַרלאַמענטאַריער, אַ לאָרד, וואָס ווײַלט איצט אין מאָסקווע, האָט געזאָגט וועגן סטאַלינען, אַז ער אָריענטירט זיך אויסגעצייכנט אין אַלע נײַעסטע עראָפּלאַן־קאָנסטרוקציעס.

עס איז אַ קנאַפּער שבח פאַר סטאַלינען, דעם העכסטן אָנפירער פון דער סאָוויעטישער אַרמיי, וועלכער באַזיצט אַ פענאָמענאַלן וויסן אין אַלע טעכנישע און מיליטערישע ענינים. די סאָוויעטישע פּרעסע באַצייכנט אים אַלס דעם גרעס־טן מיליטערישן סטראַטעגיקער פון אַלע לענדער און צײַטן. נאָר ווען אַן אויס־לענדער לויבט נאָך מיט עפּעס סטאַלינען, ציטירן עס גלײַך די היגע צײַטונגען.

אין די נײַסטע רוסישע דראַמעס ווערט שוין אויך אַרײַנגעפירט אַביסעלע פּאָליטישער הומאָר. אין קאָרנעיטשוקס אַ פּיעסע איז דאָ אַ וויץ וועגן קאַלינינען, אַז די הענט טוען אים שוין ווי פון אויסטיילן אַזויפיל אויסצייכנונגען און אָר־דענס. דאָס פּובליקום האָט דערבײַ שטאַרק אַפּלאָדירט. זיי האָבן אַרויסגייענדיק פון טעאַטער אַ סך גערעדט וועגן דאָזיקן וויץ. עס האָט זיי אויסגעזען ווי אַ רמז אויף אַ נײַעם קורס פון אַביסל פּאָליטישער פרײַהייט. הומאָר איז דער ערשטער סימן. מײַנען דאָך אַ סך, אַז די גרעסטע טראַגעדיע פון אַ רעוואָלוציע — איז איר הומאָרלאָזיקייט. אין רוסלאַנד איז עס דאָך דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה. דער מאָסקווער הומאָריסטישער זשורנאַל „קראָקאָדיל” רופט דאָך אַרויס ביים לייענען נאָר לאַנגווײַליקייט און מרה־שחורה. פאַר דעם מינדעסטן פּאָליטישן וויץ כאַפּט מען אַרײַן פון פינף ביז צען יאָר טורמע.

נאָך אַלץ זײַנען פאַרבאָטן צו שפּילן אַ סך דראַמעס פונם קלאַסישן וועלט־רעפּערטואַר. שעקספּירס „יוליוס צעזאַר” טאָר נישט געשפּילט ווערן, דאָרט רעדט זיך וועגן דיקטאַטור, דאָרט איז פאַראַן דער העלד ברוטוס...! עס ווערט אויך נישט איבערגעדרוקט. מען קאָן עס נאָר לייענען אין די אַלטע אויסגאַבן. עס איז אויך פאַרבאָטן צו דעמאָנסטרירן טשאַפּלינס פילם „דיקטאַטאָר”, כאָטש דאָרט לאַכט ער אָפּ פון היטלערן, קעגן וועלכן רוסלאַנד פירט איצט אַזאַ פאַרצווייפלטן פאַר־טיידיקונגס־קאַמף. אָבער טשאַפּלינס פילם חוזקט דאָך אָפּ פון אַ דיקטאַטאָר, דאָס אַליין איז שוין גענוג.

איבערהויפּט ווערן ווייניק געשפּילט קאָמעדיעס. נאָכוואָס עפּעס לאַכן, אַז עס איז בעסער ווען דער בירגער איז אומעטיק און איבערגעשראָקן. הומאָר גלייכט זיך שיער נישט מיט קאָנטער־רעוואָלוציע. סטאַלין לאַכט אויך נישט. נאָר אויף איין בילד זעט מען סטאַלינען אַ שמייכלענדיקן. ער האַלט אַ קינד אויף דער האַנט און קושט עס. עפּעס מאָדנע ווי אַלע הערשער ווערן באַוויזן אין בילדער, ווי זיי קושן זיך מיט קינדער.

אָבער דאָך איז ביים פאָלק דער וויץ נישט פאַרשוווּנדן.

„אויף אַ לעקציע פון ליטעראַטור אין אינסטיטוט. איין שילער פאַרנעמט זיך מיט שטיפערייען, שפּילערייען אונטערן פּולפּיט. דער לערער גיט אים פּלוצים אַ פרעג:

— וואָס ווייסט איר עפּעס וועגן „קאַפּיטאַנסקאַיאַ דאָטש”? („קאַפּיטאַנישע טאָכטער”, אַ באַרימטע שאַפונג פּושקינס).

דער שילער ווערט צעטומלט און ענטפערט:

— איך ווייס וועגן איר גאָרנישט, איך קען זי נישט, איך האָב נישט מיט איר קיין שום געמיינזאַמעס!

דער לערער דערציילט ביינאַכט פאַר זיין שכן, דעם נאַטשאַלניק פון ענקאַ־וועדע, אַז דער שילער אַלעקסעי, ווען ער האָט אים געפרעגט וועגן דער „קאַפּי־טאַנישער טאָכטער", האָט אָפּגעענטפערט, אַז ער קען זי גאָרנישט און האָט נישט געהאַט מיט איר קיין שום געמיינזאַמעס.

פאַרטאָג קלאַפּט דער נאַטשאַלניק פון ענקאַוועדע אין ווענטל פון זיין שכן דעם לערער:

— חבר פּעדאַגאָג! דער סוואָלאָטש אַלעקסעי האָט זיך שוין דאָ ביי מיר צו אַלעם מודה געווען!"

„— פאַרוואָס זעט מען, אויף די דענקמעלער אין גאַס, לענינען אין פּשוטע, ני־דעריקע שיך און סטאַלינען אין הויכע שטיוול?

ווייל ער האָט אַריינגעפירט דאָס לאַנד אין אַזאַ בלאָטע אַריין, וווּ נאָר ער אַליין קאָן פריי ארומבראָדזשען."

הומאָר טרייבט מען דורך דער טיר און עס רייסט זיך אַריין דורכן קוימען.
מען מוז דאָך אַמאָל לאַכן אויך.

קאַפּיטל ט

אין יעדער פאַבריק, אין יעדער אונטערנעמונג, איז פאַראַן אַן אייזערנע קאַסטע, וואָס איז אָפּגעשלאָסן מיט אַן אייזערנער טיר. אין דער קאַסטע ליגן די עווידענץ־קאַרטן פון אַלע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. דאָס ווערט אָנגעפירט דורך דער געהיימער „ספּעצטשאַסט" (ספּעציעלע אָפּטיילונג). יעדער איינער מיט־אַרבעטער אין דער פאַבריק, אינסטיטוציע, איז דאָ פאַרשריבן נישט נאָר מיט זיינע ביאָגראַפישע דאַטן, עס ווערט פאַרשריבן אַלץ:

ווער עס זיינען זיינע פריינט און באַקאַנטע, וווּ און ווי אַזוי ער פאַרברענגט, וואָס ער עסט, מיט וועמען און וואָס ער שמועסט, זיין שטימונג, כאַ־ראַקטער, כאַראַקטעריסטיקעס פון זיין פרוי און קינדער, אַלע זיינע נייגונגען און שוואַכקייטן.

אַלץ ווערט פאַרשריבן. אין דער קאַסטע פון „ספּעצטשאַסט" ליגט יעדער אַן אָפּגעדעקטער, אַן אַנטבלויזטער, אַ נאַקעטער. נישט פאַראַן קיין פּריוואַט און אינטימ לעבן, אַלץ דאַרף וויסן די פּאַרטיי און די מלוכה.

טאָ פאַרוואָס היטן די בירגער נישט אָפּ אַלע געזעצן און פאַרשריפטן, נאָר זיינען יעדן טאָג אויף זיי עובר? פאַרוואָס גנבענען זיי, גיבן און נעמען כאַבאַר, באַנוצן זיך אויף טריט און שריט מיט דעם „בלאַט"? עס איז דאָך שוין געוואָרן אַ פּאָפּולער פאָלקס־ווערטל, וואָס מען היט זיך שוין נישט דערמיט אַזוי שטאַרק:

„דער העכסטער „נאַרקאָמאַט" (פאָלקסקאָמיסאַריאַט, מיניסטעריום), איז דער „נאַרקאָם־בלאַט!" („דאָס מיניסטעריום פון כאַבאַר").

נו, וועט אַן אַרבעטער זיך באַגנוגענען מיט זיין שכירות פון 200—300 רובל אַ חודש, וואָס סטאַיעט קוים אויף 6—8 קילאָ קאַרטאָפל, אָדער אויף 3—4 קילאָ שוואַרץ ברויט? וועט אַן אָבראַנניק זיך באַגנוגענען מיט די 75 רובל וואָס עס בלייבט אים פון חודש־לוין?

גנבעט מען. און מען ווייסט, אַז עס ווייסט דערפון די „ספּעצטשאַסט", די

ענקאָוועדע, די פּאַרטיי און די רעגירונג. נאָר באַלד אַרעסטירן וועט מען אים נישט. אַז מען דאַרף, האַנדלט די ענקאַוועדע זייער פּאַמעלעך, געלאַסן, און ווען מען דאַרף, איז זי זייער רירעוודיק און אײַליק. אַט פאַלט ווער אַוועק אין גאַס אין חלשות, אָדער אַן איבערגעפאָרענער דורך אַן אויטאָ, קלינגט מען אין דער „גיכער הילף״, אָבער עס געדויערט לאַנג און זי קומט נישט. ריזיקירט איינער דע־מאָלט צו זאָגן דעם וויץ:

„אָבער ווען דער געפאַלענער וואָלט נאָר געזאָגט אַ קרום וואָרט קעגן דער מאַכט, וואָלט אין פינף מינוט אַרום שוין געווען דאָ דאָס קעטשל זייערס און מען וואָלט אים גלייך צוגענומען!״

און אין פינף מינוט אַרום קומט טאַקע אָנצופאָרן דאָס קעטשל פון ענקאַ־וועדע און אַרעסטירט דעם דרייסטן וויצלער.

פּאַר גנבענען און כאַבאַר אַרעסטירט מען — אָבער יעדן אין זיין צייט. זאָגט מען דאָך, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג טיילט זיך אויף דריי קאַטעגאָריעס: געזעסענע, זיצנדיקע און די, וועלכע וועלן זיצן.

אַמאָל נעמט מען פּאַר אַ קרבן דעם קלענסטן גנב. אויף אים לייגט אַרויף די נאַטשאַלסטווע פון דער פאַבריק דאָס גאַנצע „פּעקל״, אַלע גנבות. ער קומט שוין אָפּ פאַר אַלע. אויף דערווייל נאָר, עס וועט קומען די ריי אויף דער רעשט אויך. יעדער ווייסט, אַז עס וועט קומען זיין צייט פון אַרעסטירט ווערן. טאָ איז וואָס? ווייסט דען נישט יעדער מענטש, אַז ער וועט אַמאָל שטאַרבן? געוווינט ער זיך צוביסלעכווייז צו צו דעם געדאַנק — אַז ער וועט זיצן אין טורמע — און טוט זיך דערווייל דאָס זייניקע. דערווייל דאַרף מען לעבן, יעדער ראַטעוועט זיך דער־ווייל זיין עקזיסטענץ, ווי נאָר מען קען — דער מאָרגן איז דער שטרענגסטער טיראַן.

אין אונזער אַרטעל קומען אָנצופאָרן פון טאַשקענט אינספּעקטאָרן פון קליין־אינדוסטריע־קאָמיסאַריאַט. אין קליינעם, פאַרשלאָסענעם קעמערל אין אונזער אַרטעל שטייען שוין צוגעגרייט צוויי עמערס מיט אייער, פּוטער, צוקער. די עמערס זיינען איבערגעצויגן מיט זעק.

די אינספּעקציע־קאָמיסיע האָט פאַרברענגט דאָ נאָר אַ האַלבע שעה. די צוויי עמערס האָט מען זיי נאָכגעשיקט אויף אַ וועגעלע צום באַן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען געהערט דורכן ראַדיאָ־הילכער אַ באַריכט פון טאַשקענט וועגן דער אַרבעט אין די סאַמאַרקאַנדער אַרטעלן ביים „גאָרפּראָמ־קאָמבינאַט״. אונזער אַרטעל איז געוואָרן אָפּגעצייכנט צווישן די בעסטע:

„ער גיט אַרויס מיט 35 פּראָצענט העכער פון דער נאָרמע!״

(פּאַקטיש האָט אונזער אַרטעל אויסגעאַרבעט 42 פּראָצענט אונטער דער נאָרמע).

אונזער נאַטשאַלסטווע איז גראַד דעמאָלט געשטאַנען אויפן בריקל פאַרן אַרטעל און זיך צוגעהערט צום באַריכט דורכן ראַדיאָ. זיי האָבן געקייכט פון גע־לעכטער:

— אוי, אייער און פּוטער קענען איינגעמען וועלטן! די באַריכטן פּאַשען זיך אויס און ווערן גרעבער ווי לענגער!

נאַטשאַלסטווע איז אַצינד אין אַ גוטער שטימונג. עס קומען צו זיי צו צוויי יידן פון דער חברא־קדישא און בעטן אַ נדבה. איינער פון זיי איז אַ ליטווישער

ראש ישיבה, אַ ייד מיט אַ לאַנגער, שוואַרצער באָרד, שיער נישט ביזן גאַרטל, אַ הדרת־פּנים. דער נאַטשאַלניק זאָגט צו מיר:

— וואָס דרייען די יידן אַ קאָפּ? וואָס ווילן זיי פון מיר, איך ווייס נישט וואָס דאָס איז אַזוינס פאַר אַ חברה?

און גלייכצייטיק ווינקט ער צו מיר, אַז איך זאָל אַריינגיין מיט אים אין קאַנטאָר. דאָרט גיט ער מיר דרייהונדערט רובל פאַר דער חברה־קדישא און זאָגט מיר אָן, אַז זיי זאָלן נישט פאַרשרייבן זיין נאָמען, ער איז דאָך אַ פּאַרטייער. איך קען אויפגעבן די דרייהונדערט רובל אויף מיין אייגענעם נאָמען. די יידן קאָנען קומען צו אים יעדן חודש, ער וועט זיי דורך מיר איבערגעבן די באַשטייערונג.

דאָס געלט וואָס עס זאַמלט די חברה־קדישא, גייט נאָר אַ טייל פאַר דער חברה, די רעשט ווערט אַוועקגעגעבן פאַר דער געהיימער ישיבה דאָ. די ישיבה־בחורים קריגן אפילו צוויי מאָל אין טאָג צו עסן. עס העלפן דערביי די בוכאַרער יידן און דער עיקר די ליובאַוויטשער חסידים.

פּאַראַיאָרן האָבן נאָך טייל פון די ישיבה־בחורים געבעטלט אין די הייזער, אַ סך זיינען אויסגעשטאָרבן. איך האָב געזען אַזאַ יונגערמאַן אַריינגיין אין אַ שטוב פון רוסישע, עוואַקואירטע יידן, עס איז געווען חול־המועד פסח. האָט מען אים דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט, האָט זיך דער בחור איבערגעשראָקן. האָט מען אים געוואָלט געבן צו עסן אַ זופּ, מען האָט אים געוואָלט געבן געלט, אָבער ער האָט שוין אין דער שטוב גאַרנישט געוואָלט נעמען און אַרויסגעלאָפן ווי אַן אָפּ־געבריטער. אָפּגייענדיק עטלעכע טריט איז ער אַוועקגעפאַלן און מען האָט אים אַוועקגעטראָגן אין שפּיטאָל, וווּ ער איז אין זעלבן טאָג אויסגעגאַנגען.

איצט זיינען די ישיבה־בחורים — פּוילישע, ליטווישע און רוסישע — שוין פאַרטיילט אין עטלעכע גרעסערע שטובן, דאָרט לערנען זיי אַ גאַנצן טאָג. פרויען קאָכן פאַר זיי עסן.

***

די נויט אין גאַס זעט זיך שוין ווייניקער אָן, אָבער זי איז נאָך גענוג קענ־טיק. אַ סך פון די סטודענטן און מאָלער (עוואַקואירטע) גייען נאָך אַלץ אַרום באָרוועס. עטלעכע יונגע אַספּיראַנטן פון דער לופט־פליער־שולע האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין אַ סאַד און אָפּגעריסן קאַרשן פון אַ בוים. עס איז אָנגעקומען דער באַלעבאָס און זיך געוואָרפן אויף זיי מיט אַ שטעקן. עס איז געקומען צו אַ גרויס געשלעג. אַלע פון דער לופט־פליער־שולע זיינען אַרויסגעלאָפן, עס איז אָנ־געקומען מיליץ, מיליטער, די שילער האָבן זיי באַוואָרפן מיט שטיינער, די מיליץ האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ שיסעריי. אין רעזולטאַט זיינען צוויי שילער און איין מיליציאָנער דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט.

אין גאַס דרייט זיך אַרום אַ ברודער פונם באַקאַנטן דיכטער איציק מאַנגער, נטע. ער איז אַ מלחמה־אינוואַליד, אָן פינגער אויף דער לינקער האַנט, ער האָט געקעמפט ביי סטאַלינגראַד. ער איז קראַנק אויף די לונגען, איז אין אַ שרעקלעכן מצב, אין אַ צעריסענעם, זעלנערישן שינעל, הונגעריק. זיין איינציק פאַרמעגן איז די פאָטאָגראַפיע פון זיין באַרימטן ברודער.

עטלעכע נעכט איז ער געשלאָפן אין קאָרידאָר פון אונזער אָרטעל. איך בין אָפּט אַראָפּ פון מיין וואַך־פּאָסטן, אַריינגעגאַנגען צו אים און מיר האָבן זיך אונ־

טערגעהאַלטן אין אַ שמועס וועגן דיכטונג, וועגן זיין ברודער איציק. מיר האָבן אַפגעגעסן אַן אָרעמען נאַכטמאָל. נטע אַליין איז אויך דיכטעריש פאַראַנלאַגט. מיט זיין שאַרפזין, גייסטרייכקייט און וויסן איז ער שטאַרק געראָטן אין זיין עלטערן ברודער. איצט איז ער אָבער מער געראָטן אין איינעם פון די באַלאַדע־בעטלער... וועלכע איציק מאַנגער באַזינגט אַזוי הערלעך.

קאַפּיטל י

עס איז ווידער אַן אָבלאַווע אין גאַס אויף די פּוילישע. מען דאַרף מענטשן פאַר די אַרבעטס־באַטאַליאָנען. מיט אַ פּאַטרול זעלנער פירט אַן אַ פּוילישער ייד, פינקלשטיין, וועלכער איז נאָך בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געקומען פון פּוילן קיין רוסלאַנד. ער איז אַ ווערבירער פון אַ טאַשקענטער פאַבריק, וועלכע האָט איצט רעכט זיך צו באַנוצן מיט מאָביליזירטע פון דער אַרבעטס־אַרמיי.

דעם ווערבירער באַגלייט, חוץ די זעלנער, אויך אַ גרויסער הונט. פינקלשטיין דערקענט גלייך ווער עס איז אַ פּוילישער, מעג יענער אַפילו זיין אָנגעטאָן ווי אַ סאָוועטישער נאַטשאַלניק.

די געכאַפּטע פירט מען דערוויילע אַריין אין דער טשאַיכאַנאַ קעגנאיבער אונ־זער אַרטעל. די טשאַיכאַנאַ איז שוין איבערגעפּאַקט און מען האַלט נאָך אין איין פירן פון די שמאָלע געסלעך אַרויס די געכאַפּטע פּוילישע יידן. עס איז שוין באַכט. זיי ליגן נאָך אַלץ דאָ, מען האָט זיי נאָכנישט אַוועקגעפירט אין „וואָיענקאָמאַט".

דער ווערבירער פינקלשטיין האָט דערביי זיין אייגענעם חשבון. קודם קריגט ער ברויט אין וואָיענקאָמאַט פאַר די געכאַפּטע, אָבער דאָס ווערט גלייך פאַרקויפט צום שוואַרצן מאַרק. טייל פון די געכאַפּטע באַקומען סיווי עסן פון זייערע מש־פּחות, וועלכע זאַמלען זיך דאָ אַרום דער טשאַיכאַנאַ. אָבער וויכטיקער איז דאָס, וואָס ביינאַכט קאָן ער באַפרייען עטלעכע. עס זיינען שוין פאַראַן פאַרמיטלערס, מאַכערס, וועלכע ווייסן ווי אַזוי וויַיך צו מאַכן פינקלשטיינס האַרץ מיט אַ פּאָר טויזנט רובל.

דער טשאַיכאַנטשיק, דער יונגער אוזבעק מאַמאַטקול, האָט צוגעזען ווי אַזוי פינקלשטיין הייסט די זעלנער אַרויסלאָזן עטלעכע געכאַפּטע, האָט ער פאַרשטאַ־נען וואָס דאָ קומט פאָר און ווען יענער איז אַוועק, האָט ער גענומען קאָנקורירן מיט דעם נאַטשאַלניק פינקלשטיינס פּרייזן, ער האָט אַרויסגעלאָזט פאַר ביליקער. אין דער קיך, וווּ מען קאָכט די טיי, איז פאַראַן אַ קליין פענצטערל, וואָס גייט אַרויס אין אַ זייטיק געסל, דאָרט איז פאַראַן נישט קיין הויכער הילצערנער פּלויט, לאָזט זיי מאַמאַטקול אַרויס. איינער הויבט אונטער דעם צווייטן, אַ שפּרונג און מען איז שוין פריי.

האָבן עטלעכע פון די געכאַפּטע באַמערקט, אַז מאַמאַטקול באַפרייט אויף אייגענער האַנט, זיי האָבן אָבער נישט די פּאָר הונדערט רובל. שטייען זיי צו אים צו, דראָען אים און ער מוז זיי אויך אַרויסלאָזן דורכן קיך־פענצטערל.

אַנדערע ווידער זיינען אָפּט געגאַנגען אין קלאָזעט אַריין, עס האָט זיי באַגלייט אַ זעלנער מיט אַן אויסגעשטרעקטער ביקס, אָבער דאָך האָבן עטלעכע געמאַכט אַ ויברח, פון פיר—פינף אַנטלויפנדיקע האָט דער זעלנער געכאַפּט נאָר איינעם.

איך בין געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט אויף מיין בריקל פאַרן אַרטעל, עטלעכע מאָל צוגעגאַנגען צו דער טשאַיכאַנאַ, אַריינגערעדט צו די פאַרהאַלטענע, געגעבן זיי עצות ווי אַזוי בעסער צו מאַכן דעם ויברח, דורך וועלכע געסלעך. ביז צען ביינאַכט האָבן געהיטן צוויי זעלנער, שפּעטער אָבער האָבן שוין געהיטן נישט קיין פאַקטישע זעלנער, נאָר עלטערע מאָביליזירטע בירגער, וועלכע דינען דאָ אויפן אָרט, ביים היגן וואָיענקאָמאַט. זייער אויפגאַבע איז נאָר מיטצוגיין אויף די ביי־נאַכטיקע אָבלאַוועס איבער די שטובן, ביים זוכן דעזערטערן, באַגלייטן די מאָביליזירטע צום באַן, פונאַנדערטראָגן מעלדונגען פון וואָיענקאָמאַט. דאָס זיינען אַלץ עלטערע רוסן, אוזבעקן און אַ גאַנץ היפּשע צאָל יידן. אַזעלכע זיינען איצט גע־שטאַנען דאָ מיט די לײדיקע ביקסן און געהיטן די טשאַיכאַנאַ, צוויי מענטשן אויף אַ דיזשור. אָבער זיי האָבן נישט צו שטאַרק מקפּיד געווען. זיי האָבן נאָר געוואָלט זיין אין אָרדנונג, עס זאָל שטימען די צאָל. בעת זייער דיזשור זאָל קיי־נער נישט אַנטלויפן. אויב אָבער עס איז ווער פאָרט אַנטלאָפן, האָבן זיי זיך עס נישט גענומען שטאַרק צום האַרצן. פינקלשטיין וועט נאָר אָנשרייען, אַריינזאָגן אין דער מאַמען אַריין, דראָען מיט אַ קריגס־געריכט, אָבער ביי די דראָונגען וועט עס בלייבן. ער איז אַ צו גרויסער „בלאַטניק”, אַז ער זאָל נעמען די זאַך ערנסט. און די פאַרהאַלטענע זיינען דאָך פאָרט פּוילישע, עס איז דאָך נישט פאַראַן קיין געזעץ, אַז זיי דאַרפן גיין דינען אין אַרמיי.

איז פון הונדערט און עטלעכע צוואַנציק געכאַפּטע פאַרבליבן אויף צומאָרגנס נאָר עטלעכעדרייסיק. דערפאַר האָט מען זיי שוין געפירט צום וואָיענקאָמאַט מיט גרויס פאַראַד, פינקלשטיין מיט זיין כלב מאַרשירט פאָרויס, ווי אַ טריאומפאַ־טאָר און צוועלף זעלנער מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן באַגלייטן פון אַלע פיר זייטן.

עס איז אַ געוויינלעך טאָג־טעגלעך בילד, מען פירט אָפּט איבער די גאַסן אַרע־סטאַנטן, דעזערטערן, פּוילישע, נאָר דאָך קוקן זיך שטענדיק די דורכגייער נייגיריק צו, מען פרייט זיך וואָס מען געהערט נישט אַליין צו די געפירטע, אָבער באַלד גייט אויך דורכן לייב אַ דינער ציטער פון אומרו און מיטגעפיל פאַר די געפירטע, פאַר די דערשלאָגענע, אויסגעפייניקטע.

שווער אויסצוואָרצלען דאָס מיטגעפיל פון מענטש צו מענטש.

קאַפּיטל יא

עס איז געווען אַן אָפיציעלע מעלדונג אין די ציימונגען, אַז עס ווערט ליקווי־דירט דער קאָמינטערן. אין די ערשטע טעג האָט עס אַרויסגערופן אויפזעען, אָבער גיך האָט מען דערין אויך פאַרגעסן. פאַרטייער האָבן זיך אפילו נאָך געחכמהט:

— עס וועט דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט שוין סיוויי גאָרנישט העלפן. אונ־זער סטאַלין וועט זיי שוין אַלע אָפּנאַרען! דער אַפּעטיט איז ביי אונז איצט געוואָרן גרעסער. קודם וועט ער אָפּנאַרען אייער פּוילן, עס וועט שוין זיין קיין פּרי־ציש פּוילן, נאָר אַן אונזערע, אַ סאָוויעטישע. דערנאָך וועט מען זיך נעמען צו דער רעשט. האָט שוין די מלחמה יאָ אויסגעבראָכן, שטעלן מיר נאָר די ערשטע טריט אויף דער ערד פון מערב־אייראָפּע — איז וופיעראַד! פאָרויס! קיין צוריק איז נישטאָ. אונזער סטאַלין איז היינט דער גרעסטער פּאָליטיקער אין דער וועלט, ער

וועט זיך שוין מיט די קאַפּיטאַליסטן אַן עצה געבן, אויך מיט ענגלאַנד און אַמע־ריקע. זיי ליגן כסדר אַפּ מיטן צווייטן פראָנט, די סוואָלאַטשעס. פּלי־באַזעס אין קאַווקאַז האָבן זיי ביי אונז געוואָלט — אַ פייג! זיי זיינען שוין געשטאַנען גרייט צו פאַרנעמען באַקו, טורקמעניע, אוזבעקיסטאַן, מכלומרשט אַזוי אַרום העלפן אונזער רויטער אַרמיי — צוויי פייגן! נישט ביי סטאַלינען!

עס איז דורכגעפאָרן דורך סאַמאַרקאַנד, געקומען דורך פּערסיען, אַ גרופּע קעמפער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע, וועלכע האָט גע־קעמפט בעתן דאָרטיקן בירגער־קריג. זיי זיינען געוואָרן אינטערנירט דורך די פראַנ־צויזן. איצט קומט אַ טייל פון זיי דאָ אַהער אַלס פרייוויליקע אין דער רויטער אַר־מיי. געווען צווישן זיי אויך אַ גרעסערע צאָל יידן.

איינער פון זיי, אַ יידישער קאָמוניסט פון סאָסנאָוויעץ (פּוילן), ווען ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן וואַגאָן־פענצטער אויף דער סטאַנציע אין סאַמאַרקאַנד, האָט ער באַמערקט זיינעם אַן אַלטן חבר פון סאָסנאָוויעץ, אויך אַ קאָמוניסט. ער האָט זיך געפּאָרעט ביי די רעלסן, געקלאַפּט מיט אַ האַמער, ער אַרבעט דאָ ביי דער באַן. יענער האָט אויסגעשריגן פון פרייד, אַרויס פון וואַגאָן און זיך אַרומגעכאַפּט קושן מיט זיין אַלטן חבר. די ערשטע פראַגע איז געווען:

— זאָג מיר נאָר, דוד, ס'איז טאַקע אמת ווי עס שרייבט די אויסלענדישע פּרעסע, אַז דער קאָמינטערן איז ליקווידירט? איז דאָס טאַקע אמת, קאָן דאָס גע־מאָלט זיין?

נאָכדעם איז ער ערשט אַריבער אויף פּערזענלעכע פראַגן:

— אָ, ווי פיין, ביסט געוואָרן אַ באַן־אַרבעטער, אַ פּראָדוקטיווער מענטש! אָבער פאַרוואָס זעסטו דו אַזוי שלעכט אויס? פאַרוואָס ביסטו אין אַזאַ אָפּגעריסע־נעם הולך?

דוד האָט זיך אויך דערפרייט מיט זיין אַלטן חבר, אָבער דאָך צוריקגעהאַלטן, אויסגעמיטן צו ענטפערן אויף יענעמס פראַגן:

— ערשטנס, קען איך נאָך האָבן צרות דערפון, וואָס איך רעד מיט אַן אויס־לענדער, צווייטנס, צווייטנס — נאָר לאָמיר בעסער נישט רעדן, גבריאל, פאָר וויי־טער און זיי מיר געזונט! אפשר וועלן מיר זיך נאָך טרעפן ביי אַן אַנדערער געלע־גנהייט!

— וויפל, כ'בעט דיך, פאַרדינסטו אַ טאָג ביי דער אַרבעט?

— גאַנץ נישקשה, צוועלף רובל אַ טאָג.

— טאַקע נישקשה, וויפל קאָסט דאָ אַ קילאָ ברויט?

— נאָר איין רובל, אויף די קאַרטן.

— וויפל קריגסטו ברויט אַ טאָג אויף די קאַרטן?

— באַן־אַרבעטער קריגן מער ווי אַנדערע, זיבנהונדערט גראַם ברויט אַ טאָג.

— און חוץ ברויט וואָס קריגסטו? וויפל קאָסט אַ מיטאָג?

— אַ מיטאָג זאָגסטו? עס ווענדט זיך, פינף רובל, זיבן, צען, עס ווענדט זיך וואָס מען קריגט ביי אונז אין סטאָלאָווקע.

— וווּ וווינסטו דאָ, האָסט אַן אייגענע דירה, אַ צימער?

— האַ? אַ צימער? ניין, איך וווין אין אַ באַראַק. אָבער גבריאל, טו מיר צו־ליב. הער מיך אויף אַזויפיל צו פרעגן, פאָר געזונטערהייט ווייטער, עס איז נישט גע־זונט, נישט פאַר מיר און נישט פאַר דיר.

— וואָס הייסט ? כ׳פאַרשטיי נישט. איך וויל דאָך אַלץ וויסן, מיך אינטע־רעסירט דאָך יעדע קלייניקייט, עס איז דאָך אונזער פאָטערלאַנד, וואָס קרעקסטו זיך מיט יעדן וואָרט, עס איז דאָך נישט פוילן, וויפל ברויט באַקומט א געוויינ־לעכער אַרבעטער, אַן אַנגעשטעלטער ?

— א געוויינלעכער אַרבעטער 500 גראַם, אַן אַנגעשטעלטער 400 גראַם, קינדער צו דרייהונדערט גראַם.

— איז דאָך טאַקע ווייניק. קריגט מען נישט צוצוקויפן ברויט חוץ די קאַרטן?

— מען קריגט.

— קאָסט עס טייערער ווי אויף די קאַרטן ?

— יאָ, אַביסל, אַכציק רובל אַ קילאָ.

— וויפל האָסטו געזאָגט?

— איך בעט דיך גבריאל, וואָס ווילסטו פון מיר ? פאַר ווייטער, לאָמיר זיך געזעגענען.

— די באַן שטייט דאָך נאָך, וואָס ענטפערסט דו מיר נישט ? און קאַרטאָפל קריגט מען אויך אויף קאַרטן ?

— ניין, גאָר אויפן פרייען מאַרק.

— וויפל קאָסט אַ קילאָ ?

— פערציק רובל.

— צי ביסטו משוגע, פערציק רובל ! דו פאַרדינסט נאָר צוועלף, אַ קילאָ ברויט קאָסט אַכציק, אפשר איז עס נאָר אין אַזיע אַזוי ?

— אין אוראַל קאָסט אַ קילאָ ברויט אויפן שוואַרצן מאַרק דרייהונדערטרובל. נאָר דאָרטן באַקומען די אַרבעטער היפש פראָדוקטן אויף די קאַרטן. נאָר מער ענט־פער איך דיר נישט, עס איז גענוג שוין פאַר ביידן, פאַר געזונטערהייט.

— ווו איז דיין יונגערער ברודער?

— ער איז געשטאָרבן אין לאַגער!

פאַרוואָס האָט מען אים אַרעסטירט ? ער איז דאָך אויך געווען אַ קאָמוניסט, אַן אַקטיוויסט.

— זיי מיר געזונט, גבריאל, איך ענטפער דיר מער נישט קיין וואָרט, פאַר ווייטער !

— וואָס טוט זיך דאָ ? איז טאַקע אַלץ אמת וואָס עס שרייבט די פּרעסע אין אויסלאַנד ? איז טאַקע דער קאָמינטערן אויך ליקווידירט ? איך פאַרשטיי גאָרנישט, איך פאַרשטיי נישט, דוד !

און נאָך גוט וואָס די באַן האָט גערירט און גבריאל, דער קעמפער פון שפּאַ־ניע, איז ווייטער געפאָרן.

דוד האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, צי מען האָט אים נישט אָבסער־ווירט. אַ בריאיקער שוויס איז אים אַרויס אויפן לייב. ער האָט זיך געוואָרפן אויף די רעלסן מיטן האַמער, גענומען האַסטיק קלאַפּן און זיך צובאַגלייט מיט די ווערטער :

— פאַר ווייטער, גבריאל, וועסט שוין אַליין געוואָר ווערן, פאַר ווייטער, פאַר ווייטער !

ווען דוד האָט מיר איבערגעגעבן די סצענע האָט ער נאָך געפּאַכעט מיט די הענט, ווי ער וואָלט געקלאַפּט מיטן האַמער, און מיר געזאָגט:

— דאָס וועט קיינער נישט גלייבן, ביז ער וועט עס נישט אַליין איבערלעבן !

בילדלעך, עפּיזאָדן, קוריאָזן

עס וואָלט גוט געווען, אַז עס זאָל הערשן אַ מנהג אויף דער וועלט, אַז יעדער איינער בן אדם, אָנהויבנדיק פון די קינדער־יאָרן אָן, זאָל פירן אַ טאָגבוך. אפילו פאַר דעם קינד וואָס קען נאָך אַליין נישט שרייבן, וואָלט באַדאַרפט זיין מאַמע, אָדער טאַטע, פאַרצייכענען יעדן טאָג די פּאַסירונגען ביים קינד. ווען יעדער מענטש וואָלט געפירט אַ טאָגבוך, וואָלט עס אַ סך נוצן געבראַכט. אין אמתן לעבט דאָך יעדער איינער מענטש אַ סך איבער דורך איין טאָג.

איך האָב דורך די זיבן יאָר זיין אין רוסלאַנד, געחלשט צו פירן אַ טאָגבוך, אַלץ פאַרצייכענען, כאָטש קורץ, לאַקאָניש, בלויז פאַקטן און באַאָבאַכטונגען. דאָס איז אָבער אין רוסלאַנד אוממעגלעך...

האָב איך מיר פאַרצייכנט צוביסלעך אין זכרון. איז עס דאָך אַ לאַנד פון אַלע מעגלעכע אוממעגלעכקייטן, איז עס דאָך אַ לאַנד פון פאַרשידענע פעלקער, שפּראַכן, זיטן, מנהגים. איז דאָך דאָס לעבן דאָ אַזוי פאַרביק (גרויקייט און שווידער האָבן אויך אַ סך פאַרבן), דיווירקלעכקייט אַזוי פאַסצינירנדיק, פאַרכאַפּנדיק, אַז עס וואָלט גענוגט פאַרצייכענען בלויז דאָס סאַמע מינימאַלסטע און עס וואָלט זיך באַקומען אַ גרויסער לעבנס־שפּיגל פון אַזאַ אייגנאַרטיק און אינטערעסאַנט לאַנד, אין אַזאַ אייגנאַרטיקער, היסטאָרישער תקופה און אין אַזעלכע אויסטערלישע, שטורעמדיקע באַדינגונגען.

יעדן טאָג איז מיר צוגעקומען עפּעס נייעס. יעדן טאָג האָב איך דערזען זאַכן, וועלכע איך האָב נאָך מיט אַ טאָג צוריק נישט געזען, וועגן זיי נישט געוואָסט. יעדן טאָג בין איך רייכער געוואָרן מיט דערפאַרונגען, באַאָבאַכטונגען און לעבנס־וויסן. אָט זיינען נאָך עטלעכע וויטערדיקע נאָטיצן פון זכרון:

אַ רוסישער בעטהאָווען

דורכן גאַנצן זומער שפּילט אַן אָרקעסטער אין שטאָטישן פּאַרק. זיי שפּילן סרוב ערנסטע, קלאַסישע מוזיק. עס איז דאָ אַ גענוגנדיקע צאָל צוהערער — סמיינסט פון די עוואַקואירטע, פון די נייע סאָוויעטישע געביטן — באַלטישע לענדער, פּוילן, בעסאַראַביע. עס קומט אויך שפּאַנישע יוגנט. אין די יאָרן פון שפּאַנישן בירגער־קריג האָבן סאָוויעטישע שיפן געבראַכט פון דאָרטן אַהער עטלעכע טויזנט קינדער. איצט זיינען זיי שוין דערוואַקסענע. מען באַציט זיך צו זיי לעצטנס ספּעציעל אויפמערקזאַם, מען גיט זיי בעסערע פּאַיאָקן, קליידונג — ווייל מען ריכט זיך אויף אַ נייעם אויפשטאַנד קעגן פראַנקאָ אין שפּאַניע. די יוגנט דאַרף דאָ ווערן צוגעגרייט אויף אַהינצופאָרן אין זייער לאַנד אריין, אויספירן פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן, פאַרנעמען אָנפירנדיקע שטעלעס.

עס קומט הערן מוזיק אויך די קאַרייער יוגנט. זיי וווינען דאָ מיט זייערע עלטערן אַלס פאַרשיקטע, איבערגעזידלטע. אין סאַמאַרקאַנד וווינען אויך אַרמענער, טאָטערן, גרוזינער. אַ געמיש פון צענדליקער ראַסן, פעלקער, לשונות. מוזיק איז

אוודאי אינטערנאַציאָנאַל און רעדט צו אַלעמען אויף דער געמיינזאַמער שפּראַך פון — קלאַנג, קונסט, געפיל.

מיין אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן איינער, וועלכער האָט זיך יעדן פאַר־נאַכט דאָ אַרומגעדרייט אין פּאַרק. ער איז אָפּגעריסן, באָרוועס, מיט אַ קודלעוואַטן קאָפּ האָר, מיט אַן אינטעליגענט, נערוועז פּנים און אויגן אין וועלכע עס ברענט אַ סוד. עס איז נישט שווער צו דערקענען דעם שעפערישן מענטש, קינסטלער. אָבער ווי נאָר דער אָרקעסטער הויבט אָן שפּילן די ערשטע טענער, גיט ער זיך ווי אַן אָפּגעבריטער אַ ריס אָפּ פון דער באַנק און איילט שנעל אַוועק. נאָכן קאָנצערט זע איך אים ווידער זיך אַרומשלענדערן איבערן פּאַרק. עס גייט אים אַנטקעגן דער די־ריגענט, שטעלט אים אָפּ און באַגריסט אים. ער פרעגט גלייך:

— וואָס פאַרא נומער שיך טראָגט איר?

יענער ענטפערט גלייכגילטיק, זאָגט דעם נומער. דער דיריגענט הייסט אים מיטגיין מיט זיך אין שטוב אַריין, ער האָט פאַר אים אַ פּאָר שיך. יענער צעגערט אַביסל און זאָגט, אַז ער וועט קומען מאָרגן אינדערפרי. דער דיריגענט בעט אים אומבאַדינגט צו קומען. יענער שאָקלט מיטן קאָפּ. עס האָט אויסגעזען ווי יענער באָרוועסער טוט נאָר אים אַ טובה דערמיט, וואָס ער וועט קומען צו אים נעמען אַ פּאָר שיך. מען האָט דייטלעך געזען ווי דער דיריגענט שטייט פאַר יענעם באָרוועסן מיט דרך־ארץ און שולדיקייט.

איך בין געוואָר געוואָרן ווער יענער איז: איינער פון די באַגאַבטסטע, רוסישע קאָמפּאָזיטאָרן. עס זיינען באַקאַנט זיינע שאַפונגען, זיינע מוזיק־אילוסטראַציעס צו אַ סך דראַמאַטישע ווערק. ער איז אָבער נאָר אַ מוזיקער — און נישט מער... זיינען דערפאַר ווייניקער־פעאיקע, קנאַפּער באַגאַבטע פון אים, מער באַרימט, פאַרנעמען אָנגעזעענע אַמטן, זייערע ווערק ווערן אָפּט אויפגעפירט, ווערן געלויבט אין דער פּרעסע. ער נישט.

איך האָב אים געזעען אין פּאַרק, ווען ער איז שוין געווען אין שיך און אין אַ גאַנצער פּופּייקע. נאָר דאָסמאָל האָט ער שוין נישט געוואָרט, ביז דער אָרקעסטער וועט אָנהויבן שפּילן, ער איז נאָך אַוועק בשעת דער רעדע פאַרן קאָנצערט.

מען האָט דעמאָלט אויפגעפירט די פינפטע סימפאָניע בעטהאָווענס. פאַר דעם האָט די פּאָליטישע לייטערין ביים אָרקעסטער געהאַלטן אַ רעדע וועגן בעטהאָווענס שאַפונגען. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט קודם כל גערעדט וועגן די עקאָנאָמישע פּראָ־דוציר־פאַרהעלטנישן אין יענער עפּאָכע, וועגן דער פּאָליטישער אָרדנונג, וועגן דער מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג פון דער געשיכטע, פילאָזאָפיע, ליטעראַטור און קונסט.

מען לאָזט אויף קיין איין רגע נישט אָפּ דעם מענטשלעכן זשעני, דעם מענ־טשלעכן גייסט. מען שפּאַרט אים באַלד אונטער מיט די קוליעס פון די פּראָדוציר־מיטלען, עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן און מאַטעריאַליסטישן געשיכטע־באַנעם. דער מענטשלעכער גייסט און זשעני זעט אויס ווי אַן אומבאַהאָלפן קינד, וואָס גייט קוים אויף דינע פיסלעך און די מאַטעריעלע פּראָדוציר־פאַרהעלטנישן מוזן אים אונטערהאַלטן. אוודאי האָט מאַטעריע, עקאָנאָמיע, פּאָליטיק, איר באַדייטנדיקע השפּעה אויף דעם מענטשלעכן גייסט, עס איז אָבער נישט אַלץ, עס איז נישט דער „אלף" און דער „תיו".

דער גרויסער זשעני בעטהאָווען, זיינע געניאַלע שאַפונגען, זיינען לויט דער

רעדנערין, נאָר בלויז אַ מוזיקאַלישע אילוסטראַציע צו די דעמאָלסדיקע עקאָנאָמי־שע פאַרהעלטנישן, פּאָליטישער אָרדנונג. דער חומר וואַקסט אויס צו אַ מיסטעריע, צו דער העכסטער שטופּע פון גייסט. אויך די מוזיק איז נאָר בלויז אַ פּראָדוקט פון דער אַלמעכטיקער מאַטעריע, קלאַסן־צעטיילונג, פּראָדוציר־פאַר־העלטנישן.

אוודאי בין איך נישט איינגעזעסן רואיק און זיך אונטערגעהויבן פון אָרט.

יענער אָבער, דער מאָסקווער מוזיקער, ער האָט זיך ראַש געגעבן אַ הויב פון באַנק און זייטיק, אָבער גיך, זיך אַרויסגעשליכט פון דער אוידיטאָריע.

איך האָב זיך נאָך איינגעקוקט אין זיין שעפּעריש־ליידנדיק פּנים, אין זיינע פאַרביסענע ליפּן, אין זיינע צעשטראַלטע און קאָנצענטרירטע אויגן, אין זיין צע־שויבערטן קאָפּ האָר און פּלוצים דערזען אַן אָפּבילד פון —

וואַן לודוויק בעטהאָווען!

אָט דאָס איז ער! אַ צווייטער, לעבעדיקער בעטהאָווען! דאָס האָט מען איצט גערעדט וועגן זיין חבר, וועגן זיין מייסטער, וועגן זיין פאָרגייער, וועגן בעטהאָ־ווענען!

זיין פּראָטאָטיפּ און תּלמיד איז אַוועק. ער קען מער נישט הערן. אפשר קאָמ־פּאָנירט זיך אין אים איצט אַ בונטאַרישע סימפאָניע, אַ גרויס מוזי־קאַליש ווערק, וואָס וועט אַרויפּזעצן נאָך אַ קרוין אויפן קאָפּ פון דער קונסט? באַשטראַלן דעם מענטשלעכן זשעני, באַשיינען דעם היכל פון גייסט און געפיל?

איך האָב געהערט דערנאָך דאָס אויספירן פון דער פינפטער סימפאָניע און מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס דיריגירט זי יענער, דער אַוועקגעלאָפענער, הונגעריקער, צעשויבערטער מוזיקער, דער רוסישער בעטהאָווען!

לייענענדיק דאָסטאָיעווסקין

איך האָב געלייענט אַ בוך מיט דאָסטאָיעווסקיס פּובליציסטישע אַרטיקלען. מילא, אין די קאַפּיטלען ווו ער רעדט וועגן יידן, וואָלט איך גערן אויסגעריסן די בלעטלעך, זיי פאַרברענט און דאָס אַש פון די גיפ־טיקע און אומזיניקע אַנטיסעמיטישע בלעטלעך זיינע, צוזאַמען מיט דעם אַש פון די מיליאָנען אונזערע ברידער, וועלכע ווערן איצט פאַרברענט דאָרט ערגעץ אין די דייטשע גאַז־קאַמערן — אַרויפגעשיט, אָנשטאָט בלומען, אויף זיין קבר.

ער שרייבט אָבער אויך וועגן רוסישן פאָלק. ער האָט ליב זיין פאָלק, ער לויבט עס, אָבער שטראָפט גלייכצייטיק, זידלט, רעכנט אויס אַלע זיינע מיאוסע פעלערן. דער גרעסטער פעלער זייערער איז — דאָס זאָגן ליגנס. דער ליגן איז אויסגעוואַקסן צו אַ נאַציאָנאַלער איינגנשאַפט, צו אַ נאַציאָנאַלער טוגנט!

ווייטער רעדט ער וועגן דעם, אַז דאָס רוסישע פאָלק איז אַ ספינקס און וועט דורך קיינעם נישט פאַרשטאַנען. מיט כינע איז די אייראָפּעאישע וועלט מער באַ־קאַנט ווי מיט דעם רוסישן פאָלק. די וועלט מיינט אַז זי ווייסט וועגן כינע זייער קנאַפּ, אָבער וועגן רוסלאַנד ווייסט זי גענוג — אַ טעות! זיי קענען רוסלאַנד אַ סך ווייניקער ווי כינע.

ביידע אמתן זעען מיר אויס צו זיין ריכטיק. אויב זיי זיינען געווען ריכטיק מיט זיבעציק יאָר צוריק, זיינען זיי היינט צענפאַך, הונדערטפאַך וואָרער. פּונקט ווי דאָסטאָיעווסקיס „זכרונות פון טויטן־הויז" זיינען אַן אידיליע לגבי די היינטיקע טויטן־הייזער — די טורמעס און לאַגערן.

ראַיאַ דערציילט

מיר האָבן היינט אַרומשפּאַצירט ביז שפּעט אינדערנאַכט אין פּאַרק. פריער זיינען מיר געזעסן אין גאָרטן־רעסטאָראַן. עס שפּילט צו אַן אָרקעסטער. דאָ קאָסט אַלץ יקרות, נאָר איינמאָל דאַרף מען זיך דערלויבן דאָ זיצן אַ שעה. מיר האָבן נאָר געטרונקען טיי און פאַרביסן מיט געפילטע טייגלעך. דאָ זיצט מייסטנס נאַטשאַל־סטווע, טרינקט וויין און פאַרבייסט מיט שאַשליק. עס דרייען זיך אַרום פאַרוואָר־לאָזטע קינדער און קלייבן פון די טישלעך די איבערגעלאָזענע ברעקלעך עסן. איינער פון די יונגלעך האָט זיך אונז געוואָרפן אין די אויגן. ער איז אַלט דרייצן יאָר, אַ טאַדזשיק. זיין קאָפּ מיט די געדיכטע, געקרייזלטע האָר, זיין פּנים, די אויגן — אַלץ איז סקולפּטוריש אויסגעפאָרמירט, אַ קלאַסיש־מאָנומענטאַלער קאָפּ. ער איז ווונדערלעך שיין — מענערישע רייפקייט און קינדערשער חן.

מיר זעצן אים אַוועק ביי אונזער טיש. ער איז איבערגעשראָקן, נישט־דרייסט, ער איז געוווינט, אַז מען זאָל אים פון די טישלעך אַוועקטרייבן, אַנזידלען. ער איז באָרוועס, אין צעריסענע, לייוונטענע הייזלעך און אַ צעריסן ווייס העמדל.

ער דאַרף אונז מיט זיין שוואַכן רוסיש קיין סך נישט דערציילן:

„מיט זעקס יאָר צוריק, אין יאָר 1937, האָט מען זיין טאַטן אַרעסטירט, באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש, ער איז קיינמאָל נישט צוריקגעקומען. די מאַמע איז נישט לאַנג נאָכדעם געשטאָרבן. אים האָט מען אַריינגעגעבן אין אַ הויז פאַר „בעזפּרי־זאָרנע". ער איז פון דאָרטן אַנטלאָפן".

עס זיצן ביים טיש די דריי יונגע פרויען פון ריגע: ראַיאַ, ליאַליאַ, עדיאַ, דער ליטווישער דיכטער און איך. מען לעשט שוין אויס די לאָמפּן אין רעסטאָראַן. פּאָרלעך שפּאַצירן אַוועק דורכן בריקל אין דער געדיכטער בוימער־אַליי. אין דעם בריקל זיינען אויסגעריסן עטלעכע ברעטער, ביי אַ נישט פאָרזיכטיקן טריט, פאַלט מען אַריין אין וואַסער. אָבער קיינער פאַלט נישט אַריין, אפילו שיכורים.

מיר גייען אַריבער דורכן בריקל. עס איז אַ שיינע, אויסגעשטערנטע נאַכט. אין מיטל־אַזיע זעען די שטערן אויס צו זיין גרעסערע און ליכטיקערע. די לופט איז דורכגענומען מיט דעם אַראָמאַט פון די אַרומיקע גערטנער, פון די וויינטרויבן און פּערסיקעס. אַ שטיל ווינטל קילט אָפּ דעם קערפּער און צעוואַרעמט ראָמאַנטישע געפילן. די דריי יונגע פרויען זיינען אָן די מענער. דער ליטווישער דיכטער האָט גע־לאָזן זיין פרוי און זויגקינד אין ליטע, נישט באַוויזן זיי צו עוואַקואירן.

מיר זעצן זיך אויס אויף די אָנגעזעגטע ביימער ביים טייך. אַלע שווייגן. דאָס הייסט, אַז יעדער רעדט מיט זיך אַליין. און ווען מען נעמט דאָך רעדן, הייבט יעדער אָן מיט דעם זעלבן: די פרויען דערציילן וועגן זייערע מענער און די מענער וועגן זייערע פרויען.

ראַיאַ איז שמאָל און שלאַנק, מיט אַ יונגלשן קערפּער, ווייכע, בלאָנד־געלאָקטע

האַר, בלויע אויגן און אַ קײלעכיק, פּוכיק, ווײס־ראָז פּנימל. זי רעדט מיט באַיאָרטער חכמה און צײטיקײט, אָבער איר נאַיווו סאָפּראַן־שטימעלע דערמאָנט פּאָרט יעדע מינוט, אַז זי איז נאָך אַ קינד. אַ יונג מײדל, װעלכע צעבליט זיך ערשט. איר רעדן פלעכט זי אַדורך מיט הומאָריסטישע עפּיזאָדן, דעקלאַמאַציעס, געזאַנג. אינמיטן שטעלט זי זיך אויף און טאַנצט אויף די קלעצער. באַלד זעצט זי זיך האַסטיק צוריק אַוועק, פּאַרוויקלט אַ ציגאַר־מאַכאָרקע, רויכערט און קוקט אין דער פינצטערניש.

לאַנג אײנזיצן קאָן זי ניט. קריכט זי אַרויף אויף דער העכסטער קופּע קלעצער, שטעלט זיך אַוועק און דעקלאַמירט רוסישע און העברעאישע געדיכטן.

דעם קאָמפּלימענט וואָס מען מאַכט איר, אַז זי זעט אױס איצט אויס ווי דער דענקמאָל פון זשאַן ד'אַרק, מאַכט אויף איר נישט קיין באַזונדערן אײנדרוק. זי מײנט, אַז אַלע העלדישקײטן פון יענער צײט זײנען קינדער־שפּילן לגבי דער העלדישקײט, וואָס יעדער אײנציקער גרויער בירגער באַווײזט היינט אין דעם גרויען, טאָגטעגלעכן לעבן.

נאָך לאַנגע חדשים שלעפּן זיך אויף דער עוואַקואַציע פון ריגע קיין מיטל־אַזיע אין יענעם זומער 1941, איז זי, איר און איר מאַן, אויסגעקומען נאָך אַ מעת־לעת שלעפּן זיך מיט אַן „אַרבאַ" פון באַן ביז צום קאָלכאָז. די װעגן זײנען געווען דורכגעווייקט, אַ רעגן האָט אומאויפהערלעך געגאָסן און זיי דורכגענעצט ביזן ביין. צוויי טעג זײנען זיי שוין געווען אָן עסן. זי האָט געהאַט היץ העכער פערציק. אין קאָלכאָז האָט מען זיי אַוועקגעלײגט אין אַ שײער. זי, ראַיאַ, האָט זיך געפּרייט וואָס זי וועט שטאַרבן אונטער אַ דאַך. זי האָט אַרײנגערעדט אינעם מאַן און אים אויסגעמשלט, וואָס פאַר אַ ווייב, זי וויל, ער זאָל זיך נעמען נאָך איר טויט. זי האָט אים אויך אויסגעמשלט דעם אויסזען פון דער מצבה וואָס זי וויל האָבן, אויב אים וועט געלונגען זיך אײנצואָרדענען און פאַרדינען. זי איז דעמאָלט אַלט געווען אײנאונצוואַנציק יאָר, אַ האַלב יאָר נאָך זייער חתונה.

דער מאַן האָט זי געהאַלטן אויף זײנע הענט און אומאויפהערלעך כסדר נאָר איבערגעחזרט פאַר איר די ווערטער:

„ראַיאַ, וועסט נישט שטאַרבן, ראַיאַ, וועסט נישט שטאַרבן, דו וועסט נישט שטאַרבן!"

דרײסיק שעה אָן איבעררייס האָט ער איר געווידערט נאָר די אײנצלנע פראַזע.

די ווערטער זײנען אַרײן איר אין אַלע קעמערלעך פון אירע אברים, אינם גאַנצן גוף. זיי האָבן זיך אומעטום באַזעצט, ווי זיי וואָלטן ווי טשוועקעס געוואָרן אין איר אַרײנגעקלאַפּט. זי האָט גאָרנישט געפילט שוין פון איר לייב, זי האָט נאָר געפילט ווי זי באַשטייט פון די ווערטער:

„ראַיאַ, דו וועסט נישט שטאַרבן, דו וועסט נישט שטאַרבן!"

און נאָך דרייסיק שעה האָט זי זיך פּלוצים אויפגעריסן פון איר ליגן, אויפגעעפנט די אויגן און אים הויך אָפּגעענטפערט:

— איך וועל נישט שטאַרבן, אַלעקסאַנדער, איך וועל נישט שטאַרבן, איך וועל נישט שטאַרבן!

זי איז שנעל געזונט געוואָרן. אַלעקסאַנדערן האָט מען צוגענומען אויפן פראָנט. זי איז אַריבער פון קאָלכאָז קיין סאַמאַרקאַנד. זיי האָבן געוווינט צוועלף מענטשן אין אַ קלײנער קיביטקע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טיפוס־עפּידעמיע. אין שטיבל איז כסדר געוואָרן גרוימער, יעדע פאָר טעג האָט מען אַן אַנדערן צוגענומען

אין שפּיטאָל אַריין. קעגנאיבער האָט געוווינט אַ פּוילישער ייד, וואָס האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל, ער איז דאָרט באַגרעבער פון די מתים. ער האָט איר געהאַט דער־ציילט, אַז געוויינלעכע בירגער טראָגט מען צו דער קבורה אויף אַ פּשוט טראָג־בעטל, נישט איבערגעדעקט. דאַקעגן אָנגעזעענע בירגער, מענטשן אויף הויכע אַמטן, ווערן צוגעדעקט מיט אַ זיידענער קאָלדרע בעת מען טראָגט זיי צו קבורה.

ראיאַ איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, די ניינטע פון זייער שטיבל. ווען מען האָט זי געברענגט אין שפּיטאָל אַריין, האָט זי גענומען ליאַרעמען און רופן משהן דעם קברן, איר שכן, ער זאָל שוין צו איר קומען. ווען משה דער קברן איז צו איר צוגעקומען, האָט זי אים אַרומגעכאַפּט און מיט געוויין אים געבעטן:

— רב משה, טייערער רב משה, זאָגט מיר צו, אַז מיך וועט מען אויך צו־דעקן מיט דער זיידענער קאָלדרע ביים טראָגן צו קבורה. זאָגט מיר צו! מיט דער זיידענער קאָלדרע!

און ווען ער האָט איר דאָס צוגעזאָגט, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ ווילד געלעכטער און געשריגן:

— איך בין גליקלעך! גליקלעך! מיך וועט מען צודעקן מיט דער זיידענער קאָלדרע!

ווען זי איז געזונט געוואָרן, האָט איר רב משה דערציילט, אַז ער האָט דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געוויינט. דעמאָלט, ווען זי האָט געלאַכט און זיך געפרייט אַז מען וועט זי איבערדעקן מיט דער זיידענער קאָלדרע.

עס איז שוין צוויי מיטנאַכט, ליאַליאַ רעדט וויינינק, זי קוקט נאָר אויף דער פאָטאָגראַפיע פון איר אומגעקומענעם מאַן. ער איז געווען עלטער פון איר מיט צוויי יאָר, זי איז איצט פינפאונצוואַנציק. איר מאַן איז געווען אַ בוי־אינזשיניער. דער גלאַנץ פון אירע פאַספאָר־גרינע אויגן לייכט איצט אָפּ אויף דעם קליינעם בילדל פון איר מאַן. עס גלאַנצן אויף אים אירע טרערן.

עדיע איז עלטער פון זיי, זי איז זעקסאונצוואַנציק, זי האַלט זיך ווי זייערס אַ מאַמע און פאַרנעמט זיך נאָר מיט טרייסטן זיי. ווענן איר מאַן און זיך רעדט זי זעלטן. זי איז געווען אַ טוערין אין אַ ציוניסטישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אַלע דריי יונגע פרויען לערנען אין אינסטיטוט, עדיע איז די איינציקע, וואָס אַרבעט נאָך די לעקציעס. מיט איר פאַרדינסט טיילט זי זיך מיט אַלע דריי. זי אַר־בעט אין אַ פּאָליקליניק. זי באַקומט אָפּט פון די אוזבעקישע פּאַציענטן פּראָדוקטן־מתנות אַלס באַלוינונג פאַרן דערלעדיקן זיי צו דער צייט אַ דאָקטער.

די „מאַמע" זיצט איצט אַרומגענומען מיטביידע חברטעס און גלעט זיי. דער ליטווישער דיכטער איז אַוועק אין אַ זייט, זיך אויסגעטאָן און אַריינגעשפּרונגען אויסבאָדן זיך אין טייך.

עס ווילט זיך רויכערן און עס איז נישטאָ קיין שוועבעלע אָנצוצינדן. קיין מענטשן אין פּאַרק זיינען שוין לאַנג נישטאָ. עס דרייט זיך אַרום אַן אָפּגעריסענע פרוי, זעט אויס איינע פון די „נאַכטפייגל", פון דער אונטערוועלט. מיר בעטן ביי איר אַ שוועבעלע. זי קאָן גיין שאַפן, מען זאָל איר נאָר געבן צו פאַרויכערן. מיר גיבן איר אַביסל מאַכאָרקע און פינף רובל, אין פופצן מינוט אַרום קומט זי צוריק מיט אַ פאַרויכערטן פּאַפּיראָס. עס האָט לאַנג געדויערט, ווייל דאָרט האָט זי זיך באַדאַרפט אָמפּערן מיט עטלעכע „יאַטן", וועלכע ליגן דאָרט באַהאַלטן און זיך געגרייט אונדז צו באַפאַלן און אָראָפּציען פון אונדז דאָס אָנטועכץ. זי האָט ביי זיי

קוים געפועלט אונז צורו לאָזן. אזוי אַלנפאַלס דערציילט זי אונז, עס שיינט אויך צו זיין אמת.

מיר זיינען אוועק צו אונזערע היימען. בענקשאַפט און אומעט האָבן געריזלט, געקילט און געוואַרעמט אונזערע גופים און נשמות.

**
*

אויפן צווייטן טאָג בין איך בייגעווען אויף א פאַרזאַמלונג פון די לעטישע און ליטווישע פּליטים. מיט א רעדע איז אויך אַרויסגעטרעטן ר׳איא. איר רעדע האָט זי פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

— א הארציקן דאַנק אונזער גרויסן פירער סטאַלין, וועלכער האָט אונז באַשאָנקען מיט א שעפעריש, פריידיק און גליקלעך לעבן! הורא, הורא, הורא!

תשעה באב

אין א קליין שטיבעלע, אויף דעם שמאָלן און משופּעדיקן געסעלע קיטאַבס־קאיא, האָבן זיך צונויפגענומען עטלעכע מנינים יידן אויף צו זאָגן „איכה". סרוב זיינען עס פּוילישע יידן, אויך עטלעכע רוסישע און בוכאַרער. עטלעכע עלטערע בוכארישע פרויען שטייען אין פעדער־הייזל. אין דעם ליימיקן פעדערהייזל איז אָפּגעגרענעצט א שטיקל אָרט מיט א הילצערן פּלויטל, א מעטער די הויך — אויף דערלעדיקן א קליינעם נאַטירלעכן געברויך. אין טוכלען, ליימיקן שטיבל זיינען פאַרזאַמלט ביי דריי מנינים יידן. אויפן טיש טריפן אָנגעצונדענע ליכט. עס זיינען געקומען הערן „איכה" אויך די שרייבער ליזער ראַן און ש. ב.

א הויכער, אויסגעמאָגערטער ייד, מיט א געל־בלייך פּנים, רויטלעכער באָרד, האַלט אין האַנט א ליכט און לייכט זיך צו ביים פאַרזאָגן די מגילה. ער לייענט זי מיט דעם באַקאַנטן נוסח און ניגון, ווי מען האָט זי געלייענט אין די קליינע יידישע שטעטעלעך אין פּוילן.

די יידן זיינען נישט אין קיין ווייסע זאָקן, מען זיצט נישט אויף קיין נידעריקע בענקעלעך, אַלע שטייען, צונויפגעפּרעסט, עס פּאַרעט אוים א שלעכטער ריח. סרוב זיינען אין אָפּגעריסענע מלבושים, וואַטענע פופייקעס, מיט אויסגעמאַטערטע, פאַרצאָגטע פּנימער. דער תשעה־באב קוקט אַלעמען אַרוים פון די אויגן. ווען עס דערהערן זיך נאָר די ערשטע, באַקאַנטע ווערטער:

„איכה ישבה בדד העיר" —

פאַרהאַקט זיך דער בעל קורא. עס האָט אים געכאַפּט א ספּאַזם אין האַלז. אים און אויך די מתפּללים. ער כוחט זיך אָן און הייבט אָן נאָכאַמאָל מיט דעם זעלבן:

איכה ישבה בדד העיר!

טרערן טריפן אים אַראָפּ אויף דער באָרד און מגילה.

אינדרויסן איז אָן אַבלאָווע אויף דעזערטערן. א יידיש בוכאַרער יונגעלע וויזט אָן די זעלנער, אַז דאָ געפינען זיך א סך מענער. זיי קומען אַריין. עס דערשרעקן זיך מע״סטנס די רוסישע יידן. די זעלנער גייען נישט אַריבער איבערן שוועל,

זיי זיינען עפּעס איבעראַשט און נשתומם. מען קלערט זיי אויף:

— זדיעס מאַליאַטסיאַ! (דאָ דאַוונט מען).

זיי אַנטשולדיקן זיך און ציען זיך גלייך צוריק. דער בעל קורא זאָגט ווייטער:

— בכו תבכה בלילה ודמעותם על לחיה אין־לה מנחם מכל אוהביה.

ווען ער קומט צו פאַרן סוף, זאָגט ער הויך, מיט געבעט און געוויין:

— השיבנו יה' אליך ונשוב חדש ימינו כקדם!

די מענטשהייט גייט טאַקע פאָרויס, די וויסנשאַפט, ציוויליזאַציע, טעכניק, קולטור, נאָר דאָך בענקט מען צום „כקדם", צום אַמאָל.

ביים אהיימגיין דערציילט אונז ש. ב. אַז בעת ער איז לעצטנס געשטאַנען אין אַטשערעד נאָך וואַסער, האָט אַ יידיש־רוסישע פרוי, באַדויערט די פּוילישע יידן, אַז שטענדיק האָבן זיי געליטן אין פּוילן פון פּאָגראָמען. אָבער דאָ, ווו עס איז „דרוזשבאַ נאַראָדאָוו" (פעלקער־פריינטשאַפט), דאָ לײדן זיי שוין נישט אַלס יידן. האָט איר ש. ב. איינגערוימט אויפן אויער:

„ליבע פרוי, איך וויל שוין ליבערשט יענע פּאָגראָמען אין פּוילן, איידער די היגע „דרוזשבאַ נאַראָדאָוו" — אייערע.

ער האָט זיך אפשר אביסל פאַרגאַלאָפּירט מיט דעם זאָג, אָבער צו דעם „כקדם", סיי צום אַמאָליקן ירושלים און אפילו צו דעם אַמאָליקן יידישן לעבן אין פּוילן — איז דאָ וואָס צו בענקען.

ברויט און טעאַטער

געטראָפן אויף דער גאַס דעם קוראָווער זעצער וויינבערג. ער איז אַנטלאָפן פון אַרבעטס־באַטאַליאָן אין טאַשקענט. זיי האָבן דאָרט געבויט אַן אוזבעקיש טעאַטער. וויינבערג מיינט, אַז ער, אַ פאַרלויזיקטער און הונגעריקער, איז נישט מחויב צו בויען פאַר זיי אַ טעאַטער. עס וועט סיווי געדויערן ביז צום אויפבוי, ווייל יעדן טאָג ווערט דאָרט עפּעס אַנדערש צוגעגנבעט. מען האָט אַראָפּגעבראַנגט אַ טייערע קורטינע פון מאָסקווע, האָט מען זי אין דער זעלבער נאַכט צוגעגנבעט.

די סאָוויעטן — זאָגט ער — ווילן נאָר געבן בלויז אַ העלפט דערפון וואָס די רוימישע הערשער האָבן געגעבן זייער פאָלק, זיי גיבן בלויז טעאַטער, אָן ברויט.

„אַוואָסקעס"

יעדער בירגער, דער עיקר יעדע פרוי, ווען זי גייט אַרויס אין גאַס אַריין, נעמט זי מיט אַ געפלאָכטן פון שטריק האַנט־קוישל. עס ווערט גערופן „אַוואָסקע". אַוואָס הייסט טאָמער, אפשר. אפשר וועט מען גראָד עפּעס פאַרקויפן אין אַ מאַ־גאַזין, וועט מען זיך שטעלן אין אַטשערעד און האָבן וואָס אַריינצולייגן אין קוישל.

אַ נייער וויץ ווישט אָפּ דעם חושך פון פּנים. מען דערציילט אים גערן:

„די טעכניק פון אונזער לאַנד וועט נאָך דערגיין צו אַזאַ הויכער מדרגה, אַז

יעדער איינער בירגער וועט האָבן אַ טעלעפאָן אין שטוב און אַן אייגענעם אַעראָ־פּלאַן פאַר זיין הויז. קלינגט מען דיר אָן, אַז אַ מאַגאַזין פּאַרקויפט איצט אין גאַס פּוטער, צוקער, כאַפּסט דו דעם אַעראָפּלאַן און פליסט גלייך צום מאַגאַזין און שטעלסט זיך אין אָטשערעד".

לעצטנס האָבן טייל באַלעבאַטעס אַ קלאַפּאַט. אָבער נאָר די באַלעבאַטעס, וועמענס מענער אַרבעטן אויף הויכע פּאָסטנס, אין דער פּאַרטיי, נקוּוד. זיי באַקו־מען פּראָדוקטן אין „פאַרמאַכטע מאַגאַזינען". איז איצט אַרויס אַ שטילע אינסט־רוקציע, אַז די אַלע, וועלכע באַקומען פּראָדוקטן אין די „פאַרמאַכטע מאַגאַזינען", דאַרפן קומען מיט געדיכט־געפלאָכטענע, שוואַרצע „אוואָסקעס", כדי אויף דער גאַס זאָל מען נישט אַרויסזען די פּראָדוקטן. ס'זאָל נישט אַרויסרופן קיין קנאה און פאַרביטערונג ביי די דורכגייער.

עס איז אַ גוטער איינפאַל. מען דאַרף טאַקע נישט רייצן די געפילן פון די דורכשניטלעכע, פאַרהונגערטע בירגער.

וואָס איינער איז געווען, דאָס בלייבט ער

דער אַמאָליקער טעאַטער־אַדמיניסטראַטאָר אין פּוילן, מענדל, האָט אַמאָל געהאַט מיטגעאַרבעט אין דער פּוילישער דעפענסיווע. איצט אַרבעט ער דאָ אַלס אַד־מיניסטראַטאָר אין אַ צירק. אָבער דאָס איז וויניק, ער האָט נאָך אַ באַשעפטיקונג, אַ שטילע, אַ „בכבודיקע". ער האָט אָנגעטראָפן אונזערן אַ שרייבער אויפן גאַס און געבעטן אים זאָגן די גענויע דאַטע ווען עס האָט זיך אַמאָל געגרינדעט דער „בונד". ער מוז עס נייטיק וויסן. דער שרייבער האָט פאַרשטאַנען צו וואָס פאַר אַ צוועק ער באַדאַרף עס און ער האָט אים אָפּגעפּטרט מיטן ענטפער:

— מיין ליבער ייד, איך האָב אפילו פאַרגעסן שוין מיין אייגענעם נאָמען, פאַרגעסן ווי אַזוי עס זעט אויס אַ פרישע וואַרשעווער זעמעלע, זאָל איך געדענקען אַזאַ זאַך? דאָס קאָנען נאָר וויסן אַזעלכע ווי אַלטער און ערליך. (מען האָט שוין דעמאָלט געוווסט, אַז זיי זיינען דערשאָסן געוואָרן).

מיט דעם אַדמיניסטראַטאָר מענדל בין איך געלעגן אין איין שפּיטאָל, אויף טיפוס. די אַנדערע שכנים, ווי געבער פון דראָהאָביטש, דער דרוקעריי־אייגנטימער פון טאַרנאָוו, דער סטודענט פון וואַרשע, זיי זיינען נאָכן פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל, אַוועק אין די גאָסן בעטלען, זיי זיינען גאַנץ גיך געשטאָרבן. מענדל איז פריש און געזונט, אָנגעגעסן, גוט אָנגעטאָן. נאָר דאָך איז ער אומצופרידן — ער ווייסט נישט די דאַטע ווען עס האָט זיך געגרינדעט אַמאָל דער „בונד"! ער וועט זיך נישט קאָנען באַווייזן אין דער היגער נקוּוד, אַז ער איז אַן אינטעליגענטער „שפּיצעל", ער קאָן איצט אַראָפּ אויף אַ נידעריקערער שטופע. נאָר ער וועט נאָך אויסגעפונען מיט וואָס זיך צו פאַרדינען, ער איז געניט אין דער מלאכה פון שפּיצלעריי.

הילף

עס איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז איינער פון די עלטערע און חשובע אַקטיאָרן אונזערע, וואָס וווינט איצט אין אוראַל, געפינט זיך אין אַ גרויסער מאַטעריעלער

נויט, לײדט הונגער. דורך צװײ שעה האָב איך צונױפגעזאַמלט בײ באַקאַנטע טױזנט רובל און עס אים טעלעגראַפיש איבערגעשיקט. ער האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ דאַנק־בריװ, אױסגערעכנט װאָסערע פּראָדוקטן ער האָט אײנגעקױפט פאַר דעם געלט און פאַרענדיקט:

„איך פאַרהאָף, אַז די עטלעכע קילאָ קאַשע װעלן מיר אָפּראַטעװען מײן לעבן".

אַ צװײטן פון דער קינסטלער־משפחה, אַ יידישן שרײבער, האָבן מיר איבערגעשיקט מאַראַלישע הילף. איך האָב געװוּסט, אַז ער איז אַלט געװאָרן פופציק יאָר. אױך געװוּסט, אַז ער האָט נישט צװישן די שרײבער דעם פאַרדינטן אָנזען, די אײגענע חברים אונזערע האָבן אים ביסלעכװײז אַרונטערגעריסן זײן אױטאָריטעט, כסדר דערמאָנט, אַז ער האָט אין פױלן געהערט צו די דעקאַדענטישע, אַפּאָליטישע שרײבער.

בין איך אַרױס אין גאַס, זיך צונױפגערעדט און מיר, יידישע שרײבער און אַרטיסטן אין סאַמאַרקאַנד, האָבן אים איבערגעשיקט קײן קאַזאַכסטאַן צװעלף באַגריסונגס־דעפּעשן צו זײן 50־יעריקן יובל. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די דעפּעשן װעלן הױבן זײן אָנזען בײ דער נאַטשאַלסטװע אין קאַזאַכישן שרײבער־פאַרײן, הױבן זײן אױטאָריטעט און ממילא װעט דאָס אױך הױבן זײן פּראָדוקטן־פּאַיאָק. און דאָס איז איצט װיכטיקער פון אַלעם.

איך, װידער, האָב באַקומען צוגעשיקט עטלעכע מאָל צו עטלעכע צענדליק און עטלעכע הונדערט רובל, פון מײן חבר, דעם שרײבער צ. זאַקאַליק. ער איז געװען אױף אוראַל אין אַ קאָלכאָז. נאָכן באַפרײט װערן פון לאַגער האָט ער, צוזאַמען מיט דעם באַקאַנטן שרײבער; לאַנגיעריקער מיטאַרבעטער פון „מאָמענט", אברהם זאַק, אַרומגעװאָגלט אין מיטלאַזיע, איבער די באַזאַרן, געזוכט אַן אַראָפּגעפאַלענעם טאָמאַט פון די טישלעך. מ'האָט בײ זײ סוף כל סוף צוגענבעט די דאָקומענטן. איז אברהם זאַק אװעק קײן אַק־בולאַק, אין אוראַל, בײ קאַזאַכסטאַן. געװאָרן דאָרטן אַ פּאַסטעך און װאַסערפירער. זאַקאַליק האָט זיך אײנגעאָרדנט אין אַ קאָלכאָז אַלס מעכאַניקער. ער האָט מיר צוגעשיקט עטלעכע הונדערט רובל, װאָס זײנען מיר גראָד זײער צונוץ געקומען.

איך האָב אױך באַקומען אײנמאָל צוגעשיקט עטלעכע הונדערט רובל פון בוכאַרע, געשיקט דורך דעם דיכטער מ. װאַלדמאַן. ער אַלײן איז געװען אין גרױס נױט, זײן פרױ איז אים דאָרט אװעקגעשטאָרבן, נאָר די פאַר הונדערט רובל פאַר מיר, זאָל אים האָבן געגעבן משה גרינבערג, אַ חבר פון די יונגע יאָרן, אַ מיטגליד פון דער פועלי ציוניסטישער „יוגנט"־אָרגאַניזאַציע. װאַלדמאַן װי גרינבערג, זײנען נאָר געװען — פאַרשיקטע אין די פּאָסיאָלקעס. די פרױ פון משה גרינבערג, אַנקע, אַמאָל אַ שילערין פון די ציש"אָ־שולן אין װאַרשע, איז אין סעפּטעמבער 1939, װען די דײטשן האָבן באָמבאַרדירט דאָס הױז אױף מילנע 9 װוּ זײ האָבן געװױנט, דאָס הױז האָט זיך אָנגעצינדן, איז זי אַרױסגעשפּרונגען דורכן פענצטער פון דריטן שטאָק. זי איז געװען דאַן מעוברת. מ'האָט זי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל אַרײן און אָפּערירט. עס זענען איר אַרױסגעפאַלן עטלעכע צײן און אַ ברײטע פּאַסמע האָר אין מיטן קאָפּ — איז איר אין יענע מינוטן גרױ־װײס געװאָרן.

אױף דער פאַרשיקונג אין רוסלאַנד, האָט אַנקע געאַרבעט אַלס קראַנקנשװעסטער. װען איר מאַן איז אַרױס פון שפּיטאָל, נאָך אַ טיפוס, און זי האָט געװאָלט זײן מיט אים צוזאַמען, (זי האָט געאַרבעט אין אַן אַנדערן פונקט), האָט מען איר געשטעלט

אַ באַדינג, אַז זי זאָל ווערן אַ צוטראָגערין, אַ פּראָוואָקאַטאָרין. פֿאַר דעם פּרייז וועט מען זי באַפֿרייען פֿון דער אַרבעט דאָ און איר דערלויבן וווינען צוזאַמען מיטן מאַן. דער נאַטשאַלניק און פּאָליטישער לייטער האָט זי אָפּגעהאַלטן אַכט שעה ביי זיך אין ביוראָ־צימער און מיט אַלע מיטלען געפּרוווט זי באַווירקן אַז זי זאָל אָננעמען דעם אַמט... אין די דאָזיקע אַכט שעה איז איר מאַן, משה גרינבערג, אַ נאָך־טיפּוסניק, געשטאַנען אין קאָרידאָר, אַן אַרומגעבונדענער דעם קאָפּ מיט אַ האַנטעך, די פּיס אַרומגעוויקלט מיט בינדעס און שמאַטעס, זיך קוים געהאַלטן אויף די פּיס און גע־ווען אין איין ציטערניש — אַז אַנקע זאָל חלילה זיך נישט איינברעכן. ווען זי איז אַרויס פֿון נאַטשאַלניקס צימער און געזאָגט משהן אַז זי איז נישט באַשטאַנען אויף גאָרנישט, אַז זי האָט זיך נישט איינגעבראָכן, אַז זי איז באַשטאַנען דערויף אַז ביידע זאָלן בעסער אויסגיין פֿון הונגער און נויט, איידער זי זאָל זיין מאָראַליש פּאַרלוויזיקט — האָט משה זיך געוואָרפֿן צו אירע פּיס און מיט געוויין געקושט אירע פּיס, פֿאַר דאַנקבאַרקייט וואָס זי האָט זיך נישט געלאָזט ברעכן.

איצט זיינען די גרינבערגס אין בוכאַראַ, ער פֿאַרדינט ביי אומלעגאַלן מסחר מיט לעדער און געוואָר ווערנדיק וועגן מיין נויט, מיר אַריינגעשיקט עטלעכע הונדערט רובל.

די קעגנזייטיקע חברישע הילף איז געווען דער צאַנקנדיקער סיגנאַל, אַז נאָך איז מענטשלעכקייט נישט פֿאַרלוירן.

אַרבעט פֿאַר דער מלוכה

מען האָט אונזער אַרטעל מאָביליזירט אויף אַ טאָג־אַרבעט צום בויען אַן עלעקטרישע סטאַציע הינטער סאַמאַרקאַנד. זי וועט אויסנוצן די קראַפֿט פֿון די אַרומיקע טייכן און וואַסערפֿאַלן. עס איז נויטיק אַ סך עלעקטרישע ענערגיע, ווייל אין מלחמה־צייט זיינען געוואָרן איבערגעטראָגן אַהער אַ סך פֿאַבריקן פֿון אוקראַינע און רוסלאַנד. טייל פֿון די פֿאַבריקן וועלן זיך שוין נישט עוואַקואירן און פֿאַר־בלייבן דאָ אויפֿן אָרט.

אַלע פֿאַבריקן, אַרטעלן, שולן, אינסטיטוציעס, קאָלכאָזן האָבן געמוזט אַרויס־שיקן זייערע אַלע אַרבעטער, שילער, פּערסאָנאַל, אויף עטלעכע טעג אומזיסטער אַר־בעט צו דער עלעקטראָ־סטאַנציע.

די אָנפֿירערשאַפֿט פֿון אונזער אַרטעל האָט די גאַנצע צייט דערמיט אָפּגעשלעפּט. געגעבן מתנות, זיך אָפּגעקויפֿט און כּסדר אָפּגעלייגט מיט אונזער אַרויספֿאָרן אויף אַ טאָג אַרבעט. ווען עס איז געוואָרן שווערער מיטן אָפּשלעפּן, האָט דער אַרטעל געדונגען שוואַרץ־אַרבעטער און זיי אַרויסגעשיקט פֿאַרטרעטן דעם אַרטעל. איצט אָבער קאָן מען שוין מער נישט אָפּלייגן, מען דערלאָזט שוין אויך נישט קיין געדונ־גענע פֿאַרטרעטער, נאָר מען מוז אַליין קומען אַלע אויף אַ טאָג אַרבעט.

צוויי טעג פֿאַר דעם האָט שוין אונזער נאַטשאַלסטווע איינגעקויפֿט בראָנפֿן, וויין, צובייסנס. זיי האָבן אויך מיטגענומען לייוונט אויף אויפֿצושטעלן געצעלטן, ווייל עס איז אויפֿן אָפֿענעם פֿעלד און די היץ בראָט און ברענט.

פאַרטאָג זיינען מיר אַלע אוועק צום באַן, מיטגענומען לאָפּאַטעס, קילאָפּן, קירקעס צום גראָבן די ערד. עס איז צו פאַרן עטלעכע צענדליק קילאָמעטער.

מיר האָבן אָנגעטראָפן ביי דער אַרבעט טויזנטער מענטשן. די אוזבעקן זיינען געשטאַנען אויסגעטאָן האַלב נאַקעט, באָרוועס און געגראָבן די פאַרברענטע און פאַרטרוקנטע ערד. אונזער נאַטשאַלסטווע האָט געטומלט, געהאַלטן קורצע רעדעס און אונז אויפגעמונטערט צו ענערגישער, איבערגעגעבענער אַרבעט. די ערשטע פּאָר מינוט האָבן זיי אַליין מיט ליאַרעם און געפּילדער אויסגעגראָבן עטלעכע לאָפּאַטעס ערד, באַלד זיינען זיי געוואָרן ברינגאַדירן, אַכטונג געגעבן, קאָמאַנדעוועט און גאַנץ שנעל זיינען זיי אַוועק אין זייער אויפגעשטעלטן געצעלט און גענומען זיך צו אַ כוסה.

די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע, די היץ האָט געסמאַליעט, נאָך יעדע פּאָר מינוט איז מען געלאָפן צום טייך זיך באָדן, כאָטש דאָס איז געווען פאַרבאָטן. געענדיקט די אַרבעט האָבן מיר ניין אין אָוונט. מען איז געווען מיד, אָפּגעברענט פון דער זון, אָבער צופרידן דערמיט, וואָס מיר האָבן דערפילט אַ בירגערלעכן חוב. איך האָב געהערט צו אַ ברינגאַדע וואָס האָט צום ענערגישסטן געאַרבעט, ווען איך האָב פונדעסטוועגן אויסגערעכנט גענוי וויפל צייט יעדער פון אונז האָט געאַרבעט דעם היינטיקן טאָג, האָט זיך באַקומען — 53 מינוט. וויל נאָך יעדע צוויי מינוט אַרבעט האָט מען גערוט אַ האַלבע שעה, נאָך יעדע פינף מינוט אַ גאַנצע שעה. מען האָט נישט בלויז גערוט, נאָר מען איז געלאָפן איבערן פעלד, פאַריכט די נאָשעס, געלאָפן צום סאַניטאַר זיך פאַרבונדן אַ צעקאַליעטשטן פינגער, אָפּגעריבענעם פוס, מען האָט זיך געבאָדן, געגעסן, געטרונקען, עטלעכע מאָל זיך רעגיסטרירט, ביים אָנקומען, אין מיטן טאָג, ביים אַוועקגיין — מען האָט זיך כסדר געפּאַרעט.

נאָך סיווי איז אונזער אַרטעל פאַרשריבן געוואָרן צום לויב, אַז זיי האָבן אַלע ענערגיש געאַרבעט. מיר זיינען געווען טאַקע גוט מיד און פאַרמאַטערט, ווי מיר וואָלטן אויפגעבויט כאָטש אַ טייל פון דער עלעקטראָ־סטאַנציע.

אַ זעלטן בוך

אַבראַשאַ (חנן׳קע) איז נאָכנישט אַלט קיין דרייסיק יאָר. ער האָט זיך געלערנט אויף שיפס־אינזשיניער. ער איז אַ רוסישער ייד, אַ ליובאַוויטשער חסיד. ער טראָגט אַ קליין, בלאָנד בערדעלע. ער האָט געחלומט וועגן קאָנען אַרבעטן אויף אַ שיף. נאָך פופצן יאָר אַרבעטן אויף אַ שיף, געטרויט מען שוין צו אַרבעטן אויף אַ שיף וואָס פאָרט קיין אויסלאַנד. אויף דעם מאָמענט וואַרט ער נאָר. זאָל נאָר די שיף זיין אין אויסלאַנד. אויף דעם ערשטן ברעג וואָס ער וועט נאָר אַראָפּ, וועט ער שוין מער נישט צוריקקומען. ער קען גוט דעם וועג קיין ארץ־ישראל.

מען האָט אים גענומען לעצטנס אויף מיליטערישע איבונגען און דאָרט האָט מען אים אָפּגעשווירן דאָס בערדל זיינס. ער האָט זיך געוועדט ווי ווייט ער האָט נאָר געקאָנט, זיך פאַרופן אויף געזעצן, פּראָטעסטירט.עס האָט אים אָבער גאָרנישט געהאָלפן. ער לעבט איצט מיט דער האָפנונג, אַז ער וועט דאָך אַמאָל אַרויס אויף דער פרייער וועלט, קומען קיין ארץ־ישראל, שוין נישט אַלס שיפס־אינזשיניער, נאָר אויף אַן אַנדערן אופן, ווען עס וועלן צוריקפאָרן די פוילישע יידן...

איך האָב באַקומען אַ בוך וואָס איך האָב געוווסט, אַז אַבראַשאַ וועט זיך דערמיט מחיה זיין. בין איך אַוועק צו אים אין שטוב שפּעט ביינאַכט. ער וווינט איצט צוזאַמען מיט די פּוילישע ישיבה־בחורים. ער האָט דאָ אויך אַ מוטער און אַ שוועסטער, אָבער זעט זיך נישט מיט זיי, ווייל ער הייסט שוין אויף אַן אַנדערן פֿאַמיליע־נאָמען...

דאָס בוך איז געווען אַ באַנד יידישע געשיכטע פון דובנאָוו, אויף רוסיש. דער ליובאַוויטשער חסיד אַבראַשאַ האָט אַ קוש געגעבן דאָס בוך. עס איז, זאָגט ער, אַ הייליק ספר. אים אַליין איז עס נישט אַזוי נויטיק, ער קען יידישע געשיכטע, נאָר ער וועט איצט שאַפן אַ קרייז פון יידיש־רוסישע יונגעלייט, וועלכע קענען נאָר רוסיש און ער וועט פאַר זיי יעדן אָוונט פאַרלייענען אַ קאַפּיטל. די יוגנט איז אַזוי אַנטציקט מיט די רוסישע און אוקראַינישע העלדן סוואָראָוו, קוטוזאָוו, כמיעל־ניצקי, זאָלן זיי געוואָר ווערן אויך וועגן אונזערע אייגענע העלדן! זאָלן זיי באַ־קענען אונזער געשיכטע. עס ציט זיי לעצטנס שטאַרק צו יידישקייט און זיי לויפן מיט פרייד אויף אַ יידישער אַפּערעטע, מיינענדיק, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו יידישקייט.

ער האָט מיר ווידער געוויזן אַ צווייט בוך, וואָס ער באַהאַלט אויס: אַ רוסישע איבערזעצונג פון די יידיש־העברעאישע דיכטער ביאַליק, ז. שניאור, כהן, פרוג און אַנדערע. עס איז דערשינען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. טייל שאַפונגען זיי־נען דאָרט איבערזעצט דורך די באַדייטנדיקע רוסישע דיכטער וואַלערי בריוסאָוו און אַלעקסאַנדער בלאָק.

ווען אונזער יוגנט קען באַקומען כאָטש עטלעכע אַזעלכע יידישע ביכער אין אַ פּאָר טויזנט עקזעמפּלאַרן, ווערט זי אָפּגעראַטעוועט פון אַסימילאַציע אויף נאָך אַ צען יאָר. דאָס עס הספר — אַן איין יידיש בוך, קאָן נישט עקזיסטירן! דאָס יידי־שע ספר און בוך זיינען זיילן פון אונזער נאַציאָנאַלן פונדאַמענט, האַלטן אויף אונזער קיום. דעריבער זיינען זיי אויך אַזוי שטרענג פאַרבאָטן דאָ, אונזער קיום איז זיי נישט נויטיק!

און ער האָט געגלעט דאָס בוך און עס אַריינגעלייגט צווישן די עטלעכע אַלטע, פאַר־געלטע ספרים.

פ אַ ר צ ײ כ נ ו נ ג ע ן

דער ווילנער לער־ער עזרא אַ. בעטלט נאָך אַלץ, ביז מען האָט אים סוף־כל־סוף אַרעסטירט. עזרא אַ. איז בעתן בעטלעריי געוואָרן אַ סטאָיקער, צי גאָר אַ ציניקער. ער האַלט אַז דאָס בעסטע פאַך איז בעטלען — אויב מען קאָן נישט גנבענען. ווען ער האָט געפּרוווט דאָ אַרבעטן, איז ער קיינמאָל נישט זאַט געווען, אָבער אַז ער בעטלט, פעלט אים נישט קיין עסן, לפּחות ברויט, ער איז זאַט. מיט אַלטע שטיק־לעך ברויט טיילט ער זיך אפילו מיט זיינע חברים, וועלכע קאָנען זיך נאָך אַלץ נישט באַשליסן אויסצושט־רעקן אַ האַנט. בעטלער, זאָגט ער, מוזן סיוווי זיין, ווייל מענ־טשן, דער עיקר פרויען, ווילן אויף וועמען רחמנות האָבן. זיי גיבן גערן אַ נדבה, אַ שטיקל ברויט.

איצט פירט מען אים פון געריכט אין טורמע אַריין, ער איז פאַראורטיילט גע־

וואָרן צו אַנדערטהאַלבן יאָר. איך שטיי גראָד אויפן בריקל ביים אַרטעל, האָב איצט דיזשור. ער שרייט צו מיר אַרויף אַז איך זאָל אים ראַטעווען, ער האָט שוין דעם צווייטן טאָג נישט געגעסן. צוזאַמען מיט אים פירט מען נאָך אַ יידיש יונגל, וועלכער האָט אויך שוין צוויי טעג נישט געגעסן. דער ווילנער דיכטער פּרץ מיראַנסקי און איך זיינען אַראָפּגעלאָפן, שנעל געקויפט עטלעכע לעפּיאָשקעס און געוואָלט דערלאַנגען. דער מיליציאָנער לאָזט נישט, מיר זאָלן זאָגט ער, נאָכגיין ביז זיי וועלן אַריין אין אַ זייטיק געסעלע, וווּ קיינער זעט נישט, וועט ער לאָזן זיי געבן די פּאָר פּלעצלעך. עזרא אָ. איז שוין איצט גאָרנישט סטאַיש, ער איז פאַרצווייפלט און וויינט.

**
*

מען זעט שוין לעצטנס ווייניקער בעטלער אויפן גאַס. עס האָט זיך צו זיי שטרענג גענומען די מיליץ, מאַכט אויף זיי אָבלאַוועס. זי כאַפּט דאָס קליינוואַרג וואָס בעטלט, גנבעט, באַפּאַלט, רייסט אַרויס דאָס ברויט וואָס עס טראָגט ווער, רייסט אַרויס די האַנט־קיישלעך. די מיליץ פאַרזאַמלט זיי אַלע אין דער „טשאַיכאַנאַ“, פונדאַנען וועט מען זיי אָפּשיקן אין אַ אויסבעסער־הויז. דאָס זיינען אַלץ קינדער אונטער פערצן יאָר. סרוב פון זיי רוסישע. זיי זיצן איצט פּאָר דער טשאַיכאַנאַ און וואַרטן אויף אַ טראַנספּאָרט. דערוויל טוען זיי אויס זייערע העמדלעך, לויזן זיך, שפּילן אין קאָרטן. די מיידלעך צווישן זיי זיינען נאָך מער דעמאָראַליזירט ווי די יונגלעך. אייניקע פון זיי האָבן שוין אפילו געטריבן פּראָסטיטוציע.

מען טרעפט נאָך עטלעכע בעטלער, יידישע יונגעלייט פון פּוילן, קראַנקע, נאָר וואָס אַרויס פון די שפּיטאָלן. זיי שטייען ביי די ברויט־מאַגאַזינען, בעטן נאָר אַ שטיקל ברויט. טייל פון זיי אַרבעטן אַלס נאַכטוועכטער אין די אינסטיטוציעס און אין די פּרימאָרגן־שעהן בעטלען זיי אויס אַ פּאָר שטיקלעך ברויט.

עס איז דאָ אַרומגעגאַנגען איבער די שטובן בעטלען אַ יונג, חנעוודיק ווילנער ווייבעלע, עטלעכעצוואַנציק יאָר אַלט, אָבער זי האָט אויסגעזען קוים אויף זעכצן־זיבעצן יאָר. איר מאַן איז געווען אַ באַקאַנטער מאָלער אין ווילנע. אין די ערשטע צייטן האָט זי געוואַשן פּאַדלאָגעס אין די טשאַיכאַנאַס. די אַלטע אוזבעקן פלעגן אויף איר קוקן מיט תאוותדיקע אויגן, איר פאַרלייגן עסן, געלט, נאָר זי האָט אָפּגעזאָגט און בעסער געוואַשן פּאַדלאָגעס. נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל האָט זי שוין נישט געקאָנט אַרבעטן און אַוועק איבער די יידישע שטובן בעטלען. לעצטנס זעט מען זי שוין נישט, אוודאי געפאַלן ערגעץ הינטער אַ פּלויט, אָדער אַרעסטירט געוואָרן.

**
*

עס איז געווען פּאָפּולער אין סאַמאַרקאַנד אַ יונגע יידישע פרוי פון גאַליציע, זי איז געווען אַן אָנפירערין פון אַ בריגאַדע גנבים. זי איז געווען שטאַרק, ווילד, הפקר און געקאָנט זיך שלאָגן מיט דריי מענער. מען האָט זי געכאַפּט און איינגעזעצט אין דער מיליץ. דעם דיזשור האָט דעמאָלט געהאַלטן דער אַלטער יידישבוכאַרישער מיליציאָנער דוד. פאַרן גיין אויף זיין פּאָסטן, דאַוונט ער פריער אָפּ אין שטוב. זיין יונגעלע האָט געאַרבעט ביי אונז אין אַרטעל, זיך געלערנט שוס־

טעריי. ווען דער דוד האָט אַריינגעפירט די גנבטע אין דער פרויען־קאַמער, האָט זי, כדי צו באַווייזן זיך פאַר די רוסישע גנבטעס אין קאַמער, אַז זי איז אַ „קאָזאַק", אַז מען דאַרף פאַר איר מורא האָבן, האָט זי אויפגעהויבן דאָס קלייד, באַוויזן זיך אַזוי פאַרן בוכאַרישן מיליציאָנער און אים געזאָגט עטלעכע פּרעכע זנות־ווערטער. שפּעטער האָט ער זי אַרויסגערופן און געזאָגט צו איר:

— טי ישראל, אני ישראל, זאַטשעם טי טאַק פּלאָכאַ, פּלאָכאַ דיעלאַלאַ?
(פּאַרוואָס האָסטו אַזוי געמיין, געמיין, באַטרעטן).

די גנבטע האָט פריער נישט געוווּסט, אַז דער מיליציאָנער איז אַ ייד און זי האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט. זי האָט אים אַרומגענומען און זיך פונאַנדערגעוויינט. אויך דער מיליציאָנער האָט זיך פונאַנדערגעוויינט און איר געזאָגט אין אַ צעבראָכענעם לשון קודש:

— אני ישראל, חטא, עבירה, מוחל, מוחל.

***

געווען דאָ אַ יונגע פריילין מיט איר טאַטן, זיי האָבן גערעדט נאָר דייטש און ערשט דאָ זיך אויסגעלערנט רעדן אַביסל יידיש. די פריילין דרייט זיך אַרום אין דער טשאַיכאָנאַ וווּ עס קומען די ספּעקולאַנטן, גאָלד־סוחרים, הענדלער פון ברויט־קאַרטן. זי גייט אָפּט אַוועק מיט וועמען פון די סוחרים צו אים אין שטוב אַריין. אָבער פאַרן אַוועקגיין פאַרברענגען אין ליבע, מוז יענער איר פאַרויס געבן געלט אויף אַ לעפּיאָשקע און טעפּל טיי פאַר איר טאַטן. דער טאַטע שטייט אין אַ זייט, זעט אַלץ, קרעכצט און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, מאַכט זיך נישט זעען. זי טראַכט קודם וועגן עסן פאַר איר טאַטן, כאָטש זי אַליין איז נאָך אַלץ נישט געקומען צו זיך נאָך דעם טיפוס. די האָר זיינען איר נאָכנישט צוריק אָנגעוואַקסן, איז דאָר ווי אַ שפּאָן, שלעפּט קוים די פיס.

אָבער לעצטנס פאַרדינט שוין דער טאַטע אַליין, האַנדלט מיט פּראָדוקטן, דאָס מיידל זעט שוין בעסער אויס, אָנשטענדיקער אָנגעטאָן און האָט שוין אפילו זיך אויסגעזוכט אַ גאַנץ לייטישן חתן.

***

דער אַקטיאָר אַר., גראָד דעמאָלט ווען אַלע האָבן געהונגערט, איז עס אים געגאַנגען גוט. ער האָט גוט געגעסן, געגאַנגען עסן מיטאָג אין אַ פּריוואַטער גאָר־קיך ביי אַ פּוילישן ייד, אויסגעטרונקען אַ גלעזל שפּירט, געלעבט רואיק און צו־פרידן. עס האָט אים אויסגעהאַלטן אַ יונגע פרוי, אַ יידיש־רוסישע, וועלכע איז געפאָרן יעדע צוויי וואָכן קיין טשקאַלאָוו (אוראַל) שפּעקולירן, געפירט הין און צוריק סחורות און היפּש פאַרדינט. מען האָט זי געכאַפּט און איינגעזעצט. אַר. האָט נאָך אַ לאַנגע צייט געהאַט פון וואָס צו לעבן, ווייל זי האָט געלאָזן ביי אים אירע זאַכן. עס האָט זיך אָבער פאַרט אַלץ אויסגעלאָזן און איצט הונגערט ער אונטער.

ער האָט שוין איצט פאַר יעדן אָפּטער איבערדערציילט זיין חכמה, וואָס ער טראָגט זיך שוין אַרום דערמיט עטלעכע יאָר:

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די טיפוס־עפּידעמיע, האָט געהאַנגען אין אַלע עפנטלעכע ערטער אַן אַפיש, וואָס האָט גערופן אכטונג צו געבן אויף ריינקייט. עס איז דאָרט געווען אויסגעמאָלן אַ גרויסע לויז. זאָגט אַר.:

— פאַרוואָס, מיינט איר, איז די לויז אַזוי גרוים? ווייל זי איז שוין אַלט פינפאונצוואנציק יאָר (אַן אָנדייטונג אויף די יאָרן זינט דער רעוואָלוציע).

עס האָט זיך אָבער נישט געוואָלט הערן קיין חכמות וועגן דער רעוואָלוציע פון מענטשן, וועלכע האָבן איבער דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה גאָרנישט געליטן, געווען שטענדיק גוט אָנגעטאָן, גוט געגעסן, געהאַט געלט, געווען זאַט און צופרידן. פון די מענטשן וויל זיך נישט הערן קיין חוזק איבער דער סאָוועטישער אָרדנונג — עס איז נישט זייער זאַך.

**
*

אַ צווייטער פון די אַקטיאָרישע קרייזן, האָט ווידער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַן אַנדערער חכמה:

— עס וואָלט שוין געמעגט אויף „זיי" אויך קומען אַ וויסטער סוף.

פרעגט מען אים:

— ווען?

ענטפערט ער אָפּ:

— אפילו שוין, איז שוין אויך צו שפּעט.

און אַז דער סוף איז נישט געקומען, האָט ער זיך דערווייל אויסגעזוכט אַ לייכטע פרנסה.

אַוועק צו מענטשן וועלכע האָבן אומלעגאַל געהאַנדלט, אָדער געאַרבעט אין געהיים ביי זיך אין שטוב און זיי שאַנטאַזשירט. מען זאָל אים געבן שווייג־געלט, אַז נישט, גייט ער מעלדן אין דער מיליץ. ער האָט צום סוף אַליין גענומען מאַכן לינקע געשעפטן און אַריינגעפאַלן אין טורמע.

**
*

די נצחונות פון דער רויטער אַרמיי האָבן זיך פאַרשטאַרקט פון טאָג־צו־טאָג. מען האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. די פאַרלייכטערונגען האָבן זיך גענומען פילן אומעטום, די לופט אפילו איז געוואָרן אַן אַנדערע.

דעם היינטיקן יום־כיפור האָט מען אין אונזער אַרטעל נישט געאַרבעט. עס איז געווען אַן אינסטרוקציע אין אַלע פאַבריקן און אַרטעלן, אַז אויב די פוילישע יידן וועלן יום־כיפור נישט קומען צו דער אַרבעט, זאָל מען זיי דאָס פאַרשווייגן, זאָל מען נישט מאַכן קיין פּראָצעסן פאַר „פּראָגול".

אין אונזער אַרטעל האָבן געאַרבעט סרוב יידן, מייסטנס רוסישע, אויך עטלעכע פוילישע, בוכאַרישע, עטלעכע רוסן, אוזבעקן און טאַטערן. האָט מען געבעטן די נישט־יידישע אַרבעטער מסכים זיין אויף צו אַרבעטן זונטיק און רוען יום־כיפור. זיי האָבן איינגעוויליקט. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל זינט לאַנגע יאָרן, אַז יום־כיפור וועט זיין געשלאָסן אַן אַרטעל. אונזער ביישפּיל האָבן נאָכגעטאָן אויך אַנדערע אַרטעלן, וווּ ס׳האָבן געאַרבעט אַ סך יידן. אַלס תירוץ האָט געדינט דאָס, אַז

די פוילישע יידן וועלן סיווי נישט קומען צו דער אַרבעט, וועט דעריבער אַלצאיינס זיין שווער דורכצופירן אַ נאָרמאַלן אַרבעטסטאָג.

עס איז שוין נישט דאָס ערשטע מאָל אויסגעקומען זיך צו איבערצייגן אין דעם, וואָס פאַרא איבערקערעניש עס האָבן דאָ אָנגעמאַכט אין די מוחות און הערצער פון דעם רוסישן יידנטום — אונזערע יידיש־פוילישע פליטים.

איצט האָבן זיי געוואָגט צו אַזאַ אָפענער טאַט, ווייל עס איז איבערהויפט לייכטער געוואָרן מיט דעם ענין רעליגיע. עס איז געעפנט געוואָרן אין שטאָט די אַמאָליקע רוסישע צערקווע, נאָך עטלעכע מעטשעטן, אוזבעקישע בעטלער זיצן שוין אויף די גאַסן מיטן קאָראַן אויף דער שויס און לייענען הויך אַרויס פון אים קאַפּיטלעך. אין מאָסקווע איז געוואָרן טעטיק די יידישע קהילה, וועלכע האָט אפילו געעפנט אַ ביוראָ פאַר אויסזוכן קרובים אין אויסלאַנד.

אוודאי געפונען זיך סקעפּטיקער, וועלכע זאָגן, אַז דאָס וועט אַ ליאַדע טאָג זיך ענדערן און יעדער וואָס וועט זיך דערוויל לאָזן כאַפּן אויף דער ווענדקע, וועט דערפאַר טייער באַצאָלן.

ווען די מאַכט האָט נייטיק נאַרעריי, נאַרט זי אָפּ, נאָר אפילו ווען עס איז שוין נישט נייטיק, נאַרט זי אויך, ווייל עס איז שוין געוואָרן אירס אַ נאַטור, ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם רעזשים, סיסטעם, אָרדנונג.

נאָר ווען מען שענקט אַביסעלע פרייהייט, כאַפּט מען עס אַריין גיריק, ווייל מען נישט טראַכטן וואָס עס וועט זיין מאָרגן.

(אין אַ צייט אַרום איז אין ביוראָ פאַר אויסזוכן קרובים אין אויסלאַנד, ביי דער מאָסקווער קהילה, אַריין די ענקאַוועדע, דורכגעפירט אַ רעוויזיע, צוגענומען אַלע דאָקומענטן, אָנגעלאָדן אויף אַן אויטאָ און דאָס ביוראָ אויף תמיד געשלאָסן).

אונזער אַלטער אוזבעקישער שוסטער־פילאָזאָף הייבט אויף די הענט צו אַללאַך און זאָגט צו מיר אַזוי:

— איך וואָלט זיי שוין מוחל געווען די קאָמוניסטן דאָס, וואָס זיי גלייבן נישט אין גאָט, ערגער איז אָבער דאָס, וואָס זיי גלייבן נישט אינם מענטש!

עס איז שוין לאַנג שטיל געווען

קאַפּיטל א

אין דער נאַכט פון זעקסטן אויפן זיבעטן נאָוועמבער 1943, האָט די רויטע אַרמיי אָפּגענומען פון די דייטשן די שטאָט קיעוו. די ידיעה איז פאַר אַלעמען געווען אַ גרויסע פרייד. מען איז געלאָפן צו שכנים און באַקאַנטע אָנזאָגן די גוטע בשורה. איצט איז שוין קלאָר, אַז די מפּלה פון דייטש איז אַ געזיכערטע און זי דערנענטערט זיך מיט ראַשע טריט.

מיר האָבן אין אונזער קרייז איינגעאָרדנט אַ שמחה, געטרונקען וויין, געזונגען לידער, געווונטשן דער רויטער אַרמיי ווייטערדיקע נצחונות, די דייטשן — אַ באַלדיקע מפּלה און וויסטן סוף! — זיך אַליין — אַז מיר זאָלן נאָך דערזען לעבעדיק אונזערע אייגענע און נאָנטע, זיין מיט זיי צוזאַמען.

אַז בערעלע שמאַיעוויטש איז שוין געווען אַביסל באַטרונקען, האָט ער זיך פאַרנומען אויף אַ דיסקוסיע. ער וואַרפט אונז פאַר, אַז מיר ווילן טאַקע ערנסט, אַז די דייטשן זאָלן ליידן אַ מפּלה, מיר מיינען אָבער נישט ערנסט מיט דעם ווונטש — אַז די רויטע אַרמיי זאָל זיגן. לויט אים, וואָלטן מיר זיך גיכער געווונטשן, אַז די אַליאירטע אַרמייען, די ענגלענדער און אַמעריקאַנער, זאָלן פריער אַריין קיין בערלין און פּוילן.

ער וואַרעמט אויך אויף דעם אַלטן וויכוח וועגן די אומגעקומענע עלף טויזנט פּוילישע אָפיצירן אין קאַטינער וואַלד. טייל מיינען טאַקע, אַז דאָס האָבן געטאָן די סאָוויעטן, ווייל מען האָט געוווּסט אַז אין יאָר 1941, דאָרט ווו די מאַכט האָט נישט באַוויזן צו עוואַקואירן די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, האָט זי זיי דערשאָסן אויפן אָרט. חוץ דעם זיינען אין סאַמאַרקאַנד געווען עטלעכע פרויען, וועלכע האָבן געהאַט זייערע מענער, פּוילישע אָפיצירן אין געפאַנגען־לאַגער ביעלסק ביי סמאָלענסק. דעמאָלט, ווען די פרויען האָבן זיך נאָכגעפרעגט ביי דער מאַכט אויף זייערע מענער, וועלכע האָבן דאָך באַדאַרפט באַפרייט ווערן בעת דער אַמנעסטיע אין אויגוסט 1941, האָט מען זיי געענטפערט, אַז די אַלע פּוילישע אָפיצירן פון דעם ביעלסקער לאַגער (אין קאַטינער וואַלד) האָט מען עוואַקואירט אויפן ווייטן צפון, אין זאַפּאָלאַריע, עס דאַרף דויערן עטלעכע חדשים ביז זיי וועלן פון דאָרטן צוריקקומען. איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט זיי נישט עוואַקואירט פון דאָרטן, נאָר זיי זיינען געוואָרן דערשאָסן. מען ווייסט נישט פון וועמען, צי פון די אָפּטרעטנדיקע רוסן, צי פון די אָנגרייפנדיקע דייטשן.אַלנפאַלס זיינען ביידע צדדים פעאיק אויף אַזאַ טאַט.

שמאַיעוויטש וויל אָבער וויסן אויף קלאָר, מיט וועמענס צד מיר האַלטן. צי מיט די רעאַקציאָנערע פּאָליאַקן, וועלכע טענהן, אַז דאָס האָבן דערשאָסן די סאָוויעטן, צי מיט די וועלכע האַלטן, אַז דאָס האָבן געשאָסן די דייטשן. ווי אַזוי אָבער מען וועט נישט זאָגן, וועט בערעלע שמאַיעוויטש זיך אַרויסזאָגן קעגן. ער איז אַ צולהכעיסניק און האָט סתם ליב אַלעמען איבערצושפּאַרן. זיין גרעסטע טענה קעגן די דייטשן איז נאָר די, — פאַרוואָס זיי פאַרכענען געשמדטע אויך פאַר

ייִדן, פֿאַרוואָס מען קען זיך ביי די דייטשן נישט אויסקויפֿן מיטן פּרייז פֿון שמד, ווי אַמאָל אין שפּאַניע.

מיך אַרט דאָס דווקא נישט. איך דערצייל אים, אַז פֿאַר דער מלחמה, בשעת אַ שמועס מיט מיין פֿרוי, האָב איך זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז ווען אונזער קינד וואָלט זיך אָפּגעשמדט, וואָלט עס נישט נאָר געוואָרן אויס מיין קינד, נאָר איך וואָלט גיכער דעמאָלט באַשטאַנען, אַז עס זאָל מער נישט לעבן. איצט, זאָג איך אים, ווען דער דייטש ברענגט אום ייִדישע קינדער, איז ווען איך וואָלט וויסן, אַז מיין קינד קאָן זיך דערוויל ראַטעווען אין אַ קלויסטער, וואָלט איך שוין גראַד יאָ באַשטאַנען דערויף. אַלע ייִדישע קינדער וואָס דאַרפֿן אומקומען און קאָנען ראַטעווען זייערע לעבנס דורך דער קירכע וואָלטן עס אפשר באַדאַרפֿט טוען. אָבער דאָך בין איך צופֿרידן דערמיט, וואָס מען קאָן נישט אָפּקויפֿן דאָס לעבן ביים דייטש פֿאַרן פּרייז פֿון שמד.

שמאַיעוויטש האַלט פֿון דעם סאָוויעטישן רעזשים דערפֿאַר, ווייל מען קאָן זיך ביי זיי אָפּקויפֿן פֿון יעדן פֿאַרברעכן און שטראָף. איך נעם אים זידלען פֿאַר זיינע ציניש געגנג. מיר געפֿעלט דווקא נישט דאָס, וואָס מען קאָן זיך אויסקויפֿן פֿאַר געלט פֿון יעדן פֿאַרברעכן און שטראָף. און די וועלכע האָבן נישט קיין געלט זיך אָפּצוקויפֿן? איז קליינע גנבים גייען אין טורמע אַריין און גרויסע גנבים הוליען אויף דער פֿריי. איך זאָג שמאַיעוויטשן אַז ער האַלט פֿון כאַבאַר דערפֿאַר, ווייל ער האָט אַליין גענוג געלט, באַגייט אָפֿט חטאים און קויפֿט זיך שטענדיק אויס. דעריבער איז ער צופֿרידן פֿון אַזאַ סיסטעם.

ער צינדט זיך אָן. ער פֿאַרטראָגט נישט קיין שום באַליידיקונג, אָבער גלייכ־צייטיק האָט ער אַ ווייסטע הנאה ווען מען זידלט אים, עפּעס אַ סאַדיסטישע הנאה.

די שמחה קומט פֿאַר ביי אונזער שכנהטע, די ליטוואַטשקע מיט די צוויי יונגע טעכטער. בערעלע איז נישט גלייכגילטיק צו דער עלטערער, צווייאונצוואַנציקיעריקער טאָכטער. מען האַלט אים דאָ פֿאַר אַן אייגענעם. ער ווייסט נאָכנישט דעם גורל פֿון זיין פֿרוי און צוויי קינדער, וואָס ער האָט געלאָזן אין אוקראַינע.

די מיידלעך פֿאַרטראָגן נישט קיין פּאָליטישע דיסקוסיעס אין זייער שטוב, אַלע רעגן זיך אויף, מען קאָכט זיך, גוטע פֿריינט זאָגן זיך אַריין, מען פֿאַרנעמט זיך נישט מער מיט די פֿרויען און דאָס ערגסטע איז דאָס, וואָס די וועלנט האָבן אויערן — ווי עס זאָגט זייער מאַמע — אויב נישט קיין אויערן, איז אַזעלכע אונטערהער־אַפּאַראַטן. מען האָט שוין געהערט אַזעלכעס, איז זאָל מען בעסער אויפֿהערן מיט דער פּאָליטיק.

עס זיינען דאָ פֿאַרזאַמלט ביי אַ פּופּצן מענטשן. עס זיינען אויך דאָ די דריי יונגע ריגער פֿרויען. בערעלע האַלט אין איין טרינקען בראָנפֿן. עפּעס איז ער צע־רייצט. איז נישט קיין פּאָליטיק, נעמט ער זינגען אַ צווייידייטיק, פּאָרנאָגראַפֿיש לידל. דאָס איז גאָרנישט זיין שטייגער. ער נעמט אויך זאָגן גראָבע צווייידייטיקייטן צו איינער פֿון די פֿרויען. ער טשעפּעט זיך ווייטער צו מיר. עס קומט צו אַ שאַרפֿן ווערטער־אויסטויש און איך פֿאַרלאָז די שטוב. מען קומט אַרויס אויפֿן הויף מיך צוריק אַריינבעטן, אָבער איך זאָג, אַז כל זמן בערעלע שמאַיעוויטש וועט דאָרטן זיין, וועל איך נישט אַריינגיין. איך האָב שוין גענוג געליטן פֿון אים באַליידיקערײַ. איך קאָן נישט און וויל אים נישט שטענדיק פֿאַרשווייגן בלויז דערפֿאַר, ווייל ער האָט מיך געראַטעוועט מיט אַ פֿאַר הונדערט רובל נאָכן טיפֿוס.

איך שטעל זיך אָפּ אויף די קלייניקייטן און אויף דער פֿערזאָן פֿון בערעלע

שמאיעוויטש, ווייל זיי האָבן באַקומען ערשט שפּעטער זייער גרויסע באַדייטונג.

מיר ווינען נאָך אָבער אַלץ אין דער קליינער קיביטקע. צוליב איין אינצידענט און נאָך עטלעכע אינצידענטן, רייסט מען נאָכנישט איבער קיין פריינטשאַפט מיט אַ חבר, מיט וועלכן מען קען זיך פּופּצן יאָר.

קאַפּיטל ב

די ענקאַווערע זוכט אַרום אַ טוער פון „השומר הצעיר", אַ געוויסן אָסקאַר פון ליטע, וועלכער באַהאַלט זיך אויס. עס איז דערגאַנגען צו דער מאַכט, אַז אַ גרופּע „שומרים" לעבט אין אַ דאָרף ערגעץ צוזאַמען, און אַן אייגענער קאָמונע. זיי באַקומען צוגעשיקט אַ סך פּראָדוקטן און מלבושים־פּעקלעך פון פּאַלעסטינע און פּאַרטיילן עס גלייך צו אַלע „שומרים". דער אָסקאַר זאָל האָבן געווען אַמאָל אַ וויכטיקער טוער אין דער ליטווישער „השומר"־באַוועגונג. די מאַכט ווייסט דערפון, אַז די „שומרים" האָבן צווישן זיך אַ קאָנטאַקט אין גאַנצן לאַנד, דאָס ווערט שוין פאַרעכנט פאַר אַן אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע.

צו מיר אין שטוב קומען אָפּטמאָל אַריין עטלעכע פון די „שומרים". מיר שמועסן, דיסקוטירן. אַלע זיינען זיי דאָך דערצויגן אין אַ אידעאַליסטישן, עטישן גייסט. עס איז אַ נחת־רוח מיט זיי צו רעדן. איך ווייס, אַז מען זוכט אַרום זייער אָנפירער, אָבער איך פרעג ביי זיי ווייניק וועגן דעם. איך הער נאָר אויס דאָס, וואָס זיי דערציילן. זיי דערציילן גאַנץ קנאַפּ וועגן אַזעלכע ענינים, אָבער איך מיין, אַז זיי האָבן סיווי נישט קיין סך צו דערציילן, וואָס אויסצובאַהאַלטן. זייער חטא באַשטייט נאָר דערין, וואָס זיי האַלטן זיך צוזאַמען און שטיצן זייערע חברים, וועלכע ווינען אין אַנדערע שטעט.

אין אַ געוויסן פאַרנאַכט קומען אַריין צו מיר צוויי פון זיי, פּאַרסאַפּעטע, דער־נערוווירטע. זיי דאַרפן אויסבאַהאַלטן זייער'ם אַ חבר, וואָס ווערט געזוכט דורך דער נקווד. זיי ווילן אים אַוועקשיקן אין אַרבעטס־באַטאַליאָן, אויף אַן אַנדערן פאַמיליע־נאָמען, דאָרט וועט ער זיין געזיכערט. מען מוז אָבער פאַר אים האָבן אַ רויטאַר־מייאישן שינעל, כדי ער זאָל קאָנען דורכגיין איבער דער גאַס די פאָר קילאָמעטער צום באַן.

ביי מיין חבר בערעלע שמאיעוויטש איז פאַראַן אַן אַלטער רויטאַרמייאישער שינעל, וואָס ער וויל אים שוין לאַנג פאַרקויפן. איך רוף אַריין בערעלען פון אַרטעל און דערצייל אים אין וואָס עס האַנדלט זיך. ער איז נישט קיין קאַרגער, איז אַפילו ברייטגיביק און האָט ליב טאָן אַ טובה, ער גיט זיי אַוועק דעם שינעל פאַר צוויי־הונדערט רובל, כאָטש ער איז ווערט פיל מערער.

מען האָט שנעל אַוועקגעטראָגן דעם שינעל און יענעם בשלום דורכגעפירט צו דער באַן. איך האָב ביי זיי נישט געפרעגט וועגן וועמען עס האַנדלט זיך, איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט געדאַרפט זיין פאַר דעם אָסקאַרן.

אין אַ טאָג אַרום האָט בערעלע געהאַט אַן אומאַנגענעמלעכקייט:

אַ געהיים־אַגענט האָט אים געכאַפּט מיט צען פאָר לעדערנע זוילן. בערעלע, חוץ דעם וואָס ער האָט געגנבעט לעדער אין זיין אַרטעל, האָט ער נאָך אָפּגעקויפט לעדער ביי דער נאַטשאַלסטווע, געהאַנדלט דערמיט.

דער געהיים־אגענט האָט חוץ די צען פּאָר זוילן וואָס ער האָט צוגענומען, געוואָלט פון בערעלען נאָך אַ גרעסערע סומע כּאַבאַר. בערעלע האָט אָבער געהאַט קענטשאַפט מיט די מיליץ־אָנפירער און האָט דעריבער נישט געוואָלט געבן קיין כּאַבאַר דעם געהיים־אַגענט. ער האָט געהאָפט, אַז אין דער מיליץ וועט ער צוריקבאַקומען אויך די צען פּאָר זוילן און וועט אָפּקומען מיט אַ קליינעם כּאַ־באַר. דער געהיים־אַגענט האָט אים אַוועקגעפירט אין מיליציע.

זיין פרייליין, חנהלע, איר יונגערע שוועסטער, זייער מוטער, זיינען געזעסן אין שרעק און האַרץ־קלעמעניש. שוין עטלעכע שעה זינט ער איז אַוועק און מען זעט אים נאָכנישט צוריק. איך האָב אויך געהאַט דערפון עגמת נפש, געוועזן איבערגענומען, אָבער דאָך זיי געטרייסט און אויסגערעדט, אַז עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, מען וועט אים זיכער נישט פאַרהאַלטן, עס קאָן נאָר אויסגיין צו מער געלט. די פרויען האָבן מיר פאַרגעלייגט אַהינצוגיין אין מיליציע געוואָר ווערן. אָבער עס איז געוועזן צו גיין עטלעכע קילאָמעטער אין דער נייער שטאָט אַריין, עס איז שוין שפּעט ביינאַכט און סיווי וועל איך דאָרט גאָרנישט אויפטאָן. נישט איך קען זיך מיט דער מיליץ און, דעם אמת געזאָגט, האָב איך אויך מורא נאָנט צוצוגיין צו אַזעלכע אינסטיטוציעס, איך שרעק זיך אייביק פאַר פּאָליציי.

זיינען זיי בייז אויף מיר, איך בין נישט קיין געטריי איבערגעגע־בענער חבר, וויזט אים נישט אַרויס קיין הילף אין אַ נויט. האָב איך זיך שוין אויפ־געשטעלט גיין אין מיליץ, אפשר זיינען זיי טאַקע גערעכט, לאָמיך דאָרט אַהינגיין, האָט זיך געעפנט די טיר און בערעלע איז אַריינגעקומען.

עס איז געוואָרן אַ גרויסע פרייד אין שטוב. מען האָט אַרויסגענומען אַביסל וויין, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון דער שמחה לכבוד קיעוו און געטרונקען אַ לחיים.

בערעלע שמאַיעוויטש איז געוועזן זייער גערירט און צעבראָכן. עס איז, זעט אויס, נישט קיין פאַרגעניגן צו זיין פאַרהאַלטן אפילו עטלעכע שעה אין מיליץ. ער האָט דערציילט געניו ווי אַזוי עס איז דאָרט פאָרגעקומען.

מיר זיינען אַוועק אין אונזער שטיבל זיך לייגן. איך בין געוועזן צופרידן וואָס דער פאַל האָט זיך געענדיקט אַזוי גוט. בערעלע איז איצט צו מיר זייער פריינטלעך. אָן מיר, זאָגט ער, וואָלט ער נישט געקאָנט לעבן, מיין פריינטשאַפט האַלט אים אויף. איך זאָל אים נאָר נישט פאַריבל נעמען, אויב ער רעגט זיך אַמאָל אויף מיר אויף, דאָס האַרץ איז ביי אים קראַנק, די נערוון צעריסן און די בענקשאַפט צו זיין פרוי און קינדער גיט אים נישט קיין רו אינם לעבן, עס באַקומט אים גאָרנישט. אמתע, חברשע פריינטשאַפט פאַרטרעט אים דערוויל אַלץ.

ער איז איצט שטאַרק סענטימענטאַל און זינגט אַן אומעטיק, בענקשאַפט־לעך ליד.

איך אויפן ים קומט דער שטורם פּלוצלינג

פון אונזער הויף רעוואַקואירן זיך שוין די רוסישע שכנים צוריק אין זייערע באַפרייטע שטעט. עס דויערט עטלעכע וואָכן. יעדן טאָג גייט מען מיט די פּעקלעך צו דער באַן, מען קומט צוריק, אָדער מען ליגט אָפּ עטלעכע טעג אויפן וואָקזאַל. גרויסע שטחים אין רוסלאַנד, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, זיינען שוין באַפרייט

און די עוואַקואירטע פאַרן שוין צוריק אַהיים. אַ געבענטשט וואָרט „היים". מיר נעמען אויך שוין חלומען אַז פאַר אונז דערנענטערט זיך דער טאָג פון אַהיימפאָרן. זאָלן נאָר באַפרייט ווערן אונזערע שטעט, וועט מען זיך לאָזן מיט אַלע וועגן, מען וועט באַדאי גיין צופוס, קיין שום כוח וועט אונז דעמאָלט נישט קאָנען אָפּהאַלטן אָדער שטערן. מען וועט נישט וואַרטן אויף קיין דערלויבענישן, אויף אַן אָרט אין די באַנען — מיר וועלן לויפן אַהיים! אפשר וועלן מיר נאָך דערוויישן אונזערע אייגענע? אפשר וועל איך נאָך דערזען לעבעדיקע מיין קינד, פרוי, מאַמע, שוועסטער, ברודער, פריינט, חברים?

אַן אומרו ריזלט אין בלוט, עפּעס לויערט אַ שרעק אַרום און אַרום. דאָ איז נאָך אַ מעשה מיט מיינעם אַ נאָענטן חבר, אַ „השומר", משה לויפגאַס, וועלכער אַרבעט אַלס גלעזער אויפן לעדער־זאַוואָד. עפּעס איז מען געקומען אויפן זאַוואָד און זיך נאָכגעפרעגט אויף אים. לויפגאַס האָט מיט אַ צייט צוריק געהאַט זיך צעשמועסט דאָרטן אַביסל פרייער מיט צוויי רוסישע יידן. זאָלן זיי דאָס נישט האָבן אַמאָל צוגעטראָגן דער נקווד?

לויפגאַס גייט שוין נישט צו דער אַרבעט און שלאָפט שוין נישט אינדערהיים. ער שלאָפט ביי אונז אין שטוב. זיין פרוי האָט געשאַפן פאַר אים אַן אָרט צו אַרבעטן אין אַ קאָלכאָז. היינט אָוונט וועט ער אַוועקפאָרן אין דעם קאָלכאָז.

איך בין איבערגעשראָקן. עס דוכט זיך מיר, אַז פרעמדע מענטשן דרייען זיך אַרום דער שטוב, קוקן אונז נאָך, אָבער שמאַיעוויטש שרייט אויף מיר אָן, אַז איך בין אַ פּאַניק־מאַכער, מען דאַרף זיין רואיק און זען, אַז לויפגאַס זאָל בשלום אַוועק אין קאָלכאָז.

דער היינטיקער טאָג איז פאַר מיר אַ גרויסער יום־טוב. איך האָב באַקומען אַ טעלעגראַמע פון מיין ברודער אברהם, אין אַמעריקע, טשיקאַגאָ. שוין פיר יאָר נישט געקריגן פון אים קיין בריוו, נישט געוווסט שוין זיין אַדרעס און ער האָט פון מיר נישט געוווסט. היינט איז מיר אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע.

איך זעץ זיך גלייך אַוועק אים אָנשרייבן אַ בריוו. דער בריוו ווערט מער דורכגענעצט מיט טרערן ווי מיט טינט.

פריידיקע שעהן, אומרואיקע שעהן. איך גיי אין דער נייער שטאָט. אין ביכער־מאַגאַזין געלונגט מיר היינט צו באַקומען מיינס אַ באַליבט ביכל, די בריוו פון סענעקאַ צו זיין פריינט לוציליוס. עס איז אַן אויסגאַבע פון מיט פערציק יאָר צוריק. עס איז נאָך ווי ניי, געבונדן אין לעדער, פון אַ קליינעם טאַשן־פאָרמאַט און קאָסט בסך־הכל פערציק רובל. איך פריי זיך מיט דעם ביכל, איך לייען עס באַלד אויף דער גאַס.

ביינאַכט זיצן מיר אין שטוב פון דער ליטווישער שכנהטע. די טעכטער זיינען שוין דאָ צוריק פון דער אַרבעט. זיי האָבן זיך שוין אָנגעטאָן זייערע ווייסע בלוזקעלעך, די מוטער קאָכט פאַר אונז אַ ספּעציעל מאָלצייט. אין שטוב איז איצט געהייצט, עס איז וואַרעם, געמיטלעך. אין דרויסן איז קאַלט, עס פאַלט אַ שניי, עס איז היינט דער 24־טער פעברואַר 1944. דאָס טויער פון הויף האָט מען שוין פאַרריגלט. לויפגאַס איז שוין אַוועקגעפאָרן אין קאָלכאָז. איך לייען פאַר זיי פאַר פראַגמענטן פון סענעקאַ. דער רוימישער פילאָזאָף שרייבט אַזוי לייכט, פעליעטאָן־מעסיק, אַז עס איז פאַר אַלעמען פאַרשטענדלעך. עס קילט און היילט זיין סטאָיציזם, זיין רוף צו זיין רואיק, אויפצונעמען אַלץ אין לעבן מיט רעזערווירטקייט, גלייכגילטי־

קייט, זיך מיט גאַרנישט איבערנעמען. ער רעדט ווי אַ פּרוש, ווי אַ הייליקער.

דער מענטש, זאָגט ער, ווייסט קיינמאָל נישט וואָס הינטער אים גייט, דער גורל שטעלט זיינע שטילע, באַהאַלטענע טריט, עס קומט אַלץ אומגעריכט, אָבער אויב דער מענטש איז צו אַלעם צוגעגרייט, טרעפט אים גאַרנישט אומדערוואַרט. דער ים, זאָגט ער ווייטער, איז שטיל און רואיק, דער שטורעם ברעכט אויס פּלוצלינג, אַזוי איז אויך אינם לעבן פונם מענטש. נאָר שטענדיק דאַרף מען זיין רואיק, געפאַסט, צוריקגעהאַלטן, נישט ווערן איבעראַשט פון דעם פּלוצומדיקן שטורעם. דאָס מענטשלעכע לעבן, ווי דער ים, פליסט רואיק און שטיל, אָבער דער שטורעם וועט אים נישט אויסמיידן, דערויף איז עס אַ ים.

מען קלאַפּט אין טויער. איך רייס איבער דאָס לייענען. ווער קאָן דאָס איצט קלאַפּן אין טויער? אַלע שכנים זיינען שוין דאָ אין הויף. מען קלאַפּט שטאַרקער און עס הייבט שוין אָן אונז צו באַאומרואיקן. איך גיי אַרויס און פרעג זיך ווער עס קלאַפּט. מען ענטפערט:

— פון וואָיענקאָמאַט!

איך לויף שנעל צוריק אין שטוב אַריין און זאָג שמאַיעוויטשן, אַז מען איז געקומען פון וואָיענקאָמאַט, דאָס איז אוודאי צו אים. ער איז עפּעס נישט אין אָרדנונג לעצטנס מיט די מיליטערישע דאָקומענטן און מען רופט אים אָפט דאָרט אַהין. אָבער יעדעס מאָל געלונגט אים זיך אַרויסצודרייען און מען באַפרייט אים ווייטער אויף אַ צייט פון מיליטער־דינסט.

אין שטוב ווערט אַ בהלה, מען לעשט אויס דעם נאַפט־לאָמפּ און מירביידע גייען אַרויס אין הויף אַריין עפענען דאָס טויער. אָבער איינער פון די אָנקלאַפּער איז שוין אַריבערגעשפּרונגען איבערן פּלויט, זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז מען וועט אים עפענען דאָס טויער, מורא געהאַט, זעט אויס, אַז שמאַיעוויטש וועט דערווייל אַנטלויפן. מיר האָבן געעפנט דאָס טויער און עס איז אַריינגעקומען נאָך אַ צווייטער. ביידע זיינען זיי אין ציוויל.

זיי פרעגן אונזערע פאַמיליע־נעמען, פאָדערן דאָקומענטן און הייסן אויפעפענען אונזער שטיבל.

שמאַיעוויטש איז טויט־בלאַס. עס קאָן זיין, אַז זיי זיינען גאַרנישט פון וואָיענקאָמאַט, נאָר פון דער מיליץ, מען איז אוודאי געקומען צו אים זוכן לעדער. איך ווייס נישט צי ער האָט היינט ליגן לעדער אין שטוב. איך בין, פאַרשטייט זיך, אויך אויפגערעגט, ווי עס זאָל נישט זיין, איז מיט מיליץ נישט אנגענעם צו האָבן צו טאָן. זיי פרעגן מיך נאָכאַמאָל מיין פאַמיליע־נאָמען, פאָר־ און פאָטער־נאָמען, געבורטסאָרט, דאַטע, באַקוקן גוט מיין פאָטאָגראַפיע אויפן פּערזענלעכן דאָקומענט.

זיי זיינען געקומען, זאָגן זיי, דורכפירן ביי אונז אַ רעוויזיע. איך פאָדער פון זיי אַ פּולמאַכט, וואָס זאָל באַשטעטיקן זייער רעכט אויף אַ שטוב־רעוויזיע. שמאַיעוויטש איז אינגאַנצן צעטראָגן און פאַרלוירן. זיי דערלאַנגען מיר אַן אָרדער. עס איז פון דער נקווד. דאָרט איז באַמערקט בלויז מיין נאָמען. אין דעם אָרדער שרייבט זיך, אַז מען דאַרף ביי מיר דורכפירן אַ רעוויזיע און מיך אַרעסטירן.

איך שריי אויף! דאָס געשריי פאַרהאַקט זיך מיר אין דער קעל. אַן אָרדער אויף רעוויזיע און אַרעסט?! מיך?! מיך??!!

די צוויי ציווילע לייט ציען אַרויס רעוואָלווערן פון די טאַשן, הייסן מיך

אויפהייבן די הענט אין דער הויך, זיך אַוועקשטעלן ביי דער וואַנט און זיי רופן אוים:

— רירט זיך נישט פון אָרט! אין נאָמען פון נאַציאָנאַלן קאָמיסאַריאַט פאַר מלוכהשער געפאַרלאָזיקייט ביי דער נקווד דערקלערן מיר אייך:

— פון איצט אָן זענט איר אַרעסטירט!

צווייטער טייל

און ווידער גראַטעלעך... גראַטעלעך...

קאַפּיטל א

איך פיר אַ שמועס אין דער מחשבה מיט נעראָנ'ס לערער, דעם רוימישן פילאָזאָף סענעקאַ. אין די בריוו צו זיין פריינט לוציליוס שרייבט ער, אַז מען דאַרף זיך נישט איבערנעמען מיט שרעק פאַר די טיראַנען. אפילו ווען עס לויערט אויף דיר די סכנה פון דערמאָרדעט ווערן דורך זיי, איז אויך נישט כדאַי דערמיט זיך איבערצונעמען. היינט פאַלסט דו, מאָרגן וועט ער אַליין פאַלן, שטאַרבן וועט ער סיי־ווי־סיי, עס איז נאָר אַ פראַגע פון צייט.

פרעג איך אַצינד אין מיין תפיסה־קאַמער דעם פילאָזאָף סענעקאַ:

— אָבער ווען בעת דער אויספאָרשונג שנעלט מען דיר אין נאָז אַריין, וואָלסטו אויך געווען רואיק? ווען מען הייסט דיך קרייען ווי אַ האָן, מיאַוטשען ווי אַ קאַץ, שפּרינגען פון טיש — וואָלסטו אויך געווען אַזוי סטאָאיש רואיק, אַ, דו גרויסער סענעקאַ?!

שוין דעם דריטן טאָג זיץ איך אין דעם תפיסה־קעמערל ביי דער נקגב (נקווד). דאָס קעמערל איז 70 סענטימעטער די ברייט און אַנדערטהאַלבן מעטער די לענג. מען קאָן נישט פריי שטיין און מען קאָן אויך נישט ביים ליגן אויסציען די פיס. דער דיל איז אַ שטיינערנער. אין קעמערל איז גאָרנישט אַ חוץ אַ קליין עלעקטריש לעמפל אויפן הויכן סופיט. נעבן לעמפל איז צוגעפעסטיקט אַ האָקן, ער רייצט דיך. ווען דו וואָלסט שוין אפילו באַשלאָסן צו פאַרוואַרפן דיין העמד אויף דעם האָקן און פאַרוויקלען עס אין אַ פעטליע, איז שווער צו אים זיך אַרויפצוקריגן, דער סופיט איז הויך.

איך וויל זיך פרוון דאָס מאָל פאַרלאָזן אויף מיין קראַנק האַרץ, אפשר וועט עס מיר דינען. אפשר וועט עס שוין אויפהערן אַזוי ווילד צו קלאַפּן און זיך דאָך אָפּשטעלן, אָפּשטעלן אויף שטענדיק. איך וועל „דערלעבן" אַ נקמה אין מיינע אויספאָרשער, זיי וועלן זיך אויפהערן פרייען מיט זייערע קלוגע איינפאַלן, מיט זייער אויסטראַכטן אַלע מאָל נייע טאָרטורן איבער מיר.

און איך, איך וועל זיך שוין אויפהערן פּלאָגן און פייניקן. וואָס ווילן זיי פון מיר? וואָס האָב איך זיי געטאָן פאַראַ שלעכטס? און אַז איך בין נישט מסכים מיט זייער אידעאָלאָגיע, טאָ וואָס קומט מיר דערפאַר? איך האָב דען וועמען אַגיטירט, איך האָב דען וועמען אויפגעהעצט קעגן זייער מאַכט? איך, אַ גנראַטעוועטער ייד פון פּוילן, אפשר בין איך שוין אויך דער איינציק לעבנגעבליבענער פון מיין גאַנצער פאַמיליע, די דייטשן האָבן שוין אפשר אויסגעמאָרדעט מיין קינד, פרוי, מוטער, שוועסטער, ברודער, טאָ פאַרוואָס ווילן זיי, די סאָוויעטן, מיך, דעם לעצטן, אויך

אומברענגען? האָב איך דאָך נאָך געוואָלט דערלעבן צו דער פּולער נקמה איבער די דייטשן! פאַרוואָס שלאָגן זיי מיך און פּייניקן? אין נאָמען פון וואָס? בין איך דאָך פון מיינע יונגסטע יאָרן אָן אַ סאָציאַליסט, בין איך דאָך אַליין אַן ארבעטער, אַ זון פון אָרימע עלטערן, דער טאַטע איז קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט און יונג געשטאָרבן צוליב קלעפּ פון פּוילישע כוליגאַנעס. האָב איך דאָך אַליין אויך עפּעס צושטייער געגעבן דעם סאָציאַליזם מיט מיינע עטלעכע ביכער, וועלכע זיינען גע־לערנט געוואָרן אויף די קרייזן פון דער סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער יוגנט, געלייענט געוואָרן דורך טויזנטער אַרבעטער.

וואָס האָבן צושטייער געגעבן אָט די קיילער־יונגען פון דער נקוּוד, וועלכע זיינען געבוירענע סאַדיסטן, רשעים, וועלכע שלאָגן מיך מיט אַזאַ הנאה? וואָס ווייסן זיי וועגן אַ סאָציאַליסטישן אידעאַל? וואָס האָבן זיי צושטייער געגעבן דעם סאָציאַליזם?

קאַפּיטל ב

ערשט דריי טעג ווי איך זיץ אין דעם טורמע־קעמערל און עס זעט מיר שוין אויס ווי לאַנגע יאָרן, אַ ווייטע פאַרגאַנגענהייט, אַ ווייטע, פאַרשווונדענע וועלט, וואָס איך וועל שוין, מסתמא, קיינמאָל מער נישט אָנזען.

ערשט מיט דריי טעג צוריק זיינען ביינאַכט אַריינגעקומען אין מיין קיביטקע צוויי ענקאַווועדיסטן, אַרויסגענומען דעם אָרדער און מיר מיטגעטיילט אַז איך בין אַרעסטירט. זיי האָבן אַרויסגעצויגן רעוואָלווערן, מיך אַוועקגעשטעלט ביי דער וואַנט מיט אויפגעהויבענע הענט און האָבן אָנגעהויבן אַ רעוויזיע אין שטוב.

איך בין אומגעפאַלן. מיין חבר בערעלע שמאַיעוויטש האָט מיך באַגאָסן מיט וואַסער. די ענקאַווועדיסטן האָבן מיר דערלויבט זיך אַוועקצוזעצן אויף אַ בענקל, נאָר מיטן תנאי זיך נישט צו רירן פון אָרט, נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט. איך האָב אָבער דאָך נאָך געזאָגט צו מיין חבר בלויז די ווערטער:

— איצט איז מיט מיר געענדיקט! נאָכאַמאָל תפיסה וועל איך שוין נישט אויסהאַלטן.

זיי האָבן אַריינגערופן אַ שכנה׳טע, דאָס יידישע מיידל פון פּוילן, מאַרוסיאַ, אַז זי און שמאַיעוויטש זאָלן זיין אָנוועזנד ביי דער רעוויזיע, ווי עס פאָדערט דער זאַקאָן.

דאָס ערשטע האָט דער ענקאַווועדיסט אַראָפּגעריסן די דריי בילדלעך פון דער וואַנט. ער האָט אַזאַ האַסטיקן ריס געטאָן די „דזשאַקאָנדאַ", ווי זי וואָלט זיין עפּעס אַ מיאוסע זאַך, אויך זייערס אַ קעגנערין. זיי האָבן אויפגעעפנט די רענצלעך, דורכגענישטערט יעדע קלייניקייט, מלבושים, צייטונגען, ביכער, פאָטאָגראַפיעס. איך האָב געבעטן די ענקאַווועדיסטן איבערצולאָזן מיינס אַ פאָטאָ ביי מיין חבר שמאַיעוויטש. זיי האָבן מיר דאָס דערלויבט.

צוויי שעה צייט האָט געדויערט די רעוויזיע און דאָס צוזאַמענשטעלן דעם פּראָטאָקאָל. איך בין געזעסן אויפן בענקל אַ געליימטער, אַלע כוחות זיינען מיר מיטאַמאָל אויסגערונען, ווי איך וואָלט שוין געלעגן קראַנק לאַנגע חדשים. די ליפּן זיינען מיר געוועזן פאַרטרוקנט, די צינג פאַרדאַרט, דאָס האַרץ האָט זיך געוואָרפן

און נאָר געוואַלט אַרויסשפּרונגען. בערעלע האָט מיר אַלע מאָל דערלאַנגט אַ שלונג וואַסער. ער איז אויך געווען געל, איבערגעשראָקן און די הענט האָבן אים געציטערט.

די ענקאַוועדיסטן האָבן מיך געהייסן מיטנעמען אַ דעק, וועש, מלבושים. איך קאָן מיטנעמען אַלץ וואָס איז נאָר דערלויבט צו האָבן אין טורמע. זיי זאָגן מיר גאַנץ פֿריינטלעך:

— מען וווייסט נאָר ווען מען גייט אַריין אין טורמע, אָבער קיינמאָל נישט ווען מען גייט אַרויס.

אין איינעם פֿון די צוויי האָב איך דערקענט דעם, וואָס איך האָב אָפֿט געזען די לעצטע טעג אין אונזער געסל זיצן אויף אַ שטיין, אָדער אַרומדרייען זיך. ער האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ שוואַרץ־אַרבעטער, נישט ראַזירט, אין אַ צעריסענער פּופּייקע, צעריסענע שיך. איצט איז ער געקליידט עלעגאַנט.

ביים אַרויספֿירן מיך פֿון שטוב האָבן זיי אויסגעשטרעקט די רעוואָלווערן און מיך געוואָרנט נישט צו אַנטלויפֿן. איך בין געגאַנגען מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס. ביי דער ליטווישער שכנה'טע איז געווען פֿינצטער, איך האָב אָבער פֿאַרשטאַנען אַז זיי שלאָפֿן נישט, נאָר שטייען מיט שרעק ביים פֿענצטער און קוקן אַרויס. איך וואָלט זיך וועלן מיט זיי געזעגנען. איך האָב זיך די לעצטע טעג מיט זיי נאָענט באַפֿריינדעט, ווײַלע און סימפּאַטישע מענטשן, סיי די מאַמע, סיי די צוויי יונגע טעכטער.

איך האָב זיך דאָס לעצטע מאָל אַרומגעקוקט איבערן פֿינצטערן הויף, געזען די דריי קליינע, פֿאַרשנייטע ביימלעך, דעם ליימענעם פּאַרקן איבער וועלכן ס'איז פֿריער אַריבערגעשפּרונגען איינער פֿון די ענקאַוועדיסטן, דאָס צעבראָכענע, היל־צערנע טויער. דאָס האַרץ האָט זיך תיכּף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און ווידער האַסטיק אַ שלאָג געטאָן מיט אַ וואַרעמער כוואַליע בלוט. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מײַן חבר בערעלע שמאַיעוויטש און אים געוווּנטשן אַ זײַ־געזונט. ער האָט זיך מיט מיר צעקושט.

מען האָט מיך אַריינגעפֿירט אין דער שכנותדיקער מיליציע און פֿון דאָרט טעלעפֿאָנירט אין נקווד, אַז זיי זאָלן אַרויסשיקן אַן אויטאָ. ביים אַרויסגיין צום אויטאָ האָב איך געזען די ייִדישע אַרטיסטן אַהיימגיין פֿונם טעאַטער.

מען האָט מיך אַריינגעזעצט אין אַ פֿאַרמאַכטן פּאַסאַזשיר־אויטאָ. דאָס צווייטע מאָל פֿאָר איך אין רוסלאַנד אין אַ פּאַסאַזשיר־אויטאָ, ביידע מאָל אַלס אַרעסטאַנט.

נאָכן אויסטאָן זיך נאַקעט, נאָך דער לייב־רעוויזיע, נאָכן דורכקוקן אַלע מײַנע זאַכן, נאָכן צונעמען מיר דאָס זייגערל, דעם רימען פֿון די הויזן, די שיך־בענדלעך, האָט מען מיך גלײַך אַרויפֿגעפֿירט צו דער אויספֿאָרשונג.

קאַפּיטל ג

דער סליעדאָוואַטעל איז נאָך אַ יונגער, פֿאַר די דרײַסיק. דאָס איז דער זעלבער וואָס האָט מיך אַרעסטירט. זײַן פּנים איז קליין, אויסגעדאַרט, מיט אַ פֿאַרשפּיצטער גאָמבע פֿון אַ כאַרט־הונט, בלאָנדע ליין־האָר און קליינע וועוועריק־אייגעלעך. ער זעט מיר אויס ווי איינער פֿון די טויבן־יעגער אין אונזער שטעטל. אַצינד איז ער

שוין נישט געקליידט ציוויל, נאָר אין אַ מונדיר פון אַ לייטענאַנט פון נקווד, מיט גרויסע, נייע עפּאָלעטן.

ער האָט שוין פאַרשריבן מיינע פּערסאָנאַליען און מיר מיטגעטיילט, אַז איך ווער באַשולדיקט לויטן פּאַראַגראַף 66 פון אוזבעקישן שטראָף־קאָדעקס. אין דער רוסישער פעדעראַטיווער רעפּובליק פיגורירט דער פּאַראַגראַף אונטערן נומער 58 — קאָנטר־רעוואָלוציע.

איך ווער באַשולדיקט אין קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע.

דער סליעדאָוואַטעל האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען נאַגטיעוו. ער האָט זיך באַמיט אין אָנפאַנג צו שמייכלען, נאָר לאַנג קאָן ער דעם שמייכל נישט אָנהאַלטן, עס איז אים פרעמד אַזאַ מין אייגנשאַפט. ער איז מיך אויך נישט מכבד מיט קיין פּאַפּיראָס, ווי עס פירן זיך געוויינלעך די אויספאָרשער. ער ווענדט זיך צו מיר אויף „דו".

איך זע ווי ער מיאַרקירט און ווייסט נישט אין וואָס פאַרא טאָן אָנצוהויבן מיט מיר די אויספאָרשונג, מיט גוטן צי מיט בייזן. ער גיט אַ קוועטש ביי אַ קנעפּל אויפן טיש און עס קומט אַריין אַ צווייטער סליעדאָוואַטעל, אַן עלטערער פון אים. נאַגטיעוו שטעלט מיך פאַר אים פאַר, יענער שטרעקט אויס צו מיר די האַנט און — דערלאַנגט מיר אַ זעץ איבערן אויער. איך פאַל צריק אויפן שטול, עס פאַר־טויבט מיך אַ געקלאַנג, פאַר די אויגן פליען פונקען. איך הער קוים זייערע ביידנס געלעכטער. דער עלטערער זאָגט צו מיר:

— אַט אַזוי באַגריסן מיר זיך מיט פאָלקס־שונאים!

נאַגטיעוו גייט אַפּער פון הינטערן טיש, גייט אָפּ אין אַ זייט און פון הינטן־אַרום דערלאַנגט ער מיר אַ זעץ אין צווייטן אויער:

— איך דאַרף זיך דאָך אויך מיט אייך באַגריסן! איר זענט דאָך אַ חשובער מענטש! אַ שרייבער! דערצייל אַלץ, דו דייטשער שפּיאָן! אַלץ וועסטו אונז היינט אויסזינגען!

ווען איך האָב אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און אַביסל געקומען צו זיך, האָב איך זיי אָפּגעענטפערט:

— אויב איר וועט מיך ווייטער שלאָגן, וועל איך איבערהויפּט נישט רעדן!

נאַגטיעוו האָט מיר נאָכגעלאָזט אַ קאָפּ צווישן די שענקלען. איך האָב זיך איבערגעדרייט מיטן שטול. אויפגעשריגן פון איין ווייטיק, האָב איך באַלד דער־פילט אַנדערע. מען האָט אויף מיר געטרעטן, געשלאָגן איבערן קאָפּ, געקאָפּעט אין די זייטן. איך האָב אויפגעהערט שרייען און קוים נאָך געקאָנט קרעכצן. מען האָט מיך באַגאָסן מיט וואַסער און מיך צריק אַוועקגעזעצט אויפן שטול. עס איז שוין געשטאַנען אַ דריטער ענקאַוועדיסט, מיט אַ קוואָרט וואַסער אין דער האַנט. איך האָב אין אים דערקענט נאַגטיעווס באַגלייטער, אַן אוזבעק, וואָס איז מיטגעקומען מיך אַרעסטירן. ער רעדט צו מיר מיט אַזאַ שיכורער גוטסקייט:

— אָך, אַ רחמנות, אַ רחמנות, פאַרוואָס זאָל מען אייך שלאָגן? זייט זיך בעסער מודה, זייט זיך מודה, איר זענט דאָך אַ קראַנקער, נאָך אַ פּאָר קלעפּ און איר וועט נישט אויסהאַלטן! אַ שאָד, יעי באָגו, אַ שאָד, זייט זיך בעסער מודה!

די אַנדערע צוויי גייען אַרויס און עס בלייבט נאַגטיעוו אַליין. ער פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס.

— איך וויל גלייבן, אַז דו וועסט מיך נישט פאַרשעמען פאַר מיין נאַטשאַל־

סטווע. איך בין נישט אויסן דיך צו שלאָגן, איך דאַרף נאָר דורכפירן מיינס, אַז דו זאָלסט זיך אין אַלעם מודה זיין. איך וועל דאָך נישט באַווייזן פאַר מיין נאַטשאַלסטווע, אַז איך בין אַ שלימזל און קאָן פון דיר נישט אַרויסבאַקומען דעם אמת. עס איז בעסער פאַר דיר. דו מיינסט, אַז מיר וועלן דיך דערהרגענען? האָסט אַ טעות, אַזאַ גליק וועט דיר נישט געשעען! אייגנטלעך דאַרפן מיר גאָרנישט אַז דו זאָלסט זיך מודה זיין, מיר ווייסן סיווי אַלץ, אפילו מער וויפל דו אַליין ווייסט. פאַר דער נקווד זיינען נישט פאַראַן קיין סודות. זי איז אַל־וויסיק און אַלמעכטיק. אומעטום, נישט נאָר אין אונזער לאַנד, נאָר אויף דער גאַנצער ערד־קויל. מיר ווילן נאָר זעען אויף וויפל דו ביסט גרייט זיך מודה צו זיין אין דיינע פאַרברעכנס און ביסט גרייט חרטה צו האָבן, תשובה טאָן (ראַסקאַיוואַטסיאַ). האָסט אַ טעות, אויב דו מיינסט, אַז דו וועסט נאָר אָפּקומען מיט אַזעלכע פשוטע קלעפּ, דאָס איז גוט פאַר אַ געוויינלעך גנבֿ. מיר האָבן מעטאָדן צוגעפּאַסט פאַר יעדן איינעם באַזונדער. די נקווד באַזירט זיך אויף וויסנשאַפטלעכע אויספאָרש־מעטאָדן. מיר ווייסן וועגן דיר נישט נאָר, וואָס דו האָסט געטון און געזאָגט, נאָר אויך דאָס וואָס דו טראַכסט ביי זיך, פאַרבאָרגן, אינעווייניק. די אויגן און די אויערן פון דער נקווד זיינען איינגעשרויפט אין יעדנס מח, האַרץ, אין די אינגעווייד. רוף נאָר אָן וואָס פאַראַ טאָג דו ווילסט נאָר אַליין, וואָס פאַר אַ שעה דו ווילסט נאָר אַליין און מיר וועלן דיר זאָגן גענוי מיט וועמען דו האָסט גערעדט און וואָס האָסט גערעדט. אפילו וואָס דו האָסט געגעסן, וואָס געלעזן, וואָס געטראַכט און וואָס געפילט. די פּאָר קלעפּ, דאָס איז נאָר דאָס ערשטע האַנט־געלט, אַן אַדערויף בלויז, אויפן קומענדיקן. קלייב אויס! מיר ווייסן, אַז דו האָסט געלאָזן אין פּוילן אַ פרוי און קינד, מיר ווייסן אַז דו האָסט זיי ליב — ווילסטו זיך מיט זיי נאָכאַמאָל זעען? וועסטו אַרויסווייזן גוטן ווילן, זיך מודה זיין אין אַלעם, חרטה האָבן, באַווייזן דיין געטריַיקייט אַלס סאָוויעטישער בירגער, וועט אונזער יוסטיץ דאָס נעמען אין אַכט און דיין שטראָף דיר באַדייטנדיק מילדערן. קלייב אויס — אָדער אַ שווערן, לאַנגזאַמען טויט, אָדער אַ מענטשלעכע באַציונג צו דיר. איך רעד צו דיר ווי אַ פריינט, ווי אַ טאַטע פון אַ קינד, ווי אַ סאָוויעטישער פּאַטריאָט, ווי אַ טרייער היטער פון די געזעצן פון אונזער גרויסן פאָטערלאַנד. ווי וועט זיין צו דיר, אויב דו וועסט זיך שנעל נישט באַשליסן אין אַלעם מודה צו זיין! פאַרשפּעטיק נישט אַזאַ זעלטענע געלעגנהייט! אַ נאַכט פאַרן אַרעסט ביסטו געווען מיט דיינע פריינט אין קינאָ און געזען דעם פילם־רעפּאָרטאַזש פון דעם פריערדיקן אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר דייווויס וועגן די מאָסקווער פּראָצעסן. דו האָסט געזען וועמען מיר האָבן אַלץ אַרעסטירט און צעשאָסן? מיטגלידער פון צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, גענעראַלן, מאַרשאַלן! אויך זיי האָבן זיך איינגעבראָכן און אַלץ אויסגעזונגען. איך בין געזעסן נעבן דיר אין קינאָ, איך האָב געזען ווי דו האָסט רעאַגירט אויף דעם פילם, איך האָב געזען דיין יעדן צוק מיטן פנים, דיין יעדע באַוועגונג. האָסט דעמאָלט נישט פאַרגעפילט, אַז אין אַ טאָג אַרום וועסטו שוין אויך זיין אין די הענט פון דער סאָוויעטישער גערעכטיקייט, אין די טורמע־קעלערן פון דער נקגב!

זע, איך רעד צו דיר ווי צו אַן אינטעליגענטן מענטש, איך רעד מיט דיר אויפריכטיק. פון איצטער אָן זאָלסטו מיר ענטפערן אויף יעדער איינער געשטעלטער פראַגע, אָן וואַקלענישן, אָן דורכטראַכטענישן, אָן ספּעקולאַציעס, גלייך זאָלסטו מיר ענטפערן, שנעל, דו הערסט?! דו הערסט?!

און ער בייגט זיך צו מיר אריבער און פירט מיט דער פויסט פאר מיינע אויגן. איך ענטפער אים:

— איר זאָגט, אַז איר ווייסט אַלץ, איך זע אָבער אַז איר ווייסט גאָרנישט. פאַרוואָס רופט איר מיך אַן דייטשער שפּיאָן? צי ווייסט איר דען נישט, אַז איך בין אַנטלאָפן פון די דייטשן? צי ווייסט איר נישט, אַז די דייטשן מאָרדן אויס די ייִדן? ווער ווייסט צי זיי האָבן שוין נישט אויסגעמאָרדעט מיין אייגן קינד און פרוי, מיין מוטער, שוועסטער, ברודער. צי ווייסט איר נישט, אַז יעדער ייִד, נישט נאָר אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, נאָר אויך אויף דער גאָרער וועלט, פרייט זיך מיט יעדן דערפאָלג פון דער רויטער אַרמיי איבער די דייטשן? צי ווייסט איר נישט, אַז יעדעס מאָל, ווען די אַרמיי האָט אָפּגענומען אַ שטאָט פון די דייטשן, האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ שמחה, געטרונקען, געפרייט זיך. דאָס ראַטעוועט דאָך די רויטע אַרמיי איצט אונזערע ברידער, די ייִדן, אַלע ייִדן —

ער רייסט מיר איבער מיט אַ קלאַפּ מיטן פויסט אין טיש:

— הער מיר שוין אויף מיט דיינע פאַרשאָלטענע ייִדן! איך האָס אַלע ייִדן און די פּוילישע ייִדן צום מיינסטן! דו וועסט מיר נישט פאַרעדן די ציין, איבער־כיטרעווען די נקווד! איר האָט געוואַרט אויפן זיג פון די דייטשן, איר האָט פיינט אונזער רעזשים, איר האָט פיינט די סאָוויעטן! דער דייטש האָט אונז אָנגעשיקט שפּיאָנען — דווקא ייִדן, ווייל קיינער וועט זיי דערין נישט חושד זיין. איר זענט אונזערע שונאים! אפשר האָט איר אויך פיינט די דייטשן, פאַרערט איר אָבער די ענגלענדער, די אַמעריקאַנער, אויף זיי וואַרט איר, זיי, מיינט איר, וועלן אייך ברענגען די באַפרייאונג! דו האָסט געזאָגט דיין פריינט רויזנשמיד, דעם פאַבריקאַנט און ענגלישן אַגענט, אַ ציוניסט, אַז ביי אונז אין לאַנד איז נישטאָ קיין דעמאָקראַטיע! האָסט אים געזאָגט, אַז ביי אונז איז נישטאָ קיין דעמאָקראַטיע?

— ניין, איך האָב נישט געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין דעמאָקראַטיע.

ער גייט אַפּויר פון הינטערן טיש און בייגט זיך צו מיר אָן:

— איז פאַראַן ביי אונז דעמאָקראַטיע?

— יאָ, עס איז פאַראַן דעמאָקראַטיע.

ער לאָזט מיר נאָך אַ פּאַטש:

— אויסוואורף, טינופת, פאַרשטינקענער מנוול, עס איז פאַראַן ביי אונז דע־מאָקראַטיע?

— יאָ, עס איז פאַראַן דעמאָקראַטיע.

ער דערלאַנגט מיר אַ פּאַטש פון דער צווייטער זייט. ער הערט שוין נישט אויף מיך בסדר צו פּאַטשן און רופט בסדר אַלץ אויס אין איין אָטעם, מיט צאָרן:

— פאַראַן דעמאָקראַטיע?! פאַראַן דעמאָקראַטיע?! ליגנער, שפּיאָן, עס איז פאַראַן ביי אונז דעמאָקראַטיע?! זאָג! זאָג!

— ניין, נישט פאַראַן קיין דעמאָקראַטיע!

— אָט אַזוי! נאָר דאָס האָב איך געוואָלט! דו וועסט דאָס אונטערשרייבן!

— ניין, איך וועל דאָס נישט אונטערשרייבן.

ער ווישט זיך אָפּ די הענט מיט אַ טיכל:

— אַזוי גאָר? ביסט אַ פּראָוואָקאַטאָר?! ציסט צוריק?!

און ער הייבט מיר אָן שנעלן אין דער נאָז אריין. איך כאַפּ אַוועק דעם קאָפּ,

נעמט ער אים פעסט אַרום מיט דער לינקער האַנט, קוועטשט אָן אַ קנעפּל אויפן טיש און שנעלט מיר דערווייל ווייטער אין נאָז.

עס קומט אַריין דער עלטערער סיעלאָוואַטעל. נאַגמיעוו זאָגט אים מיט אַ שמייכעלע:

— ער פאַרטראָגט נישט, זעט אויס, אַז מען שנעלט אים אין נאָז, ער איז אַן אַדלמאַן, פּרוּוו נאָר דו, דיינע פינגער זיינען דאָך צוועגגלעך.

זיי הייסן מיך גיך פאַלן אויף די קני, גיך זיך צוריק אויפהייבן און נאָכאַמאָל פאַלן. איך טו אַזוי. ביים דריטן מאָל האָב איך בכיוון געטאָן אַזאַ האַסטיקן פאַל, אַז איך האָב זיך שוין נישט געקאָנט צריק אויפשטעלן. דאָס בלוט פון די קני האָט שוין דורכגענעצט די הויזן. איך בין זיך פאַרגאַנגען אין אַ געשריי און געוויין:

— אַ דאָקטער ברענגט, אַ דאָקטער!

דער עלטערער שרייט צו נאַגטיעוון:

— ברענג אים גיך צוריק צום באַוווסטזיין! דערלאַנג אים אַ דאָקטער!

און ער הייבט מיך אויף ביים קאָלנער, האַלט מיך צו און נאַגטיעוו דערלאַנגט מיר אַ שנעל אין נאָז און אַ פּאַטש אין באַק, אַ שנעל און אַ פּאַטש, איינס נאָכן צווייטן.

דער אַלטער באַפעלט נאַגטיעוון:

— לאָז אים אַביסל זיך אָפּרוען! ער וועט דאָך אויפהערן פילן די קלעפּ! איצט וועט ער אונז אַביסעלע פאַרווילן! הייס אים אַרויפקריכן אויף דער שאַנק און זאָל ער אַראָפּקרייען ווי אַ האָן! זאָל ער דערנאָך אַרונטערקריכן אונטערן טיש און מיאַוטשען ווי אַ קאַץ, אַזוי איז דאָך שרעקלעך לאַנגווייליק!

עס קומט אַריין דער געהילף־נאַטשאַלניק פון נקווד, אַן אוזבעק.ביידע סליעדאָוואַטעלס סאַלוטירן און ראַפּאָרטירן אים מיין נאָמען און פּאַראַגראַף. נאַגטיעוו און דער צווייטער סליעדאָוואַטעל זעען מיר איצט אויס ווי מפיל־קינדער און פיינע, איידעלע לייט אין פאַרגלייך מיט דעם אוזבעק. דאָס איז אַ מאַסקע פון אַזאַ שווידער און גרויל, אַז אפילו אַ לייב אין וואַלד וואָלט פאַר אים אויפגעציטערט.

ער קוקט זיך אין מיר איין און ווענדט זיך צו זיי:

— ער זינגט?

— ניין, חבר נאַטשאַלניק! ער וויל זיך נישט מודה זיין, דאָס איז אַ געניטער און פאַרביסענער קאָנטר־רעוואָלוציאָנער!

— נו, טאָ גיט אים אַ קיכעלע מיט האָניק און אַ גלעזעלע קאַווע נאָכצוטרינקען, אפשר וועט ער ווייכער ווערן.

און ער צעלאַכט זיך און זיי ביידע לאַכן מיט, אָבער באַלד שטייפט זיך נאַגטיעוו צריק אויס, סאַלוטירט:

— צום באַפעל, חבר נאַטשאַלניק, ער וועט באַקומען דאָס נויטיקע!

נאָך זיין אַרויסגיין, האָבן זיי ביידע אָפּגעאָטעמט, זיך אָוועקגעזעצט, געווען צופרידן פון דער וויזיט.

נאַגטיעוו וויל, אַז איך זאָל אים איצט ענטפערן נאָר אויף איין פראַגע:

— וווּ איז אַהינגעקומען משה לויפגאַס, דער מיטגליד פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע „גאַשאָמער" (השומר). ער איז ביי דיר געשלאָפן, מען האָט אים

געזוכט פון נקווד, ער איז אנטלאָפן אין א קאָלכאָז, ביי דיר דאַרף זיין דער אַדרעס פון דעם קאָלכאָז.

— איך ווייס נישט ווו ער איז.

ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעפּרעגט דאָס זעלבע, געשריגן, געקלאַפּט אין טיש. און ווען ער האָט פון מיר קיין אַנדערן ענטפער נישט באַקומען, איז ער אַפּוירגע־גאַנגען פון הינטערן טיש. קיין חידושים האָט ער שוין נישט אויפגעטאָן. זיך אַוועקגעזעצט ביי מיר אויף די קני און געשנעלט מיר אין נאָז אריין. ער האָט גע־פילט, אַז דאָס ווירקט אויף מיר צום ערגסטן. פונדעסטוועגן האָט ער אויך אויס־געפּרוווט א נייעס, מיט דער פויסט מיר דערלאַנגט א זעץ אין מויל און גלייך אויס־געהאַקט א צאָן. איך האָב זיך געהאַלטן ביי ס'מייניקע:

— איך ווייס נישט ווו ער איז.

איך בין שוין געווען צעקלאַפּט, צעבלוטיקט, איך האָב שוין סיווי מער נישט געקאָנט רעדן, איך האָב מער געהעשעט, געקרעכצט, געכרעוועט.

— נו, היינט וועט שוין פאַר דיר גענוג זיין!

מען האָט מיך אַראָפּגעפירט אין אַן איינצל־קאַמערל. ווי נאָר דער שליסער האָט פאַרמאַכט הינטער מיר די טיר און אַרויס פון קאָרידאָר, האָב איך דערהערט פון א שכנותדיק איינצל־קאַמערל רופן מיך ביי מיין יידישן נאָמען. עס איז דאָס קול פון משה* לויפגאַס! ער איז שוין אויך אַרעסטירט!

האָבן זיי, הייסט עס, יאָ געוווסט דעם אַדרעס פון קאָלכאָז וווהין ער איז אַנטלאָפן!

און מאָדנע — עס האָט מיך טיילווייז אויך דערפרייט דערהערנדיק דאָ די שטימע פון א נאָנטן. בין איך, הייסט עס, נישט אַליין! אָבער פונוואַנען האָבן זיי באַקומען זיין אַדרעס?

לויפגאַס האָט מיך נאָכאַמאָל אָנגערופן ביים נאָמען און איך האָב אים צוריק־גערופן זיין נאָמען. אָבער ער האָט מיין קול נישט דערהערט. מיר האָט זיך אויסגע־דוכטן, אַז איך רוף הויך, אין אמתן האָב איך אוודאי קוים אַרויסגערעדט. ער האָט מיך, זעט אויס, דערקענט לויט די טריט און לויט מיינע קרעכצן, כאָטש דער שלי־סער האָט ביים פירן מיך, אָנגעשריגן אויף מיר, אַז איך זאָל נישט קרעכצן, דאָ איז נישט קיין שפּיטאָל.

ווען משה לויפגאַס האָט נישט דערהערט פון מיר קיין ענטפער, האָט ער אויף אַזויפיל געוואַגט, אַז ער האָט אויפגעזונגען א ניגון. א באַקאַנטן ניגון פון מאָדזשי־צער רבין, וועלכן מיר פלעגן אָפט זינגען צוזאַמען.

איך האָב אין איין רגע אין אַלעם פאַרגעסן, דער ניגון האָט מיך מוטערלעך געגלעט, געהיילט די וווּנדן, פאַרטראָגן מיך אין א צווייטער וועלט.

פלוצים רופט זיך אָן נאָך א שטימע אויף יידיש, פון אַן אַנדער קאַמערל. יאָ, איך דערקען אים — דאָס איז דולדיג! דער קאַטאָוויצער סוחר, וואָס רעציטירט „פאַוסט" פון אויסנווייניק. גאָט מיינער, וואָס טוט זיך דאָ? ! און אָט דערהערט זיך נאָך א קול, א פרויען־שטימע, עס איז דוכט זיך, הדסה, אויך פון „השומר". זי האָט געוווינט הינטער דער שטאָט, די לעצטע טעג האָט מען איר אָנגעהויבן נאָכקוקן, זי האָט געמיינט, אַז דאָס זוכט מען זי צוליב א מעשה מיט געקויפטע ברויטקאַרטן. זי איז אויך געווען די לעצטע טעג ביי מיר אין שטוב. זי זיצט שוין אויך?

איך ליג זיך אַוועק אויפן שטיינערנעם דיל. אויסציִען אינגאַנצן די פיס איז נישטאָ קיין אָרט, סיווי קאָן איך נישט אויסציִען די פיס, ווייל די קני זיינען מיר פאַרוואונדעט. צוקאָפּנס ליג איך מיר דאָס זעקל מיט די זאַכן. אין קאָפּ גליט, עס האַקט אין די שלייפן, האַסטיק קלאַפּט דאָס האַרץ. עס איז פאַר מיר שווער אַלץ צו באַנעמען מיט איין מאָל. איך ווייס נאָר, אַז איך ליג אין אַ לעבעדיקן קבר, אין דער אינערלעכער טורמע ביי דער נקגב, אויף דער גאַס וואָס טראָגט דעם נאָמען פון קאַרל מאַרקס. אין אַזעלכע קברים ליגן אויך מיינע פריינט, אָבער מיר זיינען באַזונדער, אָפּגעשיידט, יעדער וועט שטאַרבן פאַר זיך אַליין.

די צווייטע און דריטע נאַכט האָבן זיך שוין נישט קיין סך אונטערשיידט פון דער ערשטער. דער זעלבער אָרט אויספאָרשן, די זעלבע קלעפּ, נאָר יעדעס מאָל פאַרבליפט ער מיך מיט אַן אַנדערער פראַגע. ער ווייסט, אַז איך בין אין יאָר 1940 אַנטלאָפן פון פאַרשיקונג, בין געזעסן אין טורמע. ער ווייסט, אַז פון דער פאַרשיקונג איז אַנטלאָפן אויך מיין ברודער און זיין פרוי. צו דעם פּאַראַגראַף 66, מעלדעט ער מיר, וועט מיר אויך איצט צוגעשריבן דער אַמאָליקער פּאַראַגראַף 82, פאַר אַנטלויפן פון פאַרשיקונג. דאָס וואָס איך בין אָפּגעזעסן אין טורמע און פון דאָרטן, אויפן סמך פון דער אַמנעסטיע באַפרייט געוואָרן, דאָס רעכנט זיך נישט. עס איז געווען אַ טעות מיין באַפרייען. ער האָט אפילו דערויף אַ דאָקומענט. אַכט חדשים נאָך מיין באַפרייען, האָט מיך דאָס מאָסקווער א ס אַ־געריכט פאַרמשפּט הינטער די אויגן אויף דריי יאָר טורמע. פון דעמאָלט אָן בין איך טאַקע אַרומגעזוכט געוואָרן דורך דער פּאָליציי אין גאַנצן לאַנד.

ווייל ער ווידער וויסן וואָס איך האָב געטאָן אין חודש אויגוסט יאָר 1939, אין דער שווייץ, אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס.

איך זאָג אים, אַז איך בין נישט געווען קיין דעלעגאַט אויף דעם קאָנגרעס, נאָר אַ געוויינלעכער צושויער.

זאָל איך אים איצט זאָגן, ווו עס געפינט זיך דער הויפּט פון דער ציוניסטישער באַנדע, אַ געוויסער פּראָפעסאָר גאָים ווייסמאַן (געמיינט חיים ווייצמאַן). ער פרעגט מיך צי יענער געפינט זיך איצט אויף דער טעריטאָריע פון ראַטנפאַרבאַנד?

— ניין, ער איז אין לאָנדאָן.

— אויף וואָס פאַרא גאַס וווינט ער דאָרט? וואָס פאַרא נומער הויז? נומער פון זיין וווינונג?

— איך ווייס נישט.

— וואָס פאַרא אינסטרוקציעס האָסט דו באַקומען פון דעם פּראָפעסאָר „ווייסמאַן"? וואָס פאַרא קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבן האָט מען דיר צוגעשיקט פון אויסלאַנד, דורכצופירן אויף דער טעריטאָריע פון ראַטנפאַרבאַנד?

ער לייענט מיר פאָר אַ רשימה פון אַלע מיינע פריינט און קאָלעגן מיט וועלכע איך האָב קאָרעספּאָנדירט אין לאַנד און אין אויסלאַנד. איך זאָל אים וועגן יעדן איינעם פון זיי געבן אַן אויספירלעכע ביאָגראַפישע און פּאָליטישע כאַראַקטעריסטיק.

איך זאָל אים אויך זאָגן געגוי אַלץ, וואָס איך האָב גערעדט מיט דעם קאַטאָוויצער „קופּיעץ" דולדיג, דעם 12־טן מאַי 1943, בעת מיר האָבן געשפּילט אין שאַך און ער האָט רעציטירט געדיכטן פון דייטשע, פאַשיסטישע שרייבער (געמיינט געטהען).

איך זאָל אים אויך זאָגן וואָס מיר האָבן גערעדט אין דער פּאַסכאַ־נאַכט

1943, אויף אַ מאַלצייט, אין דער שטוב פון משה לויפּגאַס. וואָס מיר האָבן צווישן זיך גערעדט וועגן דער ראַטן־מאַכט, וועגן פּאַלעסטינע. וואָס פאַרא לידער האָבן מיר דעמאָלט געזונגען? ווו געפינט זיך איצט הדסה, וועלכע איז עטלעכע מאָל צו מיר אַריינגעקומען? ווו געפינט זיך דער פירער פון דער געהיימער „גאַשאַמער"־אָרגאַניזאַציע, אָסקאַר, פאַר וועלכן מען האָט געקויפט אַ זעלנערישן מאַנטל און אים צוגעהאָלפן ביים אויסבאַהאַלטן זיך. ווו געפינט ער זיך?

די פראַגן וואַקסן אָן אין די צענדליקער, אין די הונדערטער. די צווייטע נאַכט האָט ער מיך געהאַלטן אַכט שעה, די דריטע נאַכט צוועלף שעה, ביז אין מיטן טאָג אַריין. איבער דער צייט האָט ער געגעסן און געטרונקען, געררויכערט פּאַפּיראָסן, געלייענט אַ צייטונג און עס איז נישט דורך קיין איין שעה אָן קלעפּ.

קאַפּיטל י

עס איז שוין דער פערטער טאָג. איך האָב פאַר דער גאַנצער צייט נאָך גאָר־נישט געגעסן, איך האָב מוז ערזין, הוץ אַביסל געקאָכט וואַסער, געררויכערט מאַכאָרקע. עס ליגן שוין די דריי פּייקעס ברויט, ס'שטייט די שיסל זופּ. עס איז שוין געווען ביי מיר די קראַנקן־שוועסטער און געגעבן עטלעכע פילן צו שלינגען. דאָס האַרץ האַלט נאָך, אויף להכעיס, אַלץ אויס.

איך וויל זיך איצט דערמאָנען גענוי ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער 24־טער פעברואַר, דער לעצטער טאָג פון מיין פרייהייט. איך האָב דעם טאָג, דאָנערשטיק, נישט געהאַט געאַרבעט. אינדערפרי, ווי איך בין נאָר אַרויס פון מיין קיביטקע, האָב איך אָנגעטראָפן די שכנה'טע געניע, אַ יונגע יידישע פרוי פון קרים. איר מאַן, אַ פּוילישער ייד, געפינט זיך אין דער אַרבעטס־אַרמיי. זי האָט מיר מיט פרייד דער־ציילט, אַז זי וועט זיכער היינט באַקומען געלט דורך דער פּאָסט, צוגעשיקט פון איר מאַן, זי איז זיכער דערין, ווייל ביינאַכט האָבן זיך איר געחלומט — לייז. דאָס איז, זאָגט זי, אַ זיכערער סימן, אַז זי וועט היינט צילן געלט.

איך בין אַוועק אין דער נייער שטאָט און געקויפט דאָס ביכל פון סענעקאַ, מיט וועלכן איך האָב זיך אַזוי דערפרייט. איך האָב דאָס ביינאַכט פאַרגעלעזן אין שטוב ביי דער ליטווישער פרוי מיט אירע טעכטער און פאַר בערעלע שמאַיעוויטש.

איך פרעג איצט נאָכאַמאָל ביי סענעקאַן די זעלבע פראַגע:

— צי וואָלט איר אויך געווען אַזוי סטאָיש רואיק בשעת נעראָנס אַ טורמע־תלין וואָלט אייך געשנעלט אין דער נאָז?

ער האָט זיך אויפן 68־טן לעבנסיאָר רואיק געקענט אויפשניידן די אָדערן, ווען נעראָן האָט אים פאַרמשפּט צום טויט. אָבער דאָס איז לייכטער, ווי מען וואָלט אים געשנעלט אין נאָז, אַ סך לייכטער. דאָס לעצטע וואָלט ער נישט איבערגעטראָגן, ער וואָלט געררעוועט, געשאָלטן. ניין, ער וואָלט זיכער נישט געווען אַזוי סטאָיש רואיק.

איך ווייס נישט צי עס איז טאָג, צי עס איז נאַכט, ווידער נאָגטיעוו, ווידער קלעפּ. גאָט, ווען וועט זיך דאָס שוין ענדיקן?

עס עפנט זיך די טיר פון קאַמער. דער שליסער ברענגט מיר אַריין אַ פּעקעלע עסן, אַ „פּערעדאַטשע". עס האָט עס מיר אַריינגעשיקט מיין חבר בערעלע שמאַיע־

וויטש. עס דערפרייט מיך. נישט דאָס עסן, נאָר דער גרוס. גוט כאָטש וואָס עס געפונען זיך נאָך נאָנטע פריינט, וועלכע געדענקען אין מיר, נעמען זיך איבער מיט מיין גורל. אויף דעם פּעקעלע עסן דערזע איך נאָך ווי אַן אָפּשיין פון זון־שטראַלן, איך דערפיל זיי. דאָס פּעקעלע קומט פון דער פרייהייט, עס האָבן עס געהאַלטן אין האַנט נאָנטע פריינט.

***

מען רופט שוין ווידער צו דער אויספאָרשונג. כאָטש עס איז זונטיק, דער רו־טאָג אויך אין נקווד, אָבער פאַר מיר, זעט אויס, מאַכט מען אַן אויסנאַם.

ווידער פאַרלייגט די הענט אויף הינטן, ווידער דאָס אַרויפשלעפּן זיך אויף די שטיגן, ווידער דערפילן דעם טוכלע ריח פון דעם קאָרידאָר און ווידער דערזעען דעם קאַבינעט נומער 42 און באַלד אים אַליין, נאַגטיעוון.

היינט, זאָגט ער, וועט ער זיך נאָר באַגנוגענען בלויז מיט עטלעכע פראַגן.

— ווער האָט דערמאָרדעט די עלף טויזנט פּוילישע אָפיצירן אין קאַטי־נער וואַלד?

— ווער? די דייטשן!

ניין, ער ווייסט, אַז איך האָב געזאָגט, אַז דאָס האָבן זיי דערמאָרדעט די רוסן. איך זאָל אים אויך אויפגעבן די נעמען פון מיינע פריינט די פּוילישע אָפיצירן. ער ווייסט, אַז איך אַליין בין אויך געווען אַ פּוילישער אָפיציר.

קלער איך אים אויף, אַז אין דער פּוילישער אַרמיי זיינען חוץ דאָקטוירים, כמעט נישט געווען קיין יידן־אָפיצירן. וואָס שייך מיר, האָב איך בכלל קיינמאָל נישט געדינט אין דער אַרמיי.

איצט האָט ער נאָך איין פראַגע:

—ווו האָב איך די בריוו, וואָס איך האָב אַמאָל באַקומען פון קאַרל קאַוטסקי?

די פראַגע איז געווען פאַר מיר אַממייסטן אומגעריכט, האָט מיך איבעראַשט. וועגן דעם ענין האָב איך דאָך אין די לעצטע יאָרן קיינעם נישט דערציילט, קיינער האָט דערפון נישט געוווּסט.

די מעשה דערפון איז, וואָס אין יאָר 1936—1937, בעת איך האָב געשריבן אַ ביאָגראַפישן ראָמאַן וועגן ראָזאַ לוקסעמבורג, האָב איך דעמאָלט קאָרעספּאָנדירט מיט אַלע אירע פריינט און חברים, וואָס האָבן זי געקענט. איך בין אויך געווען דע־מאָלט אין פּאַריז ביי פּראַנץ קורסקי. ער האָט מיר געוויזן אין זיין אַרכיוו די אָרי־גינעלע בריוו פון ראָזאַ לוקסעמבורג. איך האָב געוווּסט, אַז איר נאָענטסטע פריינ־דין איז געווען לואיזאַ, די פרוי פון קאַרל קאַוטסקי. לואיזאַ האָט אויך געהאַט אַרויסגעגעבן אַ באַנד בריוו פון ראָזאַ צו אירער אַ פריינדין אין האָלאַנד, אַ באַ־וווּסטער סאָציאַליסטישער טוערין. לואיזאַ האָט אויך געהאַט גרייט צום דרוק אַ גרויסן באַנד בריוו פון ראָזאַ צו איר און פון איר צו ראָזאַ. די סאָוויעטישע אַמבאַ־סאַדע האָט איר אָבער פאַרבאָטן אַרויסצוגעבן די בריוו, ווייל זי האָט אָפּגעקויפט אַלע רעכט אויף ראָזאַ׳ס ליטעראַרישער ירושה. זי האָט דאָס אָפּגעקויפט ביי ראָזאַ׳ס ברודער, אַ סוחר, וועלכער האָט געלעבט אין האָלאַנד.

איך האָב געשריבן אייניקע בריוו צו קאַרל און לואיזאַ קאַוטסקי און געבעטן זיי מיר מיטצוטיילן פאַרשידענע ביאָגראַפישע פּרטים וועגן ראָזאַ לוקסעמבורג, וואָס

האָבן מיך אינטערעסירט. איך האָב באַקומען פון זיי פיר בריוו, געשריבן האָט זיי לואיזאַ, זי איז געווען אויך זיין סעקרעטאַרין. קאַרל קאַוטסקי, פלעגט תּמיד בעטן צושרייבן זיינע באַזונדערע גרוסן. ער איז שוין דעמאָלט געווען קראַנק און זיי האָבן זיך אויך געהאַלטן אין איין איבערציען פון איין לאַנד אין צווייטן, געוווינט אין פּראָג, ווין, אַמסטערדאַם.

אין יאָר 1937 איז אַרויס מיין ערשטער באַנד וועגן לעבן פון ראָזאַ לוקסעמ־בורג. די קאַוטסקים האָבן געבעטן זיי צושיקן דאָס בוך. לואיזאַ האָט אָפּגעענטפערט, אַז אַ יידישער חבר האָט פאַר זיי פאַרגעלייענט מיין ביכל און עס איז זיי געפעלן געוואָרן.

די בריוו האָב איך שטאַרק אָפּגעהיטן.

דעם ערשטן אָקטאָבער 1939, ווען די דייטשן זיינען אַריין קיין וואַרשע, האָב איך פאַרברענט אַלע מיינע מאַנוסקריפּטן, ביכער, בריוו און צווישן זיי אויך די בריוו פון די קאַוטסקים.

אין ביאַליסטאָק, ביי די סאָוויעטן, האָב איך דערציילט וועגן די בריוו דעם מינסקער דיכטער זעליג אַקסעלראָד. ער האָט דאַן שטאַרק באַדויערט, וואָס איך האָב קאַוטסקים בריוו פאַרברענט. די ראַטנמאַכט, האָט ער געזאָגט, וואָלט ביי מיר די בריוו אָפּגעקויפט און באַצאָלט מיר אַ הון געלט. איך האָב זיך געפילט דערפון באַליידיקט. צי וואָלט איך דען גענומען געלט ביי דער ראַטנמאַכט פאַר אַזאַ זאַך? איך וואָלט זיי זיכער אַוועקגעגעבן אומזיסט.

פון דעמאָלט אָן האָב איך, דוכט מיר, שוין קיינעם נישט דערציילט וועגן די בריוו. אי עס איז נישט אויסגעקומען, אי איך האָב געהאַלטן פאַר פּאַסיקער דאָס צו פאַרשווייגן. טאָ פונוואַנען ווייסט נאָגטיעוו וועגן די בריוו? זעליג אַקסעלראָד איז שוין לאַנג דערשאָסן געוואָרן, טאָ ווער נאָך האָט דערפון געוווּסט?

נאָגטיעוו באַמערקט, אַז איך האָב זיך היפּש צעטומלט. ער איז צופרידן דער־פון און דרענגט אויף מיר, אַז איך זאָל אים תּיכף ענטפערן. איך זאָג אים:

— יאָ, איך האָב באַקומען בריוו פון קאַרל קאַוטסקים פרוי.

ער שפּרינגט אויף פון פרייד און איבעראַשונג:

— איז עס טאַקע אָן אמת? ! האָסט דו טאַקע באַקומען בריוו פון דעם זעלבן קאַוטסקי, וועגן וועלכן ביי אונז איז פאַראַן אַ בוך פון לענינען אונטערן נאָמען „דער רענעגאַט קאַוטסקי” ?

— יאָ, פון דעם זעלבן.

ער איז שנעל אַרויסגעלאָפן און צריק אַריינגעקומען מיט דעם גאַנצן שטאַב נאַטשאַלסטווע, אַלע סלידאָוואַטעלס, און ווייזט זיי אָן אויף מיר:

— אָט דער סוואָלאָטש, ווי איר קוקט אים אָן, האָט טאַקע באַקומען בריוו פון יענעם באַרימטן סוואָלאָטש, קאַרל קאַוטסקי!

זיין טריומף איז גרויס. ער ציט זיך אויס די ביינער און רייבט די הענט, ער וואַקסט ביי זיך אַליין אויס.

אויב אַזוי, קאָן ער שוין גיין געניסן פון זיין זונטיק־רו, זיך אויסשלאָפן.

איך האָב היינט אויך אַ יום־טוב, אַ קורצע אויספאָרשונג. ער שיקט מיך גיך צריק אין קאַמער אַריין.

קאַפּיטל ה

אין דער קאַמער האָב איך איצט געהאַט נאָר איין אויפגאַבע: זיך דערמאָנען וועמען איך האָב, חוץ אַקסעלראָדן, דערציילט וועגן די קאָוטסקי־בריוו.

איך שלאָף שוין נישט די פערטע נאַכט. איך וואָלט וועלן אַזוי אַביסל כאָטש איינשלאָפן, אָבער ניין, איצט טאָר איך נישט, איך מוז אָנשטרענגען אַלע כחות און זיך דערמאָנען וועמען איך האָב דאָס געקאָנט דערציילן.

און עס האָט לאַנג נישט געדויערט. איך האָב זיך אַלץ דערמאָנט! דאָס איז געווען איינמאָל, פאַראַיאָרן, ווען איך בין געשלאָפן מיט נאָך איינעם אין בעט און מיר האָבן דעמאָלט לאַנגע שעהן זיך דערציילט זכרונות פון אַמאָל. עס איז מיין חבר און פריינט —

בערעלע שמאַיעוויטש!

אַ תהום האָט זיך אונטער מיר געעפנט. איך האָב איינגעבויגן דעם קאָפּ און געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט שיט זיך אויף מיר אַרויף! זאָל אַלץ איינפאַלן, זאָל זיך די וועלט צעשיטן אין חורבות! בערעלע שמאַיעוויטש! מיין פריינט, וועלכער קען מיך שוין אַזויפיל יאָרן! דער וואָס האָט מיך געראַטעוועט מיט אַ הלוואה נאָכן טיפוס, מיט וועלכן איך ווין שוין קנאַפּע צוויי יאָר צוזאַמען און נישט איינמאָל געשלאָפן מיט אים אין איין בעט!

ווען איך ווער געוואָר אין דער מינוט, אַז מיין טאַטע איז געווען אַ וואַלד־גזלן און מיין מאַמע אַ משומדת, וואָלט עס פאַר מיר געווען פּונקט אַזוי אומגלויב־לעך, ווי דער פאַראַט פון מיין חבר בערעלע שמאַיעוויטש!

איצט דערמאָן איך זיך, אַז אייגנטלעך האָט מיך דער סליעדאָוואַטעל געפרעגט וועגן אַ סך ענינים, וועגן וועלכע עס האָט געקענט וויסן נאָר איין בערעלע.

איצט פאַרשטיי איך שוין אויך, ווי אַזוי זיי האָבן זיך דערוווּסט דעם אַדרעס פונם קאָלכאָז, וווּהין עס איז אַנטלאָפן משה לויפגאַס. דער אַדרעס איז געלעגן אין שטוב, אויפן פענצטער. איך האָב אים איינמאָל איבערגעלייענט און אַוועקגעלייגט. דער אַדרעס איז געווען אַ שווערער צום געדענקען, האָב איך דאָס צעטעלע נאָך געלאָזט ליגן און עס נישט צעריסן. נאָכהער אָבער איז עס פאַרשוווּנדן פונם פענצטער.

איצט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז צום סדר ביי משה לויפגאַס איז געווען אויך בערעלע. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז בשעת איך האָב אַמאָל געשפּילט אין שאָך מיט דולדיגן און געשמועסט, איז דערביי אַנוועזנד געווען נאָר בערעלע, אַז נאָך דולדיגס אַרויסגיין, האָט מיר בערעלע דעמאָלט געזאָגט, אַז דולדיג מוז אוודאי זיין אַ פּראָוואָקאַטאָר. בכלל האָט ער אַלע מיינע באַקאַנטע חושד געווען אַז זיי זיינען פּראָוואָקאַטאָרן. איצט זיצן לויפגאַס און דולדיג אין טורמע און בערעלע שמאַיעוויטש איז אויף דער פריי און שיקט מיר אַריין עסן. איך דערמאָן זיך אויך, אַז אַמאָל, בעת אַ קליינעם אינצידענט צווישן אונז, האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט:

„זייט נישט אַזוי זיכער אַז איר וועט נאָך אַמאָל אַרויספאָרן פון רוסלאַנד!"

איך האָב זיך דערמאָנט וועגן זיין פלירט מיט דעם ליטווישן מיידל. איין מאָל האָט ער מיר אויך געזאָגט, אַז ער וואָלט געהאַט חשק צו דעראָבערן אויך די

צווייטע שוועסטער, די יונגערע. דאָס האָט ער מיר געזאָגט אויף להכעיס, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז מיר געפעלט די יונגערע שוועסטער.

איך האָב זיך אויך דערמאָנט וועגן זיין פּראָוואָצירן מיך צו דיסקוסיעס. זיך דערמאָנט ווי איינמאָל האָט ער מיר געגעבן זיין האַנטשריפט צו כאַראַקטעריזירן און איך האָב אים סתם אַזוי געזאָגט:

„אייער האַנטשריפט איז אַ פּאַרדרייטע, עס איז אַ סימן, אַז איר טראָגט אַ פאַרבאָרגענעם חטא אויף אייער געוויסן".

ער איז דעמאָלט בלייך געוואָרן. איך האָב דערויף נישט געלייגט קיין אַכט. איך האָב זיך דערמאָנט ווי אין די לעצטע טעג, ווען איך האָב אָפטמאָל אים געזאָגט, אַז איך האָב דעם איינדרוק אַז מען גייט מיר נאָך, האָט ער מיך אָנגערופן פּאַניקער, היסטעריקער, געחוזקט פון מיר. איך האָב זיך דערמאָנט ווי ערשט דעם לעצטן אָוונט פאַרן אַרעסט, האָט ער מיך געפרעגט די מיינונג וועגן די דערמאָנ־דעטע פוילישע אָפיצירן אין קאַטינער וואַלד. איך האָב אים געענטפערט אַז דאָס האָבן געטאָן די דייטשן און אויך געוויזן די צייטונג וו עס איז געווען באַשריבן דער באַזוך פון אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן אין קאַטינער וואַלד און יענע האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דאָס האָבן אָפּגעטאָן די דייטשן. דאַן האָט ער מיר געגעבן אַ זאָג:

— אָבער אין האַרצן ספּקט איר אַז עס האָבן עס טאַקע געטאָן די דייטשן.

איך האָב זיך אַפילו געוווּנדערט אויף זיין צודרינגלעכקייט. איך האָב זיך דערמאָנט, ווי ער פלעגט אָפט פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע אָוונטן און מיר זאָגן, אַז דאָס רופט מען אים אין „וואָיענקאָמאַט", וועגן זיינע מיליטערישע פּאַפּירן. איך האָב זיך געהאַלטן אַלץ אין איין דערמאָנען און דערמאָנען.

דער פאַקט פון פאַראַט ווירקט אויף מיר שווערער ווי דער אַרעסט אַליין. איצט פיל איך זיך שוין פאַרלעצט נישט נאָר פיזיש, נישט נאָר מיין ערע און זעלבסטגעפיל, נאָר עס איז פאַרלעצט און פאַרלענדט מיין נשמה, מיין גאַנצער מהות. ווי עס וואָלט מיך פאַראַטן מיין אייגענע מאַמע.

אגב, דערמאָן איך זיך אויך איצט, אַז בערעלעס מאַמע האָט אים, איר איי־גענעם זון, אַמאָל געמסרט אין פוילן פאַר דער פּאָליציי אַז ער איז אַ קאָמוניסט און מען האָט אים דעמאָלט איינגעזעצט. ער איז, הייסט עס, אַ מסור בירושה, דאָס עפּעלע פאַלט נאָענט פון ביימעלע.

איצט האָב איך צו וואָס צו לעבן. איך מוז דערלעבן זיין נקמה! איך מאָל מיר גרויל־בילדער ווי אַזוי אַ חברים־געריכט ווערט אים אַמאָל פּייניקן. איך זוך אויס אַלע ראַפינירטסטע און סאַדיסטישע פּייניקונגען איבער אים, אָבער צום סוף באַשליס איך, אַז דאָס אַלץ איז איבעריק, איך וואָלט נאָר וועלן, אַז ער זאָל זיך געפונען אין מיין מצב. זיצן אין טורמע ביי דער נקגב און געפּאָרשט ווערן פון נאַגטיעוון.

אָבער ווי אַזוי גיט מען וועגן דעם צו וויסן דער וועלט? באַקאַנטע, שכנים, דעם מיידל אין וועלכער ער ליבט זיך, אַלע אונזערע פריינט? מען מוז דאָך וועגן דעם וויסן! אָבער ווי אַזוי? צי וועל איך דען נאָך דאָס מאָל אַרויס פון טורמע? וועל איך דען נישט אויסגיין דאָ ערגעץ אין אַ קאַמער, אָדער אונטער די קלעפּ פון נאַגטיעוון?

מיטן נאָגל קריץ איך אויס אויף דער וואַנט אין יידיש:

„בערעלע שמאַיעוויטש — אַ מסור!

נאַגטיוו האָט מיך עטלעכע מאָל געפרעגט בעת דער אויספאָרשונג וועגן מיין מיטווינער און חבר שמאַיעוויטש. איך האָב אים אויסגעלויבט, אַז ער איז אַ גוטער קאָמוניסט, אַ פיינער מענטש, אַן איבערגעגעבענער פריינט. איצט דערמאָן איך זיך ווי ער פלעגט ביי יעדן מיינעם ענטפער אַזעלכן — אונטערשמייכלען.

איך באַשליס, פאַרשטייט זיך, אויך ווייטער זיך האַלטן ביים זעלביקן, ער זאָל נישט דערקענען, אַז איך ווייס שוין ווער עס איז דער מסור. אָבער ווי אַזוי גיט מען כאָטש צו וויסן מיינע חברים די אַרעסטירטע?

די נאַכט נישט־שלאָפן האָב איך שוין גאַרנישט געפילט. עס האָט אָנגעהויבן צריק אָנקומען כח און ענערגיע. איך מוז ווי ווייט מעגלעך זיך דערהאַלטן, אויס־האַלטן, אַז איך זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט כאָטש ווען עס איז מיטצוטיילן אינדרויסן די ידיעה וועגן בערעלע שמאַיעוויטש.

איך האָב אַצינד דאָס ערשטע מאָל גענעסן.

באַלד האָב איך דערזען אויף זיך דאָס העמד וואָס איך טראָג, און זיך דער־מאָנט, אַז דאָס איז שמאַיעוויטשעס אַ העמד, ער האָט עס מיר מיטגעגעבן אין דער לעצטער מינוט בעתן אַרעסט. איך האָב פון זיך אַראָפּגעצויגן דאָס העמד און עס צעריסן אויף שטיקלעך. מיט די שטיקלעך פון זיין העמד וואָלט איך אים איצט אויפגעהאָנגען ביי די פיס.

איך האָב אָנגעהויבן רופן אַביסל העכער:

— משה! משה!

משה לויפגאַס האָט איצט דערהערט מיין קול און ער האָט מיר אָפּגעענטפערט — מיטן מאַדזשיצער ניגון.

עס איז אַריינגעלאָפן דער שליסער, ער האָט דערהערט דאָס זינגען. ער שרייט:

— אין קאַרצער זיצט איר שוין, איז נישטאָ מיט וואָס אייך צו באַשטראָפן, וועל איך פון אייך צונעמען דאָס וואַסער און די מאַכאָרקע! אַזוי ווייל איז אייך וואָס איר זינגט? אינגיכן וועלן אייך אייערע שטימען פאַרשטומט ווערן!

קאַפּיטל ו

אויף דעם אַכטן טאָג האָט מען מיך אַרויסגעפירט פון דעם קאַרצער־קעמערל און אַריינגעזעצט אין אַ נאָרמאַלער קאַמער. דאָרט זיינען שוין געזעסן צוויי אַרעסטאַנטן.

בלויז אַכט טעג בין איך געזעסן אין אַן איינזאַם קעמערל, אָבער דאָס זיינען גאַנצע זיבן הונדערט טויזנט סעקונדעס און יעדע סעקונדע איז געווען פּרעסיק־שווער, געטריפט מיט צעגליטן בליי אויף מיין גוף און נשמה און אויסגעברענט וווּנדן.

מיט פרייד באַגריס איך די צוויי אַרעסטאַנטן. אַכמאַטאָף, אַן אוזבעקישער פינאַנס־אינספעקטאָר און איוואַן גוסיעוו, אַ רויטאַרמייער.

איך באַקום מיינס אַ שטיקל אָרט אויפן דיל, שפּרייט אויס מיין דעקע און צוקאָפּנס לייג איך דאָס זעקל.

די קאַמער איז אין אַ האַלבן קעלער, די טיר גייט אַרויס אויפֿן הויף. כאָטש עס ברענט דאָ אויך בייטאָג אַן עלעקטריש לעמפּל, זעט מען פֿונדעסטוועגן אויך אַביסל טאָג־ליכט דורך די קראַטן.

עס איז געווען נאָר אַפּצוליגן עטלעכע שעה אין קאַמער, שמועסן מיט די אַרעסטאַנטן און עס דוכט זיך דיר אויס, אַז דו ביסט שוין אַן אַלטער שטאַם־גאַסט. עס ווערן ביי מיר שנעל פֿאַרווישט די דריטהאַלבן יאָר זיין אויף דער פֿריי און עס קומט מיר אויס ווי איך זעץ ווייטער פֿאָר מיין פֿריערדיק טורמע־לעבן פֿון יאָר 1940—1941.

אַכמאַטאָף, דער דרייסיקיעריקער אוזבעק, זעט אויס צו זיין אַן איידעלער און סימפּאַטישער. ער איז געווען אַ צייט לערער, פֿינאַנס־אינספּעקטאָר, אָבער אַרעס־טירט האָט מען אים פֿאַר פּאָליטיק. ער איז אַמאָל פֿאַרבייגעגאַנגען אַן אָטשערעד צו ברויט, דער עולם האָט זיך געשלאָגן, צעקאַליעטשעט איינער דעם צווייטן, צע־בלוטיקט, האָט ער דאַן געזאָגט צו זיין באַגלייטער:

— צו אַ שיינעם מצב האָבן מיר דערלעבט, אינגיכן וועט שוין איין מענטש אויפֿעסן דעם צווייטן אַ לעבעדיקן.

עס איז גענוג געווען. מען האָט אים אַרעסטירט.

אַכמאַטאָף האַלט אין איין תפֿילה טאָן. זיצט מיט די פֿיס אונטער זיך, פֿאַר־שטעלט זיך די אויגן, שאָקלט זיך און בעט צו אַללאַה און מוכאַמעד. שעהנוויין דערציילט ער אונז וועגן קאָראַן.

איוואַן גוסיעוו פֿינטלט בעת־מעשה מיט די אויגן, ער האָט נישט קיין געדולד צו די מעשׂהס, ער וואָלט אים, זע איך, גערן אויסגעזידלט אין דער מאַמען אַריין, נאָר ער האָט נישט קיין ברירה, אַכמאַטאָף איז אים מכבד מיט אַ שטיקל ברויט און אַ מייערל.

גוסיעוו איז נישט לאַנג צוריק פֿון דער אַרמיי, געקומען אַן אינוואַליד. ער איז שוין געווען אַ צייט אין דייטשער געפֿאַנגענשאַפֿט, נאָר די רויטע אַרמיי האָט אים צוריק באַפֿרייט. ער איז דערנאָך אַפּגעווען צוויי חדשים אין אַ ספּעציעלן קאָנטראָל־לאַגער, איז אויסגעפֿאָרשט געוואָרן ווי אַזוי ער איז אַריינגעפֿאַלן צו די דייטשן, ווו ער איז אַלץ געווען, ווי אַזוי ער האָט זיך דאָרטן אויפֿגעפֿירט. ער איז אַרויס אַ ריינער, מען האָט אים באַפֿרייט פֿון לאַגער און צוריקגענומען אין דער אַרמיי. אין אַ שלאַכט איז ער קאָנטוזירט געוואָרן, כמעט אויפֿגעהערט זעען און מען האָט אים באַפֿרייט. אינדערהיים, בשעתן אָנשיכורן זיך, האָט ער דערציילט פֿאַר זיינע חברים די וווּנדער פֿון דער דייטשער טעכניק, זיי געוויזן אפֿילו אַ דייטשע מאַנאַשקע מיט רום, וואָס ער האָט מיטגעברענגט.

מען האָט אים אַרעסטירט און באַשולדיקט אין פּאַראַגראַף 66, צווייטער טייל, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע אין מלחמה־צייט.

ער האָט דעם זעלבן פּאַראַגראַף וואָס איך, אויך צווייטער טייל.

ביי גוסיעוון איז נישט קיין נייעס טורמע און לאַגער, ער איז שוין עטלעכע מאָל געזעסן צו עטלעכע יאָר פֿאַר גנבֿה, רויב און מאָרד. ער האָט אינטערעסאַנטערע זאַכן צו דערציילן ווי אַכמאַטאָף. גוסיעוו דערציילט אַן עקזאַלטירטער וועגן דעם באַרימטן באַנדיטן־אַטאַמאַן פּיעטקאַ יאַקאָר, וועלכער האָט מיט זיינס אַ מחנה זיך אויפֿגעהאַלטן אין די וועלדער, באַפֿאַלן דערפֿער און צוויי יאָר צייט געקעמפֿט מיט דער „טשעקאַ”. גוסיעוו האָט דעם פּיעטקאַ יאַקאָר געקענט פּערזענלעך. יענער איז

נישט געווען סתם קיין באַנדיט, ער איז געווען אַ נקמה־נעמער. זיין פּעטער האָבן דערהרגעט די „ווייסע" און זיין פאָטער האָבן דערהרגעט די „רויטע". האָט פּיעטקאַ זיך געשאַפן אַן אייגענעם באַטאַליאָן און געקעמפט דעמאָלט סיי קעגן די „ווייסע" און סיי קעגן די „רויטע".

אַז ער מיט זיין מחנה זיינען באַפאַלן אַ דאָרף, האָבן זיי צוגענומען שפּייז, מלבושים, געלט, אָבער נאָר ביי די, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צו דער מאַכט. דאָס גערויבטע האָבן זיי צעטיילט צווישן די איבעריקע פּויערים און די רעשט געלאָזן פאַר דער אייגענער מחנה. פּיעטקאַ יאַקאָר האָט אפילו איינגעאָרדנט פאָלקס־פאַרווײלונגען אין די דערפער, אַלע יונגע פּויערטעס האָבן געמוזט טאַנצן מיט זיין חברה, ער אַליין האָט צובאַגלייט אויף אַן אַקאָרדעאָן. ווען פּיעטקאַ אַליין האָט געוואָלט טאַנצן, האָבן זיך געריסן צו אים די שענסטע און בכבודיקסטע דיעווקעס (מיידן).

פּיעטקאַ איז אַמאָל באַפאַלן די „טשעקאַ" אין זייער ראַיאָן, אויסגעטאָן דעם נאַטשאַלניק אַ נאַקעטן און אים געהייסן אַזוי אַרומלויפן איבערן דאָרף.

איוואַן קומט אַריין אין אַזאַ התפעלות בעת ער דערציילט וועגן דעם אַטאַמאַן, אַז ער דערעדט זיך צום סוף:

— ווען פּיעטקאַ וואָלט זיך אַביסל געקענט אויף די ביכלעך, אויף פּאָליטיק, וואָלט ער מיט זיין דרייסטקייט און העלדישקייט געקאָנט איינגעמען און הערשן איבער גאַנץ רוסלאַנד!

אויף אַ קרייז־פאַרהער ביי גרויסע לייט

דער היינטיקער פאַרהער קומט פאָר אין אַן אַנדער צימער, ביים געהילף־נאַטשאַלניק אַליין. עס זיינען אָנוועזנד צוועלף אויספאָרשער, דריי זיינען אַראָפּגעקומען ספּעציעל פון דער אוזבעקישער הויפּט־שטאָט, טאַשקענט, מיט אַ פּולקאָווניק פון דער דאָרטיקער נקגב אין דער שפּיץ.

יעדער פון זיי וויל באַווייזן זיין געניטקייט און געשיקטקייט אין אויספאָרשן, וויל מיך צעטומלען, ווענדעט אָן הינטערגענגלעך, כיטרע שטיקלעך, כדי מיך צו כאַפּן ביי אַ ליגן. יעדער פון זיי דראָט מיט שלאָגן, אָבער קיינער טוט עס נישט. היינט איז נישט נאָגטיעוו מיין הויפּט־באַלעבאָס, ער שפּילט אַ קליינע ראָלע, שטייט אין אַ זייט. ער איז צופרידן דערמיט וואָס צו זיינס אַ „קליענט" זיינען אַראָפּגעקומען אַזעלכע גדולים פון טאַשקענט. ער וואַרפט נאָר אַריין פון מאָל־צו־מאָל אַ וואָרט, אַ פראַגע. ער דערציילט זיי:

— אַט דער סוואָלאָטש האָט מיר געזאָגט, אַז אין פּוילן האָט פאַרפליכטעט אַ יקרות־טאַבעלע. אויב עס איז געשטיגן דער פּרייז פון פּראָדוקטן, האָבן די פאַבריקאַנטן געמוזט העכערן יעדן חודש דעם לוין פון זייערע אַרבעטער, לויט די סטאַטיסטישע אָנווייזונגען פון דער יקרות־טאַבעלע. דערצו, זאָגט ער, האָט זיי געצוווּנגען די רעגירונג. ער האָט זיך דערין אַליין מודה געווען אַז ער האָט דאָס דערציילט הי פאַר סאָוויעטישע בירגער. דאָס האָט ער שוין ביי מיר אונטערגעשריבן. חוץ דעם האָט ער מיר אויך געזאָגט, אַז אין פּוילן זיינען לעגאַל דערשינען לעגינס

ווערק, וואַנדאַ וואַשילעווסקאַס ווערק און אַז מען האָט אפילו דערלויבט צו דע־מאָנסטרירן סאָוויעטישע פילמען.

ער ווענדעט זיך צו מיר:

— זאָג, סוואָלאָטש, דו האָסט אַזוי געזאָגט?

אַן עלטערער אויספאָרשער האָט נאָגטיעוון אַ צי געטאָן ביים אַרבל און אים בייז אָנגעקוקט. נאָגטיעוו איז בלייך געוואָרן און גיך צו מיר געזאָגט:

— ענטפער נישט, מען דאַרף נישט!

מיר האָט זיך געוואָלט צעלאַכן. נאָגטיעוו אַליין קאָן באַלד ווערן פון אַ באַ־שולדיקער — אַ באַשולדיקטער! ער טרייבט דאָך אָפּענע, קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע. דער עלטערער אויספאָרשער האָט, מסתמא, געוווסט, אַז דאָס איז אמת וועגן פּוילן. דאָ זיינען דאָך פאַראַן הויכגעשטעלטע לייט פון טאַשקענט און די היגע נקוּוד קאָן פאַר אַזעלכעס אַפּרייסן אַן עוולה.

דער פּולקאָווניק שטעלט מיר נאָך איין פראַגע:

— ווען האָט איר זיך געזעען דאָס לעצטע מאָל מיט ראָזענבערגן?

איך מוז טראַכטן, ווייל ראָזענבערגס האָב איך געהאַט עטלעכע באַקאַנטע. וועלכן מיינען זיי? דער פּולקאָווניק דרענגט, אַז איך זאָל גיך ענטפערן.

— אויב איר מיינט שלמה ראָזנבערג, איז ער נאָך פאַר דער מלחמה אַוועק קיין אַמעריקע.

— טרייבט נישט פון אונז קיין חוזק מיט אַ שלוימע, מיר מיינען אַלפרעד ראָזנבערגן.

— וועמען?!

— איך דאַרף אייך איבערחזרן? אַלפרעד ראָזנבערג! דער דייטשער מיני־סטער, היטלערס משרת!

איך פאַרקרום זיך אין אַ שמייכל. איך בין אַזוי פאַרחושט געוואָרן פון דער פראַגע, אַז איך האָב נאָך געהערט פון זיי שטיקלעך רייד:

— איר נישט קיין ייד, דייטשער שפּיאָן, קאַוטסקי, שיידעמאַן, היטלער!

זיי האָבן מיך געהאַלטן נישט מער ווי אַ צוויי שעה. דער פּולקאָווניק האָט זיך שוין געלאַנגווייליקט, נאָגטיעוו האָט גענומען אומעטיקער ווערן. זיי האָבן זיך איינציקווייז אַרויסגעשאַרט פון קאַבינעט און אַוועק, אוודאי צום בופעט.

נאָגטיעוו האָט מיך נאָכדעם אַריינגעפירט צו זיך. ער האָט מיר געוויזן אַ רשימה פון עטלעכעאונזעכציק מענטשן. וועגן די אַלע זאָל איך אים דערציילן, וועגן מיינע באַציונגען מיט זיי. צום מיינסט אינטערעסירן אים: ד״ר יעקב ציגעמאַן, מחבר פון „געשיכטע פון ציוניזם״, וואָס האָט ביי מיר געגעכטיקט עטלעכע טעג פאַרן אַנטלויפן פון דזשאַמבול; ד״ר כאָמעט, ציוניסטישער טוער פון טאַרנאָוו, וואָס איז געווען אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין זשענעווע אין יאָר 1939; דער קראָקעווער מאַלער רימפּעל, וואָס איז אין פּוילן געווען אַ בונדיסט; דער ציוניסטישער טוער פון וו. רויזנשמיד; אַרטוסקי־אייכענבוים, דער בונדיסט־טראָצקיסט, וועמען עס איז געלונגען אין יאָר 1942 זיך אַרויסצוכאַפּן מיט דער פּוילישער אַרמיי קיין פּער־סיע; דער אַרטיסט דוד לעדערמאַן; דער שרייבער ש. ב. וועלכער האָט אין אָנווע־זנהייט פון עטלעכע מיינע באַקאַנטע, חוזק געמאַכט פון דער רויטער אַרמיי, אָפּגעלאַכט פון איר פירונג און אומאָרדנונג. ער פרעגט מיך אויך אויף אַ געוויסן

ראווין (רב) שטשעקאטש, דאָס איז, זאָגט ער, אַ מענטש פון אַ גאַנץ אַנדערער קאַטעגאָריע.

נאָגטיעוו איז איצט שלעכט געשטימט און אפילו פויל מיך צו שלאָגן. ער באַדויערט וואָס עס איז אַוועקגעשטאָרבן משה ביעדערקאַ,אַמער וואָלט ער איצט געזעסן דאָ און געלייזט קלעפּ!

וועגן יעדן איינעם, חוץ דעם רב שטשעקאַטש וועלכן איך קען לגמרי נישט, גיב איך די בעסטע כאַראַקטעריסטיקעס, קיינער פון זיי האָט מיר קיינמאָל נישט גערעדט קיין שלעכטס קעגן דער סאָוויעטישער אָרדנונג.

ער קריצט מיט די ציין, ציט אַרויס אַ רעוואָלווער פון טאַש און שטרעקט אים אויס:

— איך וועל דיך דערשיסן אויפן אָרט ווי אַ פאַרשיוון הונט און קאָנטר־רעוואָלוציאָנער! און דו אַליין ביסט דען נישט קיין ציוניסט און אַ פאָלקס־שונא?!

— יאָ, איך האָב געהאַלטן, אַז די יידן פון פוילן דאַרפן אַוועקפאָרן אין אַנדערע לענדער, אויך קיין פּאַלעסטינע. אין פוילן זיינען די יידן אָפט פּאָגראָמירט געוואָרן.

— און די סאָוויעטישע יידן דאַרפן נישט פאָרן קיין פּאַלעסטינע?

— די סאָוויעטישע יידן נישט, זיי זיינען גלייכבאַרעכטיקט מיט אַלע בירגער.

— דו האָסט געהאַט געזאָגט פאַר דיינע חברים, אַז די סאָוויעטישע יידן וואָלטן באַדאַרפט די ערשטע פאָרן קיין פּאַלעסטינע.

— איך האָב אַזוי נישט געזאָגט.

— וויפל קוילן ווילסטו זאָל איך אין דיר אַריינשיסן? ! פאַר יעדן ליגן — אַ קויל!

— איר וועט נישט שיסן, ווייל איר ווייסט, אַז דערמיט וועט איר מיר נאָר טוען אַ טובה.

ער האָט מיר געוואָרפן דעם אַש־בעכער און צובאַגלייט מיט אַ קללה אין דער זונהשער מאַמען אַריין.

באַגעגעניש מיט אַ רוסישן ייד, וואָס האָט געוואָלט אַנטלויפן קיין ארץ ישראל

אַכמאַטאָף כאַפּט זיך אַרויף אויף די קראַטן און רעדט זיך דורך מיט דער שכנותדיקער קאַמער. ער זאָגט מיר, אַז זיין פריינט, אַן אוזבעק, גיט אים איבער, אַז אין זיין קאַמער זיצט אַ געוויסער רויזנשמיד פון ווו., איינער פון מיין קאָמפּאַניע. מען האָט אים נעכטן אַרעסטירט. רויזנשמיד שיקט מיר איבער דורך אים אַ גרוס.

באַלד קלאַפּט מען אין וואַנט אויך פון דער זעלבער שכנותדיקער קאַמער, דאָס איז טאַקע, מסתמא, רויזנשמיד! ער איז שוין אויך אַרעסטירט!

אַכמאַטאָף שעלט די נאַטשאַלסטווע. די טורמע־וועכטער, זאָגט ער, קענען אים פערזענלעך, אַז זיי וועלן אים כאַפּן ביי אַ שמועס מיט אַ צווייטער קאַמער, וועלן

זיי אים קיין שלעכטס נישט טאָן. זיין ווייב אויף דער פריי וועט זיי שוין דערפאַר פאַרגוטיקן.

מען האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם אַרעסטאַנט. אַ יונגער, בלאָנדער מאַן פון עטלעכע אונצוואַנציק יאָר, אין לייוונטענע, צעריסענע שטיוול, אין אַ פאַרשטויבטער, לייכטער גימנאַסטיאָרקע, אַ פאַרשטויבט פּנים, פאַרטרוקנטע ליפּן. אין האַנט האָט ער אַ קליין זעקעלע מיט זאַכן. אַ מידער זעצט ער זיך גלייך אויף דער ערד.

— אייער פאַמיליע־נאָמען?

— איסאַק מאַיסעיעוויטש בראָנשטיין.

עס ווערט מיר וואַרעם. נאָך אַ ייִד אין קאַמער. אים איז שווער צו רעדן. איך דערלאַנג אים אַביסל וואַסער פון מיין שיסעלע און אַ שטיקל ברויט.

אַכמאַטאַף ווערט אומרואיק און זאָגט צו יענעם:

— דוכט זיך אַז איך קען דיך, ביסט געזעסן אין דער היגער צענטראַלער טורמע, יאָ?

בראָנשטיין שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. ער איז דאָרט געזעסן נאָר עטלעכע וואָכן.

איך פרעג אים די סטאַטיע (פּאַראַגראַף), אין וואָס ער ווערט באַשולדיקט. ער נעמט גלייך זידלען (אין רוסיש):

— אָט די פאַרשאָלטענע פּוילישע יידן, די ספּעקולאַנטן און מערזאַווצעס, זיי זיינען שולדיק אין מיין אומגליק! זייערס אַ גרופּע פון פּופּצן מענטשן האָט מיך אָנגערעדט מיט זיי צו אַנטלויפן קיין פּאַלעסטינע! און איך, אידיאָט, האָב זיך געלאָזט פון זיי צורעדן און אַוועק מיט זיי קיין אַשכאַבאַד, כדי פון דאָרט זיך דורכצושמוגלען דורך דער פּערסישער גרענעץ.

ער איז שטאַרק פאַרמאַטערט און עס קומט אים אָן שווער דאָס רעדן.

— נו, האָט מען אייך דאָרט געכאַפּט?

— אונזערע, די גרענעץ־שמוגלער, טורקמענער און בוכאַרער יידן, האָבן אונז פאַרקויפט, פאַראַטן. מען האָט מיך אַוועקגעפירט אין סאַמאַרקאַנדער טורמע. איך האָב דאָרט געאַרבעט אַלס עלעקטראָטעכניקער. איך האָב געהאַט אַ פאַלשן, פּוילישן דאָקומענט, האָט מען מיך פאַרמשפּט נאָר אויף דריי יאָר. מען האָט מיך אַוועקגעשיקט אין אַ לאַגער קיין סיביר. איך בין אַן עלעקטראָ־אינזשיניער. אין לאַגער דאָרטן האָבן זיי באַדאַרפט אַזעלכן, האָבן זיי מיך גלייך אַרויסגעשיקט פון דער לאַגער־זאָנע צו פאַריכטן די עלעקטרי ביי נאַטשאַלסטווע. און שוין אויפן דריטן טאָג בין איך אַוועק צום „גרינעם פּראָקוראָר" (אין וואַלד אַריין) און געמאַכט פּליטה. ניינצן טעג האָב איך זיך געשלעפּט דורך טייגעס, וועלדער, טייכן, אָזיערעס. ביינאַכט בין איך געגאַנגען און בייטאָג גערוט. איך האָב זיך דערנערט אין וואַלד מיט אַלערליי געוויקסן און קאָרעס. בעתן גיין ביינאַכט האָב איך זיך אָריענטירט לויט די שטערן. איך האָב אָפּגעבראָכן גרויסע צווייגן, זיי צונויפגעפלאָכטן און אַריבערגעשווומען אויף זיי איבער טייכן און אָזיערעס. נאָך ניינצן טעג האָב איך זיך דערשלאָגן צו אַ באַן, פאַרקויפט דאָס העמד, די פופייקע, געקויפט אַ בילעט און דערפאָרן ביז בוכאַראַ. איך האָב זיך ווידער פאַרשאַפן אַ פּויילישן דאָקומענט און געשטעלט זיך אַרבעטן. וועגן מיין אַנטלויפן פונם לאַגער האָט נאָר געוווסט איין מענטש, מיינס אַ חבר. האָט ער מיך פאַרקויפט, אין זיין זונהשער מאַמען אַריין! מיך פאַראַטן! מען האָט מיך אַרעסטירט און דאָ אַהערגעבראַכט. פּאַלעסטינע האָב

איך נייטיק באַדאַרפט! דאָס אַלץ צוליב די פּוילישע ייִדן, די ספּעקולאַנטן און סוואַלאַטשעס, אין זייער מאַמען אַריין!

איך קאָן זיך נישט באַהערשן און זאָג אים:

— הערט נאָר, איר העלד איינער, איר זענט אַ קינד? פּוילישע ייִדן האָבן אייך אָנגערעדט? מיט וואָס זיינען זיי שפּעקולאַנטן און סוואַלאַטשעס? איר אַליין האָט דאָך געוואָלט אַנטלויפן קיין פּאַלעסטינע, טאָ וואָס וואַרפט איר אויף אַנדערע די שולד? זיי זיינען אויסן געווען אייער שלעכטס? זיי האָבן אייך נייטיק באַדאַרפט האָבן אין וועג? זיי האָבן דאָך אייך נישט פאַראַטן, זיי זיינען דאָך אַליין אויך דורכגעפאַלן און זיצן איצט אין לאַגער! נישט שיין אַזוי, בירגער בראָנשטיין!

ער גיט צו מיר אַ זאָג אויף ייִדיש:

— מיט אייך וועל איך באַזונדער רעדן.

אַכמאַטאָף כעסט זיך:

— פאַרוואָס רעדט איר אויף אַ שפּראַך, וואָס איך פאַרשטיי נישט? פע, מיר־אוס, מען דאַרף רעדן רוסיש, אַלע זאָלן פאַרשטיין.

ווען איך ענטפער עפּעס אָפּ אַכמאַטאָפן, גיט ער צו מיר אַ ווונק מיטן אויג, ווייזט אויף דער צונג און אויף בראָנשטיינען. דאָס הייסט, אַז בראָנשטיין איז אַ פּראָוואָקאַטאָר.

איך הויב דאָך אָן רעדן ייִדיש מיט בראָנשטיינען און ער גיט מיר שטיל אַ זאָג:

— היט זיך פאַר דעם שוואַרצן (געמיינט דעם אוזבעק אַכמאַטאָף), ער איז אַ מסור!

איך בין שוין אינגאַנצן צעחושט. אַכמאַטאָף טומלט זיך ווייטער פאַרוואָס מיר רעדן צווישן זיך ייִדיש. אין זיינע אויגן בליצט אויף אַזאַ ווילדער כעס, אַז עס איז שווער אין אים צו דערקענען דעם, וואָס זאָגט שעהן נאָכאַנאַנד תפילות.

איך זאָג בראָנשטיינען:

— הערט, איך ווייס נישט ווער איר זענט, איר ווייסט נישט ווער איך בין. וואָס האָבן מיר מורא צו האָבן פאַר מוסרים? וועגן פּאָליטיק רעד איך בכלל נישט מיט קיינעם און אויב יאָ, האָב איך אויך גאָרנישט וואָס צו פאַרבאָרגן. איר זענט דאָך אַ יונגער, רוסישער ייִד, מיר האָבן וועגן וואָס צו רעדן צווישן זיך אויך מחוץ פּאָליטיק.

און עס איז אַוועק אַ שמועס אויף עטלעכע שעה.

ער אַנטשולדיקט זיך דערפאַר, וואָס ער האָט באַשולדיקט די פּוילישע ייִדן, דאָס האָט ער געטאָן בכיוון, ווייל דער „שוואַרצער" איז אַ מסור.

בראָנשטיין איז אַ באַוווסטזיניקער, נאַציאָנאַלער ייִד. ער איז פון אַ טראַדיציאָנעל־ייִדישער שטוב אין אַ שטעטל אין ווייסרוסלאַנד. וועגן ארץ־ישראל ווייסט ער שוין פון זיינע קינדעריאָרן אָן, כאָטש גענוג פאַרנעפּלט. ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט די פּוילישע יונגעליייט, מיט דער גרופּע פון פופצן מאַן, רעוויזיאָניסטן, אַלץ די־פּלאָמירטע אינטעליגענטן, האָבן זיי אים ערשט אַלזייטיק אינפאָרמירט וועגן ארץ ישראל. ער האָט באַשלאָסן מיט זיי צו אַנטלויפן. ער האָט פאַרלאָזט דעם פּאָסטן, גענומען זיין יונגע פרוי, מיט וועלכער ער האָט ערשט נישט לאַנג חתונה געהאַט און זיך אָנגעשלאָסן אין דער גרופּע. ער האָט נישט געקוקט דערויף וואָס ער איז ערשט געווען פינף טעג נאָכן פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל, ער איז קראַנק געווען אויף טיפוס. די פרוי זיינע זיצט אויך אין טורמע.

עס איז אים שווער צו רעדן, ער כאַפּט איבער דעם אָטעם:

— וואָס זיינען פאַר אים איצט רעוויזיאָניסטן? די רוסישע יידן וואָלטן באַ־וויזן ווי אַזוי מען דאַרף דעראָבערן ארץ־ישראל! מיט פייער און מיט שווערד!

אַלע מאָל, ווען ער רירט אָן אַ פּאָליטישע נאָטע, רייס איך אים איבער:

— מיר האָבן דאָך אָפּגעמאַכט נישט צו באַרירן קיין פּאָליטישע טעמעס!

ער רייסט מיר אומגעדולדיק איבער:

— הערט שוין אויף מיט דעם פּחד! מיר זיינען צוויי יידן, וועלכע וועלן אוודאי שוין פאַרפוילט ווערן אין די היגע טורמעס. איך וואָלט מען נאָך אפשר אמאָל באַפרייט, אויב אָבער זיי וויסן, אַז איר זענט אַ שרייבער, איז פאַרפאַלן, זיי האָבן מורא פאַר שרייבער מער ווי פאַר פייער. זיי וויסן, אַז ווען איר אַרויס אויף דער וועלט, וועט איר נעמען אָנדערציילן, באַשרייבן.

— איך וועל נישט אָנדערציילן, באַשרייבן, וואָס איז דאָ צו באַשרייבן? מילא, שווערע באַדינגונגען, אַ שטרענגער רעזשים, דאָס מוז דערווייל אַזוי זיין, אַנדערש וואָלט מען נישט געקאָנט דערהאַלטן די מאַכט, פירן מלחמות. מיט דער צייט וועט אַלץ ווערן בעסער. דער פירער איז אַ געניאַלער און שטאַרקער מענטש, אין אים איז אַלץ געוועדנעט. ווען מען וועט קאָנען און דאַרפן, וועט ער אַלץ ריכטיק איינ־שטעלן.

בראָנשטיין שאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, מיר דאַרפן טאַקע נישט רעדן איבער פּאָליטיק. הערט, צי מיינט איר, אַז איך פיל נישט אייער וואַרעם יידיש האַרץ? איר האָט מיר פריער דערציילט אביסל וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין דער וועלט, וועגן ארץ־ישראל, איך האָב דערביי אויפגעלעבט. איך וואָלט יאָרן געזעסן און געהערט. אפשר וועט אייך נאָך פאָרט באַשערט זיין דאָרט אמאָל אהינצוקומען? ! נאָר גלייבט מיר, אַז איך בין נישט קיין ערגערער ייד פון אייך, מיין האַרץ קלאַפּט פונקט אַזוי יידיש ווי אייערס. דאָס וואָס איך רעד אַנדערש פאַר זיי און אַנדערש פאַר אייך? מיר האָבן זיך שוין דערצו צוגעוווינט, אַן אַנדער מויל און אַן אַנדער האַרץ.

איך זוך אים צו כאַפּן ביי אַן אומפּינקטלעכקייט אין זיין דערציילן, איך וויל דערגיין צי ער מיינט אַלץ אמת און אויפריכטיק. אין אָנהויב האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט נאָר אַן אַלטע מאַמע, אָבער נישט קיין שוועסטער און נישט קיין ברו־דער. אָבער אין מיטן רעדן איצט, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיטן וואָרט „מיין ברודער".

איך זאָג אים:

— איר דאַרפט פירן אַ קאָנטראָל איבער אייערע רייד, אַזוי טויג נישט. איינ־מאָל זאָגט איר, אַז איר האָט נישט קיין ברודער, אַ צווייטמאָל כאַפּט איר זיך אַרויס, אַז איר האָט יאָ אַ ברודער. עס טויג נישט אַזוי.

— איך האָב געמיינט מיינס אַ קוזין.

ער גיט אָבער באַלד צו:

— אַנטשולדיקט, איר פאַרשטייט דאָך! איך ליגן, אַז איך האָב משפּחה, וויל אַנדערש קאָן עס אויסגיין אויך צו זייערע קעפּ. איך האָב ברודער און שוועסטער, אייניקע פון זיי פאַרנעמען הויכע פּאָסטנס, פאַרשטייט איר דאָך שוין.

בלויז דריי טעג איז ער געזעסן אין קאַמער. מיר האָבן זיך גוט באַפריינדעט. אין די ערשטע צוויי טעג האָב איך אים נאָך געהאָט צו געבן פון מיין עסן, וואָס

מען האָט מיר אַריינגעשיקט (שוין נישט שמאַיעוויטש, נאָר רויזקע, דער ליטווישער שכנהטעס יונגערע טאָכטער), אָבער היינט האָט מיר נאָגטיעוו געמאָלדן, אַז אַזוי ווי קלעפּ העלפן נישט, איך בין זיך צו גאָרנישט מודה, זאָג איך אים וועגן קיינעם גאָר־נישט, שטעלט ער מיר אָפּ אויף צוואַנציק טעג די רעכט אויף אַריינצובאַקומען „פּערעדאַטשעס".

איך האָב ביים געזעגענען זיך מיט בראָנשטיינען גאָרנישט געהאַט וואָס אים צו געבן. מען שיקט אים צוריק אויף אַ נייעם משפּט אין סיבירער לאַגער פונוואַנען ער איז אַנטלאָפן.

אויפן אַנדערן טאָג האָב איך געהאַט ביי נאָגטיעוון אַ קאָנפראָנטאַציע מיט רויזנשמידן. ער איז נישט אַרעסטירט, ער איז געקומען פון דער פריי. אַכמאַטאָף האָט מיך אָפּגענאַרט.

כ'בין אַראָפּגעקומען צוריק אַ פאַרחידושטער. אויפן אָרט פון בראָנשטיינען האָט מען אַריינגעפירט אין קאַמער אַן אוזבעק. ווען מען האָט אַכמאַטאָפן גערופן צום אויס־פאַרשער, האָט דער נייער אוזבעק דערציילט, אַז אַכמאַטאָף זיצט נישט פאַר פּאָליטיק, נאָר פאַר נעמען כאַבאַר, פערציק טויזנט רובל. אַכמאַטאָף איז אַ פּראָקוראָר. ער איז פאַרמשפּט אויף צען יאָר. ער זיצט שוין דאָס פערטע יאָר און איז אַ קאַמער־פּראָוואָקאַ־טאָר! מען שיקט אים ספּעציעל אַלעמאָל אין אַן אַנדערער קאַמער, כדי ער זאָל פּראָוואָ־צירן און אויסגעבן וואָס עס רעדן צווישן זיך די אַרעסטאַנטן. מען האָט אים אַצינד אַרויפגערופן נישט אויף קיין אויספאָרשונג, ווייל ער איז דאָך שוין אַ געמשפּטער, נאָר כדי ער זאָל איבערגעבן וואָס מען האָט דאָ גערעדט אין קאַמער.

דער אוזבעק זיצט שוין אויך לאַנג. ער איז פאַרמשפּט אויף פופצן יאָר, ער איז אַליין געווען אַ מיטאַרבעטער אין נקווד. ער קען גוט אַכמאַטאָפן. פאַר דעם מסרן באַקומט ער דאָס רעכט אויף אַ זעאונג מיט זיין פרוי און קינדער איינמאָל אין חודש.

איוואַן גוסיעוו רופט זיך אָן:

— איך האָב אָבער דערקענט, אַז ער מאָליעט זיך צום טייוול! זאָל אים זיין אַללאַך און מוכאַמעד דערשטיקן! אויב נישט, וועל איך אים אַליין דערשטיקן — אין זיין זונהשער מאַמען אַריין!

דער פּראָוואָקאַטאָר בערעלע שמאַיעוויטש

זעצט פאַר זיין מלאכה

מיט רויזנשמידן האָב איך שוין געהאַט צוויי קאָנפראָנטאַציעס.

איך בין אַמאָל געווען איינגעלאַדן חנוכה־צייט אויף לאַטקעס, צו רויזנ־שמידן אין שטוב, צוזאַמען מיט מיין חבר שמאַיעוויטש. מיר האָבן דעמאָלט געפירט אונזערע געוויינלעכע שמועסן. רויזנשמיד איז אַ טאָג פאַר דער דייטש־סאָוועטי־שער מלחמה, דעם 21־טן יוני 1941, אַרעסטירט געוואָרן אין ו. צוזאַמען מיט זיין פרוי און זון. אים האָט מען איינגעזעצט אין טורמע און זיין פרוי מיטן יונגל האָט מען פאַרשיקט קיין קאַזאַכסטאַן. זייערס אַ פיר־יעריק קינד איז גראָד נישט געווען אינדערהיים, עס איז געווען ביי דער פרוים שוועסטער, האָט די מאַמע גע־

וואַלט אַוועק צו דער שוועסטער, מיטנעמען מיט זיך דאָס קינד, די נקווד האָט דאָס אָבער נישט דערלויבט. זיי האָבן געמוזט לאָזן דאָס קינד אין וו.

אַלס געוועזענער סוחר, גביר, געזעלשאַפטלעכער עסקן, האָט רויזנשמיד באַ־קומען אַכט יאָר. פון טורמע האָט מען אים איבערגעשיקט אין לאַגער. אַלס וו. האָט מען אים נישט באַפרייט בעת דער אַמנעסטיע פון פּוילישע בירגער, אין אויגוסט 1941, וואָס שיקאָרסקי האָט דעמאָלט אויסגעפּועלט. די ראַטנמאַכט האָט כסדר אָפּגעשלעפּט מיט דער באַפרייאונג פון די וו. און עס איז ערשט צושטאַנדגע־קומען אין חודש מערץ 1942.

רויזנשמיד דערציילט וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין דער מינוט, ווען מען האָט זיי, די וו. געפירט אין לאַגער צו דער באַפרייאונג און אַרום זיינען געשטאַנען הונדערטער יידן פון רומעניע, ליטע, לעטלאַנד. יענע זיינען נישט אַמ־נעסטירט געוואָרן. עס האָט זיך געפונען צווישן יענע אַ גרויסע צאָל געזעלשאַפט־לעכע טוער, ציוניסטן, סאָציאַליסטן. זיי זיינען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און צוגעברומט רויזנשמידן:

— געדענקט אין אונז, זייט מרעיש עולם, מיר וועלן דאָ אומקומען, ראַטעוועט!

רויזנשמיד האָט אויך דערציילט פאַר אונז וועגן אַ באַזוך אין זייער לאַגער פונם הויפּט־פּראָקוראָר און היינטיקן וויצע־אויסערן־מיניסטער — ווישינסקי. רויזנ־שמיד האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר ווישינסקין. יענער האָט אים שווייגנדיק אויסגעהערט און אים נאָר געפרעגט:

— פונוואַנען קענט איר אַזאַ גוטן רוסיש רעדן, האַ?

האָט ער אים געענטפערט, אַז ער האָט אַמאָל שטודירט אין פּעטערבורגער אוניווערזיטעט.

רויזנשמיד האָט אונז אויך דערציילט וועגן זיין שוועסטער, וועלכע וווינט שוין זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה אין רוסלאַנד. זי איז אַ פּאַרטייערין. זי וויל זיך מיט אים נישט זען, כאָטש זי וווינט נישט ווייט פונדאַנען, אין בוכאַרע.

די שוועסטער זיינע איז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אַנטלאָפן קיין רוס־לאַנד און אין וו. געלאָזן אירם אַ טעכטערל. אין יאָר 1925 האָט זי דורכגע־שוואַרצט די רוסיש־פּוילישע גרענעץ, אָנגעקומען קיין וו., גענומען איר טעכ־טערל און זיך צוריק אַריבערגעשמוגלט קיין רוסלאַנד. ווען דאָס טעכטערל איז דאָס ערשטע מאָל געקומען אין שול אַריין, האָט זי זיך ביים פאָרשטעלן פאַר דער לייטערין באַגריסט מיט אַ קניקס, רעווערענס, אַ בויג געטאָן די קני.

די לייטערין האָט זי איבערגעפרעגט פונוואַנען עס נעמען זיך צו איר אַזעלכע בורזשואַזע מאַניערן. אַ וואָרט צו אַ וואָרט און מען איז געוואָר געוואָרן דעם גאַנצן ענין. מען האָט די מוטער איינגעזעצט אין טורמע. נאָכן באַפרייען האָט מען זי רעהאַביליטירט און צוריק אַריינגענומען אין דער פּאַרטיי. זי איז איצט אויף הויכע אַמטן. זי איז לעקטאָר פון פרעמדע שפּראַכן אין פּעד.־אינסטיטוט און לעצטנס אַ צענזאָרין אויף דער פּאָסט. דאָס טעכטערל אירס איז שוין איצט אַ חתונה־געהאַטע פאַר אַ רוסישן גענעראַל. אין יאָר 1937 איז דער גענעראַל געזעסן אַ צייט אין טורמע, צוליב זיין אַמאָליקער באַקאַנטשאַפט מיט אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך שפּע־טער אַרויסגעוויזן פאַר טראָצקיסטן.

די שוועסטער האָט זיך שטאַרק געוואָלט זען מיט איר ברודער פון וו. אָבער זי האָט מורא געהאַט, ער איז דאָך פון פּוילן, אַ געזעסענער. זי האָט פונ־

דעסטוועגן איינמאָל ריזיקירט און אַראָפּגעקומען צו אים דאָ אַהער קיין סאַמאַרקאַנד. פֿאַר איר טאָכטער און איידעם האָט זיך זיך דערמיט געהיטן.

איך האָב זי געזען און גערעדט מיט איר עטלעכע שעה. דעם תּוכן פֿון די געשפּרעכן וועל איך נישט איבערגעבן. זי האָט מער גערעדט מיט די אויגן ווי מיטן מויל, אָפּט נאָר באַדויערלעך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

רויזנשמיד האָט אונז געהאַט דערציילט ווי אַזוי ער האָט אין די לעצטע טעג פֿון זיין זיין אין לאַגער זיך שוין קוים געשלעפּט אויף די פֿיס. ווען מען באַפֿרייט אים נישט דעמאָלט, וואָלט ער לאַנג שוין, זאָגט ער, נישט אויסגעהאַלטן.

ער איז פֿון לאַגער געקומען קיין סאַמאַרקאַנד. ווען ער איז געשטאַנען אין אָטשערעד נאָך הילף צום פּוילישן קאָמיטעט, האָט ער פּלוצים דערזען זיין פֿרוי. זי האָט אים תּחילת נישט דערקענט. ער איז געווען אָפּגעריסן, אויסגעדאַרט, ברו־דיק און קרעציק.

רויזנשמיד איז שפּעטער געווען פֿאַרוואַלטער אין דער קיך ביים ציגל־זאַוואָד, דאָרט וווּ איך האָב געאַרבעט פֿאַראַיאָרן ביים טראָגן ליים און ציגל.

ווען נאָגטיעוו האָט מיך געהאַט אויסגעפֿרעגט וועגן רויזנשמידן, וועגן די שמועסן מיט אים, ווייסנדיק שוין, אַז עטלעכע מאָל איז אויך געווען אַנוועזנד ביי די שמועסן בערעלע שמאַיעוויטש, האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, אַ סך זאַכן פֿאַרטושט און איבערגעגעבן עטלעכע נישט־שעדלעכע געשפּרעכן. איך האָב אָפּגעלייקנט, אַז ער זאָל זיך האָבן באַקלאָגט אויף דער ראַטנמאַכט, אויף דער מוראַדיקער פּיין אין די לאַגערן, נאָר אַז ער, נישט זייענדיק צוגעוווינט צו שווערער אַרבעט, איז שנעל קראַנק געוואָרן און ווען מען וואָלט אים דעמאָלט נישט באַפֿרייט פֿון לאַגער, וואָלט ער אין גיכן אויסגעגאַנגען.

וואָס שייך מיין רעדן קעגן סאָציאַליזם, האָב איך נאָר געזאָגט פֿאַר רויזנ־שמידן, אַז נישט אַלע מענטשן זיינען שוין איבערדערצויגן אין סאָציאַליסטישן גייסט. איך האָב דערמיט געמיינט די פּוילישע, מיט וועלכע איך האָב צוזאַמען געטראָגן ליים און ציגל. איך האָב אָפּט געאַרבעט אַ הונגעריקער, ווען מיינע אַר־בעטס־חבֿרים אַרום מיר האָבן געגעסן און מיך אפֿילו נישט מכבד געווען מיט קיין טעפּעלע טיי.

אַז איך פֿלעג זיך טרעפֿן מיט רויזנשמידן, פֿלעגן מיר נאָר שמועסן וועגן די נצחונות פֿון דער רויטער אַרמיי און זיך געפֿרייט מיט זייערע דערפֿאָלגן. רויזנשמיד אַליין האָט שוין לאַנג פֿאַרגעסן אין זיין אַמאָליקער גבֿירישאַפֿט, ער האָט ליב דאָס סאָוויעטנלאַנד. איך ווייס אפֿילו, אַז ער האָט מיט אַ צייט צוריק אַוועקגעטראָגן אין דער היגער רעדאַקציע „לענינסקי פּוט" אַן אַרטיקל צום דרוקן, אין וועלכן ער האָט גערופֿן צו פֿאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן די דייטשן, געלויבט די סאָוועטישע אָר־דנונג, קאָמוניסטישע פּאַרטיי און דעם פֿירער. דאָס אַרטיקל האָט מען נישט אָפּגע־דרוקט, אָבער דער מאַנוסקריפּט געפֿינט זיך נאָך אפֿשר אין רעדאַקציע.

רויזנשמיד ווייסט נאָכנישט, פֿאַרשטייט זיך, וועגן דער ראָלע פֿון בערעלע שמאַיעוויטש, דעריבער האָט ער אויף דער ערשטער קאָנפֿראָנטאַציע בכלל געלייקנט אַז ער האָט מיט מיר ווען עס איז גערעדט. נאָגטיעוו האָט אים דאָן געזאָגט, אַז אַזויפֿיל גרויע האָר וויפֿל רויזנשמיד האָט אויפֿן קאָפּ, אַזויפֿיל פּעטש וועט ער פֿון אים אַריינכאַפּן. רויזנשמיד האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי ס'זייניקע און אין אַלעם געלייקנט. נאָגטיעוו האָט מיך געהייסן צוריקפֿירן אין דער קאַמער.

אויף דער צווייטער קאָנפֿראָנטאַציע האָט שוין רויזנשמיד גערעדט אַזויפֿיל, אַז איך בין נשתּומם געוואָרן. ער האָט שוין געזאָגט, אַז איך האָב גערעדט קעגן דער ראַטנמאַכט, געזאָגט, אַז נישט די אַרבעטער האָבן דאָ די מאַכט, נאָר אַ קליינע גרופּע דיקטאַטאָרן, אַז דעם אַרבעטער דאָ לעבט זיך ערגער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער, אַז עס איז נישטאָ קיין דעמאָקראַטיע.

אַלץ אַזעלכע זײַנע רייד, וואָס פֿאַר יעדן וואָרט קומט צען יאָר.

נישט קליין האָט געמוזט זײַן די צאָל קלעפּ, וואָס רויזנשמיד האָט אַרײַנגע־כאַפּט פֿון נאָגטיעוון, אויב ער האָט דורך די פּאָר טעג שוין אויסגעלערנט זיך אַזוי שיין צו „זינגען“.

איך האָב דעמאָלט נאָכנישט געוווּסט, אַז אויך דערין שטעקט שמאַיעוויטשעס האַנט. בערעלע איז געוועזן ביי רויזנשמידן אין שטוב און איס צוגערעדט, אַז ער זאָל זיך אין אַלעם מודה זײַן, דערציילן וועגן מיר דעם גאַנצן אמת, וועט די אויס־פֿאָרשונג שנעל פֿאַרענדיקט ווערן און עס וועט קומען צום געריכט. בערעלע האָט „פֿאַרטרויט“ רויזנשמידן אַ סוד, אַז ער האָנדלט שוין אונטער מיטן הויפּט־ריכטער און פּראָקוראָר, שוין געגעבן זיי צו גאָלדענע זייגערלעך און זיי האָבן איס צוגע־זאָגט מיך צו באַפֿרייען.

איצט האָב איך באַקומען קלעפּ פֿאַר אָפּלייקענען רויזנשמידס דערקלערונגען. נאָגטיעוו האָט מיך היינט באַזונדערס געשלאָגן און ווידער געהייסן מיך שפּרונגען און פֿאַלן אויף די קני.

טײַלווייז איז נאָגטיעוו אויך היינט גערעכט מיט זײַן כּעס. איך האָב געהאַט געזאָגט פֿאַר אַבּמאַטאָפּן, נישט ווויסנדיק נאָך דעמאָלט אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר, אַז נאָגטיעוו איז אַ גראָבער יונג, אָריענטירט זיך ווייניק אין פּאָליטישע ענינים, פֿאַרשטייט אָפּטמאָל נישט דעם באַדייט פֿון פּשוטע, אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער, וואָס ווערן באַנוצט אין דער רוסישער שפּראַך, אַז ער וואָלט גיכער געדאַרפֿט אויס־פֿאָרשן גנבים, אָדער אַליין גאָר זײַן זייערס אַ חבֿרה־מאַן, איידער זײַן אַ סליעדאָוואַ־טעל פֿאַר פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

היינט אינדערפֿרי האָט מען געהאַט אַרויסגערופֿן אַבּמאַטאָפּן פֿון קאַמער, דאָס איז ער אוודאי געוועזן ביי נאָגטיעוון אויף אַ וויזיט און איס דאָס אַלץ דער־ציילט. אַבּמאַטאָף, זעט אויס, דערציילט נאָגטיעוון נישט אַלץ מיטאַמאָל, דאָס וואָס ער האָט געהאַט צו דערציילן וועגן מיר, האָט ער צעלייגט אין עטלעכע ראַטעס, אויף עטלעכע וואָכן. אַזוי, אַז דאָס היינטיקע שלאָגן נאָגטיעווס, איז שוין גיכער אַ פּערזענלעכע נקמה.

אַ פֿייגעלע

מען לאָזט מיר נישט צו קיין עסן פֿונדרויסן און עס קומט אויס אונטערצו־הונגערן. מען באַקומט פֿיר הונדערט גראַם ברויט אַ טאָג און צוויי מאָל צו שיסע־לעך וואַסערדיקע זופּ. פֿינף פֿאַרטאָג טאָר מען שוין נישט שלאָפֿן, דאָס ברויט און די ערשטע זופּ ברענגט מען ערשט צווישן צוועלף און צוויי בייטאָג. אָבער ערגער איז מיטן נישט־רויכערן. פֿאַר אַ רויכערער, אַן אַרעסטאַנט, אין אויספֿאָרשונג־פּעריאָד,

אַ הונגעריקער — נישט רויכערן, איז ערגער פון קלעפּ. עס איז ווי מען וואָלט דיר אַרויסגעצויגן דאָס לעצטע ביסל זאַפט פון די עצמות.

יעדן טאָג פירט מען אונז צען—פופצן מינוט שפּאַצירן אויפן הויף. מיר אַלע פיר דרייען זיך אַרום אין אַ קרייז, די הענט פאַרלייגט פון הינטן און די קעפּ אַראָפּ־געלאָזט, מען טאָר נישט קוקן אין דער הויך. דאָרט זיינען די אויספאַרשונגס־צימערן פון דער נקווד און נאָך העכער — דער הימל, די זון. נישט פאַר אונזערע אויגן זיינען די פענצטער פון דער נקווד. די אויספאַרשער, נאַטשאַלניקעס, שטייען אַמאָל ביי די פענצטער און מיר טאָרן זיי נישט קענען, נישט זעען. מען קאָן אויך דאָרט אַמאָל דערזעען אַן אַרעסטאַנט, וואָס ווערט דאָרט פאַרהערט, אָדער גאָר אַ געהיימען מיטאַרבעטער, אַ קאָנפידענט, וואָס קאָן זיך נאָך אַמאָל אַרויסווייזן פאַר אונזערם אַ באַקאַנטן און היימישן. פאַר אונז איז אויך נישט דער הימל און די זון — פאַר אַרעסטאַנטן שיינט נישט די זון.

דער רוסישער טורמע־וועכטער סלאָבאָדטשיק, וואָס זיצט אויפן הויף אויף אַ בענקעלע און טוט אויף אונז אַכטונג בעתן שפּאַציר, פאַריכט זיך דערווייל איצט זיינע שטיוול. ער האָט אָציגד דערזען אויפן הויף אַ קליין פייגעלע, האָט ער דער־רויף אַרויפגעוואָרפן זיין היטל און געכאַפּט דאָס פייגעלע. ער האָט עס אַוועקגע־טראָגן צו זיך אין דיזשור־קעמערל און פאַרשלאָסן די טיר.

נאָכן שפּאַציר פירט מען אונז אין קלאָזעט. נאָכדעם נעמען מיר אויפן הויף צו שיסעלעך וואַסער פונם קראַן. סלאָבאָדטשיק עפנט איצט זיין דיזשור־קעמערל אַרויסצונעמען זיין געפאַנגען פייגעלע. ער טראָגט עס אַרויס אין דער האַנט שוין אַ טויטס. ער זאָגט צו אונז מיט אַ רחמנות־שטימע:

— סוואָלאָטש, אַזאַ שיין פייגעלע און אַזוי שנעל אַוועקגעפּגרט!

סלאָבאָדטשיק האָט, זעט אויס, נישט געוווסט, אַז אַ פייגעלע האָט נישט די זעלבע מעלות וואָס אַ סאָוויעטישער בירגער, אַן פרייהייט קאָן עס אפילו קיין האַלבע שעה נישט אויסלעבן.

פאַרבאָטענע בליקן

די קראַטן זיינע פאַרשטעלט אינדרויסן מיט אַ משופּע דעכל, מען זעט נאָר אַ שמאָלן שפּאַלט פון הימל. אַרויסקוקן אויפן הויף קאָן מען נישט. ווען אַכמאַטאָף איז נישט געווען אין קאַמער, האָט גוסיעוו, מיט זיינס אַ צאָן וואָס איז אים אַרויס־געפאַלן פון מויל, אויסגעבויערט אַ קליין לעכעלע אין דעם דעכל. אַז איינער האָט אונטערגעהויבן און אונטערגעהאַלטן, האָט מען געקאָנט זען דורך דעם לעכעלע די אַרעסטאַנטן פון אַנדערע קאַמערן שפּאַצירן אויפן הויף. איך האָב דערזען דולדיגן מיט נאָך אַ יונגן רוס, אַ לייטנאַנט. גוסיעוו קען דעם לייטנאַנט. ער זיצט פאַר באַנ־דיטיזם.

דולדיגן פלעג איך אָפּטמאָל הערן שרייען און קרעכצן אין דער קאַמער. דאָס פלעגט זיין נאָך יעדן מאָל ווען מען האָט אים געברענגט אַ „פּערעדאַטשע”. דאָן פלעגט אים באַפאַלן זיין קאַמער־חבר, דער לייטנאַנט־באַנדיט און ביי אים צונעמען דאָס עסן. דולדיג שרייט מיט אַלע כחות, דאָס האָט אים אוודאי דער לייטנאַנט

שוין צעשלאָגן. ווען עס לויפט אָן דער וועכטער, שליסט אויף זייער קאַמער, הערט מען ווי דער וועכטער זידלט דולדיגן:

— דו פּאַשיסט, דייטשער שפּיאָן, זאָלסט האַלטן די מאָרדע און נישט מאַכן קיין טומל, וועסט גיין אין קאַרצער!

אין דעם קליינעם טורמעלע איז פאַראַן פערצן קאַמערן און פינף איינצל־קעמרלעך. עס זיינען אָנגעשטעלט זעקס וועכטער. שטרענגע און בייזע זיינען נאָר דריי פון זיי, צוויי אוקראַאינער און איין טאַטער, פון די אַנדערע דריי האָט ליב צו שרייען און קאָמאַנדעווען כאַדזשיעף, אַ יונגער אוזבעק, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג צוריקגעקומען פונם פראָנט אַ פאַרוווּנדעטער. ער איז אָבער נישט קיין שלעכ־טער, ער האָט נאָר ליב זיך צו מאַכן וויכטיק, איז באַרוישט פון זיין „הויכן" אַמט און האָט זיך ליב צו פאַרוויילן. ער קומט אָפטמאָל אויפן דיזשור אַ שיכורער. ווען ער האָט מיך איינמאָל געפירט אין קלאָזעט, האָט ער זיך פאַר מיר אַנטבלויזט... און געוויזן, אַז ער איז אַ היפּשער מאַנספּערשוין... ער איז אפילו געווען אַזוי פריינטלעך און אויפגעלייגט, אַז ער האָט פאַרגעלייגט זיך צו מעסטן...

איצט זע איך כאַדזשיעפן שטיין אויפן הויף, עס שפּאַצירן אין אַ קרייז דולדיג און דער לייטנאַנט. דולדיג בעט ביים דיזשורני עטלעכע שטיקלעך פּאַפּיר אויף צום רויכערן (וויקלען מאַכאָרקע). כאַדזשיעף הייסט אים לויפן אַרום און אַרום און ביי יעדן מאָל אַרומקרייזן, גיט אים כאַדזשיעף אַ שטיקעלע פּאַפּיר. ער האָט דערפון הנאה און לאַכט. ער האָט אַ קינדערשע נאַטור און האָט ליב זיך אַביסל פאַרוויילן.

איך האָב אויך עטלעכע מאָל געזעען אויפן שפּאַציר משה לויפגאַסן. אים איז אָנגעוואַקסן אַ גרויסע באָרד. ער שלעפּט קוים די פיס אין זיינע צעריסענע שיך, אָבער זיין אייביק שמייכעלע איז נאָכנישט פאַרשוווּנדן פון זיינע ליפּן. דאַנקען גאָט, ער האַלט זיך נאָך!

קלעפּ וואָס פאַרשאַפן וויטיק און — פרייד

ביי נאָגטיעוון איז געווען פאַרשריבן, אַז בעת מיין שפּילן אין שאַך און שמועסן מיט דולדיגן, האָט דער לעצטער געלויבט די דייטשע קולטור, טעכניק און פאָרויס־געזאָגט אַז די דייטשן וועלן געווינען די מלחמה. איך האָב דערין געלייקנט. דולדיג, זאָג איך אים, האָט דאַן געזאָגט, אַז הגם די דייטשן האָבן אַ גוטע טעכניק און זיינען געווען אַמאָל אַ קולטורעל פאָלק, וועלן זיי די איצטיקע מלחמה דאָך פאַרשפּילן.

אין אַ צייט אַרום האָט מען מיך אַריינגערופן אויף אַ פאַרהער צו דולדיגס סליעדאָוואַטעל. מען האָט מיר פאָרגעלייענט מיינע דערקלערונגען, וועלכע איך האָב אָפּגעגעבן פאַר נאָגטיעוון וועגן דולדיגן. דער סליעדאָוואַטעל פאַרהאַלט זיך זייער העפלעך און קאָרעקט, שרייט נישט, ווענדעט זיך צו מיר אויף „איר", נישט אויף „דו".

די דערקלערונג מיינע איז פאַלש פאַרשריבן. עס זיינען דאָרט דאָ נאָגטיעווס ווערטער, אָבער נישט מיינע, עס איז אָבער פאַראַן מיין אונטערשריפט. איך האָב אויפגעקלערט די סיבה:

— נאַגטיעוו שרייבט מיט נישט קיין דייטלעכער האַנטשריפט, ער האַלט מיך אַפּ ביינאַכט לאַנגע שעהן אויף דער אויספאָרשונג און באַגלייט נאָך מיט קלעפּ. שווינדלט מיר פאַר די אויגן און איך זע נישט דייטלעך וואָס עס איז געשריבן, אָבער איך שרייב אונטער. נאַגטיעוו האָט מיך פאַרזיכערט, אַז ער שרייבט גענוי וואָרט און וואָרט, פּינקטלעך, וואָס איך דיקטיר אים.

— האַלט איר, אַלזאַ, די דערקלערונגען אייערע וועגן דולדיגן, פאַר נישט־ריכטיקע?

— אומבאַדינגט! איך האָב אַזוי נישט געזאָגט. עס איז אַנדערש געשריבן, ווי איך האָב דערקלערט.

ער האָט געקלונגען צו נאַגטיעוון. זייביידע האָבן מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויס צימער. דאָרט זיינען שוין געזעסן עטלעכע אָפיצירן און דער אָנפירער פון דער אינערלעכער „ספּעצ־טשאַסט" (ספּעציעלע אָפּטיילונג וואָס דאַרף אויפּפּאַסן אויף דער פּאָליטישער כשרות פון די אייגענע נקווד־מיטאַרבעטער).

מען האָט מיך גענומען אויספרעגן וועגן דולדיגן. איך האָב זיך געהאַלטן ביי דאָס מייניקע. דער אָנפירער פון דער „ספּעצטשאַסט", אַ נידעריקער, קרעמפּער קאַזאַק־אָפיציר, מיט אַ בלוט־פאַרלאָפן פּנים, מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, האָט זיך אָוועקגעזעצט ביי מיר אויפן שטול, מיטן פּנים קעגנאַיבער מיר און מיר אַריינגע־שריגן אין אויער:

— איר געפינט זיך צווישן אַ גרופּע סאָוויעטישע אָפיצירן, פּאַראַנטוואָרטלעכע אָנפירער פון די זיכערהייטס־אָרגאַנען! מיר וועלן אייך נישט דערלויבן, אַז איר זאָלט טרייבן פון אונז חוזק! מיר וועלן אייך צעמאָלן, מיר וועלן אייך פאַרפייניקן, איר וועט פריער צען מאָל משוגע ווערן ביז איר וועט זיך דערוואַרטן אויפן טויט! מיט אונז שפּילט מען זיך נישט! האָט איר איינמאָל אונטערגעשריבן, איז פאַר־פאַלן, קאָן מען נישט צוריקציען! רעדט, אויסוורף, מערזאַוויעץ! נאָך ווייניק האָט איר אייגענע פאַרברעכנס קעגן דער ראַטנמאַכט, ווילט איר נאָך שיצן און פאַרדעקן די אַנדערע שונאים אונזערע, אייערע קאָמפּאַניאָנען?! רעדט און דער־ציילט אַלץ! איר וועט דאָ היינט נאָכאַמאָל אַלץ אונטערשרייבן וועגן דולדיגן! רעדט, סוואָלאָטש, שונא פון פאָלק, קאָנטר־רעוואָלוציאָנער! רעדט קלאָרע דיבורים און שרייבט אונטער אייער דערקלערונג!

איך האָב מער געוויינט ווי גערעדט:

— וואָס ווילט איר פון מיר? פאַרוואָס פּייניקט איר מיך?! איך וועל נישט אונטערשרייבן קיין פאַלש־געשריבענע דערקלערונגען!

— קאָמעדיאַנט! הערט אויף צו וויינען און צו רעווען! ביי אונז גייען נישט אַן אַזעלכע שטיק. דרך ארץ פאַר סאָוויעטישע אָפיצירן! פאַר באַשולדיקן די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען אין פעלשונג, וועט איר באַזונדער באַשטראָפט ווערן מיט צען יאָר!

איך בין געבליבן ביי דאָס מייניקע. די דערקלערונג איז אַ פאַלשע און איך וועל זי נישט אונטערשרייבן.

נאַגטיעוו האָט מיך אַריינגעפירט צו זיך אין קאַבינעט אַריין.

— פּראָוואָקאַטאָר! דו וועסט מיך מסרן פאַר דער „ספּעצטשאַסט", אַז איך האָב געפעלשט דיינע דערקלערונגען?! וועל איך דיר דאָס פאַרשווייגן?!

און ער האָט געשלאָגן היינט רעקאָרד. אַזוי צעממיתטע ווי ער האָט מיך דאָס

מאָל, בין איך נאָך ביז איצט נישט געווען. דער דיזשורני, וואָס האָט מיך צוריק־געפירט אין קאַמער אַריין האָט מיך געמוזט אונטערהאַלטן. ער, דער בייזער טאַטער, אַ פּאַרטייער, האָט מיר געשעפּטשעט:

— לייגט זיך גלייך אַוועק שלאָפן. כאָטש עס איז בייטאָג, וועל איך אייך נישט שטערן, נאָר זאָגט נישט קיינעם, אַז כ'האָב אייך דערלויבט שלאָפן.

אין קאַמער האָב איך פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס אָנטועכץ און געלייגט נאַסע טיכלעך צו די פּאַרבלוטיקטע ווונדן. ביז איצט האָב איך קיינמאָל נישט דער־ציילט אין קאַמער, אַז אויף דער אויספאָרשונג שלאָגט מען מיך. איצט, ווען זיי האָבן דערזען, ווי איך בין צעקיילט און זיי האָבן מיך געפרעגט ווער עס האָט מיך אַזוי צעקאַטעוועט, האָב איך געענטפערט:

— דער סימפּאַטישער, אינטעליגענטער און איידעלער סליעדאָוואַטעל נאַגטיעוו!

איך האָב אָבער נאָך קיינמאָל נישט אַזוי אויפגענומען מיט פרייד די קלעפּ, ווי דאָס לעצטע מאָל, ווייל איך האָב אַרויסגעפילט, אַז דאָס מאָל ליגט דער גורל פון דעם אַרעסטאַנט דולדיג טאַקי אין מיינע הענט, אַז זיי האָבן נישט קענען אים קיין שום עדות און באַווייזן, דעריבער איז זיי אַזוי שטאַרק געלעגן אין האָבן כאָטש איין דערקלערונג קעגן אים. איך האָב מיך געפרייט און עס אפילו געהאַלטן פאַר אַ גליק, איך האָב געפילט, אַז איך האָב געראַטעוועט אַ מענטש!

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז מיין פרייד געקרוינט געוואָרן — מען האָט דולדיגן באַפרייט פון טורמע!

אַן אויסלענדישער פּאַס אין מיינע הענט

איך בין צום ווייפלטן מאָל געווען נאַיוו און געגלייבט. איך האָב געגלייבט, אַז עס האָט ווער מיטגעטיילט אין אויסלאַנד וועגן מיין אַרעסט. מען וועט אפשר אינטערווענירן ביי דער סאָוויעטישער רעגירונג און מיך באַפרייען. הגם איך האָב געוווסט, אַז קיין שום אינטערווענץ העלפט נישט, פאַרערגערט נאָך דעם מצב פונם אַרעסטאַנט, ער ווערט פאַרשיקט אין ספּעצ־לאַגערן, פונוואַנען מען טאָר נישט קאָ־רעספּאָנדירן, באַקומען צושיקט עסן, זיך זעען מיט נאָענטע — און דאָך האָב איך געגלייבט, אַז עס קאָן קומען אַן אינטערווענץ פון אויסלאַנד און עס וועט העלפן.

איז דעריבער, ווען מען האָט מיך איינמאָל בייטאָג אַרויפגעפירט צו נאַגטיעוון, און עס איז דאָרט געזעסן אַ פרוי, וועלכע האָט צו מיר געזאָגט:

„איר וועט אונז איבערלייענען אַן אויסלענדישן פּאַס" —

בין איך געווען זיכער אין דער מינוט, אַז דאָס איז אָנגעקומען אַ פּאַס פאַר מיר און מען וועט מיך אָפּטראַנספּאָרטירן קיין פּערסיע.

נאַגטיעוו פרעגט מיך:

— דו קענסט, דאַכט זיך, ענגליש?

— אַביסל.

— טאָ לייען איבער דעם פּאַס.

די פרוי דערלאַנגט מיר דעם פּאַס, אָבער דאָס פּאָדערשטע בלעטל מיטן נאָמען פאַרשטעלט זי מיט דער האַנט.

איך נעם לעזן און זאָג זיי:

— עס איז נישט ענגליש, נאָר פראַנצויזיש.

נאַגטיעוו שמייכלט צופרידן:

— איר זעט, נאַטשאַלניצע, דער סוואָלאַטש קען פראַנצויזיש אויך.

איך לייען איבער דאָס פראַנצויזישע סטעמפּעלע. עס איז אַ טראַנזיט־וויזע דורך פּערסיען. די וויזע איז גילטיק זעקס חדשים, עס איז אָבער נאָך פאַרבליבן בלויז דריי טעג גילטיקייט, דער טערמין ענדיקט זיך.

די פרוי, וועלכע איז לייטערין פון „אָוויר" (אויסלענדישע אָפּטיילונג ביי נקווד) זאָגט מיר, אַז זי האָט שוין געגעבן צו לעזן דעם פּאַס אַן אַנדערן פּוילישן, האָט ער איר אויך געזאָגט דאָס זעלבע, אַז ער איז נאָך גילטיק בלויז דריי טעג, זי האָט אָבער געוואָלט זיין דערין אַבסאָלוט זיכער. אויב אַזוי, איז מען מחויב יענעם גליך היינט אַוועקצושיקן קיין אַשכאַבאַר, כדי ער זאָל באַווייזן איבערצוגיין די גרענעץ, איידער דער וויזע־טערמין ענדיקט זיך.

נאַגטיעוו מישט איבער נאָך אַ בלעטל און הייסט מיך דאָרט איבערלייענען. איך זאָג אים, אַז איך קען דאָס נישט לעזן, ווייל עס איז געשריבן אין אַראַביש. ער איז ווידער צופרידן:

— אָבער דו דערקענסט גלייך אַז עס איז אַראַביש! וואָט, סוואָלאַטש־מאָלאָדיעץ!

איך וויל שוין אָבער זעען דעם נאָמען פון דעם פּאַס. איך זאָג דער פרוי, אַז מען דאַרף אויך לייענען די רעשט בלעטלעך, ווייל דאָרט קען זיין צוגעשריבן אַ וויכטיקע באַמערקונג. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם נאָמען און דערזעען, אַז עס איז נישט מיינער.

איך האָב זיך באַגנוגנט דערמיט, וואָס עס איז כאָטש אַ יידישער נאָמען און געווען צופרידן וואָס כאָטש איינעם פון אונזערע יידן וועט געלונגען זיך אַרויסצו־באַקומען פון דעם לאַנד.

און מיך האָט מען צוריקגעפירט אין קאַמער אַריין.

אַ גרוס פון ארץ ישראל

איך האָב באַקומען צוגעשיקט אַ פּעקל פון ארץ־ישראל. אָפּגענומען האָט עס נאַגטיעוו. אויף דער פּאָסט איז געווען פאַרזאָגט, אַז די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ און אַלץ וואָס קומט אָן אויף מיין אַדרעס, דאַרף ווערן איבערגעגעבן דער נקווד.

נאַגטיעוו האָט מיך אַרויפגערופן צו זיך און מיר געוויזן דאָס פּעקל. עס איז שוין געווען אויפגעפּאַקט. ער האָט עטלעכע מאָל באַקוקט די זאַכן. צוויי פּאָר נייע שיך, אַ העמד, זייף, ראַזיר־מעסערלעך. ער האָט אַריינגערופן זיינע חברים און זיי געוויזן די שיינע זאַכן.

איך האָב אונטערגעשריבן, אַז איך באַפולמעכטיק די פריילין רויזקע אָפּצו־נעמען פאַר מיר דאָס פּעקל. איך דאַרף קאָנטראָלירן צי עס פעלט גאָרנישט. עס

האָבן נאָר געפעלט אייניקע קליניקייטן, עטלעכע ראַזיר־מעסערלעך, נאָדלען און פאָדים. איך האָב אונטערגעשריבן אַז אַלץ שטימט.

דאָס פּעקל האָט מיך שטאַרק אויפגעהייטערט. אַ גרוס פון דעם ווייטן און נאָנטן לאַנד, אַ גרוס פון היימישע, אייגענע.

נאָגטיעוו קאָן עס מיר נישט פאַרגינען:

— זעסט, דאָס שיקן דיר דיינע ציוניסטן, די חברים, זיי ווייסן נאָך אַלץ נישט, אַז דו ביסט אַ פּענסיאָנער אין אונזער ענקאַוועדע־סאַנאַטאָריע. מען וועט דיך דאָ אויסהיילן פון דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער קרענק און וועסט קומען אויף יענער וועלט אַ ריינער און הייליקער.

די קונץ פון ברעכן כאַראַקטערן און פּראָוואָקאַציע

איך האָב געהאַט אַ קאָנפראָנטאַציע מיט מיין חבר משה לויפגאַס. ער זיצט קעגנאיבער מיר, אָבער מיר טאָרן זיך נישט אָנקוקן. וויל ווער פון אונז עפּעס פרעגן איינער דעם צווייטן, דאַרף מען עס פרעגן דורך נאָגטיעוון. לויפגאַס באַשטעטיקט, אַז איך האָב ביי אים אין שטוב, אין יענער סדר־נאַכט, יאָ עפּעס גערעדט קעגן דער סאָוויעטישער אָרדנונג. איך בין איבערגעראַשט און צעבראָכן. איך זאָג צום סליעדאָוואַטעל:

— איך בעט פרעגן דעם באַשולדיקטן לויפגאַס, צי ער געדענקט אויף זיכער, אַז איך האָב אַזוי געזאָגט. אפשר האָט זיך מיט אַזעלכע רייד אַרויסגעכאַפּט משה ביעדערקאַ? (ער איז געשטאָרבן נאָך מיט אַ יאָר צוריק). אפשר פאַרטוישט ער ביעדערקאַס רייד אויף מיינע?

לויפגאַס האַלט אונטער זיין דערקלערונג. ער האָט נישט געמאַכט קיין טעות, ער געדענקט עס געווי. ער זאָגט ווייטער:

— איך בעט פרעגן דעם באַשולדיקטן ג. צי ער געדענקט אַזוי גענוי, אַז איך האָב געזאָגט, אַז די ראַטנמאַכט איז די גרעסטע רעאַקציאָנערע, טיראַנישע מאַכט אין דער וועלט, אַז זי דריקט אונטער דעם אַרבעטער מער ווי מען דריקט אים אונטער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אַז אַלע שטעט און וועלדער אין סאָוויעטנלאַנד זיינען פול מיט טורמעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן?

איך בין נאָך מער איבערגעראַשט. איך וויל ענטפערן, אויסשרייען, אָבער נאָגטיעוו גיט אַ צייכן מיט דער האַנט:

— איך פאַרביט דעם באַשולדיקטן ג. אָפּצוענטפערן אויף די פראַגן פונם באַשולדיקטן לויפגאַס!

איך דערזע, אַז דאָ איז אַ נייע מעשה דולדיג. לויפגאַס האָט זיך געלאָזט פּראָוואָצירן, ווער ווייסט ווי אַזוי מען האָט אים געפּייניקט. איך בין אויף קיין האָר נישט בייז אויף אים, ער איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ פּראָוואָקאַציע, ער האָט געגליבט, אַז איך האָב אויף אים געגעבן אַזעלכע דערקלערונגען און ער האָט מיר געוואָלט אָפּדינען מיטן זעלביקן, אָדער ער האָט זיך פּשוט איינגעבראָכן.

איך כאַפּ דאָך, קעגן פאַרבאָט, אַ קוק אויף אים און זע זיין דערשלאָגנקייט. ער דערזעט מיין בליק און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

דער ענקאַוועדע איז געלונגען צו דערפירן דערצו, אַז איינער זאָל זיין אַ קרבן

פון א צווייטן קרבן, אַז איין אַרעסטאַנט זאָל באַגראָבן דעם צווייטן, איין חבר זאָל אומברענגען דעם אַנדערן.

זאָגט מען דאָך, אַז מאָסקווע איז אַ שולע פון ברעכן כאַראַקטערן. די קענט־ניש איז שוין איצט אויסגעשפּרייט איבער אַלע נקווד־שטאַבן פון ראַטנפאַרבאַנד.

סאָלידאַריטעט מיט אַ טורמע־וועכטער

דער נייער אַרעסטאַנט אין אונזער קאַמער, אַבדולאַיעף, בריגאַדיר אין אַ קאָלכאָז, ווערט באַשולדיקט אין „באַסמאַטשעסטווא״ (אוזבעקישע פּאַרטיזאַנער־באַנדעס, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן דער ראַטנמאַכט). מען האָט ביי אים אין שטוב געפונען אַ רעוואָלווער. זיין אייגענע פרוי האָט אים געמסרט. ער האָט אַמאָל געדראָט איר מיט שלאָגן, דערשיסן, איז זי אַוועק אין נקווד און אָנגעוויזן ווו איר מאַן באַהאַלט אויס אַ פּיסטאָלעט.

איצט שיקט אים זיין ווייב יעדן טאָג עסן, ער באַקומט אַריין אַ גרויסע שיסל „פּלאָוו״, דאָס נאַציאָנאַלע אוזבעקישע מאכל, אַזאַ מין טשאָלנט, רייז איינגעקאָכט מיט פעטס, פלייש און מייערלעך. אַבדולאַיעף טיילט זיך מיט אַכמאַטאָפן. אַכמאַ־טאָף לערנט מיט אים דערפאַר דעם קאָראַן, ער געדענקט אַ סך פון אויסנווייניק.

אַז דער דיזשורני כאַדזשיעף קומט אַריין אין קאַמער און דערזעט די שיסל „פּלאָוו״, די ווייצענע לעפּיאָשקעס, קען ער נישט אָפּרייסן די אויגן. אַבדולאַיעף בעט אים איבערגעבן אַ לעפּיאָשקע צו זיינס אַ חבר, וועלכער זיצט דאָ אין אַן אַנדערער קאַמער. פאַר שכר־טירחה גיט ער דעם דיזשורני אויך אַ פּלעצל און באַשמירט עס מיט פּלאָוו. כאַדזשיעף קווענקלט זיך אָנצונעמען, קאָן אָבער נישטביישטיין דעם נסיון. בעט איך שוין ביי אים אויך אַ שטיקל צייטונגס־פּאַפּיר אויף צום רויכערן. אין געדרוקט פּאַפּיר, זאָג איך אים, רויכערט זיך די מאַכאָרקע בעסער ווי אין ווייס פּאַפּיר. איך בין אויסן צו לייענען עפּעס נייעס פון דעם שטיקל צייטונג; איך וויל וויסן ווי אַזוי עס האַלט מיט דער מלחמה. איך וויל וויסן צי די רויטע אַרמיי האָט שוין אָפּגענומען די שטעט באַראַנאָוויטש און סלאָנים. דאָרט ווו ס׳דאַרף זיך געפונען מיין פרוי און קינד.

צוויי מאָל האָב איך געקריגן פון אים שטיקלעך צייטונגען, נאָר איין שטיקל איז געווען אין דער טורקמענישער שפּראַך און איך האָב גאָרנישט געקאָנט דער־פון אַרויסלייענען.

מען האָט מיך איבערגעפירט פון דער קאַמער 14 אין דער קאַמער 1. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען מיך גערופן אין דער „ספּצטשאַסט״. עס האָט מיך אויסגעפרעגט דולדיגס אויספאָרשער. ער וויל וויסן וואָס עס האָט געטאָן ביי אונז אין קאַמער דער דיזשורני כאַדזשיעף. ער זאָל האָבן גענומען אַ לעפּיאָשקע מיט פּלאָוו ביי דעם אַרעסטאַנט אַבדולאַיעף. ביי מיר האָט ער גענומען מאַכאָרקע און דערפאַר מיר געגעבן שטיקלעך צייטונגען צום לעזן.

ער רעדט צו מיר העפלעך, איידל. ער גיט מיר צו פאַרשטיין, אַז די נקווד מוז אַכטונג געבן אויף די טורמע־וועכטער. זיי טאָרן נישט רעדן און קומען אין קיין שום קאָנטאַקט מיט די אַרעסטאַנטן, וואָרים זיי קאָנען נאָך אַרויסטראָגן בריוו־לעך אויך. מיך אַליין באַשולדיקט ער אין גאָרנישט, ער ווייסט, אַז איך וועל נישט

אַרויסשיקן קיין בריוועלעך אויף דער פריי, אָבער אַבדולאַיעף קאָן דאָס יאָ טאָן, ער ווערט באַשולדיקט אין באַסמאַטשעסטוואָ.

איך האָב גלייך פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַכמאַטאָפּס אַרבעט. איך האָב נישט געגלייבט, אַז ער זאָל וואַגן „פאַרשיטן" אויך אַ דיזשורני פון נקווד און זיין פריינט אַבדולאַיעף, וועלכער האָט אים אָוועקגעגעבן אַ העלפט פונם עסן. דאָס שטיקל צייטונג וואָס איך האָב באַקומען צום לעזן, האָט דאָך אַכמאַטאָפּן אויך אינטערע־סירט, ווייל יעדער אַרעסטאַנט האָט דאָך געוואָרט אַז די מלחמה זאָל זיך שוין ענ־דיקן, געהאָפט אַז עס וועט דעמאָלט געגעבן ווערן אַן אַמנעסטיע פאַר די אַרעסטירטע.

איך האָב מודה געווען, אַז איך האָב כאַדזשיעפן געבעטן צו פאַרזוכן פון מיין מאַכאָרקע. ער האָט מיר געגעבן אַ שטיקל צייטונג, אָבער עס איז געווען אין דער טורקמענישער שפּראַך, מען האָט סיווי נישט געקאָנט לעזן. וועגן דעם אַז ער זאָל האָבן גענומען אַ לעפּיאָשקע מיט פּלאָוו פאַר זיך און אַ לעפּיאָשקע אויף איבער־צוגעבן אַן אַרעסטאַנט אין אַן אַנדערער קאַמער — ווייס איך גאָרנישט. איך האָב נישט געזען. איך לייד אויף קאָפּווייטיק און האַלט סרוב פאַרמאַכט די אויגן, אַזוי אַז איך האָב גאָרנישט געזען.

ער שרייבט אויף אַלץ אַזוי ווי איך זאָג אים, גיט מיר איבערצולייענען און איך שרייב אונטער. אונטערגעשריבן אויך אַ פאַרפליכטונג, אַז איך טאָר קיינעם וועגן דעם נישט דערציילן.

אַ תפילה

איך האָב שוין געהאַט אַ צייט באַקומען פּערעדאַטשעס און נאַגטיעוו האָט מיר ווידער אָפּגעשטעלט די רעכט אויף אַריינצובאַקומען עסן, דאָס מאָל שוין אויף אַ גאַנצן חודש.

די לעצטע אויספאַרשונגען קומען שוין פאָר אין אָנוועזנהייט פון אַ פּראָקו־ראָר. נישט נאָר ער שלאָגט שוין נישט, נאַגטיעוו, נאָר ער באַמיט זיך אפילו צו האַלטן קאָרעקט. ביידע גיבן מיר צו פאַרשטיין, אַז עס וועט זיין בעסער פאַר מיר וואָס שנעלער צו פאַרענדיקן די אויספאַרשונג. ווי כ'וועל נאָר פאַראורטיילט ווערן, וועלן זיי מיך, אַלס געוועזענעם פּוילישן בירגער, איבערשיקן אין דער נייער פּוילי־שער אַרמיי, וואָס ווערט אָנגעפירט פון סאָוויעטן־פריינטלעכע פּאָליאַקן, ווי וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ און גענעראַל זיגמונט בערלינג.

איך האָב געוווּסט, אַז קיין פּאָליטיש־פאַראורטיילטע באַפרייט מען נישט און מען נעמט זיי נישט אין דער אַרמיי, אָבער ווידער האָב איך שוין געפּרוווט גלייבן, אַז ביי געוועזענע פּוילישע בירגער מאַכט מען אפשר אַן אויסנאַם. ווען דער פּראָ־קוראָר האָט מיר געזאָגט, אַז עס דראָט מיר פון איין ביז צען יאָר תפיסה, האָב איך געוווּסט אַז עס האָט נאָכנישט געטראָפן אַזאַ פאַל, אַז מען זאָל פאַרמשפּטן אַ פּאָ־ליטישן ווייניקער ווי אויף דריי יאָר, אין מלחמה־צייט נישט ווייניקער ווי אויף זעקס יאָר. אינם שטראָף־קאָדעקס שטייט געדרוקט שוואַרץ אויף ווייס, אַז די העכסטע שטראָף פאַר אַ פאַררעכער, וואָס ווייזט זיך אַרויס אַלס שונא פון פאָלק, פאַר אַ קעגנער פונם סאָוויעטן־רעזשים, אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער איז — אים אַרויסשיקן פון די גרענעצן פון סאָוויעטנלאַנד!

מיין גאָט, וואָס פאַר אַ ווונדערבאַרע שטראָף! דאָס וואָלט דאָך געווען די העכסטע באַפרייאונג! די מערהייט בירגער וואָלט דאָך אָפּגעטאָן די סאַמע שווער־סטע פאַרברעכנס, אַבי צו געניסן פון דער „העכסטער" שטראָף, אַרויסגעשיקט צו ווערן פון די גרענעצן פון סאָוויעטנפאַרבאַנד.

נאָר אין איין פאַל האָבן זיי דעם סאָרט שטראָף באַנוצט — לגבי לעוו טראָצ־קין! האָבן זיי דאָך באַלד דערויף חרטה געהאַט, ביז דער „מעקסיקאַנער" מיטן שאַרפן העקל האָט נישט געשטילט זייער חרטה־געפיל (דערהרגעט טראָצקין).

פאַרן קומען און נאָכן אַוועקגיין פונם פּראָקוראָר, האָט מיך נאַגטיעוו נאָך אָפּגעהאַלטן שעהן ביי זיך אַליין. עס איז שוין געווען ביי מיר דער געדאַנק אַלץ אונטערצושרייבן, וואָס זיי זאָלן נאָר נישט זאָגן אויף מיר, דערפירן די באַשולדי־קונג קעגן מיר אַד אַבסורדום און ערשט אויפן געריכט דערציילן דעם גאַנצן אמת. איך האָב אָבער דעם געדאַנק שנעל פון מיר פאַרטריבן און איינגעגאַנגען אויף אַ קאָמפּראָמיס. איך האָב נאָר אונטערגעשריבן עטלעכע פּונקטן:

1) פון מיין פאַרדינסט אַלס אָכראַנניק אין אַרטעל האָב איך נישט געהאַט אויף צום לעבן;
2) אַז אין פּוילן האָט זיך מיר בעסער געלעבט מאַטעריעל;
3) אַז איך האָב סימפּאַטיעס פאַרן ציוניזם;
4) אַז איך בין באַהערשט פון רעליגיעזע שטימונגען;
5) אַז איך לייקן אין דער ריכטיקייט פון דער היסטאָריש־מאַטעריאַליסטי־שער אויפפאַסונג;
6) אַז ביי אַ סך פון די סאָוויעטישע בירגער האָט זיך נאָכנישט געביטן זייער סאָציאַלע פּסיכיק;
7) אַז עס הערשט נישט קיין פולקאָמע דעמאָקראַטיע.

נאַגטיעוון האָט דאָס אַלץ אָבער נאָך נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט נאָך אַלץ צו מיר נישט צוגעלאָזט קיין עסן. לעצטנס האָט געטראָפן, אַז מען פלעגט אונז ברענגען דאָס ערשטע מאָל עסן, דאָס שטיקל ברויט מיט דער זופּ (וואַסער מיט בלע־טער פון קראַפּיווע אָדער בוראַקעס) ערשט פינף—זעקס פאַרנאַכט. איך האָב אָנ־געהויבן געשוואָלן ווערן, בין געוואָרן געל, געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע און קוים זיך געקאָנט רירן, רעדן. איך האָב געזוכט אין די מייזן־לעכער, אפשר פאַרוואַל־גערן זיך דאָרט קרישקעס, וואָס די מייז האָבן פאַרשטעקט אין די פריערדיקע וואָכן. ווען מען לייגט מיר דעמאָלט פאַר מיך צו שיסן, נאָר מיטן באַדינג, אַז מען וועט פאַר דעם מיר געבן איינמאָל אָפּצועסן צו דער זעט, וואָלט איך מסתמא באַשטאַנען אויף דער טראַנזאַקציע.

איך האָב געוואָלט מתפלל זיין און נישט געדענקט קיין איין תפילה פון אויסנ־ווייניק. איך האָב נאָר איבערגעחזרט די פּאָר ווערטער וואָס איך האָב געהערט דעם לעצטן תשעה־באב אין שולכל:

— איכה ישבה בדד העיר!

איך האָב עס געזאָגט מיט דעם זעלבן ניגון וואָס עס האָט עס געזאָגט דעמאָלט דער אויסגעדאַרטער פּוילישער ייד מיטן צעפּייניקטן פּנים. איך האָב געוויינט ביי די ווערטער פּונקט ווי ער. עס איז מיר לייכטער געוואָרן, דער הונגער האָט זיך פאַרטוישט אויף בענקשאַפט, אויף מענטשלעכן און יידישן צער.

האָב איך מיר אויך פאַרפאַסט אַן אייגענע תּפילה, וואָס איך האָב געזאָגט פאַר מיר יעדן אינדערפרי און פאַרנאַכט:

אוי גאָט, פאַרלאָז מיך נישט!
אָן דיר בין איך נאַקעט און שפּל,
אָן דיר בין איך טרייסטלאָזער אבל,
אָן דיר איז די וועלט אַ פינצטערער טאָל,
געפירט אָן חשבון, אָן שכל;
אָן דיר איז די וועלט אַ ליידיקע שאָל,
אַ געשענדטער, פאַרוויסטער היכל.
אוי גאָט, פאַרלאָז מיך נישט!
איך האָב זיך קליינערהייט צו מיין מאַמען געטוליעט,
געזוכט ביי איר נערונג און שוץ,
לאָמיך היינט זיך טוליען צו דיין געטלעך געשטאַלט,
דערוואַרעם, פאַרטרייב נישט, באַשיץ!
אוי גאָט, פאַרלאָז מיך נישט!

מיינע חברים באַנדיטן

אין די ערשטע טעג פון חודש מאַי האָב איך אַריינבאַקומען אין קאַמער דעם באַשולדיקונגס־אַקט, דריי זייטלעך מאַשין־שריפט, געשריבן פון נעגאַטיעוון, אונטערגעשריבן דורכן פּראָקוראָר און נאַטשאַלניק פון נקגב.

אַ באַשולדיקונגס־אַקט וואָס עס קריגט אַריין אַן אַרעסטאַנט, איז גלייך נאָכן דורכלייענען צערייסט ער אים, נוצט עס אויף צו וויקלען דערין מאַכאָרקע, עס איז דאָך דין פּאַפּיר. איך האָב דעם אַקט אָפּגעהיט. אפשר וועל איך נאָך פאָרט אַמאָל אַרויס אויף דער פריי און האָבן דאָס פּאַפּירל אַלס אָנדענק.

איוואַן גוסיעוון האָט מען אויך אַריבערגעפירט אין דער קאַמער 1. עס זיצט דאָ קאַסילאָוו, אַ יונגער, ניינצניעריקער באַנדיט. ער איז פאַרוווּנדעט אין פוס פון אַ קויל, וואָס מען האָט אים נאָכגעשאָסן בעתן אַנטלויפן.

עס זיצט דאָ קאַרימאָף, אַן אוזבעק, וואָס איז ענלעך לויטן אויסזען צו דזשינגיס כאַן. מען האָט אים אַרעסטירט פאַר דעזערציע און באַנדיטיזם. ער האָט דערמאָרדעט עלף מענטשן. אַזוי איז פאַרשריבן אין די אַקטן. קאַרימאָף לאַכט דערפון:

— עלף קרבנות? אויך מיר אַ ציפער!

ער איז געווען אַ לערער און דירעקטאָר פון אַ שול, פּאַרטיי־מיטגליד, געווען סעקרעטאַר פון ראַיאָן־קאָמיטעט. צום סוף האָט ער זיך אויסגעלענקט און געוואָרן אַ רויבער.

עס זיצט אויך דאָ אַ יונגער, לאָמער אוזבעק, וועלכער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף צען יאָר פאַר זאָגן אַ שלעכט וואָרט אויף סטאַלינען. וואָס עס איז אַזוינס פאַר אַ וואָרט וויל ער נישט זאָגן. ער זיצט שוין דאָס דריטע יאָר, געווען אין אַ לאַגער, אין אַן אינוואַלידן־קאָלאָניע. איצט האָט מען אים צוריקגעשיקט אין טורמע אויף אַ נייער אויספאָרשונג. ער האָט עדות און באַווייזן אַז דער וואָס האָט אים געמסרט,

האָט דאָס געטאָן צוליב פּערזענלעכער נקמה, אויסגעטראַכט אויף אים אַ בלבול. ער קאָן באַווייזן, אַז ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט קיין שלעכטס אויף סטאַלינען. ער איז געווען אַ מיטגליד אין „קאָמסאָמאָל״.

דער הערשער אין אונזער קאַמער איז קאַסילאָוו, ער איז דער שטאַרקסטער און געוואַגסטער. דאָ דעצידירט קראַפט. ער האָט אָנגעהויבן גנבענען אַלט זייענדיק צוועלף יאָר. די לעצטע צוויי יאָר האָט ער שוין געהערט צו אַ באַנדע, וואָס טוט „נאַסע אַרבעט״. ער האָט געענדיקט אַכט קלאַסן שולע, האָט ליב רעציטירן פון אויסנווייניק פּושקינען. ער פּאַרגעטערט פּושקינען, כריסטוסן און זיין אייגענער מאַמען.

קיינער וועט אים נישט איבערשפּאַרן אין זיין גלויבן. ער גלייבט, אַז אין די פּאַסכאַ־טעג, ווען כריסטוס איז ווידערגעבוירן, בלינצלט דעמאָלט די זון. ער גלויבט, אַז דאָס הייליקע וואַסער אין פלעשל וואָס עס גיט דער פּאָפּ, קאָן אָפּשטיין אַ גאַנץ יאָר צייט און נישט טוכלע ווערן. דערין גלייבט זיין מאַמע און ער. ער דערלאָזט נישט דעם געדאַנק, אַז דער פּאָפּ טוט דאָרט אַריין אַזעלכע כעמיקאַליען, אַז דאָס הייליקע וואַסער זאָל זיך נישט שפּירן. קיינער וועט נישט וואַגן אים איבערצו־שפּאַרן, ווייל ער איז דאָן נישט זיכער מיט זיין צורה.

איין גוטע זאַך האָט ער דאָ אויפגעטאָן:

איוואַן גוסיעוו האָט, ווי קאַסילאָוו און אַנדערע זיינסגלייכן, נישט גערעדט קיין דריי ווערטער, אַז ער זאָל נישט זידלען „אין דער זונהשער מאַמען אַריין״. דאָס איז נאָרמאַל. אָבער גוסיעוו פלעגט נאָך אַביסעלע אַנדערש זידלען:

„אין דיין זונהשער מאַמען אַריין מיט גאָט און כריסטוס פאַרבראָקט!״

מיך האָט די קללה געערגערט. האָב איך געזאָגט הויך צו גוסיעוון:

— איוואַן, איז ווייניק וואָס דו שעלסט אין דער זונהשער מאַמען אַריין, מוזט דו נאָך אַריינבראָקן אָט די צוויי דיר אומבאַקאַנטע?

קאַסילאָוו איז אויפגעשפּרונגען:

— ג. איז גערעכט! יעי באָגו ווי איך וועל דיר מאַכן פון דיין פּרצוף אַ קרעפּל, אויב וועסט נאָכאַמאָל שעלטן גאָט און כריסטוסן!

איוואַן האָט זיך איינגעקורטשעט, געפינטלט מיט די אויגן און ווי זיין טבע אָפּגעענטפערט:

— נו כ... ס'נימי!

קאַסילאָוו האָט אים דערלאַנגט אין מאָרדע. גוסיעוו האָט זיך פאַ־ענטפערט:

— ווינאָוואַט!

ער איז באמת גאָרנישט אויסן געווען, עס האָט זיך אים אַרויסגעכאַפּט, פון געוווינשאַפט.

קאַסילאָוו איז אַ געבוירענער אין סאַמאַרקאַנד. זיינע עלטערן זיינען מיט צוואַנציק יאָר צוריק דאָ אַהער געקומען פון אַסטראַכאַן. זיין פאָטער איז אַ שלאָסער, די מאַמע האַלט עטלעכע ציגן און שעפּסן אינדערהיים, פאַרנעמט זיך מיט ווירט־שאַפט. זיין שוועסטער לערנט אין מעדיצינישן אינסטיטוט. נאָכן אַהיימגיין פון די לעקציעס, קומט זי מיט אַ פּערעדאַטשע צו דער טורמע, ברענגט דעם ברודער עסן. זיי האָבן אויך אַמאָל געהאַדעוועט עטלעכע חזרים, האָבן די אוזבעקישע שכנים זיי דערהרגעט. אוזבעקן וועלן נישט דערלאָזן אַז אין זייער געסל זאָלן זיך אַרומ־דרייען חזרים, זיי מיאוסן זיך דורכצוגיין, זייערע ווייבער האָבן מורא און צעריטשען

זיך ווילד בעתן דערזעען אַ חזיר. דאָס אוזבעקישע קליינוואַרג באַוואַרפֿט די חזרים מיט שטיינער. בײַנאַכט האָט מען זיי איינמאָל געעפֿנט דאָס קעמערל און אַוועקגע־קוילעט אַלע דריי חזרים. די אוזבעקן ווילן גיכער דולדן אַ וואָלף, איידער אַ „טשוטשקאַ" (חזיר). אַ רוס ווערט דורך זיי טאַקע אָנגערופֿן „טשוטשקאַ", פּונקט ווי אַן אוזבעק ווערט אָנגערופֿן דורך די רוסן „אישאַק" (אייזל).

קאַסילאָוו דערציילט אַלע זיינע לעבנס־פּאַסירונגען, גנבות, רויבערייען, מאָרדן. אין די יונגע יאָרן פֿלעגן אים זיינע עלטערע חברים אַריינלאָזן בײַנאַכט אין אַ מאַגאַזין אַריין דורכן קוימען. מען פֿלעגט אים אויך אַריינלייגן אין אַ טשעמאָדאַן, אַריינקומען מיט אים אין אַ מאַגאַזין און דאָרט אים מכלומרשט פֿאַרגעסן. בײַנאַכט, ווען די אָנגעשטעלטע זיינען אַוועק, איז ער אַרויס פֿון זיין טשעמאָדאַן און דורכ־געפֿירט די גנבה. ער איז אויסגעווען אין גאַנץ רוסלאַנד. ער קען אַלע באַדייטנדיקע „יאַטן" (גנבים און באַנדיטן) איבערן גאַנצן לאַנד.

עס טרעפֿט זעלטן, זאָגט קאַסילאָוו, אַז זייערס אַן אייגענער זאָל „פֿאַרשיטן", ווערן אַ „צוויג". איינמאָל האָט זיך זייערס אַ יאַט איינגעבראָכן בעת דער אויס־פֿאָרשונג און געגומען „שיטן", האָט מען אים נאָך דער באַפֿרייאונג אַרויסגעפֿאָ־דערט פֿון אַרכאַנגעלסק קיין סאַמאַרקאַנד (אַ שטח פֿון פֿינף טויזנט קילאָמעטער) און דאָ איז ער דורך אונז פֿאַראורטיילט געוואָרן זיך אַליין צו דערלאַנגען פֿינפֿאונ־צוואַנציק שטעך מיט אַ מעסער.

קאַסילאָוו דערציילט אויך וועגן זיינע ליבעס. ביי פֿופֿצן יאָר איז ער שוין געווען אַ טאַטע. ער קען נישט דאָס קינד זיינס, ער וואָלט עס ווען, זאָגט ער, כאָטש איינמאָל זען.

דאָ באַרימט זיך שוין אויך גוסיעוו:

ער האָט געזען זיין קינד ווען עס איז אַלט געווען איין יאָר, היינט איז עס שוין אַלט פֿופֿצן יאָר, ער האָט עס אָבער די גאַנצע צייט מער נישט געזען. נאָכן צוריקקומען פֿון פֿראָנט, האָט אים זיין טעכטערל וואָס וווינט צוזאַמען מיט דער מאַמען אין אוראַל (ער האָט שוין אַן אַנדער ווייב), געשריבן אַ בריוו און געבעטן, אַז דער טאַטע זאָל כאָטש איינמאָל אַראָפּקומען, זי וויל כאָטש קענען איר פֿאָטער.

איך פֿרעג גוסיעוון:

— ווי וואָלט געווען ווען מען וויל דערשיסן דיין טעכטערל און דו קאָנסט עס אָפּלייזן מיט דיין גוף, מען זאָל דיך שיסן אַנשטאָט זי, ווי אַזוי וואָלסטו אויס־געקליבן ?

— נו, אַ פֿראַגע נאָך ! ק'טשאָרטו, זאָל מען זי שיסן, קינדער קאָן איך דיר צושטעלן אַ שאָק !

— מערזאַוויעץ ! — שרייט צו אים קאַסילאָוו.

קאַרימאָפֿן לאַנגווייליקן די מייסעס. עס פּייניקט אים דער הונגער. געלט האָט ער אַפֿילו גענוג, ער האָט ליגן פֿאַרגראָבן ערגעץ צוויי הונדערט טויזנט רובל. וועגן דעם אָרט ווייסט ער, זיין ווייב און זיין ברודער. ביידע זיינען זיי פּאַרטייער. דער ברודער איז אויף אַ הויכן פּאָסטן, וועט ער זיך נישט פֿאַרנעמען מיט אים, דעם אַרעסטאַנט, ער וועט נישט אַריינשיקן קיין עסן. זיין ווייב באַהאַלט זיך אויס. ווען מען האָט אים אַרעסטירט, איז ער געגאַנגען צוזאַמען מיט איר אויפֿן באַזאַר. ער האָט צו איר אַ געשריי געטאָן „לויף" ! און ער אַליין איז אַנטלאָפֿן. ער האָט אָפּער־געכאַפּט פֿון הינטערן כאַלאַט זיין אָפּגעשניטענע ביקס און אַנטלויפֿנדיק זיך אָפּ־

געשאָסן, אַריבערגעשפּרונגען עטלעכע פּלויטן, זיך אויסגעלענקט אַ פוס, אַנידערגעפאַלן און מען האָט אים געכאַפּט.

ער באַרימט זיך נישט מיט זיינע אויפטוען, ער האַלט דאָס פאַר יונגלעריש, עס איז נישט כדאי איבערצודערציילן אַזעלכע שטותים. ער איז געווען אַ לערער פון געשיכטע. ער האָט צום ליבסטן דעם גריכישן פּעריאָד. ער קען גאַנצע שעהן דערציילן פון דער גריכישער געשיכטע. אַמאָל נאָר, אויף איבערצובייטן, דערינערט ער זיך אַמאָל אַ קוריאָז, דערציילט אים פּאַמעלעך, לאַנגווייליק:

ער איז אַמאָל אַרויף ביינאַכט אויף אַ דאַך, אַראָפּגנבענען אַ טייערן פּערסישן טעפּיך. האָט די באַלעבאָסטע דערהערט זיינע טריט און איז אַרויסגעלאָפן מיט אַ לאָמפּ אין דער האַנט און גענומען אַלאַרמירן די שכנים. איז ער מיטן טעפּיך אין האַנט אַרויפגעשפּרונגען אויף דער אוזבעקין. האָט זי זיך צעשריגן אַז שדים זיינען זי באַפאַלן. דער לאָמפּ איז שוין געווען צעהאַקט, האָב איך איר אַ ביס געטאָן אין ווייבערישן אָרט... איז זי אַנטלאָפן אַהיים ווי אַ רוח.

קאַרימאָף לאַכט קיינמאָל נישט. ער איז אַלט פינפאונדרייסיק יאָר. נידריק און ברייט, מיט אַ גרויסן, ברייטן קאָפּ, מיט אַ ריזיק־ברייטן שטערן, צאַיענדיקע, לאָקנדיקע אויגן, דיקע וואָנסן און אַ מאַט־געל פּנים. אַ געזיכט וואָס שפּיגלט אָפּ — אַ דענקער און אַמאָל — אַ באַרג־רויבער.

ער רעדט אָפטמאָל וועגן סאָציאַלע ווירטשאַפט־פּראָבלעמען. אָט האָט ער אַ טענה צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, פאַרוואָס זי דערלויבט אויסצוהאַקן די ביימער אין שטאָט און נוצן זיי פאַר געהילץ. חוץ דעם וואָס די ביימער פאַרשענערן דעם אויסזען פון דער שטאָט, שאַפן זיי שאָטן פאַרן מידן פאַרבייגייער, די בלעטער נעמען אויף זיך אויף דעם שטויב און אָטעמען אַרויס מיט אָזאָן, קילן מיט זייער ווינטל. חוץ דעם וואַקסט דאָך אויף זיי טוטאָווניק! דאָס איז דאָך אַ זיסע פרי וואָס קומט שטאַרק צונוץ אונזערע בירגער, מער נאָך, ווען עס איז אַ מאַנגל אין צוקער. פאַרוואָס זאָל מען אויסהאַקן די ביימער?

אַ מייסטער איז קאַרימאָף אויף דערציילן פאַנטאַסטישע, אָריענטאַלישע מעשהלעך. איין מעשהלע האָט ער דערציילט דורך זיבן טעג. ער וואָלט דרייסט געקאָנט געקאָנט קאָנקורירן מיט שעכערעזאַדע, אים וואָלט געסטאַיעט צו דערציילן מער ווי אויף טויזנט און איין נאַכט.

ס׳טרעפט אָבער אויך ווען ער רייסט אַמאָל איבער זיינע צויבער־מעשהלעך מיט אַ פּראָזאַאישער ווענדונג.

— העהע! ווען מיר גייט אַזוי אַנטקעגן אין די בערג אַ קאַראַוואַן מיט פערציק קעמלען, אויף יעדן קעמל פערציק זעקלעך ווייץ, אין יעדן זעקל פערציק מעסטלעך, איך קריך מיר אַרויס פון מיין הייל, שטעל אָן מיין ביקס און באַפעל:

— אין נאָמען פון אַללאַך און זיין נביא מוכאַמעד! צי זיך אויס אויף דער ערד און זיי מתפלל! בעט פאַר דיינע קינדער און ווייבער אַז זיי זאָלן נישט בלייבן קיין יתומים און אלמנות! בעט צו אַללאַך, קריך צוריק אויף אַלע פיר און דאַנק מוכאַמעדן דערפאַר, וואָס מער קיין סכנה וועט אויף דיין לעבן שוין נישט לויערן, קיינער וועט דיך שוין מער נישט באַרויבן. אַצינד מולאַ־אַקאַ (רבי־ברודער), זאָג מיר זיבן מאָל „ראַכמאַט אַקאַ דזשאָן!" (אַ דאַנק, ברודער, נשמה מיינע).

קאַרימאָף איז אַ געטרייער מאַן צו זיין ווייב, ער האָט זי זעלטן פאַראַטן מיט אַנדערע פרויען, חוץ ביי צופעליקע געלעגנהייטן. אַזוי דערציילט ער, אַז אָנהויב

1942, ווען עס זיינען אָנגעקומען די וואָקואירטע און די פּוילישע יידן, באַפּרייטע פון די לאַגערן, דעמאָלט ווען עס איז געווען דער גרויסער הונגער, האָט ער שפּעט ביינאַכט באַמערקט זיצן אין פּאַרק אַ יידיש מיידל. זי איז געזעסן אַ מידע און דערשעפּטע, האָט קוים געקאָנט עפענען דאָס מויל צום רעדן. האָט ער איר פאָרגע־לייגט אוועקצוגיין מיט אים אין די גראָזן. האָט זי געפאָדערט פון אים אַ לעפּיאָ־שקע. האָט ער איר צוגעזאָגט. ער וואָלט איר זיכער געגעבן צוויי, נאָר ווו וועט ער נעמען ביינאַכט לעפּיאָשקעס? ער וועט איר געבן געלט און זאָל זי זיך אינדערפרי קויפן צו עסן. וויל זי נישט. און שיין איז זי געווען ווי אַ בעג'ם (פּירשט) אַ טאָכ־טער, חנעוודיק, רייצנדיק. האָט ער זי אַ נעם געטאָן פאַר די האָר, פאַרשטופּט איר דאָס מויל און אוועקגעשלעפּט אין די גראָזן. זי האָט אָבער געהאַט מזל. עס איז דערפון גאָרנישט געוואָרן.

— פאַרוואָס?

— ווייל פון שרעק האָט זי באַקומען ס'לויפעניש... איך האָב מיר פאַרשטופּט די נאָז און אַנטלאָפן. איך האָב איר אפילו צוגעוואָרפן געלט אויף אַ לעפּיאָשקע.

גוסיעוו שפּייט אויס פאַר כעס:

— טפו! פאַרוואָס האָסטו איר נאָך געגעבן געלט, ווייל זי האָט זיך באַמאַכט?

— מערזאַוויעץ! — שרייט צו אים קאַסילאָוו. איך בין נאָר אַ באַנדיט מיט די הענט, און דו, גוסיעוו, ביסט אַ באַנדיט אויך אין דער נשמה!

***

דער יונגער, לאָמער אוזבעק רעדט וויניק, דערציילט נאָר וועגן הייליקע שלאַנגען, וואָס מען מוז זיי אויפנעמען מיט אַ טאָפּ־זויער־מילך. דאַן זיינען זיי, די שלאַנגען, אַ ברכה פאַרן הויז, טאָמער אָבער נעמט מען זיי נישט אויף בכבוד, טוען זיי אָן שאָדנס. אויב, למשל, מען דערהרגעט איינע פון זיי, וועלן די אַנדערע שלאַנ־גען נאָכקריכן אויף הונדערטער ווייאָרסטן, אויסזוכן דעם מערדער און ביינאַכט, אין שלאָף, אים דערווערגן.

איך האָב שוין אויך אויסדערציילט אַלע סיוזשעטן וואָס איך האָב געדענקט פון ראָמאַנען, דראַמען, נאָוועלן, באַלאַדן, מעשהלעך, פון דער אייראָפּעאישער און יידישער ליטעראַטור. איך האָב שוין געמוזט אָנקומען צום פאַרפאַסן אייגענע דער־ציילונגען, אימפּראָוויזירן, האָב איך אויסגעטראַכט אַ מעשהלע. איך בין אויסן גע־ווען זיי דערציילן אַ מעשהלע מיט אַ פּאָליטישער מאָראַל, מיט אַן אָנצוהערעניש און געוואָלט זען צי זיי וועלן זיך דערויף כאַפּן.

אַ מעשהלע מיט אַ מאָראַל

איך גיב עס איבער אין קיצור:

„דער אַלטער קעניג איז געשטאָרבן און עס איז געקרוינט געוואָרן זיין יונגער זון. דאָס וויכטיקסטע וואָס ער האָט געקראָגן בירושה, איז געווען אַ גאָלדן פאַנ־טאָפּעלע, וואָס ברענגט מיט זיך גליק. און גראָד קומט אָן אַ ידיעה, אַז חיילות פונם שונא גרייטן זיך באַפאַלן זיין לאַנד. ער איז גלייך אַרויס אין קריג. ער מוז מצליח

זיין, ער האָט דאָך דאָס גאָלדענע לעטשעלע. אָבער דאָס לעטשעלע ברענגט גליק נאָר דעמאָלט, ווען עס איז אָנגעטאָן אויף דעם רעכטן פוס פון אַ יונגפרוי, וואָס דאַרף ווערן דאָס ווייב פונם קעניג.

צעשיקט דער קעניג שליחים איבערן גאַנצן לאַנד, אויסצוגעפונען אַזאַ יונג־פרוי אויף וועמענס רעכטן פוס עס וועט פּאַסן דאָס גאָלדענע שיכעלע. ער ווונטשט זיך אָבער, אַז די פרוי זאָל באַזיצן עטלעכע מעלות. איינע פון זיי איז — גוטסקייט. זי זאָל זיין אַזוי גוט, אַז ווען זי וועט אַריינגיין אין אַ שטיג פון הונגעריקע וועלף, זאָל זי זיך אַזוי צעשמייכלען מיט גוטסקייט, אַז די וועלף, נישט נאָר זיי זאָלן זיך נישט וואַרפן אויף איר צום פאַרצוקן, נאָר זיי זאָלן זיך אוועקלייגן און צוטוליען צו אירע פיס און אויך זיך — צעשמייכלען.

און די שליחים האָבן אויסגעפונען אַזאַ יונגפרוי, וועמענס רעכטער פוס האָט געפּאַסט פאַר דעם גאָלדענעם פּאַנטאָפעלע און האָט באַזיצן אַלע געפאָדערטע מע־לות. זי האָט אָבער אַרויסגעשטעלט אויך אירע פאָדערונגען:

דער קעניג וואָס וויל ווערן איר מאַן, מוז איינמאָל אין זיבן יאָר אַוועק אויף זיבן טעג איבערן לאַנד, זיין איבערגעטאָן פאַר אַ בעטלער און בעטן נדבות איבער די הייזער. נאָכדעם מוז ער אַוועק אויף אַ ווייט אָרט, אויך אויף זיבן טעג און זיך פאַרדינגען צו אַן אלמנה פאַר אַ האָלץ־העקער און וואַסערטרעגער.

ער מוז אויך קענען שפּילן אויף אַ פידל. ער דאַרף שפּילן אַזוי מתיקותדיק און האַרציק, אַז וואַלד־גזלנים און קינדער־מערדער, ווען זיי וועלן דערהערן זיין שפּילן, זאָלן זיי זיך צעוויינען ווי קינדער און חרטה האָבן אויף זייערע מעשים. און צום סוף:

דריי טעג אין יאָר דאַרפן קומען צום קעניג שליחים פון אַלע שטעטלעך און דערפער און דער קעניג זאָל זיי אויפנעמען קניענדיק. יעדער פון די פאָלקס־שליחים דאַרף צוגיין צום קניענדיקן קעניג, שנעלן אים דריי מאָל אין נאָז און דריי מאָל אויסרופן:

„דאָס פאָלק איז העכער פון דיר, דו ביסט זיין דינער!"

און דער קעניג דאַרף זיי דריי מאָל אָפּענטפערן:

„אייערע ווערטער זיינען אמת און הייליק, אַ דאַנק, אַ דאַנק!"

איך האָב געקוקט אויף מיינע קאַמער־חברים, געוואָלט זעען וואָס פאַראַ איינדרוק עס האָט אויף זיי געמאַכט, האָט דער וועכטער גראָד אויפגעשלאָסן די קאַמער און אַריינגעברענגט „באַלאַנדע" (זופּ).

גוסיעוו האָט געמישט די „יושקע", אַרויסגעוואָרפן די קראָפּיווע־בלעטער, ווידער געמישט און פּלוצים זיך אָנגערופן:

— אוי, וואָלט איך געוואָלט, אַז כאָטש איינאונאיינציק מאָל זאָל ער (גע־מיינט סטאַלינען) אַליין אויך פאַרזוכן אַזאַ מין זופּ!

אַלע האָבן זיך הילכיק צעלאַכט.

פון דעם האָב איך געזען, אַז זיי האָבן מיין מעשהלע און דעם מוסר־השכל ריכטיק פאַרשטאַנען.

פאַרן משפּט

עס דערנענטערט זיך דער טאָג פון מיין פּראָצעס. מען האָט מיך איבערגע־זעצט אין דער קאַמער נומער 6. נאָגטיעוו האָט מיך אַרויסגערופן צו זיך און גע־פרעגט בלויז צי עס געפעלט מיר דער באַשולדיקונגס־אַקט, צי ער האָט אים אָנגע־שריבן קולטורעל (!). איך, זאָגט ער, אַלס שרייבער, דאַרף קענען אַזאַ זאַך רעכט אָפּשאַצן. עס איז אָנגעקומען דער פּראָקוראָר. ער פרעגט מיך פאַרוואָס איך זע אויס אַזוי ביטער, פאַרוואָס איך פאַל פון די פיס. איך זאָג אים, אַז דער סליעדאָ־וואַטעל נאָגטיעוו לאָזט שוין ווידער נישט צו צו מיר קיין עסן. דער פּראָקוראָר צעעפנט אַ פּאָר אויגן, קוקט אָן נאָגטיעוון און פרעגט אים:

— פאַרוואָס האָט איר אים צוגענומען די רעכט אויף פערעדאַטשעס? איך האָב דאָך אייך פאַרבאָטן אַזעלכעס צו טאָן!

נאָגטיעוו פאַרלירט זיך און נעמט דרייען מיט דער צונג. מיך שיקט ער צוריק אָפּ אין קאַמער.

דער פּראָקוראָר מאַגאָמעטאָף איז אַ טאָטער. ער האָט אַ פיין־אײדל פּנים פון אַ טיפּישן פאָלקס־אינטעליגענט און אידעאַליסט. ער טראָגט אַ גרויען, זעלנערישן שינעל, ער איז אָרעם און באַשיידן געקליידט. ער זעט אַפילו אויס ווי נישט דער־נערט. איך האָב דורך דער גאַנצער צייט געפילט, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אַ ריס, אַ שטרייט צווישן אים, דעם פּראָקוראָר, און נאָגטיעוון.

דעם זעלבן טאָג נאָך האָב איך שוין אַריינגעקראָגן אַ פּעקל עסן און מאַכאָרקע. רויזקע, זעט אויס, איז דורך די גאַנצע זיבנאונדרייסיק טעג געקומען יעדעס מאָל צו דער טורמע מיט עסן פאַר מיר און איז דערמיט צוריק אַוועק.

רויזקע לערנט נישט שוין אין אינסטיטוט, אַרבעט שוין נישט אין זאַוואָד, נאָר אַרבעט אינדערהיים ביים מאַכן שטעק־שיך. אָבער איצט מוז זי אָפּשטיין מיטן עסן גאַנצע טעג ביי דער טורמע.

איך בעט ביים וועכטער עטלעכע שטיקעלעך פּאַפּיר אויף צום רויכערן. ער האָט נישט קיין ווייסע שטיקלעך פּאַפּיר און גיט מיר עטלעכע געדרוקטע זייטלעך פון אַ בוך, צעריסן אויף שטיקלעך. קודם שטעל איך עס צונויף און לייען עס אי־בער. עס איז אין דער אַלטער, רוסישער אָרטאָגראַפיע, נאָך פון די צאַרישע צייטן. עס איז אַ בוך מיט אינסטרוקציעס פון דער צאַרישער טורמע־מאַכט, ווי אַזוי אי־בערצופירן אַרעסטאַנטן אויף ווייטע שטרעקעס, ווי אַזוי באַגלייטן די עשאַלאָנען, ווי אַזוי באַהאַנדלען די אַרעסטאַנטן אין תפיסה.

אַ סך שטעלן, וועלכע רעדן וועגן ספּעציעלע פּריווילעגיעס פאַר אַרעסטאַנטן־סוחרים פון דער ערשטער גילדע, פאַר גייסטלעכע, זיינען אויסגעשטראָכן. דאָרט ווו עס איז אָנגעגעבן די צאָל זעלנער, וואָס דאַרף באַגלייטן אַן אַרעסטאַנטן־עשאַ־לאָן, איז פאַראַן אַ רויטע צושריפט, וואָס גיט אָן אַן אַנדערע, אַ דרייפאַכע צאָל מער זעלנער. אַנשטאָט מיט ביקסן וואָס עס דאַרפן זיין באַוואָפנט די זעלנער, איז צוגעשריבן — קוילנוואַרפער. עס איז אַלנפאַלס מער צוגעשריבן ווי אויסגעמעקט. דאָס זיינען, מסתמא, גענומען געוואָרן די גרייטע, געדרוקטע צאַרישע אינסטרוק־ציעס, ווי געהעריק אויסגעברייטערט געוואָרן אין זינען פון דעם הייַנטיקן רעזשים און פונאַנדערגעשיקט געוואָרן צו די נקווד־אָפּטיילונגען. זיי מוזן זיין שוין פאַר־

עלטערט, ווערן שוין נישט גענוצט, אַנדערש וואָלט מען זיי נישט אַרויסגעגעבן אויף צום רויכערן.

דעם טאָג ווען עס האָט געזאָלט פּאַרקומען דער פּראָצעס, האָט מען מיך נישט אַרויסגערופן. ער איז, זעט אויס, געוואָרן אָפּגעלייגט. ערשט דעם 24־טן מאַי האָט מען מיך אַריינגערופן אין דיזשורני־קעמערל פונם טורמע־נאַטשאַלניק קאַבליק.

איך דערזע דאָרט משה לויפגאַס. מיר באַגריסן זיך דורך אַ ווונק. דער נאַטשאַלניק גיט אונז שטריקלעך אויף אַריינציען אין די שיך, מיר זאָלן נישט דאַרפן אויפן גאַס נאָכשלעפּן די פיס און פאַלן. ער באַדויערט וואָס ער האָט נישט ביי זיך די שער־מאַשינקע אויף אָפּצושערן די אָנגעוואָקסענע בערד. ער קוקט אונז אַרום, ער וואָלט וועלן אַז מיר זאָלן בעסער אויסזען, מיר דאַרפן דאָך דורכגיין דורך דער שטאָט ביז צום געריכט.

איך פרעג ביים נאַטשאַלניק צי ער באַהאַלט גוט אויס די פּאַטאָ פון מיין פרוי. איך האָב די פּאַטאָ געקראָגן צופעליק נישט לאַנג פאַרן אַרעסט. עס האָט זיך אויסגעפונען אין סאַמאַרקאַנד די פריילין וואָס האָט געאַרבעט אַלס דערציערין פון אונזער טעכטערל. די פריילין איז געווען אָפּפאָטאָגראַפירט צוזאַמען מיט מיין פרוי. ווען איך האָב באַקומען די פּאַטאָ איז ביי מיר געווען דעמאָלט אַ יום־טוב. איך האָב צונויפגערופן דעמאָלט אַלע מיינע באַקאַנטע, צוזאַמען מיט דער דערציערין און האָב זיי מכבד געווען מיט ווייַן.

ביים אָנקומען דאָ אין טורמע האָט דער נאַטשאַלניק, בעת דער פּערעזינלעכער רעוויזיע, צוגענומען ביי מיר די פּאָטאָ.

איך ווייס, אַז קאַבליק איז נישט קיין שלעכטער. ער האָט אַ יידישע פרוי און עטלעכע קינדערלעך מיט איר. די טורמע־וועכטער זאָגן, אַז ער אַליין מוז אויך זיין אַ ייד, נאָר ער באַהאַלט זיך דערמיט אויס. זיי האָבן, זאָגן זיי, אַ סימן:

ער גייט קיינמאָל נישט אַריין אין אוביקאַציע צוזאַמען מיט אַנדערע וועכטער, מסתמא דערפאַר, כדי מען זאָל דאָרט נישט דערזען זיין יידישקייט...

קאַבליק זאָגט מיר צו די פּאָטאָ אָפּצוהיטן. ער דערמוטיקט מיך און זאָגט מיר, אַז אינדרויסן וואַרט שוין אָפּ מיין באַקאַנטע פריילין רויזקע. איך פרעג אים פונוואַנען ווייסט זי דען, אַז עס קומט היינט פאָר מיין פּראָצעס, ענטפערט ער מיר, אַז זי האָט שוין געוווסט פריער פאַר מיר. זי און אַנדערע פריינט מיינע פּאָרען זיך פאַר מיר און זיינען זייער באַזאָרגט צוליב מיין גורל.

די דריי זעלנער וואָס דאַרפן אונז באַגלייטן, רעפּעטירן די רעוואָלווערן, שטרעקן זיי אויס איבער אונזערע קעפּ און זאָגן אונז אָן די סאַקראַמענטאַלע פאָרמולע:

— אַ טריט אויף רעכטס, אַ טריט אויף לינקס, ווערט פאַררעכנט ווי אַנטלויפן, איר ווערט אָן וואָרנונג דערשאָסן!

די גערעכטיקייט איז נישט אַלעמאָל בלינד

קאַפּיטל א

נאָך דריי חדשים ווערט ווידער געעפנט דאָס טורמע־טויער און מיר ווערן אַרויסגעפירט אויף דער גאַס. דאָס ערשטע דערזע איך רויזקען. זי איז אין אַ ווייס בלוזקעלע, זעט גוט אויס, אָבער מיט פאַרווייניטע אויגן. זי דערקענט אונז נישט און ערשט אין אַ מינוט אַרום דערהער איך איר „אוי"! נישט ווייט פון איר שטייט אויך רעניע, די פרוי פון משה לויפגאַס. אויך פון איר דערהערט זיך דער זעלבער „אוי"!

מיר גייען אין מיטן שאָסיי, די הענט פאַרליינט אויף הינטן. איינער פון די זעלנער גיט אַ צייכן צו די דורכפאָרנדיקע אויטאָס זיך אָפּצושטעלן. זיי טאָרן איצט נישט פאָרן, ווייל דאָס קאָן אונז דערלייכטערן צו אַנטלויפן. מיר גייען פאַרביי דעם פאַרק. די צעבליטע ווייסע אַקאַציע שווינדלט פאַר די אויגן; עס בליען די אוריוק־ביימער, די זון שטייט הויך, עס איז ליכטיק און העל. אַ סך דורכגייער זיינען געקליידט אין ווייסן, יונגע מיידלעך שפּאַצירן און לאַכן. דאָס לעבן גייט ווייטער אָן, עס איז אַלץ ווי געווען, נאָר מיר פאַרשעמען דעם ליכטיקן פרילינג־טאָג, מיר, די צוויי אַרעסטאַנטן, געל־בלייכע, באַוואַקסענע, אויסגעמאַטערטע, אונטער דער באַגלייטונג פון דריי אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן.

ביים פאַרדרייען זיך אין אַ ראָג, גיט רויזקע אַ געשריי פונדערווייטנס:

— לויבט די מאַכט! לויבט דעם באַלעבאָס! (סטאַלינען).

די זעלנער שרייען אויף איר אָן און טרייבן זי אַוועק. נאָנט צום געריכט־הויז האָב איך דערזען שטיין אויך רויזקעס עלטערע שוועסטער און זייער מאַמע. ביים אַריינגיין אין קאָרידאָר, ווען איך בין געווען נאָנט צו לויפגאַסן, האָב איך אים אַ שעפּטשע געטאָן: — שמאַיעוויטש האָט געמסרט! לייקנט אַלץ!

אין קאָרידאָר איז געזעסן דער עדות רויזנשמיד מיט זיין פרוי. מער קיין עדות זיינען, זעט אויס, נישט געקומען. מען האָט אונז אַריינגעפירט אין אַ צימערל אָפּצוואַרטן. מיר זיצן אַ שעה און צוויי, אונזערע זעלנער לאַנגווייליקן זיך. רויזקע קומט אַריין מיט אַ פּעקל עסן און וויל עס אונז דערלאַנגען. די זעלנער לאָזן נישט. זי דערלאַנגט זיי אויך עטלעכע לעפּיאָשקעס מיט קישמיש, זיי קוקן זיך אַרום צי קיינער זעט נישט, נעמען די מתנות, נעמען דאָס עסן פאַר אונז און דערלאַנגען. רויזקע גיט אַ שפּרונג צו מיר צו, כאַפּט מיך אַרום קושן און לויפט באַלד צוריק. די אוזבעקישע זעלנער שמייכלען.

מען פירט אונז אַריין אויפן זאַל. עס איז דאָס קרייז־געריכט. דער פּראָצעס וועט פאָרקומען ביי געשלאָסענע טירן. פון די ריכטער איז נאָך קיינער נישטאָ, דער טיש איז שוין באַדעקט מיט אַ רויטן טישטוך. עס קומט אַריין אַן עלטערער מאַן, וואָס שטעלט זיך פאָר אַלס אַדוואָקאַט, אונזער פאַרטיידיקער, דעלעגירט פון דער נקווד. בלויז דריי פון אַלע אַדוואָקאַטן אין סאַמאַרקאַנד האָבן די רעכט אַרויסצוטרעטן אין פּאָליטישע פּראָצעסן. זיי זיינען פּאַרטייער. זיי פאַרטיידיקן אונז אָפּיציעל, האָנאָראַר באַקומען זיי פון דער נקווד.

ער קוקט איצט אַריין אין די אַקטן און שטעלט מיר אייניקע פראַגן. צי איז

אמת, פרעגט ער, אַז איך בין געווען אין וואַרשע אַ רעדאַקטאָר פון אַ יידישער, נאַציאָנאַליסטישער, קאָנטררעוואָלוציאָנערער צייטונג.

— ניין, עס איז נישט אמת. איך האָב געאַרבעט בלויז אין אַדמיניסטראַציע פון אַ צייטונג, געדרוקט האָב איך אין פּראָגרעסיווע, ליטעראַרישע זשורנאַלן. איך בין אין יאָר 1934 געווען רעדאַקטאָר פון אַ ליטעראַרישן זשורנאַל „פּאַרמעסט", אָבער דאָס איז געווען אַ קאָמוניסטישע אויסגאַבע און שוין דער צווייטער נומער פון דעם זשורנאַל איז פאַרמאַכט געוואָרן דורך דער פּוילישער מאַכט. מיך האָט מען נאָכדעם רעפּרעסירט.

— צי איז אמת, אַז איך האָב אין אויגוסט 1939 אָנטיילגענומען אין אַ קאָנגרעס פון ציוניסטן אין דער שווייץ, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו באַקעמפן און שטירצן די ראַטנמאַכט ?

— ניין, עס איז נישט אמת. נישט דער קאָנגרעס האָט געהאַט אַזעלכע אויפגאַבן און נישט איך האָב אים אים אָנטיילגענומען אַלס דעלעגאַט. איך בין דאָרט געווען אַלס געוויינלעכער צושויער.

—צי איז אמת, אַז איך האָב אין פּוילן אָנגעהערט צו אַזעלכע קאָנטררעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס ווי „פּועלי ציון", „בונד" און „גאַשאָמער גאַצאַיר" (השומר הצעיר) ? צי איז אמת, אַז איך האָב געשריבן פּאַמפלעטן קעגן דער ראַטנמאַכט.

— ניין, דאָס אַלץ איז נישט אמת. דאַקעגן איז אמת, אַז מיינס אַ בוך וועגן קאַרל מאַרקסן איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער פּוילישער מאַכט.

— צי איז אמת, אַז איך בין אין יאָר 1932 געווען אין פּאַלעסטינע ? צי איז אמת, אַז מיינס אַ יונגערער ברודער איז אַנטלאָפן פון פאַרשיקונג אין פּאָסיאָלעק אַבראַמקאָווא ? צי איז אמת, אַז איך האָב געזאָגט, אַז אַלע רוסישע יידן דאַרפן אַוועקפאָרן קיין פּאַלעסטינע ?

די פראַגן און ענטפערס האָבן געדויערט בלויז פופצן מינוט. ער האָט מיר דערקלערט, אַז מיך דערוואַרט אַ שווערער אורטייל.

נאָכהער האָט ער גענומען שמועסן מיט משה לויפגאַס. איך האָב ערשט איצט געהערט, אַז משה לויפגאַס ווערט באַשולדיקט לויט צוויי פּאַראַגראַפן. חוץ דעם פּאָליטישן ווערט ער אויך באַשולדיקט אין אַנטלויפן פון דעם לעדער־זאַוואָד, וווּ ער האָט געאַרבעט אַלס גלעזער. דערפאַר דראָט באַזונדער זיבן יאָר.

דער אַדוואָקאַט איז אַרויסגעגאַנגען. די זעלנער זיצן מידע, עס איז אַ גרויסע היץ, זיי דרימלען, די פענצטער אין זאַל זיינען אָפן. לויפגאַס גיט מיר אויפדערגיך אַ זאָג :

— איך וועל שפּרינגען דורכן פענצטער !

איך כאַפּ אים פאַר דער האַנט :

— גאָט באַהיט ! מיר זיינען דאַן אויף אייביק פאַרלוירן !

זיין פרוי האָט זיך אַריינגעקראָגן אין זאַל אַריין דורך אַ זייטיקער טיר און געכאַפּט אויף אונז אַ בליק פונוויטנס. מיר האָבן ביידע גלייכצייטיק איר צוגעוואָרפן די ווערטער :

—שמאַיעוויטש האָט געמסרט ! ! !

זי האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ, אָבער באַלד צוריקגערופן :

— אוממעגלעך ! ער וויל אייך אויסקויפן, באַפרייען !

די זעלנער האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון דרימל און זי פאַרטריבן.

עס איז אַריינגעקומען דאָס געריכט, אַ פּאַרזיצער, צוויי בייזיצער, אַ סעקרע־טאַרין און דער פּראָקוראָר. פריער באַטראַכט מען לויפּגאַס׳עס פּראָצעס.

מען לייענט פאָר זיינע דערקלערונגען. איך ווער נבהל ונשתומם, לויפּגאַס איז זיך מודה אין אַלע אים פאָרגעוואָרפענע חטאים. ער גיט אויף זיך אַליין אָן, אַז ער האָט געגרעדט און געהעצט קעגן דער ראַטנמאַכט. אַז ער האָט געזאָגט, אַז די מאַכט איז אין די הענט פון אַ קליקע, וואָס דריקט אונטער דאָס פאָלק, אַז דאָס לאַנד איז פול מיט טורמעס און לאַגערן, אַז די סאָוויעטישע טיראַניע איז די שווידערלעכסטע אין דער וועלט־געשיכטע, אַז די אַרבעטער דאָ לעבן ערגער ווי די כינעזישע קולים, און אַזוי ווייטער און כסדר אינם זעלבן נוסח.

איצט זע איך, אַז דאָס אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט פאַרן אויספאָרשער וועגן מיר, איז אַ ברעקעלע קעגן דעם, וואָס ער האָט געזאָגט אויף זיך אַליין.

עס קומט פאָר אַן איבערייס. איך קוק אים אָן פאַרוואונדערט. ער זאָגט מיר, אַז ער האָט געטראַכט, אַז איך האָב זיך איינגעבראָכן און אָנגעהויבן שיטן. מען האָט אים מוראדיק געשלאָגן, צומיינסט האָט מען אים געקאָפּעט אין די געשלעכטס־אָרגאַנען. יאָ, ער האָט אַלץ אונטערגעשריבן.

אַצינד האָט ער באַשלאָסן אין אַלעם צו לייקענען און דערציילן פאַרן געריכט וועגן דעם שלאָגן פון די אויספאָרשער.

פאַרן באַנייען די אונטערהאַנדלונגען, האָט דער פּראָקוראָר פאַראָרדנט, אַז מען זאָל מיך באַזייטיקן, איך זאָל נישט זיין אָנוועזנד אויף די געריכטס־פאַרהאַנד־לונגען פון משה לויפּגאַס.

מען האָט מיך צוריקגעפירט אין וואַרט־צימערל. פּלוצלינג האָב איך דערזען ווי עס קוקט ווער אַריין דורכן פענצטערל — עס איז שמאַיעוויטש! ער קוקט אַריין דורך דער שויב און שאָקלט צו מיר באַגריסנדיק מיטן קאָפּ.

איך האָב באַדאַרפט איינהאַלטן אַלע כוחות נישט אויסצושרייען. איך טאָר זיך נישט פאַראַטן, איך האָב צוריקגעגריסט מיט אַ שאָקל פון קאָפּ און אַ שמייכל.

איך האָב געבעטן די זעלנער מיך פירן אין אוביקאַציע. עס איז מיר נאָכגע־גאַנגען רויזקע. זי האָט ווידער מיט עפּעס מכבד געווען דעם זעלנער. איך האָב צו איר אויסגעשריגן:

— שמאַיעוויטש האָט אונז געמסרט! זאָל רויזנשמיד צוריקציען זיין שלעכט עדות־זאָגן!

זי האָט צוריקגערופן:

— שמאַיעוויטש איז גרייט פאַר אייך אַוועקגעבן זיין לעבן! ער שלאָפט נישט גאַנצע נעכט! ער וועט אַוועקגעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן און אייך באַפרייען!

דער פּראָצעס איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף צוויי טעג און מען האָט אונז צוריק־געפירט אין תפיסה.

קאַפּיטל ב

עס איז פאַרענדיקט געוואָרן לויפּגאַס׳עס פּראָצעס. עס איז נישט אַרויסגעטראָגן געוואָרן קיין שום אורטייל, ער ווערט איבערגעשיקט צו אַ נייער אויספאָרשונג. דאָס

איז אַ גוטער סימן, ער קאָן אפילו באַפרייט ווערן אויך, נאָר די אויספאָרשונג, די אויספאָרשונג, דאָס איז דאָך דער ערגסטער פּעריאָד! ווער ווייסט צי מען וועט איצט נישט נאָך מער קאַטעווען ווי פריער?

אין אַ טאָג אַרום, שבת דעם 27־טן מאַי, האָט מען מיך שוין אַליין געפירט צום געריכט. איצט איז שוין אַן אַנדערע וואָך. מען האָט אַוועקגעטריבן רויזקען מיט איר מוטער פון דער געריכט־געביידע. מען לאָזט מיר נישט צו קיין עסן. עס זעט אויס, אַז מען האָט שוין ווייטער געמסרט, אויך וועגן דעם, אַז רויזקע האָט מיר דערלאַנגט עסן און גערעדט מיט מיר.

איך האָב היינט אַן אַנדערן פּאַרטיידיקער, אַ פרוי. זי האָט דורכגעקוקט די אַקטן און מיר געזאָגט, אַז איך האָב אַ שווערן פּראָצעס. עס איז דאָרט אָנגעגעבן וועגן מיר אַ סך שווידערלעכע פאַקטן, ווי איך וואָלט זיין אַ דייטשער שפּיאָן. אַז איך האָב געשטרעבט דערצו, אַז די דייטשן זאָלן געווונען די מלחמה, אַז די רויטע אַרמיי זאָל באַזיגט ווערן.

איך זאָג איר ווי עס זעט אויס דער אמת. זי דערקלערט מיר אָבער, אַז אַ טייל דערקלערונגען זיינען אונטערגעשריבן דורך מיר אַליין. איך קלער איר אויף, אַז איך האָב אַזעלכע דערקלערונגען נישט אונטערגעשריבן. אין טייל פאַלן האָב איך אַפילו נישט געקאָנט איבערלייענען די דערקלערונגען אויפגעשריבן דורך נאַגטיעוון, ווייל איך האָב נישט געקענט לעזן זיין כתב, אַז מיר האָט מייסטנס געשווינדלט פאַר די אויגן און איך האָב רעכט נישט געזען, נאַגטיעוו פלעגט מיך כמעט אויף יעדער אויספאָרשונג שלאָגן.

זי האָט געזען ווי עס האַלט דאָ מיטן אמת. איך האָב אפילו געזען, אַז זי האָט צו מיר מיטגעפיל. זי האָט נישט באַדאַרפט קיין סך טראַכטן, כדי צו זען, אַז איך, אַ ייד, אַן אַנטלאָפענער פון די דייטשן, האָב נישט געקענט זיך ווונטשן, אַז די מלחמה זאָל געווונען ווערן דורך די דייטשן. זי זעט אַליין אויס ווי איינע פון אונזער פאָלק און עס איז איר לייכט דאָס צו פאַרשטיין. זי זאָגט מיר:

— לעזנדיק די אַקטן האָב איך זיך טאַקע שטאַרק געוואונדערט און באַין אופן נישט געקענט פאַרשטיין ווי עס קאָן מעגלעך זיין.

דערווייל קומט פאַר אַ משפט איבער דריי יונגע, אוזבעקישע באַנדיטן. איך בין אָנוועזנדיק אויפן פּראָצעס, די פּאָרזיצערין פונם געריכט דערלויבט דאָס מיר. זי איז אפילו פריער צוגעקומען צו מיר, געפרעגט מיין נאָמען און באַדויערנדיק גע־שאָקלט מיטן קאָפּ. איך האָב געזען, אַז זי ווייסט פון מיר. איך האָב אין טורמע שוין געהאַט געהערט וועגן איר. זי איז אויך מאחינו.

עס איז געווען פאַר איר אַן אַנדערע פּאָרזיצערין, אויך אַ יידישע, מיטן נאָמען גערמאַן, האָט מען זי באַזייטיקט צוליב איר — אַנטיסעמיטיזם! פלעגט זי משפטן אַ ייד, האָט זי געגעבן די העכסטע שטראָף. זי האָט, זעט אויס, מורא געהאַט צו באַווייזן זיך אַלס טענדענציעזע, האָט זי דעם שטעקן שוין אינגאַנצן איבערגעבויגן אויף דער צווייטער זייט און געוואָרן טענדענציעז, נעגאַטיוו לגבי יידישע באַשולדיקטע.

עס קומט מיין ריי. די בייזיצער זיינען היינט שוין אַנדערע: אַן עלטערע אוז־בעקין, אַ יונגע רוסין און אַ ייד — אַ פּאַרשטייער פון דער פּאַרטיי. דער פּאָרזיצער איז דער זעלבער. ער האָט אַ האַרט און שטרענג פּנים, אַן אַסקעט. מיר געלונגט קוים צו דערקענען אין זיין פּנים, אַז ער איז אויך „מאחינו". די סעקרעטאַרין איז אויך פון אונזער שטאַם. איך ווייס, אַז דער אורטייל, אויב עס דעצידירן יידן, קאָן ער

זיין נאָך אַ שטרענגערער. אָבער דאָך האָב איך אַ גוט געפיל און איך ווייס, אַז זייערע אויערן וועלן לכל הפחות, נישט זיין טויב פאַר מיין יידישן ווײ־געשריי.

דער טאַטערישער פּראָקוראָר מאַגאָמעטאָף איז אויפגערעגט, ער סודעט זיך מיטן פּאָרזיצער. עס איז נאָר פאַראַן קעגן מיר איין עדות, רויזנשמיד.

נאָכן פאַרלעזן דעם באַשולדיקונגס־אַקט און די דערקלערונגען, האָב איך באַ־קומען דאָס וואָרט. איך האָב גערעדט אַנדערטהאַלבן שעה. איך האָב דערציילט וועגן מיין גאַנץ לעבן. איך האָב גערעדט וועגן דעם גורל פון די יידן ביי די דייטשן, וועגן דעם גרויל פון מיין אייגן קינד, פרוי, מאַמע, ברודער און שוועסטער, וועלכע ווערן אפשר איצט געברענט דאָרט אין די דייטשע גאַז־קאַמערן. איך האָב דערציילט וועגן דער גרויסער פרייד ביי אַלע יידן און ביי מיר, ווען מיר האָבן געהערט אַז די רויטע אַרמיי באַפרייט אַ שטאָט פון די דייטשן. דערציילט אויך וועגן דעם ווי אַזוי נאַגאַטיעוו האָט מיך געשלאָגן בעת די אויספאָרשונגען. גערעדט וועגן דעם, אַז איך בין דער איינציק געראַטעוועטער פון אַ יידישער פאַמיליע, וואָס איז אַנטלאָפן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, דעם לאַנד, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו מיינע שענסטע טרוימען און אידעאַלן.

פאַרוואָס זאָל איך, האָב איך זיי געפרעגט, דער איינציק לעבנגעבליבענער, אויך אויסגיין דאָ אין די קאַמערן פון תפיסה? בלויז צוליב אַ בלבול פון נקמה־דורשטיקע אויסוואורפן, זאָל איך נישט דערלעבן אפילו צו דעם גרויסן טאָג, ווען עס וועט קומען די נקמה איבער די דייטשע מערדער? די מערדער פון אונזערע קינדער און מאַמעס! עס איז דאָך נישטאָ אין דער וועלט קיין איין ייד, וועלכער זאָל נישט ווינטשן דער רויטער אַרמיי דערפאָלג איבער די דייטשן! די רויטע אַרמיי ראַטעוועט דאָך די קליינע רעשטלעך פאַרבליבענע יידן אין די שטעט פון וועלכע זי טרייבט אַרויס די דייטשן. די רויטע אַרמיי איז דאָך די באַשיצערין און די דערלייזערין פון די געפּײ־ניקטע און גערודפטע יידן!

אין דעם מאָמענט האָט דער פאָרזיצער מיר געגעבן אַ ווונק מיטן אויג און אַ שאָקל מיטן קאָפּ אין דער ברייט. אַ בליץ־רגע האָט געדויערט, ביז כ'האָב זיך געכאַפּט וואָס ער מיינט. יאָ, פאַרשטאַנען. ער מיינט, אַז איך זאָל אויפהערן אַזוי פיל אונטער־שטרייכן, אַז די רויטע אַרמיי קעמפט פאַר די יידן. עס זיצט דאָך דאָ מענטשן פון אַנדערע נאַציעס, אַ רוסין, אַן אוזבעקין, אַ טאַטער. דאָס פאָלק מורמלט דאָך סיווי צווישן זיך, אַז די גאַנצע מלחמה איז נאָר צוליב די יידן און זיי פאַרגיסן בלוט אויף די פראָנטן צוליב יידן.

איך האָב זיך פאַרהאַקט אין מיטן רעדן. דער ווונק פונם פאָרזיצער האָט מיר שווערדיש אַ שניט געטאָן אין האַרץ — ער איז אַ ייד און איך בין אַ ייד! ער איז דער באַשולדיקער און איך דער באַשולדיקטער, אָבער קודם דאַרפן מיר ביידע אָפּהיטן אונזער נאַציאָנאַלן יידישן אינטערעס! נישט דערציילן צופיל פאַר די פרעמדע וועגן אונזער טראַגעדיע און וועגן אונזער שייכות מיט דער באַפרייאונגס־מלחמה פון דער רויטער אַרמיי.

איך האָב ווייטער גערעדט וועגן די שווידערלעכע שחיטות פון די דייטשן אויך איבער אַנדערע פעלקער. דערציילט זיי ביי וואָס פאַר אַ באַדינגונגען איך בין אַנט־לאָפן פון וואַרשע, ווי אַזוי עס זיינען שפּעטער אַנטלאָפן אויך מיין פרוי און טעכטערל. וועגן מיינע שלאָפלאָזע נעכט צוליב זייער גורל.

אוודאי האָב איך אין מיטן רעדן זיך עטלעכע מאָל צעווײנט און מיט מיר האָט מיטגעוויינט די סעקרעטאַרין און די רוסישע בייזיצערין.

דער פּראָקוראָר האָט מיר געשטעלט פראַגן. איך זאָל דערציילן גענוי ווי אַזוי נאָגטיעוו האָט מיך געשלאָגן. איך האָב דערציילט. איך האָב געזעען, אַז ער לעבט דאָס איבער, ער איז צעבעסט, אויפגערעגט. ער האָט פאַרגעשלאָגן, אַז אין פּראָטאָקאָל זאָל ווערן אַריינגעטראָגן מיין דערקלערונג וועגן דעם ווי אַזוי נאָגטיעוו האָט מיך געשלאָגן.

עס האָט זיך אויפגעשטעלט מיין פּאַרטיידיקערין און אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס טאָר מען נישט אַריינשרייבן אין פּראָטאָקאָל. עס וועט בלויז געגוג זיין די פראַזע „דער אויספאָרשער נאָגטיעוו האָט געפירט די אויספאָרשונג איבערן באַשולדיקטן מיט נישט־געזעצלעכע מעטאָדן".

עס איז אויסגעפרעגט געוואָרן דער עדות רויזנשמיד. ער האָט אונטערגעהאַלטן זיינע לעצטע דערקלערונגען, אַז אויפן בריקל ווו איך בין געשטאַנען אַלס וועכטער פאַרן שוסטער־אַרטעל, האָב איך מיט אים גערעדט וועגן דעם סאָוויעטישן רעזשים, געזאָגט, אַז עס איז נישט פאַרהאַן קיין דעמאָקראַטיע און קיין סימן פון סאָציאַליזם.

איך האָב געבעטן דעם פאָרזיצער איבערצופרעגן דעם עדות, פאַרוואָס האָט ער אויף דער ערשטער קאָנפראָנטאַציע מיט מיר, געלייקנט אַז איך האָב מיט אים געפירט קאָנטררעוואָלוציאָנערע געשפּרעכן. פאַרוואָס האָט ער אויף דער צווייטער קאָנפראָנטאַציע שוין געגעבן זיינע דערקלערונגען און פעסטגעשטעלט, אַז איך האָב יאָ מיט אים געפירט אַזעלכע געשפּרעכן. זאָל אויך דער עדות רויזנשמיד דאָ דערקלערן צי נאָטיעוו האָט אים נישט געדראָט, אַז ער וועט אים דערלאַנגען אין מאָרדע, אויב ער וועט נישט אונטערשרייבן אַזאַ דערקלערונג ווי ער, נאָגטיעוו, האָט פאָרגעלייגט.

רויזנשמיד האָט דאָס באַשטעטיקט. ער האָט שוין אָנגעהויבן ווערן וואַקלדיקער און פּלאָנטערן מיט דער צונג, זאָגן, אַז עס איז נאָר טיילווייז ריכטיק, אָדער לגמרי נישט, ער געדענקט שוין נישט.

רויזנשמיד איז זיכער נישט אויסן געווען מיין שלעכטס און וואָלט גערן מיך וועלן ראַטעווען, ער איז אָבער נאָך אַליין געווען איבערגעשראָקן, מורא געהאַט אַליין נישט צו ווערן איינגעזעצט, ווייל נאָגטיעוו האָט אים אויך געזאָגט, אַז קענען אים אַליין איז אויך פאַראַן אַ גרויסער באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל. רויזנשמיד האָט שוין געזעען פאַר די אויגן דעם לאַגער פון וועלכן ער איז באַפרייט געוואָרן ערשט מיט צוויי יאָר צוריק.

עס האָט זיך אויפגעשטעלט די פאַרטיידיקערין, זי פרעגט דעם עדות:

— צי איז מעגלעך אַז דער באַשולדיקטער, וועלכער איז אַן אינטעליגענטער מענטש, זאָל אין דער עפנטלעכקייט, אויף אַ בריקל פאַרן אַרטעל, ווו ס'גייען כסדר מענטשן אַהין און צוריק, פירן מיט אייך קאָנטררעוואָלוציאָנערע געשפּרעכן?! ער האָט דאָך געוויסט וואָסער שטראָף עס דערוואַרט ביי אונז אַ בירגער פאַר רעדן קעגן דער ראַטנמאַכט! צי האָט ער דען געשעפּטשעט אייך אויפן אויער, אָדער גערעדט נאָרמאַל?

— ניין, ער האָט נישט געשעפּטשעט, גערעדט נאָרמאַל.

— טאָ פאַרשטייט איך נישט! דאַרף דאָך דער באַשולדיקטער האָבן געווען אַ תם, אַן אידיאָט! און דאָס זעען מיר דאָך און הערן פון זיין לעבנסגעשיכטע, אַז ער איז דאָס נישט. איר, בירגער רויזנשמיד, דאַרפט זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן חשבון! איר

זענט דער איינציקער עדות קעגן דעם באַשולדיקטן און אייערע ווערטער קאָנען דע־צידירן וועגן זיין לעבן! איר פאַרשטייט אייער אחריות? ! איר מוזט זאָגן דעם גאַנצן אמת! פּאַרוואָס זאָגט איר איצט אַנדערש ווי מיט צען מינוט צוריק און פּלאָנ־טערט זיך אין אייערע אייגענע דערקלערונגען? וועלכע ווערטער אייערע זיינען די ריכטיקע? די וואָס איר האָט אַרויסגעזאָגט מיט צען מינוט צוריק, אָדער אַצינד? די ווערטער, וועלכע איר האָט געזאָגט אויף דער ערשטער קאָנפראָנטאַציע, אָדער אויף דער צווייטער? דאָס סאָוויעטישע געריכט פאָדערט נאָר דעם אמת! יעדער עדות דאַרף זאָגן נאָר דאָס, וואָס ער ווייסט, נאָר דאָס, וואָס איז אמת!

עס שטעלט זיך אויף דער בייזיצער, דער פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי און פרעגט מיך:

— איר קענט דעם דאָקטער כאָמעט?

— יאָ.

— איר זענט ביידע געווען אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין דער שווייץ אין יאָר 1939 און ביידע געפינט איר זיך איצט אין סאַמאַרקאַנד! צי זענט איר נישט דאָ אַהערגעקומען מיט אַ באַשטימטן ציל, כדי צו גרינדן דאָ אַ געהיימע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע? צי איז דען אַ צופאַל וואָס איר ביידע האָט זיך דאָ אָפּט געטראָפן צווישן זיך און געשמועסט? צי איז דען אַ צופאַל, וואָס איר האָט פאַרמיטלט ביים פאַרקויפן אַ שינעל און צוגעהאָלפן דערצו, אַז אַ געוויסער אָסקאַר, אַ שונא פון דער ראַטנמאַכט, זאָל זיך קאָנען אויסבאַהאַלטן פון די הענט פון די סאָוויעטישע געזעל־שאַפטס־אָרגאַנען?

איך האָב אָפּגעענטפערט:

— דאָס טרעפן זיך מיט דאָקטער כאָמעט איז געווען אַ צופאַל, איך האָב אים ערשט באַקענט דאָ, אין סאַמאַרקאַנד. וועגן דעם שינעל האָב איך נישט געוווסט פאַר וועמען דאָס גייט. מיין חבר שמאַיעוויטש האָט געהאַט אַן אַלטן שינעל פון וועלכן ער האָט געוואָלט פּטור ווערן, אים פאַרקויפן, האָב איך אים דערין צוגעהאָלפן.

דער בייזיצער זעצט זיך אַוועק. ער איז צופרידן וואָס ער האָט געשטעלט אַזעלכע ערנסטע, פּאָליטישע פראַגן. ער האָט שוין דערמיט זיין פּאַרטייאישן חוב דערפילט.

די פּאַרטיידיקערין נעמט זיך ווייטער צום עדות רויזנשמיד. ער דרייט איצט מיט דער צונג נאָך מער ווי פריער. ער וואָלט וועלן שוין זאָגן גוטס וועגן מיר, ער מוז עס אָבער מאַכן שטופנווייז. ער באַשטעטיקט נאָכאַמאָל אַז נאָגטיעוו האָט אים געדראָט מיט דערלאַנגען אין מאָרדע. ער זאָגט שוין, אַז איך האָב נישט גערעדט קיין שלעכטס קעגן דער ראַטנמאַכט, נאָר קעגן די ביוראָקראַטישע אינסטיטוציעס, קעגן אירע איינצלנע באַאַמטע. אַז איך האָב זיך געקלאָגט אויף מיינע חברים ביי דער אַרבעט, אַז זיי זיינען נאָכנישט סאָציאַליסטיש איבערדערצויגן, אַז איך האָב זיך געקלאָגט אויף דעם קליינעם לוין, וואָס איך האָב באַקומען אויסגעצאָלט ערשט נאָך דריי חדשים און געקאָנט דערפאַר קויפן קוים צוויי קילאָ קאַרטאָפל.

די אַלע זיינע איצטיקע דערקלערונגען האָב איך דאָ, אויף די געריכטס־פאַרהאַנ־דלונגען, אים סוגערירט, דערמאָנט, און ער האָט עס שוין גענומען ביסלעכווייז באַ־שטעטיקן.

האָט אים דער פּראָקוראָר געדראָט צו באַשטראָפן לויט די פּאַראַגראַפן 224 —225, פאַר אָפּגעבן פאַלשע עדות־דערקלערונגען. מען וועט נאָר דאַרפן פעסט־

שטעלן ווען ער האָט געזאָגט ליגן, אויף דער ערשטער קאָנפראָנטאַציע צי אויף דער צווייטער.

האָט זיך רויזנשמיד ווידער דערשראָקן. טרערן זיינען אים געקומען אין די אויגן. ווידער גענומען פלאָנטערן, ביז די פּאַרטיידיקערין האָט פאָרגעשלאָגן נישט נעמען צו קענטעניש זיינע אַלע דערקלערונגען.

די געשריבענע עדות־דערקלערונגען פון משה לויפגאַס, האָט ער נאָך אַליין זיי אָפּגערופן בעת זיין פּראָצעס. די געשריבענע עדות־דערקלערונגען פונם אָרטעל־בריגאַ־דיר טשאַיעווסקי, שלאָגט פאָר די פּאַרטיידיקערין, זאָלן אויך נישט גענומען ווערן אין באַטראַכט, ווייל ער איז שוין נישטאָ אין סאַמאַרקאַנד און מען קען נישט פעסט־שטעלן זייער וואַרהאַפטיקייט. ליגט זי דעריבער פאָר אָפּצולייגן דעם פּראָצעס. עס שטעלט זיך אויף דער פּראָקוראָר און רופט אויס פייערלעך:

— און איך גיי נאָך ווייטער ווי די חברטע פּאַרטיידיקערין! איך לייג פאָר, אַז מען זאָל דעם פּראָצעס אינגאַנצן ליקווידירן און פאַראָרדנען אַ גאַנץ נייע אויספאָר־שונג.

איך האָב געזעען ווי ביי דער סעקרעטאַרין זיינען ווידער פול געוואָרן די אויגן מיט טרערן — פון פרייד. זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן און געקוקט אויף מיר מיט אַ סך מיטלייד און גוטהאַרציקייט.

פאַרן צוריקפירן מיך אין תפיסה אַריין, האָט די פּאַרטיידיקערין צו מיר געזאָגט גאַנץ שטיל:

— עס קאָן זיין, אַז מען וועט אייך איצט נאָך מער שלאָגן ווי פריער, נאָר האַלט זיך ווי אַ מאַן! עס האַנדלט זיך אין אייער לעבן! שרייבט גאָרנישט אונטער, ביז איר וועט נישט געבן אַלץ דורכלעזן. עס איז אַלץ געווענדט אין אייך. איר מוזט אויס־האַלטן!

איך האָב געדאַנקט דעם אַלהעכסטן פאַר דעם אויסגאַנג פונם משפּט.

עס איז היינט שבת, דעם 27־טן מאַי.

איצט מוז איך נאָך בעטן דעם גורל, אַז ער זאָל מיר געבן כוח אויסצוהאַלטן די נייע קלעפּ, וואָס קאָנען קומען צוזאַמען מיט דער נייער אויספאָרשונג.

מען פירט מיך צוריק אין טורמע אַריין.

אויף דער גאַס איז אַ הייסער ווינט, די ביימער בויגן נידריק זייערע קעפּ פאַרן ווינט און ער צעקעמט זיי זייערע צווייגן און בלעטער.

מיין פאַרפּלאָמט פּנים קילט זיך אָפּ, איך גיי מיט אַ זיכערערן טריט, איך מוז זיך אויפסניי אָננעמען מיט כחות, זיך האַלטן נאָך פעסטער ווי פריער און איבערהאַלטן!

פאַרן לעצטן אַקט

קאַפּיטל א

די היץ אין קאַמער איז אומדערטרעגלעך. דער יונגער אוזבעק איבראַגימאָף האָט באַקאַנטשאַפט מיט אַ טורמע־וועכטער. ביינאַכט עפנט ער אויף די טיר פון דער קאַמער אויף פופצן מינוט און מיר קאָנען אַביסל אָטעמען. דער וועכטער טוט נאָר אַבטונג צי עס קומט נישט אָן ווער פון דער העכערער נאַטשאַלסטווע. ער לאָזט אונז אַפילו גיין אין קלאָזעט אַריין, עפענען דאָרט דעם וואַסער־קראַן און זיך אויסבאָדן.

קיין עסן לאָזט מען מיר ווידער נישט צו. עס האַלט מיך אונטער מיט עסן איבראַגימאָף. אים ברענגט מען יעדן טאָג און ער טיילט זיך מיט מיר. ער איז פאַרהעלטנישמעסיק, אַן אינטעליגענטער פאַרשוין. ער דערציילט מיר אַ סך וועגן דער אַלטער און נייער אוזבעקישער ליטעראַטור. ער זינגט די לידער פון דעם אוזבעקישן פּאָעט טשולפּאַן (דער וויינענדיקער), וואָס איז אָין יאָר 1937 דערשאָסן געוואָרן. כאָטש ער איז אַ פּרומער, איבראַגימאָף, דאַוונט עטלעכע שעה אין טאָג, האָט ער אָבער אַ סך צו דערציילן וועגן זיינע ליבע־אַוואַנטורעס.

איבראַגימאָף גלייבט אין כישוף. ער דערציילט מיר, אַז אין לאַגער, ווו ער האָט אַלס אַרעסטאַנט געאַרבעט אין קאַנטאָר, האָט ער זיך איינגעליבט אין אַ רוסיש מיידל, זי האָט דאָרט געאַרבעט אַלס פריי־געדונגענע. דאָס מיידל האָט אים נישט אָפּגעענטפערט אויף זיין ליבע, אים אויפגענומען קאַלט. זיין היים אוזבעקיש בלוט האָט זיך געקאָכט. ער האָט געמיינט אַז ער וועט אַראָפּ פון זינען. האָט ער זיך געווענדעט צו אַן אַלטן אַרעסטאַנט, אַן אוזבעקישער מוללאַ, און אים פאַרטרויט זיין קלעמעניש. ער האָט דעם מוללאַ אַרויסגעהאָלפן מיט ברויט. האָט דער אַלטער אוזבעק אָפּגעזאָגט פאַר אים אַ תפילה, עפּעס אַ כישוף־שפּרוך און אים צוגעזאָגט, אַז שוין היינט וועט ווערן געבראָכן דאָס האַרץ פון דער געליבטער. און כך הווה. דעם זעלבן טאָג האָט זי זיך געביטן נישט צום דערקענען און אָנגעהויבן אים היים צו ליבן.

איבראַגימאָף איז אַ שטימונגס־מענטש. ער פאַרגעטערט זיין אוזבעקיש פאָלק, די אוזבעקישע ערד, די לידער, מאָראַל, מנהגים. זיין פּאָטער איז פרום, אָבער דאָך אַ וועלט־מענטש, שוין מיט העכער דרייסיק יאָר צוריק געווען אין אייראָפּע, געווען אין לאָדזש איינקויפן מאַנופאַקטור, געווען צו־גאַסט ביי זיינס אַ ברודער אין אַמעריקע.

אין די ערשטע יאָרן ראַטנמאַכט, איז זיין פּאָטער געווען נאַטשאַלניק פון דער היגער מיליץ. ער אַליין, ענווער מאַכמודאַוויטש איבראַגימאָף, האָט געענדיקט אַ מיטלשולע, דערנאָך געאַרבעט אַלס געהילף־דירעקטאָר פון דער שטאָטישער ווירטשאַפט־אָפּטיילונג. דאָרט האָט מען אים טאַקע אַרעסטירט. ער ווערט באַשולדיקט אין גרויסע געלט־מיסברויכן. עס האָט אים געמסרט זיינס אַ געליבטע, אַ טאָטערין, מיט וועלכער ער איז זיך געהאַט צעגאַנגען. ער זיצט שוין דריי יאָר, שוין באַדאַרפט באַפרייט ווערן, האָט מען איצט אויסגעפונען, אַז ער דאַ־ף האָבן נאָכאַמאָל אַ פּראָצעס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס האָט געפעלט מער געלט ווי מען האָט

לכתחילה פעסטגעשטעלט. פאַלט ער שוין אַצינד אַרונטער אונטער אַן אַנדערן פּאַראַגראַף, וואָס זעט פאָר אַ שטראָף ביז צען יאָר.

זיין פאָטער, וועלכער איז גוט באַקאַנט מיט דער שטאָטישער נאַטשאַלסטווע, יאָגט זיך גאָרנישט צו באַמיען אַז מען זאָל זיין זון באַפרייען. די סיבה דערפון איז אַ פשוטע: עס איז מלחמה־צייט. ווערט זיין זון באַפרייט, שיקט מען אים גלייך אויפן פראָנט. איז בעסער זאָל ער זיצן דאָ אין קאַמער. יעדן טאָג שיקט מען אים צו עסן, זאָל ער זיך בעסער קווילן און דער תפיסה איידער פאַלן אויפן שלאַכטפעלד.

איבראַגימאָף וויסט צו דערציילן אַ סך פאַקטן וועגן טורמע־לעבן, וועגן עקזעקוציעס, דערשיסונגען. זיין פאָטער איז דאָך געווען עטלעכע יאָר מיליץ־נאַטשאַלניק. ער דערציילט מיר אַ פאַל, וואָס ער באַטיטלט מיטן נאָמען:

„צוליב אַ האַלבן פּאַפּיראָס"

אַ יונגע, טאַדזשיקישע פרוי, וועלכע האָט פאַרנומען אַ הויכן פּאָסטן, איז אין יאָר 1927 פאַראורטיילט געוואָרן, צוליב מיסברויכן מיט אַ גרעסערער געלט־סומע, צום דערשיסן.

פאַרן פירן זי צו דער עקזעקוציע, האָט מען זי געפרעגט וואָס זי ווינטשט זיך. זי בעט מען זאָל איר געבן טינט און פעדער, אַ בייגעלע פּאַפּיר און אַ קאָנווערט, זי וויל עפּעס אויפשרייבן. נאָר עפנענדיק דעם בריוו זאָל מען ערשט נאָכן אויספירן איבער איר דעם טויט־אורטייל.

אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ זיינען בייגעווען דער פּראָקוראָר, אַ דאָקטער און אַ סעקציע זעלנער, אורטייל־אויספירער. זי האָט געבעטן אין דער לעצטער מינוט איר געבן צום פאַרויכערן אַ פּאַפּיראָס. זי האָט פאַרויכערט. אַלע אַרום איר זיינען געשטאַנען אויפגערעגטע. זי איז אַ בילד־שיינע פרוי, אַן אינטעליגענטע, באַגאַבטע, פאַרפאַסט אַליין וווּנדערלעכע געדיכטן. די עקזעקוטאָרן זיינען אויפגערעגט, ווייל זיי פילן זיך אומבאַקוועם. די פרוי האָט זיך געהאַלטן אַזוי מונטער און דרייסט, אַז אַלע האָבן צו איר געפילט סימפּאַטיע. און אפשר האָבן זיי זיך אויפגערעגט, ווייל עס איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט? זיי ווערן געפרוירן, זי רויכערט נאָך אַלץ דעם פּאַפּיראָס און זיי שטייען און וואַרטן. זי האָט דאָס באַמערקט:

— נו, קינדער, איך זע, אַז איר אומגעדולדיקט זיך, וועל איך שוין מיין גאַנצן פּאַפּיראָס נישט אויסרויכערן!

זי האָט אַוועקגעוואָרפן דעם האַלבן פּאַפּיראָס, צעטרעטן מיטן פוס און אויסגערופן:

— נו, קינדער, איך בין גרייט, טוט אייער פליכט, פירט אויס אייער באַפעל!

און זיי האָבן דעם באַפעל אויסגעפירט.

אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט דאָס שאַלן פון אַ טרומייט. עס איז געקומען אָנצופליען רייטנדיק אַ שליח מיט אַן עקסטרע באַפעל:

„די עקזעקוציע נישט אויספירן! זי ווערט באַגנעדיקט, זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומשולדיק!"

מען האָט געעפנט איר פאַרמאַכטן בריוו. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי

איז שוואַנגער, שוין אין די הויכע חדשים. מען האָט בכלל נישט געטאָרט אויספירן איבער איר קיין טויט־אורטייל ביז נאָכן געלעגן ווערן.

אין דעם בריוו שרייבט זי, אַז זי האָט נישט געמאָלדן דער טורמע־מאַכט וועגן איר שוואַנגערשאַפט, ווייל זי איז דאָך נישט קיין פאַרהייראַטע פרוי, וואָלט זי דאָך באַדאַרפט אָנגעבן דעם נאָמען פון איר געליבטן און דאָס האָט זי נישט געוואָלט, ווייל יענער האָט אַ פרוי. זי האָט אים נישט געוואָלט פאַרשעמען. זי האָט אים דאָך אַזוי ליב.

די עקזעקוטאָרן זיינען אַהיימגעגאַנגען דערשלאָגענע, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און געמורמלט:

— צוליב אַ האַלבן פּאַפּיראָס! ווען זי וואָלט זיך נישט געאיילט און אויסגע־רויכערט נאָך דעם אַנדערן האַלבן פּאַפּיראָס, וואָלט זי געבליבן ביים לעבן!

קאַפּיטל ב

דער טורמע־וועכטער האָט אונז בסוד דערציילט אַלע מלחמה־נייעסן. מיך האָט אינטערעסירט צו וויסן צי מען האָט שוין אָפּגענומען די שטעט באַראַנאָ־וויטש און סלאָנים. ניין, מען האָט ערשט אָפּגענומען כערסאָן און אָדעס. אָבער פּאַרדאָם איז געעפנט געוואָרן דער צווייטער פראָנט פון די אַליאַנטן! דאָס איז אַ פריילעכע ידיעה! אַלע אַרעסטאַנטן האָפן דאָך דערויף, אַז ווען עס וועט זיך ענדיקן די מלחמה, וועט מען זיי אַלע באַפרייען, עווענטועל פאַרקלענערן די שטראָף.

איך האָב באַשלאָסן מיטצוטיילן לויפגאַסן די ידיעה. איך האָב דורכגעלעכערט אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ שפּילקע און צונויפגעשטעלט אותיות, אין דער אוזבעקי־שער שפּראַך:

„געעפנט דעם צווייטן פראָנט. גרויס דערפאָלג. די מלחמה דערנענטערט זיך צו איר סוף".

דאָס צעטעלע האָב איך געלאָזן אין קלאָזעט, אין אַ רער. יעדער אַרעסטאַנט פלעגט דאָרט זוכן און געפונען „גריפּסן" (תפיסה־בריוועלעך). משה לויפגאַס האָט אוודאי מיין צעטעלע דערהאַלטן. ער האָט געוואַגט נאָך מער פון מיר און גייענדיק אויף שפּאַציר אין הויף, האָט ער אַריינגעוואָרפן דורך די קראַטן אין אונזער קאַ־מער אַ קליין שטיקל טיכעלע, באַשריבן מיט אַן אויסגעברענט שוועבעלע.

אין דעם בריוועלע האָט זיך שוין געהאַנדלט וועגן אַ קאָנקרעטן ענין. אויף אים איז געווען אָנגעגעבן, אַז ער איז פאַר דער מלחמה געווען אַמאָל אויף „הכשרה" אין אַ קיבוץ פון „השומר הצעיר" אין סלאָנים. ביים פאַרהערן מיך וועגן לויפגאַסן, האָב איך געזאָגט, אַז דער קיבוץ אין סלאָנים איז געווען אַ סקויטן־לאַגער, ווו די יוגנט האָט זיך געלערנט פיזישע מלאכות, כדי זיך צוצוגעוווינען צו שווערער אַר־בעט. האָט נאָגטיעוו מיך געפרעגט צי די אַלע יונגעלייט פון דעם קיבוץ זיינען נאָכ־דעם אַוועקגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע? ניין, האָב איך געזאָגט, ווער עס האָט גע־וואָלט, דער איז געפאָרן קיין פּאַלעסטינע.

ביי לויפגאַסן האָט זיך אוודאי שוין אויפסניי אָנגעהויבן די אויספאָרשונג און מען פרעגט אים אויס וועגן דער „הכשרה" אין סלאָנים. ער האָט אוודאי איינ־

גאנצן געלייקנט, אַז ער איז דאָרט אַמאָל געווען. ביי דער נקווד איז געווען די מיי־נונג, אַז די אַלע, וועלכע פאָרן קיין פּאַלעסטינע, איז נאָר דערויף, כדי פון דאָרט אויס איבערצופאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד. ציוניסטן ווערן פאַרעכנט פאַר ענגלישע אַגענטן און שפּיאָנען. בעט מיך לויפּגאַס, אַז טאָמער וועט מען מיך פרעגן וועגן דעם קיבוץ אין סלאָנים, זאָל איך זאָגן, אַז עס איז געווען זיינס אַ יונגערער ברו־דער, נישט ער.

איך האָב באַוווּנדערט די דרייסטקייט פון לויפּגאַסן, ווי אַזוי ער האָט גע־וואַגט, גייענדיק אויף שפּאַציר אין הויף, די הענט אויף אַרונטער, און ס'טוט דאָך אַכטונג דער דיזשורני, מיר אַריינצוּוואַרפן אַ „גריפּס" דורך די קראַטן.

**
*

מיך האָט מען נאָך אַלץ נישט גערופן צו דער נייער אויספאָרשונג.

אין טורמע האָט מען אַריינגעבראַכט אַ פרישן אַרעסטאַנט, אַן אַרטיסט פון דער כאַרקאָווער אָפּערעטן־טרופּע. ער ווערט באַשולדיקט דערין, אַז ער האָט אין היגן פּאַרק, זייענדיק שיכור, געשריגן אויף אַ קול:

— „בעי זשידאָוו, ספּאַסיי ראָסיו!" (שלאָג יידן, ראַטעווע רוסלאַנד) .

דער אַרטיסט איז געווען אין כאַרקאָוו בעת דער דייטשער אָקופּאַציע. ער האָט דאָרט געשפּילט טעאַטער און אַפילו געווען אַן אָנפירער. ווען די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט כאַרקאָוו, איז זייער טרופּע אַרויסגעפאָרן אויף אַ טורנע איבערן לאַנד און געקומען אויך קיין סאַמאַרקאַנד.

ער וויל מיר דערווייזן און איבערצייגן, אַז ער איז נישט קיין אַנטיסעמיט. דער בעסטער סימן: ער האָט שוין געהאַט צוויי יידישע פרויען. איינע פון זיינע געווע־זענע פרויען האָט ער אַפילו געראַטעוועט בעת די דייטשן זיינען געווען אין כאַרקאָוו. ער האָט זי אויסבאַהאַלטן.

זיין איצטיקע פרוי איז אַן אוקראַאינערין. ער איז אַ היסטערישער אינטעלי־גענט, האָט מורא אַז ער וועט זיך פאַרקילן אין דער קאַמער, כאָטש מען שטיקט זיך דאָ פון היץ. ער טראָגט אויפן האַלז אַ וואָלענעם שאַל, נישט צו פאַרקילן זיין שטי־מע. ער איז אויך, זאָגט ער, אַ מחבר פון אייניקע פּיעסן.

די פרוי שיקט אים יעדן טאָג אַריין עסן. ער האָט אויך אַריינבאַקומען אַ האַלבן קויש קאַרשן. די קערעלעך רייבט ער אין דיל, מאַכט אויס לעכלעך און ציט זיי אַרויף אויף אַ שטריקל. ער וועט עס, זאָגט ער, שענקען אַ מתנה זיין פרוי. ווען מען וועט אים פירן צום געריכט, וועט ער איר איבערגעבן דאָס שנורל קרעלן פון די קאַרשן־קערעלעך.

דער וואָס האָט געהייסן שלאָגן יידן און ראַטעווען רוסלאַנד, איז אַן אומ־באַהאָלפענער און צעקראָכענער שלימזל. ווען מיר דאַרפן פייער צום פּאַפּיראָס און מיר רייבן אויפן דיל אַ קנויטעלע וואַטע, רייבן עס מיטן דעקל פון דער „פּאַ־ראַשע" (נאַכט־עמער) ביז עס גליט זיך אָן און הייבט אָן צו טליען — ליגט ער פונווייטנס, באַוווּנדערט אונזער אויפטו. אָבער ער האָט עס נאָך קיין איין מאָל נישט געטאָן. נעמט ער נאָר דאָס פּאַראַשע־ברעטל און גיט די ערשטע פּאָר רייב, כאַפּט ער זיך באַלד פאַרן האַרץ. ער איז שוואַך, ער קאָן נישט, ער וועט זיך נאָך דער־שוויצן און צוקילן.

איינמאָל פרעגט ער ביי מיר אַן עצה:

אַזוי ווי טראָצקי, קאַמיעניעוו, זינאָוויעוו, ראַדעק, גאַמאַרניק זיינען אַלע גע־וועזן יידן, און זיי האָבן זיך דאָך אַרויסגעוויזן פאַר פּאַטערלאַנד־פאַררעטער, געוואָלט אָפּרייסן שטיקער טעריטאָריע פון רוסלאַנד לטובת דייטשלאַנד און יאַפּאַן — האָט ער טאַקע געמיינט מיט זיין אויסגעשריי „שלאָג יידן, ראַטעווע רוסלאַנד" — אַט טאַקע די אַלע יידישע פאַררעטער.

ער פרעגט מיך, צי עס איז אַ גוטער איינפאַל. איך פיל אויס מיין אָרעסטאַנ־טישן סאָלידאַריטעט־חוב און שטים מיט אים איין, אַז עס איז טאַקע אַ גוטער איינפאַל...

קאַפּיטל ג

אַ קראַנקן־שוועסטער מאַכט אונז איינשפּריצונגען קעגן בויך־טיפוס. אויפן צווייטן טאָג באַקום איך גרויסע היץ.

נאָגטיעוו רופט מיך נאָך אַלץ נישט אַרויף. קיין עסן לאָזט ער מיר נאָך אַלץ נישט צו. עס שפּייזט מיך איבראַגימאָף. דאָס ערשטע טורמע־עסן ברענגט מען שוין לעצטנס ערשט שפּעט נאָכמיטאָג. פינף—זעקס פאַרנאַכט.

פון דער שכנותדיקער פרויען־קאַמער הערט מען געשרייען און זיפצן. זיי פאַ־דערן דעם דאָקטער, זיי ווילן אין שפּיטאָל אַריין, זיי זיינען קראַנק, זיי האַקן אין די טירן, שרייען און רופן:

— דעם דאָקטער! אין שפּיטאָל אַריין! מיר שטאַרבן!

איבראַגימאָף האָט זיי איבערגעשיקט דורך זיין באַקאַנטן דיזשורני עטלעכע שטיקלעך ברויט.

דער אַרטיסט האָט שוין געהאַט זיין משפּט, פאַראורטיילט געוואָרן אויף זעקס יאָר. ביים צוריקקומען פון געריכט, האָט אים דער וועכטער געפרעגט אויף וויפל ער איז פאַרמשפּט געוואָרן. דערהערנדיק אַז אויף זעקס יאָר, האָט ער צו זיך גע־זאָגט:

— ני כ... פאַר גאָרנישט, פאַר באַליידיקן יידן — זעקס יאָר!

ביינאַכט האָט מען מיך אַרויפגערופן. נישט אַריינגעפירט אין קאַבינעט נומער 42, צו נאָגטיעוון, נאָר אין אַן אַנדער צימער, צום הויפּט־נאַטשאַלניק פון דער נקווד אַליין! איך בין ביי אים דאָס ערשטע מאָל, נאָך ביז איצט אים נישט געזעען.

עס איז אַ ריזיקער קאַבינעט, קאָמפאָרטאַבל אויסגעשטאַט. דער נאַטשאַלניק איז אין אַ ווייס־זיידענעם אַנצוג. ער זיצט אָנגעלענט אין אַ גרויסן, לעדערנעם פאָטעל.

ער רעדט רוסיש מיט אַן אויסלענדישן אַקצענט. ער פאַרהאַלט זיך קאָרעקט און העפלעך:

— פאַרוואָס, איך בעט אייך, איז אייער יידישע אינטעליגענץ פון פוילן אַזוי ווידערשפּעניק צו אונזער ראַטנמאַכט? עס איז דאָך פאַר קיינעם נישט קיין סוד, אַז די „פּוילישע" באַרעדן אונז ביי יעדער געלעגנהייט. עס געפעלט זיי נישט אונ־זער רעזשים. אין פּוילן האָבן זיי טאַקע בעסער געלעבט, אָבער וואָס האָבן זיי פאַר אַ טענות? מיר האָבן דאָך אייך געראַטעוועט אייערע לעבנס! מיר נעמען אייך

אויך נישט אויף די פראָנטן, איר זיצט אין הינטערלאַנד, מיר דערלויבן אייך צו באַקומען פּאַקעטן פון אויסלאַנד, אייך אַלעמען לעבט זיך נישט ערגער ווי אונ־זערע בירגער, אפשר נאָך בעסער! טאָ פאַרוואָס פלוידערט איר כסדר אין אַלע אייערע שמועסן צווישן זיך וועגן אונזער רעזשים, העצט אונטער איינער דעם אַנ־דערן און שטעקט אָן מיט אומצופרידנקייט? עס איז דאָך מלחמה־צייט! מיר קאָנען אייך נישט געבן מער ווי דאָס וואָס מיר האָבן. דעם רעזשים וועלן מיר אויך צוליב אייך נישט ענדערן! קאָנטררעוואָלוציאָנערע שטימונגען, אפילו פּשוטע פלוידעריי (באָלטאָוויניא)) מוזן מיר שטרענג באַקעמפן, אויסרייסן מיטן וואָרצל. מיר טוען עס מיט אַזעלכע מיטלען, וועלכע מיר באַנוצן שוין זינט זיבנאונצוואַנציק יאָר, זינט אונזער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

ער פרעגט מיך אויס איייניקע פּרטים, וועלכע זיינען שוין אַ סך מאָל גע־פרעגט געוואָרן בעת די פריערדיקע אויספאַרשונגען. איך ענטפער אים אָפן, קלער אים אויף. איך בין זייער איבערגענומען און גערירט מיט זיין סאָלידן, ערנסטן און מענטשלעכן טאָן. איך גיב אים צו פאַרשטיין, אַז נישט אין אַזעלכע ווי מיר דאַרף ער זוכן די שונאים. אַז די יידישע אינטעליגענץ פון פּוילן קלאָגט זיך אפשר אויף איר מאַטעריעלן מצב, אָבער אַלע ווונטשן זיי גוטס דער רויטער אַרמיי, דער סאָוויעטישער מלוכה, ווייל זי האָט געראַטעוועט אונזערע לעבנס.

ער קלינגט אָן און עס קומט אַריין נאַטשיעוו. מיר גיט אַ זעץ אין האַרץ. ער גייט מיטן קאָפּ געבויגן. דער קאָפּ איז ביי אים גלאַט אָפּראַזירט און זעט אויס ווי אַ טויטן־שאַרבן. ער איז איינגעלייגט און קוקט נישט אויף מיר. דער נאַטשאַלניק נעמט ביי אים מיינע אַקטן, קוקט דורך, פרעגט מיך ווידער אויס. נאַטשיעוון שיקט ער צוריק אַרויס.

דער נאַטשאַלניק מעלדעט מיר, אַז דער פּאָליטישער פּאַראַגראַף 66 ווערט ביי מיר אָראָפּגענומען. איך וועל אָבער אָפּזיצן דעם אַלטן אורטייל פון דריי יאָר, פאַר אַנטלויפן פון פאַרשיקונג אין יאָר 1940. דעמאָלט בין איך נאָר אָפּגעזעסן ניין מאָנאַטן. די אַמנעסטיע איז מיר געוואָרן צוריקגעצויגן. איך דאַרף אָפּזיצן צוויי מיט אַ פערטל יאָר.

איך בין איבעראַשט פון דער גוטער בשורה! דער פּאַראַגראַף 66 ווערט ביי מיר אַראָפּגענומען! דאָס האַרץ קלאַפּט פון פרייד.

איך האָב אַרויסגעפילט, אַז ער וויל אַז איך זאָל אים בעטן וועגן שענקען מיר דעם אַלטן אורטייל. אַזאַ פאַל, ווי איך האָב שוין געוווּסט פון אַרעסטאַנטן און טורמע־וועכטער, באַשליסט די אָרטיקע נקוּוד אַליין. זי קאָן ליקווידירן דעם אַלטן אורטייל.

אָבער עס איז געווען פאַר מיר שוין אַ גרויסע פרייד צו הערן, אַז איך ווער אויס פּאָליטישער אַרעסטאַנט. ווען איך וועל בעטן מיר שענקען די רעשט שטראָף, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס וועט באַלד קומען אַ קעגן־פּראָפּאָזיציע, ער וועט מיר פאָרלייגן מיט זיי מיטצואַרבעטן...

דערווייל האָב איך געוווּנען דאָס גרויסע געווינס און בין פול מיט פרייד און גליק.

אויפן אַנדערן טאָג בין איך געוואָר געוואָרן, אַז משה ליפגאָס איז אינגאַנצן באַפרייט געוואָרן!

קאַפּיטל ד

מען האָט געהרגעט דעם סעקרעטאַר פון ראַיקאָם. איינער פון די פאַרדעכ־טיקע אין דעם מאָרד, דער אוזבעק קורבאַנאָף, זיצט אין אונזער קאַמער. ער איז געווען דירעקטאָר פון שטאַטישן באַזאַר. דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם האָט אים אַראָפּגענומען פון דעם אַמט און פאַרטוישט מיט אַ צווייטן. איז פאַראַן אַ חשד אַז דאָס האָט טאַקע ער, קורבאַנאָף, אים דערשאָסן ביינאַכט אויפן גאַס.

קורבאַנאָף האָט געלאָזן אינדערהיים אַ ווייב מיט זיבן קינדער. אָבער וועגן זיי זאָרגט ער זיך נישט אַזויפיל, ווי וועגן די פּאָר זעקלעך מעל און עטלעכע גאָל־דענע חפצים, וואָס זיינען געבליבן באַהאַלטן אין שטוב. די נקווד וועט זיכער דורכפירן אַ רעוויזיע אין זיין הויז און די אַלע זאַכן אויסגעפונען.

ווען מען האָט מיך דעם 27־טן מאַי געהאַט צוריקגעפירט פון געריכט, האָט איינער פון די זעלנער־באַגלייטער, אַן אוזבעק, מיך שטיל געפרעגט צי עס זיצט נישט אַמאָל אין אונזער קאַמער איינער קורבאַנאָף. ווען איך האָב אים געזאָגט אַז יאָ, האָט ער מיך געבעטן אים זאָגן, אַז זיין ווייב און קינדער לאָזן אים גרוסן, אַז ביי אים אינדערהיים איז אַלץ אין בעסטן אָרדנונג, אַלע זאַכן אויפגערוימט. ער מעג זיין פולקאָם רואיק. דער זעלנער איז אַן איינגייער אין קורבאַנאָפס שטוב, אַ היימישער.

איך האָב קורבאַנאָפן איבערגעגעבן דעמאָלט דעם גרוס און דערציילט אים אַלץ וואָס דער זעלנער האָט מיר געזאָגט. איך האָב נאָר פאַרגעסן דעם זעלנערס נאָמען, האָב איך קורבאַנאָפן בלויז אויסגעמשלט ווי אַזוי ער זעט אויס.

ער איז געווען דערפון שטאַרק צופרידן און מיר זייער געדאַנקט. אין אַ צייט אַרום האָט דער טורמע־נאַטשאַלניק מיך אַרויסגערופן אונטערצושרייבן אַ באַשטעטיקונג פאַר רויזקען, אַז מען זאָל איר איבערגעבן אַ פּעקל, וואָס איז פאַר מיר אָנגעקומען פון ארץ־ישראל. ווען איך בין צוריקגעקומען אין קאַמער אַריין, האָבן ביידע אַרעסטאַנטן, קורבאַנאָף און איבראַגימאָף, עפּעס מאָדנע פאַרעקשנט גע־שוויגן. איך האָב זיי געזאָגט וועגן וואָס מען האָט מיך אַרויסגערופן, זיי האָבן אָבער נישט אָפּגעענטפערט. ערשט שפּעטער האָט זיך קורבאַנאָף צו מיר אָפּגערופן:

— און איר מיינט, אַז מיר פאַרשטייען נישט אייערע ענינ? איר מיינט, אַז איר זענט קלוגער און כיטרער פון אַנדערע? נישקשה, איך קען זיך גוט אויף „דזשוגוטן" (יידן). איך האָב אַמאָל אין די יונגע יאָרן געאַרבעט ביי אַ בוכאַרער „דזשוגוט", האָב איך אים פאַר כעס אַלע הינער דערשטיקט אין איין נאַכט. איך קאָן דערשטיקן נישט נאָר הינער! אַז מען דאַרף קאָן איך דערשטיקן נאָך וועמען אויך, איר פאַרשטייט דאָך וועמען איך מיין!

איך בין אויסער זיך. וואָס איז עס פּלוצים געשען? פאַר וועמען נעמט ער מיך אָן? צי מיינט ער נישט אַמאָל אַז איך בין אַ „סטוקאַטש" („קלאַפּער", קאַמער־מסור)?

איך שריי אויף אים אָן, קלער אים אויף. עס העלפט נישט. ער פאַלט אַריין אין רוגזה. עס מישט זיך אויך אַריין איבראַגימאָף:

— חבר ג.! וואָס מיינט איר, אַז מיר זיינען קינדער? וואָס רופט אייך עפּעס פּלוצים אַרויס דער טורמע־נאַטשאַלניק? וועמען וועט איר איינרעדן, אַז אין דער נקווד קומען אָן פאַר אייך פּעקלעך פון פּאַלעסטינע און אַז מען רופט אייך

אַרויס צום אונטערשרייבן אַ פּולמאַכט? איך בין דאָך אַן אַלטער אַרעסטאַנט. איך קען זיך אויף די זאַכן!

און קורבאַנאָף האָט שוין נאָך אַ סימן:

— דער גרוס פון דעם זעלנער איז אויך געווען אַ פּאַרדעכטיקער! וואָרים פאַרוואָס געדענק איך נישט יענעמס נאָמען? און פונוואַנען ווייסט יענער וועגן זיינע זאַכן, וואָס ער האָט געלאָזן אינדערהיים? ער האָט דאָס פאַר אונז דערציילט אין קאַמער, אָבער פונוואַנען ווייסט עפּעס אַ סטרעלאָק פון דער נקודה, אַז ער, קורבאַנאָף, האָט אין שטוב זאַכן, וואָס מען דאַרף אויפּרוימען? ער האָט איבער־הויפּט נישט אַזאַ באַקאַנטן זעלנער. ער דערמאָנט זיך גאָרנישט אין אַזעלכן.

קורבאַנאָף האָט צו מיר נאָך אַ טענה:

— פאַרוואָס, אין די ערשטע טעג פון זיין דאָ אין דער קאַמער, ווען ער האָט זיך דעמאָלט געוואָלט צעפּלעטן דעם קאָפּ אין וואַנט, האָב איך אים דערפון אָפּ־געהאַלטן! פאַרוואָס? איך האָב אים נאָך אויסגעטאָן, באַגאָסן מיט וואַסער, גע־זעסן איבער אים און אַכטונג געגעבן, באַרואיקט, געטרייסט. וואָס בין איך דערמיט אויסן געווען? צי נישט אַמאָל דאָס, אַז ער זאָל בלייבן לעבן און מען זאָל אים ווייטער פּייניקן אין נקודה? צי נישט דערפאַר, ווייל איך האָב באַדאַרפט האָבן אַ קרבן צו פאַראַטן און פאַרקויפן? דערציילן אויבן אַלץ וואָס ער רעדט דאָ אין קאַמער?

אויף אַזאַ צרה האָב איך זיך נישט געריכט. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אַ טאָג נאָך אַ טאָג. עס האָט מיך פאַרפּייניקט. עס איז מיר ווידער נמאס געוואָרן דאָס לעבן. דאָס איז נישט קיין קלענערע מאָראַלישע פּיין ווי דעמאָלט, ווען איך בין געוואָר געוואָרן, אַז שמאַיעוויטש האָט מיך געמסרט.

איך זאָג קורבאַנאָפן:

— גיכער וואָלט איך זיך געלאָזן דערווערגן, איידער צו פאַראַטן אַ מענטש! איך שווער ביים לעבן פון מיינע נאָנטסטע, אַז דער זעלנער האָט מיר טאַקע דאָס אַלץ געזאָגט, וואָס איך האָב אייך דעמאָלט דערציילט און אַז דער נאַטשאַלניק פון טורמע האָט מיך טאַקע אַרויסגערופן אונטערצושרייבן אַ פּולמאַכט אויף אַ פּעקל פון פּאַלעסטינע. איך שווער אייך נאָכאַמאָל ביים לעבן פון מיינע נאָנטסטע און טייערסטע, אַז עס איז אַלץ אמת!

ער איז שוין גרייט מיר צו גלייבן, נאָר דאָ רופט זיך אָן איבראַגימאָף:

— איר שווערט ביים לעבן פון אייערע נאָנטע, ווייל איר ווייסט, אַז זיי לעבן שוין נישט, אַז דער דייטש האָט זיי שוין אויסגעהרגעט!

וואָס האָב איך אים געקאָנט דערויף ענטפערן?

קאַפּיטל ה

עס האָט מיך נאָכאַמאָל אַרויסגערופן נאַגטיעוו. זיינע שפּיזלדיקע אויגן און אויסגעשפּיצטער קין זאָגן גאָרנישט אָן קיין גוטס. אין זיין קאַבינעט זיצט נאָך עמיצער פון נאַטשאַלסטווע. ער טרעט גלייך צו צום ענין:

— פראָוואָקאַטאָר! איך האָב דיך געשלאָגן?

— יאָ!

— דאָס הייסט ביי דיר געשלאָגן? דו וואָרעם, לויז, זונהשער זון, טינופת, קאָנטררעוואָלוציאָנער, שפּיאָן! דאָס הייסט ביי דיר קלעפּ? ערשט איצט וועסטו דערפילן דעם ריכטיקן טעם! ערשט איצט וועסטו דערזען וואָס נאַגטיעוו קען! און דו האָסט אוודאי געמיינט, אַז מען וועט דיך איבערגעבן אויף אויספאָרשן צו אַן אַנדערן סליעדאָוואַטעל, וואָס? נאַגטיעוו וועט באַקומען אַ פאָרוואורף און ג. וועט זיך מאַכן תמ׳עוואַטע, אַז ער האָט נישט גערעדט קעגן דער ראַטנמאַכט, אַז ער איז נישט געווען אין פאַרבינדונג מיט קאָנטררעוואָלוציאָנערע ציוניסטישע אָר־גאַניזאַציעס, האַ? אַז ער האָט נישט צוגעהאָלפן אַנטלויפן זייערם אַ הערשט, דעם אָסקאַר, פאַר וועמען דו האָסט באַזאָרגט אַ רויטאַרמייאישן שינעל, וואָס? אַזוי האָסטו געמיינט?

ער שטעקט מיר זיין פויסט אין פנים אריין:

— זאָג, אויסוואורף, וויפל מאָל האָב איך דיך געשלאָגן? זאָג, וויפל מאָל?

— כמעט אויף יעדער אויספאָרשונג, כ׳געדענק נישט גענוי.

— אָבער וויפל, זאָג, וואָרן איך הרגע דיך! זאָג, באַנדיט!

— ביי פינפאונצוואַנציק מאָל.

ער ווענדט זיך צום אַנוועזנדיקן חבר:

— הערסט? זיי אַן עדות, פינפאונצוואַנציק מאָל, און אויפן געריכט האָט ער אויפגעגעבן אַז דרייסיק מאָל. ער איז אַ געניטער פּראָוואָקאַטאָר!

ער ווענדט זיך ווידער צו מיר:

— איצט וועסטו צוקריגן נאָך אַ סטאַטיע, פאַר באַשמוצן אַן אָפּי־ציר פון דער נקווד, פאַר אויסטראַכטן אַ בילבול אַז איך האָב דיך געשלאָגן! זאָג, וועסט אַצינד אונטערשרייבן, אַז דו ציסט צוריק דיינע דערקלערונגען אויפן געריכט?

— ניין!

— און איך זאָג דיר, מנוול, פּראָוואָקאַטאָר, שפּיאָן, אַז דו וועסט יאָ אונ־טערשרייבן! איך וועל דיך דערפירן ביז צו אַ רגע פאַרן טויט און אין דער לעצ־טער רגע וועסטו אונטערשרייבן! וועסט אויך אונטערשרייבן, אַז איך האָב נישט געפעלשט דיינע פּראָטאָקאָלן, וועסט אַלץ אונטערשרייבן! איך וויים דאָך וועגן דיר אַלץ גענוי, וועגן דיין גאַנץ לעבן, אַלץ וואָס דו האָסט געטאָן, אַלץ וואָס דו האָסט געטראַכט! איך וועל דיר שוין איצטער אפילו אויסזאָגן ווער עס האָט דיך פאַראַטן! דיין נאָנטסטער חבר! ער קען דיך שוין העכער פופצן יאָר, ער האָט אונז אַלץ דערציילט, אַלץ וויים איך, פון מיינע הענט וועסטו זיך שוין נישט ארויס־דרייען! זאָג, וועסט אונטערשרייבן, אַז דו ציסט צוריק דיינע דערקלערונגען אויפן געריכט?!

— ניין, איך וועל נישט אונטערשרייבן!

— אפילו ווען איך וועל דיך הרגענען ביז טויט?!

— אפילו ווען איר וועט מיך הרגענען ביז טויט.

— קוק אים נאָר אָן! דו שטאַרבסט דאָך שוין אַ ליאַדע טאָג, זעסט דאָך שוין אויס אויף אַ מת און דו רעדסט נאָך אַזוי האָפערדיק און פאַרעקשנט! זאָג, וועסט אונטערשרייבן?! דאָס לעצטע מאָל פרעג איך ביי דיר, דאָס לעצטע מאָל! דו פאַרשפּילסט אַ שאַנס, שפּעטער וועסטו חרטה האָבן. וועסט פאַרשעלטן

די מוטער־טראַכט וואָס האָט דיך געבוירן! זאָג, דאָס לעצטע מאָל, וועסט אונטער־שרייבן?!

— ניין, איך וועל נישט אונטערשרייבן!

אַ פאַרשוויצטער האָט ער זיך שווער אַוועקגעזעצט אויף זיין בענקל. ער נעמט די טעקע מיט די אַקטן.

— זעסט, אָט דאָ ליגן באַשריבן צוויי הונדערט אונדרייאונזעכציק זייטן, אַלץ וועגן דיר. איז וואָס זשע זאָל איך איצט טאָן מיט די אַלע אַקטן? אַרויסגיין מיט זיי אויפן באַזאַר? פאַרקויפן זיי אויף פּאַפּיר, ווי מיינסטו, האַ?

איך שווייג.

— נו זאָג, סוואָלאַטש, שעם זיך נישט. וויפל געלט קאָן מען פאַר זיי באַקומען אויפן באַזאַר? זעכציק רובל וועל איך פאַר זיי קריגן? נו זאָג, מערזאַוויעץ, וויפל געלט וועל איך קריגן פאַר דעם פּאַפּיר אויפן באַזאַר, וויפל?

— אַזויפיל וויפל זיי זיינען ווערט.

ער צעשמייכלט זיך, אָבער פאַרבייסט אים שנעל צוריק.

— חכמהסט זיך שוין! ביסט דאָך שוין מער מת ווי מענטש! עסן וועסטו ביי מיר קריגן אַ קרענק! איך וועל אויך ווייטער דיר נישט צולאָזן קיין „פּערע־דאַטשעס”, וועסט קראַפּירן אין דער קאַמער אונטן! וואָן פונדאַנען! פּראָוואָקאַ־טאָר! מער וויל איך אויף דיר נישט קוקן, פאַרשאָלטענע זרע!

און ער האָט געקלונגען צום דיזשורני און מען האָט מיך צוריקגעפירט אין קאַמער.

נאַגטיעוו האָט דאָס מאָל געזאָגט דעם אמת. דאָס איז געווען מיין לעצטע וויזיט ביי אים. מער האָב איך זיין פּרצוף נישט געזען.

דעם 9־טן יולי האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין דער גרויסער, צענטראַלער טורמע פון סאַמאַרקאַנד.

אייניקע טעג פאַר דעם האָט מען באַפרייט קורבאַנאָפן.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט, איז דער יונגער, סימפּאַטישער אוזבעק ענווער מאַכמודאָוויטש איבראַמיגאָף, וואָס האָט מיך אויסגעהאַלטן מיט זיין עסן און מיך באַשולדיקט אין מסרן קורבאַנאָפן — זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ טורמע־פּראָוואָקאַטאָר!

פון טורמע צו טורמע

קאַפּיטל א

די צענטראַלע טורמע איז אויף סאָוויעטסקאַיאַ גאַס. ווען איך בין אַריין אויפן גרויסן הויף, האָב איך דאָס ערשטע דערזעען אַ קליין קינדעלע, וואָס האָט זיך גע־שפּילט אויפן הויף. עס איז אַ קינד פון אַ טורמע־וועכטער, וואָס וווינט אין דער געביידע. איך האָב שוין לאַנג נישט געזעען קיין קליינע קינדער.

אויפן הויף טומלט זיך ווי אין אַ גרויסער אונטערנעמונג, אָדער ווי אויף אַ וואַקזאַל. עס שטייען אָנגעשטעלט לאַסט־אויטאָס, מען ברענגט צו פּירן און מען פירט אַוועק אַרעסטאַנטן. אומעטום שטייען גרופּן און מען רופט אויס זייערע נע־מען, מען פאַרלאַדעוועט זיי אין אויטאָס. די זון סמאַליעט און פּאַרעט אויס די אָפּגעקראָכענע און צעריסענע מלבושים פון די אַרעסטאַנטן. טייל טראָגן נאָך זייערע ווינטערדיקע וואַטע־פּופייקעס. מען האָט זיי, זעט אויס, איינגעזעצט נאָך אין ווינטער־צייט. די זון־שטראַלן ברוינען אָפּ די געל־אויסגעבלייכטע, אַרעסטאַנ־טישע פּנימער. זיי פאַרמאַכן די אויגן, וועלכע זיינען אָפּגעוווינט פון ליכט.

איך האַלט אין האַנט אַ שטיקל פּוטער איינגעוויקלט אין פּאַפּיר. דער דיזשורני, וואָס האָט מיך אַהערגעפירט, האָט דערלויבט רויזקען צוגיין צו מיר און מיך אפילו פירן אונטערן האַנט. רויזקע, ווייזט אויס, האָט שוין געקענט דעם דיזשורני און אים פריער „אָפּגעחורשט". ער האָט אפילו נישט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער פון שיידל. ער האָט מיך געהייסן שלעפּן דאָס האַנט־וועגעלע מיטן קעסל. דער די־זשורני נעמט עסן אין דער צענטראַלער טורמע פאַר דער קליינער, אינערלעכער טורמעלע. עס זעט אויס ווי איך בין אַ שליח פון טורמעלע נאָך דעם עסן. אויף דעם וועגעלע האָב איך אויך אַוועקגעלייגט מיין פּעקל מיט זאַכן.

איך פרעג ביים דיזשורני מיט וואָס פאַראַ אַקטן שיקט מען מיך אָפּ אין טורמע, מיט וואָס פאַראַ סטאַטיאַ, ווייל איך בין נאָך אַלץ נישט זיכער, אַז מען האָט מיר אַראָפּגענומען די פּאָליטישע סטאַטיאַ 66, כאָטש דער הויפּט־נאַטשאַלניק האָט מיך אין דעם פאַרזיכערט.

דער דיזשורני זאָגט מיר, אַז די סטאַטיאַ 66 פיגורירט נאָך אין די אַקטן, אָבער זי איז דערווייל פאַרהאַנגען. איצט רעכן איך זיך פאַר אַ פאַרמשפּטן לויט דער רוסישער סטאַטיאַ 82, פאַר אַנטלויפן אין יאָר 1940 פון דער פאַרשיקונג.

איך בין אָבער נאָך אַלץ נישט דערין זיכער. איך מיין, אַז ער וויל מיר פּשוט אויסרעדן, מיך טרייסטן.

פאַרן טורמע־טויער האָט זיך רויזקע מיט מיר געזעגנט. זי האָט מיר דערציילט, אַז איבער דער צייט האָט זי און משה לויפגאַס'עס פרוי נאָכגעשפּירט שמאַיעוויטשן, אים נאָכגעגאַנגען זעען וווּ ער גייט דאָס ווידער אַוועק ביינאַכט אין דער נייער שטאָט, זיי האָבן געזעען ווי ער גייט אין נקווד. איצט גלייבן זיי שוין און ווייסן, אַז ער האָט אונז געמסרט. זיי זאָגן אָבער וועגן דעם קיינעם נישט.

איך האָב געבעטן אָנזאָגן לויפגאַסן, אַז כל־זמן איך וועל זיצן אין תפיסה, זאָל ער קיינעם נישט דערציילן וועגן שמאַיעוויטשן, ווייל דאָס קאָן מיר נאָך שאַ־

דענען. ער וועט שוין אַצינד אַראָפּוואַרפן פון זיך די מאַסקע און זיך אָנגעבן אַלס אָפענער עדות. דער פּראָצעס קאָן נאָך באַנייט ווערן.

הדסה, ווייזט זיך אַרויס, איז נישט אַרעסטירט. מען זוכט אַרום זי, איר מאַן און איר ברודער שלמה. שמאַיעוויטש האָט איינמאָל אָנגעטראָפן הדסהן אויף דער גאַס, האָט ער זיך דערפרייט מיט איר און געזאָגט, אַז ער איז שולדיק איר ברודער עטלעכע טויזנט רובל, נאָר ער וויל אים אָפּגעבן דעם חוב פּערזענלעך, צו דער האַנט. ער איז אפילו גרייט באַצאָלן די הוצאות, אַז ער זאָל אַהערקומען קיין סאַמאַרקאַנד. אויב ער קאָן דאָ נישט אַהערקומען, וועט ער, שמאַיעוויטש, צו אים אַהינפאָרן, ווייל ער האָט אים איבערצוגעבן וויכטיקע ידיעות. הדסה האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט וועגן זיין ראָלע, זיך גישט געהיטן פאַר אים, פונדעסטוועגן האָט זי אים דעם אַדרעס פון איר ברודער און מאַן נישט אויסגעגעבן און אין דעם זעלבן טאָג אויך אַוועק פון דער שטאָט. גיכער געטריבן מיטן אינסטינקט ווי דורכן באַוווּסטזיין.

פון נאָגטיעוון האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז געווען אינפאָרמירט וועגן דעם, אַז בעתן פּראָצעס, ווען איך בין געגאַנגען ספּעציעל אין קלאָזעט, האָב איך אויפן וועג גערעדט מיט רוויזקען. ער האָט געוווּסט, אַז זי האָט איבערגעקויפט די זעלנער מיט פּלעצלעך און ראָזשינקעס און מיר דערלאַנגט עסן, זיך באַגריסט מיט מיר און צוגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער. שמאַיעוויטש האָט וועגן דעם אַלעם צוגעטראָגן אים, נאָגטיעוון.

איך ווער געוואַר פון רוויזקען, אַז שמאַיעוויטש האָט געוואָלט דורכפירן אַ פּראָוואָקאַציע אויפן גרויסן פאַרנעם: איבערקויפן דעם פּראָקוראָר, דעם פּאָרזיצער פונם געריכט און די פּאַרטיידיקערין, כדי ער זאָל זיי שפּעטער „פאַרשיטן" פאַר דער נקוויד. עס איז, ווייזט אויס, דאָ אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן דעם פּראָקוראָר און סליעדאָוואַטעל נאָגטיעוו. דער לעצטער האָט געוואָלט, מיט דער הילף פון בערעלע שמאַיעוויטש, זיי אַלע פּראָוואָצירן, איינזעצן דעם פּראָקוראָר, ריכטער, פּאַרטיידיקער. דאַן וואָלט ער אַרויס דער זיגער. ווייל נאָגטיעוון זאָל מען האָבן לעצטנס דעגראַדירט, אים אַראָפּגענומען צוריק איין שטערנדל פון זיינע עפּאָלעטן, וואָס ער האָט באַקומען אין דער צייט פון דער אויספאָרשונג. ער איז שוין געהאַט דערהויבן געוואָרן צו אַן עלטערן לייטענאַנט און איצט איז ער צוריק געוואָרן אַ געוויינלעכער לייטענאַנט.

נאָגטיעוו האָט געזאָלט אַרעסטירן אַלע עטלעכעאונזעכציק עדות. די היגע נקוויד האָט געהאַט דעפּעשירט אין טאַשקענט און מאָסקווע, אַז איר איז געלונגען אויסצוגעפונען אין סאַמאַרקאַנד אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע פון קאָנטררעוואָלוציאָנערן און פאַרשווערער, באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייטן און פיגורן, וואָס האָבן אַמאָל אָנגעהאַלטן קאָנטאַקטן מיט דעם באַרימטן רענעגאַט קאַרל קאַוטסקי.

דאָס אַלץ איז אים שנעל אויסגערונען און ער, נאָגטיעוו, קאָן נאָך אפילו געמשפּט ווערן דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט אויף אַ קינסטלעכן אופן אויפבלאָזן אַ פּראָצעס וועגן אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט בכלל נישט עקזיסטירט.

וואָלט ער זיך באַגנוגנט און אויפגעגעבן, אַז ער האָט בלויז געכאַפּט עטלעכע פּוילישע יידן, וואָס פלוידערן קאָנטררעוואָלוציאָנערע רייד, וואָלט יעדער פון זיי געקריגן די נאָרמאַלע צען יאָר תפיסה און פּטור. אַזוי אָבער האָט אַלץ געפּלאַצט

און די באַשולדיקטע זיינען נאָך באַפרייט געוואָרן, וואָס דאָס איז בכלל אַזאַ זעלטענער פאַל.

רוויזקע באַווייזט מיר נאָך צו דערציילן, אַז ווי רויזנשמיד האָט איר איבער־געגעבן, איז שמאַיעוויטש ביי אים געווען עטלעכע מאָל בעת די טעג פון מיין פּראָ־צעס, ווען ער האָט באַדאַרפט עדות זאָגן. שמאַיעוויטש האָט געוואָלט ביי אים פועלן, אַז ער זאָל נישט צוריקציען זיינע דערקלערונגען, זאָגן וועגן מיר דאָס סאַמע ערגסטע און דאָס וועט מיר גאָר זיין לטובה. מען וועט מיך גיך פאַרמשפּטן, איבער־שיקן אין לאַגער און ער, שמאַיעוויטש, האָט שוין דאָרטן אַ „בלאַט", שוין אָפּגע־מאַכט מיט די לאַגער־אָנפירער, אַז מען זאָל מיך פון דאָרטן באַפרייען.

איך ווער נאָך איצט געוואָר עטלעכע נעבן־זאַכן, קליניקייטן, אָבער זיי זיינען פאַר מיר אויך וויכטיק:

דאָקטער כאַמעט, דער ציוניסטישער טוער פון טאַרנאָוו, איז געוואָרן אָנפירער פון פּוילישן פּאַטריאָטן־פאַרבאַנד אין סאַמאַרקאַנד. מען רעדט אויף אים, אַז ער איז נאָך עפּעס אויך, געוואָרן אַן אייגנייער אין די פיר אותיות" (נקווד).

מיין חבר, דער שרייבער איקס, וועמען איך האָב אַזוי שטאַרק פאַרטיידיקט בעת דער אויספאַרשונג און אָפּגעלייקנט זיינע רייד, וועלכע ער האָט יאָ גערעדט (קעגן דער ראַטנמאַכט), דאָס איז דאָך נאָרמאַל און עס קומט מיר נישט דערפאַר קיין דאַנק, אָבער דער זעלבער איקס האָט געפונען פאַר נויטיק אריינצוקומען צו רוויזקען אין שטוב אַריין און איר אויפקלערן, אַז מיין פּאָזיציע אין דער ליטעראַ־טור איז לגמרי נישט אַזאַ אָנגעזעענע, דעריבער פאַרשטייט ער נישט פאַרוואָס זי רייסט זיך אַזוי אַיין פאַר מיר.

רוויזקע גייט יעדן טאָג עטלעכע קילאָמעטער, בעת די קעלטן און היצן, צו דער טורמע, שטייט אָפּטמאָל אָפּ גאַנצענע טעג פאַר די תפיסה־טויערן, איז זיך מוסר נפש. מוז איקס אומבאַדינגט איצט אַרויסזאָגן פאַר איר זיינע קריטישע מיינונגען וועגן מיין ליטעראַריש שאַפן. רוויזקע האָט כמעט נישט געוווסט וועגן מיין ליטע־ראַרישער טעטיקייט, עס האָט זי אויך נישט איבעריק אינטערעסירט. נישט צוליב מיין פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור איז זי געלאָפן יעדן טאָג מיט פערעדאַטשעס צו דער טורמע.

עס איז מיר שווער דאָס אַלץ אויסצוהערן אין אַזעלכע מינוטן.

איך גיי אַ צופרידענער אין טורמע אַריין, גליקלעכדיק, אַז מען האָט שוין פון מיר אַראָפּגענומען די פּאָליטישע סטאַטיע. איך וועל נאָר דאַרפן אָפּזיצן בסך־הכל צוויי יאָר מיט דריי חדשים פאַר דעם אַלטן אורטייל. און דאָך איז מיין געמיט אַ שווערס, ווען איך הער וועגן דער אויפפירונג פון מיינע באַקאַנטע און חברים.

רוויזקע האָט מיר געגעבן אַ פּעקעלע עסן, אַ גרויס שטיק פוטער איינגעוויקלט אין פּאַפּיר. איצט, ביי דער גרויסער היץ, צערינט מיר די פוטער אונטער די הענט. אַרעסטאַנטן ליגן זיך אַוועק נעבן מיר אויף דער ערד און שטעלן אונטער די מיי־לער, אַז די פוטער זאָל זיי אַריינטריפן. איך צעטייל גלייך צווישן זיי די פוטער, יעדער נעמט אָן אַביסל אויף די פינגער און כאַפּט דאָס אין מויל אַריין.

עס קומט אָן מיין ריי צום רעגיסטרירן אין טורמע־קאַנצעלאַריע. ער פרעגט מיך די סטאַטיע. איך גיב אָן 82.

— און די סטאַטיע 66 פאַרוואָס באַהאַלט איר אויס? זי פיגורירט דאָך אין די אַקטן.

— איך ווייס נישט. די סטאַטיאַ 66 איז, ווי מען האָט מיר געמאָלדן, ליק־ווידירט.

— נו, כיטרי!

ביים צווייטן מאָל רעגיסטרירן האָב איך שוין נישט געוווסט וואָס צו ענט־פערן און אויפגעגעבן ביידע סטאַטיאַס, 82 און 66.

ביז מען וועט באַשטימען אין וועלכער קאַמער מיך אַריינצופירן, דאַרף איך דאָ דערווייל וואַרטן אין אַ „באָקס". דאָס איז אַ שמאָלער, הויכער, פאַרמאַכטער קאַסטן אין וועלכן מען קאָן נאָר שטיין, אָבער נישט זיך אויסדרייען. איך האָב געזעען פריער ווי פון די באָקס־קעמערלעך רינט אַרויס. דאָס דערלעדיקט זיך דאָרט אַזוי אַן אַרעסטאַנט „אויף קליין", פון באָקס פירט מען נישט אַרויס אין קלאָזעט אַריין. עס קומט אויס דאָרט אָפּצושטיין עטלעכע שעה.

אַ האַלבער טאָג פאַרנעמט דאָס אויססאָרטירן און רעגיסטרירן ביז מען פירט אָפּ אין די קאַמערן. דערווייל זעט מען זיך צו ווי עס קומען אָן פון די מיליציע־אָפּטיילונגען און „קאַפּעזעטס", פּאַרטיעס אַרעסטאַנטן. נישט אַלע האָבן מזל און ווערן אָנגענומען אין טורמע, טייל דאַרפן צוריקגיין פונוואַנען זיי זיינען געקומען, אין מיליציע אָדער קאַפּעזעט (פּרעווענטיווער אַרעסט־הויז). דאָס איז הערפּאַר, ווייל אין די אַקטן, זיינען די נעמען פון די אַרעסטאַנטן נישט דייטלעך געשריבן, נעמט זיי שוין די טורמע־אַדמיניסטראַציע נישט אָן.

אין אַזעלכע פאַלן קומט פאָר אַ דינגעניש און קריגערייַ צווישן די מיליציאָ־נערן, וועלכע האָבן געבראַכט צופירן זייערע פּאַרטיעס אַרעסטאַנטן, מיט די טורמע־באַאַמטע. די סיבה פון דער מחלוקה איז אונז באַקאַנט. די מיליציאָנערן דאַרפן מיטברענגען אַ זעקעלע מאַכאָרקע, אָדער פּראָדוקטן פאַר די טורמע־באַאַמטע. די מיליץ האָט איבערגענוג אַזעלכע זאַכן. זי גייט נאָר אַרום אויפן באַזאַר, אַרעסטירט עטלעכע אומלעגאַלע הענדלער, נעמט צו זייער סחורה, מאַכאָרקע, לעפּיאָשקעס, פּרוכטן, מלבושים. דעם גרעסטן טייל פון די קאָנפיסקירטע סחורות נעמט פאַר זיך צו די מיליץ. טאָ פאַרוואָס זאָל דערפון נישט געניסן אויך די טורמע־נאַטשאַלסטווע?

איז טאָמער ברענגען יענע מיליציאָנערן מיט זיך גאָרנישט מיט, אָדער ווייניק, וועט שוין דער קאַנצעלאַריסט אויסגעפונען, אַז דער אַרעסטאַנטן־צעטל איז נישט דייטלעך געשריבן, אַז די נעמען זיינען נישט גענוי פאַרצייכנט און מען שיקט די אַרעסטאַנטן צוריק. עס איז פאַר דער מיליץ אַ קלאַפּאַט, מען דאַרף ווידער איבער־שרייבן, רעגיסטרירן, אויפסניי פונאַנדערזעצן אין די קאַמערן, נאָכאַמאָל זיי פירן אין דיזענפעקציע.

נאָר סוף כל סוף וועלן זיי אַדורכקומען. די מיליציע וועט ביים צווייטן מאָל שוין מיטברענגען די געהעריקע מתנה און די אַרעסטאַנטן וועלן שוין מער זיך נישט פּלאָגן, נאָר גלייך צעפירט ווערן דאָ איבער די קאַמערן.

קאַפּיטל ב

די קאַמער 29 איז דאָ באַרימט אַלס וואַנצן־פעסטונג. די ערשטע עטלעכע טעג, איידער די אַרעסטאַנטן גייען דורך די דיזענפעקציע־באָד, ליגן זיי דערווייל אין דער קאַמער 29. די אָ קאַמער וואָלט דרייסט געקאָנט זיין אַלס איינע פון די אָפּ־

טײלונגען אין גהינם. די װענט און דער סופּיט זײנען ברוין פון װאַנצן. זײ פאַלן אויף דיר גלײך פון סופּיט. קײנער טוט זיך בײנאַכט נישט אויס, מען ליגט אין אָנטועכץ, פאַרװיקלט די הענט און דאָס פּנים, אָבער עס העלפט נישט. אַלע זײנען בײנאַכט אויף, קײנער שלאָפט נישט. דאָס לײב װערט שנעל פול מיט װונדן, אַלע זײנען צעקרעלט און צעבלוטיקט.

דערצו הענגט נאָך אַ מעלדונג אויף דער טיר, אַז מען טאָר נישט צעקװעטשן די װאַנצן אויף דער װאַנט, צוליב „רײנקײט". פאַר עובר זײן אויף דעם פאַרבאָט װערט מען באַשטראָפט מיט פינף טעג קאַרצער.

עס איז נישט צו פאַרגלײכן די תפיסה מיט דער אַרכאַנגעלסקער. דאָרט ליגט מען אויף נאַרעס, עס איז פאַראַן אַ טיש צום עסן. דאָ איז דערפון קײן סימן נישטאָ. אַלע ליגן אויף דעם שטײנערנעם דיל.

די צװײטע נאַכט איז שױן געװען לײכטער. זײער ערשטער הױפּט־אָנגריף איז שױן אַריבער און מיר האָבן זיך שױן אויך אַביסל צוגעװױנט. אויפן פערטן טאָג האָט מען אונז געפירט אין באָד אַרײן. דאָרט האָבן די „אורקעס" (גנבים) צוגענומען בײ מיר מיט כח עטלעכע פון מײנע זאַכן און דאָס ביסל עסן װאָס איך האָב נאָך געהאַט. איך האָב דאָרט אָנגעטראָפן עטלעכע פּױלישע ייִדן, װעלכע זײנען ערשט נישט לאַנג אַרעסטירט. איך האָב זײ געפרעגט אויף מלחמה־נײעס. װעגן װאָס פאַרא שטעט איך האָב זײ נאָר נישט אויסגערעכנט, האָבן זײ מיר געענטפערט: „שױן אָפּגענומען, שױן באַפרײט!". די מלחמה, גיבן זײ צו, װעט זיך אַ ליאַדע טאָג ענדיקן.

עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעװיזן פאַר נישט ריכטיק. אָדער זײ האָבן נישט געװוּסט, אָדער זײ האָבן מיך געװאָלט אויפהײטערן, אַז איך דאַרף שױן דעריבער נישט האַלטן בײ זיך קײן סך מאַכאָרקע און מעג זײ געבן מער װײפל כ'האָב זײ געגעבן. זײ זײנען פאַרמשפּט צו פינף יאָר פאַר גנבענען רײז אין די שפּײכלערס, װו זײ האָבן געאַרבעט אַלס טרעגער. זײ װערן איצט אַװעקגעשיקט אין אַ װײטן לאַגער.

נאָך דער באָד האָט מען אונז צעפירט איבער פאַרשידענע קאַמערן, פאַראַן דאָ עטלעכע הונדערט.

קאַפּיטל ג

אין אונזער קאַמער געפינען זיך זעקסאונפערציק אַרעסטאַנטן. אַלס סטאַראָסטע, עלטסטער, האָט זיך אַלײן באַשטימט סעריאָזשקאַ. ער איז צוריקגעקומען פונם פראָנט אַ פאַרװונדעטער, אין ראַנג פון אַ סערזשאַנט. ער איז אַן אַלטער גנב. אויפן פראָנט איז ער אַװעק פון לאַגער. װי ער איז נאָר אַרויס פון שפּיטאָל, באַפרײט געװאָרן פון דער אַרמײ, האָט ער זיך גלײך גענומען צו זײן אַמאָליק פאַך.

זײן לײב איז אינגאַנצן אויסטאַטואירט. אויפן בויך איז בײ אים אָנגעצײכנט אַ שלאַנג, אויף דער ברוסט — אַ נאַקעט פאָרל ליגט הינטער אַ בױם און איבער זײערע קעפּ — צװײ טײבעלעך. אויף אײן אָרעם איז אים אָנגעצײכנט אַ קײט און אויפן צװײטן — אַ סקעלעטן־קאָפּ. אויף די שענקלען זײנען אים אויסטאַטואירט

א הירש און א טיגער. ער איז דער שטאַרקסטער און ברוטאַלסטער אין דער קאַ־מער. זיין יעדעס וואָרט איז פאַר אונז א באַפעל.

די אוזבעקן האָבן זיך גרופּירט אין א באַזונדער ווינקל. זיי זיצן צוזאַמען, עסן צוזאַמען. טיילן זיך מיט זייערע אריינבאַקומענע „פּערעדאַטשעס", חוץ דעם טייל עסן וואָס זיי זיינען מחויב אָפּצוגעבן צו דיספּאָזיציע פונם סטאַראָסטא סעריאָזשקא. ער צעטיילט דאָס צווישן זיין חברה, לויט זיין אייגענעם איינזעען.

די אוזבעקן, נאָכן אָפּעסן, זאָגן אָפּ א תפילה בציבור, גיבן א פיר מיט ביידע הענט איבערן פּנים און באָרד — א לויב מוכאַמעדן.

עטלעכע יונגע אוזבעקישע באַנדיטן זיצן באַזונדער, צוזאַמען מיט זייער יידישן חבר, א יונג בוכאַרער בחורל, וואָס געהערט אויך צו זייער קאַמפּאַניע. דאָס בוכאַרער בחורל האָב איך עטלעכע מאָל געזעען אין אונזער שוסטער־אַרטעל, זינט א יונגערער ברודער האָט דאָרט געאַרבעט.

ווען עס קומט צו דער אוזבעקישער תפילה נאָכן עסן, גייען אויך אַהין די אוזבעקישע באַנדיטן — כאָטש דאָרטן זיצן באַלעבאַטישע מענטשן, שפּעקולאַנטן, קאָלכאָזניקעס און אויך איין מוללא.

די רוסן האַלטן זיך באַזונדער און צו זייער חברותא געהערט נאָר איין ציגיינער.

מיר, א גרופּע פון זיבן יידן, זיצן אויך אין א באַזונדער ווינקל. אין אונזער גרופּע זיצט אויך א רוסישער אַקטיאָר, וועלכער גיט זיך אָן פאַר א האַלב־ייד, כאָטש זיינע חברים, די רוסישע גנבים, רופן אים סיווי „יעוורעי". און גראָד געהערט דער אַקטיאָר צו א פּאָפּולערער גנבים־ און רויבער־באַנדע אונטערן נאָמען „טשאָרנאיא קאָשקאַ" (די שוואַרצע קאַץ).

די באַנדע האָט נישט נאָר געגנבעט און גערויבט, נאָר אויך שאַנטאַזשירט און טעראָריזירט. דעם אַקטיאָר האָט מען געכאַפּט אין מיטן נאַכט ביים אריינוואַרפן א בריוו אין דער וווינונג פון היגן דירעקטאָר פון אַלע היגע אַרטעלן. אין בריוו איז געווען געשריבן, אַז אויב ער וועט נישט אונטערלייגן אויף אַזא און אַזא אָרט, אין א באַשטימטן טערמין, אַזא און אַזא סומע, וועט ער, אַלס „זשיד",דערמאָרדעט ווערן. און דער דירעקטאָר איז גאָר געווען אַן אוקראַינער, איך האָב אים געקענט, זיין פרוי איז בלויז א יידישע.

ביים אַקטיאָר האָט מען געפונען א ברעך־אייזן און א ראַזיר־מעסער. זיינע מיטהעלפער האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן.

דער אַקטיאָר, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער ראָלע פונם קאָמיקער אין אַסטראָווסקיס פּיעסע „בעז וויני ווינאָוואַטי" (אָן שולד — א שולדיקער), דערציילט וועגן אַלעם זייער רואיק און געמיטלעך, דריבניטשקע, מיט פילאָזאָפישער פּאַרקלערטקייט און אין אַן אינטעליגענטער שפּראַך. ער איז אויך א מחבר פון קופּלעטן און „טשאַסטושקעס", וואָס ער פאַרקויפט צו די מלחמה־אינוואַלידן, וואָס זינגען און שפּילן אין די באַנען.

דער אַקטיאָר־רויבער קען גוט די רוסישע ליטעראַטור. טשעכאָווס נאָוועלן געדענקט ער כמעט אַלע פון אויסנווייניק. טשעכאָוו איז זיין באַליבטסטער שרייבער.

אין מיטן דערציילן און שמועסן מיט מיר, האָט ער מיר דערווייל אַרויסגעגנבעט פון הינטערן קאָפּ מיין פּייקע ברויט.

ער איז אויך אַ גוטער פּיאַניסט. אין לאַגער ווו ער איז געווען, האָט מען געשאַפן אַן אייגענעם אָרקעסטער און אָרומגעפאָרן מיט גאַסטראָלן איבער די שכנותדיקע לאַגערן. ער איז שוין געזעסן צען יאָר אין די טורמעס און לאַגערן. ווען ער איז אין קורצע איבערייסן אַרויס אויף דער פרייַ, האָט ער ווייטער געשפּילט טעאַטער.

אים איז אויך אויסגעקומען צו זיין אין איין לאַגער צוזאַמען מיט דער באַרימטער אַרטיסטין און אָרגאַניזאַטאָרין פון די קינדער־טעאַטערן אין רוסלאַנד, נאַטאַליאַ זאַץ. זי איז אַרעסטירט געוואָרן אין יאָר 1937, אַלס באַשולדיקטע אין טראָצקיזם. זי האָט אין לאַגער אָרגאַניזירט אַ טרופּע און אויסגעפירט אַסטראָווסקיס פּיעסע „בעז וויני — ווינאָוואַטי". נאַטאַליאַ זאַץ האָט געשפּילט איר ראָלע אין דער פּיעסע געניאַל, אַלע נאַטשאַלניקעס פון די אַרומיקע און ווייטערע לאַגערן זיינען געקומען זעען די פאָרשטעלונג.

דער אַקטיאָר זאַרין (ער האָט זיך אָנגעגעבן אַ פאַלשן נאָמען) איז אַלט צוויי־אונפערציק יאָר, קליינוווקסיק, מיט אַ בלאָנד בערדעלע, סובטעלע שטריכן, וועלכע דעגענערירן שוין און אַ דריבניטשקע גענגל. מיט זיינע רוסישע חברים־גנבים רעדט ער אויף דער סאַמע מיאוסטער זידל־שפּראַך, נאָר צווישן אונז באַנוצט ער נישט דעם טורמע־זשאַרגאָן, רעדט נאָר אויף אינטעליגענטישע טעמעס.

צו אונזער גרופּע געהערט אויך אַן אַפּעריסט, אַ „פאַרמאַזאָן". זיין קענטניש און מלאכה באַשטייט דערין, וואָס ער גייט אַרום אויפן באַזאַר, קויפט אַלץ וואָס עס לאָזט זיך און ביים באַצאָלן דאָס געלט ציילט ער אַזוי, אַז דער סוחר באַקומט נאָר אַ העלפט און אַמאָל דאָס אויך נישט. אַמאָל ציילט ער אָפּ אַ סומע באַנקנאָטן, גיט דעם סוחר איבערצוציילן, נעמט עס צוריק אין האַנט אַריין און ציילט ווידער איבער. און ווען ער גיט עס צוריק, איז נאָר דאָ איין באַנקנאָט פון אויבן און פון אונטן ליגן שוין גלייך־צוגעשניטענע שטיקלעך ציי‌טונגס־פּאַפּיר.

דער „פאַרמאַזאָן" איז אַ וואַרשעווער ייד. אַ גאַנצן טאָג זיצט ער און וויינט מיט ביטערע טרערן, כליפּעט, היסטערעוועט, באשר ער האָט אינדערהיים געלאָזן אַ ווייב מיט דריי קליינע קינדערלעך.

מען מוסרט אים:

— וואָס בעטשעט איר ווי אַ יידענע! אַזאַ מענטש ווי איר, מיט אַזאַ „פּאַך", דאַרף דאָך זיין גרייט אויף טורמע. וואָס האָט איר גערעכנט, אַז עס וועט אייך שטענדיק געראָטן? צי ווייסט איר אַז מיט אייער שווינדלען פאַרשוואַרצט איר דאָס פּנים פון אַלע יידישע פּליטים? איר האָט דאָך אַליין דערציילט, אַז עטלעכע מאָל האָט מען אייך אויף די באַזאַרן שוין אָנגעבויקערט! די אוזבעקן אויפן באַזאַר האָבן זיך צעשריגן אַז אַזעלכע שטיקלעך טוען אָפּ נאָר די פּוילישע „דזשוגוטן" (יידן), איר האָט דאָך געקאָנט דערפירן צו אַ צרה, צו אַן אומגליק אי־בער יידן.

— יאָ — זאָגט ער — ער איז שוין געווען אפילו עטלעכע מאָל פאַרהאַלטן אין דער מיליץ, נאָר פון דאָרט האָט ער זיך אַלעמאָל אויסגעקויפט. דאָס מאָל האָט זיין ווייב צופיל מעדיטירט, זיך געדונגען איבער דער אויסלייז־סומע און מיך פאַרפאַסט. מען האָט אין דער מיליץ שוין צונויפגעשטעלט אַן אַקט און איבער־געשיקט צום געריכט און מיך איבערגעפירט דאָ אהער אין טורמע אַריין! איך

וועל דאָך דאָ אומקומען! איך וועל עס דאָך נישט אויסהאַלטן! די באַנדיטן דאָ נעמען מיר צו דאָס גאַנצע ביסל עסן, וואָס מיין ווייב שיקט מיר אַריין. זי רייסט עס דאָך אָפּ פון מיינע קינדערס מיילעכלעך! און די עשיו'ס דאָ פרעסן זיך דערמיט אָן. און ווי אַזוי וועל איך אויסהאַלטן דריי—פיר יאָר טורמע? איך האָב דאָך אַ שוואַך האַרץ, איך וועל דאָך דאָ קראַפּירן! און טאָמער ענדיקט זיך די מלחמה און מען וועט קאָנען צוריקפאָרן קיין פוילן, וועל איך דאָ פוילן אין תפיסה. אוי, איך בין אומגליקלעך, איך בין באַגראָבן אויפן גאַנצן לעבן!

דאָ מישט זיך שוין אַריין מענדל זינגער. ער קען עס שוין נישט פאַרטראָגן:

— קיקץ נאָר אָן דעם אַפּעריסט! אַ האַלבע וועלט האָט ער שוין אָפּגענאַרט, מיט די זעלבע שטיק זיך נאָך פאַרנומען אין וואַרשע, יעצט, אַז מען דאַרף אַ פּאָר יאָר אונטערסטענקען אין טורמע, וויינט ער ווי אַ ביבער, אַן עופה'לע, אַ נעבעכל, אַ כומיקל, „האָץ רחמנות יידן", „גיץ מיר אַן עצה ווי אַזוי זיך אַרויסצוראַטעווען", „איך בין אַ טאַטע פון דריי שוואַלבן!" פּאַסקודניאַק! אירט דאָך נעקאָנט דער־פירן צו אַ פּאָגראָם איבער יידן צוליב אייערע שווינדלערייען!

פאַרנאַכט איז גראָד אויסגעפאַלן תשעה־באב. מיר האָבן זיך אַלע צונויפגע־טוליעט אין אַ קופּקע (חוץ דעם אַקטיאָר, וועלכן מיר האָבן נישט אַנערקענט פאַר קיין ייד, ער האָט סיווי נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט יידיש) און מענדל זינגער האָט געזאָגט אַ פּאָר ווערטער פון „איכה". ער האָט געזאָגט און געוויינט. עס האָט אויך געכליפּעט דער אַפּעריסט. ביי דער געלעגנהייט האָט מען פון אים גע־פאָדערט, אַז ער זאָל אונז אַלע געבן תכיעת־כף, אַז טאָמער וועט געלונגען זיין ווייב איבערצוקויפן די ריכטער און ער וועט פון משפּט באַפרייט ווערן, זאָל ער מער אין זיין לעבן זיך נישט פאַרנעמען מיט אַזעלכע געמיינע, שווינדלערישע שטיק, וואָס פאַרלעצן דעם יידישן כבוד.

ער האָט געשוווירן ביים לעבן פון זיינע קינדער, איבערן גאַנצן יידישן פאָלק, דערלאַנגט אַלעמען די האַנט און וויינענדיק צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין מער קיין „פּאַרמאַזאָן" נישט זיין.

קאַפּיטל ד'

מענדל זינגער איז אַרומגעגאַנגען איבער דער קאַמער איינגאַנצן אַ נאַקעטער. די רוסישע אַרעסטאַנטן האָבן אים דערפאַר געזידלט, דערלאַנגט קלעפּ, נאָר ער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן. ער האָט אַלעמען צוריקגעזידלט און זיך געוואָרפן צוריקשלאָגן. ער האָט אפילו געוואָגט אויפצוהויבן אַ האַנט אויף דעם קאַמער־סטאַראָסטע סעריאָזשקאַ. סעריאָזשקאַ איז געשטאַנען און געלאַכט. ער איז גע־ווען פאַרחידושט און עס האָט אים געשמייכלט, וואָס דאָס הויבע, אויסגעדאַרטע, קאָמישע יידל, וואָס טראָגט אַ צעקוועטשטע, קויטיקע, אוזבעקישע טיובעטעיקע אויפן קאָפּ, מיט דעם שוואַרצן, שיטערן בערדעלע, וואָס וואַקסט אים אין אַ זייט פון דער גאָמבע, אָט דער יידליק הייבט אויף אים, סעריאָזשאַ, אויף אַ האַנט צום שלאָגן! דער שמייכל איז אים אָבער באַלד פאַרשוווּנדן, ווייל די אַרומיקע גנבים האָבן געשריגן צו אים:

— דערלאַנג אים אין בייליק אַריין, סעריאָזשקאַ, מאַך פון אים אַ סאַרדינקע!

סעריאָזשאַ האָט אויפגעהערט שמייכלען און דאָס פּנים — ווי מען וואָלט דערין איצט אַריינגעפּאָמפּעוועט אַ שפּאָר ביסל רציחהדיק בלוט. אָבער מענדל זינגער האָט זיך נאָך אַלץ געררייצט מיט אים:

— אַנו, פּרוביר נאָר דערלאַנגען, כוליגאַן, איך וועל דיך אַוועקלייגן אַ טויטן אויפן אָרט!

חברה גנבים האָבן געביכיקעט און סעריאָזשקאַ האָט אויסגעצויגן זיין האַנט. איך בין אונטערגעשפּרונגען, געכאַפּט אים פאַרן האַנט און אין אים אַריינגעטענהט:

— סעריאָזשאַ! פאַר אייך דאַרף זיין אַ חרפּה צו שלאָגן אַזאַ פאַרשווינדל! איר זעט דאָך, אַז ער איז געררירט פון זינען, ער איז דאָך אַ פולשטענדיק משוגע־נער, וועט איר זיך מיט אַזעלכן אָנהייבן?!

און איך האָב אַוועקגעשלעפּט מענדל זינגערן אין אַ זייט. ער האָט אַלץ נאָך געשריגן:

— זאָל ער נאָר שלאָגן, איך וועל אים מאַכן פאַר אַ מת, איך בין נישט משוגע, מיין טויט און זיין טויט!

מענדל זינגער איז באמת אַ צעדרייטער ייד. ער איז געווען אָנגעשטעלט אַלס וועכטער אין אַ וועש־מאַגאַזין אין סאַמאַרקאַנד. ער האָט ליב געהאַט שמועסן פּאָליטיקע מיט זיין נאַטשאַלסטווע, נישט דורכלאָזן קיינמאָל דעם יידישן דירעקטאָר, ביז ער האָט אים נישט דערציילט אַזעלכע נייעסן און „נבואותן" ווי אַ שטייגער:

„און איך זאָג אייך, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט נאָך ווערן אויפגעריכט! מיר וועלן אָפּקריגן ציון! מיר וועלן ווערן אַ גרויסע מלוכה און אַלע שונאי ישׂראל, אַלע אַנטיסעמיטן וועלן אייננעמען אַ מיתה־משונה! איך זאָג אייך, אַז עס איז שוין נאָענט דער טאָג פון אונזער גאולה, מיר וועלן קומען קיין ירושלים! איך וויים עס פון באַגלייבטע, זיכערע קוועלן. די רשעים וועלן אומקומען, ישׂראל וועט דערלייזט ווערן, עם ישׂראל חי!"

אוודאי האָט דער דירעקטאָר וועגן דעם מיטגעטיילט דאָרט וווּ מען באַדאַרף און מען האָט אים גערופן אויף אַ פאַרהער אין נקווד. עס האָט אים אויפגענומען טאַקע נאַגטיעוו. ווען ער האָט דערזען דעם אָפּגעריסענעם, קאָמישן און צעדרייטן פּאַרשוין, האָט ער אים אַ פרעג געטאָן:

— ביסטו דאָס דער ציוניסטישער אַגיטאַטאָר מענדל זינגער?

האָט אים מענדל צוריקגעפרעגט:

— ביסט אַט דו דאָס טאַקע דער סליעדאָוואַטעל פון נקווד?

נאַגטיעוו ווייסט נישט וואָס מיט אים צו מאַכן. ער פרעגט אים ווייטער:

— זאָג נאָר, זינגער; ביסט אַ ציוניסט?

— וואָס דען בין איך, אַן אַנטיסעמיט?

— וואָס, דו האַלטסט מיט ענגלאַנד, מיט טשערטשילן?

— איך האָב זיי טיף טייער אין דרערד. איך האַלט מיט אונזער גאָט, מיט אונזער משיח.

— וואָס, ביסט אַ משוגענער?

— משוגע זאָלן ווערן אַלע אַנטיסעמיטן.

— ביסט אַ שונא פון די דייטשן? וואָלסט וועלן אַז מיר זאָלן זיי אַלע אויס־הרגענען?

— חלילה! וואָס עפּעס אויסהרגענען? איבערלאָזן זיי לעבעדיקע! נאָר יעדן איי־נעם דייטש אַריינשטעכן אַ גראָס נאָדלען אין לייב אַריין! צום פּאַסיקסטן איז אין הינטן אַריין! און זיץ אַ לעבעדיקער בייטאָג און ביינאַכט! די צונגען וואָלט איך ביי זיי אויסגעשניטן, זיי זאָלן נישט קאָנען האַווקען „הייל היטלער". די צונגען זיי־ערע וואָלט איך אָפּגעבראָטן אויף שאַשליק און זיי אַליין געגעבן עס אויפּצועסן. אייך, פּאַניע סליעדאָוואַטעל, וואָלט איך אויך געפונדעוועט אַזאַ צונג.

נאָגטיעוו האָט אויסגעשפּיגן, אים אַריינגעזאָגט אַ רוסישן „פּאָ מאַטערי", אים אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער און אַרויסגעוואָרפן:

— פּאַשאָל וואָן, סוואָלאָטש! מער זאָל איך דיך נישט זעען פאַר מיינע אויגן!

מענדל זינגער איז צוריק אַוועק צו דער אַרבעט און אָנגעזידלט דעם די־רעקטאָר.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען זינגערן אַרעסטירט. מען באַשולדיקט אים, אַז ער האָט אַרויסגעגנבעט דריי העמדער פון מאַגאַזין. אויב ער וועט נישט קאָ־נען דערווייזן, אַז ער האָט נישט געגנבעט, דראָט אים אַן אורטייל פון צוויי יאָר.

איך האָב געהאַט ביי זיך אין זעקל אַ פּאָר הויזן און וועש. האָב איך גע־געבן מענדלען אַ פּאָר גאַטקעס און הויזן, אַז ער זאָל זיי אָנטאָן. עס איז אַ חרפּה, זאָג איך אים, אַרומצוגיין אַ נאַקעטער אין דער קאַמער. אויף אַ צולאָג האָט ער נאָך אַ קאָליע מאָגן און ווי ער עסט נאָר אויף אַ פּייקע ברויט מיט דער זופּ, לאָזט ער זיך הערן... די אַרעסטאַנטן ווילן אים דורסן.

מענדל זינגער וויל נישט נעמען די זאַכן. עס איז הייס, זאָגט ער, מען ווערט דערשטיקט אין קאַמער, קאָן ער גאָרנישט טראָגן אויף זיך, ער האָט אַ שוואַך האַרץ. ער רעכנט זיך גאָרנישט מיט די „כאַמעס" אַרום, זאָלן זיי זידלען און שלאָגן, ער פרעגט נישט נאָך זיי. כאָטש ער איז שוין איבער די פופציק, קאָן ער נאָך פונדעסטוועגן דערלאַנגען אַ קלאַפּ אויך.

— עס איז דאָך אָבער אַ חרפּה אַזוי אַרומצוגיין צווישן מענטשן! אַלעמען איז דאָך הייס, אָבער קיינער פירט זיך נישט אַזוי ווי איר, קיינער גייט נישט אַרום אַ נאַקעטער, איר זענט דאָך אַ מענטש און דאַרפט זיך שעמען!

— פאַר וועמען? פאַר די כאַמעס?

— יאָ, פאַר אונז און אויך פאַר די כאַמעס. אגב, פאַרוואָס רופט איר זיי אָן כאַמעס? די אַלע גנבים דאָ האָבן ס'רוב געענדיקט מיטלשולן, איינער פון זיי איז אַ סטודענט־מעדיצין. אַפילו צווישן די אוזבעקישע באַנדיטן זיינען פאַראַן עט־לעכע סטודענטן און איינער פון זיי האָט געלערנט אין קאָנסערוואַטאָריע. איר האָט באַמערקט, אַז ווער פון די אוזבעקישע באַנדיטן וויל איבערטאָן די הייזלעך, בעט ער זיינע חברים, אַז זיי זאָלן אים פאַרשטעלן, כדי מען זאָל אים אַפילו אַ רגע נישט זען קיין נאַקעטן.

— אָבער די רוסן פאַרשטעלן זיך נישט, זיי שעמען זיך נישט אויסצוטאָן פאַר אַלעמען אין די אויגן.

— נו, איז עס דאָך אויף איין מינוט, אָבער אַרומגיין נאַקעט אינגאַנצן וועט קיינער פון זיי נישט וואָגן.

און איך האָב קוים געפּועלט ביי אים אַז ער זאָל אָנטאָן כאָטש די גאַטקעס. ער האָט אויך גענומען די הויזן, זיינע אייגענע זיינען געווען איינגאַנצן צעהאַ־דערט. די הויזן וועט ער דאַרפן צום אַרויסגיין פון טורמע, ער האָפט באַפרייט צו ווערן. יידן זיינען, זאָגט ער, שוין נישט איינמאָל אויסגעשטאַנען עלילת־דמים.

קאַפּיטל ה

אין דער טורמע איז אַ סך פרייער און פריילעכער ווי אין דער קליינער, אײַ־נערלעכער טורמע. דאָ מעג מען שלאָפן אויך בייטאָג, מען מעג רעדן הויך, מען נעמט ביי קיינעם נישט צו די רעכט צו קריגן פּערעדאַטשעס. אַ גרויסער עולם דאָ, פאַרשידענע טיפּן, יעדן טאָג ווערן אַוועקגעפירט אַרעסטאַנטן און עס קומען אָן אַנדערע. מען ווייסט די לעצטע געשעענישן און מלחמה־נייעסן.

אַלס פּערעדאַטשיק דינט דאָ דער פּראָקוראָר אַכמאַטאָף, דער פּראָוואָקאַטאָר, וואָס איז געזעסן מיט מיר אין יענער טורמע אין דער קאַמער 14. אויך איבראַגי־מאָף איז שוין אין דער טורמע, ער אַרבעט דאָ אין טורמע־וואַרשטאַט אַלס שלאָסער.

דער „פּאַרמאַזאָן" קריגט יעדן צווייטן טאָג „פּערעדאַטשעס", מען נעמט אים שוין נישט צו אַלץ, ער האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט סעריאָזשקאַ און יע־נער נעמט אַראָפּ נאָר אַ דריטל.

ביים צוריקשיקן דאָס ליידיקע טעפּל, פאַרשטעלן מיר דעם פּאַרמאַזאָן. אויף דער סאַזשע פונם טעפּל שרייבט ער דאַן אָן עטלעכע ווערטער צו זיין ווייב. סרוב לויטן זיינע בריוועלעך:

„גיב וויפל מען וויל און ראַטעווע מיך"!

דערפאַר איז דאָ ביינאַכט אומהיימלעכער. ניין אָוונט לאָזט מען אַראָפּ פון די קייטן די טורמע־הינט און זיי לויפן איבערן הויף און בילן. יעדע פּופּצן מי־נוט שיסן אוים די טורמע־וועכטער, אַלס סימן, אַז זיי זיינען וואַך אויף זייערע פּאָסטנס.

עס האַלט איצט דיזשור אויפן קאָרידאָר אַ פרוי, וועלכע איז אַמאָל דאָ אַליין אָפּגעזעסן פינף יאָר, דעם אורטייל האָט זי באַקומען פאַר אָפּשניידן מיט אַ ראַזיר־מעסער דעם געשלעכטס־אָרגאַן ביי איר מאַן. נאָכן אָפּזיצן דעם טערמין, האָט זי אָנגענומען דאָ דעם פּאָסטן אַלס תּפיסה־וועכטערין. זי איז אַ ביטער שטיק און באַשטראָפט אונז אַלעמאָל מיט נישט לאָזן עפענען דאָס לעדנדל פון טירל און גיט אונז נישט קיין וואַסער. סעריאָזשקאַ אָבער לאָזט זיך נישט. ווען זי קומט אַריין אין קאַמער אָנשרייען פאַרוואָס מען שלאָפט נאָכנישט, פאַרוואָס מען רעדט הויך, גיט אונז סעריאָזשקאַ אַ באַפעל:

— פאַרטיידיקן אונזער מענערישקייט!

און אַלע אַרעסטאַנטן שטייען אויף און מיט די הענט פאַרשטעלן זיי זיך די מענלעכקייט...

זי ווערט דעמאָלט ווילד, לויפט אַרוים און גיט אַ זעץ מיט דער טיר. זי לאָזט אונז דערפאַר פאַרטאָג נישט גיין זיך וואַשן. סעריאָזשקאַ האַלט אָבער, אַז עס איז ווערט, מיר מוזן זיך דאָך אויך אַביסל פאַרווײַלן!

עס איז שווער איינצושלאָפן. איך ליג צווישן דער גרופּע יידן און דערציי

זיי פֿאַרשידענע מעשׂהלעך. איך דערצייל זיי היינט וועגן בעל־שם־טוב. דער בעל־סעראַבער ייד רופֿט זיך אָן, אַז ביי זיי אין שטאָט, אין קישינעוו, האָט מען געשפּילט אַ טעאַטער־שטיק וועגן דעם בעל־שם־טוב. מיך פֿאַראינטערעסירט עס, איך פֿרעג אים אויס פּרטים, ער גיט איבער דעם אינהאַלט און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָ האַנדלט זיך גאָר וועגן דער פּיעסע „הערשעלע אָסטראָפּאָליער".

מען דערציילט זיך וועגן אַמאָליקן לעבן, וועגן די פֿאַמיליעס, יעדער רעדט אַרום זיין ענין, פֿאַרוואָס מען האָט אים אַרעסטירט, מען חלומט וועגן סוף פֿון דער מלחמה, וועגן באַפֿרייט ווערן.

אַ יונגערמאַן פֿון קראָקע, אַרעסטירט פֿאַר גנבֿענען ווייץ ביי דער אַרבעט, וואָרנט קעגן די אילוזיעס, אַז מיטן סוף פֿון דער מלחמה וועלן מיר ממילא באַפֿרייט ווערן. מען דאַרף בעסער זעען ווערן שווער קראַנק. אויב מען איז נישט קיין פּאָליטישער פֿאַרברעכער, נאָר אַ קרימינעלער, קען מען „אַקטירט" ווערן פֿון אַ מעדיצינישער קאָמיסיע, באַפֿרייט ווערן פֿון טורמע. ער מיינט, אַז עסן אַ סך זאַלץ און געשוואָלן ווערן, איז נישט קיין זיכער מיטל, די טורמע־דאָקטוירים האָבן זיך שוין דערויף געכאַפּט. עס איז דאָ אַ בעסער מיטל: אַרויסרייסן עטלעכע פֿעדעם זייד פֿון אַ מלבוש־אונטערשלאַק, צעצופּן אויף קליינע פּיצעלעך, עס אויסמישן מיט מאַכאָרקע און יעדן טאָג אויפֿעסן צוויי לעפֿל. נאָך איין חודש פּאַקט מען די שווינדזוכט און דעמאָלט איז דאָ אַ שאַנס באַפֿרייט צו ווערן.

מענדל זינגער זאָגט, אַז ער האָט אַ בעסער מיטל:

— יעדן טאָג זאָגן דריי קאַפּיטלעך תהלים, בעטן צו גאָט — איז דער שאַנס אויף באַפֿרייט ווערן זיכערער.

***

בייטאָג קומען דאָ נאַטשאַלניקעס פֿון די לאַגערן, פֿרעגן אויס ביי די אַרעסטאַנטן וועגן זייערע פֿאַכן, ספּעציאַליטעט, ביי וואָס זיי קענען אַרבעטן, הייסן זיך אויסטאָן, מען באַטראַכט די מוסקולן און מען מעסט דעם קערפּער. עס גייט אויך מיט אַ דאָקטער. יעדער לאַגער־נאַטשעלניק קלויבט אָפּ אַ גרופּע מענטשן פֿאַר זיין לאַגער. די אַרעסטאַנטן, וועלכע ווערן נישט אָפּגעקליבן דורך די נאַטשאַלניקעס פֿון די אַרומיקע לאַגערן, ווערן אַוועקגעשיקט אין די שטיינהאַקערייען, אין די קאַזאַכישע אָדער אוראַלער קוילנגרובן, אויפֿן וויטן צפֿון אָדער אין סיביר.

איינער פֿון די נאַטשאַלניקעס זעט מיר אויס אויף אַ ייד. ער קוקט מיך אָן און פֿרעגט ביי מיר דעם נאָמען, ספּעציאַליטעט. איך גיב זיך אָן פֿאַר אַ בוכהאַלטער. ער הייסט אפֿילו נישט דעם דאָקטער מיך באַטראַכטן און באַפֿעלט מיר זיך אַוועקצושטעלן אין דער פּאַרטיע וואָס ער האָט שוין אָפּגעקליבן.

אויפֿן הויף דאַרף איך נאָך דורכגיין אַ רעגיסטראַציע און פּערזענלעכע רעוויזיע. ביים רעגיסטרירן זיך זאָגט מיר די טורמע־באַאַמטין:

— אייער ברודער האָט זיך פֿאַר אייך אויסגעסטאַרעט, אַז מען זאָל אייך אָפּשיקן אין אַ היגן לאַגער.

— מיין ברודער? איך האָב נישט דאָ קיין ברודער.

— ווער פֿרעגט אייך דען? איז עס אייערס אַ קוזין, אַז יענער האָט געזאָגט

אַז ער איז אייערס אַ ברודער, שטימט עס, איז עס אַזוי, דאַרף עס אַזוי זיין, איז־האָט פאַרשטאַנען ?

און זי האָט צו מיר געגעבן אַ נויג מיטן קאָפּ. איך האָב שוין פאַרשטאַנען. פאַרשטאַנען אַז דאָס איז נישט קיין ברודער, אַז דאָס איז עפּעס אַ פּראָטעקציע, אַ „בלאַט״ (כאַבאַר). אָבער ווער האָט זיך דאָס געסטאַרעט פאַר מיר ? שמאַיע־וויטש ? אויב אַזוי וואָלט איך נישט וועלן פון אים קיין שום טובה. און מסתמא איז ער דערביי אויך עפּעס אויסן, זיכער נישט מיין טובה.

אין אַ צייט אַרום בין איך געוואָר געוואָרן, אַז שמאַיעוויטש האָט געמאַכט באַמיאונגען, געוואָלט אַפילו אונטערקויפן די רעגיסטראַטאָרין פון טורמע — אַז מען זאָל מיך פאַרשיקן אין די ווייטסטע לאַגערן אַריין, אויפן ווייטן צפון, אָדער סיביר ! איך זאָל נישט זיין דאָ נאָענט און קענען איבערגעבן. וועגן זיין פאַרברעכן. פונדערוווייטנס וועל איך אויך נישט באַקומען קיין פערעדאַטשעס און וועל דערי־בער גיכער אויסגיין.

עס איז אים אָבער פאַרלאָפן דעם וועג דער ווילנער דיכטער פּרץ מיראַנסקי, וועלכער האָט זיך „אויסגעסטאַרעט״ אַז מען זאָל מיך איבערשיקן אין אַ סאַמאַר־קאַנדער לאַגער.

דעם 17 יולי האָט מען מיך אויפגעלאָדן אויף אַן אויטאָ מיט נאָך עטלעכע צענדליק אַרעסטאַנטן, מענער און פרויען, און אונז אַוועקגעפירט אין אַ היגן לאַגער.

ענדלעך האָב איך פאַרלאָזן די טורמע און פאָר איבער די גאַסן פון סאַ־מאַרקאַנד.

אין לאַגער

קאַפּיטל א

דורך די עטלעכע יאָר זיין אין ראַטנפאַרבאַנד, האָב איך ווי אינסטינקטיוו, געזוכט דורכצומאַכן דאָס אַלץ, וואָס עס מאַכט דאָ דורך אַ היפּשער טייל פון די בירגער און קודם־כּל, די יידישע פּליטים פון פּוילן.

איך בין שוין געווען אויף פאַרשיקונג און אין טורמעס, איך בין שוין געווען אין שפּיטאָלן און קאָלכאָזן, געאַרבעט ביים גראָבן די ערד, געאַרבעט אויף בוימ־וואָל־פּלאַנטאַציעס, געטראָגן ליים און ציגל, געאַרבעט אַלס רעכנפירער, געווען אַ נאַכטוועכטער, געזוגט האָלץ אין די וועלדער, געאַרבעט אַלס מאַטראָז אויף אַ לאַסט־שיף, געהונגערט, געשלאָפן אויף די גאַסן, געוואָרן געפּייניקט דורך קלעפּ בעת דער אויספאָרשונג — עס האָט מיר נאָר נאָך געפעלט צום רומל — אַ קאָנצענ־טראַציע־לאַגער.

אין די פריערדיקע יאָרן האָבן די לאַגערן אַזוי געהייסן אָפיציעל, קאָנצענטראַ־ציע־לאַגערן. נאָר ווען עס האָבן אָנגעהויבן „בארימט" ווערן אין דער וועלט די היטלעריסטישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָט מען דאָ שנעל געביטן דעם נאָמען אויף אַרבעט־ און דערציונג־לאַגערן.

דאָס איז אַ באַזונדערע רעפּובליק פון אַ פּאָר צענדליק מיליאָנען מענטשן, די רעפּובליק פון די סאַמע לייזנדיקסטע, די נישט־אָפיציעלע רעפּובליק פון די סאַמע טראַגישסטע און פאַרשטויסנסטע אין דער וועלט. די הומאַניסטן און פרייהייטס־קעמפער אין דער וועלט גערעדענקען צום ווינציקסטן אין דער מלוכה פון ליידן און פּיין — די מיליאָנען פאַרשפּאַרטע מענער און פרויען, זקנים און קינדער, די פאַר־שפּאַרטע אין די „אַרבעט־און דערציונג־לאַגערן".

אין די יאָרן ווען איך בין געווען אין רוסלאַנד אויף דער פריי, האָט זיך מיר אויסגעדוכטן, אַז איך בין נאָכנישט מיט אַלעם יוצא געווען. מיין שרייבערישע נייגיריקייט האָט מיר כּסדר געמאַכט פאָרווורפן:

„און דו וועסט אַרויספאָרן פונדאַנען, נישט האָבנדיק געווען אין די לאַגערן?!"

ווען איך פלעג אין סאַמאַרקאַנד פאַרבייגיין די צענטראַלע טורמע הינטער דער שטאָט, האָב איך באַקומען חשק זיך אַריינצוכאַפּן צו די אַרעסטאַנטן אויף עטלעכע שעה, זיי דערציילן די לעצטע נייעסן, זיי מכבד זיין מיט מאַכאָרקע, שוועבעלעך, פּרוכטן. איך האָב זיך אויף דער פריי נאָך געפילט ווי זייערער אַ גורל־ברודער, איינער פון דער גרויסער אַרעסטאַנטן־משפּחה.

וועגן די לאַגערן האָב איך געוווסט, אַז אויב עס קומט דאָרט אַריין אַ נייער אַרעסטאַנט צום ערשטן מאָל און פרעגט איבערגעשראָקן ביים וועכטער:

— צי וועל איך לאַנג דאָ אויסהאַלטן?

ענטפערט אים דער וועכטער מיט דעם פּאָפּולערן שפּרוך:

„זשיט בודיעש, נאָ י... ניע זאַכאָטשעש!" (לעבן וועסטו, נאָר אָן חשק צום זינדיקן מיט ווייבער).

קאַפּיטל ב

דער לאַגער געהערט נישט צו די גרויסע, וועלכע האָבן צו עטלעכע הונדערט טויזנט אַרעסטאַנטן, אָדער צו די קלענערע, נאָר מיט עטלעכע צענדליק טויזנט אַרעסטאַנטן. דאָס איז אַ קליינע לאַגער־קאָלאָניע, אַ צווייג פון די זעקס קליינע לאַגער־קאָלאָניעס אַרום דער שטאָט. דאָ אַרבעטן בלויז הונדערט מענער און זעקס הונדערט פרויען.

ביים אָנקומען זיינען מיר געוואָרן סאָרטירט, לויט די פּאַכן, פיזישע כוחות. איך האָב געמיינט, אַז אַלס בוכהאַלטער, וועט מען מיך נעמען אין קאַנטאָר. עס וואָלט, מסתמא, אַזוי געווען, ווען נישט דער רוסישער בוכהאַלטער, וואָס האָט זיך אויך געפונען צווישן אונזער גרופּע. ער איז קודם׳ער. און אַזוי ווי די נאַטשאַלני־קעס דאָ זיינען יידן, נעמען זיי גערנער אַ נישט־ייד.

מען האָט מיך צוגעטיילט צו דער אַלגעמיינער גרופּע שוואַרץ־אַרבעטער, וואָס דאַרפן בויען אַ נייעם באַראַק.

מען האָט אונז נישט געלאָזן אפילו קיין פינף מינוט אָפּרוען. מיר האָבן זיך באַלד אַוועקגעשטעלט צום טראָגן ליים און ציגל.

פאַר מיר איז עס אַ גליקלעכער טאָג. איך בין אויף אַ גרויסן פּלאַץ, אָטעם פרייע לופט, מען באַוועגט זיך הין און צוריק, אויף אַ גרויסן שטח. נאָך פינף חדשים ליגן פאַרשפּאַרט אין די תפיסה־קאַמערן, איז דאָס אַן אויפריכטונג.

איך בין אָבער זייער אָפּגעשוואַכט. האַלט זיך קוים אויף די פיס און פונ־דעסטוועגן איבערגעשראָקן פון דער נייער ווירקלעכקייט. איך טראָג ליים אויף נאַשעם צוזאַמען מיט אַלטע אוזבעקינס, מיט יונגע, רוסישע גנבטעס. מען זידלט זיך, מען שעלט, דער בריגאַדיר טרייבט אונטער און לאָזט קיין רגע זיך נישט אָפּשטעלן.

דער בריגאַדיר, אין אַ גראַנאַט־לייוונט־אַנצוג, אַ הויכער און ברייטער פּאַר־שוין, מיט צוגעשווירענע, קליינע וואָנסעלעך, שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן, לאַנגע נאָז, ער האָט מיר אויסגעזען ווי אַן אַרמענער. ער יאָגט אונטער און זידלט די אַרעסטאַנטן, וואָס כאַפּן אַ מינוט דעם אָטעם, לויפן נישט שנעל מיט די נאַשעס, וואַרפן נישט שנעל אָפּ די ציגל. ער פאַרהאַלט זיך גאָרנישט מעשה־אַרעסטאַנט.

ער האָט געזען מיין פאַרלוירנקייט, מיין אויסזען, שוואַכקייט, און באַלד דערהער איך פון אים גאַנץ שטיל אין אונזער יידיש לשון:

— שרעקט זיך נישט, פאַרלירט זיך נישט, איך בין אַ ייד, מיט אַ יידיש האַרץ, איך וועל אויף אייך אַכטונג געבן.

ער האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי אַ משיח. זיינע פּאָר ווערטער האָבן מיך גערירט ביז טרערן.

איך האָב געגומען איצט שנעלער אַרבעטן ווי פריער. אַן אוזבעק האָט מיך עפּעס פאַרטשעפּעט, גערופן מיך מיט דעם חוזקדיקן „האַללאַ־האַללאַ״. איך האָב זיך נישט געלאָזן און באַלד אים אָפּגעענטפערט:

— איך האָב מיינס אַן אייגענעם נאָמען, דו זאָלסט מיך נישט רופן „האַללאַ־האַללאַ״, איך וועל דיר דאָס נישט פאַרשווייגן.

און באַלד איז נעבן אונז אויסגעוואַקסן דער לאַגער־נאַטשאַלניק אַליין. ער איז אַ גבר אַ פּאַרשוין. מיט אַ לייבן־פּנים. פאַר זיין בליק ציטערט מען. פריער האָב איך

געזעען ווי ער האָט אָנגעכאַפּט אַ יונגע רוסישע אַרעסטאַנטין, וואָס איבער איר ברוסט איז אויסטאַטואירט די אויפשריפט:

„איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן מיין אַלטיטשקע מאַמע".

זי האָט עפּעס נישט אַזוי שנעל דערלאַנגט די ציגל. האָט זי דער נאַטשאַלניק אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאַרק און אַוועקגעשליידערט, שרייענדיק:

— אַרבעטן ביסטו אַהערגעקומען, און נישט קוקן אויפן הימל, סוואָלאַטש דו!

און אָט שטייט ער אַצינד צווישן מיר און דעם אוזבעק און פרעגט מיך וואָס דאָ קומט פאָר. איך דריי מיט דער צונג:

— עט, אַ נאַרישקייט, אַ קלייניקייט.

— מיט מיר רעדט מען פולע דיבורים! ענטפערט גלייך וואָס דאָ איז פאָר־געקומען!

איך זאָג:

— ער האָט נישט געוווסט מיין נאָמען, האָט ער מיך גערופן „האַללאַ־האַללאַ", האָב איך אים געזאָגט מיין נאָמען און געבעטן אַז מער זאָל ער מיך אַזוי נישט רופן.

דאָס בלוט האָט אים אַ שפּאַר געטאָן אין קאַרק, פּנים און אויגן. דאָ איז שוין אַן ערנסטער ענין. ער, דער נאַטשאַלניק בערסאָנסקי, איז אַליין אַ ייד. ער וואָלט דעם אוזבעק איצט מער דערלאַנגט ווי יענער רוסישער גנבטע. דער אוזבעק האָט דאָך דערמיט אויך אים, בערסאָנסקין, באַליידיקט. אָבער טאַקע דערפאַר, איז ער נישט פריי אין זיין האַנדלונג און קאָן נישט ווי געהעריק רעאַגירן. ער דראָט נאָר מיטן פינגער דעם אוזבעק:

— געדענק! נאָכאַמאָל זאָל איך אַזעלכעס פון דיר נישט הערן!

דער בריגאַדיר זאָגט מיר שפּעטער:

— אונזער נאַטשאַלניק זעט אויס ווי אַן עשיו, ער איז אָבער אַ טרייער ייד, אַ באַהאַלטענער, ער קען דאָס נישט אַלעמאָל אַרויסווייזן.

***

דער בריגאַדיר איז אַן אוקראַינער ייד, רובינשטיין. ער איז געווען דירעק־טאָר פונעם היגן ברויט־זאַוואָד. מען האָט אים געכאַפּט ביי מיסברויכן און אים פאַרמשפּט צום דערשיסן. מען האָט דעם אורטייל פאַרביטן אויף צען יאָר.

אין די יונגערע יאָרן האָט רובינשטיין געאַרבעט אין קיעוו אַלס קאָמאַש־שטעפּער. ער האָט געאַרבעט אין איין וואַרשטאַט צוזאַמען מיט קאַגאַנאָוויטשן, דער ברודער פון לאַזאַר מאָסעיעוויטש, דער הייננטיקער מיניסטער.

רובינשטיינס איינציקער זון איז אויפן פראָנט. ער האָט דאָ אַ פרוי, שנור און אייניקל. זיי זיינען אין גרויס נויט און שיקן אים אפילו נישט אַריין קיין עסן. אַלס בריגאַדיר, וואָס האָט צו זאָגן איבער אַ הונדערט אַרעסטאַנטן, באַקומט ער ביי טייל פון זיי עפּעס עסן, יענע באַקומען „פּערעדאַטשעס". זיי ווילן זיין גוט געזעען ביים בריגאַדיר, נישט צופיל אַרבעטן, פאַרשריבן ווערן, אַז זיי אַרבעטן אויס די נאָרמע, לויזט זיי דעריבער אָפּצוגעבן אַ חלק פון זייער עסן דעם ברי־גאַדיר. איך געהער שוין אויך צו דער גרופּע, וואָס באַשטייער זיך מיט אַ חלק פאַר רובינשטיינען. אַ בריגאַדיר איז אַ שטיק באַלעבאָס איבער דיין געזונט און לעבן

אינם לאַגער. מען אַרבעט דאָך פערצן שעה אין טאָג ביי אַ היץ פון 77 גראַד (צעלזיוס).

ביינאַכט, ווען מען לייגט זיך אויס אויף דער הוילער ערד צום שלאָפן, ווייזט מיר רובינשטיין אַ פאַרשריבן צעטעלע. איך זאָל עס דורכלעזן און אים זאָגן צי עס איז ריכטיק אויפגעשריבן. עס איז „קדיש״, געשריבן מיט רוסישע אותיות. ער האָט די טעג יאָרצייט נאָך זיין טאַטן, וויל ער דאָ אָפּזאָגן קדיש פאַר זיך. ער געדענקט אָבער נישט פון אויסנווייניק, האָט עס אים אַן עלטערער רו־סישער ייד פאַרשריבן מיט רוסישע בוכשטאַבן. רובינשטיין לייענט עס איצט נאָכאַמאָל איבער און חזרט זיך איין יעדעס וואָרט:

„יעגיי, שמיי, ראַבאָ״ (יהא שמה רבא).

אויף די זיבנהונדערט אַרעסטאַנטן דאָ, זיינען פאַראַן דרייסיק יידישע מע־נער און פרויען — ס׳רוב פון פוילן.

קאַפּיטל ג

רויזקע שיקט מיר אַריין פּערעדאַטשעס יעדן דריטן טאָג.

דער לאַגער איז אין אַ טאָל, פון דער רעכטער זייט זעט מען דעם באַרג. אַרום לאַגער, אויף בערגלעך, שטייען די וואַך־טורעמס. ווען רויזקע גייט צוריק, זע איך זי אויפן בערגל. זי פאָכעט פונווייטנס מיט דער האַנט. איך קען צו איר צוריקגריסן מיט דער האַנט, אויב עס זעט נישט קיינער פון די וועכטער. איך פאַרשטעל זיך הינטערן לאַסט־אויטאָ אויפן הויף, אָדער אין קאָרידאָר פון שפּי־טעלעכל.

אין דעם צעטעלע וואָס ווערט ביינעלייגט צו דער פּערעדאַטשע, איז אויס־גערעכנט אַלץ וואָס זי שיקט מיר אַריין און עס איז אויך צוגעשריבן:

„איך ווינטש אייך געזונט. גרוסן, קושן״. אַמאָל ווערט דורכן לאַגער־צענזאָר אויסגעמעקט די צושריפט.

צוביסלעכווייז ווער איך געניט אין דעם גאַנצן לאַגער־מעכאַניזם, ווער גע־וואָר אַביסל אין די זייטיקע גענג, הינטערקוליסן־סודות. איך ווייס שוין ווי אַזוי מען קען אַריינבאַקומען און אַרויסשיקן אין געהיים בריוועלעך.

דער לאַגער איז נישט קיין היגער, נאָר עוואַקואירט געוואָרן פון אוקראַינע. ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען אין אוקראַינע איין שטאָט נאָך דער אַנדערער, האָבן די טורמעס און לאַגערן פון דאָרטן קוים באַוויזן זיך צו עוואַקואירן. אין מערסטע פאַלן, אויב מען האָט נישט באַוויזן צו עוואַקואירן די אַרעסטאַנטן, האָט מען זיי באַפרייט, גענומען אין דער אַרמיי, אָדער אַרבעטס־באַטאַליאָן — אָבער נאָר די קרימינעלע. די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, וועלכע מען האָט נישט באַוויזן צו עוואַקואירן, זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

בערסאָנסקי, דער נאַטשאַלניק פון אַ לאַגער אין אוקראַינע, אַ מענטש מיט אַ סך ענערגיע און איניציאַטיוו, האָט געראַטעוועט זיין קליינעם לאַגער, איבער־געפירט אַלע פאַבריקס־מאַשינען און די אַרעסטאַנטן. די ציווילע באַפעלקערונג האָט דעמאָלט אפילו מקנא געווען די לאַגערניקעס, ווייל מען האָט זיי אָפּגעגעבן

וואַגאָנען, באַזאָרגט מיט עסן, ווען די פרייע בירגער האָבן גראָד ווייניק געהאַט די דאָזיקע מעגלעכקייטן.

דער נאַטשאַלניק כערסאָנסקי און אַלע געהילף־נאַטשאַלניקעס דאָ, ס׳רוב יידן, זיינען גאַנץ צופעליק אָנגעקומען אויף אַזעלכע אַמטן. זיי זיינען ביזן יאָר 1927 געווען אָרגאַניזירט ביי זיך אין שטעטל אין אַן אַרטעל. די פינאַנץ־מאַכט האָט ביי זיי אויסגעפונען מיסברויכן, אָפּגענאַרט מיט די מלוכה־שטייערן, עס האָט זיי געדראָט אַרעסטירט צו ווערן. זיינען זיי פאַרלאָפן דעם וועג און געמאָלדן דער מאַכט, אַז זיי זיינען גרייט צו פאַרלייגן אַן אַרטעל ביים „דאפר״ (תפיסה) און אַרבעטן פאַר דער טורמע־לייטונג.

דאָס האָט זיי געראַטעוועט פון אַרעסט, זייער פּלאַן איז געוואָרן אָנגענומען. צוביסלעכווייז זיינען די האַנטווערקער פון דעם אַרטעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נאַטשאַלניקעס פון אַ לאַגער דאָרטן, וואָס האָט אויפגעשטעלט ביי זיך אַ היפּשע טעקסטיל־פאַבריק און עטלעכע קלענערע וואַרשטאַטן, אַ שניידעריי, שוסטעריי און שלאָסעריי.

חוץ דעם הויפּט־נאַטשאַלניק, זיינען אין דעם לאַגער פאַראַן נאָך עטלעכע אונדרייסיק געהילף־נאַטשאַלניקעס. אויסער דעם וואָס יעדער וואַרשטאַט האָט זיין נאַטשאַלניק, איז נאָך פאַראַן אַ נאַטשאַלניק פון רעזשים, נאַטשאַלניק פון קולטור־דערציערישן אָפּטייל, אַ פּאָליטישער לייטער, נאַטשאַלניק פון דער „וואָכרא״ (מיליטערישע לאַגער־וואַך), לאַגער־קאָמענדאַנט, „אורטשע״ (אַקטן־אָפּטיילונג), פייערלעשער־בריגאַדע און אַ ספּעציעלער באַפּולמעכטיקטער פון דער נקווד. דער לעצטער דאַרף אַכטונג געבן סיי אויף די אַרעסטירטע, סיי אויף די נאַטשאַלניקעס און באַאַמטע.

דער באַפּולמעכטיקטער שאַפט זיך איין דאָ מוסרים, פון וועלכע ער באַקומט קאָנפידענציאָנעלע ידיעות וועגן דער אויפפירונג פון די אַרעסטאַנטן, זייערע שמועסן, מיינונגען. ער שטעלט צונויף אַקטן און פאַרפירט נייע פּראָצעסן קעגן די אַרעסטאַנטן. טייל פאַר גנבענען אין די וואַרשטאַטן ווו זיי אַרבעטן און טייל פאַר פּאָליטיק, פאַר רעדן קעגן דער ראַטנמאַכט.

בלויז צען פון די נאַטשאַלניקעס, צוזאַמען מיט דעם נקווד־באַפּולמעכטיקטן, זיינען נישט קיין יידן. אפילו די אַרעסטאַנטן קומט אויס צו הערן פון די נישט־יידישע נאַטשאַלניקעס און פון די עטלעכע צענדליק לאַגער־וועכטער, ווי זיי זאָגן מיט שפּאָט און שנאה: „זשידאָווסקי לאַהער״ (אַ יידישער לאַגער).

פון די פייערלעשער זיינען דריי יידן. דאָס זיינען אַלץ פרייע, געדונגענע. עטלעכע פון די פייערלעשער, ווי אויך איינציקע פון די וועכטער, זיינען די הויפּט־אָפּנעמער פון אַלע לאַגער־גנבות. סיי פון די זאַכן וואָס איין לאַגערניק גנבעט צו ביים צווייטן און דער עיקר פון די אויסאַרבעטונגען אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן דאָ. ווערט דאָך בלויז אין איין צעך אויסגעאַרבעט פינף טויזנט פּאָרלעך טריקאָ־וועש אַ טאָג. אין אַנדער צעך אַרבעט אויס צוועלפהונדערט מעטער לייוונט אַ טאָג, חוץ די קלענערע צעכן, אַזוי, אַז עס איז דאָ וואָס צו גנבענען.

ביים אַרויסגיין פון לאַגער, חוץ דעם הויפּטנאַטשאַלניק און זיין פאַרטרעטער, פּאָליטישער לייטער, ספּעציעלער נקווד־באַפּולמעכטיקטער און מאַגאַזין־נאַטשאַלניק, ווערן אַלע רעווידירט ביים אַרויסגייען פון טויער. די וועלכע טראָגן אַרויס גנבות, „בלאַטירן״ אָפּ די וועכטער ביים טויער.

אַט דורך די גנבה־אויפקויפער שיקט מען אַרויס „גריפּסן" אויף דער פרייַ. עס קאָסט דרייסיק רובל אַ בריוועלע. פאַרשטייט זיך, אַז נישט ביי אַלע־מען נעמען זיי בריוועלעך, עס דראָט דאָך דערפאַר גאַנצע פינף יאָר. די אַלע פריי־געדונגענע באַאַמטע איז אפילו פאַרבאָטן צו רעדן מיט די אַרעסטאַנטן. נאָר בלויז געציילטע פון אונז זיינען באַקאַנט מיט די אַלע הינטערקוליסן־סודות און ווייסן ווי אַזוי דאָס דורכצופירן.

דער אַלטיטשקער אוקראַינישער ייִד, אַ פּייערלעשער, אַ שטיקל בן־תורה, אַ קענער אויך פון דער משכילישער ליטעראַטור, ער טראָגט נישט אַרויס קיין שום גנבות. ער נעמט אויך נישט קיין בריוועלעך. חוץ אין גאַנץ זעלטענע פאַלן. אָבער גאָט זאָל אָפּהיטן, אַז מען זאָל אים פאַרשלאָגן דערפאַר שכר הליכה, ער וואָלט זיך בלוטיק באַליידיקט. ער הונגערט טאַקע. אינדערהיים האָט ער אַ קראַנק ווייב און אַ געליימטן זון. די אַנדערע צוויי זין זיינען אויפן פראָנט. עטלעכע פון אונזערע היימישע מענטשן שטופּן אים אַמאָל אונטער עפּעס עסן. ער נעמט דאָס מיט ציטערדיקע הענט — פון פרייד, וואָס ער וועט האָבן עפּעס אַהיימצוברענגען פאַר זיין קראַנקער פרוי און זון; פון חרפּה, וואָס ער דאַרף נעמען עסן ביי אַן אַרעסטאַנט; פון שרעק — עס זאָל נישט דערעזן קיינער פון די וועכטער און נאַטשאַלסטווע.

דריי מאָל אין וואָך שיק איך אַרויס און באַקום אַריין אין געהיים בריוועלעך. כדי עס זאָל נישט ווערן אויפפאַלנד, שרייב איך איינמאָל אין צוויי וואָכן אַן אָפיציעל בריוועלע און שיק עס דורך דער אָפיציעלער לאַגער־פּאָסט.

קאַפּיטל ד

מיר אַרבעטן שוין די פינפטע וואָך אָן אַן אָפּרו־טאָג. אָפיציעל דאַרף מען רוען יעדן צענטן טאָג. נאָר דער נאַטשאַלניק מוז אָניאָגן דעם פּלאַן, די נאָרמע, וואָס איז אים באַשטימט. מען דאַרף אויך אויפבויען צוויי נייע באַראַקן, ווייל ס'רוב אַרעסטאַנטן שלאָפן נאָך אַלץ אונטערן פרייען הימל און אויף דער הוילער ערד. אַ טייל פון דער געביידע וואָס איז שוין געווען אויפגעבויט, איז איינגעפאַלן און באַגראָבן אונטער זיך זעקס פרויען. עס איז פאַרבאָטן אין לאַגער צו רעדן וועגן דעם פאַל. עס איז פאַראַן אַ קאַרצער, פאַר קליינע חטאים זעצט מען איין אין קאַרצער, פאַר גרעסערע ווערט שוין פאַרפירט אַ באַזונדערער משפּט און מען באַקומט אויף אַ צולאָג עטלעכע יאָר.

פינף פאַרטאָג איז דער „פּאָדיאָם", אויפשטיין. אַלע איילן זיך אין דער סטאָלאָווקע. זעלטן ווער עס וואַשט די הענט און פּנים אינדערפרי. פאַראַן פיר וואַסער־קראַנען, קאָנען קוים עטלעכע צענדליק מענטשן באַוויייזן זיך אָפּצוואַשן, אָפּט פאַרפעלט וואַסער. פאַראַן צוויי באַסיינען (דאָס וואַסער איז נייטיק פאַר דער פאַבריק), שפּירט זיך פון דעם וואַסער, עס איז באַדעקט מיט מיליאָנען רויטע זומפּ־וואַנצן און געלן שימל. דאָך שווענקט מען דאָרט אָפּ די הענט.

אין דער סטאָלאָווקע באַקומט מען אַ פּאָרציע ברויט און זופּ. נישט אַלע באַקומען גלייך. יעדער בריגאַדיר האַלט ביי זיך אַ טאַבעלע און רופט אויס דעם נאָמען פון יעדן אַרבעטער פון זיין בריגאַדע. ער באַקומט ברויט לויט דער פּראָצענט־

נאָרמע, וואָס ער האָט נעכטן אויסגעאַרבעט. אַזוי דאָס ברויט און אַזוי די זופּ. עס זיינען פאַראַן צוויי סאָרטן קעסלען.

נישט אַלע לאַגערניקעס גייען אַריין מיט איינמאָל אין סטאָלאָווקע, נאָר פּאַר־טיעסווייז. עס שטייען דאָרט עטלעכע נישט־באַדעקטע, נאַקעטע טישן. קיין בענק צום זיצן זיינען נישטאָ. מען עסט שטייענדיקערהייט. יעדער דאַרף האָבן זיין אייגענעם לעפל. די גראָע, נאַסע ווענט זיינען פאַרשריבן מיט רויטע לאָזונגען: וועגן אָנגעשטרענגטער, מיזאַמער אַרבעט, הויבן די פּראָדוקציע, פאַרווירקלעכן דעם אינדוסטריעלן פּלאַן פון דער סטאַלינישער „פּיאַטילעטקאַ" (פינפיאָר־פּלאַן); אַ באַגריסונג דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע, וואָס איז די סאַמע דעמאָקראַטישסטע קאָנסטיטוציע אין דער גאַרער וועלט; אַ לאָזונג:

„דאָס לעבן איז קונסט, איז ווי דאָס געקעכץ אָן געשמיליץ".

און אַ לאָזונג מיט גרויסער שריפט:

„ספּאַסיבאַ סטאַלינו זאַ נאַשו סטשאַסטליוואויו זשיזן!" (אַ דאַנק סטאַלינען פאַר אונזער גליקלעכן לעבן).

אין סטאָלאָווקע איז אוממעגלעך צו אָטעמען. די ריחות פון דער קרויט־זופּ, די ריחות פון די שמוציקע מלבושים פון די לאַגערניקעס, פון זייערע נישט־געוואַשענע לייבער, דעמפּן זיך איצט אויס אין דער היץ. פון אַלעמען גיסט אַ שוויים, מען שטופּט זיך און מען זידלט, געשלעגן, איינער גנבעט צו ביים צווייטן זופּ, דאָס ברויט. צום ערגסטן איז ווען עס צעשלאָגן זיך די ווייבער, דאָ וועט שוין קיינער גאָרנישט אופּטאָן, ביז דער דיזשורני פירט זיי נישט אָפּ אין קאַרצער אַריין.

פערצניעריקע און זיבעציקיעריקע אַרעסטאַנטן זיינען אַלע צווישן זיך אויף „דו". נאָר אַ קליינע גרופּע פון אינטעליגענטן וואָס „אירצט" זיך, גיבן זיך קעגנזייטיק אָפּ כבוד און רופן זיך ביי די נעמען און פאָטער־נעמען:

— וואַסילי סערגייעוויטש, ווי אַזוי איז זיך אייך געשלאָפן? וואָס פאַר אַ גוטע חלומות האָט איר געזען?

דער אַלטער אליעזר שטיינהאַרדט שטייט אין אַ זייט, שטופּט זיך נישט. זיינע ליפּן שעפּטשען תפילות. ער וויל באַווייזן נאָך אָפּדאַווענען פאַרן עסן. אין אַ זייט שטייט אויך איליאַ. ער דאַווענט נישט, קען אפילו נישט קיין יידיש אות. ער וועט זיך אויך נישט שטופּן. ער ווייסט ווי לייכט עס איז צו פאַרוואַנדלען אַ מענטש אין אַ חיה. איליאַ איז נאָך אַלץ אַ פאַרביסענער און איבערצייגטער קאָמוניסט, אין לעניניסטן זין און סטיל.

דער אַלטער, פיראונזעכציק־יעריקער שטיינהאַרדט, אַ ליובאַוויטשער חסיד פון ווייסרוסלאַנד און דער יונגער, דרייסיק־יעריקער, נישט־פאַרענדיקטער אינזשיניער, איליאַ, אַן אַסימילירטער יידישער יונגערמאַן פון מאָסקווע, אַקטיווער קאָמסאָמאָלטוער — דאָס זיינען ביידע ליכטיקע געשטאַלטן, די ריינסטע, ערלעכסטע און איידלסטע צוויי מענטשן אין דעם לאַגער

אליעזר שטיינהאַרדט איז געוואָרן איינגעזעצט פאַר שפּעקולאַציע, מען האָט געפונען ביי אים אין שטוב אַ זעקל מאַכאָרקע. דאָס האָט צו אים אַריינגעלייגט זיינס אַ שכן. ער האָט אים אָבער נישט געוואָלט אויסגעבן, גענומען דעם חטא אויף זיך. אין טורמע האָט ער פאַר אַ אַנדערן ייד זיך אַרויסגעבאַפּט מיט עטלעכע בייזע ווערטער וועגן דעם סאָוויעטישן רעזשים. יענער ייד האָט אים געמסרט און מען

האָט שטיינהאַרדטן פאַרמשפּט צום דערשיסן. (פאַר אַגיטאַציע אין טורמע אָדער לאַגער קומט טויט־שטראָף).

שטיינהאַרדט איז אָפּגעזעסן הונדערט און צוויי טעג אין דער טויטן־קאַמער, ביז דער העכסטער ראַט אין מאָסקווע האָט אים באַגנעדיקט און פאַרביטן זיין אור־טייל אויף צען יאָר לאַגער.

איליאַ איז אַ זון פון אַ קאָמוניסט. אַליין איז ער געבוירן געוואָרן אין יאָר 1914 אין פּאַריז. זיין טאַטע איז געווען דעמאָלט אַ בונדיסט. נאָכן אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע, איז זיין טאַטע אַרויסגעפאָרן פון פּאַריז קיין מאָסקווע, געוואָרן אַ באָלשעוויק, מיטגליד פון דער פּאַרטיי און גלייך פאַרנומען הויכע, פאַר־אַנטוואָרטלעכע שטעלעס. זיין פאָטער האָט אָנטייל גענומען אין די שווערסטע קאַמפּן, אַוועק אויף די געפערלעכסטע פּאָזיציעס, אין מלחמה, אין בירגער־קריג, דערנאָך אויף פּאַרטייאישע פּאָזיציעס. גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל ביי דער קאָ־לעקטיוויזירונג אין די דערפער, נישט איינמאָל געווען באַדראָט פון טויט, אַליין געלעבט אין די שווערסטע, מאַטעריעלע באַדינגונגען — ער איז אַלץ בייגעשטאַנען. בעת דער רייניקונג אין יאָר 1937 האָט מען אים גערופן אין „געפּעאו". מען האָט אים געפרעגט זיין מיינונג וועגן דער פּאַרטיי־ליניע און באַציונג צו סטאַלינען. האָט ער אַרויסגענומען אַ העפט, דאָרט האָט ער געהאַט פאַרשריבן אַלע זיינע מיינונגען, פאָרמולירט אין טעזן, זיין גאַנצער קאָמוניסטישער אַני־מאַמין. דעם העפט האָט ער געגעבן דער געפּעאו איבערצולעזן. ער איז אַוועק אַהיים. אין דער זעלבער נאַכט האָט מען אים שוין אַרויסגענומען פון בעט. ער איז פאַרמשפּט געוואָרן צו צען יאָר אין די וועיטע לאַגערן, אָן רעכט אויף קאָרעספּאָנדענץ מיט דער משפּחה. די פאַ־מיליע, איליאַ, זיין עלטערע שוועסטער (די מאַמע איז נאָך פריער געשטאָרבן) האָבן באַקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזן מאָסקווע במשך 24 שעה צייט.

איליאַ האָט אין מאָסקווע געהאַט געלערנט אין איין אינסטיטוט מיט ראָמען ראָלאַנס אַ זון. ער האָט גלייך געמוזט פאַרלאָזן דעם אינסטיטוט און געוואָרן אויסגעשלאָסן פון קאָמסאָמאָל. זיי מוזן זיך באַזעצן אין וויטן אוזבעקיסטאַן, אין סאַמאַרקאַנד. דאָ איז ער מחויב זיך צו מעלדן יעדע זיבן טעג אין דער היגער געפּעאו.

ער איז אַוועק אַרבעטן אין אַ פאַבריק אַלס מעכאַניקער. אין יאָר 1942 האָט ער געהאַט אַ שמועס מיט זיין דירעקטאָר וועגן דער רוסישער געשיכטע, דערמאָנט אין דער צייט פון מיטלאַלטער, ווען רוסישע הערשער האָבן איינגעלאַדן צו זיך אין לאַנד הערשער פון דער פרעמד, ווייל זיי אַליין זיינען נישט געווען אומשטאַנד אָנ־צופירן און אַנטוויקלען רוסלאַנד.

אין אַ קורצער צייט נאָך דעם שמועס האָט מען אים אַרעסטירט. זיין אויס־פאָרשער איז גראָד אויך געווען נאָגטיעוו. איליאַ איז באַשולדיקט געוואָרן אין פאַר־שפּרייטן דעפעטיזם, אין נישט גלייבן אין דעם אייגענעם כח פון רוסלאַנד. ער איז פאַראורטיילט געוואָרן לויטן פּאַראַגראַף 66, פאַר טרייבן קאָנטררעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע, אויף צען יאָר לאַגער און אויף נאָך פינף יאָר פאַרלירן אַלע בירגער־רעכט.

איליאַ, מיט זיינע גוטע, קורצזיכטיקע אויגן און קינדישן שמייכל, נעמט איצט גוט־ברודעריש אַרום דעם אַלטן שטיינהאַרדט. זיי האָבן זיך ביידע ליב און שעצן זיך. שטיינהאַרדט האָט ביי זיך אויסבאַהאַלטן אַ קליין תהילימל. איליאַ איז אַ היסטאָרישער מאַטעריאַליסט און אַטעאיסט, פונדעסטוועגן האָט ער אַמאָל דאָ געבעטן דעם אַלטן,

ער זאָל פאַר אים איבערזעצן עטלעכע קאַפּיטלעך פון תהילים. ווען שטיינהאַרדט האָט פאַר אים פאָרגעלייענט און איבערגעזעצט, האָט אים אליאַ איבערגעריסן:

— עס געפעלט מיר נישט. נאָר מען לויבט און מען דאַנקט, אַזוי ווי ביי אונז סטאַלינען. אַ לעניניסט האָט פיינט אַזעלכע שטיק.

יעדער בריגאַדיר שטעלט שוין איין זיין בריגאַדע. מען נעמט די אַרבעטס־מכשירים. אויף דערויף לעבן מיר. אויף דערויף זיינען מיר אין די לאַגערן, אַז מען זאָל נישט פאַרזוימען קיין איין מינוט צו דער אַרבעט. בויען, אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד, פאַרווירקלעכן סטאַלינס פערטע פּיאַטילעטקע.

די בריגאַדירן באַפעלן:

— צו אונזערע אויפגאַבן! צו דער אַרבעט! שאַגאָם מאַרש!

קאַפּיטל ה

איך בין אַ שלאָגלער. אויף דער טאָפּעל וואָס מען הענגט אויס יעדע וואָך, אויף וועלכן ס׳זיינען פאַרשריבן די אַלע, וועלכע האָבן געאַרבעט איבער דער נאָרמע, פיגורירט אויך מיין נאָמען. איך האָב באמת געאַרבעט מיט אַלע כוחות, זיך אָנגעשטרענגט נישט אָפּצושטיין פון די אוזבעקן און רוסן, מען זאָל נישט קאָנען פאַרוואַרפן, אַז אַ ייִד פוילט זיך. איך באַקום הונדערט גראַם ברויט מער אַ טאָג, אַ זופּ פון בעסערן קעסל און אַ פּאַרציע קאַשע. די הונדערט גראַם ברויט נעמט זיך צו מיין בריגאַדיר. ווען איך זאָל אפילו אַרבעטן צען מאָל מערער, אויב איך „שמיר" נישט דעם בריגאַדיר, וועל איך די נאָרמע קיינמאָל נישט אויסאַרבעטן. ער ווייסט ווי אַזוי צו פאַרשרייבן.

די היץ איז העכער 70 גראַד. איך טראָג ליים און ציגל. מיין „נאַפּאַרניק", וואָס טראָגט מיט מיר די נאָשעס, איז אַ הויכע אוזבעקין, זי גייט די ערשטע. מיט איר הויכן, כאָטש געבויגענעם גוף, שאַפט זי אַ שטיקל שאָטן און איך קאָן זיך עטוואָס אָפּקילן. אָבער דאָך פאַל איך פון די כחות. דאָס האַרץ שטייט אָפּ. איך בין אַריין צום דאָקטער, ער זאָל מיך באַטראַכטן און אַרויסגעבן אַ ביולעטין באַפרייען כאָטש אויף אַ טאָג פון דער אַרבעט.

דער דאָקטער סוויעטלאָוו האָט מיך באַטראַכט, פעסטגעשטעלט אַ שטאַרקע האַרץ־אָפּשוואַכונג און באַפרייט מיך פון דער אַרבעט אויף — אַ האַלבע שעה צייט.

סוויעטלאָוו איז אַליין אַן אַרעסטאַנט, אַ „קאָנטריק" (קאָנטררעוואָלוציאָנער), פאַרמשפּט אויף צען יאָר. ער איז געווען אין מאָסקווע אַסיסטענט פון דעם וועלט־באַרימטן פּראָפעסאָר פּאַוולאָוו. אין יאָר 1937 האָט מען אים אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי צוליב חשד אין טראָצקיזם, מען האָט אים פאַרשיקט אַדמיניסטראַטיוו קיין סאַמאַרקאַנד. אין יאָר 1942 איז ער אַרעסטירט געוואָרן צוליב אַ בייזוויליק חכמהלע. ווען די רויטע אַרמיי האָט פאַרלוירן איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער, האָט סוויעטלאָוו געזאָגט פאַר זיינעם אַ באַקאַנטן:

— אני טאַנקאַמי אַ מי סאַנקאַמי, אָדנאַקאָ נאַס ניע דאָגאָניאַט (זיי מיט טאַנקען און מיר מיט שליטנס, דאָך וועלן זיי אונז נישט דעריאָגן).

דאָס הייסט, אַז די דייטשן יאָגן אונז נאָך אויף טאַנקען, מיר אַנטלויפן פון זיי אויף שליטנס, דאָך וועלן זיי אונז נישט דעריאָגן, ווייל מיר לויפן שנעלער.

ער האָט באַצאָלט פאַר דער חכמה מיט צען יאָר.

איך האָב אים פאַרגעוואָרפן פאַרוואָס ער באַפרייט מיך פון דער אַרבעט נאָר אויף אַ האַלבער שעה, איך קאָן זיך דאָך נישט רירן פון אָרט, ער גיט מיר נישט אַפילו קיין פאַר טראָפּנס „קאַרדיאַמין" צו באַרואיקן דאָס האַרץ, איך וואָלט דאָך באַדאַרפט אָפּרוען כאָטש עטלעכע טעג. ער צעפּירט מיט די הענט:

— מיין ליבער, איך בין נישט באַלעבאָס איבער זיך, נישט אַלץ איז געווענדעט אין מיר. אויסער דעם קומט נאָך אין באַטראַכט דאָס, וואָס איר זענט אַ ייד און איך בין אַ ייד, מען וועט באַלד מורמלען אַז דאָס איז פּראָטעקציע, „פּאָ בלאַטו". קיין „קאַרדיאַמין" קאָן איך אייך נישט געבן, דאָס איז אַ טייערער מעדיקאַמענט, נאַטשאַלסטווע קרענקט אויך, זיי האָבן אויך אָפּגעשוואַכטע הערצער, פאַרשטייט איר דאָך שוין, אַז זיי האָבן פאַרהאַנט. אויסשרייבן אייך אַ ביולעטין אויף אַ טאָג־צוויי מוז דאָס באַשטעטיקן מיין געהילף, וואָס איז נישט קיין ארעסטאַנט, נאָר אַ „וואָלני נאַיאָמני" (פריי־געדונגענער), דאַרפט איר שוין דורכגיין אַ קאָמיסיע. איך האָב אַפילו נישט געהאַט קיין רעכט אייך צו אונטערזוכן אין דער אַרבעטסצייט. איר האָט נישט געטאָרט צו מיר קומען, איך טראַקטיר דאָס ווי אַ דרינגנדן פאַל, קאָן איך אייך אויף אייגענער אחריות געבן נאָר אַ האַלבע שעה אָפּרו. אַן אַרעסטאַנט האָט אַפילו נישט די רעכט אויף קראַנק זיין. נו, איך האָב אייך שוין צופיל געזאָגט, זייט געזונט און גייט צו דער אַרבעט.

איך בין פונדעסטוועגן נישט באַלד אַוועק צו דער אַרבעט. איך מוז נאָך כאַפּן מיט אים אַ קליינעם שמועס. ער רעדט נישט גערן. אָבער איך ווער געוואָר, אַז ער איז אויך אַ קרבן פון נאַגטיעוון, אַז יענער האָט אים שרעקלעך געממיתט.

אַז ער האָט זיך איינגעבראָכן, דאָס האָב איך שוין געהאַט געוווסט, געוואָר געוואָרן פון איליאַ. זיי האָבן אויף דער פריי געפּלעגט זיך טרעפן און שמועסן. ער איז אַ פּחדן, סוויעטלאָוו, ער וועט נישט רעדן קיין דריי ווערטער, אַז ער זאָל באַלד נישט צוגעבן די מזוזה־ווערטער:

„אונזער פּאַרטיי און רעגירונג, אונזער גרויסער סטאַלין".

איך פאַרטשעפּע אים מיט אַ פּאָר ווערטער וועגן יידישע ענינים. ער וויל נישט רעדן, כאָטש אים זיינען נישט פרעמד, ווי ער זאָגט, די „קליינע אותיות'לעך", זיין טאַטע איז געווען אַ למדן און חסיד. (סוויעטלאָוו איז זיין „אַרישער" נאָמען, ער האָט אַ ריין יידישן פאַמיליע־נאָמען). איך רעד מיט אים וועגן דעם אויסמאָרדן די יידן דורך די דייטשן. ער קנייטשט זיך, די אויגן ווערן אים פייכט, ער פאַרטראַכט זיך אַ מינוט און וואָגט זיך דאָך מיר אַריינצוזאָגן אין אויער אַריין:

— מיר וועלן אומקומען, ווייל עס פעלט אונז היינט אַ נייער יהודה המכבי!

ער האָט מיר פאַרלענגערט מיין אָפּרו־צייט אויף נאָך אַ האַלבע שעה.

קאַפּיטל ז

ניין בייגאַכט איז „אַטבאַי", מען דאַרף שלאָפן. מיר ליגן נאָך אַלץ אויף דער הויליער, ליימיקער ערד, צווישן פיר מויערן, אָבער אָן אַ דאָך. כאָטש אַלע זיינען מיד פון דער אַרבעט, אָבער ס'שלאָפט זיך נישט. עס ליגן דאָ הונדערט מענער. אַיוואַנאָוו לייענט פאַר די מלחמה־קאָמוניקאַטן אין צייטונג. נישט אַלע הערן זיך איין.

יעדע פינף מינוט קלינגען די וואַך־טורעמס, אַ סימן, אַז זיי וואַכן, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג.

יעדער ליגט מיט אויפגעריסענע אויגן און קוקט צום אָפענעם שטיק הימל איבער אונזער חרובן באַראַק. דאָרט אין הימל זעט ער זיין שטוב, זיין פרוי, קינ־דער. יונגוואַרג זעט זייערע מאַמעס, טאַטעס. דאָרט אין הימל זעט מען די אויסגע־בענקטע פרייהייט, דעם אייגענעם הויף, די שכנים, די אורויק־ביימער. דער הימל דאָרט אינדערהיים איז אויך אַן אַנדערער. דאָ זעען די שטערן אויס אַמאָל אויף אייגענע, באַקאַנטע, פריינטלעכע און אַמאָל זעען זיי אויך אויס ווי — לאַגער־וועכטער.

עס איז די צייט פון אַרעסטאַנטישער בענקשאַפט, פאַרן אַנטשלאָפן ווערן. יעדער בענקט און טרוימט אויף זיין אופן. עס איז דאָ אַ געמיש פון צענדליקער נאַציעס, פון די פאַרשידנסטע טיפּן פאַרברעכער, סיי קאָלקאַ, דער גרוזינישער סטודענט, וואָס האָט אַמאָל אנטיילגענומען אין אַן אַרכעאָלאָגישער עקספּעדיציע און שפּעטער געוואָרן אַ באַנדיט, סיי פּיאָטר איוואַנאָוויטש, מיט דער לאַנגער, רויטער באָרד, אַ „סטאַראָוויער", מיט אַן ענלעך פּנים צו קריסטוסן. ער איז אַ מאַרטירער פון זיין אמונה. באַקומען אַכט יאָר.

עס טוליען זיך צו זיך די צוויי יונגע וועבער פון פּאַביאַניץ, וועלוול און הערשל. זיי זעען איצט זייערע מאַמעס, טאַטעס, שוועסטער און ברידער, וואָס זיינען דאָרט פאַרבליבן אין פּאַביאַניצער געטאָ. ווען זיי זיינען אַנטלאָפן פון דערהיים, זיינען זיי נאָך געווען יונגע, אָפּגעציטערטע קינדער. געאַרבעט שוין ביי וועב־שטולן אין לאָדזש, אָבער זיך נאָך גערעכנט פאַר „מאַמעס קינדער". זיי זיינען אין רוסלאַנד נישט פאַרשיקט געוואָרן. זיי האָבן געאַרבעט ביים בויען הייזער, דערנאָך זיינען זיי אַריבער אין אַ גרויסער טעקסטיל־פאַבריק אין איוואַנאָוו־וואָזניעסענסק, דאָרט האָבן זיי גוט פאַרדינט. זיי זיינען געווען ספּעציאַליסטן, האָבן זייער פאַך שטו־דירט אין אַ וועבער־שול, אין לאָדזש. זיי האָבן דאָ גוט פאַרדינט, האָבן נאָך פאַר־קויפט זייערע מיטגענומענע אַנצוגן און זייגערלעך, געקויפט דערפאַר שפּייז און געשיקט פּעקלעך אַהיים, צו זייערע עלטערן אין פּאַביאַניצער געטאָ. זיי האָבן זיך געהאַט נישט שלעכט, ווי עס האָבן זיך געהאַט נישט שלעכט אויך די פּוילישע פּליטים, וועלכע האָבן געוווינט אין גרוזיע, דאָרט האָבן פּוילישע געקאָנט אַרבעטן אויף העכערע פּאָסטנס.

בעת דער עוואַקואַציע זיינען וועלוול און הערשל אָנגעקומען קיין סאַמאַר־קאַנד. דאָ האָבן זיי אָנגענומען שטעלעס אין דעם לאַגער אַלס מייסטער אין דער וועבעריי. נאָך עטלעכע וואָכן אָפּאַרבעטן דאָ, האָט מען זיי געכאַפּט ביי אַ גנבה, פאַרמשפּט צו דריי יאָר און זיי זיינען געבליבן אַרבעטן אינם זעלבן לאַגער שוין נישט אַלס פריי־געדונגענע, נאָר אַלס אַרעסטאַנטן.

נעבן מיר ליגט דאָס דאַרע, לאָדזשער בחורל חיים. ער איז אַלט ניינצן יאָר, זעט אָבער אויס קוים אויף פופצן. ער איז אַ באַוווסטזיניק בחורל, אָנגעהערט אין לאָדזש צו אַ סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. ער איז אויסגעטרוקנט, קראַנק. ווען ער איז פאַרשיקט געוואָרן אין יוני 1940 אין לאַגער אַריין, איז ביי אים קאַליע געוואָרן דאָס לשון, געוואָרן אַ שטאַמלער. נאָך דער אַמנעסטיע, איז ער געקומען קיין סאַמאַרקאַנד. ער האָט געבעטלט אויף די גאַסן. מען האָט אים דער־פאַר אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף אַנדערטהאַלבן יאָר. ער האָט נישט הי קיין

קרובים און באקאנטע, באקומט נישט אריין קיין פערדאטשעס. ביי דער ארבעט בלייבט ער שטארק הינטערשטעליק דער געפאדערטער נארמע, באקומט ער נאר פירהונדערט און אמאל נאר דרייהונדערט גראם ברויט א טאג. ער דערגייט צו־ביסלעכווייז, געהערט צו דער קאטעגאריע „דאכאדיאגי" (אויסגייענדיקע).

חיים קוקט אויך איצט אויפן הימל און זעט, מסתמא, דארט נאר א גרויס ראזאווע ברויט, א שטיקל קנאבל און א זיס טעפל טיי.

דער אלטער שטיינהארדט זעט אין הימל, מסתמא, גאר עפעס אנדערש. ער זוכט סימנים פון קץ, אדער ער זעט דארטן זיין ליובאוויטשער רבין, וועלכער איז אין אמעריקע. ער זעט אים אוודאי איצט דא, איבער זיך, דעם פארהייליקטן רבין זיינעם, וואס איז ווי א פארטרעטער פון מלכות שמים אויף דער ערד. אפשר זעט ער אויך איצט זיין אייגענע טאכטער, דאס כלה־מיידל, וואס דארף בקרוב שטעלן א חופה?

און אויך איליא קוקט אויפן הימל. ביי אים איז דאס אן אויסגעמאסטענער שטח, א מאטעריעלער קערפער, נישטא דארט וואס צו זוכן. פונדעסטוועגן זעט ער אויך דארט זיין פרוי, וואס האט אים פארלאזן. ער איז דא געווען געווארן, אז זי האט חתונה געהאט מיט א צווייטן. זי איז א יונגע פרוי, שוין דריי יאר אן א מאן, זי האט נאך צוווארטן זיבן יאר, האט זי דען געקאנט ביישטיין דעם נסיון? אדער אפשר זעט ער איצט אין דעם שטיק לאגער־הימל — לענינען?

הינטער מיר ליגן א באנדע געווינלעכע „אורקעס", רוסישע, אוז־בעקישע, פוילישע און אויך איין ייד.

חיים שארט זיך צו מיר צו און רוימט מיר איין, אז די חברה דארט פאר־האנדלט מיין מאנטל, וועלכער ליגט ביי מיר צוקאפנס, אנשטאט א קישן. מען איז מושווה געווארן מיטן היטל־מאכער אויף 120 רובל. עס זיינען שוין באַ־שטימט געווארן צוויי חברה־לייט, וואס וועלן אים אפערציען פון הינטערן קאפ, בעת איך וועל שלאפן. חיים זאגט מיר צו אויפצוזיין א גאנצע נאכט און מיר העלפן אכטונג געבן.

דער דיזשורני קומט אריין און מאכט א סקאנדאל, פארוואס מען שלאפט נאך נישט, עס איז שוין צען אוונט. אלע שליסן די אויגן און מאכן זיך שנארכן. ווען דער דיזשורני גייט ארויס, זיינען אלע שוין צוריק אויף. עס איז אומעטיק און בענקשאפטלעך, שווער איינצושלאפן. עס קריכט אריין א קאץ אין באראק. א געשעעניש. עס הייטערט אלעמען אויף. די חברה אורקעס האבן אן איינפאל. זיי כאפן די קאץ און בינדן איר צו צום עק א בלעכן שאכטל פון קאנסערוון. די קאץ דערשרעקט זיך און לאזט זיך גאלאפ לויפן, דאס בלעכענע שאכטל קלאפט אן דער ערד, די קאץ שפרינגט איבער די ליגנדיקע ארעסטאנטן, עס איז א טומל, א הייטערקייט, א געשעעניש. די ארעסטאנטן פרייען זיך ווי קינדער. די קאץ לויפט איבערן הויף. די ביינאכטיקע לאגער־שטילקייט איז צעשטערט. דער טומל אין הויף פארשטארקט זיך, מען הערט געשרייען, די אלארם־גלאקן סיגנאליזירן. מען דערהערט א שיסעריי.

עס קומען אנצולויפן אין באראק עטלעכע זעלנער־דיזשורנעס. מיר אלע מאכן זיך שלאפן. זיי טרעטן גלייך צו צום אויספארשן. די קאץ איז, ווי מיר הערן, אריינגעשפרונגען אין סטאלאווקע, דארט קאכט מען שוין די זופן אויף מארגן, די קאץ האט אויסגעהאקט עטלעכע שויבן, די קעכינס האבן זיך דערשראקן און

צעליאַרעמט, די וועכטער אויף די טורעמס האָבן געמיינט, אַז עס קומט פאַר אַ „פּאָביעג" (אַנטלויפן) און אויסגעשאָסן.

קיינער וועט, פאַרשטייט זיך, נישט אויסגעבן ווער עס האָט געמאַכט דאָס שטיק מיט דער קאַץ. די דיזשורנעס שטעלן צונויף אַ פּראָטאָקאָל און נעמען צו דריי חברה־לייט אין קאַרצער. די דיזשורנעס קענען שוין גוט זייער עולם אַרעסטאַנטן און ווייסן ווער עס האָט געקענט פּעאיק זיין אָפּצוטאָן אַזאַ שטיקל.

דאָס געשעעניש איז פאַר די אַרעסטאַנטן געווען נישט ווייניקער וויכטיק ווי די קריגס־קאָמוניקאַטן, וועלכע מען האָט פריער פאַרגעלעזן. די אַרעסטאַנטן פירן זייער אייגענעם קריג. אַ קליין ביסעלע פאַרוויילונג מוז מען אויך אויסקעמפן און דערלאַנגען.

די אַרעסטאַנטן שלאָפן איין צופרידענע. דוכט זיך, אַז די שטערן אויפן הימל זיינען אויך אַצינד צופרידענער. זיי לויכטן העלער, שיינען און בלינצלען, ווי ווינקענדיק צו די אַרעסטאַנטן:

„גוט אַזוי קינדערלעך, מיר זיינען מיט אייך!"

קאַפּיטל ז

אין אַ טאָג פון סוף חודש אויגוסט 1944, באַלד אינדערפרי, האָבן מיר עטלעכע אַרעסטאַנטן געזאָגט, אַז אויפן בערגל דרייט זיך אַרום די פריילין, וואָס שיקט מיר פּעדעדאַטשעס. וואָס טוט זי דאָרט באַלד אינדערפרי? איך פאַרנעם מיין פּאַזיציע הינטערן לאַסט־אויטאָ, פונוואַנען איך קאָן זעען רויזקען. זי פּאָכעט האַסטיק מיט דער האַנט און שרייט הויך, ווי זי וואָלט גאָר פאַרגעסן, אַז מען טאָר נישט אַריבערשרייען, אַז מען קאָן זי דערפאַר פאַרהאַלטן. צוויי מאָל ווידערט זי הויך די זעלבע פראַזע: „אַן אַמנעסטיע פאַר די פּוילישע! ווי מיט דריי יאָר צוריק! אַן אַמנעסטיע פאַר די פּוילישע! ווי מיט דריי יאָר צוריק!"

די פרייד האָט מיר אָפּגעצויגן דאָס בלוט פון פּנים, איך בין בלייך געוואָרן און זיך אָנגעכאַפּט פאַרן אויטאָ. אַן אַמנעסטיע! מיר ווערן באַפרייט!

אין אַ מינוט אַרום האָבן שוין אַלע פּוילישע אין לאַגער געוווּסט די גוטע בשורה. אין אַ שעה אַרום זיינען שוין געווען אין לאַגער „גריפּסן" פון דער פריי, וועלכע האָבן איבערגעגעבן פּרטים פון דער פאַרעפנטלעכטער אַמנעסטיע. טייל וועכטער און נאַטשאַלסטווע האָבן אונדז גראַטולירט. פון די נישט־פּוילישע אַרעסטאַנטן איז דאָך אָפּגערעדט. זיי האָבן אונדז אָבער באַגריסט מיט קלעמעניש: „נאָר די פּוילישע ווערן אַמנעסטירט, אין זיי האָט מען פאַרגעסן". שוין זיבעצן יאָר, זינט 1927, איז נאָך נישט געווען פאַר זיי קיין אַמנעסטיע און פאַר די פּוילישע איז במשך דריי יאָר שוין די צווייטע אַמנעסטיע.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּלפּול צווישן די פּוילישע, ווער עס וועט קאָנען גענים פון דער אַמנעסטיע. צי אויך די איינוווינער פון די געביטן אין פּוילן, וואָס זיינען אין סעפּטעמבער 1939 פאַרנומען געוואָרן דורך די סאָוויעטן? ווי די שטעט לעמבערג, ראָוונע, קאָוועל, לוצק, ווילנע, ביאַליסטאָק, בריסק, באַראַנאָוויטש און אַלע געגנטן אַרום? די לעמבערגער און ווילנער שטייען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, עטלעכע פרויען פון זיי ספּאַזמירן.

אָבער צוריקגעשמועסט, זיינען מיר, וואַרשעווער, לאָדזשער, לובלינער, אויך שוין נישט קיין פּוילישע בירגער, מיר האָבן דאָך אַלע אָנגענומען סאָוויעטישע בירגערשאַפט אין יאָר 1943! מיר האָבן דאָך נישט אַפילו קיין אַלטע, פּוילישע דאָ־קומענטן. אגב, שוין ביים אַרויסנעמען דעם סאָוויעטישן פּאַספּאָרט, האָט מען דאָך געמוזט אָפּגעבן די אַלטע, פּוילישע דאָקומענטן. נאָר דער רוב האָט פונדעסטוועגן אויסבאַהאַלטן נאָך עפּעס אַ פּוילישן דאָקומענט, אָבער פונוואַנען וועט אַזעלכעס נעמען אַן אַרעסטאַנט?

קומט דערויף דער לאָגיגשער תירוץ, אַז אויב מען האַלט אונז פאַר סאָוויעטי־שע בירגער, וואָלט דאָך די סאָוויעטן־מאַכט נישט פאַרעפנטלעכט אין די צייטונ־גען אַ פאַראָרדנונג וועגן אַמנעסטיע פאַר פּוילישע?

וואַרפט שוין איינער אַריין דעם פאַרצווייפלטן געדאַנק:

— ביי זיי זוכסט דו לאָגיק און יושר?

מען איז גרייט יענעם דורס צו זיין פאַר אַזאַ אַפּיקורסישן און פאַרצווייפלטן געדאַנק. ער טויט אָפּ אונזער איינציק פאַרבליבענע האָפנונג! מען פאַר־טרייבט פון זיך דעם צווייפלער, זאָל ער נישט פאַרסמען אונזערע גליקלעכע מינוטן.

די בריגאַדירן יאָגן אונז צו דער אַרבעט. שוין גענוג זיך אָנגעפרייט. ביז עס וועט נישט זיין אַ באַפעל שוואַרץ אויף ווייס אין דער קאַנצעלאַריע פון לאַגער, מוז מען דערוויל אַרבעטן. מיט פרייד און מיט חשק גייט מען צו דער אַרבעט. אונטערן האַרץ ריזלט אַ פריידיק שטראָמעלע:

— פרייהייט! פרייהייט!

די צוויי פּאַביאַניצער בחורים, וועלוול און הערשל, האָבן זיך אַרומגעכאַפּט קושן, זיך צעוויינט:

— וועסט זען! מיר וועלן נאָך דערלעבן צו זען אונזערע מאַמעס און טאַ־טעס, אונזערע שוועסטער און ברידער! גאָט האָט אונז דאָך געהאָלפן!

קאַפּיטל ח

לאָמיר עס זאָגן באַלד אין אָנהויב. מען זאָגט:

„גאָט האָט שוין לאַנג פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון די סאָוויעטן! ער האָט עס אַרויסגעלאָזט פון זיין השגחה! ער האָט פאַרשאָלטן דאָס גאַנצע לאַנד!"

מען האָט געלעבט מיט דער גליקלעכער בשורה וועגן פרייהייט, געוואַרט יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע מינוט. מען איז נישט געשלאָפן אין די נעכט, געוואַרט, אָט קומט מען אונז באַפרייען! די אַמנעסטיע איז דאָך אַ פאַקט, עס איז דאָך אונטער־געשריבן דורך דער העכסטער רעגירונגס־אינסטאַנץ, דורכן אויבער־ראַט פון מאָ־סקווער קרעמל! דער באַפעל איז דאָך געחתמעט און געדרוקט אין אַלע צייטונגען!

און מען האָט געוואַרט טעג, וואָכן, חדשים. עס וועט פאַריבער אַ האַלב יאָר, עס וועט שוין דערגיין צו אַ יאָר — און קיינער ווערט נישט באַפרייט! דער צווייפלער איז גערעכט געווען מיט זיין זאָג:

„ביי זיי זוכסט דו לאָגיק און יושר"?

יעדן טאָג זיינען געווען קעגנזעצלעכע ידיעות. אָט קומט אַ קאָמיסיע, אָט

דאַרף מען דורכקוקן די אַקטן, שוין דאָ אַ באַפעל פון מאָסקווע, עס איז שוין דאָ אַ קעגן־באַפעל פון טאַשקענט.

די משפחות פון די אַרעסטירטע טעלעגראַפירן צום אויבער־ראַט קיין מאָסקווע, צו קאַלינינען, צו מאָלאָטאָוון, צו סטאַלינען, צום פאַרבאַנד פון די פוילישע פּאַטריאָטן אין מאָסקווע, צו וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ — נישטאָ קיין ענטפער.

ביז עס איז געקומען דער טאָג און מען האָט אונז אָפיציעל מיטגעטיילט:

„די אַמנעסטיע איז חל אויף פוילישע בירגער. איר, אָבער, זענט אונזערע געזעצלעכע, סאָוויעטישע בירגער!"

אָבער אויב אַזוי, איז דאָך נישטאָ קיין איין געזעצלעכער פוילישער בירגער אין גאַנצן ראַטפאַרבאַנד! אַלע האָבן דאָך אָנגענומען די סאָוויעטישע בירגער־שאַפט! די, וועלכע האָבן זיך דערפון אָפּגעזאָגט, זיינען דאָך פאַראורטיילט געוואָרן צו עטלעכע יאָר טורמע און מען האָט זיי אויך פאַרעכנט אַלס סאָוויעטישע בירגער, ווי דאָקומענטנלאָזע, סאָוויעטישע בירגער!

אָבער דאָס פאַרשטייט זיך, וועט קיינער פון אונז נישט וואַגן איבערצופרעגן ביי נאַטשאַלסטווע, מען קאָן באַקומען נאָך אַ צולאָג עטלעכע יאָר זיצן.

מיר ווייסן די סיבה פון דער פאַרעפנטלעכטער אַמנעסטיע: אין מאָסקווע איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן די נייע פוילישע רעגירונג, עס איז געווען מיקאָלייטשיק פון לאָנדאָן. מען האָט דעמאָלט באַוויזן פאַר דער וועלט, אַז נישט נאָר אַ דאַנק שיקאָרסקין האָט די ראַטן־מאַכט פאַראָרדנט אַן אַמנעסטיע אין אויגוסט 1941, אויך די נייע, פּראָ־סאָוויעטישע פוילישע רעגירונג באַקומט די זעלבע פּריווילעגיע, אַן אַמנעסטיע פאַר די אַרעסטירטע פוילישע בירגער. אָבער וועגן אויספירן די אַמנענסטיע? די נייע פוילישע רעגירונג וועט דאָך איר נישט נאָכקוקן אויף די פינגער, זאָגן דעות, פרעגן קשיות!

דאָך פרעגט מען שטאַמלענדיק און פאַרזיכטיק ביי נאַטשאַלסטווע:

— אויב אַזוי, פאַר וועמען איז די אַמנעסטיע? מיר האָבן דאָך אַלע פּרייוויליק אָנגענומען סאָוויעטישע בירגערשאַפט, טאָ פאַר וועמען איז געוואָרן אַרויסגעגעבן די אַמנעסטיע?

דער ענטפער איז אַ בריקע מיטן פוס און קלאַפּ מיטן פויסט אין טיש:

וואָס דאַגהט איר זיך פאַר אַנדערע? ווער האָט אייך דערצו באַפולמעכטיקט? ווי וואַגט איר צו שטעלן קשיות אויף אַ פאַראָרדנונג פון אונזער העכסטן ראַט? וואָן אַרויס צו דער אַרבעט!

נאָר איינער פון אונז, איינער פון די צוואַנציק פויליש־יידישע אַרעסטאַנטן, איז יאָ אַרויס אויף דער פריי. דער איינער זיצט אין טורמע און לאַגער שוין פון פעברואַר 1942 אָן, האָט ער דאָך אין מערץ 1943 נישט געקענט אָננעמען די סאָוויעטישע בירגערשאַפט. זיין כלה אויף דער פריי האָט וועגן דעם געשיקט אויפקלערונגען און פּעטיציעס קיין מאָסקווע און טאַשקענט. ס'האָט נישט געפּועלט. האָט זי געשאַפן אויף זיין נאָמען אַן אַלטן פוילישן דאָקומענט (אַ פאַלשן, פאַבריצירט דאָ אין סאַמאַרקאַנד) און מיט דער הילף פון פּערציק טויזנט רובל כאַבאַר, איז ער נאָך פיר חדשים צייט זינט דעם פאַרעפנטלעכן די אַמנעסטיע, באַפרייט געוואָרן פונם לאַגער. דאָס איז געווען דער איינ־

ציקער פאַל, וואָס אַן אַרעסטאַנט, אַ פּוילישער בירגער, האָט גענאָסן פון דער אַמנעסטיע.

די געזעץ־געבער אין מאָסקווע האָבן זיך, זעט אויס, נישט פאָרגעשטעלט, אַז מען קאָן אויך דאָ, אין סאַמאַרקאַנד, פאַבריצירן אַן אַלטן, פּוילישן דאָקו־מענט און אַז דער סאַמאַרקאַנדער אויבער־פּראָקוראָר זאָל אויסטייטשן דאָס געזעץ בוכשטעבלעך און טאַקע באַפרייען אַן אַרעסטאַנט. זיי האָבן זיך נישט גערעכנט, אַז פערציק טויזנט רובל קאָנען אַזוי פאַרדרייען דעם קאָפּ אפילו פון אַן אויבער־פּראָקוראָר, אַז ער זאָל אָנהייבן צו טראַכטן נאָרמאַל און נעמען ערנסט אַ געשריבן געזעץ.

און וועלוול פון פאַביאַניץ האָט געזאָגט צו זיין חבר הערשל:

— יאָ, טאַקע פאַרגעסן, אַז גאָט באַווייזט נישט דאָס סאָוויעטן־לאַנד, אַז ער האָט דאָס דאָזיקע לאַנד פאַרשאָלטן. מיר וועלן דערוויייל ווייטער דאָ פוילן אין לאַגער!

און עס איז ווייטער אָנגעגאַנגען דאָס נאָרמאַלע, פאַרשאָלטענע לעבן אינם לאַגער!

קאַפּיטל ט

איך בין געשטאַנען אויף אַ דאַך און געגאָסן ליים. די עמערס מיט ליים האָט מען אַרויפגעצויגן מיט שטריק. אויפן דאַך גליט די זון נאָך שטאַרקער, זי טריפט אויס דעם שוויים פון לייב. די אַרבעט דאָ איז אָבער אויך אַ מעלה, מען זעט פונדאַנען די גאַס, מען זעט די אוזבעקן דורכרייטן אויף אייזעלעך, מען זעט קעמלען־קאַראַוואַנען, וואָס פירן זעקלעך ווייץ צו דער מיל, מען זעט דאָרט פרייע מענטשן, באַוועגן זיך פריי, אָן דער באַגלייטונג פון אַ קאָנוואָי.

איך האָב אַצינד אַריינבאַקומען אַ גריפּס, אַ בריוועלע פון דעם דיכטער פּרץ מיראַנסקי. איך האָב אים געהאַט געבעטן, אַז ווי נאָר עס וועלן ווערן אָפּגענומען דורך דער רויטער אַרמיי די שטעט סלאָנים און באַראַנאָוויטש, זאָל ער מיר גלייך מודיע זיין וואָס מער פּרטים. און אָט איז די ידיעה געקומען:

פון באַראַנאָוויטש און סלאָנים האָט מען שוין פאַרטריבן די דייטשן, עס איז אַריין די רויטע אַרמיי. אין באַראַנאָוויטש האָט מען אויסגעפונען צוועלף יידן און אין סלאָנים נאָר דריי יידן. עס זיינען אָנגעגעבן זייערע נעמען. די נעמען פון מיין פרוי און קינד זיינען נישטאָ. זיי זיינען הייסט עס אומגעקומען.

איך בין אַריין פון דאַך אין בוידעם־שטיבל, נאָך אַמאָל איבערגעלעזן דאָס בריוועלע. זיך אויסגעוויינט. מיין קינד און פרוי זיינען אומגעקומען! איך וויים, אַז עס איז נאָרמאַל, אַלע יידן זיינען אומגעקומען, פאַרוואָס זאָלן זיי דען האָבן געהערט צו די געציילטע אויסנאַמען? עס איז נאָרמאַל, אָבער ווי איז מיר צו דער נאָרמאַלקייט! מיין איינציק טעכטערל, מיין איידעלע, צאַרטע פרוי אומגעקומען! דערשאָסן, דערשטאָכן, געסמט, פאַרברענט, איך וויים אפילו נישט אויף וואָס פאַראַ אופן זיי זיינען אומגעקומען. פאַרוואָס בין איך נישט געוועזן צוזאַמען מיט זיי? עס וואָלט זיי אפשר אָנגעקומען לייכטער צו שטאַרבן? באָטש עס קאָן זיין גראָד פאַרקערט, עס איז זיי אפשר לייכטער אָנגעקומען צו

שטאַרבן, ווײסנדיק, אַז כאָטש איך בלייב ביים לעבן, אַז עס בלייבט כאָטש אַ נקמה־נעמער, אַ באַווײנער, אַז עס בלייבט כאָטש אַ זכר פון דער משפּחה.

בעת איך בין דעם צווייטן סעפּטעמבער 1939, דעם צווייטן טאָג מלחמה, געקומען פון דער שווייץ קיין וואַרשע, ווען איך האָב אויפגעעפנט די טיר און זיך געוואָרפן מיט פרייד האַלזן זי און דאָס קינד, האָט זי, מיין פרוי, נישט געוואָלט זיך מיט מיר באַגריסן. פאַרוואָס, האָט זי געטענהט, בין איך געקומען פון דער שווייץ? אויב זיי וועלן דאָ אומקומען, האָב איך כאָטש באַדאַרפט זיך ראַטעווען.

סיווי, זיי זיינען נישטאָ מיינע טייערסטע, מיינע נאָענטסטע, פאַר וועמען איך וואָלט אָפּגעגעבן צען לעבנס מיינע. אָבער איך קום אָפּ בלויז מיט טרערן. נאָך אַביסל געוויין, נאָך אַביסל טרערן. זיי זיינען מער נישטאָ, וועלן מער נישט זיין.

איך דערמאָן מיך אַצינד אַ פאַמיליען־עפּיזאָד:

מיר האָבן געפירט שפּאַצירן אונזער טעכטערל אין אַ וועגעלע איבער דער כלאָדנע גאַס אין וואַרשע. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס פאַלט אַראָפּ פון דאַך אַ ציגל, האָב איך גיך אַרויפגעלייגט מיין קאָפּ אויפן קינדס קערפּער צו פאַרשטעלן. איך זאָג עס דער פרוי, און זי ענטפערט מיר מיט אַ פאָרוואורף:

— עס זעט אויס ווי דו וואָלסט זיך באַרימט. און ווען עס דאַרף, גאָט באַהיט, צעקאַליעטשעט ווערן אַ פינגערל פונם קינד? וואָלט איך נישט פאַרשטעלט מיט מיין קערפּער, אפילו ווען איך דאַרף דערביי אומקומען?

אַצינד זיינען זיי שוין ביידע פאַרשניטן, מיין טעכטערל מ אַ י אַ און מיין פרוי פּ אַ נ י אַ. די וועלט זעט מיר איצט אויס ווי איין קבר, די זון ווי אַן אויסגעלאָשענע חצופה. נאָכוואָס און פאַר וועמען שיינט זי? פאַר וועלכע חטאים זיינען זיי אומגעקומען? זיי זיינען דאָך געווען ריין פון שולד, זיי זיינען דאָך געווען גוטע און שטילע טויבן. וואָס פאַראַ טויט האָט זיי באַגעגנט? זיינען זיי כאָטש אומגעקומען צוזאַמען, זיך צוטוליענדיק איינע צו דער צווייטער? אפשר האָט מיין קינד, אין דער לעצטער מינוט פאַרן טויט, כאָטש געוואָרפן אַ שטיין אין די מערדער?

דער בריגאַדיר רופט צו דער אַרבעט. איך זיץ אָפּ די פּאָר מינוט „שבעה" און זאָג נאָך זיי קדיש. דער בריגאַדיר רובינשטיין קומט אַריין אין קעמערל. איך ווייז אים דאָס בריוועלע. דער האַרטער און ברוטאַלער רובינשטיין צעוויינט זיך. ער טראַכט אוודאי איצט וועגן זיין איינציקן זון אויפן פראָנט, פון וועלכן ער האָט שוין לאַנג קיין ידיעה נישט דערהאַלטן. און אפשר האָט זיין פאָטערלעך האַרץ שוין פאַרגעפילט זיין אייגן אומגליק? ווייל אין עטלעכע טעג אַרום איז אים שוין אנגעקומען אַן אָפיציעלע מעלדונג, אַז זיין זון איז געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט אויפן שלאַכטפעלד.

איך גיי צוריק צו מיין אַרבעט. שיט ווייטער עמערס ליים אויפן דאַך. מיר דוכט זיך אויס, אַז דאָס שיט איך איצט ערד אויף די פרישע קברים פון מיינע טייערסטע. איך זע פאַר מיינע אויגן אַצינד גאָרנישט, נאָר זייערע צוויי פּנימער. מאַיאַ און פּאַניאַ פאַרשטעלן אַצינד די זון. די וועלט איז איצט פאַרשטעלט נאָר מיט זייערע צוויי טייערע, הייליקע פּנימלעך.

— גוט אַזוי, קינדערלעך מיינע, לאָמיך אייך שטענדיק זעען פאַר די אויגן, זייט שטענדיק מיט מיר, ווי איך וועל זיין מיט אייך. דער טויט איז מיר שוין

איצט איינן און נאַנט. עס מוז דאָך נישט זיין אַזוי שרעקלעך אין יענער וועלט, אויב איר געפינט זיך דאָרטן.

קאַפּיטל י

ענדלעך בין איך פּטור געוואָרן פון אַרבעטן ביים טראָגן ליים און ציגל. מען האָט מיך איבערגעפירט אין שוסטער־וואַרשטאַט. עס איז אין אַ ווינקל פון גרויסן פאַבריקס־האָל, וווּ עס אַרבעטן דאָ צוואַנציק וועב־שטולן. די שוסטערס זיצן אַרום אַ טיש, צוועלף בעל־מלאכות.

איך האָב נישט די מינדעסטע אַנונג אין דער מלאכה, איך האָב קיינמאָל נישט געוווּסט ווי אַזוי עס ווערט אויפגעשטעלט אַ שוך, פאַר מיר איז עס געווען עפּעס אַ טיפער, קאָמפּליצירטער ענין. בין איך דאָ דערווייל אין דער ראָל פון אַ לערן־יונגל. איך דאַרף אָפּהאַקן שטיקלעך דראָט, אַריינלייגן אין אַ פאָרמע און מאַכן פון דעם טשוועקעלעך. אַזוי דאַרף איך אויך קלעצלעך האָלץ צעשניידן אויף שטיפטן.

פאַר מיר איז דאָס אַ גרויסע דערגרייכונג. מען ווערט נישט אָפּגעסמאַליעט פון דער זון, מען אַרבעט נישט קיין פערצן, נאָר צען שעה אַ טאָג, אין אַ האָל, ביים טיש, מען יאָגט דיך נישט אונטער, מען טרייבט נישט. די מלאכה איז אפילו אַן אנגענעמע, אַ מעכאַנישע, מען קאָן טראַכטן ביי דער אַרבעט, מען קאָן אפילו הינטערן טיש לעזן אַ צייטונג און אפילו שרייבן לידער.

דער נאַטשאַלניק פון דעם שוסטער־וואַרשטאַט איז אַ ק״עוווער ייד. ווען ער איז דאָ אין וואַרשטאַט, פאַרשפּאַר איך צו אַרבעטן, ווייל ער זעצט זיך צו מיר צו און פאַרפירט אַ שמועס. ער רופט מיך וויציק „רב יוחנן הסנדלר".

ער וויל מיט מיר שמועסן וועגן יידישע ענינים. איך בין דאָך אַמאָל געווען אין פּאַלעסטינע, זאָל איך אים דערציילן וועגן דאָרטיקן לעבן. ער איז איבער די פערציק, אַן אויסגעבלייכט פּנים, מרה־שחורהדיקע גלות־אויגן פאַרשטעלט מיט בינאָקלען, ער מאַכט אַן איינדרוק פון אַן אַלטן ישיבה־בחור, כאָטש ער טראָגט דעם האַקי־מונדיר פון אַ לאַגער־נאַטשאַלניק.

זיין פרוי מיטן קינד האָבן זיך שוין רעוואַקואירט קיין קיעוו, עס וווינט דאָ זיינס אַ שוועסטער. ער באַנוצט נישט די רוסישע זידל־ווערטער, חברט זיך ווייניק מיט רעשט נאַטשאַלסטווע. נאָך דער אַרבעט פאַרברענגט ער אינדערהיים ביי אַ בוך. ר'האָט אָנגענומען דעם פּאָסטן אין לאַגער צוליב פּרנסה און צוליב „בראָן", נישט צו גיין אין דער אַרמיי. כאָטש מען וואָלט אים סיווי נישט גענומען, ער איז קורצזיכטיק און האָט אַ קראַנק האַרץ, נאָר מען וואָלט אים פאַר־שלעפּט אין אַן אַרבעטס־באַטאַליאָן.

אָבער דאָך איז ער אַ כעסן און שטרענגער, נעמט זיך ערנסט איבער מיט זיין אַרבעט. גיט אַכטונג אויף יעדער פּאָר שיך ווי זי ווערט געמאַכט, זעצט זיך אַליין אַוועק אַריינקלאַפּן אַ טשוועקל, טרעפט אָבער שטענדיק דערנעבן און צעקאַליעטשעט זיך. ער איז צעטראָגן, אויפגערעגט. אָט זיצט אַ יונגער אוזבעק און קלאַפּט צו די זויל צום שיך, דעם נאַטשאַלניק געפעלט עס נישט, כאַפּט ער ביי אים אַרויס דעם האַמער און וויל אַריינקלאַפּן דעם טשוואָק, דער אוזבעק

פאַלט אַראָפּ פון זיין פּוסבענקעלע און ליגט שוין אויף דער ערד מיטן שוך אין האַנט, דער נאַטשאַלניק שטייט איבער אים מיטן העמערל און קלאַפּט ווייטער דעם טשוואָק אינם שוך אויפן ליגנדיקן אוזבעק.

ער שרייט, קאָכט זיך, מען פּאַרפּושט אים גוטן מאַטעריאַל. די שיך ווערן אָנגענומען צו אַרבעטן פון אַן אַרטעל, מוזן זיי ווערן גוט געמאַכט, לייטיש, אָבער די שוסטערס זיינען לאַטוטניקעס, קענען נישט מאַכן קיין רעכט שטיקל אַרבעט, כאָטש אָנגעגעבן האָבן זיי זיך פאַר ספּעציאַליסטן.

נאָכן אָפּשרייען, ווישט ער זיך אָפּ דעם שווייס פון שטערן און זאָגט צו די אַרבעטער:

— אַנטשולדיקט פאַר מיין אויפרעגונג, מען איז דאָך נאָר אַ בידנער נאַטשאַלניק.

די אַרבעטער לאַכן, זיי זיינען אים מוחל. לייזער דאַנישעווסקי, דאָס ווילנער יאַטל, וואָס זיצט פאַר באַנדיטיזם, פאַר גנבענען אין די באַנען בעת דער עוואַקואַציע, ער האָט אַ נאָמען געגעבן אונזער באַלעבאָס:

„נאַטשאַלניק ציצה־כנפות".

⁂

עס איז שווער זיך צוצוגעוווינען צום רויש פון די צוואַנציק מעכאַנישע און צוואַנציק האַנט־וועב־שטולן. ביי זיי אַרבעטן בלויז פרויען און עטלעכע אַלטע אוזבעקן. די לייטערס פון די וואַרשטאַטן זיינען די צוויי פּאַביאַניצער, וועלוול און הערשל, וועלכע מען רופט דאָ וואָלאָדיאַ און גערמאַן. די פרויען זיינען כמעט אַלע קרימינעלע פאַרברעכערינס, חוץ דריי פּאָליטישע. אַ סך זיצן פאַר „פּראָגול", פאַר פאַרשפּעטיקן אויף מער ווי צוואַנציק מינוט, אָדער נישט קומען איניקע טעג צו דער אַרבעט. אורטיילן האָבן זיי פון פיר חדשים ביז זיבן יאָר. דריי אוזבעקינס זיצן פאַר מאָרד, זיי האָבן דערשטיקט זייערע אייגענע קינדער, נישט־געזעצלעכע, פון פרעמדע מענער, ווען זייערע אייגענע מענער זיינען געווען אויף די פראָנטן. עטלעכע זיצן פאַר מיסברויכן אויף זייערע לייטנדע אַמטן, דירעקטאָרינס, בוכהאַלטערינס. עטלעכע זיצן פאַר שפּעקולאַציע, אָבער דער גרעסטער פּראָצענט זיצט פאַר גנבה — אין די פאַבריקן וווּ זיי האָבן געאַרבעט, אָדער פּראָפעסיאָנעלע גנבטעס.

זאָיאַ קאָן לאַנג נישט איינשטיין ביים וועבשטול, עס איז איר לאַנגווייליק, זי מוז זיך אַביסל איבערשפּאַצירן איבערן האָל, צוכאַפּן זיך צו די שוסטערס, אויסהערן עטלעכע קאָמפּלימענטן. זי איז נאָכנישט אַלט קיין זיבעצן יאָר, זי איז די שענסטע פון די זעקסהונדערט פרויען דאָ. מען וואָלט זי געקאָנט אַוועקשטעלן צווישן נאָך עטלעכע הונדערט פרויען אויף דער פריי, אין דער נייער שטאָט, זי וואָלט דאָרטן אויך אַרויסגעלויכטן מיט איר שיינקייט. זאָיאַ זיצט פאַר גנבה, דאָס איז איר פּראָפעסיע. איר מאַמע איז אויך אַ גנבטע און האָט זי, זאָיאַן, געבוירן אין אַ לאַגער. זאָיאַס שיינקייט איז אַ רעטעניש. זי זיצט שוין דאָס צווייטע מאָל, ביים ערשטן מאָל אַ יאָר און איצט דאַרף זי אָפּזיצן צוויי יאָר. מער ווי אַ האַלבן טערמין איז זי שוין דאָסמאָל אָפּגעזעסן. זי באַקומט אַ האַלבן קילאָ ברויט אַ טאָג, דריי מאָל אין טאָג „באַלאַנדאַ", וואַסער־זופּקעס, וועלכע זיינען אָן געשמילץ, אָן קאַשע, אַן איין קאַרטאָפל, נאָר מיט בלעטער און אַמאָל פאַלט אַריין

א שטיקל בוראק. מען באקומט אויך א לעפל גרויפן אדער א שטיקל הערינג. נישט קיין פוטער, נישט קיין צוקער, מילך, טייג, קארטאפל — די צונג און גומען האבן שוין לאנג זייער טעם נישט פארזוכט.

ביי די פרויען טרוקענען אוים די בריסטן. זיי שטעלן זיך אפטמאל וואשן ביים קראן, אנטבלויזן זיך, זיי האבן זיך נישט וואס צו שעמען, עס איז זיי פאר־בליבן קוים קנאפע סימנים פון בריסטן. זיי גייען איין, ווערן שנעל „דאכאדיאגעס", זיי זיינען שטענדיק הונגעריק. ווען די אלטע פרוי, וואס האדעוועט די עטלעכע חזירים פאר נאטשאלסטווע, ווארפט ארוים פארן בליעוו די קליאמפן, די ברוקעוו־קעפלעך, וואס עס עסן שוין נישט די חזירים, ווארפן זיך דערויף די ארעסטאנטן ווי אויף א געבראטנס. מען צעכאפט עס אין איין רגע און דער דאקטער סוויעטלאוו באוויזט שוין נישט אפצונעמען ביי זיי די דעראבערטע שפייז. ער באוויזט נאר זיי אויסצומוסרן אין נאמען פון היגיענע און געזונטהייט־פארשריפטן.

דער לאגער־קאמענדאנט האט געכאפט עטלעכע פרויען ביים אפקאכן זשאבעס, וואס זיי האבן דא געכאפט אין די זומפן. ער האט אויסגעגאסן דאס עסן, די בלעכענע קעסעלעך קאנפיסקירט און די פרויען איינגעזעצט אויף דריי טעג אין קארצער.

די וועלכע באקומען פערעדאטשעס, ווערן פארעכנט ביי די ארעסטאנטן צו דער אריסטאקראטיע, צו די „קאפיטאליסטן". טייל אבער פון די ארעסטאנטן, וועלכע ארבעטן אין די פאבריקן און ווארשטאטן, גנבענען שטיקלעך שטאף, אדער שוין אויסגעארבעטע פראדוקציע און פארקויפן עס צו די פייערלעשער, צו די לאגער־וועכטערס. אפילו דער לאגער־קאמענדאנט אליין טראגט אויך ארוים אפגעקויפטע גנבות. ער ווערט אויך באזוכט ביים ארויסגיין, אבער ער גיט זיך אן עצה פונקט ווי אלע.

די ארעסטאנטן, וועלכע האבן די זייטיקע פארדינסטן, שיקן דאס געלט ארוים אויף דער פריי (אין געהיים) און באקומען דערפאר אריין פערעדאטשעס. אין לאגער איז אויך דא א קליינער „לארעק", ווו מען קאן באקומען צו קויפן ראזשינקעס, טאמאטן, זויערמילך און מאכארקע. דער אייגנטימער פון דעם לארעק איז קאזלאווסקי, א קיעווער ייד, געוועזן ווירטשאפט־לייטער אויפן קיעווער וואק־זאל, געכאפט געווארן ביי מיסברויכן און באקומען צען יאר. קיין פריוואט־לארעק טאר מען נישט האלטן, אבער דער רעזשים־נאטשאלניק און קאמענדאנט באקומען אין דער שטיל זייערס א חלק, דערלויבן זיי קאזלאווסקין דעם דאזיקן מסחר. עס הייסט דאך, אז עס איז פארן וווייל פון די ארעסטאנטן.

דער הויפט־נאטשאלניק בערסאנסקי מאכט זיך נישט זעען די אלע זאכן. ער האלט זיך פאר א פריינט און פארזארגער פון זיינע ארעסטאנטן. כאטש מען צי־טערט בלויז פאר זיין בליק. נישט נאר די ארעסטאנטן, נאר אויך די נאטשאלס־טווע. ווען ער איז אמאל אריינגעקומען אויף אן אינספעקציע אין סטאלאווקע, האט זיך די קליינע יידישע פריילין, נאטשאלניצע פון דער קולטור־אפטיילונג, באהאלטן אונטערן טיש, בערסאנסקי זאל זי נישט זעען, ווייל ער קאן זי אנזידלען דא אויפן ארט, אין אנוועזנהייט פון די ארעסטאנטן. א חטא וועט ער שוין אויף איר אויס־געפונען.

בערסאנסקי ווייסט אויך, אז מען גנבעט און מען שאכערט, מען טראגט

אַרויס, אָבער ער מאַכט זיך אויך דערפון נישט ווויסנדיק. ער וויל נאָר זיין וועגן אַלעם אינפאָרמירט, דערויף האָט ער שוין זיינע פּאַרטרויאונגס־מענטשן צווישן די לאַגערניקעס, מען דערטראָגט אים אַלץ. אַמאָל פאַראָרדנט מען פּלוצימדיקע רעוויזיעס אין די באַראַקן, מען געפינט געגנבעטע שטיקלעך סחורות, זעצט מען איין דעם גנב אין קאַרצער אויף צען ביז דרייסיק טעג. דער באַפּולמעכטיקטער פון נקוּוד וויל אין אַזאַ פאַל פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן דעם גנב, מען זאָל יענעם פאַרמשפּטן אויף נאָך עטלעכע יאָר, אָבער בערסאָנסקי פירט מיט אים אַ קאַמף ווי ווייט ער קען נאָר. ער רופט אָפּטמאָל צונויף אַ פאַרזאַמלונג פון די לאַגערניקעס און האַלט פאַר זיי פייערדיקע רעדעס, מיט גוטע רייד און מיט דראָונגען. אויף אַ צייט ווירקט עס. בערסאָנסקי איז אַן אויסגעצייכנטער רעדנער. ער באַנוצט אַ גוט פּאָרטל: ער שילדערט דאָס שווידערלעכע לעבן אין טורמע. ער, זאָגט ער, מיידט שטענדיק אויס דורכצוגיין נעבן די טורמע־געביידעס, ער גייט אַריבער אויף דער צווייטער זייט. דערנאָך שילדערט ער אין העלע פאַרבן דעם זיסן טעם פון פרייַ־הייט, וועגן דער בענקשאַפט פון די אַרעסטאַנטן צו זייערע היימען, מאַמעס, טאַ־טעס, קינדער, חתנים. דער לאַגער — זאָגט ער — איז צווישן טורמע און פריי־הייט, באַמיט זשע זיך וואָס שנעלער פונדאַנען אַרויסצובאַקומען! אַרבעט מיט אַלע כּחות, זייט אָרנטלעך, גנבעט נישט דאָ און איר וועט ווידער דערלעבן צו דעם גליקלעכן טאָג, ווען איר וועט אַרויס פון אונזער לאַגער־טויער און דערזעען די פרייהייט, דערזעען אייערע נאָנטסטע און טייערסטע!

אַ סך פרויען צעוויינען זיך בעת זיין רעדן. זיי רופן אים צערטלעך „באַטקאָ“, כאָטש ער קאָן נאָכדעם אָנכאַפּן איינע פון זיי ביי די האָר און אַנידערזערגען אויף דרערד.

אָבער זאָטער פון זיינע רייד ווערט מען נישט. דאָס שפּיטעלעכל אין לאַגער איז פול מיט „דאָכאָדיאַגעס“, זיי זיינען אין די הונדערטער, זיי ווערן אָפּגעשיקט אין דעם פיליע־לאַגער, ווו זיי אַרבעטן אויפן פעלד (יעדער לאַגער און טורמע האָבן זייערע אייגענע תבואה־פעלדער), אָדער פלעכטן שטריק. עס ווערט אויך וואָס אַמאָל פולער דאָס „בערגעל“, דאָס איז דער לאַגער־בית־עולם.

אָבער זאָיאַ קריגט נישט קיין פּערעדאַטשעס, גנבעט נישט און דאָך בליט איר שיינקייט, דאָך האָט זי אַ פּולן, כאָטש שלאַנקן קערפּער, איר פּנים איז ראָז, די אויגן פול מיט פרישקייט, חן און רייץ. זאָיאַ האָט אַ שטימע, ווי זי וואָלט זי אַרויסגעגנבעט פון אַ פידל, בשעת עס האָט געשפּילט אויף איר אַ מכשף־ווירטואָז.

איבער זאָיאַ האָט אויפזיכט די פאַבריקס־בריגאַדירין, אַליין געווען אַמאָל אַ דירעקטאָרין און פאַרמשפּט געוואָרן אויף צען יאָר פאַר פאַרשווענדן סאָציאַליס־טיש אייגנטום. די דירעקטאָרין האָט אָפּגעמאַכט מיט זאָיאַ, אַז זי זאָל זיך נישט באַנוצן מיט די מיאוסע זידל־ווערטער, דערפאַר וועט זי איר אַוועקגעבן אַ טייל פון אירע מלבושים, שטעלן זי ביי אַ לייכטערער אַרבעט און פאַרקוקן ווען זי כאַפּט זיך אַוועק פון וואַרשטאַט אויף אַ פערטל שעה. זאָיאַ האָט געהאַלטן וואָרט.

עס איז פאַר מיר געווען אַ רעטעניש ווי אַזוי עס בליט און שיינט אָט דאָס רוסישע מיידל, ווען אירע חברטעס, פּופּצניעריקע מיידלעך, זעען שוין אויס אויף פינפאונצוואַנציק־יעריקע, זיינען אויסגעדאַרט, שלעפּן קוים די פיס און זיינען אָן חשק צום לעבן. און זאָיאַ עסט דאָך דאָס זעלבע ווי זיי.

די פראַגע זאָיאַ איז נישט קיין זאַך פון אַ באַזונדערן אינטערעס, אָבער עס

האָט מיך אינטריגירט, ווייל עס האָט געהערט צו אַ גאַנצן קאָמפּלעקס פראַגן און רעטענישן, וואָס איך האָב אַזוי אָפט אָנגעטראָפן אינם סאָוויעטישן לעבן און נישט געפונען אויף זיי קיין באַשייד.

קאַפּיטל יא

היינט פאַרנאַכט פאַלט אויס יום־כיפּור.

נאָך דער אַרבעט גייט מען גלייך אין באַראַק אַריין. מען האָט שוין אויפגע־בויט דעם נייעם, געדעקטן באַראַק, מיט צוויי־גאָרנדיקע נאַרעס. די יידן זעצן זיך אויס אין עטלעכע גרופּקעס, אַלע צוזאַמען טאָר מען נישט, כדי עס זאָל נישט אַרויסרופן קיין פאַרדאַכט. מען טאָר איבערהויפּט נישט זיצן אין גרעסערע גרו־פּעס און שמועסן. מען רעדט וועגן תענית. די פּוילישע, בוכאַרישע און בעסעראַ־בער יידן באַשליסן אַלע צו פאַסטן, אויך עטלעכע פון די רוסישע יידן וועלן פאַסטן. אַן אויסנאַם איז, פאַרשטענדלעך, איליא. מיט אים רעדט מען בכלל נישט וועגן דעם; קאָזלאָווסקי, דער קיעווער ייד, וואָס האַלט זיך אַליין פאַר אַ שטיק נאַטשאַלניק און עס אַרט אים גאָרנישט וואָס מען איז אים חושד, אַז ער איז אַ „קלאַפּער" (מסור) און נאָך איינער, אַן עלטערער קיעווער ייד, אַ קראַנקער, וואָס פאַרענטפערט זיך דערמיט, אַז גאָט אַליין, ווען ער זאָל זיין, וואָלט ער אויך נישט געהייסן פאַסטן קיין אויסגעהונגערטע אַרעסטאַנטן, דערצו נאָך קראַנקע.

מען דאַרף וויסן וויפל עס איז די צאָל פאַסטנדיקע, כדי מען זאָל קאָנען בעטן ביי דער קיך־לייטונג איבערצולאָזן אויף מאָרגן ביינאַכט אַזאַ און אַזאַ צאָל פּייקעס ברויט און זופּ.

דער יונגער ווילנער גנב, לייזער דאַנישעווסקי, צווייפלט צי ער וועט קאָנען אויסהאַלטן אומגעגעסן ביז מאָרגן ביינאַכט. ער האָט, זאָגט ער, אַ פּאַסקודנעם, נערוועאַישן מאָגן, וואָס טאָמער קריגט ער נישט דאָס שטיק ברויט, נעמט ער אים טאַנצן אַ „קאָזאַטשאָק". איך זאָג אים צו אָוועקצוגעבן מיין פּייקע ברויט, איך האָב היינט אַריינבאַקומען פּערעדאַטשע. קומט דער אויסגעדאַרטער חיים, מיט די טרייסלענדיקע הענט, אויך מיט אַ טענה:

— אַ שטאָמלער בין איך שוין געוואָרן, וועל איך נאָך פאַסטן העכער אַ מעת־לעת אויך, וועל איך שוין אינגאַנצן שטום ווערן. נאָר לאָמיך שטום ווערן, אַבי עסן וועל איך נאָך קענען.

וועלוול זאָגט אים צו אָוועקצוגעבן זיין פּייקע ברויט, ער באַקומט אויך אַריין פּערעדאַטשעס.

איך רעד אָפּ לייזערן און חיימען פון פאַסטן, זיי זיינען אָפּגעשוואַכטע, אויסגעדאַרטע, עס וועט גענוג זיין פאַר זיי צו פאַסטן אַ האַלבן טאָג, אפילו ביז צוועלף, זיי טאָרן גאָרנישט פאַסטן אויך. לייזער דאַנישעווסקי צינדט זיך אָן:

— איר ווילט, זע איך, אַז איך זאָל אויסזיצן דעם גאַנצן „סראָק"? די גאַנצע אַכט יאָר? אַזאַ גוטער פריינט זענט איר מיר?! אַזוי וועל איך כאָטש האָבן אַ האָפענונג. מיין טאַטע־מאַמע האָבן אויך געפאַסט, איצט האָבן די דייטשע באַנדיטן אוודאי זיי שוין אויסגעקוילעט, טאָ לאָמיך כאָטש מיט עפּעס מזכיר זיין מיין טאַטע־מאַמע!

און די אויגן ווערן אים פול מיט טרערן.

חיים זאָגט זיך אויך אָפּ פון נישט פאַסטן. ער שטאַמלט אַרויס זיין אַרגו־מענט:

— איך בין נאָך אַלץ ווייטער אַ סאָציאַליסט, נאָר אין שפּיטאָל און אין טורמע — איז אַ גאָט, איז פּאַרצי זיך בעסער מיט אַ שטריק דעם האַלז. איך וועל פאַסטן, ווען כ׳זאָל אפילו קראַפּירן!

***

דער תענית איז אַלעמען אַדורך בשלום. ווען מען איז געגאַנגען אין סטאָ־לאָווקע אָפּנעמען דאָס ברויט און זופּ, איז אָנגעקומען פון גאָס די נאַטשאַלניצע פונם שפּאַלער־צעך. זי האָט עטלעכע פון אונז אַוועקגערופן אין אַ זייט, אָנגע־ווונטשן אונז אַ גוט יאָר, אַז מען זאָל זיך האָבן אויסגעבעטן אַלדאָס גוטס פאַר זיך און אַ ישיעה און נחמה פאַר אַלע יידן.

זיבעצן יאָר איז זי שוין אָנגעשטעלט אין דעם לאַגער אַלס צעך־נאַטשאַלניק. זי האָט נאָך זינט זי לעבט נישט געגעסן קיין טרפות. ווען עסן חמץ פּסח, אָדער נישט פאַסטן יום־כיפור — איז דאָך אָפּגערעדט.

זי האָט אונז נאָכאַמאָל צוגעווונטשן, אַז איבעראַיאָר אין דער צייט זאָלן מיר שוין זיין אויף דער פריי.

מיר האָבן געשפּאַנט אָפּגעשוואַכטע, מידע, אָבער אויסגעלייטערטע און אָנ־געפּולטע מיט האָפנונג. כאָטש אַזוי ווייניק איז שוין פאַרבליבן אויף וואָס צו האָפן, אַלע דיינע נאָנטסטע זיינען שוין אויסגעמאָרדעט און דאָך איז די שטרע־בונג באַפרייט צו ווערן פונדאַנען זייער גרויס. עס וואָלט זיך געוואָלט שוין אויף אַן אמת איבעראַיאָר אין דער צייט זיין אויף דער פריי.

קאַפּיטל יב

דעם דרייצנטן דעצעמבער בין איך געלעגן אַ קראַנקער אינם לאַגער־שפּיטאָל, איז אַריינגעקומען דער קאָמענדאַנט און מיך געהייסן גיך אָנטאָן.

וואָס איז דאָס אַזוינס פּלוצים געשעען? איך בין דאָך קראַנק, פאַרוואָס זאָל איך עפּעס אויפשטיין פון בעט? צו וואָס דאַרף מען מיך, וווהין וועט מען מיך שיקן? איך הייס אַריינרופן דעם דאָקטער.

אַזאַ באַפעל! איך מוז זיך שוין אָנטאָן, עס איז געקומען נאָך מיר אַ קאָנ־וואָי און דאַרף מיך ערגעץ אַוועקפירן. וווהין? אויף דערויף, פאַרשטייט זיך, וועט קיינער נישט ענטפערן.

דער קאָמענדאַנט פירט מיך אַדורך דורכן ערשטן לאַגער־טויער. אויפן קליי־נעם שטח צווישן די צוויי לאַגער־טויערן וואַרט שוין אויף מיר אַ קאָנוואָי. מען באַפעלט מיר פאַרלייגן די הענט אויף הינטן, מען זאָגט מיר אָן דעם באַקאַנטן פּזמון וועגן דערשיסן ביים פּרווו פון אַנטלויפן און מען פירט מיך אַרויס.

מען פירט מיך אין דער נייער שטאָט, אויף קאַרל־מאַרקס־גאַס, אין דער קליינער, אינערלעכער טורמע ביי דער נקווד!

איך בין ווידער אין דער קאַמער 14.

וויפל איז דער שיער איבערצולעבן? וויפל איז דער שיער צו אַנטגיין אין שרעק? ניין, עס איז גאָרנישטאָ קיין שיער! די פּיין האָט אַן אומענדלעכע צאָל שטאַפּלען, זי איז אָן אַ סוף, דורך איין מינוט שטאַרבט מען צענדליקער מאָל. פאַר וואָס האָט מען מיך צוריקגעפירט אין טורמע אריין? אַ נייער פּראָצעס? אַ נייע מסירה? האָב איך אין לאַגער ווידער זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר ווען מיט אַ קרום וואָרט וועגן דער ראַטנמאַכט?

עס זיצן שוין דאָ עטלעכע, וועלכע זענען אויפסניי אַרעסטירט געוואָרן אין לאַגער. דער אינזשעניער אַקימאָוו, וועלכער זיצט שוין פון יאָר 1937 אָן, פאַר־משפּט געוואָרן דעמאָלט אויף צען יאָר. ער האָט אָנגעפירט אין לאַגער מיט דעם וועבער־צעך. וועלוול און הערשל זיינען געווען זיינע געהילפן. ווען עס איז אַראָפּ־געקומען אין לאַגער אַן אינספּעקציע־קאָמיסיע פון טאַשקענט, האָט אַקימאָוו זיך פאַר זיי געקלאָגט, אַז ער הונגערט דאָ, אַז דער נאַטשאַלניק בערסאָנסקי האָט צו אים אַ ווידערגעפיל, פאַוואָריזירט די צוויי געהילפן וואָלאָדיאַ און גערמאַן (וועלוול און הערשל), וואָס זיינען נאָר בלויז מעכאַניקער. דערנאָך האָט ער זיך געקלאָגט, אַז דער דאָקטאָר סוויעטלאָוו שרייבט אים קיינמאָל נישט אויס קיין קראַנקן־פּאַיאָק, ער טוט דאָס אָבער יאָ פאַר זיינע פאָלקס־גענאָסן, די יידן.

פאַר בערסאָנסקין איז דאָס גענוג געווען. ער האָט אים אָפּגעשיקט צוריק אין טורמע און ס'ווערט קעגן אים פאַרפירט אַ נייער פּראָצעס פאַר קאָנטרעוואָלו־ציאָנערער אַגיטאַציע, פאַר פאַרשפּרייטן ראַסן־שנאה, בלבולים, פאַר קלאָגן זיך אויף דער לאַגער־אָרדנונג, פאַר העצן קעגן די אָנפירער.

עס זיצט דאָ אויך גערעסימאָוואַ, די סטאַראָסטין פון אַלע פרויען אין אונ־זער לאַגער. זי האָט געהאַט אָפּצוקומען אַ שטראָף פון זיבן יאָר פאַר שפּעקולאַציע, זי האָט אָבער אין לאַגער ווייטער שפּעקולירט אויף אַ מיאוסן אופן. זי האָט אָפּ־געקויפט פאַר פּייקעס ברויט די קליידלעך ביי די פרויען, זייערע זייגערלעך, שיך. טייל זאַכן האָט זי פּשוט צוגענומען. אַנדערש האָט זי יענער געדראָט צו שיקן אויף אַ שווערער אַרבעט. די זאַכן האָט זי אַרויסגעשיקט אויף דער פריי צום פאַרקויפן. אַרויסגעטראָגן די זאַכן זאָל איר האָבן טאַקע דער לאַגער־קאָמענדאַנט אַליין. ער האָט אָפּטמאָל קאָנפיסקירט ביי די לאַגערניקעס געגנבעטע שטיקלעך לייוונט, נאָר אַ טייל האָט ער אוועקגעגעבן דעם מאַגאַזינער, די רעשט האָט ער אַרויסגעטראָגן צום פאַרקויפן. עס איז אין גערעסימאָוואַס ענין פאַרמישט אויך די נאַטשאַלניצע פון דער „אורטשע" (אַקטן־אָפּטיילונג). אָבער דערווייל האָט מען נאָר זי אַליין איינגעזעצט. יענע זיינען דאָך פאָרט נאַטשאַלניקעס און זי איז אַן אַרעסטאַנטין.

אָבער פאַרוואָס האָט מען מיך אויפסניי אַרעסטירט? מיט וועמען האָב איך דאָס גערעדט, וואָס פאַראַ מסירה האָט איצט געקאָנט זיין?

איך האָב אין לאַגער געהאַט אָנגעשריבן עטלעכע לידער וועגן אומקום פון מיין קינד און פרוי, וועגן אונזער פאָלקס־חורבן, וועגן נקמה איבער די דייטשן. איך האָב די עטלעכע לידער נאָך באַוויזן אָפּצושטעקן פאַרן אַרויסגיין פונם לאַגער. איך האָב זיי איבערגעגעבן הערשלען. איך האָב זיי נישט מיטגענו־מען מיט זיך, נישט דערפאַר, ווייל איך האָב מורא געהאַט פאַר זייער אינהאַלט. אינם ערגסטן פאַל האָט מען זיך געקאָנט צו מיר טשעפּן פאַרוואָס איך שרייב אין

די לידער נאָר בלויז וועגן נקמה איבער די דייטשן און לויב נישט דערביי די רויטע אַרמיי, דאָס סאָוויעטנלאַנד, סטאַלינען. אָבער באַשטראָפן דערפאַר האָט מען מיך נישט געקאָנט. איך האָב זיי איבערגעלאָזן דערפאַר, ווייל איך האָב גע־וואָלט, אַז כאָטש די פּאָר געשריבענע לידער, וועלכע זיינען ס'רוב געווידמעט מיינע נאָענטסטע און טייערסטע, אַז כאָטש זיי זאָלן בלייבן, אויב איך אַליין וועל אומקומען. איך ווייס דאָך נישט אויף וואָס איך גיי ווידער אין טורמע אַריין און אויף ווי לאַנג.

ביי דעם ערשטן אַרעסט אין סאַמאַרקאַנד האָב איך געהאַט מיט זיך אַ העפטל לידער. איך האָב קיינמאָל נישט געדיכטעט, איך האָב דאָס ערשט אָנגעהויבן אין תפיסה אין אַרכאַנגעלסק, איך האָב זיי מיר פאַרצייכנט אין זכרון. אין סאַמאַר־קאַנד האָב איך געהאַט אָנגעשריבן אַ צוויי צענדליק לידער, אַלץ אויף דער טעמע פון נקמה איבער די דייטשן און עטלעכע לירישע מעדיטאַציעס. די פּאָר לידער וואָס איך האָב געהאַט אָנגעשריבן וועגן סאָוויעטישן לעבן, זיינען געווען ערגעץ פאַרשטעקט אין אַ באַלקן ביי מיינעם אַ באַקאַנטן. שמאַיעוויטש האָט וועגן זיי גע־ווּוסט, אָבער עטלעכע טעג פאַרן אַרעסט דעם 24־טן פעברואַר, האָב איך אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, די לידער צעריסן. אָבער דער העפט מיט די אַנטי־דייטשע לידער איז געלעגן ביי נאָגטיעוון. איך האָב זיך בעת דער אויספאָרשונג פאַרופן אויף די לי־דער, איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל זיי פאָרשטעלן אַלס צייגניש פאַרן געריכט. האָט נאָגטיעוו די לידער פאַרניכטעט.

האָב איך נישט געוואָלט, אַז די פּאָר נייע לידער, וועלכע איך האָב שוין אָנ־געשריבן דאָ אין לאַגער, זאָלן אויך אומקומען. קיין פאָטאָגראַפיע פון מיין קינד און פרוי האָב איך נישט געהאַט. זיינען די פּאָר שאַפונגען וועגן זיי מיר געווען באַזונדערס טייער. איז דאָך נישט פאַריבער קיין איין נאַכט, אַז איך זאָל נישט האָבן געזעען אין חלום מיין פרוי און קינד. זיי זיינען געקומען צו מיר אויף דער נאַרע אין לאַגער, איך האָב מיט זיי גערעדט, געהאַלזט זיך, געוויינט. איך האָב זיי געבעטן אין חלום, אַז זיי זאָלן מיך נישט פאַרלאָזן, זאָלן אָפט צו מיר קומען.

האָב איך אין שוסטער־וואַרשטאַט, הינטערן טיש, פאַרצייכנט מיר עטלעכע סטראָפן וועגן דעם. איך דערלויב מיר זיי איבערצוגעבן:

ביינאַכט

און גוט וואָס קומסט צו מיר אין חלום נאָך — מיין ווייב —\
און מיר שטיפן לייכט און צערטלען זיך ווי גאָר אַמאָל —\
און אַ פאַרליבטער כיקוש דיין טויט־פאַרפייניקט לייב —\
און אונזער קינד אַ וויג־ליד ברומט — מיט זיסן קול.

איך זע אייך שטענדיק ביידן צוגעטוליעט פעסט —\
אין קאַמערן פון גאַז און פלאַקער פונס שייטער —\
איך הער אייער רוף: „ליבער, נישט פאַרגעס!"\
„אין דרייען בלייבן מיר אויף אייביק נישט־צעשיידטע!"

מאַכט אַן אָרט פאַר מיר, קינדער ליבע מײַן —
דער טויט איז איצט מיר אייגן נאָנט און וואָר —
און נישט קיין מלאך־המות וועט ווײַזן מיר דעם וועג אַהין —
נאָר אַ בלוי־אויגיק מיידעלע — מיט זיידן־שוואַרצע האָר.

קומט אָפט צו מיר אין חלום נאָך, איך בעט —
און קושן כיוועל אייער טויט־פאַרברענטע גופים —
טוליעט מיך צו זיך אויך פעסט און זעט —
אַז ווי אַמאָל מיר זאָלן צערטלען זיך און שטיפּען.

און ווען דערהערן כיוועל אייער פאַרבענקטע שטים,
דעם זין פון אייער רוף — כיוועל פאַרשטיין דעם טײַטש —
כיוועל אַ מתנה גדייטן און ענטפערן — „איך קום!"
מיט אַ דורך מיר — דערשטיקטן דייטש!

איך ווייס נישט פאַרוואָס איך זיץ ווידער אין תפיסה, נאָר ווען איך דערמאָן זיך וועגן אומקום פון מיינע נאָנטסטע, פאַרליר איך די שרעק פאַרן טויט און בין גרייט אויפצונעמען רואיק אַלץ, וואָס זאָל נאָר נישט געשען.

**
*

אין קאַמער איז קאַלט און נאַס. איבער דער צייט וואָס איך בין נישט געווען אין דער דאָזיקער קאַמער, האָבן זיך די לעכער אין דיל פאַרמערט און פאַרגרעסערט. די שטשורעס שפּרינגען שוין אַרום אויך בייטאָג, האָבן נישט קיין מורא. אַן אַרעסטאַנט דערהרגעט קיינמאָל נישט קיין מויז אָדער שטשור, זיי זיינען אַפילו אָנגעלייגטע געסט אין קאַמער, מען איז ווייניקער איינזאַם.

די קעלט און פייכטקייט נעמען דורך די ביינער, זיי פאַרפרירן דעם גוף, דאָס האַרץ. אַ פראָסט פון 50 גראַד נעמט נישט דורך מיט אַזאַ בייסיקער און צווענגלדיקער קעלט, ווי די אין קאַמער איצט. אינדרויסן פאַלט אַ שניי מיט אַ רעגן. איך ליג אויף דער הוילער ערד, האָב נישט מיט וואָס זיך צוצודעקן אָדער אונטערלייגן. אין לאַגער האָט מיך דער קאָמענדאַנט נישט געהייסן מיטנעמען די זאַכן. פון איין זייט פרייט עס מיך, דאָס דאַרף זיין אַ סימן, אַז מען האָט מיך אַהערגעברענגט צייטווייליק, איך וועל נאָך ווערן צוריקגעשיקט אין לאַגער, אָבער פון דער צווייטער זייט — קען מען דאָ אומקומען פון דער בלויזער קעלט.

מען האָט מיר ביז צומאָרגנס דריי בייטאָג נישט געגעבן גאָרנישט צו עסן, איך בין נאָכנישט אַריינגעצויגן אין דער פּאַיאָק־רשימה. אויפן דריטן טאָג, שוין אַכט אינאָוונט, עפנט זיך די טיר און דער דיזשורני ברענגט מיר אַריין אַ גרויסן טופּיאַק (וואַטע־מאַטראַץ), אַ דעקע און אַ פּעקל עסן, געשיקט פון רויזקען.

אין דער שפּעטער שעה ווערן שוין גישט אָנגענומען קיין פּערעדאַטשעס, אָבער רויזקע האָט, זעט אויס, אויסגעפּועלט. איצט, ביינאַכט, אין אַזאַ וועטער, האָט זי עטלעכע קילאָמעטער וויים געטאַשטשעט אַזאַ משא פון דער אַלטשטאָט, געגאַנגען דורכן פּוסטן באַרג, געטראָגן מיט זיך דעם גרויסן מאַטראַץ, דעקע און דאָס פּעקל עסן. עס האָט איר אוודאי צוגעהאָלפן די מוטער.

**
*

מיך רופט מען נאָך אַלץ נישט אויף קיין אויספאָרשונג. איך האָב שוין אי־בערגעטראַכט אַלע מעגלעכסטע השערות, איך קען אָבער נישט דערגיין קיין טאָלק. וועגן שמאַיעוויטשן ווייסט מען שוין אין שטאָט אַז ער איז אַ מסור, משה לויפגאַס האָט דאָס אַלעמען דערציילט, מענטשן האָבן אים שוין אפילו נאָכגע־וואָרפן שטיינער, אָבער ער איז זיך נאָך אַלץ נישט מודה. דעם בעסטן סימן, זאָגט ער:

— ג. האָט נאָך מיט קיין איין וואָרט נישט אַרויסגעשריבן פונם לאַגער, אַז איך זאָל אים האָבן געמסרט.

און עס איז אמת. נישט נאָר האָב איך נישט געשריבן וועגן דעם, נאָר אפילו אַלאַרמירט לויפגאַסן, אַז ער זאָל דערווייל קיינעם נישט דערציילן, ביז איך וועל נישט באַפרייט ווערן. אויב שמאַיעוויטש ווערט שוין דעמאַסקירט, קאָן ער איצט שוין זיך שטעלן ווי אַן אָפענער עדות קעגן מיר. אָבער לויפגאַס האָט מיך נישט געפאָלגט, ער און זיין פרוי האָבן זיך נישט געקאָנט באַהערשן. שמאַיעוויטש האָט נאָך אַלץ גערעדט פאַר מענטשן, אַז ער איז מיין בעסטער פריינט, אַז ער לײדט שרעקלעך צוליב מיין אַרעסט, האָט שלאָפלאָזע נעכט, דאָס האַרץ שטייט אים אָפּ, אָבער ער וועט נאָך אַלץ טאָן מיך צו באַפרייען.

איצט, גלייב איך, איז דאָס אַ רעזולטאַט פון זיין וועלן מיך „באַפרייען". ער האָט אוודאי באַנייט דעם ענין קעגן מיר און עס הויבט זיך אָן אַ נייע אויספאָרשונג.

מען האָט אין קאַמער אַריינגעפירט נאָך צוויי אַרעסטאַנטן. אַן אַלטער אוזבעק, וואָס ווערט באַשולדיקט, אַז אַלס שפּיטאָל־וועכטער האָט ער געהאַט אַ „בלאַט" מיט די שפּיטאָל־דאָקטוירים, וועלכע האָבן אויפגענומען געזונטע מענטשן, אויסגעשריבן פאַר זיי קראַנקהייט־צייגענישן, כדי זיי זאָלן דערווייל באַפרייט ווערן פון גיין אין דער אַרמיי. עס זיצן אויך די דאָקטוירים. דער צווייטער אַרעסטאַנט איז אַ רויטאַרמייער. ער רעדט נאָר אוקראַיניש. ער באַגראָבט דעם קאָפּ אין זיין שינעל, ווייל מיט קיינעם נישט רעדן און צלמט זיך.

איך בין אים מכבד מיט עסן, אָבער ער דערשרעקט זיך דערפאַר, זאָגט אָפּ, ווערט זיך מיט די הענט קעגן דעם כיבוד. איך באַנעם עס נישט. ער איז דאָך הונגעריק, ביים אָנקומען האָט ער נאָר גערעדט וועגן עסן און דאָ ווייל ער פון מיר גאָרנישט נעמען! מיר ווערט די זאַך פאַרדעכטיק. איך נעם אַ הויכן, ווייל־יונגערישן טאָן:

— הער נאָר, דו פריינט, פון וואָס פאַראַ שטאָט ביסטו? פונוואַנען קומסט דו און אין וואָס ווערסט דו באַשולדיקט?

ער הערט נישט ביים ערשטן מאָל, איך חזר איבער מיט נאָך אַ פעסטערן טאָן. ער צעגערט, קווענקלט זיך און ענטפערט צעצויגן:

— איך קום פון בוכאַראַ, פון מיין אַרמיי־פאָלק, מען האָט מיך אַרעסטירט צוליב גנבענען אַ העמד און פאַרקויפן עס אויפן מאַרק.

— אָבער דו ביסט דאָך נישט קיין אוזבעק, נאָר אַן אוקראַינער, טאָ פונוואַנען ביסט דו געקומען קיין בוכאַראַ?

— האַ? פונוואַנען? איר וועט נישט קענען דאָס אָרט, עס איז אַ דאָרף.

— ווו ליגט עס? נעבן וועלכער שטאָט? מאַרודזשע נישט, ענטפער ווי אַ מענטש!

— האָ? ביי וועלכער שטאָט? ביי טאַרנאָפּאָל.

— אזוי בראַטיעץ, ביי טאַרנאָפּאָל! איך קען יאָ די שטאָט, ביז 1939 האָט עס דאָך געהערט צו פּוילן. ווען ביסטו געקומען פון דאָרטן?

— אָט נישט לאַנג. עס איז אַריין אונזער באַפרייערין, די רויטע אַרמיי, האָט זי אַלע מענער צוגענומען, מאָביליזירט אין דער אַרמיי און אַהערגעשיקט דאָ אַהער, קיין אוזבעקיסטאַן.

— נו, זאָג שוין ווייטער, וויפל יידן זיינען דאָרט געבליבן לעבן? האָסטו נישט אַליין אויפן געוויסן אַ פּאָר דערמאָרדעטע יידן?! שעם זיך נישט, דער־צייל, איך בין דאָך אַן אַרעסטאַנט גלייך מיט דיר!

ער צלמט זיך:

— איך? גאָט באַהיט, אין דער צווייטער קאַמער זיצן עטלעכע פון אונזער דאָרף, זיי זיינען אויך געווען אין דער אַרמיי אין בוכאַראַ, זיי האָבן געהרגעט יידן, איך נישט, איך האָב ליב יידן.

— דו האָב נאָר אַביסל ווייניקער ליב! עס איז אַ שלעכטער סימן פאַר דיר! דו זאָגסט, אַז דו האָסט נישט געהרגעט, גלייב איך דיר, דו זעסט נישט אויס אויף קיין מערדער. אָבער צי האָט מען דען דיך דאָ איינגעזעצט בלויז פאַר גנבענען אַ העמד? פאַר אַזאַ קליינינקייט זעצט מען נישט איין אין נקווד. אָבער עס איז נישט מיין זאַך, דערצייל וואָס דו ווייסט וועגן די יידן דאָרטן. האָט מען אין דיין דאָרף עפּעס אַ סך יידן אויסבאַהאַלטן?

— אוי, בידאַ, בידאַ, מען האָט זיי אויסבאַהאַלטן, צוגענומען ביי זיי דאָס געלט, אויסגעטאָן נאַקעט און דערנאָך דערהרגעט מיט שטעקנס. אוי האָט מען נעבעך זיי געהרגעט! שוין אַ טאָג פאַרן אָנקומען פון דער רויטער אַרמיי אין אונ־זער דאָרף, האָט אַ פּויער, ער און זיין זון, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן די גאַנצע צייט אַ יידישע פאַמיליע, געקראָגן פון זיי באַצאָלט אין גאָלד, האָבן זיי דעם לעצטן טאָג, פאַר דער באַפרייאונג, דערהרגעט די גאַנצע יידישע פאַמיליע, צו־ליב די גוטע מלבושים אויף זיי. דער פּויער זיצט טאַקע אין דער צווייטער קאַמער, ער האָט זיך שוין דערצו אַליין מודה געווען. ער זאָגט אַז דאָס איז שולדיק זיין זון, נישט ער.

— נו, דערצייל ווייטער, נאָך.

— אוי, שווער זיך צו דערמאָנען. דער דייטש האָט אין אונזער דאָרף, ווינ־טערצייט, אָוועקגעלייגט אַ פּאַרטיע נאַקעטע יידן, צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער, זיי אָנגעלייגט אין אַ קופּע, איינעם אויפן אַנדערן. דורך איין נאַכט זיינען אַלע אויסגעגאַנגען, טייל זיינען פאַרפרוירן געוואָרן, טייל דערשטיקט געוואָרן.

—נו, נעם עפּעס עסן, דו ביסט דאָך הונגעריק.

— ניין, ניין, איך וויל נישט קיין עסן.

פאַרוואָס? איך האָב דאָך, דו ביסט דאָך הונגעריק.

— איך וועל נישט האָבן אָפּצוגעבן, דאָס עסן איז דאָך דיינס, איך האָב נישט קיין געלט צו באַצאָלן.

— איך שפּיי אויף דיין געלט, איך דאַרף נישט קיין געלט, נעם, עס!

— אוי, אוי, אַ דאַנק! אַ דאַנק! כריסטוס וועט באַצאָלן!

ער נעמט עסן. ער דערציילט שוין איצט נאָר וועגן עסן. דעם גאַנצן וועג פון

טאַרנאָפּאָל ביז בוכאַרא, די נעמען פון די סטאַנציעס ווו זיי זיינען געשטאַנען, דאָס געדענקט ער נישט, נאָר יעדע סטאַנציע געדענקט ער לויט דעם עסן, וואָס זיי האָבן דאָרט געקריגן:

— אָך, אָך, אויף דער סטאַנציע ווו מען האָט געגעבן געדיכטע קאַשע, דאָרט איז מען לאַנג געשטאַנען. אויף דער סטאַנציע ווו מען האָט אונז געגעבן אַ סך קרויט, ביינער און אפילו שטיקער פלייש, דאָרט איז מען נישט לאַנג געשטאַנען.

ער האָט אָפּגעגעסן און איז שוין מיד. ער וואָלט וועלן, זאָגט ער, כאַפּן אַ דרימל, שוין עטלעכע נעכט נישט געשלאָפן. ער האָט דאָרט געלאָזן אַ ווייב מיט קינדער, צוויי קי, דרייצן חזירים, אַ גוט שטיקל פעלד, ווער וועט דאָס באַאַר־בעטן? אַלץ וועט ווערן ניוועטש, אַלץ, אַלץ, זיין גאַנץ ביסל האָב און גוטס.

ער רעדט שוין איצט דרייסטער. ער פרעגט מיך צי ער קאָן זיך צולעגן אויף מיין מאַטראַץ און זיך צודעקן מיט מיין דעקע.

און ער האָט זיך געלייגט אויף מיין מאַטראַץ, זיך צוגעדעקט מיט מיין קאָל־דרע. איך האָב זיך אויך אַוועקגעלייגט און מיר האָבן נאָנט פון זיך געאָטעמט. בשעתן שלאָף זיך אפשר אויך געטוליעט צו זיך? ער, מסתמא אַ מערדער פון מיינע ברידער און שוועסטער!

ער איז נישט געזעסן פאַר גנבענען אַ העמד, צוביסלעכווייז האָט ער שוין אויסגעבלעקעצט, אַז מען איז אים חושד אין אָנגעהערן צו די „באַנדעראָווצעס” (אוקראַינישע פאַשיסטן און פּאָגראָמשטשיקעס). אָט ליגט ער דאָ נעבן מיר, ער, דער מערדער און איך, זיין קרבן. מיר זיינען ביידע אַרעסטירט ביי די סאָוויעטן. ער — פאַר מאָרדן, און איך פאַרוואָס? מיינע אַלע נאָנטסטע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך דעם אוקראַינער אָדער זיינע ברידער. איך איינער בין געבליבן פון מיין גאַנצער פאַמיליע און משפחה, איך בין געבליבן לעבן כדי נקמה צו נעמען אין די מערדער, זיץ איך גאָר צוזאַמען מיט אים אין איין קאַמער, ליג מיט אים אויף איין געלעגער. מיר לויפט דורך אַ געדאַנק, אַז עס וואָלט נישט שלעכט גע־ווען, אַז איך זאָל אים דערשטיקן! עס פעלט מיר אָבער אויס מוט. באָטש אָנ־פּאַטשן אים אין מאָרדע, באָטש אַראָפּרייסן פון אים די קאָלדרע, שפּייען אים אין פּנים אַריין, אויסגראַטשען די אויגן, זאָל ער זיך מתוודה זיין! זאָל ער כאָטש זיך מודה זיין וויפל יידישע קרבנות ער האָט אויף זיין געוויסן!

מיינע מחשבות ווערן איבערגעריסן דורכן אויפשליסן די קאַמער־טיר. מען רופט מיך צו דער אויספאָרשונג.

***

עס איז אַראָפּגעקומען אַ ספּעציעלער אויספאָרשער פון טאַשקענט. איך דאַרף ווידער דערציילן אַלץ פון אָנהויב אָן. איך דאַרף אויך גענוי דערציילן ווי אַזוי נאָגטיעוו האָט מיך געשלאָגן, ווען און וויפל מאָל. צי איך קען דערויף צו־שטעלן עדות?

איך גיב אָן אַלס עדות די אַרעסטאַנטן, מיט וועלכע איך בין דעמאָלט גע־זעסן. זיי האָבן געזען מיינע ווונדן, צעבלוטיקטע פיס, ווען איך האָב זיך אויס־

געטאָן נאָכן אַראָפּקומען פון דער אויספאָרשונג. איך גיב אויך אָן נאַגטיעווס געהילף, דעם אוזבעק, וועלכער איז אייניקע מאָל בייגעווען ביי די פאַרהערן.

— פאַרוואָס האָט איר דאָס באַלד נישט געמאָלדן דעם פּראָקוראָר און ערשט געוואַרט דערמיט ביזן געריכט?

— איך האָב מורא געהאַט.

חוצן אויספאָרשער זיצן דאָ אַרום נאָך עטלעכע נאַטשאַלניקעס. זיי דראָען מיר מיט אַ פּראָצעס פאַר אויסטראַכטן אַ בלבול אויף אַן אָפיציר פון דער נקווד. איך קאָן זיך נישט באַהערשן און ברעך אויס מיט אַ געוויין. זיי פרעגן מיך ווידער אויס די פאַרשידנסטע פּרטים. די עדות וועלכע איך גיב אָן, זיינען שוין צעשיקט אין די לאַגערן, עס דאַרף לאַנג דויערן ביז מען וועט זיי דאָ אַהערברענגען. מען שיקט מיך צוריק אין קאַמער.

אין לאַגער האָב איך שוין געוווּסט, אַז נאַגטיעוו איז שוין נישטאָ אין סאַמאַרקאַנד, ער איז צוריקגעפאָרן קיין אוקראַינע. מען האָט אפילו געוווּסט צו דערציילן, אַז מען נאַגטיעוון דעגראַדירט פון זיין מיליטערישן ראַנג, אים צוריק אַראָפּגענומען אַ שטערנדל, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן בעת אונזער אַרעסט. ער האָט געוואָלט שטייגן גאָר הויך. ער האָט אויפגעגעבן, אַז ער האָט אַנטדעקט אַ פאַרצווייגטע קאָנטררעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אוודאי אויך געטריבן שפּיאָנאַזש.

אין לאַגער האָב איך איינמאָל געהאַט געקראָגן אַ ידיעה, וואָס זאָל האָבן געשטאַמט פון אַ יידישן מיטאַרבעטער פון דער קאָנטר־שפּיאָנאַזש־אָפּטיילונג, אַז מיך וועט מען נאָך איבערפירן אויף אַ צייט אין דער ספּעציעלער קאָנטר־שפּיאָנאַזש־אָפּטיילונג. אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן אַז איך האָב נישט קיין שייכות צו שפּיאָנאַזש, וועט מען מיך באַפרייען. דער יידישער מיטאַרבעטער האָט שוין געוווּסט וועגן דעם פאַל שמאַיעוויטש, עס האָט אים, פּערזענלעך, געקאָסט געזונט, וואָס איין ייד טראַכט אויס בלבולים אויף אַ צווייטן ייד, אויף זיין נאָנטסטן חבר און וויל אים באַגראָבן. און דער מסור אַליין איז גראָד געווען פול מיט פאַרברעכנס לגבי דער ראַטנמאַכט, דעזערטירט פון אַרבעטס־באַטאַליאָן, דורכגעפירט גרויסע גנבות אין אַרטעל, זיך פאַרנומען מיט שפּעקולאַציע. שמאַיעוויטש, האָט יענער געזאָגט, האָט פאַרקאָכט אַ מיאוסע קאַשע און עס וואָלט רעכט געווען, אַז ער זאָל זי אַליין אויפפּרעסן.

אָבער פון דעם איבערפירן מיך אין דער קאָנטר־ראַזוויעדקע־אָפּטיילונג איז גאָרנישט געוואָרן, איך זיץ דערווייל דאָ, אין נקווד.

דעם אוקראַינער פון טאַרנאָפּאָל, דעם באַנדעראָוויעץ, האָט מען טאַקע אין עטלעכע טעג אַרום איבערגעפירט אין יענער מוראדיקער אַרעסט־אָפּטיילונג פון דער היגער קאָנטר־ראַזוויעדקע.

עס איז געלונגען אַראָפּצוברענגען נאָר איין עדות פון מיין קאַמער און ער האָט באַשטעטיקט אויף אַ קאָנפראָנטאַציע, אַז ער האָט מיך געזען אַראָפּקומען אין קאַמער אַ צעשלאָגענער און פאַרבלוטיקטער.

נאָך דרייצן טעג אָפּזיצן דאָ, האָט מען מיך צוריקגעשיקט אין לאַגער אַריין.

איך בין געגאַנגען דאָרט אַהין אַ גליקלעכער, ווי צו אַן אייגענער, היימישער, וואַרעמער היים.

קאַפּיטל יג

ווען די שליסערין האָט מיר געעפנט דאָס לאַגער־טויער, האָט זי מיך נישט דערקענט. די אָנגעוואַקסענע באָרד און די ליימיק־געלע הויט פון געזיכט, די כאַראַקטעריסטישע פאַרב פון אַרעסטאַנטישע פּנימער, האָבן פאַרענדערט מיין אויסזען. זי האָט זיך מיט מיר אפילו שיער נישט דערפרייט. איך בין דאָך שוין אַן אַלטער באַקאַנטער, בין שוין אין לאַגער אַ קנאַפּ האַלב יאָר, עס קומט איר יעדן טאָג אויס מיט מיר זיך צו טרעפן, זי גיט מיר איבער די אַריינגעשיקטע פּערעדאַטשעס, זי היט בייגאַכט אונזער באַראַק. אַמאָל שפּילן מיר זיך אויך מיט איר קליין, שיין מיידעלע, וואָס זי ברענגט מיט אויף דער צייט פון איר דיזשור. זי אַליין איז אויך אַ שטילע און צאַרטע פרוי, אַ פאַרבענקטע אוקראַינערין.

זי פרעגט מיך פאַרוואָס מען האָט מיך גענומען צוריק אין טורמע אַריין. איך ווייס אָבער נישט פּונקט ווי זי, איך ענטפער, אַז איך האָב באַדאַרפט עדות זאָגן וועגן אַ סליעדאָוואַטעל.

אַלע באַקאַנטע לאַגערניקעס האָבן זיך מיט מיר דערפרייט, וועלוול און הערשל האָבן זיך מיט מיר צעקושט. זיי זיינען שוין געווען איבערגעשראָקן, טאָמער האָט מען אויף זיי אויך אָנגעוויזן, זיי רעדן דאָך אָפט מיט מיר, זיי זיינען נאָנטע שכנים פון מיר אויף די נאַרעס.

דער אַלטער ליובאַוויטשער חסיד שטיינהאַרדט האָט מיך באַגריסט מיט אַ „ברוך מתיר אסורים", כאָטש איך בין צוריק אַן אַרעסטאַנט אין לאַגער, אָבער צו טורמע, זאָגט ער, קומט עס נישט.

עס האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט איליאַ. מיר זיינען צווישן זיך נאָנט צוגעבונדן, זיך אפילו ליב באַקומען. מיר האָבן דאָך אָפט געשמועסט צווישן זיך גאַנצע שעהן, געאַמפּערט זיך, דיסקוטירט. נישט איינמאָל איז עס געקומען צו ליידנשאַפטלעכע, היציקע וויכוחים. ער איז נאָך אַלץ פאַרבליבן דער פאַרעקשנטער קאָמוניסט, היסטאָרישער מאַטעריאַליסט, אַטעאיסט און קאָסמאָפּאָליט. מיר האָבן צווישן זיך גערעדט אַלץ אָפן, מיר האָבן שנעל באַקומען צו זיך קעגנזייטיקן צוטרוי. אויך ער האָט מורא געהאַט, אַז מיין נייער אַרעסט איז פאַרבונדן מיט אַ מסירה, שוין דאָ אין לאַגער, און זיך געשראָקן שוין פאַר זיך אויך, ווייל מען זעט אונז אָפטביידע צוזאַמען. ער איז אַ זעלטן גוטהאַרציקער מענטש, געקנעטן פונם ריינסטן, אידעאַליסטישן טייג. אים איז פרעמד עגאָיזם, צביעות. אַ שטילער, לויטערער, באַשיידענער, צניעותדיקער.

עס האָט זיך מיט מיר אויך דערפרייט דער נייננציניעריקער רוסישער פּאָעט פון ראָסטאָוו. ער גיט זיך אַן פאַר אַ האַלבן ייד, אָבער דאָס זאָגט ער נאָר פאַר די יידן, פאַר די רוסן גיט ער זיך אָן פאַר אַ רוס. עס קאָן זיין, אַז אים לוינט עס זיך אָנצוגעבן פאַר אַ ייד, ווייל ער איז פאַרמשפּט געוואָרן צום דערשיסן פאַר פאָטערלאַנד־פאַראַט. נאָר אַזוי ווי מיט דריטהאַלבן יאָר צוריק, בעתן אורטייל, איז ער געווען קוים זעכצן יאָר אַלט, האָט מען אים פאַרביטן אויף צען יאָר. ער האָט געהערט צום „קאָמסאָמאָל", געדרוקט אין זייערע צייטונגען לידער, אַרטיקלען. אַ פעאיקער און אינטעליגענטער יאַט. זיין מוטער באַהערשט פּערפעקט צען שפּראַכן. ער האָט באַקומען אַ גוטע דערציאונג, אָנגעגאַנגען פאַר אַ וווּנדער־קינד. מען האָט אים אויפגענומען אומעטום מיט אָפענע אָרעמס, ער האָט געהאַט אָנ־

זעען, געשריבן און גערעדט ווי אַ פֿייערדיקער קאָמוניסט און פּאַטריאָט. אָבער דאָס אַלץ האָט געדויערט נאָר ביזן טאָג ווען די דייטשן זיינען אַריין קיין ראָסטאָוו. נאָך אין פֿרילינג 1941, האָט ער דערציילט, האָט מען מיט זיי געקנעלט אויף די לעקציעס וועגן דער מעכטיקייט פֿון דער דייטשער אַרמיי, וועגן דעם געניאַלן גענעראַל גודעריאַן, וועגן זייער מעכאַניזירטע פּאָלקן, וועגן די וווּנדערלעכע טאַנקן, וועגן זייער גאַנצער טעכניק, דעריבער, איז געווען דער אויספֿיר, מוזן די דייטשן באַזיגן ענגלאַנד, פֿראַנקרייך און אַלע קלענערע, אָרומיקע לענדער. מען האָט גערעדט וועגן דעם געשלאָסענעם פּאַקט מיט די דייטשן מיט גרויס באַגייסטערונג, מיט לויב־ווערטער און סופּערלאַטיוון.

איז געקומען דער 22־טער יוני, דער טאָג פֿונם דייטשן איבערפֿאַל. און פּלוצלינג האָט זיך אַלץ געביטן. לויט די רייד פֿון די אַגיטאַטאָרן זיינען שוין איצט די דייטשן נישט נאָר בלוטיקע פֿאַשיסטישע הינט, מערדער און רויבער, נאָר אויך פּחדנים, שלימזלים, וועלכע ציטערן פֿאַרן רוסישן סאָלדאַט און זיין באַגנעט. עס פֿאַרלויפֿט אַ קורצע צייט און די דייטשן קומען אַריין קיין ראָסטאָוו. ער זעט, אַז גערעכט זיינען געווען די אַגיטאַטאָרן פֿון פֿרילינג 1941, נישט די פֿון חודש יוני. די דייטשן זיינען נאָך מעכטיקער ווי מען האָט וועגן זיי געזאָגט. און זייער עסן, קליידונג, קולטור! ער האָט זיך באַלד געמאָלדן צו די דייטשן און פֿאַרגעליגט זיין מיטאַרבעט. פֿריער האָט מען אים געוויזן זייערע פֿילמען, שיינע זשורנאַלן, ביכער וועגן טעכניק, אָבער ביסלעכוויז האָט מען אים גענומען נוצן צו מיאוסע מעשים. ער האָט באַדאַרפֿט אַרומפֿאָרן מיט די דייטשן אויף אויטאָס און אָנווייזן וווּ עס געפֿינען זיך שיינע באַרישניעס (פֿריילינס). זיי זיינען אַריין אין די שטובן און פֿאַרגוואַלטיקט די פֿרויען. איין יונג רוסיש מיידל האָט אַרויסגעריסן דעם רעוואָלווער ביים דייטש און אים געשאָסן אויפֿן אָרט.

ער האָט דערזעען אין וואָס פֿאַראַ זומפּ ער איז פֿאַרקראָכן, ווי אַזוי עס פֿירן זיך אויף די „קולטור־דעלע" דייטשן און ער איז אַנטלאָפֿן פֿון זייער אויטאָ. זיי האָבן אים נאָכגעיאָגט, נאָכגעשאָסן, אָבער ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן.

ווען די רויטע אַרמיי איז צוריק אַריין קיין ראָסטאָוו, האָט מען אויף אים אָנגעוויזן אין נקוודֿ, אַז ער איז אַרומגעפֿאָרן מיט די דייטשן אויף אויטאָס, זיי אָנגעוויזן אַלע פֿאַבריקן, אַמוניציע־לאַגערן און אויך זיי איבערגעגעבן שיינע יונגע פֿריילינס. מען האָט אַרעסטירט אים און זיין מאַמען. ווען די דייטשן זיינען ווידער אַריין קיין ראָסטאָוו, איז ער שוין געווען אָוועקגעפֿירט אין דער טורמע פֿון סאַמאַרקאַנד.

ער פֿרייט זיך איצט מיט מיין צוריקקומען, ער האַלט זיך דאָ פֿאַר אַן איינזאַמען, פֿאַר דעם איינציקן רעכטן אייראָפּייער, פֿאַר אַ מענטש מיט העכערע אַספּיראַציעס. איליאַ, זאָגט ער, איז אַ סעקטאַנט. דער יונגער פּאָעט איז שוין דאָ געזעסן צוויי מאָל אין קאַרצער פֿאַר גנבֿענען העמדלעך און הייזלעך אין דער פֿאַבריק, וווּ ער אַרבעט אַלס עלעקטראָטעכניקער. דער נאַטשאַלניק כערסאָנסקי האָט אים שרעקלעך פֿיינט, טייל אַרעסטאַנטן רופֿן אים אָן „פּרעדאַטעל" (פֿאַרעטער). מיך עקלט מיט אים צו רעדן און איך מייד אים אויס ווי ווייט איך קאָן נאָר. ער האָט פֿיינט רוסלאַנד און די ראַטנמאַכט, ער בענקט אפֿילו נישט צו דער פֿרייהייט, צו דער „גרויסער טורמע", ווי ער רופֿט עס אָן. ער חלומט, אַז אויב ער וועט ווען עס איז יאָ באַפֿרייט ווערן, וועט ער גיין צו דער גרענעץ. וועט מען אים ווידער

איינזעצן אויף צען יאָר, וועט ער נאָך דער באַפרייאונג נאָכאַמאָל גיין צו דער גרע־נעץ, וועט מען אים נאָכאַמאָל כאַפּן, וועט ער ווידער אָפּזיצן און ווידער פּרוּוון. אפילו ער זאָל שוין דעמאָלט זיין אַן אַלטער מאַן. כאָטש איין יאָר וויל ער לעבן אין אויסלאַנד און פאַרזוכן דעם טעם פון אמתער פרייהייט.

עס האָבן זיך מיט מיר אויך געפריינט טייל נאַטשאַלסטווע. עס איז מאָדנע צו זעען ווי לאַגערניקעס מיט נאַטשאַלניקעס פאַרבינדט שוין אויך אַ גע־וויסע היימישקייט, געוווינשאַפט, שיער נישט משפחהשאַפט.

אַצינד האָט מיר שוין דער לאַגער אויסגעזעען ווי אַ כמעט־פרייהייט. ווי עס זאָל נישט זיין שלעכט, איז נאָך שטענדיק פאַראַן עפּעס ערגערס. און דאָס שלע־כטע זעט שוין דעמאָלט אויס נישקשהדיק.

קאַפּיטל יד

אין לאַגער האָט אויסגעבראָכן די טיפוס־עפּידעמיע. דאָס שפּיטעלעכל איז שוין צו קליין אויף אַריינצונעמען אַלע קראַנקע, מען פירט זיי אין דעם פּיליע־לאַגער. מען פירט דורך דעזינפעקציעס, מען שערט אַלעמען אָפּ די האָר, אויך ביי די פרויען, מען וועקט אויף אין מיטן נאַכט און מען פירט אין באָד אַריין. אַזאַ באָד געדויערט עטלעכע שעה. דאָ איז שלעכט געהייצט, דאָ איז צו שטאַרק גע־הייצט, מען קאָן נישט אַריינגיין, דערווייל שטייט מען אויסגעטאָענע נאַקעט, די טיר עפנט זיך יעדע רגע. די אַרעסטאַנטן זאָגן, אַז זיי איז, זעט אויס, באַשערט צו שטאַרבן פון אַ פאַרקילונג, זיי ווען זיך גאַרנישט דערוואַרטן ביז צום טיפוס, אַזאַ באָד אַליין קאָן שוין גלייכליינגן.

דאָקטאָר סוויעטלאָוו איז צעקאָכט, ער אַרבעט טאָג און נאַכט. מען ברענגט אין לאַגער אַריין נאָך אַ דאָקטאָר, מען מאַכט פרישע דעזינפעקציעס, מען לאָזט שוין נישט אַריין קיין פּערעדאַטשע אויך, אַלץ צוליב היגיענע. מען נעמט נישט אָן קיין נייע אַרעסטאַנטן, מען באַפרייט אפילו נישט די, וועלכע האָבן שוין גע־ענדיקט זייער אורטייל.

דער אומדערמידלעכער און ענערגישער נאַטשאַלניק בערסאָנסקי גייט נישט אַהיים אַ גאַנצן טאָג, פאַראינטערעסירט זיך מיטן פאַרלויף פון דער עפּידעמיע, וויפל עס זיינען פאַראַן קראַנקע. ער זידלט סוויעטלאָוון, די קיך־לייטונג, די קולטור־אָפּטיילונג — מען מוז אָפּשטעלן דעם טיפוס! אַכט קראַנקע זיינען שוין געשטאָרבן!

מען ווערט געוואויר, אַז אין אַנדערע לאַגערן אין אוזבעקיסטאַן, איז עס נאָך ערגער, אין דעם לאַגער אין דזשיזאַק, אין דער שטיינהאַקעריי, זיינען פון פלעקן־טיפוס געשטאָרבן זעכציק פּראָצענט פון די אַרעסטאַנטן. עס זיינען אַראָפּגעפאָרן קאָמיסיעס, פעסטגעשטעלט פאַרלויזקייט, הונגער. זוּפּ האָט מען דאָרט געגעבן צו עסן איינמאָל אין דריי־פיר טעג, די נאַטשאַלניקעס זיינען באַגאַנגען מיס־ברויכן, פאַרקויפט דאָס עסן אויפן שוואַרצן מאַרק. אָבער אין אמתן איז עס די שולד נישט נאָר פון די נאַטשאַלניקעס. אַז מען פירט אַן עשאַלאָן אַרעסטאַנטן פון סאַמאַרקאַנד ביז בוכאַראַ, בלויז עטלעכע הונדערט קילאָמעטער, שלעפּט ער

זיך אָפּטמאָל ביז צוויי וואָכן אין וועג. ווען דער צוג קומט אָן אויפֿן אָרט, נעמט מען פֿון יעדן וואַגאָן אַרויס צו עטלעכע טויטע.

אַ חודש צייט האָט אָנגעהאַלטן די מגפה אין אונזער לאַגער. ביי אונז איז געווען אַ קליינע צאָל טויט־פֿאַלן, בלויז צוועלף. אין פֿאַרגלייך מיט אַנדערע לאַ־גערן, איז דאָס אַ נישטיקע צאָל. כּערסאָנסקי האָט פֿאַר אַלעמען אין די אויגן, גע־קלאַפּט דעם דאָקטער סוויעטלאָוו אין פּלייצע, דאָס איז שוין אַ סימן פֿון גאָר גרויסער אָנערקענונג. (אגב, היילט סוויעטלאָוו אויך דעם נאַטשאַלניקס ווייב, איר האַרץ־קראַנקהייט, עס פֿירט אים אָפּ יעדעס מאָל אַ קאָנוואָי צום נאַ־טשאַלניק אין שטוב אַריין און צוריק). מען האָט, אַלזאָ, דעם טיפֿוס דאָ באַזיגט. דער נאַטשאַלניק און דער דאָקטער שמייכלען צופֿרידענע, ווי טריאומפֿאַטאָרן. זיי האָבן עס ערלעך פֿאַרדינט.

אין לאַגער ווערט איינגעשטעלט אַ בעסערע אָרדנונג. ווער עס האָט נישט קיין אייגענע וועש, באַקומט אַ ניי העמד און אונטערוועש, יעדער זונטיק ווערט אַ רו־טאָג (אויך צוליב דעם, ווייל עס פֿעלט דאָ שוין סיוווי אויס רוי־שטאָף פֿאַר די פֿאַבריקן), אין די זופּן געפֿינט מען שוין אַ לעפֿל קאַשע און אַ פּאָר פֿעט־אויגן פֿון געשמילץ.

די אַרעסטאַנטן נעמען צונויף זייער אייגן געלט און די קולטור־לייטערין קויפֿט איין אַ ראַדיאָ־הילכער. דער פּאָליטישער לייטער און דער רעזשים־נאַטשאַל־ניק האָבן דערלויבט צו הערן ראַדיאָ, מיר קאָנען איצט הערן מאָסקווע און טאַש־קענט. מען האָט שוין אויך איינִיקע מאָל דאָ דעמאָנסטרירט פֿילמען.

עס קומט אַראָפּ אַ קאָמיסיע פֿון טאַשקענט. זיי וועלן זיכער איצט זיין צופֿרידן מיט דער אָרדנונג דאָ. טאָמער געפֿעלט זיי דאָס נאָך אַלץ נישט, עס קאָן נאָך אַלץ זיין צו שלעכט, אָדער פֿאַרקערט — צו גוט, באַוואָרענט זיך דער נאַטשעלניק פֿון פֿאָרויס. ווען זיי קומען אָן, נעמט מען זיי אויף אין נאַטשאַלניקס קאַבינעט. עס ווערן אַריינגערופֿן די שענסטע מיידלעך פֿון לאַגער און זיי סערווירן ביים טיש. מען טרינקט פֿון די בעסטע וויינען, מען בראָט אָפּ אַ חזיר, עס ווערן דערלאַנגט די שענסטע פּרוכטן. זיי זיצן דאָרט אָפּ אַ פּאָר שעה און פֿאַרווײַלן זיך. איבער דער צייט רופֿט מען אַריין דעם בעסטן שניידער פֿון לאַגער, ער נעמט זיי אַ מאָס אויף אַנצוגן. עס קומט אַריין דער שוסטער־מייסטער און נעמט ביי זיי אַראָפּ מאָסן אויף שטיוול. פֿון דעם וועש־צעך ווערן געבראַנגט עטלעכע קאָמפּלעטן מענער־דאַמען־ און קינדער־וועש. נאָכן אויסרוען זיך, פֿירט מען זיי אין באָד, וואָס ווערט פֿאַר דעם ספּעציעל אויסגערייניקט. אין דער צייט ווען זיי באָדן זיך, ברענגט מען זייערע שטיוול אין שוסטער־וואַרשטאַט און זיי ווערן אָפּגעפּוצט אויף אַ גלאַנץ. די היטל־מאַכער גרייטן פֿיבערדיק צו פֿאַר זיי נייע היטלען.

יאָ, די קאָמיסיע וועט זיכער זיין צופֿרידן, זי וועט צונויפֿשטעלן אַ גוטן פּראָטאָקאָל פֿאַר טאַשקענט. כּערסאָנסקי וועט באַקומען אַן אָרדען. ער איז טאַקע ווערט אַן אָרדען, עס איז די בעסטע לאַגער־קאָלאָניע פֿון אַלע אַרומיקע, גיט אַרויס די בעסטע און גרעסטע צאָל פּראָדוקציע, האָט אויפֿגעבויט אַליין עטלעכע גרויסע, נישט־שלעכט איינגעאָרדנטע באַראַקן. דער לאַגער פֿאַרמאָגט גוטע ספּע־ציאַליסטן: סטאָליערס, שלאָסערס, מעכאַניקער, עלעקטראָטעכניקער, וועבער־מייס־טער, שוסטערס, שניידערס, היטל־מאַכערס. די גאַנצע היגע נקוד און אַלע פּאַרטיי־אָנפֿירער, פּראָקוראָרן, גנעיסן פֿון די גוט־איינגעאָרדנטע צעכן, פֿון אירע

ספעציאַליסטן, אָנגעפירט דורך דעם פּאַרדינסטפולן, ענערגישן הויפּט־נאַטשאַלניק יעפים סאַלאָמאָנאָוויטש בערסאָנסקי.

***

איך האָב זיך געזעען מיט באַקאַנטע. איך האָב באַקומען זונטיק די רעכט אויף אַ זעאונג מיט רויזקען און רעניע ליפּגאַס. איך האָב זיי אָנגעגעבן פּאַר משפּחה. מען זעצט אויס אין דיזשור־שטיבל עטלעכע אַרעסטאַנטן ביי איין טיש און די קרובים פון דער צווייטער זייט. עס טוט אַכטונג דער קאָמענדאַנט. מען טאָר זיך נישט קושן נישט ביים באַגעגענען און נישט ביים צעשיידן זיך, נאָר זעלטן ווער עס האַלט זיך ביי דעם פאַרבאָט. מען פאַלט זיך אין די אָרעמס אינס־טינקטיוו, ספּאַזמאַטיש, געוויינען, היסטעריע. דער קאָמענדאַנט צעשיידט און שרייט אָן, אָבער אין אַ לייכטן טאָן. נישט איינמאָל וויינט ער אַליין מיט, ווען אַ מאַמע באַגעגנט זיך מיט אַ טאָכטער, אַ מאַן מיט אַ פרוי.

במשך צען מינוט דאַרף מען אַלץ אויסריידן. וועגן לאַגער־לעבן טאָר מען נישט דערציילן, נאָר וועגן געזונט און פאַמיליע־ענינים. די ווערטער פאַלן האַסטיק, מישן זיך אויס, אַלע רעדן הויך און שנעל, מען וויל אַריינכאַפּן וואָס מער און דווקא פאַרהאַקט מען זיך אין מיטן, פון צופיל ווילן רעדן אַלץ מיטאַמאָל, פאַרשווונדן די רייד. וויינט מען דערווייל. די צעשיידונג איז פּיינלעך. די לאַגערניקעס, נאָך אַזעלכע באַגעגענישן מיט זייערע קרובים, גייען אַרום עטלעכע טעג דערשלאָגענע, פאַרמרה־שחורהטע.

רויזקע און רעניע גיבן מיר איבער אַ פּעקל פּאַפּיראָסן. דער קאָמענדאַנט קוקט עס דורך, קאָנטראָלירט, צי עס ליגט נישט דאָרט עפּעס פאַרדעכטיקס, אַמו־ניציע. איך בין אים מכבד מיט עטלעכע פּאַפּיראָסן (קיינער זאָל עס נישט זעען), ער דאַנקט, איז צופרידן.

אַ צווייטע באַגעגעניש:

אין לאַגער אַריין איז געקומען דער וואַרשעווער אַרטיסט משה ליפּמאַן. חוץ שפּילן אין היגן טעאַטער, פאַרנעמט ער זיך אויך מיט גלעזעריי, מען האָט אים אַריינגערופן דאָ אַהער אַריינשטעלן עטלעכע שויבן.

איך דריי מיך אַזוי, אַז איך זאָל קאָנען איבערכאַפּן מיט אים עטלעכע ווער־טער. איך גיב אים אויך איבער אַ פּאָר פון מיינע דאָ אָנגעשריבענע לידער. די אי־בערגעכאַפּטע פּאָר ווערטער מיט אים זיינען ביי מיר אויך אַ געשעעניש. ער גיט מיר איבער עטלעכע נייעסן: מען פּלאַנט צו שאַפן אַ יידישע רעפּובליק אין קרים. מען פאַרשיקט פון דאָרט די טאַטערן, ווייל זיי האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן. קיין אוזבעקיסטאַן אַליין האָט מען שוין געבראַכט זיבעציק טויזנט פאַרשיקטע טאַטערן. די ידיעה וועגן דער יידישער רעפּובליק איז דערווייל אַ קלאַנג, געקומען מיט דער פאַנטאַפל־פּאָסט פון מאָסקווע, ווי אַ סך אַנדערע ידיעות, וועלכע מען זעט זיי נישט אין די צייטונגען. ער שטופּט מיר אונטער די מאָסקווער יידישע צייטונג „איניקייט".

אַ דריטע באַגעגעניש :

ווען איך בין געזעסן אין שוסטער־וואַרשטאַט און צוגעקלאַפּט זוילן צו שיך, האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן ביים טיש איינער, וואָס דערזעענדיק אים, האָב איך

געוואַלט מאַכן אַ געוואַלט, אויסשרייען, וואַרפן אים אַ האַמער אין קאָפּ אַריין, אָדער אַליין איינזינקען אין דער ערד — עס איז געווען —
בערעלע שמאַיעוויטש!

אונזער וואַרשטאַט האָט אויסגעאַרבעט שיך פאַר זייער אַרטעל. איז ער, אַלס מאַגאַזינער שוין איצט פון יענעם אַרטעל, געקומען דאָ אַהער באַקוקן די פּראָדוקציע. פאַרשטייט זיך, אַז נישט בלויז צוליב דעם איז ער געקומען, ער איז געקומען זיך זעען מיט מיר.

באַגריסן זיך מיט מיר און רעדן האָט ער, אַלס דרויסנדיקער, נישט קיין רעכט. דער צעך־נאַטשאַלניק, וואָס האָט שוין געוווּסט וועגן אים, וועגן זיין מסירה, האָט אים דאָך געגעבן אַ מעגלעכקייט צו מיר צוצוגיין, מכלומרשט באַקוקן מיין אַרבעט. ער זאָגט מיר אַ זייטיקן „גוטמאָרגן" און דערלאַנגט מיר די האַנט. ער רעדט אויף רוסיש כלומרשט וועגן די שיך און וואַרפט אַריין יידישע זאַצן:

— דאַגהט זיך נישט, איר וועט נאָך ווערן באַפרייט. משה לויפּגאַס פאַרשפּרייט אַ בלבול אין גאַס אַז איך, איך, בערעלע שמאַיעוויטש, האָב אייך אַלעמען געמסרט.

די האַנט, וואָס איך האָב אים צוריקדערלאַנגט איז מיר ווי אָפּגעפרוירן, ווי אַ פרעמדע, מיאוסע, טמא זאַך, איך וואָלט זי מיר אָפּגעהאַקט. איך מוז זיך אָבער האַלטן און גאָרנישט אַרויסווייזן. איך זאָג אים, אַז משה לויפּגאַס איז אַ שוטה, אַ נישט־פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש. ווער קען דען וואַגן צו טראַכטן אַזאַ אומזיניקייט, אַז ער, בערעלע, האָט געמסרט?!

איך בין מיט זיך צופרידן, איך בין אַן אַקטיאָר, איך שפּיל גוט מיין ראָלע, איך ביטרעווע אים איבער. גלייבט ער דערין? באַמערקט ער עס?

איך קוק זיך גוט איין אין זיינע אויגן, הער זיך גוט איין אין זיין קול. ער האָט אַ טאָפּלטע שטימע, אַ טאָפּלטן בליק, אַן אונטער־שטימע און אַן אונטערבליק. יאָ, ער איז אַ געבוירענער פּראָוואָקאַטאָר. דאָס ווערט מען נישט צופעליק. דערמיט ווערט מען געבוירן. די פּאַסיקע געלעגנהייט רופט נאָר אַרויס די פאַרלייגנטע, אונטערבאַוווּסטזיניקע אייגנשאַפטן.

ער איז העבער מיטלוווקס, שיין, געפּוצט, לייטיש אויסזעען, נאָר אַלץ איז קאַלט און פרעמד. עס זיצט אין אים אַ רוצח. ער געהערט נישט צו זיך אַליין. ער איז אַ מענטש מיט אַ געשפּאָלטענער נשמה. ער קאָן זינגען סענטימענטאַלע לידלעך, פאַרגיסן אויך אַ טרער, אָבער דער רוצח אין אים פאַרווישט דאָס גלייך. ער האָט פיינט מענטשן, נאַרט זיי אָפּ מיט שיינע, גלאַטיקע רייד, דאָס פאַרשאַפט אפילו הנאה אים — דעם צווייטן אין אים — דעם פאַרברעכער, רוצח, מסור. ער איז נע־ווענע, קראַנק אויפן האַרץ, עס איז נאָרמאַל, פאַרשטענדלעך. ער איז אַן עגאָאיסט, אַ פרעסער, אַ גזלן, אָבער אַלץ פאַרבאָרגענערהייט, קיינער זאָל דערפון נישט וויסן. ער טוט אָן זיינע פאַרברעכנס אין שיינע מענטעלעך. ער פילט אויך אין זיך אַ דראַנג צו טאָן טובות, שענקען מתנות, ער טוט דאָס, ער האָט הנאה דערפון, זיינע אונטערשטע פּאַראַט־כוונות האָבן נאָך מער הנאה דערפון.

ער וויל מיר איצט איבערלאָזן זיין היטל, ער ווייסט אַז איך האָב נישט קיין היטל. ער וויל מיר איבערלאָזן אַ צינדערל. ניין, איך דאַרף נישט, איך וויל נישט. ער לאָזט עס ליגן ביי מיר אויפן טיש, דערלאַנגט די האַנט און גייט אַוועק.

נאָך זיין אַוועקגיין, שרייב איך באַלד אָן אַ בריוו און שיק איבער, געלעגנ־

הייטלעך, צו בערעלעס פריילין, רויזקעס עלטערער שוועסטער, וואָס רעכנט זיך שוין פאַר זיינס אַ כלה. איך הייס איר זאָגן בערעלען, אין מיין נאָמען, אַז מער שווייגן קאָן איך נישט! איך וועל נישט זיין מער קיין קאָמעדיאַנט. זאָל ער מער נישט קומען אין לאַגער אריין. איך ווייס וועגן אים אַלץ, ער איז אַ געראָטענער ברודער פון אזעף.

איך שרייב שוין אַלץ אויספירלעך, דעק אויף די קאָרטן.

איך ריזיקיר דערמיט אַ סך, אָבער פאַרפאַלן, מער קאָן איך שוין נישט אין זיך פאַרבאָרגן דעם אמת.

איך שרייב:

„זאָל ער זיין ווי אַ מצורע, זאָל די ערד אונטער אים זיך טרייס־לען, ער זאָל קיינמאָל קיין רו נישט געפונען, זיין געוויסן זאָל אים ווי אַ וואָרעם אייביק טאָטשען זיין האַרץ! ער האָט באַדאַרפט זיין אַן אָפּלייזער פאַר זיין איי־דעלער פרוי און צוויי קינדערלעך, וועלכע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן אין כערסאָן.

אויך מיין פרוי און קינד און אַלע מיינע נאָנטסטע זיינען דער־מאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן און ער האָט געוואָלט דורך פאַראַט און בלבול אויך מיך, דעם איינציק לעבן־געבליבענעם, אויך דערמאָרדן. זאָל אים אַן אויסגעבערענטער קין־צייכן אייביק גליען אויף זיין שטערן און יעדער דורכגייער זאָל קענען איבערלייענען די שאַנד־אויפשריפט:

„מסור!" „פּראָוואָקאַטאָר!"

קאַפּיטל טו

אין לאַגער איז פאַרגעקומען אַן אַנטלויפן. פון די אַרעסטאַנטן וואָס האָבן ביי־נאַכט, שוין נאָך דער „פּאָווערקע", אויסגעלאָדן באַלן שטאָף אין מאַגאַזין אַריין, האָבן דריי זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די באַלן אין מאַגאַזין. נאָכן פאַרשליסן, האָבן זיי געגומען אונטערגראָבן די ערד. כלים דערצו האָבן זיי שוין געהאַט אַרויסגע־גנבעט פונעם שלאָסער־וואַרשטאַט און דאָ צוגעגרייט. עס איז זיי דאָס דורכגראָבן געלונגען. נאָך עטלעכע שעה האָבן זיי זיך אַרויסגעקראָגן אויף דער פריי. עס איז נישט געווען אויף דער זייט פונם באַרג. זיי זיינען געקראָכן אויף אַלע פיר ביי די ווענט. זיי האָבן אויסגעשיט אַ זעקל מאַכאָרקע אויפן וועג, כדי די שפּור־הינט זאָלן פאַרלירן זייער שפּור.

זייער אַנטלויפן האָט אַרויסגערופן אַ טומל און דענערוווירטקייט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שטרענגע רעוויזיעס אין די באַראַקן.

עס טרעפט זעלטן, אַז מען זאָל דורכשלאָפן די נאַכט רואיק, ווייל אַלעמאָל קומען די דיזשורנעס וועקן די מענער, אַז מען זאָל גיין דרייען דאָס גרויסע ראָד פונם עלעקטרישן טראַנספאָרמאַטאָר. עס ווערט זייער אָפט קאַליע. עס דאַרפן אַרויס־גיין זעכצן מענער און דרייען דאָס ראָד, ציען דעם לעדערנעם טראַנסמיסיע־פּאַס, ביז עס צינדט זיך אָן דער קעסל און דאָס ראָד באַוועגט זיך שוין אַליין. אָפטמאָל דויערט אָפּ עטלעכע שעה ביז עס געלונגט.

איצט קומען נאָך צו די בייטנאַכטיקע רעוויזיעס אין באַראַק. פינף פאַרטאָג

דאַרף מען שוין אויפשטיין. אַלע זיינען מיד און בייז. מען איז שטאַרק מקנא די דריי אַרעסטאַנטן, וואָס עס איז זיי געלונגען דאָס אַנטלויפן. ריזיקירט און געטראָפן! בעסער איין טאָג לעבן אויף דער פריי, איידער אַ יאָר אינם לאַגער.

***

אין זעקסטן לאַגער־פונקט, עטלעכע קילאָמעטער ווייט פון אונז, האָט אַ רוס דערהרגעט אַ ייד, אַ מסור. קיינער פון אונז האָט דעם יידישן מסור נישט באַדויערט, ער האָט באַקומען זיין פאַרדינטע שטראָף. דער רוס, אַ מעכאַניקער, האָט אויף ביי־נאַכט מיטגענומען אַ האַק אין באַראַק און ווען דער מסור איז געשלאָפן, האָט ער אים מיט איין זעץ, געשפּאָלטן דעם קאָפּ.

מען איז אויך געוואָר געוואָרן, אַז די אוזבעקישע אַרעסטאַנטן אין יענעם לאַגער־פונקט, האָבן זיך געגרייט צו דערהרגענען אַכמאַטאָפן, דעם אוזבעקישן פּראָקוראָר, וואָס איז געזעסן מיט מיר אין קאַמער און געדינט אַלס קאַמער־מסור. מען האָט אַכמאַטאָפן שנעל איבערגעשיקט אין אַ לאַגער קיין סיביר, ער האָט דאָס אַליין געבעטן.

ביי אונז זיינען אויך געווען עטלעכע אַרעסטאַנטן, געוועזענע מיליציאָנערן. מען איז זיי דערגאַנגען די יאָרן, ביי יעדער געלעגנהייט האָבן די אַרעסטאַנטן זיי געמקלט. זיי האָבן זיך געבעטן ביי נאַטשאַלסטווע, אַז מען זאָל זיי שוין בעסער זעצן אין קאַרצער. דער נאַטשאַלניק האָט זיי משלח געווען אין אַן אַנדערן לאַגער.

עס איז אויך דאָ ביי אונז אַ געוועזענע אויספאָרשערין. זי איז געווען באַ־קאַנט פון איר ממיתן אַרעסטאַנטן בעת דער אויספאָרשונג. איצט זיצט זי דאָ מיט אונז. זי האָט צוגענומען ביי אַ גנב אַ גרעסערע סומע געלט און צירונג און געגעבן אים די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן. זי האָט דערפאַר באַקומען נאָר דריי יאָר. עט־לעכע מאָל האָבן די פרויען זי ביינאַכט איבערגעדעקט מיט אַ קאָץ און דערלאַנגט איר אַ שיין ביסל קלעפּ. מען האָט דערפאַר עטלעכע פרויען איינגעזעצט אויף צען טעג אין קאַרצער. עס האָט געווירקט. מען האָט זי מער נישט געשלאָגן, נאָר תמיד צוגעגנבעט ביי איר די פּערעדאַטשעס, וואָס עס האָט איר אַריינגעשיקט איר מאַן, אַ קאַפּיטאַן.

אין לאַגער איז לעצטנס פאָרגעקומען אַ דראַמאַטישע געשעעניש:

עס איז געווען ביינאַכט, שוין נאָך דער „פּאָווערקע". מיר האָבן נאָך געהערט ראַדיאָ. עס איז אַריינגעקומען אונזער וועכטערין אויך אויסהערן די קאָמוניקאַטן. עס ווילט זיך נישט ליגן שלאָפן. די קאָמוניקאַטן האָבן דערציילט וועגן ווייטער־דיקע נצחונות אויף די פראָנטן. די האָפנונג אויף סוף מלחמה און באַפרייאונג שטייגט.

עטלעכע שטייען מיר פאַרן באַראַק. די וועכטערין, די גראָבע גאַליאַ, אין זעל־נערישן מונדיר און שטיוול, דערציילט אונז וועגן אירע אַמאָליקע ליבע־דערפאַלגן. זי דערציילט אונז וועגן איר איצטיקן מאַן, ווי ליב ער האָט זי, וועגן איר קינד. עס איז איר אומעטיק צו שטיין אַ גאַנצע ווינטער־נאַכט אויפן וואַך־פּאָסטן ביי אונזער קאַמער. ביינאַכט טאָרן די אַרעסטאַנטן נישט גיין אין קלאָזעט, נאָר מוזן זיך באַנוצן מיט דעם פעסל, וואָס שטייט פאַר דער טיר. און יעדער איינציקער לויפט אַ סך מאָל דורך דער נאַכט, דאָס פעסל איז כסדר באַזעצט. גאַליאַ, נאָך אַ

יונגע פרוי, מוז שטיין דערביי און זיך צוקוקן ווי די מענער דערלעדיקן זיך. עס מאַכט שוין נישט אויף איר קיין איינדרוק, נאָר אנגענעם איז עס נישט, עס איז איר סקוטשנע, אומעטיק. שמועסט זי זיך דורך מיט די אַרעסטאַנטן.

פון וואַך־טורעם פאַלט אַ שאָס. עס לויפט אָן דער אוזבעקישער דיזשורני, אַקי־באַיעף, ער לויפט צום וואַך־טורעם און אַ קויל ליינגט אים אַוועק אויפן אָרט. עס פאַלן נאָך עטלעכע שאָסן. מיר לויפן אין באַראַק אַריין אויף די גלעגערס. מיר הערן פון וואַך־טורעם אַ געשריי:

— נאַ ווראַגאַ! אורא! סטרעליאַי! (אויפן שונא! הורא! שיס!)

עס זיינען אָנגעלאָפן אין באַראַק אַריין די וועכטערס, מען ציילט עטלעכע מאָל די אַרעסטירטע, עס איז, מסתמא, פאָרגעקומען אַן אַנטלויפן. די דיזשורנעס זיינען אויפגערעגט, צעווילדעוועט, זיי באַפעלן אַלעמען גלייך זיך לייגן שלאָפן און אפילו נישט אַרויסגיין צום פעסל.

אין אַ שעה אַרום קומען אָן די אַרעסטאַנטן, וואָס אַרבעטן אויף דער נאַכט־שיכט, מען האָט איבערגעריסן די אַרבעט.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער וועכטער אויפן טורעם, אַן אוזבעק, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אָנגעקומען פונם פראָנט, אַ קאָנטוזירטער, האָט פּלוצים באַקו־מען אַ שגעון־אָנפאַל. עס האָט זיך אים אויסגעדוכטן, אַז מען רופט אים אויף אַן אָנגריף קעגן די דייטשן און ער האָט גענומען שיסן אין דער לאַגער־זאָנע אַריין. נאָכן אויסשיסן דעם גאַנצן זאַפּאַס קוילן האָט מען אים קוים געבענדיקט. איין קויל האָט געטראָפן דעם דיזשורני אַקיבאַיעף. עטלעכע קוילן זיינען געפאַלן נעבן נאַטשאַלניק בערסאַנסקי, ווען ער איז אַרויסגעלאָפן פון זיין קאַבינעט.

אַקיבאַיעף איז געווען דער באַליבטסטער דיזשורני אין לאַגער. ער איז געווען זייער אַ גוטער. ער איז נישט לאַנג צוריקגעקומען אַ פאַרוואונדעטער פונם פראָנט. באַזונדערס האָבן אים ליב געהאַט די פרויען. ער האָט קיינמאָל נישט געשלעפּט קיין פרוי ביי די האָר אין קאַרצער אַריין, ווי עס טוען עס אַנדערע, ווען אַ פרוי לייגט זיך אַוועק אויף דער ערד און וויל נישט גיין פרייוויליק אין נאַסן, פינצטערן קעלער אַריין.

דעם משוגענעם וועכטער האָט מען איינגעזעצט אין דעם וואַך־אַרעסט. מען האָט דורך דער נקווד־ראַדיאָ גלייך צוויסן געגעבן טאַשקענט וועגן דעם פאָרפאַל. וואָרים עס קאָן דאָך זיין, אַז דער שיסער איז גאָרנישט געווען משוגע, נאָר אַז עס איז געווען אַ צוגעגרייטער, באַוווסטזיניקער אַטענטאַט. אָט האָט ער דאָך געשאָסן עטלעכע מאָל אויפן נאַטשאַלניק אַליין.

אין דער זעלבער נאַכט נאָך האָט זיך דער משוגענער זעלנער אויפגעהאָנגען אין דער קאַמער.

נאָך עטלעכע טעג נאָכדעם, האָבן די קראַנקע אין שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער קאַמער פון וואַך־אַרעסט, דערציילט, אַז פון יענער ליידיקער קאַמער האָבן זיי אין די נעכט געהערט טויבע קלעפּ. עס שרעקט זיי דער געהאָנגע־נער. אפילו די פרויען־דיזשורנעס, שוין לאַנגיעריקע נקווד־זעלנער, האָבן אויך דערציילט דאָס זעלבע, אַז זיי הערן ביינאַכט דייטלעך אונטערערדישע קלעפּ פון דער וואַך־קאַמער, אַז דאָס שרעקט זיי דער טויטער אַקיבאַיעף, וועלכער איז דאָרט גע־לעגן און אויך דער געהאָנגענער וועכטער.

אין אַזעלכע טעג פאַרגעסט מען אין לאַגער אין דער אייגענער פּיין, אַז מען איז אַרעסטאַנט, פּאַראורטיילטע צו זיצן נאָך לאַנגע יאָרן, שוועד האָרעווען, הונ־גערן און בענקען. עס דוכט זיך אויס, אַז דאָ איז אַ קליין, פאַרשלאָסן שטעטעלע, וואָס האָט זיך אירע אייגענע אינטערעסאַנטע פּאַסירונגען און געשעענישן.

***

קאָלקאַ, דער יונגער גנב, וואָס האָט געאַרבעט אין שוסטער־וואַרשטאַט, איז מיט צוויי חדשים צוריק געגומען געוואָרן אויפן פראָנט. אין לאַגער איז דעמאָלט אָראָפּגעקומען אַ מיליטערישע קאָמיסיע און אַלע דינסט־פעאיקע, נישט פאַראור־טיילטע פאַר פּאָליטיק און באַנדיטיזם, די אַלע, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין גרעסערע אורטיילן פון פינף יאָר, האָט מען גענומען אין אַרמיי און אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט. די געוועזענע פּוילישע בירגער האָט מען בכלל נישט גע־וואָלט אָננעמען.

קאָלקאַ איז שוין געוואָרן צוריקגעבראַנגט אַ פאַרוואונדעטער פון פראָנט, גע־מאַטערט זיך עטלעכע טעג אין אַ היגן שפּיטאָל און געשטאָרבן. ער איז אַלט געווען קוים אַכצן יאָר. עס באַוויינט אים זיין עלטערער חבר, פעדיאַ, אויך אַ פּראָפע־סיאָנעלער גנב, וועלכער אַרבעט אין אונזער וואַרשטאַט.

פעדיאַ געהערט צו די גנבים, וואָס זיינען עס געוואָרן נישט צוליב נויט. זיין טאַטע איז אַן אַגראָנאָם, זיין מאַמע אַ דאָקטאָרין און ביידע פאַרדינען זיי פאַר־העלטנישמעסיק גוט, אים האָט אינדערהיים גאָרנישט געפעלט. עס איז אים געווען בעסער ווי זיינע חברים. און דאָך איז ער געוואָרן אַ גנב. זייער שכן און הויז־פריינט איז געווען אַוודעיענקאָ, דער מחבר פון „איך האָב ליב", וועלכער איז אין די יונגע יאָרן אַליין געווען אַ גנב, גראַסירט מיט זיינס אַ באַנדע אין דעם צוג מאָסקווע — וולאַדיוואָסטאָק. פון דעם צוג האָבן זיי אַרויסגעגנבעט, אָדער אַרויסגעכאַפּט וואַליזעס ביי די פּאַסאַזשירן.

פעדיאַ האָט מיר שוין עטלעכע מאָל צוגעגנבעט מיינע פּערעדאַטשעס. בין איך געפאַלן אויף אַן אויפטו: ווען איך דאַרף אַוועקגיין פון וואַרשטאַט אין הויף אַריין, לאָז איך איבער מיין עסן ביי אים, פעדיאַ, ער זאָל דערויף אַכטונג געבן. פון דעמאָלט אָן פעלט מיר שוין גאָרנישט. געוויינלעך טייל איך מיין פּערע־דאַטשע מיט די וואַרשטאַט־חברים, אָבער פעדיאַ האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט נישט דערפון קיין הנאה, ער האָט פיינט אַז מען שענקט אים, ער איז נישט קיין שנאָרער. ווען ער גנבעט אָבער עפּעס, האָט ער דערפון טאָפּל הנאה. דאָס עסן איז זיס, עס איז זיין דעראָבערונג, ער פאַרדינט עס „ערלעך" מיט זיין פלינקייט, איינ־פאַל און געוואַגטקייט.

מייסטנס וואַרשטאַט־חברים זעען אַז איך באַקום אַריין געהיימע בריוועלעך, אָבער אויף די גנבים מעג איך זיך פאַרלאָזן, זיי וועלן נישט מסרן. גיכער דאַרף איך זיך היטן פאַר דעם געוועזענעם פּאַרטיי־מיטגליד, לערער און צייכנער — איוואַנ־טשענקאָ.

ער איז געהילף־מייסטער. אַ גוטער שוסטער. ער שטעלט אויך אַליין צונויף אַ האַרמאָניע. ער רעדט שיינע, זיסע ריידעלעך, איז אַ חונף, האָט זיך שוין גע־

שאַפן דאָ צוויי געליבטע, וועלכע גיבן אים אָפּ טייל פון זייער עסן, גנבענען שטאָף אין וואַרשטאַט, כדי צוצופאַרדינען — פאַר אים דאַרף מען זיך היטן.

איך האָב טאַקע היינט אַריינבאַקומען מיטאַמאָל דריי בריוועלעך. איינס פון דעם דיכטער פּרץ מיראַנסקי, ער שיקט מיר אויך אַריין דריי הונדערט רובל (וואָס מען האָט זיי מיר באַלד צוגענבעט). אַ בריוועלע פונם אַרטיסט משה ליפּמאַן, אין וועלכן ער טיילט מיר מיט וועגן דעם דערפאָלג, וואָס עס האָבן געהאַט מיינע עטלעכע לידער („טויטן־טאַנגאָ", „נקמה"). ער האָט זיי שוין עטלעכע מאָל רעצי־טירט אין טעאַטער, דעם נאָמען פונם מחבר, פאַרשטענדלעך, נישט אָנגעגעבן. אַ דריט בריוועלע פון בערעלע שמאַיעוויטש. ער שרייבט מיר:

„יאָ, איך האָב געזינדיקט! איך בין זיך מודה, איך האָב אָבער דאָס נישט געטאָן פריייוויליק, מען האָט מיך געשלאָגן מיט רעוואָלווערן איבערן קאָפּ. איר מוזט דאָס אַלץ נעמען אין אַכט. מען האָט דערמאָרדעט אייער פרוי און קינד, מען האָט אויך דערמאָרדעט מיין פרוי און צוויי קינדער. איר האָט דאָך זיי געקענט. איר ווייסט דאָך ווי איך האָב זיי ליב געהאַט. איך פאַרדין פאַר מיין פאַרברעכן לגבי אייך די גרעסטע שטראָף, אָבער איר, איר, וואָס האָט אין אייערע דערציי־לונגען באַזינגען די ליידנדיקע, מיט זיי מיטגעליטן, איר וואָס זענט ביכולת צו פאַרשטיין די טונקעלע לאַבירינטן פון דער מענטשלעכער נשמה, איר, וואָס פאַר־הערלעכט מאַהאַטמאַ גאַנדין, כריסטוסן און רב לוי יצחק בערדיטשעווער, איר וועט נישט זיין אַזוי גרויסמוטיק מיר אַלץ מוחל צו זיין און פאַרגעבן?! האָט איר דען נישט אָפּט אַליין געזאָגט, אַז דער מענטש איז נישט אַליין באַלעבאָס איבער זיך און איבער זיינע מעשים? צי ליידט נישט אַמאָל דער מערדער (אומשולדיקער מערדער) מער ווי זיין קרבן? איר ווילט מיר צאַפּן מיין בלוט, מיך לייגן אין חרם, דערפירן צו זעלבסטמאָרד? איך האָב שוין נישט איינמאָל געשלאָגן מיין קאָפּ אין דער וואַנט פון אונזער שטוב. צי קענט איר נישט מוחל זיין? ווייסט איר, אַז אינם טאָג, ווען עס איז אָנגעקומען אייער בריוול צו מיין ליבער חנה'לען, האָט זי מיך פאַרטריבן פון זייער שטוב און איבערגעריסן מיט מיר אַלע באַציונגען?!

מילא, אַז איר ווילט אַזוי, אַז איר ווילט מיר צעשטערן מיין לעבן און גליק, אויסצאַפּן מיין בלוט ביזן לעצטן טראָפּן, טוט אַזוי, שלאָגט, קוילעט, פאַרשעלט מיך. איך פאָר אַוועק פונדאַנען קיין לעמבערג און וועל זיך דאָרט שטעלן אויף שוואַרצער אַרבעט. עס האָט שוין געהאַלטן ביי אַ חתונה מיט מיין חנהלען און איר דאַרפט וויסן, אַז זי איז שוין פון מיר אין אַנדערע אומשטענדן אויך, צעשטערט איר אויך איר לעבן! וואָס איז זי דען, חנהלע, דערין שולדיק? מיר האָבן זיך ביידע ליב און איצט האָט איר אַריינגעשטאָכן אין אונז ביידן אַ מעסער! זייט געזונט, איך פאָר אַוועק. ווערט שנעל באַפרייט! ענטפערט מיר, אפשר וועט איר מיר דאָך מוחל זיין, דאָס איז אַ גרויסע מצווה און איר האַלט דאָך היינט פון מצוות.

אייער אַלטער, איבערגעגעבענער פריינט און פאַרערער,

בערעלע שמאַיעוויטש"

רויזקע האָט מיר אויפצומאָרגנס מיטגעטיילט אין אַ באַזונדער בריוול, אַז אין שטוב טוט זיך חושך. זי שרייבט:

„איך האָב די גאַנצע צייט נישט געוואָלט דערציילן פאַר מיין שוועסטער און מוטער דעם סוד וואָס איך האָב געוווּסט וועגן בערעלעס פאַרברעכן. זיי וואָלטן זיך דאָס גענומען שטאַרק צום האַרצן. חנהלע, האָט אים, ליידער, זייער ליב. ווען

משה לויפגאַס האָט פונאַנדערגעלאָזט די ידיעה איבער דער שטאָט וועגן בערעלעס מסירה, האָט ער געלייקנט שטיין און ביין. פאַרשטייט זיך, אַז מיין מאַמע און שוועסטער האָבן אים געגלייבט. אייער בריוו האָט זיי געעפנט די אויגן און עס איז ביי אונז תשעה־באָב. ער האָט שוין געוווינט ביי אונז אין שטוב, זיך שוין גע־רעכנט פאַר אַן אייגענעם, אָבער דעם זעלבן טאָג האָט אים מיין שוועסטער אַרויס־געטריבן, כאָטש זי האָט אים נאָך וווּיטער ליב. ער האָט זיך געהאַקט קאָפּ אין וואַנט און ספּאַזמירט. אַז מיין חנהלע איז פון אים שוואַנגער — איז אַ ליגן. דאָס האָט ער ספּעציעל צוגעטראַכט, כדי אייך דערמיט צו רירן. ער פאָרט די טעג אַוועק פונדאַנען. איך מיש זיך נישט אַריין, נאָר אין שטוב וויינט מען אַ גאַנצן טאָג און עס טוט זיך חושך. איך האָס אים און קאָן אויף אים נישט קוקן. ער וואָרט נאָך אויף אייערס אַן ענטפער. טוט ווי איר אַליין פאַרשטייט.

אייער פריינדין רוויזקע".

איך בין אַ גאַנצע נאַכט צוליב דעם נישט געשלאָפן. איך האָב בערעלען אָפּ־געענטפערט קורץ:

„אייער בריוועלע איז נאָך אַלץ פול מיט צביעות און ציניזם. איך צאַפּ אייך דאָס בלוט? איר זאָגט דאָס אַן חרפה? פאַרט, אויב איר ווילט, קיין לעמבערג, וואָגלט אַן איינזאַמער איבער דער וועלט. אויב איר האָט נאָך אַ שטיקל געוויסן אין זיך, וועט עס אייך סיווי איינמאָל אין אַ נאַכט זיך וואַרפן אויף אייער האַרץ, זיך פאַרשטעקן אין אייער גאָרגל, אָדער אייך דערווערגן, אָדער אויפרייסן אייער פאַלש האַרץ. אָבער איך וויל נישט זיין דערצו קיין גורם, איך טרייב אייך נישט פונדאַנען. אויב איר האָט ליב חנהלען, ביטע זייער, האָט מיט איר חתונה און לעבט זיך גליקלעך. אפשר וועט זי האָבן אַ קינד פון אייך, וואָס וועט אויסקויפן אייערע אַלע חטאים. איך וויל נישט צעשטערן חנהלעס גליק, ווייל זי איז דערין גאָרנישט נישט שולדיק. אפשר וועט איר אויפריכטיקע ליבע צו אייך אָפּרייניקן פון אייך אַלע זינד. אפשר וועט איר אַליין אַזויפיל חרטה האָבן און וויינען, אַז די טרערן וועלן אָפּשווענקען אייער פאַרברעכן. איך וויל נישט פאַרמיידן צו געבן אייך די געלעגנהייט תשובה צו טאָן. אפשר דאַרף פאָרט פאַרבלייבן איינער פון אַ יידישער פאַמיליע, וואָס זאָל קאָנען באַוויינען זיינע דערמאָרדעטע קינדער. איך שטיי אייך נישט אין וועג. האָט מיט איר חתונה, זייט גליקלעך, איך וועל אייך נאָך ווינטשן מיין מזל־טוב".

קאַפּיטל טז

עס איז ערב־פּרילינג 1945. זונטיק, רו־טאָג. מען האָט געשאַפן אַן אייגענעם כאָר און אָרקעסטער. קאָזלאָווסקי שפּילט פידל; דער אוקראַינישער ריכטער, וואָס אַרבעט דאָ אין קאַנטאָר אַלס בוכהאַלטער, שפּילט אויף אַ גיטאַרע און איזאַק פּויקט אין פּייקל. ער איז אויך כאָר־דיריגענט און זינגער־סאָליסט. צוערשט זינגט מען דעם סאָוויעטישן הימן. מען זינגט עטלעכע מיליטערישע מאַרשן און „טשאַס־טושקעס". נאָכהער זינגט די מענער־גרופּע יידישע לידער. זיי זיינען פינף מאַן: די פּאַביאַניצער וועבער וועלוול און הערשל, דער שניידער פון גאָמבין לייזער קאָן, איזאַק פון וואַרשע און יוזשעק, אַ פּראָפעסיאָנעלער גנב און אַפּעריסט פון וואַרשע.

דעם גרעסטן דערפֿאָלג ביים גאַנצן עולם האָבן די לידלעך „אוי, אוי, בּאַראַנאָוויטש" און „מיין שטעטעלע בעלז". דאָס ערשטע ליד מוזן זיי ביסירן. עס געפֿעלט די רוסן, אוזבעקן, טאַטאַרן, אוקראַינער, גרוזינער און זיי הערן נישט אויף צו אַפּלאָדירן. ביים צווייטן מאָל איבערזינגען האָט שוין דער גאַנצער עולם אונטערגעכאַפּט:

„אוי, אוי, באַראַנאָוויטש" !

עס געפֿעלט אויך דער נאַטשאַלסטווע. זיי זיצן אויף די ערשטע בענק נעבן דער אימפּראָוויזירטער עסטראַדע אויפֿן לאַגער־הויף. זיי גייען אוים פֿאַר אַ יידיש לידל, זיי האָבן אפילו מיטגעברענגט צום קאָנצערט זייערע קינדער. אינדרויסן וועלן זיי די לידלעך, אפילו אין יידישן טעאַטער, נישט הערן.

איזאַק זינגט די אַריע פֿון די „פּערל־פֿאַנגער" ביזעט'ס, ער זינגט עס אין איטאַליעניש און די ווערטער וועלכע ער געדענקט נישט, פֿאַרטרעט ער מיט ווערטער פֿון „יקום פורקן". נאַטשאַלסטווע קוועלט אָן, אַפּלאָדירן. זיי ווינקען ווידער שוין צו איזאַקן, ער פֿאַרשטייט וואָס זיי ווילן — ער זאָל זינגען דאָס פֿאָלקסליד „איז געזעסן רב מנשה".

די לאַגערניקעס זיצן אויסגעזעצט אויף דער ערד און די רעשט שטייען. אַ קליינע צאָל פֿון די יונגע פֿרויען זיינען אָנגעטאָן אין פֿרישע, ווייסע בלוזקעלעך און העלע קליידלעך. זעען זיך אָצינד מער אָן די אָפּגעריסענע, קויטיקע קליידלעך פֿון די עלטערע פֿרויען, צומיינסט ביי די אוזבעקינס. די צוויי קלאַסן אַרעסטאַנטן, די וועלכע באַקומען אַריין פֿערעדאַטשעס און האָבן נאָך עפּעס אָנצוטאָן און די צווייטע, אָבציק פֿראַצענט, וואָס זיינען אויסגעצערט, פֿאַרשוואַרצט, פֿאַרהונגערט, שמוציק און אין צעהאָדערטע טראַנטעס, אין צעריסענע שמאַטע־לעטשלעך, וואָס זיי נייען זיך דאָ אַליין אויף — דער אונטערשיד צווישן די צוויי קלאַסן זעט זיך דאָ נאָך בולטער און שאַרפֿער ווי ערגעץ אַנדערש.

דער קאָנצערט איז געענדיקט און די פֿרויען לאָזן זיך טאַנצן. עס שפּילן צו די דריי אינסטרומענטן. די נאַטשאַלניצע פֿון דער קולטור־אָפּטיילונג שיינט אַ צופֿרידענע. דאָס איז איר פֿאַרדינסט. זי הייסט איבערייסן דאָס טאַנצן און האַלט אַ רעדע. אַז מען זאָל זיך פֿון היינט אָן נאָך נעמען מיט מער ענערגיע צו דער אַרבעט. איין צעך וועט אַרויסרופֿן דעם צווייטן אויף אַ סאָציאַליסטישן געוועט, די זיגער וועלן באַקומען אַן אַנערקענונג־טראַנספּאַרענט. זאָלן די לאַגערניקעס באַווייזן, אַז אויך זיי העלפֿן צו אין קאַמף אין דער פֿערטער „פּיאַטילעטקע", אַנטוויקלען די אינדוסטרי און בויען די קאָמוניסטישעווירטשאַפֿט, באַרייכערן דאָס לאַנד, וואָס איז דאָס דעמאָקראַטישסטע און גליקלעכסטע אין דער וועלט. זי פֿאַרענדיקט מיט אויסרופֿן פֿאַרן באַלעבאָס און פֿאָטער פֿון די לאַגערניקעס — נאַטשאַלניק בערסאָנסקי און פֿאַר דעם פֿאָטער און פֿירער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, דעם קלוגן און געניאַלן און גרעסטן מענטש אין דער וועלט — יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין!

די לאַגערניקעס אַפּלאָדירן. אָצינד מעגן זיי שוין ווידער גיין טאַנצן. אַן אַלטע רומענערין טאַנצט סאָלאָ. זי פֿאַרשאַרצט איר קלייד, באַווייזט איר ווייס אונטערקלייד אויסגעהאַפֿטן מיט קריינדעלעך, דאָס איז דאָ אַ זעענסווירדיקייט, זי הייבט פֿלינק די פֿים ווי אַ יונגע, שרייט אונטער און לאָזט זיך גאַלאָפּ אין אַ ווירבל־טאַנץ.

עס איז איר גוט דער פּופּציקיעריקער רומענערין, אין עטלעכע וואָכן אַרום

ענדיקט זי שוין איר טערמין און וועט באַפּרייט ווערן. זי האָט אפילו נישט ביי זיך קיין איין גראָשן, אָן קרובים, אָן באַקאַנטע, נאָר זי זאָרגט זיך נישט, זי פירט, זאָגט זי, מיט זיך מיט איר פאַרדינסט־וואַרשטאַט...

די קליינע קולטור־נאַטשאַלניצע וואָלט אויך גערן געוואָלט זיך לאָזן טאַנצן, נאָר דאָס איז פאַרבאָטן. ביינאַכט וועט דער כאָר און אָרקעסטער אויפטרעטן אויף אַ באַזונדערן קאָנצערט פאַר די נאַטשאַלניקעס, וועכטערס, שליסערס, קאָמענדאַנטן.

די קליינע נאַטשאַלניצע האָט מער גוטע פריינט צווישן די אַרעסטאַנטן, ווי צווישן אירע אייגענע חברים פון נאַטשאַלסטווע. זי טוט וואָס זי קען. זי האָט שוין געלעבט דאָ מיט אַ פּראָסטן אוקראַינישן וועכטער, האָט ער זי אויך אַוועקגעוואָרפן.

יעדן פאַרנאַכט לייענט זי פאַר אויפן הויף די קריגס־קאָמוניקאַטן. פאַר דעם באַראַט זי זיך מיט דעם קיעווער ייד, דעם אַרעסטאַנט קאָזלאָווסקי. ער דאַרף איר פאַרטייטשן אייניקע שווערע פרעמדווערטער. דאָך פאַרפּלאָנטערט זי זיך. זי האָט איינמאָל פאַרגעלייענט אַז:

„אונזערע מיליטערישע פאַרבינדעטע האָבן פאַרנומען אַ „באַפעלקערטן פונקט" (אַ קליינעם ישוב, אַ דאָרף) אין מערב־אייראָפּע — פּאַריז".

עס איז דאָ אינם לאַגער אַ „רויט קולטור־ווינקל". דאָרט זיינען פאַראַן עט־לעכע צייטונגען, בראָשורן און אַ „דאַמקע". זונטיק קאָן מען זיצן דאָרט צוויי שעה, לייענען און שפּילן דאַמקע. עס געפינען זיך אויך דאָ פיר בענדער פון דער אַלטער גרויסער רוסישער ענציקלאָפּעדיע. יעדעס מאָל ווערן די פיר ביכער מיט ווייניקער בלעטער, מען רייסט פון זיי פּאַפּיר אויף צו וויקלען מאַכאָרקע.

די רוסישע מיידלעך ווערן נאָך אַלץ אַצינד נישט מיד פון טאַנצן. פון אַלע הונדערטע מענער טאַנצן נאָר אונזערע יידישע יונגעלייט.

די עלטערע פרויען און די אוזבעקינס האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ זייט און לויזן זיך.

איך זיץ אויף דער ערד אין אַ זייט מיט אליאַ און מיר פירן אונזערע פאַרבי־סענע וויכוחים. דאָס ערגסטע איז צוצוקוקן, זאָגט ער, ווי שקלאַפן קושן נאָך די הענט פון זייערע אונטערדריקער, קושן די בייטש און שרייען, אַז זיי זיינען גליק־לעך. ער טראַכט, זאָגט ער, ערנסט, וועגן זעלבסטמאָרד, ער האָט זיך שוין איינגע־בראָכן, מער קען ער נישט. מען האָט דאָ צוריקגעדרייט דאָס געשיכטע־ראָד אויף עטלעכע טויזנט יאָר צוריק, מיר וועלן דאַרפן אָנהויבן אַלץ אויפסניי, ער האָט שוין מער קיין כוח נישט.

עס רוקט זיך אָן דער פאַרנאַכט און די נאַכט־שיכט גייט שוין צו דער אַרבעט. אליאַ הויבט זיך אויף. ער דאַרף גיין פאַריכטן עטלעכע מאַשינען.

— פון דער אַרבעט בין איך צופרידן, דאָס איז מיין סטיכיע. אינסטרומענטן זיינען טויטע אָבער קלוגע קעגנשטאַנדן, דאָס קלענסטע מאַשינדעלע באַזיצט מער שכל ווי אַ טויץ פילאָזאָפן. דער רו־טאָג, די פאַרוויילונגען דאָ, ברענגען מיך אַריין אין דער שווערסטער דעפּרעסיע, זיי —

ער פאַרענדיקט נישט. זיין צאַרטער, קינדערישער שמייכל צעשיינט זיך אויף זיין אויסגעבלייכט, איידל פנים. ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און גייט אַוועק צו דער אַרבעט.

***

דאָס ערגסטע איז מיט די אומגעריכטיקייטן. דיין גורל ליגט אין די הענט פון דער נאַטשאַלסטווע און דו ווייסט נישט וואָס עס וועט מיט דיר געשעען אין אַ שעה אַרום. אַלץ געשעט אין דער לעצטער מינוט.

מאָנטיק פאַרטאָג איז אַריינגעקומען דער קאָמענדאַנט אין באַראַק. ער איז שוין איבער די פופציק, אַ נידעריקער, מיט אַ פאַרבלאָז פּנים און קליינע, גרויע אויגעלעך. ער דינט שוין עטלעכעאונצוואַנציק יאָר אין דער „טשעקאַ". אין דער צאַרישער אַרמיי איז ער געווען אַ דענשטשיק ביי אַן אָפיציר. ער גייט אַזוי שטיל און זייטיק, לאָמיך־געמאַכ'דיק און רעדט אויך אַזוי שטיל און זייטיק. ער זאָגט מיר:

— פאַקט איין אייערע זאַכן, איר ווערט אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ אין אַ צווייטן לאַגער.

פאַר מיר איז עס פונקט ווי ער וואָלט מיר פאַרגעלייענט אַ טויט־אורטייל. אַוועק מיטן עטאַפּ אין אַ ווייטן לאַגער, איז געענדיקט מיט די פּעקלעך, וואָס מען שיקט מיר אַריין פון אויסלאַנד, מיט פּערעדאַטשעס, מיט באַקומען און אַרויסשיקן בריוו, מיט די אַלע זכיות וואָס איך האָב זיך שוין דאָ דערוואָרבן דורך באַקאַנט־שאַפט און פּראָטעקציע, מיט דער פאַרהעלטנישמעסיק לייכטער אַרבעט אין דער שוסטעריי — עס שטייט אַלץ אין קאָן, דאָס איז אַ פראַגע פון לעבן און טויט.

די רשימות אויף איבערצושיקן אין אַנדערע לאַגערן שטעלט צונויף דער רעזשים־נאַטשאַלניק, דער אוקראַינער סערעדאַ. ער האָט שוין אויף מיר לאַנג גע־האַט אַן אויג. ער איז אַמאָל אַריינגעקומען אין וואַרשטאַט און מיר געגעבן צוצור־נייען זיין לעדערנעם פּוטעראַל אויף פּאַטראָנעס. איך האָב נאָך דעמאָלט קנאַפּ באַ־הערשט די שוסטער־נאָדל און עס איז אַרויסגעקומען פּאַרטאַטשנע פּאַרנייט. ער האָט עס מיר צוריקגעוואָרפן מיט רוגזה און זיך צעשריגן:

— איר זענט אַ „וורעדיטעל" (שעדיקער), אַ סאַבאָטאַזשניק! איר צעש־טערט מלוכה־אייגנטום! איר האָט אָפּגעקלאָגט מיין פּאַטראָנען־טאַש, וורעדיטעל!

איך האָב אים געענטפערט:

— און איר שעמט זיך נישט צו רעדן אַזוי פייערלעך ערנסט וועגן אַזאַ נאַ־רישקייט? אַז איך האָב שלעכט צוגענייט אייער פּוטעראַל, בין איך אַ מלוכה־שעדיקער און סאַבאָטאַזשניק? גיט עס מיר צוריק, דער מייסטער וועט מיר צו־ווייזן און איך וועל עס איבערנייען, וועל איך צוריק ווערן אויס סאַבאָטאַזשניק.

ער האָט זיך אַ ביס געטאָן אין ליפּ און אָנגעשאַרפט אויף מיר זיינע שפּיזל־דיקע, אומהיימלעכע אויגן. צו אַזאַ ענטפער פון אַן אַרעסטאַנט איז ער נישט צו־געוווינט. ער ווייסט, אַז איך האָב אָנזען ביי דער העכערער נאַטשאַלסטווע און מען באַציט זיך צו מיר נישט שלעכט. ער קאָן מיך איצט איינזעצן אין קאַרצער אויף צען טעג, אָבער ער איז נישט זיכער צי עס וועט גוט אויפגענומען ווערן דורך זיינע עלטסטע. ער האָט נאָך אויף זיך אַן אַלטן חטא. אין קאַרצער, אויב מען דאַרף גע־פּערשט ווערן פאַר אַ פאַרברעך אין לאַגער, באַנוצט מען אַ גומענע העמד, וואָס מען טוט אָן אויף דעם נאַקעטן קערפּער פונם אַרעסטאַנט און מען ציט איין מיט שטריק די הענט און די פיס. ביי אַזאַ עקזעקוציע מוז בייזיין דער דאָקטער. מער ווי זעקס מינוט קאָן מען אויף זיך נישט טראָגן דאָס גומענע העמד, די אָדערן זיינען פאַרצויגן, מען הערט אויף אָטעמען און מען פאַלט אין חלשות. דעמאָלט באַגיסט מען מיט וואַסער און אין אַ האַלבער שעה אַרום ציט מען נאָכאַמאָל אויף אים אַרויף דאָס העמד.

איינמאָל האָט דער רעזשים-נאַטשאַלניק סערעדאַ זיך דערלויבט דורכצופירן אַזאַ פּייניקונגס-אַקט איבער אַן אַ־רעסטאַנט און נישט אַרויפגערופן דעם דאָקטער בייצוזיין. ער האָט געלאָזט אויף דעם אַרעסטאַנט דאָס גומענע העמד גאַנצע צען מינוט און יענער איז געשטאָרבן אויפן אָרט.

אין לאַגער, צווישן דער נאַטשאַלסטווע, זיינען אויך פאַראַן צוויי פיינטלעכע צדדים, אַ יידישער און אַן אוקראַינישער. מיט די לעצטע פירט אָן דער באַפּולמעכ־טיקטער פון דער נקווד. ער האָט זיך אַפילו דערלויבט אַמאָל, זיצנדיק מיט אַלע אַרום טיש אין זייער סטאָלאָווקע, אַ שליידער טאָן דאָס טיש-מעסער אין אַ זייט און זאָגן איראָניש:

— מיט דעם מעסער קאָן מען שניידן נאָר פּוטער, עס איז גוט נאָר פאַר יידן.

די יידישע נאַטשאַלסטווע, ס׳רוב פּאַרטיי-מיטגלידער, האָבן זיך געפילט גע־טראָפן און באַליידיקט, געטראַכט וועגן אָנקלאָגן אים פאַר דער פּאַרטיי. דער באַפּולמעכטיקטער איז דערפון געוואָר געוואָרן, ווייל יעדער צד האָט זיך זיינע מוסרים, צווישן דער נאַטשאַלסטווע ווי צווישן די אַרעסטאַנטן. האָט ער פאַרדאָס געגומען נאָכקוקן די ביכער אין מאַגאַזין. ער האָט געוווסט, אַז אַ סך פּראָדוקטן פונם לאַגער-מאַגאַזין ווערן אַרויסגעטראָגן דורך עטלעכע נאַטשאַלניקעס און פאַר־קויפט אויפן שוואַרצן מאַרק. ער האָט זיי געוואָלט דערביי פּאַקן. אמת, אויף דעם הויפּט-נאַטשאַלניק בערסאָנסקי און זיין געהילף ליטווין איז קיין חשד נישט גע־פאַלן, זיי האָבן אויף אַ לעגאַלן וועג באַקומען אַלדאָס נויטיקע, מלבושים, שיך, פּראָדוקטן, אַלץ באַקומען זיי דאָ אין אַ גענוגנדיקער צאָל. ער האָט אָבער געוואָלט כאַפּן די אַנדערע יידישע נאַטשאַלניקעס, וועלכע זיינען נאָנטע פריינט פונם הויפּט־נאַטשאַלניק.

דער רעזשים-נאַטשאַלניק סערעדאַ האָט, פאַרשטייט זיך, געהערט צום צד פונם באַפּולמעכטיקטן, כאָטש אָפן דאָס אַרויסווייזן האָט ער מורא געהאַט און מוז דעריבער לאַווירן.

צווישן בערסאָנסקין און דעם באַפּולמעכטיקטן קומען כסדר פאָר שטרייטן וועגן דעם, אַז איינער קריכט אַריין אין דעם צווייטנס קאָמפּעטענצן. אין אַזעלכע פאַלן דעצידירט די העכערע נקווד-מאַכט אין טאַשקענט. יעדע פאָר וואָכן פאָרט יע־דער פון זיי קיין טאַשקענט אויף אָנקלאָגעס. דער נאַטשאַלניק האָט צו זיין דיספּאָ־זיציע אַן אויטאָ, ווייל פון אים געניסן אויך דער באַפּולמעכטיקטער. זאָגט בערסאָנ־סקי, אַז פאַר דעם באַפּולמעכטיקטן, אַ יונגער פאַרשוין פון עטלעכעאונצוואַנציק יאָר, וועט געזונט זיין בלויז צו רייטן אויף אַ פערד.

דער קאַמף טראָגט זיך איבער אויך אויף די קעפּ פון די אַרעסטאַנטן. יעדער צד האָט זיך זיינע „ליבלינגען" און זוכט צו רעפּרעסירן, אונטערשטעלן פיסלעך דעם צווייטנס ליבלינגען. אָט האָט דער אַלטער, קראַנקער קיעווער ייד, וואָס איז אַ סך מאָל געשווינט געוואָרן פון בערסאָנסקין, באַקומען אַ לייכטע אַרבעט, עס איז אים פאַרשוויגן געוואָרן אַ גרעסערע גנבה. האָט זיך אים דווקא פאַרגלוסט צוצו־טראָגן אַ מסירה צום באַפּולמעכטיקטן. ער האָט איבערגעגעבן, אַז פּאַמפּילאָוו האָט אים געזאָגט, אַז דעמאָלט ווען דער משוגענער וועכטער האָט געשאָסן אויפן לאַגער-נאַטשאַלניק, זאָל האָבן געווען אַן אָרגאַניזירטער אַטענטאַט.

פּאַמפּילאָוו איז אַ פאַראורטיילטער אויף צען יאָר פאַר קאָנטררעוואָלוציאָנע־רער אַגיטאַציע. ער איז אָבער דער בעסטער מעכאַניקער אין לאַגער. דער באַפּול־

מעכטיקטער האָט אים גלייך געהייסן אַרעסטירן און איבערגעשיקט אין דער אינערלעכער נקוודי־טורמע. ער האָט געוואָלט שיסן דערמיט צוויי האָזן מיטאַמאָל:

אי עס קאָן זיך אויפדעקן עפּעס אַ פּאָליטישער פאַרברעכן, וועט ער דאָך דורך דעם שטייגן אין זיין קאַריערע, אי ער וועט צונעמען ביי כערסאָנסקין דעם בעסטן מעכאַניקער פון לאַגער און אים דערמיט פאַרשאַפן גרויסע קלאָפּאָטן.

כערסאָנסקין האָט זיך איינגעגעבן צוריקצוקריגן פּאַמפּילאָוון אין לאַגער אַריין, עס איז נישט געווען קיין שום ערנסטער ענין. פּאַמפּילאָוו האָט פּשוט אַרויסגעזאָגט זיינס אַ בויך־סברא וועגן דעם אַטענטאַט. דער באַפולמעכטיקטער איז נישט געווען דערפון צופרידן. כערסאָנסקי האָט נאָך פאַראָרדנט, אַז מיטן נאָנטסטן עטאַפּ אין די וויטע לאַגערן זאָל מען אַוועקשיקן דעם אַלטן, קראַנקן קיעווער ייד, וויל ער איז געגאַנגען מיט אַ מסירה צום באַפולמעכטיקטן און נישט צו אים.

און אָט ווערט היינט אַוועקגעשיקט אַזאַ עטאַפּ.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך שוין געוווּסט, אַז סערעדאַ האָט מיך אַרויפגעשטעלט אויף דער עטאַפּ־רשימה. איך בין אָבער געשטעלט געוואָרן אויף אַ מעדיצינישער קאָמיסיע און מען האָט פעסטגעשטעלט אַז איך בין קראַנק, טאָר נישט אַוועקגעפירט ווערן מיט אַ וויטן עטאַפּ. אוודאי האָט דערצו מיטגעווירקט, חוץ דאָקטער, אויך ווער פון דער העכערער נאַטשאַלסטווע און מען האָט מיין נאָמען געשטראָכן פון דער רשימה.

איצט איז פאַרטאָג, די העכערע נאַטשאַלסטווע איז נאָכנישט געקומען אין קאָנטאָר, וויל סערעדאַ דורכפירן דאָס זייניקע, אַריינכאַפּן. איך פאַרפּאַק מיינע זאַכן. איך לאָז איבער אַ בריוול אויף אַרויסצושיקן צו רויזקען. איך זיץ אין וואַרשטאַט אַ בלאַסער, אַן אויפגערעגטער, דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ, בין אַ האַלבפאַרחלשטער. עטלעכע פון די רוסישע און אוזבעקישע וועבערינס, מיט וועלכע איך האָב נאָך צומאָל קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, באַדויערן מיך שטאַרק, עס לאָזט ווער פון זיי אפילו אַ טרער. עס שטייען אַרום מיר עטלעכע פון די נאָנטבאַקאַנטע, שטיינהאַרדט, איליאַ, וועלוול און הערשל, זיי נעמען זיך איבער מיט מיין גורל. מען האָט זיך שוין איינגעלעבט צווישן זיך, עס איז זיי אַ שאָד זיך מיט מיר צו שיידן. זיי ווייסן אויך, אַז אַזאַ וויטער עטאַפּ באַדייט אַמאָל אויך — טויט.

וועלוול און הערשל זיינען אַרויסגעלאָפן אינטערווענירן. זיי האָבן געטראָפן אויפן הויף דעם געהילף־נאַטשאַלניק, געזאָגט אים אַז סערעדאַ איז אַן אַנטיסעמיט, ער האָט אויף מיר אַן אויג און וויל מיך דעריבער אַוועקשיקן. ער איילט ספּעציעל צו אַז דער עטאַפּ זאָל אַוועק וואָס שנעלער, איידער עס קומט נאָך אָן דער הויפּטנאַטשאַלניק.

עס איז געלונגען אָפּצוהאַלטן דעם עטאַפּ אויף נאָך אַ שעה. איך בין שוין געזעסן אויף דער ערד אויפן הויף מיט דער גאַנצער עטאַפּ־פּאַרטיע, מען האָט אונז שוין רעווידירט, נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די נעמען, עס שטייען שוין גרייט די לאַסט־אויטאָס אָפּצופירן צו דער באַן, די וועכטער האַלטן שוין אויסגעשטרעקט די ביקסן.

דער הויפּט־נאַטשאַלניק איז אָנגעקומען. וועלוול און הערשל, זיינע ליבלינגס, האָבן דורך פאַרמיטלונג אים מיטגעטיילט וועגן מיר. ער זעט, אַז סערעדאַ האָט געוואָלט גיין קעגן זיינע פאַראָרדנונגען. ער האָט אויף אים אָנגעשריגן. ער האָט מיך תיכף געשטראָכן פון דער רשימה.

איך בין צוריק אריין אין באראק מיט מיינע זאכן.
איך בלייב ווייטער אינם זעלבן לאגער, איך בין שוין ווידער א גליקלעכער.
איך האב שוין נישט קיין כח פון די כסדרדיקע גליקן...

**
*

אין חודש אדר איז געווען אויסגערופן א תענית פון אלע יידן אין דער וועלט. אין מאסקווע איז די שול געווען געפאקט מיט מתפללים, צענער טויזנטער יידן זיינען נאך געבליבן אין דרויסן ארום דער שול. ביים אל מלא רחמים און קדיש אפזאגן האבן די געוויינען און שלוכצן זיך געהערט אויף די ארומיקע מאסקווער גאסן.

וועגן דעם זיינען מיר געוואר געווארן פונם געהילף־נאטשאלניק ליטווין. מיטאג־צייט, ווען אלע זיינען אוועק אין סטאלאווקע, זיינען מיר, עטלעכע יידן, שטענדיק געבליבן אין ווארשטאט, דעמאלט זיינען אריינגעקומען עטלעכע נאטשאלניקעס און געבאפט מיט אונז א שמועס וועגן ליטעראטור, אדער וועגן יידישע ענינים. זיי האבן זיך באוויזן מיט זייער באהאוונטקייט אין פושקינען, טשעכאוון, קאראלענקא, טאלסטאי. וועגן יידישע ענינים האבן זיי קנאפ געוווסט. זיי האבן נאר געדענקט אויסצורעכענען די מאכלים, וואס מען פלעגט אמאל עסן אין די יידישע ימים־טובים.

וועגן דעם תענית און אפריכטן תפילות איז ליטווין געוואר געווארן פון א בריוו פון זיין טאכטער, וואס שטודירט אין מאסקווע. ער באדויערט וואס ער האט דערפון פריער נישט געוווסט:

— אויב אונזער וולאסט (מאכט) ראזרעשאיעט (דערלויבט) צו דאווענען און פאסטן אין מאסקווע, וואלט איך אויך דא געפאסט, ניטשעווא, פון איין טאג נישט עסן שטארבט מען נאכנישט.

אין א זייט שטייט דער פאליטרוק (פאליטישער לייטער), ער וואלט אויך וועלן וועגן דעם עפעס זאגן, אבער ער אנטשליסט זיך נישט. זיין ווארט מוז זיין אפגעוווגן און אפגעמאסטן, ער מוז פארויסזען צי דאס וואס ער זאגט איצט, וועט אויך זיין ריכטיק מארגן און איבערמארגן. ווארים טאמער איז עס נאר אזא מאנעוור פון קרעמל, עס איז א צייטווייליקע הנחה און מארגן קאן עס ווידער ווערן אוים. מוז ער זיין אפגעהיטן. ער וועט ערשט רעדן וועגן דעם, ווען עס וועט אנקומען א גענויע אינסטרוקציע, מיט טעזיסן, ווו עס שטייט געשריבן אלץ גענוי, וואס מען מעג און מען דארף זאגן און וואס נישט.

דער פאליטרוק האט נאך קליינערהייט באוויזן צו לערנען אביסל תנ"ך און גמרא. היינט דערקענט מען עס שוין נישט אין אים. זיינע הענט זיינען אויסטאטואירט מיט אנקערס, ביקסן. דאס טרעפט מען נישט ביי קיין ייד (און אויך נישט ביי די אוזבעקן). ער האט חתונה געהאט מיט א קריסטין, האט מיט איר עטלעכע קינדער, אין זיין אויסזען וועט קיינער אין אים נישט דערקענען דעם ייד. ער האט שוין צוואנציק יאר קיין יידיש ווארט נישט ארויסגערעדט. דעמאלט ווען ער האט געהערט פון מיר, אז דער באוווסטער סאציאליסט מארטאוו איז געווען א ייד, אז זיין ריכטיקער נאמען איז געווען צעדערבוים, האבן זיינע אויגן אויפגעשיינט. יעדעם מאל ווען ער האט דערהערט א באוווסטן נאמען פון דער סאציאליסטישער

באוועגונג און געוואָר געוואָרן אַז יענער איז אַ ייד, איז ער געווען פאַרבליפט, זיך געריבן די הענט און קינדיש זיך געפרייט. אפילו וועגן באַוווסטע קאָמוניס־טישע טוער אין רוסלאַנד, האָט ער אויך נישט געוווסט וועלכע פון זיי זיינען יידן. פונקט ווי אַ סך אַרעסטאַנטן אין אונזער באַראַק, אינטעליגענטן און אַנאַלפאַבעטן, יונגע און אַלטע, האָבן נישט געגלייבט, אַז סטאַלין איז נישט קיין ייד (אַ גרוזיני־שער ייד, ווי זיי האָבן געזאָגט), אַזוי ווייסן אויך נישט אַ סך פון דער נאַטשאַל־סטווע, ווער פון די אָנפירנדיקע פערזענלעכקייטן אין רוסלאַנד איז אַ ייד.

די נייע הנחות פאַר רעליגיע האָבן זיי שוין אינגאַנצן צעטומלט. אַ יונגע יידישע אינטעליגענטע פרוי, וואָס האָט געהערט צו דער פּאַרטיי און געפינט זיך איצט אין לאַגער (צוליב געלט־מיסברויכן), אַרבעט אין קאַנטאָר, שרייבט און צייכנט די וואַנט־צייטונג, זי באַשליסט פייערלעך, אַז ווי נאָר זי וועט אַרויס פון לאַגער און נאָכאַמאָל חתונה האָבן (איר מאַן, אַ רוס, איז געפאַלן אויפן פראַנט), וועט זי אַנדערש נישט חתונה האָבן ווי נאָר אין — צערקווע. זי מוז דאָס מאָל פּראַווען איר חופּה אין אַ ווייס־זיידן קלייד און אין צערקווע.

דער קליינער, גראָבינקער, קרענקלעכער געהילף־נאַטשאַלניק ליטווין זאָגט אַצינד מיט אַ מחילה־בעטנדיק שמייכעלע:

— אין די מלחמה־יאָרן קען מען, יעי באָגו, אַבּיסל צעדרייט ווערן פון די פאַרשידענע, נייע פאַראָרדנונגען.

דער פּאָליטרוק ענטפערט אָפּ מיט אַ מרוק:

— אונזער פּאַרטיי און רעגירונג ווייסן וואָס זיי טוען, סטאַלין פירט מיט זיי אָן, ניטשעווא, אַלץ שטימט, אַלץ!

ליטווין פאַרוויטלט זיך, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און טריטלט שנעל אַוועק מיט זיינע קורצינקע פיסעלעך. ער מורמלט אונטער דער נאָז דעם פּאָפּולערן זאָג:

— מאָיע דיעלאָ מאַלענקאָיע! (מיין ענין איז אַ קליינטשיקער), ס'הייסט: נישט פאַר מיר איז צו מישן זיך אין אַזעלכע ענינים.

איך נעם קלאַפּן מיטן האַמער איבער אַ זויל — און אַלע צעגייען זיך. די וועבערינס און שוסטערס קומען שוין צוריק פון סטאָלאָוועקע.

אַלץ שטימט, אַלץ...

***

צו דער ערשטער פּסח־נאַכט האָב איך באַקומען אַריינגעשיקט אין אַ פּע־רעדאַטשע צוויי גרויסע מצות. אויף אַ געהיימען וועג האָבן וועלוול, הערשל און איך באַקומען אַריינגעשיקט אַ פלעשל וויין.

די מצות האָב איך צעטיילט צווישן די יידן אין אונזער באַראַק, יעדן אַ שטיקל, געגעבן אויך צו שטיקלעך די נאָענטסטע רוסישע שכנים.

דער אַלטער שטיינהאַרדט און די בוכאַרער יידן האָבן אויך אַריינבאַקומען מצה, שוין גאַנצע פּעקלעך, אויף גאַנץ פּסח.

איליאַ האָט דאָס מאָל זיך אָנגעטאָן אַ כּוח און אויך גענומען אַ שטיקל מצה. ער האָט דע־ביי פאַרשעמט געשמייכלט.

אונזער פּראַווען אַ „סדר" אויף דער נאַרע אין לאַגער פאַרוואַנדלט זיך שנעל אין אַ תשעה־באָב. וועלוול און הערשל קוקן אויף די שטיקלעך מצה און זייערע

אויגן און נשמות זעען איצט די אַמאָליקע סדר־טישן אין זייער היים אין פּאַ־ביאַניץ, מיט טאַטע־מאַמע, ברידערלעך און שוועסטערלעך, ליכט אויפן טיש, ווייסע טישטעכער, די זילבערנע בעכערלעך, אַלע אַרום שיינען יומטובדיק. ווו זיינען זיי איצט? אַלע אויסגעמאָרדעטע, דערשטיקטע, פאַרברענטע. זיי דאָ, די איינציקע, זיי לעבן נאָך, עסן אַצינד אפילו שטיקלעך מצה, דאָ, אין אַ לאַגער אין אַזיע, אַלס אַרעסטאַנטן, מיט אַן אומזיכערן מאָרגן, ווייסן נישט ווען זיי וועלן באַפרייט ווערן. און אויב שוין יאָ, צי וועט מען זיי לאָזן צוריקפאָרן קיין פּוילן, כאָטש זוכן די קברים פון די אייגענע, כאָטש אויסגעפונען זייער אַש?

די שטיקלעך מצה ווערן באַנעצט מיט טרערן. איליאַ איז קיינמאָל ביי קיין סדר נישט געווען. זיין טאַטע האָט געקעמפט פאַר רעוואָלוציע. צי לעבט ער נאָך דאָרטן אין לאַגער אין סיביר? שוין אַכט יאָר זינט זיי האָבן זיך צעשיידט, קיין איינציקן בריוו נישט באַקומען. ער זיצט דאָ, פאַראורטיילט אויף צען יאָר. איליאַ קייעט מעכאַניש דאָס שטיקל מצה און טרערן באַנעצן יעדן ביסן.

שטיינהאַרדט זיצט אינגאַנצן אָפּגעזונדערט, ביי זיך אויף דער נאַרע. זיין טאַטע האָט שוין חתונה געהאַט. אין טאָג פון דער חופּה זיינען זיין ווייב, די טאַטע און איר חתן געקומען צו אים אויף אַ זעאונג אין לאַגער. שטיינהאַרדט איז אַ חסיד, אָבער אַ ליובאַוויטשער, ער וועט נישט וויינען. ער האָט זיי דעמאָלט געבענטשט. די נאַטשאַלניקעס וואָס זיינען בייגעווען ביי דער זעאונג האָבן יאָ געוויינט, ער, שטיינהאַרדט, נישט. דאָס ווייב האָט אים איבערגעגעבן אַ שניפּ־טיכל מיט קיכעלעך. ער האָט אונז דעמאָלט אַלעמען מכבד געווען מיט קיכעלעך און מיר האָבן אים געוווּנטשן מזל־טוב. ער האָט אפילו אַריינבאַקומען, אויף אַן אומוועג, אַ קליינטשיק פלעשעלע בראָנפן און מיר, עטלעכע נאָנטע זיינע, האָבן אויסגעטרונקען אַ לחיים.

ביי דער טאַטעס חופּה האָט זיין ווייב צעבראָכן אַ פּוס. דער חתן האָט זי געכאַפּט אויף די הענט און געלאָפן מיט איר צו אַ דאָקטער. ער איז מיט איר אומגעפאַלן און געבראָכן דעם רוקן. ביידע ליגן זיי איצט אין שפּיטאָל. דריי וואָכן צייט איז געלונגען אויסצובאַהאַלטן די ידיעה פאַר שטיינהאַרדטן. ער איז עס געוואָר געוואָרן. ער איז געוואָר געוואָרן, אַז זיין ווייב און איידעם ליגן קראַנק אין שפּיטאָל, אָבער דאָס געוואָר געוואָרן ערשט דעמאָלט, ווען זיין ווייב איז שוין געווען געשטאָרבן. דאָס לעצטע ווייסט ער נאָך אויך איצט נישט. מיר ווייסן עס יאָ. ער פילט עס אָבער אַרום. ווען מיר זיינען צוגעגאַנגען צו אים וווּנטשן אַ פרייליכן יום־טוב, האָט ער זיך פונאַנדערגעוויינט.

די זעעכצער מיט נאָנטע און די ימים־טובים דאָ, זיינען אַן אומגליק פאַר די לאַגערניקעס. די ערד דאָ איז שוין דורכגעזאַפּט מיט אַרעסטאַנטישע טרערן.

**
*

איך האָב באַקומען דורך פּאָסט עטלעכע בריוו פון חברים. עס האָט מיר געשריבן אברהם זאַק, ער וווינט איצט אין קאַזאַכסטאַן, אַרבעט אַלס וואַסערטרעגער. איך האָב באַקומען אַ בריוו פון לעאָ פינקעלשטיינען און אַ בריוו פון אַ געזעל־שאַפטלעכן טוער, אַ קאָמוניסט. ער טיילט מיר מיט, אַז ער האָט אונטערגענומען שריט מיך צו באַפרייען. ער האָט זיך געווענדעט צו די אָנפירער פון פּוילישן

פּאַטריאָטישן פאַרבאַנד, צום נייעם פּוילישן אַמבאַסאַדאָר, צו דער שריפטשטע־לערין וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ, זיי וועלן אוודאי אויספּועלן, אַז איך זאָל באַפרייט ווערן אויפן סמך פון דער אַמנעסטיע פאַר פּוילישע בירגער.

איך האָב נישט געגלייבט אַז זיי וועלן עפּעס אויספּועלן, אָבער צי האָב איך דען געמעגט נישט גלייבן? האָב איך מיר געקאָנט אַזעלכעס פאַרגינען? איך האָב געדאַרפט, איך האָב געמוזט גלייבן. אין די בריוו שרייבט זיך:

„מיר פאַרהאָפן, אַז איר וועט איינגיכן באַפרייט ווערן און מיר וועלן זיך נאָך זעען". צי קען איך זיך אָפּזאָגן פון נישט צו גלייבן אין אַזעלכע ווערטער? באַפרייט ווערן!

איך האָב קיין איין מאָל נישט, נישט ביים ערשטן מאָל זיצן אין 1940—1941 און נישט ביים איצטיקן מאָל, נישט געשריבן קיין פּעטיציעס און בקשות קיין מאָסקווע מיך צו באַפרייען. כמעט יעדער אַרעסטאַנט שרייבט צו סטאַלינען, קאַלינינען, צום אויבער־ראַט און בעט אים צו באַפרייען. עס טרעפט זעלטן אַ פאַל, אַז אַזאַ בקשה זאָל עפּעס אויספּועלן. איך האָב שוין איינציקע מאָל געהאַט אָנגעשריבן אַזעלכע ווענדונגען, איך האָב שוין געקענט דעם נוסח, ווייל פאַר אַנדערע אַרעסטאַנטן האָב איך געשריבן אַ סך אַזעלכע בריוו, אָבער מיינע ווענ־דונגען האָב איך גלייך נאָכן אָנשרייבן, צעריסן.

איך האָב מיר געהאַט פאַרגענומען, זינט אַפּריל 1940 אָן, אַז איך זאָל אין ראַטן־פאַרבאַנד נישט דרוקן קיין ליטעראַרישע אַרבעטן, נישט אָננעמען קיין שום העכערן פּאָסטן, ווי נאָר זיין אַ שוואַרץ־אַרבעטער, נישט גנבענען און נישט גע־ניסן פון קיין שום פּריווילעגיעס. איך האָב זיך אפילו אָפּגעזאָגט פון באַקומען אַ ברויט־קאַרטע אין סאַמאַרקאַנדער שרייבער־סעקציע, גראָד דעמאָלט, ווען איך האָב גאַנצע טעג נישט געגעסן. האָב איך דעריבער אויך נישט געוואָלט שרייבן קיין חניפהדיקע און לויב־זינגערישע בקשות צו די גרויסע מענטשן אין מאָסקווע און ביי זיי בעטן רחמים מיך צו באַפרייען.

נאָר אויב אַן אינטערווענץ פון פּוילישן אַמבאַסאַדאָר, אָדער פון וואַנדאַ וואַ־סילעווסקאַ וועט אויספּועלן מיין באַפרייאונג, וועט עס אוודאי זיין אַ גרויס גליק. נאָר שוין בלויז די בריוו פון חברים האָבן מיר צוגעגעבן אַ סך וואַרעמקייט און טרייסט. זיי האָבן געוואָגט צו שרייבן צו אַן אַרעסטאַנט אין לאַגער אַריין, אינטער־ווענירט פאַר אים, נישט פאַרגעסן אין אים, מיטגעליטן מיט זיין גורל.

עס איז אָנגעקומען אויך מיין אַדרעס אינדערהיים אַ פּעקל פון אַמעריקע, גע־שיקט דורך פּנחס שוואַרץ. די פּעקלעך האָט רויזקע פאַרקויפט און געהאַט אויף שיקן מיר פאַרעדאַטשעס. ווי איך בין דאָס געווען טיף דאַנקבאַר די אַלע חברים און פריינט — יצחק לעוו און מוליע עדעלמאַן, מ. צאַנין, ב. צאַלעוויטש און אַדוו. יעזשי גליקסמאַן אין תל־אביב, פּנחס שוואַרץ אין ניו־יאָרק — פאַר זייערע פּעקלעך וואָס זיינען געווען פאַר מיר מער ווי בלויז אַ מאַטעריעלע הילף, וואָס האָבן טאַקע דערהאַלטן ביים לעבן און געווען אַ גרויסע, מאָראַלישע טרייסט.

מיר איז אויך אָנגעקומען אויף מיין היים־אַדרעס אַ בריוו פון הערץ בערגנער פון אויסטראַליע, מען האָט מיר דעם בריוו איבערגעשיקט אין לאַגער. ער פרעגט מיך אָן פאַרוואָס איך האָב אים נישט געענטפערט אויף זיין טעלעגראַמע פאַראַ־יאָרן, אין וועלכער ער האָט געבעטן אים מיטצוטיילן די אַדרעסן פון אַלע אונזערע שרייבער, וועלכע נויטיקן זיך אין הילף. ער פרעגט מיך אָן פאַרוואָס ער זעט נישט

געדרוקט מיינע זאַכן אין די סאָוויעטישע אויסגאַבן. ער פֿרעגט ביי מיר אָן אויף קאָלעגן, נישט וויסנדיק אַז זיי זיינען שוין דאָ געשטאָרבן, אָדער זיצן אין תּפֿיסות. ער איז מיך מקנא, שרייבט ער, וואָס איך האָב דעם זכות צו לעבן און צו שאַפֿן אין דעם הייליקן און געבענטשטן לאַנד פֿון די סאָוויעטן.

אַ קליין בריוועלע האָב איך באַקומען פֿון דעם נייעם פּאָרל, בערעלע שמאַיע־וויטש און חנהלע. זיי האָבן מיט מזל געשטעלט אַ חופּה. (מען האָט זיי, וואָס אמת, בעת דער חופּה, אַריינגעוואָרפֿן שטיינער דורכן פֿענצטער, מען האָט געוואָלט שלאָגן דעם רב פֿאַרוואָס ער איז מסדר קידושין, נאָר אַלץ איז אַדורך בשלום. דאָס בין איך געוואָר געוואָרן נישט פֿון זיי, נאָר פֿון אַן אַנדער בריוול). די יונגע פֿרוי, חנהלע, שרייבט מיר, אַז זי וועט מיר אייביק דאַנקבאַר זיין פֿאַר מיין גרויס־מוטיקייט, פֿאַר מיין מוחל זיין איר בערעלען. באַלד נאָכן באַקומען מיין בריוועלע האָט זי באַשלאָסן מיט אים חתונה צו האָבן. פֿאַרן נישט צעשטערן איר לעבן און גליק, דאַנקט זי מיר טויזנטפֿאַך. זי ווינטשט מיר בקרוב באַפֿרייט צו ווערן און צו טרינקען ביי זיי אַ לחיים.

קאַפּיטל יז

ערשטער מאַי 1945.

שוין פֿון נעכטן נאָכמיטאָג אָן איז אַלאַרם־צושטאַנד אין לאַגער. די גאַנצע נאַטשאַלסטווע, אַלע וועכטער, פֿייערלעשער, אַלע זיינען אויפֿן אָרט. במשך 48 שעה טאָר קיינער פֿון זיי נישט פֿאַרלאָזן דעם לאַגער־שטח. זיי עסן און שלאָפֿן דאָ. נעכטן איז פֿאָרגעקומען אַ גרינטלעכע רעוויזיע אין אַלע באַראַקן און אַ פּערזענלעכע רעוויזיע. דער טאָג פֿונם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַרישן יום־טובֿ, דער ערשטער מאַי, איז אין אַלע טורמעס און לאַגערן דער שטרענגסטער טאָג. איבערן טויער הענגט אַ גרויסע, רויטע פֿאָן מיט אַ האַמער און סערפּ.

היינט קאָן מען אויפֿשטיין שפּעטער. היינט קאָן מען זיך שערן און גאָלן. מען דאַרף דעם ראַזירער אַריינרוקן אַ פּאָר רובל, ווייל אַלע הונדערט מענער וועט ער היינט נישט באַאַרבעטן, נאָר אַ העלפֿט. מען דאַרף אים סיווי געבן יעדעס מאָל אַ פּאָר רובל, אַנדערש צעקאַליעטשט ער ביים גאָלן. אַן אמתער אַרעסטאַנט דערלאַנגט אים דערפֿאַר מיט זיין שיך אין קאָפּ אַריין, אָבער טייל קלויבן בעסער אויס דאָס ערשטע. דער גאָלער וואַסערמאַן איז שוין אַלט זיבנאונזעכציק יאָר, די האַנט ציטערט אים אָפֿט ביים ראַזירן, אָבער אַז מען גיט אים אַ פּאָר רובל, ציטערט זי נישט.

ער שטאַמט פֿון וואַרשע, וווינט שוין דרייסיק יאָר אין רוסלאַנד. אַ מענטש פֿון דער אונטערוועלט, געגנבֿי דערגיין ביי אים וואָס און ווען איז אוממעגלעך. ער איז שוין אויסגעווען אין אַלע סאָוויעטישע טורמעס און לאַגערן, צוזאַמען זיבעצן יאָר, פֿאַר די פֿאַרשידנסטע פֿאַרברעכנס. אין אַלגעמיין איז ער אַן ערן־מאַן. פֿאַר אַ ייד איז ער גרייט אַוועקצוגעבן דאָס האַרץ. קריגט ער אַריין אַ פּערעדאַטשע, איז ער גלייך מכבד און פֿרוווט איר זיך אָפּזאָגן, איז ער אייך אַ שונא אויפֿן לעבן. ער האָט דורך וועמען אויך אַריינבאַקומען אַ פּעשל קאָרטן, ער געפֿינט שוין אויס אַ באַ־העלטעניש אויף צו שפּילן מיט וועמען אין אַן אָקע. ער קען פֿון זיך אַלץ אַראָפּ־

פאַרשפּילן. ער האָט שוין, זאָגט ער, אין זיין לעבן פאַרשפּילט מיליאָנען. ער שפּילט אויך אין דאַמקע, אין שאַך, דאָס אויך אויף געלט, אויף אַ פּיקע ברויט, ער מוז זיך האַזאַרדירן.

עטלעכע פון אונז ווייסן, אַז ער האָט ערגעץ ליגן געמאַכטע פּוילישע פּאַפּירן. ווען ער וועט אַרויס אויף דער פריי און מען וועט צוריקלאָזן די פּוילישע אַהיים, וועט ער זיך מיטכאַפּן. ער וויל נאָך, זאָגט ער, קושן דעם טראָטואַר פון „פּאַ־טשעיאָוו" אויף באַגנע גאַס (אין וואַרשע). ער וויל נאָך, זאָגט ער, פונדערווייטנס, ווען ער וועט אַריבער די סאָוויעטישע גרענעץ, זיך אויסדרייען צו זיי און אָנווינטשן אַז דאָס גאַנצע לאַנד זאָל איינגעזונקען ווערן, אַז אַ שרפה זאָל אַרומכאַפּן אַלע נאַטשאַלניקעס, אַלע טורמעס און לאַגערן און עס זאָל אָפּגעמעקט ווערן דאָס גאָט־לאָזע, פאַרשאָלטענע לאַנד, וואָס איר ערד איז דורכגעזאַפּט פון שווייס און בלוט.

ער קריגט אָפטמאָל נערוון־אַטאַקן. דאַן לויפן צו עטלעכע פּוילישע יידן צו אים און פאַרבונדן אים מיט אַ האַנטוך דאָס מויל, ווייל דעמאָלט נעמט ער שוין שעלטן און זידלען בקול רם, ער קאָן פאַר אַזאַ מעשה דערשאָסן ווערן. ער האָט נאָך אַ טבע דעמאָלט צו שרייען אין גראַמען. באַלד פאַרטאָג האָט ער היינט אָנגע־הויבן צו רעווען:

עס איז היינט דער ערשטער מאַי,
עס זאָל זיי זיין ווינד און וויי,
עס איז אַ יום־טוב אינדערוואָכן,
זאָלן זיי שוין ווערן ראַד־געבראָכן!

מען מוז אים פעסטער איינציען מיטן האַנטוך דאָס מויל. ער כאַפּט זיך שלאָגן אָדער כאַפּט זיך פאַר זיין אייגענעם האַלז און וויל זיך ווערגן. מען האָט אויסגע־גאָסן אויף אים אַ קוואָרט וואַסער. אַ שעה־צוויי נאָכדעם האָט מען נאָך מורא צו־צוגיין צו אים זיך ראַזירן.

אַצינד וויצלט ער זיך שוין:

— קומט אַהער, קינדערלעך, מיט די העלזער, סי מיר שוין אַריבער דאָס משוגעת, דאָס מעסער מיינס וועט אייך איצט גלעטן ווי אַ טייבעלע.

איך זיץ ביי איליאַ אויף דער נאַרע. מיר קוקן זיך אָן. עס ווילט זיך שטאַרק עפּעס שמועסן, דער ערשטער מאַי־יום־טוב רעגט דערצו אָן. מען דאַרף אָבער שעפּ־טשען און יעדע רגע זיך אַרומקוקן צי עס הערט זיך ווער נישט אונטער.

אין סאַמאַרקאַנד זיינען געווען געסט, אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן און זשורנאַ־ליסטן פון אַמעריקע. מיר האָבן זיך אָנגעהערט ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען. ווער וואָלט עס געגלייבט אין אַזאַ ספּעקטאַקל? און צום וויפלטן מאָל זיי ווידערן שוין דעם זעלבן נומער, מיט די זעלבע פּרימיטיווע מעטאָדן און גאָרנישט, עס גע־לונגט זיי, קיינער פון די הויכגעשטעלטע געסט באַמערקט עס נישט.

עטלעכע טעג פאַר דעם האָט מען שוין גערייניקט און געפּוצט די גאַסן פון סאַמאַרקאַנד. ווי יענע זיינען נאָר אַראָפּ פון באַן, האָט מען מיטאַמאָל געעפנט אַלע מאַגאַזינען און מען האָט אָנגעהויבן פאַרקויפן צוקערלעך, זייף, פּאַפּיראָסן, שקאַר־פּעטן. אַ המון מענטשן איז זיי נאָכגעגאַנגען, אַריין אין די מאַגאַזינען און אַלץ אָפּגעקויפט. ווי די געסט זיינען נאָר אַוועק ווייטער, האָט מען שוין פאַרהאַקט די

קראַם, די פאַרזאַמלטע בעלנים אויסצונוצן אַזאַ זעלטענע געלעגנהייט, האָט מען גלייך אַרויסגעטריבן.

צי האָבן די געסט כאָטש געזעען די פאַרמאַכטע סטאַלאָוואָקע, ווו עס הענגט נאָך אַלץ אַ מעלדונג אויף דער פאַרשלאָסענער טיר: „טעטיק אָן איבעררייס 24 שעה אין מעת־לעת״?

ניין, זיי האָבן עס זיכער נישט געזעען. אַרום די געסט גייט אַ שפּאַלער פון מי־ליציאָנערן מיט ספּעציעלע באַאַמטע. די געסט שטעלן אָפּ אַן אויזבעקין אויף דער גאַס וואָס פאַרקויפט ווייצענע לעפּיאָשקעס. זיי פרעגן אַ פּרייז. דער סאָוויעטישער איבערזעצער פרעגט ביי איר דעם פּרייז און זאָגט איר גלייך:

„זאָג אַז עס קאָסט צוויי רובל אַ שטיק״ (עס קאָסט צוואַנציק).

זיי זיינען געווען אין צוויי מאַגאַזינען קויפן אַ קאַראַקולענעם קאָלנער, וואָס איז דאָס מאָל געלעגן אין אויסשטעל־פענצטער. אין איינעם, ווו מען האָט נישט באַוויזן צו פאַרשטענדיקן זיך מיטן פאַרקויפער, האָט יענער געזאָגט דעם פּרייז פון צוועלף הונדערט רובל און אין צווייטן געשעפט האָט מען שוין פאַר דעם זעלבן געבעטן נאָר צוויי הונדערט און פופציק רובל. זיי האָבן געקויפט אַזאַ קאָלנער. זיי האָבן געלאַכט די ענגלענדער און אַמעריקאַנער. האָבן זיי שוין פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאַר?

זיי זיינען אַרויס אויפן באַזאַר און צוגעגאַנגען צו אַ יידישן יונגערמאַן פון פּוילן, וואָס האָט געהאַלטן אין האַנט צום פאַרקויפן אַן אַנצוג. זיי האָבן געפרעגט אַ פּרייז און יענער האָט געענטפערט אין ענגליש, אַז עס קאָסט צוועלף טויזנט רובל. זיי האָבן זיך שוין גענומען מיט אים פונאַנדערשמועסן, פאַרוואָס ער פאַר־קויפט זיין אַנצוג, וויפל ער פאַרדינט. יענער האָט געגעבן אויסמיידנדיקע ענטפערס, אָבער עס האָט אים נישט געהאָלפן, נאָכן אוועקגיין פון דער דעלעגאַציע האָט מען אים גלייך אוועקגעפירט אין נקווד.

איך האָב געהערט פון אַ יונגער יידישער דאָקטערין פון פּוילן, וועלכע האָט גוט באַהערשט ענגליש און זי האָט אויפגענומען אין שפּיטאָל ווו זי האָט גע־אַרבעט אין מאָסקווע, די מאַדאַם טשערטשיל. עטלעכע טעג פאַר דעם האָט מען די דאָקטערין גערופן אייניקע מאָל אין נקווד און ווי געהעריק זי באַאַרבעט, זי זאָל וויסן ווי אַזוי זיך צו פירן.

ווען די דאָקטערין איז געקומען יענעם פרימאָרגן אין שפּיטאָל אַריין, האָט זי כמעט קיינעם נישט דערקענט, אַלץ נייע מענטשן. דער ווינדע־פירער, דער שוויי־צער, די סאַניטאַרין, דאָקטוירים, אפילו אַ סך פון די קראַנקע. דאָס זיינען אַלץ גע־ווען ספּעציעל באַשטעלטע אויף דעם טאָג. די איבערגעטוענע, פאַרשטעלטע „דאָק־טוירים״ האָבן געטראָגן ווייסע פאַרטוכער, די „קראַנקע״ זיינען געלעגן באַנדאַ־זשירט, אַלץ האָט געשטימט.

ווען די פרוי טשערטשיל איז צוגעגאַנגען צום בעט פון אַ קראַנקן, טאַקע אַ ריכטיקן, אַ רויטאַרמייער אָן אַ פוס, און זי האָט אים געפרעגט (די דאָקטערין האָט איבערגעזעצט) וויפל ער האָט היץ און ווי אַזוי ער פילט זיך, האָט יענער גלייך אָפּגעענטפערט דעם אים אויסגעלערנטן פּזמון:

„איך בין געוואָרן פאַרוואונדעט אין קאַמף פאַר מיין פאָטערלאַנד, אָבער איך בין ווידער גרייט צו גיין אויפן פראָנט און קעמפן פאַר אונזער היימלאַנד און פאַר אונזער גרויסן סטאַלינען!״

די דאָקטערין איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, יענער דאַרף דאָך קודם ענט־פערן וויפל ער האָט היץ, ווי אַזוי ער פילט זיך, האָט זי אַביסל פאַרגלעטיקט זיין ענטפער.

ווען פרוי טשערטשיל איז נאָך אַרויס פון שפּיטאָל, האָט מען גלייך דורך אַ צווייטער טיר אַרויסגענומען די זעלבע מעדיצינישע איינריכטונגען, אינסטרומענטן און שנעל זיי איבערגעפירט אין דעם צווייטן שפּיטאָל אַריין ווו זי האָט באַדאַרפט וויזיטירן.

אויך נאָכדעם האָט מען די דאָקטערין עטלעכע מאָל גערופן אין דער נקוֹוד און זי האָט באַדאַרפט איבערגעבן אַלע פּרטים, דעם פאַרלויף פונם באַזוך, כאָטש עס זיינען דאָך סיווי מיטגעגאַנגען עטלעכע באַגלייטער, אייגענע פאַרטרואונגס־מענער.

מען האָט אויך געוווסט ווי אַזוי מען האָט געפּראַוועט שטיק מיט אַ באַקאַנ־טער, וועלט־באַרימטער זשורנאַליסטין, ווען זי האָט באַזוכט קיעוו אין יאָר 1937. איר האָט זיך דעמאָלט פּלוצלינג פאַרוואָלט גיין אין שטוב אַריין פון אַן אַרבעטער, וועלכן זי האָט געזען אין פאַבריק. מען האָט איר געמוזט צוליב טאָן. דער אַרבעטער איז מיט איר מיטגעגאַנגען. ווען ער איז אַריין מיט איר אין זיין שטוב, האָט ער זי נישט דערקענט, ווי זי וואָלט דורך אַ כישוף פאַרטווישט געוואָרן: עס הענגען עטלעכע נייע אַנצוגן, עס שטייט אַ טרעמאָ־שפּיגל, עטלעכע פּאָר שיך, וועש, אַלץ איז ניי און בלאַנקט.

די זשורנאַליסטין האָט באַוווּנדערט די גוט־איינגעאָרדנטע וווינונג פון אַ פּשוטן אַרבעטער, אָבער נאָכמער האָט דאָס באַוווּנדערט דער אַרבעטער אַליין. ווי זיי וועלן נאָך אַרויס פון דער שטוב, וועט ווי דורך אַ צייכן מיט אַ כישוף־שטעקעלע אַלץ צוריק פאַרשווונדן.

איך פרעג איליאַ וואָס ער זאָגט צו דעם אַלעם. ער הייבט מיט די פּלייצעס, ער קען זיך נישט אויף קיין זעלבע שטיק. ער האָט געלערנט סאָציאַלע און פּאָלי־טישע עקאָנאָמיע, קען די קלאַסישע ווערק פון מאַרקסיזם, ער קען אויסגעצייכנט אַלע ווערק לעגינס — דאָרט האָט זיך נישט גערעדט וועגן אַזעלכע מאַטעריעס. ער פאַרשטייט דערין גאָרנישט, זיינע טרייע מאַשינען־שרייפעלעך ווייסן נישט פון אַזעלכע האָקוס־פּאָקוסן.

מען קומט ווידער צו דעם אָפּטן וויכוח וועגן דער ראָל פונם יחיד אין דער געזעלשאַפט. ער האַלט זיך נאָך אַלץ ביי ס׳זייניקע, אַז דער גרויסער יחיד איז נאָר אַן אויסדרוק פון דעם ווילן און שטרעבן פון די מאַסן, אַז אַליין קאָן ער קיין גע־שיכטע נישט מאַכן. עס זיינען פאַראַן האַרטע געזעצן.

טאָ ווי אַזוי, פרעגט זיך, קאָן פּאָרט איין מענטש פירן מיט אַזאַ גרויס לאַנד? מען מוז דאָך מודה זיין, אַז ווען נישט סטאַלין, וואָלט די מלחמה נישט געהאַט אַזאַ פאַרלויף. מען קען זי שוין איצט רעכענען פאַר אַ געוווּנענע. סטאַלין איז געניאַל, אַ פענאָמען. קעגן דער מלחמה פון אַזאַ היטלערן, האָט זי געקענט געוווּנען נאָר אַזאַ סטאַלין.

מענטשן לעבן אָפּטמאָל אַפּ צענדליקער יאָרן מיט גרייטע פאָרמולעס, שאַב־לאָנען, נישט קאָנטראָלירטע דורכן לעבן און אָט פּלאַצן זיי פּלוצים ווי זייפנבלאָזן. עס איז פאַראַן איין גרויסער פּלוס אין דעם לאַנד און אין דער איצטיקער אָרדנונג. ווען ער וויל, ענדערט ער אַלץ במשך פינף מינוט. אַלץ איז געוווענדעט אין איִם.

קיין איין בירגער האָט שוין נישט זיין אייגענעם ווילן און געדאַנק. וועסט אים זאָגן אויף אַ שטעקן אַז עס איז אַ מלאך, וועט ער עס גלייך איבערהזרן און אפילו אויפווייזן „דיאַלעקטיש", אַז עס איז טאַקע אַ מלאך. דורך איינציקע פינף מינוט קען סטאַלין ליקווידירן די טיראַניע, הייסן עפענען די טורמעס און לאַגערן, קען איינשטעלן פרייהייט און יושר אין זיין לאַנד.

ער וועט עס אָבער נישט טאָן. פונקט ווי ער איז געניאַל, פענאָמענאַל, אַזוי גרויס איז ביי אים די כבוד־גיריקייט. ער וועט איינגעמען אַנדערע לענדער בלויז דערפאַר, ווייל דאָרטן הענגען נאָכנישט זיינע בילדער אויף די ווענט. אַז עס קומט צו אים אַ גרויסער מענטש פון אַ צווייט לאַנד, לאָמיר זאָגן אַ פּרעזידענט פון אַ רעפּובליק, קוקט אויף אים סטאַלין מיט ביטול און טראַכט זיך מן הסתם דערביי:

„אַ, ווען דו וואָלסט נאָר געזעסן אַביסעלע אין אונזערע טורמעס, וואָלסטו שוין אַנדערש געזונגען, וואָלסטו שוין נישט גערעדט צו מיר אַזוי שיין און דרייסט, געפּאָדערט ביי מיר דאָס און יענץ. ביי מיר פּאָדערט מען נישט! איך האָב שוין געזעען אַזעלכע שטאַרקע הערן, וועלכע האָבן זיך ביי מיר זייערע אייגענע פּיסקע־לעך איינגעשמירט מיט ט..."

און ער באַטראַכט זיך טאַקע אַלס הערשער פון דער גאַנצער וועלט. אַלע הערשער און רעגירער פון די אַנדערע לענדער זעט ער שוין ווי זיינע צו־קונפטיקע אונטערטאַנען און אַרעסטאַנטן. אפילו ווען מען וואָלט רוזוועלטן דאָ נאָר איינגעזעצט אויף אַ פּאָר וואָכן, וואָלט ער זיך שוין מודה געווען, אַז ער איז דאָ אַהערגעקומען מיטן ציל אויפצורייסן דעם קרעמל, אַז אין אַ צאָן האָט ער געהאַט באַהאַלטן אַ ספּעציעלע דאָזע דינאַמיט.

און סטאַלין איז דרייסט, שעפעריש,האַלט נישט פון קיין טויטן בוכשטאַב. דאַרף מען אַזאַ און אַזאַ האַנדלונג זאָל הייסן מאַרקסיסטיש, ביטע זייער. ער טוט ווי יענער שיסער: פריער שיסט ער און דערנאָך צייכנט ער אָן אַ קרייז אַרום דער קויל, ער האָט געטראָפן אין פּינטל. פריער טוט ער אַזוי ווי ער פאַרשטייט, דער־נאָך צייכנט ער אַרום אַ מאַרקסיסטישן קרייז. קיינער וועט עס נישט אָפּלייקענען. זיינע טעאָרעטיקער זיינען די געניטסטע סכאָלאַסטיקער־זשאָנגלערן, עס וועט שוין שטימען! „ביי אונז שטימט אַלץ", אַלץ.

**
*

עס איז אַ מיטינג אין לאַגער און אַלע אַרעסטאַנטן דאַרפן אַרויסגיין אויפן הויף. עס רעדן דער פּאָליטרוק, דער הויפּט־נאַטשאַלניק, זיין פאַרטרעטער, די קולטור־לייטערין.

מען רעדט וועגן דער רוסישער אַרמיי, וועגן סטאַלינען, וועגן דער פּיאַטי־לעטקע און וועגן דער אַרבעט אין לאַגער. מער פּראָדוקציע! עס ווערט פאַראָרדנט אַ נייער סאָציאַליסטישער געוועט. עס טרעטן אַרויס עטלעכע מיידלעך־אַרעסטאַנטינס.

איינע אַ גנבטע, אין אַ מאַטראָזן־בלוזע, מיט טאַטואירונגען אויף די הענט און איבער דער ברוסט, זי האַלט איצט די פּייקע ווייס ברויט וואָס די אַרעסטאַנטן האָבן היינט באַקומען, אנשטאָט שוואַרצס, לכבוד יום־טוב. דאָס געשעעט נאָר איינמאָל אין יאָר, אין ערשטן מאַי, און זי פּאָכעט מיט דעם שטיקל ברויט אין דער לופט:

— ווער באַזאָרגט אונז אַרעסטאַנטן, פאַרברעכער, מיט אַזאַ ליכטיק, ווייס

ברויט? ! דאָס טוט אַלץ פֿאַר אונז אונזער פֿאָטער, לערער און געניאַלער פֿירער מאַרשאַל סטאַלין, אורא! מוזן מיר אים אָפּדאַנקען מיט אונזער ענערגישער אַר־בעט! איך זאָג פֿייערלעך צו אויסצואַרבעטן מיט פּופֿציק פּראָצענט העכער פֿון דער נאָרמע אין דעם חודש! איך רוף אַרויס אַלע מיינע פֿאַבריק־חברטעס נאָכצוטאָן מיין ביישפּיל! זאָל לעבן די רויטע אַרמיי אונזער באַפֿרייערין! זאָל לעבן איר קלוגער און געניאַלער פֿירער, אונזער פֿאָטער, דער מאַרשאַל יאָסיף וויסאַריאָנאָ־וויטש סטאַלין! אורא! אורא! אורא!

און די פֿאַרזאַמלטע כאַפּן אונטער דעם אויסרוף.

דער כאָר זינגט דעם הימן. אַלע הערן אים אויס שטייענדיק, עס איז אַ פֿייער־לעכע און באַגייסטערטע שטימונג. מען דערפֿילט שוין איצט דעם טעם פֿון אַן אמתן ערשטן מאַי־יום־טוב...

⁂

עס שטייען גרופּקעלעך פֿרויען און מענער, עס געפֿינען זיך איינ־צלנע וואָס פֿלירטעווען. אויף זעקס הונדערט פֿרויען זיינען דאָ בלויז הונדערט מענער. פֿאַר טרעפֿן אַ פּאָרל פֿאַרברענגען ביחידות... באַקומען ביידע צו צען טעג קאַרצער. אָבער נישט אַלע פּאָרלעך כאַפּט מען. די וועלכע קאָנען געבן אַ פּאָר רובל דער הי־טערין פֿון חזיר־שטאַל, קאָנען זיך דאָרט אַריינכאַפּן אויף אַ פּאָר מינוט. די אַל־טיטשקע טוט אכטונג אין דרויסן צי עס קומט נישט אָן קיין דיזשורני. די וואָס האָבן נישט קיין געלט פֿאַר דער היטערין פֿון חזיר־שטאַל, באַנוצן זיך מיטן קלאָזעט.

יוזשעק, דער אַפּעריסט, וועלכער האָט אַמאָל „אַמטירט" אויף די שטיגן פֿונם אַמעריקאַנישן קאָנסולאַט אָדער פּאַלעסטינע־אַמט אין וואַרשע, אויסגענאַרט דאָס געלט ביי די יידישע עמיגראַנטן, ביי אַלטע פּראָווינצער פֿרויען און זיי צוריקגעגעבן אַ קאָנווערט מיט שטיקלעך צייטונגס־פּאַפּיר אָנשטאָט דאָלאַרן — יוזשעק גיט זיך אומעטום אַן עצה. אויב עס איז אַ גרויסע רייע אויפֿן וואָקזאַל ביי דער אויפֿהיטונגס־קאַמער פֿון מאַגאַזין, וועט יוזשעק צוגיין צו עטלעכע יידישע פּאַסאַזשירן, זיי איינרוימען, אַז ער האָט אַ „בלאַט" מיטן באַאַמטן און פֿאַר צוויי־הונדערט רובל גיט ער אַריין די רענצלעך דורך אַ זייטן־טיר. יוזשעק ערלעדיקט עס שנעל און ברענגט גלייך די קוויטאַנציע. ווען יענער קומט אין אַ טאָג אַרום אָפּנעמען זיין באַגאַזש, זיינען עס רענצעלעך אָנגעפּאַקט מיט זעגעכץ און שטיינער.

עס האָט זיך אין אים פֿאַרליבט אַן עלטערע יידיש־רוסישע דאָקטערין, דאָ אין אוזבעקיסטאַן. ער האָט אָפּגעלעבט מיט איר צוויי וואָכן, ביז ער האָט זי נישט באַגנבעט. דאָ זיצט ער בלויז פֿאַר אַ פּשוטער גנבה, באַקומען בלויז צוויי יאָר, ער איז אויף אַן אַנדערן פֿאַמיליע־נאָמען.

יוזשעק קען אַלע יידישע פֿאָלקסלידער, ער זינגט דאָ אין כאָר, ער איז אַ פֿריילעכער יונג, האָט ליב צו טאָן טובות. ער האָט געלאָזן אין וואַרשע אַ פֿרוי מיט עטלעכע קינדער, ער באַוויינט זיי אָפּט — אָבער דערווייל דאַרף מען לעבן און גנבענען. ער אַרבעט דאָ אין דער עלעקטרישער סטאַנציע. ער האָט שוין דאָ זיינע זייטיקע פֿאַרדינסטלעך. ער אַרבעט אין דער נאַכט־שיכט. דאָ האָט ער אויך אַ באַקוועם אָרט פֿאַר דער געליבטער, מיט וועלכער ער האָט זיך אָפּגערעדט פֿאַר־

נאַכט, אַז זי זאָל קומען צו אים נאָך צוועלף. בעתן אָפּריכטן מיט איר ליבע, שטייט דער צווייטער חבר זיינער פאַר דער טיר און טוט אַכטונג.

יוזשעק באַרימט זיך:

ער נוצט זעלטן איין פרוי צוויי מאָל, יעדעס מאָל מוז זיין אַן אַנדערע. פאַר־נאַכט, נאָכן אַרויסגיין פון סטאָלאָוועק, דרייט ער זיך אַרום דאָ אויפן פּלעצל, אין האַנט האַלט ער אַ צוקער־בוראַק, קומט צו איינע פון די יונגע ,,אַרעסטאַנטינס,, בעט ביי איר דעם בוראַק, ענטפערט ער אַז:

— וועסט קריגן, נאָר האַלב איינס ביינאַכט זאָלסטו זיין ביי מיר אין דער עלעקטראָ־סטאַנציע. אַז דו וועסט ווערט זיין, וועסטו נאָך צובאַקומען אַ האַלבע פּייקע ברויט אויך, איך בין נישט קיין קאַרגער, איך וועל דיר נישט זשאַלעווען.

צו דער אָפּגערעדטער צייט גייט יענע אַראָפּ פון באַראַק אין הויף אַריין, כלומרשט אין טואַלעט־קאַבינע און גיט זיך אַ כאַפּ אַריין צו יוזשעקן. אויפצו־מאָרגנס באַרימט ער זיך:

— נעכטן ביינאַכט איז געווען ביי מיר שוין די צוויי־און־זעכציקסטע, אַ שיין קינד, זעכצן יאָר אַלט. איך האָב נאָך אָפּצוזיין דריי חדשים, איך פאַרהאָף, אַז איך וועל דערציען ביז אַ מאה, אַ פולן הונדערטער.

דער דאָקטער סוויעטלאָוו האָט מיר דערציילט, אַז נאָך אַן אונטערזוכונג פון אַלע זעקסהונדערט פרויען, צווישן זיי זיינען דאָך אויך פאַראַן פערציניעריקע מיידלעך, איז נאָר איינע פון זיי געווען אַ מיידל, אַלע אַנדערע האָבן שוין געלעבט מיט מענער. די איינע, דאָס איז געווען דווקא די שיינע זאָיאַ. אַלע פרויען אין לאַגער האָבן זי גערופן מיט פאַראַכטונג:

„צניעותדיקע בתולה!”

זי איז אָבער פאָרט געפאַלן אַ קרבן, געוואָרן אויס מיידל, און דאָס גאָר דורך אַ פרוי, אַן אָנפירערין פון אַ גנבים־באַנדע, וועלכע האָט זיך באַנוצט מיט נישט־נאַטירלעכער, לעסבישער ליבע.

אין אַלגעמיין זיינען די פרויען־אַרעסטאַנטינס מער געריצט סעקסועל ווי די מענער. אין טורמע, אין די פרויען־קאַמערן, ביים דורכפירן אַ רעוויזיע יעדע צוויי וואָכן, געפינט מען דאָרט קליינע, שמאָלע זעקעלעך מיט קאַשע אָדער ברויט, מיט וועלכע זיי באַנוצן זיך צו געוויסע צוועקן... ספּעציעל ווערן די פרויען געריצט נאָכדעם, ווי מען שערט זיי אָפּ די האָר פון קאָפּ.

טייל פרויען גיבן נאָך דאָ אַוועק אַ העלפט פון זייערע פּאַיאָקן צו די מענער, וואָשן זייער וועש, פאַריכטן, צערעוועץ, אַבי יענער זאָל מיט איר וועלן פאַרברענ־גען, אָדער כאָטש דורכגיין מיט איר איבערן לאַגער־הויף, אירע חברטעס זאָלן זי זעען מיט אַ מאַנספּערשוין. מעג דער מאַן אַלט זיין 58 יאָר און זי נאָר 19, דאָס האָט נישט קיין באַדייטונג. אַ גוטן שם האָבן ביי זיי די יידישע מענער — שלאָגן נישט, זידלען נישט, באַהאַנדלען גוט און פאָדערן נישט צו גנבענען פאַר זיי קיין עסן.

דער יונגער איזאַק פון וואַרשע האָט דאָ געהאַט פאַר אַ געליבטע אַ רוסישע גנבטע. זי האָט זיך דורך אַ קורצער צייט געביטן. נישט נאָר זי האָט אויפגעהערט זיך באַנוצן מיט דעם גנבהשן זידל־זשאַרגאָן, נאָר געוואָרן איינע פון די סאָלידסטע און פיינסטע פרויען דאָ אין לאַגער. ווען זי איז אַרויס אויף דער פריי, האָט זי אים אָפט אַריינגעשיקט פּעקלעך, כאָטש זי האָט שווער געאַר־

בעט אין אַ פֿאַבריק, נישט אַוועק מער צו איר אַמאָליקן, גנבהשן פֿאַך. ווען זי איז געוואָר געוואָרן, אַז איזאַק האָט שוין דאָ אַ צווייטע געליבטע, אַ יונגע יידישע קראַנקן־שוועסטער, אַ שיינע, אינטעליגענטע פֿרוי פֿון אוקראַינע, האָט זי אים אַריינגעשריבן אַ בריוו, אַז אויב ער וועט נישט איבעררייסן זיין ליבע מיט יענער, וועט זי צוריק ווערן אַ גנבטע, אָדער באַגיין זעלבסטמאָרד.

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט, די קראַנקן־שוועסטער איז שוין געוואָרן שוואַנגער פֿון איזאַקן. דעם נאַטשאַלניק האָט פֿאַרדראָסן די געשיכטע. ער האָט געוואָלט, אַז די יידישע אַרעסטאַנטן זאָלן זיך אויפֿפֿירן לייטישער ווי די אַנדערע. ער האָט די מעוברתע קראַנקנשוועסטער איבערגעשיקט אין אַן אַנדערן לאַגער, די אַרומיקע לאַגערניקעס זאָלן זי נישט זען קיין מעוברתע.

***

היינט, דעם ערשטן מאַי, אויף דעם פּלעצל וווּ עס שטייען איצט די לאַגערניקעס און פֿאַרווײַלן זיך, דרייט זיך אַרום דער נאַטשאַלניק בערסאָנסקי. ער וויל זיך אַפֿילו מיט די פֿאַרלעך, זאָגט זיי אָן זיך אויסצוהיטן, אַז מען זאָל זיי נישט כאַפּן ביי קיין עבירה. ער האָט שוין געהעכערט,זאָגט ער, די שטראָף פֿון צען אויף פֿופֿצן טעג קאַרצער פֿאַר טרעפֿן ביי אַ „ליובאָוו". ער איז היינט זייער גוט געשטימט, ער נעמט אַליין די גיטאַרע אין האַנט אַריין און שפּילט צו צום טאַנצן.

וויניקע פֿון די לאַגערניקעס פֿאַרווײַלן זיך. סרוב פֿרויען דרייען זיך ביי די ווענט איבערן הויף און קוקן צום בערגל איבער די מויערן, דאָרט שפּאַצירן דורך זייערע נאָנטע, וואָס קומען ספּעציעל היינט כאַפּן אַ קוק אין לאַגער־הויף, אפשר וועלן זיי דערזעען זייערע אייגענע. די שפּאַצירנדיקע טאָרן זיך נישט אָפּשטעלן און מוזן גיין ווייט פֿון טויער, עס שטייען דאָרט היינט ספּעציעלע דיזשורנעס, חוץ די שטענדיקע וועכטער אויף די טורעמס.

אָט שטייט דאָ אַ יונגע פֿרוי פֿון דער סובאָטניקעס־סעקטע, זי האָט אַן אורטייל פֿון צען יאָר. אויפֿן בערגל גייט דורך איר מאַן מיט די צוויי קליינע קינדערלעך אויף די הענט. זי דערזעט זיי שוין פֿון ווייטנס און העשעט אַרויס מיט אַ געוויין.

אָט שטייט דער זיבעציקיעריקער לאַווערענטיעוו, דער שלאָסער. זיין טאָכטערס חתן האָט אים געמסרט, אַז ער רעדט קעגן דער ראַטנמאַכט. ער האָט געוואָלט ביי אים צונעמען נישט אַזוי די טאָכטער, ווי די קו, וואָס ער האָט געהאַט זיין אייגנס. עס איז יענעם דאָס געלונגען. די קו האָט ער שוין פֿאַרקויפֿט און פֿאַרטרונקען, דאָס ווייב האָט ער צעשלאָגן און אַוועקגעוואָרפֿן. איצט קומט די טאָכטער אויפֿן בערגל, ווייל זעען איר טאַטן. זי שיקט אים בריוועלעך און ווייַנט אַז זי האָט חרטה אויף איר טאַט. זי האָט עדות געזאָגט קעגן טאַטן, ווייל דער חתן האָט זי דערצו צוגערעדט. היינט האָט זי דערויף חרטה און בעט ביים טאַטן מחילה. דער אַלטער לאַווערענטיעוו וויל איר אָבער נישט מוחל זיין. ער ענטפֿערט איר נישט אָפּ אויף די בריוועלעך. ווען זי וויל אים זעען פֿונדרווייסן, באַהאַלט ער זיך הינטער אַ מויער, זי זאָל אים נישט זעען, אָבער ער זעט זי יאָ, ער וויל זי זעען, נאָר זי זאָל דאָס נישט באַמערקן.

לאווירעגטיעוו פאַרדינט זיך דאָ זיין ברויט. ער אַרבעט אויס אין געהיים לעפל, פאַרקויפט זיי צו די אַרעסטאַנטן פאַר אַ האַלבע פייקע ברויט, אַביסל מאַכאָרקע, ער לעבט זיך ווי עס איז אַדורך. די פרייהייט, זאָגט ער, דאַרף ער שוין נישט, נאָר ער וואָלט נאָך געוואָלט אַהיימקומען, כדי אויסצורייסן ביי זיין טאָכטער די האָר פון קאָפּ, זי זאָל ליגן ביי זיינע פיס און אים איבערבעטן, וועט ער זי דאַן אַרומנעמען, געבן איר אַ קוש אין קאָפּ, זיך אַוועקלייגן אויף אירע הענט און רויִק שטאַרבן.

עס דרייען זיך דאָ אַרום אַ סך, וועלכע זיינען מיטגעקומען מיטן לאַגער פון אוקראַינע, זיי האָבן נישט דאָ קיין שום באַקאַנטע. פאַראַן דאָ אַ יונגע פרוי, וועלכע איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף צען יאָר פאַר „קאָנטררעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע". אירע דריי ברידער זיינען אַלע העברעע אָפיצירן, באַקומען אָרדנס פאַר זייער העלדישקייט אויפן שלאַכטפעלד. זיי האָבן אַלע דריי גענומען אורלויב אויף עטלעכע טעג, געקומען קיין מאָסקווע און אַוועק צו קאַלינינען בעטן פאַר זייער שוועסטער. זי איז דאָך אייגנטלעך, אומשולדיק, זי האָט זיך נאָר אַרויסגעכאַפּט מיט אַ בייז וואָרט, ווען זי איז געוואָר געוואָרן, אַז איר מאַן איז געהרגעט געוואָרן אויפן פראָנט. זיי בעטן ביי קאַלינינען זי צו באַפרייען.

זיי האָבן גאָרנישט אויסגעפועלט.

פאַראַן דאָ אַ מיידל אין זיבעצנטן יאָר, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף זיבן יאָר פאַר נישט קומען צוויי טעג צו דער אַרבעט, אין אַ מיליטערישער פאַבריק. זי האָט געליטן אויף ציינווייטיק און איז אַוועק אין אַמבולאַטאָריע, דאָס פּנים איז ביי איר געווען געשוואָלן, דער דאָקטער האָט זי באַפרייט אויף צוויי טעג. זי האָט אָבער דעם באַפרייאונגס־ביולעטין פאַרלוירן און אין דער פּאָליקליניק האָט זיך נישט געפונען קיין קאָפּיע. איז זי פאַרמשפּט געוואָרן אויף זיבן יאָר. איר פאָטער, אויך אַן אָפיציר, מאַכט באַמיאונגען אין מאָסקווע זי צו באַפרייען. אָבער דאָ האָט זי נישט קיין שום קרובים און באַקאַנטע, זי איז איינזאַם, זי ווייִלט זיך נישט היינט צוזאַמען מיט די אַרומיקע.

עס זיצט דאָ איינער, וועלכער איז אַוועק אין דער אַרבעטס־צייט, קעגן פאַרבאָט פונם פאַבריקס־דירעקטאָר, אויף דער לוויה פון זיין אייגן ווייב, ער איז דערפאַר פאַרמשפּט געוואָרן אויף פינף יאָר.

עס זיינען דאָ פאַראַן מער־ערע פאַרמשפּטע פאַר אָנגעהערן צו רעליגיעזע סעקטעס. אָט איז פּיאָטר איוואַנאָוויטש מיקאַלאַיעוו מיט דעם רויטן בערדל און יעזוס־פּנים, ער אַרבעט דאָ אַלס סטאָליער. אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט ער זיך דאָ פּלוצלינג אָפּגעזאָגט צו גיין צו דער אַרבעט. עס האָט זיך אים געחלומט, זאָגט ער, כריסטאָס, און אים שטרענג אָנגעזאָגט נישט מער צו גיין צו דער אַרבעט. מען האָט אים איינגעזעצט אין קאַרצער און געהאַלטן אויף דרייהונדערט גראַם ברויט אַ טאָג. ער איז אָפּגעזעסן דאָרט אַ חודש צייט און נישט נאָכגעגעבן. עס דאַרף פאַרפירט ווערן קעגן אים אַ נייער פּראָצעס. דער נאַטשאַלניק בערסאָנסקי האָט מיט אים איינגעטענהט, געבעטן, אים דערמאָנט אַז ער איז אַ טאַטע פון קינדער, ער וויל דאָך נאָך אַמאָל אַרויס אויף דער פריי, עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. דער נאַטשאַלניק האָט קעגן אים נישט פאַרפירט קיין נייעם פּראָצעס. ער פאַרשרייבט אים אַוועקצושיקן אין אַ צווייטן לאַגער, זאָל ער קומען אויף אַנדערע הענט.

עס איז דאָ אַן אַלטיטשקע אוקראַינערין, זי איז אַלט 54 יאָר, נאָר זעט שוין אויס העכער זיבעציק. זי איז פאַרמשפּט געוואָרן אין יאָר 1937 אויף אַכט יאָר „זאַ רעליגיו", ווי זי זאָגט. זי איז אַ קראַנקע, גייט נישט אויף קיין שווערער אַר־בעט, זי צלמט זיך פּאַרן עסן און נאָכן עסן, אָבער כדי צו פאַרדינען אַ זייטיקע פּייקע ברויט, שליסט זי אָפּט שותפות מיט די גנבים. מיינס אַ פּאַלטאָ, וואָס די אורקעס האָבן שוין געהאַט באַשטימט צוצוגנבענען, האָב איך אַליין פאַרקויפט דאָ פאַר 150 רובל, אָבער דאָס געלט האָט מען מיר סיווי צוגעגנבעט. ביי אַ רע־וויזיע אין קאַמער האָט מען דאָס געלט געפונען ביי דער אַלטיטשקער אוקראַינע־רין, דאָס האָבן איר די גנבים אונטערגעשטופּט. אָבער זי איז פרום, אַ שטילע און גוטיטשקע. לעצטנס באַקומט זי שוין אַריינגעשיקט פּערעדאַטשעס פון אירע סעקטן־ברידער, זי קען זיי נישט, נאָר זיי זיינען שוין פון איר געוואָר געוואָרן. זיי זאָגן איר צו אין אַ בריוול, אַז ווען זי וועט באַפרייט ווערן, וועלן זיי זי אַריינ־נעמען דאָ צו זיך אויף עטלעכע וואָכן אָפּרו.

עס זיינען דאָ פאַראַן צוויי אוקראַינער, אַ מעכאַניקער און אַ טישלער, ביידע גוטע ספּעציאַליסטן. זייערע אורטיילן האָבן זיך שוין געענדיקט מיט דריי יאָר צוריק, אָבער מען באַפרייט זיי נישט. טייל זאָגן גאָר, אַז דאָס איז אויפן פאַרלאַנג פונם נאַטשאַלניק, ער וויל זיי נישט אָפּלאָזן, ווייל זיי זיינען גוטע בעלי־מלאכות, ספּעציאַליסטן. האָט דער נאַטשאַלניק מיט זיי איצט אָפּגעמאַכט, אַז נאָכן באַפרייען זאָלן זיי בלייבן דאָ אַרבעטן אַלס פריי־געדונגענע. זיי האָבן אַזאַ אָפּמאַך אונטערגע־שריבן און טאַקע גלייך באַפרייט געוואָרן. זיי שלאָפן נאָר אין שטאָט, אָבער אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן זיי דאָ אין לאַגער.

די אַלע דרייען זיך אַרום אין אַ זייט און פאַרווילן זיך נישט. עס פאַרווילן זיך אויך נישט די צוויי יונגע יידישע פרויען פון מעזריטש (פּוילן), די יונגערע „שומרקע" פון קראָקע און די עלטערע יידישע פרויען פון אוקראַינע און בעסע־ראַביע. עס פאַרווילט זיך אויך נישט די אינטעליגענטע רוסין פון לענינגראַד, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף צען יאָר פאַר אויסגראָבן קברים אין לענינגראַד, שניידן שטיקער פלייש פון די מתים און אהיימטראָגן צום אָפּקאָכן.

דאָ זיצט אויך די פרוי, וועלכע האָט געהערט צו אַ באַנדע אין סאַמאַרקאַנד, וואָס האָט געהרגעט מענטשן און פאַרקויפט דאָס פלייש אויפן מאַרק. די גאַנצע חברה, רוסן, ציגיינער, קאָרעער, האָט מען דערשאָסן. די פרוי איז געווען אַ פאַרמיטלערין ביים פאַרקויפן. איר איז געלונגען אויפצוווייזן, אַז זי האָט נישט געוווסט אַז עס האַנדלט זיך וועגן מענטשן־פלייש. זי איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף פופצן יאָר. קיינער רעדט נישט מיט איר, יעדער פון די אַרעסטאַנטן וואָס גייט נעבן איר דורך, דערלאַנגט איר אַ קלאַפּ אָדער שפּייט פאַר איר אויס.

גרויס איז די צאָל אַרעסטאַנטן, וועלכע ווילן זיך נישט, אָבער דאָך שפּילן איצט עטלעכע אינסטרומענטן, עס טאַנצן פּאָרלעך, טייל אָנגעטאָן יום־טובדיק און שיינען פון שמחה, אפילו אויך נאַטאַשקאַ, וואָס האָט אויסטאַטואירט איבער איר ברוסט די אויפשריפט:

„מיינע יונגע יאָרן האָב איך אָפּגעפּיצטערט הינטער תפיסה־קראַטן".

**
*

9 מאַי, 1945.

עס איז געווען פאַרטאָג, ווען אַ ווילד געשריי האָט זיך צעהילכט אין באַראַק. איך האָב זיך אַ דערשראָקענער אויפגעכאַפּט, מיינע שכנים האָבן זיך געוואָרפן אויף מיר קושן, אַלע שרייען, מען אַפּלאָדירט, מען וויינט:

— שלום! שלום! שלום אויף דער וועלט!!!

ערשט די רגע האָט מען געהערט די ידיעה דורכן ראַדיאָ־הילכער אין באַראַק: „די מלחמה איז געענדיקט! שלום! שלום!

מען האָט דערלעבט די גליקלעכע שעה! די דייטשן זיינען באַזיגט! איצט קאָן מען שוין האָפן אויף באַפרייאונג. די גאַנצע צייט האָט מען דאָך געדערט און געטרוימט וועגן דער מינוט. אפילו נאַטשאַלסטווע האָט איינציקע מאָל פאַרזיכערט, אַז מיטן פאַרענדיקן די מלחמה, וועלן די טויערן פון די לאַגערן און תפיסות געעפנט ווערן, גייט אייך, קינדערלעך, אַהיים, צו אייערע מאַמעס און טאַטעס, צו אייערע קינדער, צו אייערע מענער און פרויען, צו אייערע כלות און חתנים, צו דער פרייהייט!

מען הערט שוין דאָס קוויטשעריי אויך פון די פרויען־באַראַקן. אַלע זיינען שוין אויפן הויף, די פרויען ספּאַזמירן, זיי כאַפּן אַרום די מענער און צעקושן זיך.

עס לויפן אָן די דיזשורנעס און צעטרייבן. זיי פרייען זיך אויך, זיי ווונטשן אונז אַ שנעלע באַפרייאונג, אָבער דערווייל מוז געהאַלטן ווערן דער נאָרמאַלער רעזשים, אַלע צו דער אַרבעט, רואיק, אָן טומל, זאָל נאָר אָנקומען דער נאַטשאַלניק, זיי האָבן דערווייל נישט קיין שום באַזונדערע אינסטרוקציעס.

אויפן בערגל פאַרן לאַגער זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן אַ סך באַקאַנטע, פאַמיליען־מענטשן, זיי פאָכען פון דאָרטן מיט די הענט, רופן מיט פרייד. די וועכטערס טרייבן אַוועק, אָבער יענע לאָזן זיך נישט, האָבן איצט נישט קיין מורא פאַר איינזעצן, די פרייד שפּאַלט דאָ די לופט.

איך דערזע אויפן בערגל אויך רויזקען, איר שוועסטער און בערעלע שמאַיעוויטש. זיי פאָכען צו מיר מיט ווייסע טיכלעך. איך באַקום באַלד אַריין אַ פּערעדאַטשע. מען נעמט היינט אָן פּערעדאַטשעס מיט עטלעכע שעה פאַר דער באַשטימטער צייט. איך באַקום אַריין בלומען און עטלעכע שאַכטלען פּאַפּיראָסן, וואָס איך צעטייל באַלד צווישן די אַרעסטאַנטן.

עס זיינען געקומען אויפן בערגל נאָך עטלעכע מיינע באַקאַנטע, צווישן זיי די יונגע פרוי חנהטשע קעללער פון כעלם, וועמען איך האָב, דורך דער פּרעסע אין אַמעריקע, אויסגעפונען דאָרט איר מאַן. זי האָט מיר אַריינגעשיקט עטלעכע רויטע רויזן און אַ געפּלעכטל קאַרשן.

איך זע אויפן בערגל אויך די פרוי גאַוזע פון באַראַנאָוויטש, אַ העברעאישע לערערין, זי איז, בעת די סאָוויעטן זיינען אַריין קיין באַראַנאָוויטש, געוואָרן דאָרט שטאָט־דעפּוטאַטין. זי האָט איינמאָל געוואָגט צו נעמען שטיצע אין פּוילישן פונקט דאָ, האָט מען זי דערפאַר גערופן אין נקווד און בעת דעם פאַרהער דערלאַנגט איר פּעטש.

אַלע מיינע באַקאַנטע, וואָס האָבן די גאַנצע צייט מורא געהאַט צו מיר צו שרייבן, זיינען איצט געקומען אויפן בערגל מיך זען, זיי האָבן שוין איצט נישט קיין מורא, עס איז היינט שלום אויף דער וועלט!

עס קומט אָן דער נאַטשאַלניק. עס ווערט פאַראָרדנט איבערצורייסן די אַר־בעט און זיך פאַרזאַמלען אויפן הויף צו אַ מיטינג.

היינט דאַרף מען נישט קיין סך רעדן אויף אַרויסצורופן באַגייסטערונג, פרייד, טרערן. מען באַגריסט די רויטע אַרמיי, דעם גענעראַליסימוס סטאַלין, די רעגירונג און פּאַרטיי. בערסאַנסקי דערמאָנט אין זיין רעדע אויך עפּעס וועגן דער באַפרייאונג פון די אַרעסטאַנטן, אָבער ער רעדט וועגן דעם צוריקגעהאַלטן, רעזערווירט. ער גיט צו פאַרשטיין, אַז מען קען דאָך נישט מיטאַמאָל אָפּשטעלן אַלע פאַבריקן אין די לאַגערן, מיט איינמאָל זיי פאַרמאַכן. דאָס מוז געשעען שטופּנווייז, עס וועלן אפילו נישט זיין אַזויפיל באַנען, וואָס זאָלן זיין אימשטאַנד גלייך איבערצופירן אַלע באַפרייטע. די דייטשע מערדער האָבן פאַרוויסט אונזער לאַנד, עס דאַרף לאַנג געדויערן ביז מיר וועלן דאָס אַלץ צוריק אויפבויען. איצט, דווקא איצט, איז די וויכטיקסטע זאַך — אַרבעטן, אַרבעטן, אַרבעטן!

וויפל די פרייד און באַגייסטערונג זיינען נישט געהאַמעוועט געוואָרן, אָפּ־געקילט, צוגעטעמפּט, איז נאָך אַלץ גרויס די באַגייסטערונג. קודם וועלן דאָך אַלע מענער צוריקקומען פון די פראָנטן און עס איז נישטאָ קיין איין אַרעסטאַנט, וועלכער זאָל נישט האָבן זיינע נאָענטע אויפן פראָנט. חוץ דעם איז טאַקע שווער אויסצולעשן דעם לעצטן פונק האָפנונג אויף אַן אַמנעסטיע! עס קאָן דאָך אַנ־דערש נישט געמאָלט זיין! די גאַנצע וועלט יובלט פון פרייד, די מענטשהייט איז באַגליקט געוואָרן, ראַטנפאַרבאַנד איז זיגער, די דייטשן ליגן צעשמעטערט! די מלחמה איז געענדיקט! און איצט וועט קומען אַ ווילשטאַנד אין דער וועלט. אין די אַלע מלחמה־יאָרן האָט מען דאָך כסדר געמורמלט און געגעבן אָנ־צוגעהערן, אַז נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה, וועט אויך דאָ ווערן לויזער דער רע־זשים, דעמאָקראַטישער. אַלע וועלן אָפּאָטעמען פרייער — זאָל אין אַזעלכע פריי־דיקע טעג נישט קומען שוין די לאַנג געגאַרטע אַמנעסטיע פאַר די פאַרשלאָסענע אין די טורמעס און לאַגערן?!

ניין, עס מוז קומען! האָבן מיר דערלעבט דעם שלום, וועלן מיר אויך דער־לעבן די פרייהייט!

קאַפּיטל יח

אין מיטן חודש יולי האָט דער אויבער־ראַט פאַראָרדנט אַן אַמנעסטיע. אַלע די, וועלכע זיינען פאַראורטיילט ביז דריי יאָר, ווערן אינגאַנצן באַפרייט. פאַראור־טיילטע אויף פינף יאָר ווערט אַראָפּגענומען אַ העלפט פון דער צייט, וואָס עס איז זיי נאָך פאַרבליבן צו זיצן. פאַראורטיילטע אויף העכער פון פינף יאָר ווערט אַראָפּגענומען אַ דריטל פון דער צייט, וואָס איז זיי נאָך פאַרבליבן אָפּצוזיצן. עס גענעמען נישט פון דער אַמנעסטיע: שפּיאָנען, קאָנטררעוואָלוציאָנערן, באַנדיטן, פאַרשווענדער פון סאָציאַליסטישן אייגנטום (גרעסערע סומען).

מיין פאַראַגראַף איז אַ קרימינעלער, פאַר אַנטלויפן פון פאַרשיקונג אין 1940, פאַרמשפּט אויף דריי יאָר. אָבער אין די אורטיילן וואָס עס גיט אַרויס הינטער די אויגן „אָסאָ” אין מאָסקווע, זיינען אָפט פאַראַן צוגעשריבן ספּע־ציעלע, פאַרטרוילעכע צייכנס, וואָס באַדייטן, אַז נאָכן ענדיקן דעם טערמין, טאָר

יענער נישט אויטאָמאַטיש באַפרייט ווערן, נאָר עס דאַרף ווערן אָנגעפרעגט ביי „אָסאָ" אין מאָסקווע. אָפט קומט אַלס ענטפער נאָך אַ נייער אורטייל, מייסטנס אויף צען יאָר.

איך מוז אומבאַדינגט געוואָר ווערן צי אין די אַקטן מיינע איז נישט צוגע־שריבן דער געהיימער צייכן, דער בוכשטאַב „על" וואָס באַדייט — נישט באַ־פרייען. אויסער אַלעם בין איך נאָך אַלץ נישט זיכער, צי עס איז שוין ביי מיר אָראָפּגענומען דער פּאַראַגראַף 66. נישט אַלעמאָל ווערט דעם באַשולדיקטן מיטגע־טיילט אַלע זיינע פּאַראַגראַפן, דערויף זיינען דאָ באַזונדערע געהיימע אַקטן אין לאַגער־ביוראָ.

דורך פאַרשידענע אומוועגן... איז מיר געלונגען געוואָר צו ווערן דעם אינ־האַלט פון מיינע אַקטן. נישט פאַראַן קיין שום געהיימע צייכנס און פּאַראַגראַפן. דאַנקען גאָט!

עס איז שוין סוף יולי און מען האָט נאָך קיינעם נישט באַפרייט. עס דאַרף אָראָפּקומען אַ באַזונדערע קאָמיסיע פון דער נקווד. די אַקטן דאַרפן פריער אי־בערגעשיקט ווערן צו דער געהיימער, ספּעציעלער אָפּטיילונג ביי דער נקגב. דערנאָך דאַרף אַ באַזונדערע קאָמיסיע זייערע נאָכאַמאָל דורכקוקן די אַקטן אויפן אָרט, פאַרהערן דעם אַרעסטירטן, אויספאָרשן. זי קאָן אויפן אָרט צונעמען די רעכט אויף אַמנעסטיע.

קיינער פון אונז, וואָס אונטערליגט דער באַפרייאונג, שלאָפט נישט קיין נאַכט. יעדע שעה קומען אָן אַנדערע ידיעות און קלאַנגען. צוויי מאָל אין טאָג שיק איך אַרויס און באַקום אַריין בריוו. מען דאַרף געוואָר ווערן ווי אַזוי עס זעט אויס אין אַנדערע לאַגערן, צי מען באַפרייט שוין פון טורמע. יעדע שעה איז אַ שטיק לאַנג־זאַמע אייביקייט.

דערווייל קומען אַראָפּ אין לאַגער אַריין ווערבירער פון טאַשקענטער טעקס־טיל־קאָמבינאַט. דער נאַטשאַלניק מיט די ווערבירער נעמען צונויף די אַלע אַרעס־טאַנטן, וואָס דאַרפן באַפרייט ווערן און מען רעדט זיי צו, אַז זיי זאָלן שוין דאָ אויפן אָרט, פאַרשרייבן זיך און שליסן אַן אָפּמאַך אויף צו אַרבעטן אַ יאָר צייט אין דעם טאַשקענטער טעקסטיל־קאָמבינאַט. סרוב פון די, וועלכע גייען אַרויס אויף דער פריי, זיינען אָן אַ גראָשן געלט, זיי האָבן נישט קיין היימען און קיין קרובים. אַ צוגעגרייטער צוג וועט גלייך איבערפירן די אַלע, וועלכע ווילן זיך אָנדינגען אין דעם קאָמבינאַט. מען אינפאָרמירט זיי וועגן די באַדינגונגען, וואָס פאַרא לוין, ווווי־נונגען (באַראַקן). דער טעקסטיל־קאָמבינאַט — רופט אויס זייער ווערבירער — איז דער גרעסטער אין דער וועלט.

עס קאָן זיין אַז ער איז טאַקע דער גרעסטער (פופצן טויזנט אַרבעטער), איך בין דערין נישט זיכער, אָבער אַלנפאַלס — דער אָריגינעלסטער: ער באַזיצט אַן אייגענע טורמע און אַן אייגענעם לאַגער! פאַרשולדיקט זיך אַן אַרבעטער מיט עפּעס, מען כאַפּט אים ביי אַ גנבה, איז באַלד אויפן אָרט די תפיסה, אַן אויספאָר־שער, פּראָקוראָר, געריכט. אויב ער איז אַ גוטער פאַכמאַן, וועט ער נישט איבער־גיין אויף שוואַרצער אַרבעט, אָדער אויפן פעלד. ער וועט שטיין ביי דער זעלבער מאַשין וואָס פריער, נאָר ער וועט שוין נישט באַקומען קיין לוין, גיין שלאָפן אין לאַגער אַריין.

דעם ווערבירער איז אויך שטאַרק געלעגן דערין צו ווערבירן די צוויי פאַ־

ביאַניצער וועבער־מייסטער וועלוול און הערשל. ער זאָגט זיי צו ספּעציעלע באַדינ־גונגען. עס רעדט זיי אויך צו דערצו דער נאַטשאַלניק בערסאַנסקי. ער האָט מיט דעם קאָמבינאַט האַנדלס־באַציונגען, ער באַקומט פון זיי רוי־שטאָף פאַר זיינע לאַגער־פאַבריקן און שיקט זיי אָפּ די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקציע. ער דאַרף זיי צו־העלפן דאָ וואַרבירן מער אַרבעטער.

וועלוול און הערשל זיינען דערויף נישט באַשטאַנען. לאָדזש און פּאַביאַניץ זיינען שוין באַפרייט פון די דייטשן, די מלחמה איז געענדיקט, אפשר וועלן זיי שוין אויך דערלעבן און זוכה זיין אַנצוקוקן זייער שטעטל? אפשר האָט זיך דאָך ווער פון זייערע משפּחות אָפּגעראַטעוועט? וואָס וועלן זיי זיך פאַרקאָנטראַקטירן אויף אַ גאַנץ יאָר צייט?

דער „שאַלמאַן", די אָפּגעריסענע און פאַרהונגערטע פּרויען, די איינזאַמע, זיי האָבן זיך געגרן פאַרשריבן אין דער פאַבריק אַריין. די וואָס האָבן עס נישט גע־וואָלט, האָבן עס אויך געמוזט טאָן, מורא האָבנדיק אַז אַנדערש וועט מען זיי נישט באַפרייען, מען וועט שוין אויסגעפינען אויף זיי עפּעס אַ חטא. זאָלן זיי נאָר באַ־פרייט ווערן און אַהינפאָרן, אָפּאַרבעטן אַ שטיקל צייט, מען קאָן פון דאָרט אויך מאַכן פּליטה.

און ענדלעך איז אָנגעקומען דער טאָג פונם פערטן אויגוסט 1945. עס איז היינט שבת. מען רופט אַריין אַ קליינע גרופּע מענטשן אין קאַנצעלאַריע. עס זיצט שוין דאָרט די קאָמיסיע פון נקגב. צוזאַמען מיט מיר גייען אויך וועלוול און הערשל. מיר זיינען די ערשטע דריי.

דאָס האַרץ וויל נישט איינליגן אויפן אָרט, עס וויל אַרויסשפּרונגען. הענט און פיס ציטערן.

עס קומט אָן מיין ריי. די קאָמיסיע קוקט מיך אָן, קוקט אַריין אין מיינע אַקטן. דער עלטסטער פון זיי פרעגט מיך:

— וואָס האָט איר געטאָן אין יאָר 1937 אין קיעוו?

איך פאַרליר זיך אין דער ערשטער רגע. איך כאַפּ זיך אָבער באַלד, אַז דאָס געהערט צו די געוויינלעכע אויספאָרשונגס־טריקן. איך ענטפער:

— אין יאָר 1937 בין איך געווען אין וואַרשע. איך בין פון וואַרשע אַנטלאָפן קיין ביאַליסטאָק דעם דרייצנטן אָקטאָבער 1939.

— איר זאָגט ליגן! איך האָב אין יאָר 1938 אייך געזעען אין אָדעס.

איך שמייכל.

— און ווי איז אייער ריכטיקער פאַמיליע־נאָמען? איר האָט דאָך אַן אַנדערן פאַמיליע־נאָמען. דאָס וויסן מיר דאָך, זאָגט אונז דעם ריכטיקן פאַמיליע־נאָמען אייערן.

איך שמייכל ווידער. מסתמא מיט אַזאַ מין שמייכל, ווי בשעת מען שפּילט זיך מיט איינעם דורך פאַרלייגן אים אַ תליה־פּעטלע אויפן האַלז און אַראָפּנעמען. ער ווייסט נישט ביי וואָס עס וועט זיך אָפּשטעלן. איצט שטייט דאָס גאַנצע לעבן אין קאָן, אָט אין דער רגע. עס קאָן זיך זיי פאַרוועלן די פּעטלע נישט אַראָפּנעמען פון מיין האַלז, נאָר געבן זי אַ פאַרצי.

— דאָס איז מיין ריכטיקער פאַמיליע־נאָמען.

און ער גיט אַ פיר מיט דער פעדער איבער אַ צעטעלע און דערלאַנגט עס מיר:

— נאָט אייך, איר זענט פריי, סלעדוויושטשי (דער נעכסטער)!

ביים לאגער־טויער פירט מען איבער מיר דורך א פערזענלעכע רעוויזיע. די שליסערין ביים טויער זוכט אין מיין קעסטל, אבער זי שמייכלט צו מיר גוטווונטשנדיק:

— עס איז שוין אייער לעצטע רעוויזיע, דענערווירט זיך נישט, נאך א מינוט און איך וועל אייך ארויסלאזן. און זי האט געעפנט פאר מיר דאס לאגער־טויער.

איך בין ארויס אויף דער פריי!

קיינער האט מיך נישט אפגעווארט. איך בין געלאפן מיט מיין קעסטל איבער דער גאס. איך האב באמערקט ווי אין א ביידל ווו מען פארקויפט קישמיש, זיצט אן אוזבעק און גנעצט. ער לאנגווייליקט זיך! איך וויל שרייען:

— געוואלט, אויף דער פרייהייט לאנגווייליקט ער זיך?!

איך לויף אן איבערגליקלעכער מיט מיין קעסטל. איך לויף דורך זייטן־געס־לעך, די באקאנטע זאלן מיך נישט אפשטעלן, איך לויף צו זיך אהיים. איך וויל זיך אויך באווייזן פאר רויזקען, זי האט נישט געוווסט, אז איך וועל שוין היינט באַ־פרייט ווערן.

איך בין אריין אין דעם קליינעם הויפל. עס האבן מיך גלייך דערזעען רויזקע, איר שוועסטער און זייער מוטער. זיי זיינען אויף מיר ארויפגעפאלן מיט א האליש געשריי און געוויין. ווי עס וואלטן מיך באגעגנט א מאמע און שוועסטערן.

איך האב פארלוירן דאס לשון. זיי האבן מיך אלץ געטוליעט און געקושט און געוויינט פון פרייד. די מאמע האט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און אויסגערופן:

— קינדער, איך שווער אייך, אויב עס האט געקאנט געשעען אזא נס, אז ג. זאל באפרייט ווערן, שווער איך אייך, אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, עס איז דא א גאט אין הימל, א דאנק און א לויב אים!

איך האב זיך ארומגעקוקט. עס שווינדלט פאר די אויגן. צי איז עס נישט א קאשמאר? צי חלום איך נישט? צי בין איך טאקע אויף דער פריי?

רויזקעס שוועסטער זאגט:

— איך גיי רופן פון ארטעל מיין בערעלען, זאל ער אייך זעען א באפרייטן!

איך שאקל מיטן קאפ: — ניין, ניין, דערוויל נישט, שפעטער אביסל.

און ווען איך האב געעפנט די טיר פון מיין טונקל ליימענעם שטיבל, דערזען מיינס א פאר צעוואָרפענע ביכער, דערזעען ליגן א צעעפנטס דאס ביכל פון סע־נעקא, דערזעען די צעריסענע רעפראָדוקציע פון „דזשאקאנדא", ווען איך האב דאס אלץ דערזעען און גענומען אין דער האנט אריין, זיך אוועקגעזעצט אויף מיין פרי־טשע, האב איך שוין געגלייבט, אז עס איז אמת, אז איך בין טאקע שוין זיכער אויף דער פריי!

די וועלט ווייסט גארנישט וויפל גליק עס איז אין איר פאראנען, דאס גליק איז אזוי גרויס ווי די גאנצע ערד־קויל, נאך גרעסער, דאס גאנצע גליק האט זיך אויס־געגאסן אויף היינט, שבת, צוויי בייטאג, דעם פערטן אויגוסט 1945.

און דאך איז דאס גרויסע גליק נאך אלץ נישט פולשטענדיק. עס וועט פאר־הונדערטפאכט ווערן אין דעם טאג, ווען איך וועל ארויס פון די גרענעצן פון דעם לאנד, ווען איך וועל זיין אויף פרייער ערד. עס וועט פארטויזנטפאכט ווערן דער־מאלט, ווען איך וועל אפשר נאך אנטרעפן וועמען פון מיינע נאענטסטע א לעבע־דיקן. אפשר וועט נאך אויך דער גרויסער נס געשעען?!

ווייל נסים, זע איך, געשעען יא, איך בין דערפון א לעבעדיקער עדות.

דער לעצטער עטאַפּ

ערב אַהיימפֿאָרן

מ׳האָט שוין רעגיסטרירט די פּוילישע אויף אַהיימצופֿאָרן. מ׳האָט אָבער קנאַפּ געגלייבט, אַז דאָס זאָל אַדורך גלאַטיק און בשלום, אַז דאָס אַהיימפֿאָרן זאָל אויף אַן אמת צושטאַנד קומען. פֿריער האָט מען ביי יעדן געפֿאָדערט אַלטע פּוילישע דאָקומענטן, דערנאָך האָט שוין געגוגנט צוויי עדות, אין טעג אַרום האָט מען שוין אויפֿסניי געפֿאָדערט פּוילישע דאָקומענטן. מיט יעדן טאָג האָבן זיך געביטן די פֿאַר־אָרדנונגען. די פּוילישע האָבן געלעבט אין אַ כסדרדיקן פֿיבער.

דער פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע פּאַטריאָטן, וואָס איז געווען אין יעדער שטאָט וווּ ס׳האָבן זיך געפֿינען פּוילישע פּליטים, האָט געהאַלטן אין איין צוזאָגן, אַז די רעפּאַטריאַציע וועט פֿאָרקומען. שפּעטער האָבן זיי געביטן דעם טאָן און גענומען אַגיטירן אַז מ׳דאַרף פֿאַרבלייבן אין ראַטנפֿאַרבאַנד. מאָטיוון:

„אין פּוילן הוליען פֿאַשיסטישע באַנדעס, זיי מאָרדן דאָס קליינע רעשטל פֿאַר־בליבענע יידן; דאָס לאַנד דאָרט איז רואינירט און וויסט, סוועט אויסקומען צו הונגערן. חוץ דעם, דאַרפֿן מיר, פּליטים, זיך שעמען פֿאַר דער ראַטנמאַכט, וועלכע האָט געראַטעוועט אונזערע לעבנס, אַז מיר זאָלן אַצינד מאַסנווייז פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. דאָס איז מצד אונז אַ באַליידיקונג און אומדאַנקבאַרע האַנדלונג לגבי דעם גאַסטפֿריינטלעכן און זיגרייכן סאָוויעטנלאַנד״.

„דער תירוץ אונזערער, אַז מען וויל פֿאָרן קיין פּוילן זוכן די איבערגעלאָזענע דאָרט פֿאַמיליעס, איז אויך נישט קיין באַגרינדעטער און גענוגנדיקער. מיר ווייסן דאָך, אַז כמעט אַלע יידן דאָרטן זיינען אויסגעמאָרדעט״.

אין דער אַגיטאַציע האָט נאָך צוגעהאָלפֿן דער העקטאָגראַפֿירטער יידישער ביולעטין, אַרויסגעגעבן אין מאָסקווע דורך דעם יידישן אָפּטייל ביים צענטראַלן פּוילישן פּאַטריאָטן־פֿאַרבאַנד. אין דעם ביולעטין נומער 8, (רעדאַגירט, דוכט זיך, דורך ב. מאַרק), האָט מען העסלעך פּראָפּאַגאַנדירט, אַז מיר זאָלן זיך נישט רייסן אַזוי צום פֿאָרן קיין פּוילן. אַז מיר האָבן זיך שוין, הייסט עס אין דאָזיקן ביולעטין, ווי עס איז איינגעאָרדנט אויף די ערטער, געוואָרן פּראָדוקטיווע בירגער. די ראַטנ־מאַכט וועט אונז שטיצן מיט געלט, ספּעציעל אַבט לייגן אויף אונזער מאַטעריעלן מצב. אין פּוילן, זאָגט זיך אין דעם ביולעטין, וועלן מיר נאָר אָנטרעפֿן חורבות און קברים פֿון אונזערע נאָענטע. דאָ דאַרפֿן מיר פֿאַרבלייבן! די, וועלכע ווילן דווקא פֿאָרן קיין פּוילן, זאָלן וואַרטן אויף זייער ריי.

דער פּאַטריאָטן־פֿאַרבאַנד האָט געדאַרפֿט אַכטונג געבן, אַז קיינער זאָל נישט פֿאָרן אומלעגאַל, מ׳זאָל וואַרטן אויף דער אַלגעמיינער, אָרגאַניזירטער רעפּאַטריאַ־ציע. די וועלכע פֿאָרן איצט אַוועק אויף אייגענער האַנט, וועלן אָנגערופֿן — פּאַ־ניק־מאַכער, שעדיקער, אַנטי־מלוכהשער עלעמענט, דעזערטערן.

וואָס מער מען האָט געוואָרנט קעגן פֿאָרן, קעגן אַנטלויפֿן, וואָס מער מען האָט אַגיטירט אויף צו בלייבן, אַלץ מער האָט מען זיך געריסן דורך אַלע וועגן און אומוועגן.

מען האָט זיך אָנגעדונגען פאַר באַגלייטער פון וואָגאָנען וועלכע פירן קיין אוקראַינע פערד, אויבסט, רייז. מען האָט זיך „אָנגעדונגען", דאָס הייסט, אַז מען האָט נאָך באַדאַרפט צוצאָלן צענטויזנט רובל דעם עקספּעדיטאָר, אַז ער זאָל אָננעמען פאַר אַ באַגלייטער. מען האָט זיך געוואָלט אַרויסקריגן כאָטש קיין צענט־ראַל־רוסלאַנד, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און פון דאָרטן שוין ווייטער זוכן אַ וועג קיין פוילן.

ווען עס איז שוין געווען אַ באַפעל נישט אָנצונעמען קיין פּוילישע אַלס באַ־גלייטער פון פראַכט־וואָגאָנען, האָט מען זיך געסטאַרעט צו באַקומען אַרויספאָ־דערונגען פון לעמבערג, ווילנע. אויפן סמך פון אַזעלכע אַרויספאָדערונגען פון אַ פאַבריק, אַרטעל, האָט מען דאָ אַרויסבאַקומען אַ פּראָפּוסק, וואָס האָט דערלויבט צו פאָרן אויף די באַנען.

קורץ דערנאָך איז ווידער אַרויס אַ פאַראָרדנונג, אַז פּוילישע טאָרן נישט באַ־קומען קיין פּראָפּוסק אויף צו פאָרן נאָנט צו די גרענעץ־שטחים, אין די אַמאָליקע פּוילישע געביטן.

דאָס אַרויסבאַקומען אַ פּראָפּוסק האָט סיווי געקאָסט אין די שווערע טויזנ־טער רובלס כאַבאַר.

איז דאָ נאָר איין אויסוועג: אַרויסקריגן אַ פּראָפּוסק מיט אַן עלטערער דאַטע, נאָך פאַר דער צייט פון דער לעצטער פאַראָרדנונג. דאָס קאָסט אַ צוגאָב נאָך עט־לעכע טויזנט רובל.

און מען איז געפאָרן, געלאָפן.

מיליץ האָט אָבער אָראָפּגענומען פון די באַנען. צום ערגסטן איז געווען דער וועג ביז טאַשקענט. מען האָט פאַרהאַלטן באַלד ביים אַרויספאָרן פון סאַמאַרקאַנד, עס איז שוין געווען אַ מחנה מוסרים, וועלכע האָבן באַלד דערטראָגן אין נקווד. דער פּוילישער פּאַטריאָטן־פאַרבאַנד האָט געמוזט מיטאַרבעטן מיט דער נקווד, זיי איבערגעבן אַלע נויטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן יעדן פּוילישן.

דעריבער האָט מען זיך באַדאַרפט אַזוי היטן מיט דעם אַרויספאָרן פון סאַמאַרקאַנד.

**
*

די גאַנצע צייט, זינט דער באַפרייאונג, בין איך נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען אין שרעק אַז אָט־אָט פאַל איך צוריק אַריין. אַז אין בעסטן פאַל — וועט מען מיך נישט לאָזן צוריקפאָרן קיין פוילן. איך האָב נישט געהאַט אויך קיין אַלטע פּוילישע דאָקומענטן. בערעלע שמאַיעוויטש האָט מיך אפילו צוגערעדט, אַז איך זאָל זיך מאַכן אַ פאַלשן דאָקומענט, פּונקט ווי ער האָט זיך דאָ געמאַכט אַזעלכן, אָבער איך בין, פאַרשטענדלעך, דערויף נישט איינגעגאַנגען — דאָס האָט דאָך ווידער געקענט זיין פאַר מיר אַן אונטערגעשטעלטע נעץ...

איך האָב געהאַט איינמאָל אַ שמועס מיט בערעלען. איך האָב אים געזאָגט:

— איך בין אייך גרייט מוחל צו זיין, אויב איר וועט זיך פאַר מיר אין אַלעם מתוודה זיין, דערציילן מיר אַלץ פון אָנהויב אָן, ווען איר האָט אָנגעהויבן צו דער־טראָגן דער נקווד, וואָס עס איז געווען די סיבה. איך וועל זיך באַמיען אַלץ צו פאַרשטיין, אפילו ווען איר וועט מיר זאָגן, אַז איר האָט דאָס געטאָן כדי צו פאַר־

ווישן אייערע אייגענע פאַרברעכנס. אָדער פשוט צוליב שנאה צו מיר, צוליב קנאה, צי גאָר פון אײפערזוכט, וואָס פאַראַ סיבה עס זאָל נישט האָבן געווען, זייט זיך נאָר דערין מודה, דערציילט מיר דעם גאַנצן אמת און איך בין אייך גרייט אויף אַן אמת מוחל צו זיין.

ער האָט אָבער ווידער גענומען זינגען זיין לידל, אַז מען האָט אים געשלאָגן מיט רעוואָלווערן, אַז מען האָט אים דערצו געצוווּנגען.

האָב איך אויפגעהערט מיט אים רעדן וועגן דעם. אָבער אַרויסווייזן מיין כעס און שנאה צו אים, האָב איך נאָכנישט געטאָרט, איך האָב זיך נאָך אַלץ געפילט אין זיין נעץ. לױפגאַס מיט זיין פרוי זיינען שוין אַנטלאָפן פון סאַמאַרקאַנד אין דעצעמ־בער 1944. דעמאָלט ווען מען האָט מיך גענומען פון לאַגער צוריק אין טורמע אַריין, האָט מען אויך געזוכט לױפגאַסן. אים געוואָלט נעמען צוריק אין טורמע אַריין. עס איז אים געלונגען צוזאַמען מיט זיין פרוי צו אַנטלויפן און זיך דער־שלאָגן אין די שוין דעמאָלט באַפרייטע שטחים אין פוילן.

איך בין אָפּטמאָל געגאַנגען איבערן גאַס צוזאַמען מיט בערעלען, זיינען צו־געקומען מענטשן, אונז אָפּגעשטעלט און צו מיר געזאָגט:

— ברוך מתיר אסורים! די גאַנצע שטאָט, אַלע פוילישע יידן פרייען זיך מיט אייער באַפרייט ווערן. אונזערס אַ גרופּע שכנים, געוואָר ווערנדיק וועגן אייער באַ־פרייאונג, האָט אויסגעטרונקען אַ לחיים לכבוד אייך. איך אַליין האָב נישט איינמאָל געזאָגט פאַר אייך תהילים. דאַנקען גאָט. וואָס איר זענט שוין פריי! און זאָל דער רוצח, דער מסור, וואָס האָט געוואָלט פאַרשניידן אייערע יונגע יאָרן, אַליין פאַר־שניטן ווערן פון דער וועלט! ער איז נישט בעסער פון די דייטשע רוצחים און ער פאַרדינט אַזאַ סוף פּונקט ווי יענע.

בערעלע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אָנגעהויבן זיך בייזערן:

— היינטיקע צייטן טאָר מען נישט שעלטן קיין ייד, ווער עס זאָל נישט זיין, אגב איז דער מסור שוין נישטאָ הי, ער איז שוין אַנטלאָפן קיין פוילן...

* *
*

טייל באַקאַנטע האָבן דאָך מורא געהאַט זיך מיט מיר צו באַגריסן.

קוים האַלב־באַגריסט האָט זיך דר. כאָמעט פון טאַרנאָוו, דער ציוניסטישער עסקן. ער איז פאַר דער צייט געוואָרן פאָרזיצער פון פוילישן פאַטריאָטן־פאַרבאַנד אין סאַמאַרקאַנד און שוין געהאַלטן די באַקאַנטע קאַזיאָנע לויב־רעדעס. ער האָט זיך איינמאָל מיאוס טועה געווען, אָנשטאָט צו זאָגן אין זיין רעדע:

„אונזער טייערע און הייליקע ווייס־אַמאַראַנטאָווע פאָן",

האָט ער געזאָגט:

„אונזער טייערע, הייליקע בלוי־ווייסע פאָן".

דאָס האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט, פון געוווינשאַפט, ער איז דאָך געווען אַ לאַנגיעריקער ציוניסטישער רעדנער. ער איז נאָך דער רעדע נעכט נישט גע־שלאָפן, געוואַרט, אַז מען וועט אים קומען נעמען פון די פיר אותיות. וואָרום אויב אַ זעצער אין לעמבערג, האָט באַקומען פינף יאָר פאַר צעטיילן אויף צוויי שורות דעם נאָמען סטאַלין, דער קאָרעקטאָר האָט באַקומען אַכט יאָר, קאָן ער, ד"ר כאָ־מעט, אויך באַקומען פאַר אַזאַ שפּראַך־לאַפּסוס — דעם געהעריקן פּסק.

איצט דאַרף מען זיך דאָך שוין אוודאי היטן, אין קאָן שטייט דאָס אַהיימ־פאָרן קיין פוילן, מיט דעם טאָר מען זיך נישט שפּילן. און דער דאָקטער איז נע־בעך אַ גרויסער פּחדן, ער און זיין איידעלע פרוי האָבן זיך שוין דאָ געגונג אָנגעליטן. זיי וואָלטן דאָך וועלן בשלום אַרויס פונדאַנען.

וואָס שייך מיר, זע איך, אַז איך וועל מוזן גיין אויף אַ גאַנץ באַזונדערן וועג, מיר וועט דאָס אַהיימפאָרן שוין גאָרנישט אָנקומען לייכט. מ'וועט דאַרפן קודם אַ שפּאָר ביסל געלט.

די שכנים פון מיין הויף

אין די ערשטע טעג פון מיין פרייהייט, האָב איך זיך נישט אויסגעקענט מיט דער צייט. אין לאַגער איז ביי אונז דער טאָג געווען געטיילט אויף די צייטן ווען מען דערלאַנגט אָנביסן, מיטאָג, ווען מען ענדיקט די אַרבעט, נאַכט־עסן, סיגנאַל צום שלאָפן גיין, סיגנאַל צום אויפשטיין. ביי דער אַרבעט איז די שעה אַ לאַנגע, אַ שווערע, אַ קלעפּיקע; נאָכן ענדיקן די אַרבעט ביזן שלאָפן גיין, איז די שעה אַ קורצע, אַ לייכטע, אַן אָנגענעם־אינטימע. דאָ, אויף דער פרייַ, זיינען די שעהן עפּעס הפקרע, ציווילע, ווערן נישט באַצייכנט דורך קלינגען, פייפן. איך גיי אויף דער גאַס אָן באַ־גלייטונג פון אַ קאָנוואָי מיט אַ ביקס, אַזוי גייען דאָ אויך די שעהן אָן אַ קאָנוואָי־באַגלייטער, סתם־צייט, פרייע, געהערן צו קיינעם נישט, נאָר צום טאָג, צו דער זון, צו מיר אַליין.

איך זיץ אויף אונזער הייפל לאַנגע שעהן, סתם אַזוי, און געניס פון דער פריי־הייט. דערפון געניסט דאָך קיינער נישט, מחוץ אַרעסטאַנטן, אין די ערשטע טעג באַפרייאונג.

אונזער הייפל איז אין אַ שמאָל טופּיק־געסל, אַ ווינקל פון דער לאַנגער גאַס, וואָס האָט שוין אַ רוסישן נאָמען — וואָסטאָטשנאַיאַ. אונזער הייפל איז פאַרשטעלט מיט אַ הילצערן טויער וואָס הענגט שוין קוים אויף די האָקעס, הענגט קרום, אָבער פאָרט אַ טויער, וואָס מען קאָן פאַרשליסן ווען מען וויל. דאָס טויער האָט אַן „אייראָפּעאיש" טירל, די הויך פון אַ דערוואַקסענעם מענטש. מען וועט שוין נישט דאַרפן ביים דורכגיין אַראָפּבויגן דעם קאָפּ גאַנץ נידריק, ווי עס איז נויטיק ביי די טירלעך פון די עכט אוזבעקישע הייף, כדי צוּוויסן טוען די אוזבעקישע פרויען, אַז זיי זאָלן פאַרהילן זייערע פּנימער מיט די פאַראַנדזשאַס — עס גייט אַ מאַנספּערשוין. אָבער אין אמתן זיינען אין אונזער הויף שוין נישטאָ אַזעלכע פרויען. אין אונזער הויף געפינט זיך גאָר איצט אַ זנות־הייזל. דאָס האָט אַריינגעפירט די קרימער יידישקע געניע און איר חברטע די בוכהאַלטערין, אַ יונגע יידישע פרוי פון אוקראַינע. זיי האָבן ביידע קליינע קינדער און זייערע מענער זיינען אין דער אַרמיי.

איך האָב מיר פאַרגענומען דאָס הייזל צו ליקווידירן. איך האָב נאָך געהאַט אין זיך דעם אימפּעט, וואַגעניש און ריזיקאַנטישקייט פון אַן אַרעסטאַנט. האָב איך געדראָט דער געניען, אַז איך וועל איר אונטערצינדן דאָס הייזל, אויב זי וועט נישט אָפּשטעלן דאָס אויפנעמען ביי זיך „געסט".

***

איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן און דערציילן נאָך עפּעס וועגן מיינע שכנים פון אונזער הויף.

זעקס דירהלעך זיינען פאַראַנען אין אונזער הייפל. אויף דעם קליינעם שטיקל אויסגעטרוקנטער ערד דאָ, שטייען דריי ביימלעך אויף וועלכע עס וואַקסט אוריוק (מאַרעלן). די ביימלעך זיינען נעבעכדיקע, אָרעמע. דער אוריוק שטייט זיך קיינמאָל נישט אויס, ווערט קוים צייטיק. ער איז דעריבער האַרט, קליין און זויער. מען פּרובירט אפילו נישט וואַרטן ער זאָל ווערן רייפער, ווייל די קינדער און זייער מאַמע, די אוזבעקין איסטאַט, הייבן אים שוין אָן אָפּצוצופּן תחילת פרילינג. זיי זיינען אויסגעהונגערט און זוכן דאָס ביסל זאַפט פון דער פרי.

די צינגער דאַרן ביי די קינדער שוין פון לאַנג — פון דעם בלויזן עסן דאָס גאַסע, שוואַרצע ברויט און פאַסטנע זאַטשערוכע־זופּן דורך דעם גאַנצן ווינטער. ווען דער אוריוק נעמט בליען און דער ווייסער צוויט בלענדעט אַרויס פון די צווייגלעך, ווערט ליכטיקער אויפן הויף און הייטערער אויפן געמיט. כאָטש דער צוויט איז נישט אַזוי ראַשיק־העל ווי ביי אַנדערע ביימלעך, ווייל זיי זיינען דאָך שוין אויסגעמאַטערטע יורדים, אָבער דאָך איז נאָך אין זיי עפּעס פאַרבליבן פון יענע יאָרן, בעת אַ האַנט פון אַ באַלעבאָס האָט זיך געפּאָרעט, אַרום דעם שטיקל ערד דאָ. באַגאָסן מיט וואַסער צו דער צייט, איבערגעאַקערט, אַכטונג געגעבן אַז די שכנים זאָלן נישט גיסן קיין פּאָמיעס, זייף־וואַסער פון דער וועש — וואָס דאָס פאַרדאַרבט דאָך די זאַפטן פון די איידעלע ביימלעך.

דער באַלעבאָס, טורסון קאַסימאָף, איז נאָך אַלץ אין דער אַרמיי. איך האָב זיך געהאַט אַריינגעצויגן אין דעם הייזל יוני 1942, געוווינט אין אַ קיביטקע צו־זאַמען מיט בערעלע שמאַיעוויטש. דעמאָלט איז נאָך טורסון קאַסימאָף נישט גע־ווען אין דער אַרמיי. ביי זיינע עטלעכעפּערציק יאָר איז ער נאָך געווען אַ געזונטער מאַנצביל און שוין פון לאַנג אונטערגעלעגן דער אַלגעמיינער מאָביליזאַציע אין דער רויטער אַרמיי. ער האָט אָבער אויסגעפונען די פאַרשידנסטע וועגן, מיטלען און אופנים אויסצומיידן דאָס מיליטער־דינסט. זיך געשטעלט צו מיליטעריש־מע־דיציניִשע קאָמיסיעס און אַרויסבאַקומען אַ קראַנקן־שיין — אָבער אַז זיין געזונט האָט פּאָרט געריסן און געשטאָכן אין די אויגן! איז ער אַוועק אויף אַ צייט אין אַ קאָלכאָז, דער פּאָרזיצער דאָרט איז געווען אַן אייגענער, האָט ער באַקומען „בראָן" (באַפרייט פון גיין אין אַרמיי). לאַנג האָט עס נישט אָנגעהאַלטן און ער האָט גע־מוזט צוריק קומען אין שטאָט אַריין. האָט ער אויף ביינאַכט פאַרבעטן צו זיך נאַטשאַלסטווע, דאָס פענצטער אין שטוב איז געוואָרן פאַרהאָנגען. זיי זיינען אַרויס שפּעט ביינאַכט באַזויפענע.

זיינען געלאָפן מסירות פון שכנים. דאָס צעגערן און אָפּשלעפּן פון גיין אין אַרמיי איז געוואָרן אוממעגלעך. יעדע וואָך זיינען פאָרגעקומען אַבלאַוועס אין שטאָט, אויף די באַזאַרן, אין די שטיבער — מ'האָט געזוכט דעזערטירן.

קאַסימאָף איז געוואָרן דאַרער פון טאָג צו טאָג. די שוואַרצע, דיקע וואָנסעס העגנען אים פאַראַזן אַראָפּ. ער הערט שוין אויף צו זיין ענלעך צו די דיקע, בודדישע געטשקעס, נאָר ווערט ענלעך צו די אויסגעדאַרטע טאָטערן, וועלכע פאַר־קויפן אין געהיים נאַרקאָטישע געוויקסן. אַפּאַטיע, מוטלאָזיקייט, דערשלאָגנקייט קנייטשן אים אויס פאַלדן אויף זיין פּנים.

ביז איצט האָט ער נישט געוואָלט אַוועק אויפן פראָנט אויך מחמת דעם,

ווייל ער איז נישט געווען זיכער מיט דער געטריישאַפט פון זיין ווייב. זי איז אַ רוסישע, זי וועט זיך נאָך נעמען אַן אַנדערן מאַן און פאַרטאַכלעווען זיין ביסל פאַרמעגן. אַצינד האָט ער זיך, זעט אויס, שוין מיאש געווען פון ווייבס געטריישאַפט, פון זיין פאַרמעגן. עס ליגט אים אפילו שוין נישט אין זינען די יונגע, פריילעכע שכנה מארוסיא, די „ביעזשענקע" פון פוילן, וועלכע לאַכט מיט אַזויפיל יונגפרוילעכער גלוסטיקייט און פאַרפירעניש. ביים פאַרדינגען איר דאָס שטיבל אויפן הויף, האָט ער זיך פאַרגענומען און געגלייבט, אַז ער וועט זיך אָנטאָן אַביסל הנאה מיט איר.

ניין, איצט גייט עס אין נאַקעטן לעבן, אין זיין אייגענעם גוף. ער האָט שוין געזען אַ סך פאַרוווּנדעטע אין די שפּיטעלער, געברענגטע פון פראָנט, מיט אָפּגעריסענע הענט און פיס. נאָך וואָס טויג אים די גאַנצע אָנשיקעניש מיט מלחמה? עס איז לגמרי נישט זיין ענין.

איז ער דעמאָלט אין אַ פאַרנאַכט געהאַט אַריינגעקומען צו אונז אין קיביטקע, מיטגעבראַכט אַ שטענגל וויינטרויבן, אַ שעלעכל ווייַן, באַגריסט זיך אונטערטעניק־פריינטלעך און וויגנדיק דעם קאָפּ געקרעכצט:

„יאַמאָן, יאַמאָן, אַקאַ דזשאָן" (שלעכט, שלעכט, נשמה־ברודער).

ער פרעגט שטיל, סודותדיק־פאַרטרוילעך:

— אפשר האָט איר עפּעס אַ באַקאַנטן דאָקטער, אַ ייד, פון דער מיליטעריש־ער קאָמיסיע, אָדער עפּעס אַ פאַרמיטלער אין די ענינים? פאַר געלט קען מען דערגייין ביז צו גאָט, מען דאַרף נאָר קענען דעם וועג, דעם שטעג. מיין דאָקטער איז געכאַפּט געוואָרן און שוין אַוועק אין טורמע.

ער טרינקט אַליין אויס דאָס אַריינגעבראַכטע שעלעכל ווייַן, גיט אַ פיר מיט ביידע הענט איבערן פּנים — אַ לויב צו אַללאַה און זיין נביא מוכאַמעד — לייגט אַריין אַביסל גרינעם טאַבאַק אונטער דער צונג און שטרעקט תפלהדיק אויס די הענט:

— ראַטעוועט, ברידערלעך, אַן אָרעמען אוזבעק! די דייטשן האָבן אייך פאַרטריבן, מיר האָבן אייך אויפגענומען! העלפט, העלפט, איך וועל מיין גאַנץ פאַרמעגן אַוועקגעבן!

ער האָט געגלייבט, אַז מיין מיט־לאָקאַטאָר קאָן זיך אַמאָל קענען מיט אַ מי־ליטערישן דאָקטער אויך און האָט מיט אים „בלאַט".

גאַנץ גיך האָט מען טורסון קאַסימאָפן גענומען אין דער אַרמיי. אים, צוזאַמען מיט זיין זיבצניעריקן זון אירגאַש, אין איין טאָג. אירגאַש איז געווען דער זון פון טורסונס ערשטער פרוי, דער אוזבעקישער. אירגאַש איז געווען היפּש טויבלעך און ס'האָט זיך נישט געגלייבט, אַז אויך אים וועט מען נעמען אין דער אַרמיי.

דעם אָוונט האָבן די שכנים אויפן הויף זיך נישט געקריגט צווישן זיך און געווען פאַרנומען מיט טרייסטן טורסונס אַלטע מאַמע און זיין שוועסטער איסטאַט, וואָס וווינט אין אַ באַזונדער שטיבל. גאַנץ באַזונדערס האָט מען אויך געמוזט טרייסטן איסטאַטס פירצניעריקע טעכטערל, אַלאַידאַ. אירגאַש, דער קוזין, איז געווען אין איר פאַרליבט פון די קינדעריאָרן אָן און זיך פאַרגענומען זי צו נעמען פאַר אַ ווייב.

אַזוי ווי אַ שפּליטער אונטער אַ נאָגל, אַזוי האָט דאָס דין־צעצוויגענע געוויין

זיך פֿאַרשטאָכן אונטער די אויערן, באַלד אַריבער אין אַ געוואָי צו די הימלען, צעטומלט די לופֿט — טורסון און אירגאַש, דער טאַטע מיטן זון, גייען אַוועק אין דער אַרמיי!

***

אויף אונזער הויף האָבן געוווינט פֿרויען, וועמענס מענער און זין זיינען שוין געהאַט לאַנג אַוועק אויפֿן פֿראָנט. די צוויי שוועסטער, ראַכיל און סאַראַ, שניידע־רינס, יידישע פֿרויען פֿון אוקראַינע, די לעצטע יאָרן געוווינט אין אַ מאָסקווער פֿאַרשטאָט, האָבן זיך עוואַקואירט אַהער סוף 1941.

ביי דער יונגערער, סאַראַ, איז אַוועק אויפֿן פֿראָנט דער מאַן. זי איז פֿאַר־בליבן מיט איר צוועלפֿיעריקן יונגל. ביי דער עלטערער, ראַכיל, זיינען אַוועק סיי דער מאַן, סיי דער איינציקער זון.

דאָס שטיבל, וווּ זיי וווינען איצט צוזאַמען, האָט נישט קיין פֿענצטער. די קליינע שויב אין דער טיר איז תּמיד פֿאַרלאָפֿן מיט דאַמף און שטויב און לאָזט קוים דורך אַן אויסגעמאַטערט, פֿאַרנעצט ליכט. דער דיל אַ ליימיקער. עס איז דאָרט ענג, דושנע, פֿינצטער. עס ליגן נאָך אַלץ נישט אויפֿגעפּאַקט עטלעכע פּעק און זעק מיט שטוב־חפֿצים, זיינען דורכגעזאַפּט מיט פֿייכטקייט און וואַקזאַלן־ריח. ביינאַכט, ווען מ׳צינדט אָן דאָס קליינע קאָפּעטשל, אָן אַ גלעזל, מוז ראַכיל אַרויסגיין אויפֿן הויף — צוליב איר אַסטמאַטישן הוסט. באַפֿאַלט זי דער הוסט, איז עס אויף שעהן. אָן אויפֿהער. עס איז צו שטוינען ווי זי דערשטיקט זיך נישט. זיצט זי אויפֿן הויף. דערמיט איז זי שוין אויסן נאָך עפּעס: זי קאָכט אָפּ דאָס טעטפּל עסן און טוט דערביי גלייכצייטיק אַכטונג צי עס קומט נישט אין הויף אַריין קיין „שלעכט אויג" — אַ קאָנטראָלער פֿון פֿינאַנס־אָפּטייל. סאַראַ אַרבעט איצט אין שטוב אויף דער ניי־מאַשין. נייט פּריוואַטע באַשטעלונגען. דאָס איז נאָכדעם ווי זי האָט שוין אָפּגע־אַרבעט אַ גאַנצן טאָג אין שניידערשן, מלוכהשן אַרטעל.

ראַכיל גיט אַכט, ס׳זאָל נישט אָנקומען פּלוצים, אָן אָגענט פֿון פֿינאַטדיעל.

ביינאַכט פֿאַרען זיך אַלע שכנים אויפֿן הויף ביים קאָכן עסן. מ׳רעדט וועגן עסן און וועגן בריוו פֿונם פֿראָנט. ראַכיל וויינט תּמיד, סיי דעמאָלט ווען זי באַ־קומט אַ בריוו פֿון איר מאַן אָדער זון, און ערשט רעכט דעמאָלט — ווען זי באַ־קומט נישט. גיכער טרעפֿט דאָס צווייטע. בריוו קומען זעלטן.

אַ קליינע טרייסט איז דער אויסרייד, אַז אפֿשר זיינען טייל בריוו צו איר אַריינגעפֿאַלן אין דעם זעקל בריוו, וואָס די פּאָסט־טרעגערין האָט פֿאַרברענט אויף צום הייצן. אַ קליינע טרייסט איז איר אויך דאָס, אַז די זעלבע פּאָסט־טרעגערין איז געוואָרן דערפֿאַר דערשאָסן.

און אפֿשר טרעפֿן אויפֿסניי אַזעלכע פֿאַלן? פֿאַרברענען נישט די פּאָטשטיליאָ־נען קיין גאַנצע זעק, קאָנען זיי דאָך פֿאַרברענען קליינע פּעקלעך. ביי זיי זיינען דאָך אויך פֿאַראַן קליינע קינדער, וואָס פֿרירן אין שטוב.

ווען מען קוקט אויף ראַכילן, גלייבט זיך נישט, אַז איר פּנים איז אַמאָל נישט געווען צעקנייטשט. עס ליגט שוין אַ פֿאַלב אויף אַ פֿאַלב, ווי זי וואָלט שוין צום צווייטן מאָל אַלט געוואָרן. קיינער וועט באַין אופֿן נישט גלייבן, אַז זי איז בסך הכּל אַלט קוים פֿערציק יאָר.

ראַכיל און סאַראַ אַרבעטן ביידע אַ גאַנצן פֿעליקן טאָג אין שניידער־אַרטעל.

אהיימגעקומען — נעמט איינע זיך צו דער פּריוואַטער שניידער־אַרבעט און די צווייטע צום קאָכן דאָס עסן, איבער אַ פּייער צווישן צונויפגעלייגטע ציגל, און צום פּאַטרולירן דעם הויף.

אייביק קריגן זיי זיך אַרום, שעלטן זיך מיט די אויסגעזוכטסטע קללות. זיי טוען עס מיט אַזאַ התמדה, ווי דאָס וואָלט זיין ביי זיי דאָס איינציקע פאַרגעניגן, די איינציקע באַלוינונג פאַר זייער ביטער, געמאַטערט לעבן.

סאַראַ דערשרעקט מיט איר קאָפּ צעפּלאָשעטע, געלע, אָפּגעבליאַקעוועטע האָר. זי בלייבט קיינמאָל נישט שולדיק קיין ענטפער אויף אַ קללה. זי וואַרפט זיך און טרייסלט זיך ווי אַן אָפּגעבריטע, שפּרינגט אין די אויגן און עס דאַכט זיך, אַז אָט־אָט וועלן די געלע זומער־שפּרענקעלעך אַראָפּשפּרינגען פון איר פּנים און אַרויף אויף דער שוועסטערס פּנים. סרוב בלייבט שולדיק אַן ענטפער ראַכיל, ווייל זי באַקומט איר הוסט־אַטאַק. סאַראַ מוז דאַן גלייך לויפן ברענגען אַ שליק וואַסער. ווי ראַכיל טוט נאָר דעם ערשטן שלונג — צעווייִנט זי זיך. צעוויינט זיך שוין אויך סאַראַ און סקומט צו אַ שלום ביזן מאָרגנדיקן אָוונט.

אַמאָל טרעפט אַז אין מיטן דער קריגעריי לויפט אַרויס דאָס יונגע רוסישע פּאָרפאָלק פון לענינגראַד — די מאָלער. זיי מישן זיך אַריין, זאָגן מוסר, שרייען אָן, בעטן — פּועלט עס, ווערט די מחלוקה איבערגעריסן. די מאָלער מוז מען האָרכן, עס פּאַסט נישט. חוץ דעם טרעפט, אַז ראַכיל און סאַראַ געניסן פון ברויט, וואָס די מאָלערס ברענגען זיי. יענע האָבן גענוג ברויט, ווייל ווי געניטע מאָלער, מאַכן זיי פלינק נאָך ברויטקאַרטן און האָבן אַזוי אַרום ברויט איבערגענוג.

איז איבערגעריסן די מחלוקה, וואָרטשעט ראַכיל, איז נישט צופרידן, קאָן זיך נישט איינהאַלטן און לויפט לסוף אַריין צו דער יידישער שכנה פון ליטע, אויסדערציילן איר ביטער האַרץ. ביז זי פאַרענדיקט נישט מיט אַ געוויין און הוסט־אַנפאַל.

***

אין אַ שכנותדיק שטיבל וווינען די צוויי שוועגערינס עלקע און מלכה, ביידע פון רובעשאָוו. מלכה ווערט זי גערופן נאָר פון דער שוועגערין, פאַר די פּוילישע רופט זי זיך מאַניע און פאַר די רוסישע — מאַרוסיאַ. ווען זיי זיינען אַוועק פונדערהיים, יאָר 1939, איז מלכה אַלט געווען פופצן יאָר. זי איז אַוועק צוזאַמען מיט איר ברודער מאָטל, זיין יונג ווייבל עלקע און זייערס אַ קנאָפּ־יעריק קינד. אָנגעקומען קיין קאָוועל האָט זי צוזאַמען מיטן ברודער און שוועגערין זיך פאַרשריבן אויף אַרבעט קיין אוקראַינע. בעתן איבערפאַל פון די דייטשן אין יאָר 1941, האָבן זיי זיך עוואַקואירט פון דאָרטן קיין סאַמאַרקאַנד, אָבער שוין אָן דעם ברודער, וועלכן מ'האָט גלייך דאָרט אויפן אָרט מאָביליזירט. דאָס קינד איז געשטאָרבן אין וועג.

זיי וווינען אין אַ שטיבעלע גרויס ווי אַ טיש. זי אַרבעט אַלס קעלנערין אין אַ סטאָלאָווקע פאַר לופטפליער. פאַרדינט נישקשה, קיין עסן פעלט איר נישט. ברענגט נאָך אָפּט אהיים עסן פאַר דער שוועגערין. איז אַמאָל שווער מיטן אַרויסטראָגן, קומט עלקע צו איר אין סטאָלאָווקע און עסט שוין, ווי עס איז, אויפן אָרט.

עלקע קרענקט אונטער, עס איז איר שווער צו אַרבעטן. מאַרוסיע טענהט אפילו, אַז דאָס איז פוילקייט, איז נאָך צוגעוווינט צו יענער צייט ווען דער מאַן

האט פארדינט פאר זיך און פאר איר, זי מיינט נאך אלץ אז דא איז רובעשויוו. עלקע אבער טענהט, אז זינט דאס קינד איז איר געשטארבן, איז עפעס אפגעשטארבן אין איר גוף, זי ווייסט נישט וועלכע איברים, קאן נישט צו זיך קומען. זאל נאר מאטל צוריקקומען א לעבעדיקער. אבער זי האט מורא פאר דעם מאמענט ווען ער וועט זיך דערוויסן אז דאס קינד איז נישטא. ער וועט זי פארשעלטן דערפאר, וואס זי האט נישט צוגעהיטן, אז דאס קינד זאל נישט אויסגיין אין וועג.

אין דעם פאל טרייסט זי גאר מארוסיא. צוליבן קינד וועט מאטל קיין טענות נישט האבן, ווייל עס איז דאך נישט דאס איינציקע קינד וואס איז געשטארבן אין וועג. וואלט עס נישט געשטארבן אין וועג, וואלט עס דא אויפן ארט אויסגעגאנגען. ווייל אן מילך, אן ווארעמקייט, אן א דעק און אן א ליילעך — וועט א פיצלס סיווי לאנג נישט אויסהאלטן. גיכער וועט איר שוין מאטל „אויסצוואגן דעם קאפ" פארוואס זי האט נישט אכטונג געגעבן אויפן ביסל מלבושים. געווען אין דעם פעקל זיינס אן אנצוג, וועש און א ווינטער־פאלטא מיט א פוטערנעם קאלנער! ער וועט דאך שוין קיינמאל אזא זאך נישט צוריק האבן און ארומגיין א גאנץ לעבן אן אפגע־שליסענער, אין א וואטענעם „גארניטור". ווי אזוי איז דען געשעען דאס אומ־גליק? זי, מארוסיא, איז אוועק אויפן פעראן נאך אביסל קיפיאטאק, צוריקגעקומען — און שוין, נעלם געווארן דאס פעקל מלבושים! זאל נאר מאטל צוריקקומען א לעבעדיקער, וועט ער זי פון שטוב ארויסטרייבן און וועט זיין כשר גערעכט.

עלקע שווערט זיך מיט כל השבועות, אז זי קען בעסער מאטלען ווי זיין שוועסטער קען אים. ער וועט זי פון שטוב נישט ארויסטרייבן. ער איז נישט גע־ראטן אין איר, מארוסיען, מיט איר ביסל רשעות.

עלקע איז נישט גערעכט. מארוסיע איז ווייט נישט קיין שלעכטע, נאר עפעס איז איר דארט אנגעזאלצן, יאדעט זי דער שווגערין. בכלל איז זי א פריילעכע, מארוסיא, פריש, מיט דארפיש־רויטע באקן, מיט א גרויסשטאטישן קאקעטישן בליק, געזונט, לוסטיק, אפילו דאגהלאז. פון צער און זארג שרומפט איין די הויט אויף די באקן און דעמאלט וועסטו שוין פאר קיין קעלנערין ביי פליער נישט ארבעטן — זאגט זי שטיפעריש־פארזארגט.

וועגן דער מלחמה ווייסט זי נאר דאס, וואס זי הערט פון די יונגע שילער־פליער (סרעדט זיך דא וועגן פעריאד 1942—1943). זיי לערנען הי אין שולע. זיי ווייסן ווי אזוי צו מאכן קאמפלימענטן און ארומשטיפן. מארוסיא בענקט אפילו נישט אהיים קיין פוילן. טראכט שוין גארנישט דערפון. ווען איינער פון די געסט אין סטאלאווקע, שוין אן עלטערער פליער, האט איר אנגעוויזן אויף א צווייטער קעל־נערין, שעפטשענדיק איר אין אויער אריין, אז ער האט יענע נישט גערן, ווייל זי איז א יעווריעקע (יידישקע), האט זיך מארוסיע אפילו קיין קרום נישט געטון, צוגעשמייכלט און גלייכגילטיק אפגעענטפערט:

„נו, א דאגה מיט זיי!"

און פון דעמאלט אן האט מארוסיא שוין נישט דערמאנט איר פאמיליע־נאמען צוקערמאן, געביטן אים אויף זאכאראוו.

דאס דערציילט אונז אלץ איר שווגערין עלקע, וועלכע כאפט זיך אפט אריין צו אונז אין קיביטקע. זי וויל אויפווייזן, אז אויב זי קריגט זיך, אדער שלאגט זיך מיט מארוסיען, איז עס קיינמאל נישט צוליב איר שולד. זי פארגעסט דערביי

קיינמאָל נישט צו באַמערקן, אַז איר מאַטל איז, חלילה, נישט ענלעך אין כאַראַק־טער צו זיין „שוועסטערל". איר מאַטל איז געווען אַן איידעלער, באַלעזענער.

ווען זי איז בייטאָג אַליין ביי זיך אין שטוב, כאַפּט זיך צו איר אַמאָל אַריין מיין מיטוווינער. זי וויל נאָר אַז מ'זאָל איר צוזאָגן אַז איר מאַטל וועט נאָך צו איר אַהיימקומען אַ לעבעדיקער. פאַר אַזאַ צוזאָג איז זי באַדאַי זיך גרייט אוועקצו־שענקען... און מיין חבר זאָגט איר גאַנץ אָפט דאָס צו...

***

אין גרעסערן שטיבל, די איינציקע שטוב אין דעם הויף מיט אַ הילצערנעם דיל און עלעקטריש ליכט (עס איז שוין פון לאַנג קאַליע און ברענט נישט) וווינט די אלמנה פון ליטע מיט אירע צוויי יונגע טעכטער. די שטוב האָט געהערט דעם באַלעבאָס אַליין, נאָר זינט ער מיטן זון זיינען אַוועק אין דער אַרמיי, האָט זיך זיין פרוי לענאַ, די רוסישע, צוזאַמען מיט איר מאַמען, זיך אַרויסגעצויגן פונדאַנען. לענאַ איז געוואָרן אַ וועכטערין אין אַ קאַראַוואַן סאַראַי (אַן איינפאָר־הויף פאַר די אוזבעקן און זייערע קעמלען און אייזלען, וועלכע קומען פון די דערפער) און דאָרט געקראָגן אַ קליין שטיבל צום וווינען.

די ליטוואַטשקע מיט די צוויי טעכטער האָבן תחילת געקוקט אויף יעדן איי־נעם מיט אומרו און אומצוטרוי, אַז מ'וועט זיי באַגנבענען. זיי האָבן מורא פאַר רוסן, אוזבעקן און צום מערסטן — פאַר פּוילישע יידן. זיי זיינען דאָך סרוב אַרויס פון די לאַגערן, אָפּגעריסענע, באָרוועסע, אָן אַ גראָשן געלט — זיי אַלע גנבענען.

אַזאַ שם האָבן מיר אין יענער צייט געהאַט ביי די עוואַקואירטע אוקראַינישע, רוסישע און בעסאַראַבער יידן. זאָל אַ פּוילישער ייד צוגיין צו אַ רוסישן און פרעגן ווי שפּעט איז, וועט יענער נאָר אַנזידלען און דעם זייגער טיפער פאַרשטעקן אין טאַש. די ליטוואַטשקע מיט די טעכטער, איינע צוואַנציק, די צווייטע נייִנצן — זיינען צוליב זייער איבערגעשראָקנקייט — געווען איינזאַם, נאָך דעמאָלט אויסגע־מיטן די שכנים. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן — מ'האָט באַדאַרפט צאָלן דירה־געלט, הייצן די שטוב — אַליין זיינען זיי דאָס נישט אומשטאַנד — האָבן זיי אַריינגענומען אין זייער שטיבל צום וווינען צוויי פּוילישע יונגעלייט.

בסך הכל זיינען דאָ געשטאַנען צוויי בעטן, זיינען די דריי פרויען געשלאָפן אין איינעם און די צוויי מענער אינם צווייטן. דער עלטערער פון די צוויי מענער איז שמחה טרונק — אַ סוחר פון גאַליציען, געווען אַ כלל־טוער ביי זיך אין שטעטל און דער יונגערער, זיינס אַ פּלימעניק — ערנעסט נוימאַן. ער איז אַכצן יאָר אַלט, זיך דערצויגן און געלערנט אין ווין. אַ וואָך פאַר דער דייטש־פּוילישער מלחמה איז ער געקומען צו זיין פעטער קיין טאַרנאָוו, שוין פאַרבליבן דאָרטן און דורכגע־מאַכט דעם גאַנצן וועג פון רוב יידישע פּליטים אין רוסלאַנד. ביידע, דער פעטער און ער, זיינען אָפּגעווען פערצן חדשים אין לאַגער און בעת דער אַמנעסטיע באַ־פרייט געוואָרן.

שמחה טראָגט נאָך אַלץ דעם אַלטן פּויליש־זעלנערישן מונדיר. ער איז אַ פלינקער, געריבענער און רירעוודיקער. האָט זיך גיך איבערגעוואָרפן צום אומ־לעגאַלן האנדל — מיט ברויט, זיסע בוראַקעס, צוקערלעך, ציגל — ער איז אין אַלעם געניט. ער אַרבעט אַלס וועכטער אין אַ ציגל־פאַבריק, איז שוין באַקאַנט

מיט דער נאַטשאַלסטווע, מיט דעם מאַגאַזינער, בוכאַלטער, פאַרוואַלטער. פאַר־קויפט אויפן שוואַרצן מאַרק די אַלע פראָדוקטן וואָס נאַטשאַלסטווע נעמט אַראָפ פון די אַרבעטער־פאַיאָקן.

די פיס זיינען ביי אים צוביסלעך געשוואָלן פון לאַגער און פלעקן־טיפוס, דאָס האַרץ איז נאָך אָפגעשוואַכט — אָבער ער עסט און טרינקט וויפל נאָר עס לאָזט זיך. ער מוז דעקן דעם הונגער־דעפיציט פאַר אַזאַ לאַנגער צייט. ערגער איז מיט וועש. אויף דעם פאַרדינט ער נאָכנישט. איז ער שמוציק, פאַרלייזיקט. ער רעדט גיך, איילִיק, באַרימט זיך מיט זיינע מסחרים — און קראַצט זיך, פאַרקריכט מיט די הענט אונטערן העמד. דאָס זעט אים שוין אויס צו זיין נאָרמאַל און ער מאַכט זיך דערפון גאָרנישט. די מיידלעך אין שטוב ברומען אונטער. זיי באַמיען זיך אָפט צו וואַשן, טוישן אָפט די בלוזקעלעך, קעמען זיך — אָבער קיין פולע ריינקייט געלונגט זיי נישט צו דערהאַלטן. די מוטער האָט שוין געבעטן ביי אירע לאָקאַטאָרן די וועש זייערע צום וואַשן, זי וועט וואַשן באַדאַי אומזיסט, זאָלן זיי נאָר געבן דערצו זייף. אָבער שמחה האַלט, אַז מלחמה־צייט קאָן מען סייווי נישט אויסמיידן קיין לייז:

— זאָל מען נאָר צוריקקומען אין דער אַלטער היים! עס וועלן זיין די גראַ־צערס, וועט אַלץ ווערן פאַרענטפערט.

דער פלימעניק זיינער, דער סטודענט ערנעסט, איז מוראַדיק הויך געוואַקסן און מוראַדיק דאַר. עס ווערט אומהיימלעך צו קוקן אויף אים. ער איז אייביק פאַר־טראָגן. רעדט צו אייך, קוקט אויף אייך, נאָר איר זעט דייטלעך, אַז זיינע אויגן זעען אייך נישט. און די רייד רעדט ער צו וועמען אַנדערש, נישט צו אייך.

ווי דאַר און לאַנג ער איז, זיינען אָבער די הענט זיינע אַן אויסנאַם צו זיין גאַנצן גוף — גראָבע, ווייסע, געפלעגטע. די הויט ביי די נעגל שטענדיק צוגעשניטן און אַרומגערייניקט. קיין איין רגע קאָן ער די הענט נישט איינהאַלטן אויף קיין אָרט. ער לייגט זיי איבער, פאַרשטעקט זיי אין די טאַשן, נעמט זיי צוריק אַרויס און פאַרלייגט זיי אויף הינטן, פאַרלייגט זיי איבערן קאָפ — עס זעט אויס ווי ער וואָלט וועלן פון זיי שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל פטור ווערן. אין אַ צייט אַרום האָט זיך דאָס אויפגעקלערט — די מאַמע איז אַריינגעקומען:

— עס איז איר פאַרלוירן געגאַנגען אַ זילבערנער לעפל!

אפשר האָט מען עס ביי איר צוגעגנבעט אין וועג? — פרעג איך. ניין, זי האָט אפילו געזעען ווי מען פאַרקויפט אין גאַס דעם לעפל צו אַן אוזבעק. פאַר צוויי קילאָ בוראַקעס און אַ פייקע ברויט. עס האָט אים טאַקע פאַרקויפט — ערנעסט גוימאַן! זי איז אַזוי דערפון געוואָרן איבעראַשט, אַז זי האָט זיך געשעמט צוגיין און אַרויסרייסן דעם לעפל. איצט דערציילט זי שוין, אַז עס האָט איר כסדר גע־פעלט אין שטוב עסנוואַרג, אפילו אין מיטן קאָכן זיינען פאַרשוווּנדן די קאַרטאָפל פון טעפל. עס איז איר אויך פאַרלוירן געגאַנגען עטלעכע שטיקלעך וועש, עטלעכע כלים — עס איז איר די גאַנצע צייט נישט איינגעפאַלן אַז דאָס טוט דער איידע־לער בחור, דער סטודענט ערנעסט.

און ער איז דאָך געווען אַזאַ גוט־דערצויגענער, העפלעך, כסדר געלייענט בי־כער פאַר די מיידלעך אירע, אויך געענדיקטע גימנאַזיסטינס, פאַרגעלייענט לאַטיי־נישע פערזן — און אַזאַ אומגליק!

אַרבעטן האָט ער נישט געקאָנט, געווען נאָך אָפגעשוואַכט פון לאַגער. עסן

האָט ער געקאָנט פאַר צען. זיין פעטער האָט אים איינמאָל אוועקגעלייגט צוויי קילאָ ברויט און ערנעסט האָט עס אויפגעגעסן מיט איינמאָל. די אויגן זיינע זיינען ווידער פאַרבליבן אַזוי אומרואיק און פאַרטראָגן. די הענט ווידער איבער־געלייגט פון איין אָרט אויפן צווייטן. אַ קרענק, אַ מיאוסע קרענק — אַזוי האָט אָפּגעפּסקנט זיין פעטער שמחה. ער האָט אים צוגעטיילט 800 גראַם ברויט אַ טאָג, דאָס הייסט שוין זיין אייגענע ראַציע אויך. שמחה אַליין האָט שוין געגעסן וואָס ער האָט גע־קויפט אויפן שוואַרצן מאַרק, אָדער אָפּגעקויפט אַ ברויט־קאַרטע ביי נאַטשאַלסטווע. ביי זיי איז שטענדיק געווען עטלעכע איבעריקע ברויט־קאַרטן, פון די אַרבעטער וועלכע מען נעמט אוועק אין שפּיטאָל, אָדער שטאַרבן אַוועק. אין די ערשטע טעג בלייבט תמיד זייער ברויט. שמחה גיט זיך שוין אַן עצה מיטן עסן.

שמחה באַנוצט ערנעסטן צו שליחותן, ווען מ'דאַרף אָפּטראָגן אַ פּעקל, אָדער שטיין אין אָטשערעד.

די צוויי טעכטער, די געענדיקטע גימנאַזיסטינס, האָבן איצט געאַרבעט אין אַ לעדער־זאַוואָד. איז די מאַמע געזעסן אין שטוב און אַכטונג געגעבן אויפן ביסל האָב און גוטס, וואָס זיי האָבן נאָך מיטגעבראַכט פון דער היים. האָט זי באַדאַרפט גיין אויפן מאַרק עפּעס קויפן, אָדער אין אָטשערעד, האָט זי ערנעסטן אַרויסגע־שיקט פון שטוב און אָנגעהאָנגען אויף דער טיר צוויי שלעסלעך.

די שטוב ביי איר האָט נאָך געהאַט אַ באַלעבאַטיש, היימישן ריח און נוסח. אויף אַ שענקעלע זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט זעקס זילבערנע בעכערלעך מיט אויסגראַווירטע יידישע אותיות „פּסח". פון די בעכערלעך האָט זיך נאָך, דוכט זיך, געטראָגן דער ריח פון דעם אַמאָליקן יומטובדיקן ווייַן.

ביינאַכט קומען די מיידלעך פון זאַוואָד, פאַרמאַטערטע, פאַרנעצטע, דורכ־געזאַפּטע מיט דער פאַרב און ריחות פון לעדער. זיי גייען פריער אַריין אין פאָדער־הייזל, זיך דאָרט אָפּוואַשן, איבערטאָן און קומען אַריין אין שטוב אין פרישע, ווייסע בלוזקעלעך. פאַר דער מלחמה האָבן נאָך די מיידלעך געטיילט זייער לעבן לויט די דאַטעס — ווען די מומעס האָבן געברענגט מתנות צו זייערע געבורטס־טעג; ווען מ'האָט זיי אויפגענייט נייע קליידלעך. איצט וווינען זיי אין איין שטוב מיט פרעמדע מענער. שמחה טרונק — מיט וועמען מ'דאַרף זיך שפּאַרן וועגן דער צאָל שטיקלעך האָלץ, וואָס ער גיט צושטייער צום הייצן; דער אויסגעהונגערטער, דאַרער סטודענט, וואָס זוכט נאָר מיט די אויגן וואָס מ'קאָן צונעמען; עס קומען אַריין מיר, די צוויי עלטערע יונגעליט, וואָס קומען צו זיי עסן מיטאָג, טרינקען אַ גלעזל טיי אין אָוונט און רעדן אָפּט וועגן זייערע פאַרבליבענע פרויען און קינ־דער אויף יענער זייט. עס קומט אַריין געניע, אַ יונגע יידישע פרוי פון קרים. זי איז אַ פּראָסטע און אָפּגעשטאַנענע פרוי, אַ קליינשטעטלדיקע שיינהייט, אַביסל טעמפּ און נאַרעשעוואַטע — אָבער אַ גוטע און האַרציקע. זי האָט זיך באַקענט דאָ מיט אַ פּוילישן יונגנמאַן, ער האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַן אינזשיניער. דאָס האָט פאַר איר סייווי נישט קיין שום באַדייטונג. זי האָט גערן יעדן מאַנצפּערשוין וואָס פאַר־דינט נאָר אויף צו עסן און איז נישט צו איר גראָב. זי האָט געהאַט מיט דעם אינזשיניער אַ קינד, אָבער גלייך נאָכדעם האָט מען אים צוגענומען אין דער אַרבעטס־אַרמיי. זי ליידט הונגער, האָט נישט קיין אָרט וווּ צו וווינען, יעדע נאַכט אין אַן אַנדער ווינקל. צייטנווייז נעמט זי דאָס קינד אויפן האַנט און גייט דערמיט אַוועק אויף עטלעכע טעג אין די אוזבעקישע קאָלכאָזן. זי בעט דאָרט אויס אָפּ־

צועסן און קומט צוריק מיט אַ זעקעלע זיסע בוראַקעס און געטרוקנטע פּרוכטן. זי גייט אָפּ מיט דעם קינד צענדליקער קילאָמעטער, בעת די גרעסטע פרעסט און זאַווייערוכעס, עס פאַרשאַדט איר קיינמאָל נישט, פאַרקילט זיך נישט. ווער עס איז נאָר געווען, זאָגט זי, עטלעכע יאָר אין קרים, וועט זיך שוין קיינמאָל נישט פאַר־קילן. ערגער איז מיטן קינד, פאַרקילט זיך שוין צו אָפּט, הוסט און וויינט. אָבער זי שטעלט זיך נישט אָפּ פון אירע טורנעען איבער די דערפער. אין די טעג ווען זי האָט אַ רעזערוו שפּייז, זיצט זי דאָ אויף דעם הויף, ביי דער אלמנה אין שטוב, נעמט אָן ביי די פּוילישע וועש צום וואַשן — זי האַלט זיך שוין אַליין אויך פאַר אַ „פּוילישע", צוליב איר מאַן. איר מומע, וואָס וווינט אין סאַמאַרקאַנד, לאָזט זי איבער דער שוועל נישט אַריבער. טאַקע דערפאַר ווייל זי האָט איר אָנגעטאָן אַזאַ בזיון און חתונה געהאַט מיט אַ „פּוילישן". אָבער גענקע איז שטאָלץ אויף איר מאַן. ער איז געווען צו איר גוט, זי קיינמאָל נישט געשלאָגן ווי ס'האָט געטאָן איר ער־שטער מאַן, אַ רוסישער, אַן אַגראָנאָם. איר איצטיקער מאַן, איסר, האָט נישט געזויפט קיין בראָנפן, זי נישט געשלאָגן און זיך געטיילט מיט איר מיטן עסן גלייך אויף גלייך.

חוץ גענקען, קומען נאָך אַמאָל אין דער שטוב אַריין צו דער ליטווישער אלמנה, אויך די שכנות עלקע, מאַרוסיאַ מיט אירע חברטעס, צוויי יידישע מיידלעך פון ראָסטאָוו, עוואַקואירטע. איינע פון זיי איז אַ פּיאַניסטין און באַרימט זיך מיט איר באַקאַנטשאַפט מיט דעם באַוווסטן פידלער־ווירטואָז בוסיאַ גאָלדשטיין. זי ווייזט אפילו זיינס אַן אונטערגעשריבן בילד.

אַלע דאָ זעצן זיך אַרום טיש, אויף די בעטן, בענק און עס שאַפט זיך אַ משפּחה־שטימונג. פלעגט טרעפן בעת אַ פרייליכער ידיעה פון פראָנט, אַ זיג פון דער רויטער אַרמיי, האָט מען צונויפגענומען געלט אויף עטלעכע פלעשלעך ווייַן און געטרונקען פאַרן נצחון פון דער רויטער אַרמיי און מפּלה פון די דייטשן. אַזאַ אָוונט פלעגט זיך פאַרענדיקן מיט זינגען יידישע פאָלקסלידער.

די היימישע יידישע פאָלקסלידער האָבן אין זיך אַ מאַגישן כח. זיי ריזלען אויף די בלוטן. עס ווערט אַ נאָענטער, אייגענער עולם, פאַרבינדט אַלעמען מש־פּחדיק. די בענקשאַפט ווערט ווייטיקדיקער און גלייכצייטיק מילדער.

אַזוי איז עס געווען פאַר מיין אַרעסט.

**
*

וואָס האָט זיך אין דעם הויף געביטן פאַר די אַנדערטהאַלבן יאָר פון מיין נישט זיין?

דער סטודענט ערנעסט נוימאַן האָט געהאַט אַמאָל אַוועקגעטראָגן זיין פּע־טערס אַ זעקל צוקערלעך. אומלעגאַלע סחורה. אויף דער גאַס האָט זיך אים פאַר־וואָלט נאַשן עטלעכע צוקערקעס, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעעפנט דאָס זעקעלע און גענומען פאַרזוכן. איז צוגעקומען אַ מיליציאָנער און אים פאַרהאַלטן, אַוועקגעפירט אין אַרעסט. מ'האָט אים פאַרמשפּט אויף פינף יאָר. ער איז אָבער נאָר אויסגעזעסן פיר חדשים און געשטאָרבן אין תפיסה.

זיין פעטער שמחה טרונק, וועלכער איז געזוכט געוואָרן דורך דער מיליץ, האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ שכנהש דאָרף. געביטן דעם נאָמען. און כדי צו האָבן

ווו צו וווינען און צו עסן, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ טאַטערין, וועמענס מאַן איז געפאַלן אויפן פראָנט. ער האָט איר געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט שוין קיינמאָל נישט וועלן צוריקפאָרן קיין פּוילן. סיווי האָט זי אים געהאַלטן אין דער האַנט, ווייל זי האָט דאָך געקאָנט אויסגעבן זיין ריכטיקן נאָמען און איבערגעבן אים דער פּאָליציי. שמחה טרונק וועט שוין מער נישט אָנזען נישט ריישע, נישט טאַרנאָוו, נישט מער פאַרנעמען זיך מיט קהלשער טעטיקייט, מיט ציוניסטישער עסקנות, זינגען חסידישע ניגונים, שווערן זיך אַז ער וועט נאָך אַמאָל זיין אין ארץ ישראל — ער וועט זיך שוין עלטערן און ליידן מיט דער טאַטערין, וועלכע רופט אים אויף אַן אויסגעטראַכטן נאָמען פון אַ פאַרשטאָרבענעם.

איסטאַט, די אוזבעקין, איז שוין מער נישט לערערין און דירעקטאָרין פון אַ שולע, זי האָט שוין אויך נישט ביי זיך איר טעכטערל אַלאַידאַ — זי חתונה געמאַכט פאַן אַן עלטערן קאָלכאָזניק, וואָס אַרבעט איצט אין שטאָט אויף אַן אַמט און האָט איין ווייב איבערגעלאָזט אין קישלאַק (דאָרף). איסטאַט איז אַ פּאַרטיי־מיטגליד, אַ מאָדערנע פרוי, שוין אָן אַ פּאַראַנדזשאַ. רוסיש קען זי קנאַפּ, כאָטש זי האָט מיר געוויזן ביי איר אין שטוב עטלעכע בענדער אין דער רוסישער שפּראַך, לוקסוס־אויסגאַבן, געבונדן אין לעדער און געליישט מיט גאָלד־אותיות. די ווערק פון מאַרקס, לענין, סטאַלין. זי לייענט זיי נישט, נאָר דאָס איז אַזאַ באַפּוצונג פאַר אַ פאַרטייער. איסטאַט איז אַ שטילע פרוי, האַלט זיך קולטורעל, זאָרגט פאַר דער ריינקייט און דערציאונג פון אירע קינדער. ווען אַ קינד איז ביי איר אַמאָל קראַנק געוואָרן, איז זיי אַריינגעלאָפן צו מיר אַ דערשלאָגענע און געזאָגט, אַז איר קינד האָט אוודאי נײַנציק גראַד היץ! (צעלזיוס). זי האָט זעט אויס אָנגענומען, אַז הויכע היץ — מיינט הונדערט גראַד.

זי איז אַן אָרנטלעכע, באַשיידענע, נעבעך אויך אַ מיאוסע, כאָטש זי האָט שוין גע׳גט — דריי מענער. איינער פון זיי איז געזעסן עטלעכע יאָר טורמע, דאָס איז דער טאַטע פון אַלאַידאַ, דער עלטסטער טאָכטער איסטאַטס. ווען ער איז אַרויס פון טורמע, געווען אָן געלט, האָט ער דאָס פאַרקנסט אַלאַידען צו אַן אַלטן קאָלכאָזניק, כאָטש יענער האָט שוין איין ווייב מיט קינדערלעך. עס איז גאָרנישט וואָס אַלאַידאַ האָט געוויינט און זיך געריסן די האָר. איר קוזין אירגאַש, וועלכער איז אין איר פאַרליבט פון קינדווייז אָן, האָט איר כסדר געשיקט ליבע־בריוו פון דער אַרמיי, זיך באַנוצט מיט אַלע צאַרטע ליבע־אויסדרוקן, וועלכע זיינען אַזויפיל אין דער אוזבעקישער שפּראַך. און אַלאַידאַ האָט אים צוריקגעענטפערט מיט ליבע־בריוו. זי האָט געלערנט אין אַן אינסטיטוט און האָט געקענט שרייבן שיינע בריוו, אָבער איר טאַטע האָט באַדאַרפט געלט. דער חתן גיט אים אַ שיינעם „קאַלים” (נדן): פיר שעפסן, צוויי זעקלעך רייז, אַ זעקל קישמיש, אויסשטייער פאַר דער כלה און פופצן טויזנט רובל מזומן.

ווען איך האָב געהאַט געאַרבעט אַלס וועכטער אין שוסטער־אַרטעל, האָב איך אַמאָל צוגעזען אַ סצענע ווי אַזוי אַ פּופּצניעריקע אוזבעקין איז פאַרקויפט געוואָרן פון טאַטן. זי איז געווען שיין ווי אין אַ מזרח־מעשהלע, עלאַסטיש ווי אַן אינדין, זיך טוליענדיק און איבערגעשראָקן ווי אַ לאַם. איך האָב זי געזען אין דעם שמאָלן געסעלע, פאַר זייער טויער, אָן אַ פּאַראַנדזשאַ איבער איר פּנים. ווען זי איז נעגאַנגען נאָך וואַסער צום „כאַוז”, האָט זי פאַרדעקט איר פּנים. איר טאַטע איז געווען אַן אָרעמאַן, אַ לאָמער, אַ וועכטער אין שכנותדיקן קאַראַוואַן־סאַראַי. האָב

איך איינמאָל געזעען ווי עס איז אָנגעקומען אַן אַרבע פון קישלאַק, אָנגעלאָדן מיט זעקלעך תבואה און שפּייז. דער לאָמער טאַטע האָט פלינק אויסגעלאָדן די זעקלעך, די נדן־מתנות, און אויף דער ליידיקער אַרבע אַרויפגעזעצט זיין טאָכטער, זי אָפּ־געשיקט אין קישלאַק צו דעם, צו וועמען ער האָט זי פאַרקנסט. ער האָט כסדר געהאַלטן אויפגעהויבן דעם ווייז־פינגער צו איר און געדראָט:

„נישט כליפּען!"

אָבער זי האָט נישט אויסגעהאַלטן. ווען די אַרבע האָט אַ ריר געטון פון אָרט, האָט זי אויסגעשטרעקט די הענט אויף צוריק און זיך צעכליפּעט.

אַלאַידאַ אָבער, גייט שוין אין אַן אינסטיטוט, זי איז קולטורעל און האָט שוין אוודאי נישט געכליפּעט. עס איז איר אָבער געלונגען — נאָך צוויי חדשים האָט זי זיך געשיידט מיטן מאַן. דאָס איז געשעען דערפאַר, ווייל ביי דעם מאַן אירן האָבן גענומען אוועקשטאַרבן די קינדערלעך זיינע, איינס נאָכן צווייטן — צוויי קינדערלעך געשטאָרבן במשך די צוויי חדשים.

חוץ אַלעם האָט זיך שוין געהאַט אַריינגעמישט אויך די פאַרטיי, אָפּיציעל טאָר מען נישט האָבן קיין צוויי ווייבער. די פאַרטיי האָט געדראָט אים אויסצו־שליסן. זעט ער, אַז עס גרייט זיך אויף אים אַ שטראָף, סיי פון אַללאַה, סיי פון דער פאַרטיי, האָט ער רעזיגנירט פון דעם גרויסן אוועקגעגעבענעם „קאַלים", פון דעם יונגן ווייבל און זיך צעשיידט מיט איר.

דער טאַטע האַלט אַלאַידען ביי זיך, וויל זי נישט צוריקלאָזן צו איר מוטער איסטאַט, ער וועט לייכט געפינען פאַר איר אַ נייעם זיווג.

***

טורסון קאַסימאָף האָט שוין געהאַלטן ביים צוריקקומען פון דער אַרמיי. די לעצטע צוויי יאָר האָט ער געהאַלטן אין איין שיקן פון פראָנט פּאַקעטן מיט מל־בושים, אַלץ טייערע זאַכן — זיידענע שלאַפראַקן, פּידזשאַמעס, זיידענע קליידער, וועש און אפילו אַ שטיקל צירונג האָט מען אַמאָל געפונען געשיקט פאַרנייט אין די נעט. לענאַ זיין ווייב האָט אָפּגענומען די פּאַקעטן, אָבער צוזאַמען מיט דעם האָט זי אָנגענומען אויף זיך צרות. זי האָט אויפגעהערט שלאָפן — צוליב שרעק אַז מען וועט איר צוגנבענען די פּאַקעטן! מען וועט זי ביינאַכט איבערפאַלן, דער־הרגענען און צונעמען ביי איר די אַלע גוטע זאַכן. עטלעכע מאָל איז זי געקומען צו לויפן זיך עצהנען מיט אירע יידישע לאָקאַטאָרן. וואָס זאָל זי טוען? ווי אַזוי זאָל זי פאַרהיטן דאָס ביסל גוטס? אַלע אַרום איר אין קאַראַוואַן־סאַראַי סודען זיך אָפּט, מ'ווייזט מיט די פינגער אויף איר שטוב, מ'גייט איר נאָך — דאָס אַלץ גרייט מען זיך צו באַפאַלן זי און באַרויבן.

זי איז איינגעגאַנגען, געוואָרן איינגעשרומפּן, אויסגעטרוקנט. די ווייסלען פון אירע אויגן האָבן זיך פאַררוקט אין די ווינקלען, דעמאָלט האָט זי באַקומען אַ היס־טערישן אָנפאַל און גענומען שרייען אַ באַנומענע און ווי אַ געקוילעטע:

— מען באַפאַלט מיך! מען רויבט! טורסון וועט דערהרגענען!

זי האָט איר אַלטער מאַמען פאַרשלאָסן אין שטוב און אוועקגעלאָפן מעלדן אין דער מיליץ, אַז מען גרייט אויף איר אַן איבערפאַל. באַלד האָט זי חרטה באַ־קומען — די מיליץ אַליין וועט קומען ביינאַכט און זי באַפאַלן, באַרויבן. דערנאָך

האָט זי זיך ווידער דערמאָנט, אַז זי האָט זיך פּאָרטרויט פאַר אירע יידישע לאָקאַ־טאָרן, האָט זי געגומען רעווען, אַז די יידן ווילן זי באַפאַלן און באַרויבן. עס איז געקומען מיליץ, מיטגעבראַנגט אַ דאָקטער און מ׳האָט זי אַוועקגעפירט אין אַ שפּיטאָל פאַר משוגעים.

***

די צוויי שוועסטערן, ראַכיל און סאַראַ, ווייסן שוין אַז זיי זיינען געוואָרן אַלמנות. באַקומען אָפיציעלע מעלדונגען, אַז זייערע מענער זיינען געפאַלן אויפן פראָנט. ראַכיל ווייסט נאָכנישט דעם גורל פון איר זון. איר שוועסטער סאַראַ און מיר אַלע, די לאָקאַטאָרן פון הויף, ווייסן שוין יאָ — איר זון איז אויך געפאַלן אויפן פראָנט! סאַראַ באַהאַלט די דאָזיקע מעלדונג.

שוין צוויי חדשים ווי זיי זיצן אין שטוב אויף די צוגעפּאַקטע פּעקלעך, פאַרן אַלעמאָל מיט די פּעק צום וואָקזאַל דערוואַרטן אַן עשאַלאָן אין דער ריכטונג מאָס־קווע, קומען אָבער כסדר צוריק. דאָ איז דער עשאַלאָן איבערגעפּאַקט, דאָ פעלן נאָך עפּעס פּאַפּירלעך, אַלעמאָל זיינען נויטיק נייע — און זיי זיצן נאָך אַלץ אין שטוב און דערוואַרטן יעדן טאָג שוין ענדלעך זיך צו עוואַקואירן אין זייערע היימען.

***

עלקעס מאַן, מאָטל, האָט זיך אָפּגעפונען אַ לעבעדיקער. אָבער ער איז שוין נישט איר מאַן. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ רוסין און וווינט ערגעץ ווייט אין ווייסרוסלאַנד. אַז זיין קינד לעבט שוין נישט, האָט ער שוין, מסתמא, פון פריער געמוזט געוואָר ווערן, ווייל אין דעם אַנטשולדיקונגס־בריוו וואָס ער האָט געשריבן צו עלקען, האָט ער זיך אָנגעפרעגט נאָר אויף זיין ווינטער־פּאַלטאָ און אַנדערע מל־בושים. האָט עלקע לאַנג נישט געוואַרט און אויך זיך גענומען דאָ אַ מאַן. איז שוין מאַרוסיאַ אויס איר שוועגערין און וווינט שוין באַזונדער סייווי האָט שוין מאַרו־סיאַ נישט געוואָלט וווינען אין דעם הויף, ווייל די שכנים פונם גאַנצן געסל האָבן זיך אָנדערציילט וועגן איר אַזעלכע זאַכן, וואָס מ׳דערציילט, געווייגלעך, אויף אַ מיידל וואָס קליידט זיך שיין און פאַרדינט אָפיציעל נאָר דאָס ביסל עסן. האָט מען דער־ציילט אויף איר, האָט מען עס שוין דערציילט אויך אויף אירע חברטעס די ראָס־טאָווער פריילינס, אויך אויף דער פּיאַניסטין מיטן אויטאָגראַף פון בוסיאַ גאָלדשטיין. זיי האָבן נאָך צוגעהאַט אין זייער קאָמפּאַניע אַ רוסיש מיידל, אַ באַאַמטע פונם ברויטקאַרטן־ביוראָ און אַלע האָבן זיי זיך געהאַלטן אין איין קאָמפּאַניע, זיך שיין אָנגעטון, געוויילט זיך און פאַרברענגט.

עס איז אָבער נישט צו גלייבן אויף מאַרוסיען די שכנישע רכילות, ווייל שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט פאַרדינט פונם האַנדלען מיט ברויט־קאַרטן, וואָס די רוסישע האָט געגנבעט פון איר ביוראָ. עס איז געקומען צו זיי מיליץ אַרעסטירן, אָבער נאָכן אָפּהאַלטן די מיליציאָנערן אַ האַלבע נאַכט ביי זיך אין שטיבל, מיט אַ געהעריקן כיבוד און אַזעלכע פיר שיינע פריילינס האָבן זיי

פאַרווילט — האָט זיך אַלץ געענדיקט גוט. מאַרוסיאַ האָט אויף צומאָרגנס שוין אויף שטענדיק פאַרלאָזט די וווינונג און געפאָרן קיין אוראַל אויף שמוגל־מסחרים.

דאָס שטיבל פון עלקע און מאַרוסיע שטייט שוין היינט אינגאַנצן ליידיק.

***

אין דעם שטיבל ווו עס האָבן געוווינט די יונגע רוסישע מאָלער, דאָס פּאָר־פאָלק פון לענינגראַד — זיי האָבן זיך שוין רעעוואַקואירט אין זייער היימשטאָט — אויף דעם אָרט וווינט טאַקע איצט גניע, די יידישע פרוי פון קרים, וואָס האָט פון איר שטיבל געמאַכט אַ זנות־הייזל.

דעם ערשטן טאָג דאָ זיין צוריק פון לאַגער, אין אָוונט, האָבן אַלע שכנים זיך אויסגעלייגט אויף זייערע געלעגערס אויפן הויף. חודש אויגוסט שלאָפט מען דאָ נישט אין די שטיבער. דאָס יונגע פּאָרפאָלק, שמאַיעוויטש און חנהלע, האָבן זייער בעטל פאַרהאָנגען מיט אַ קאָלדרע, אַ פּאַראַוואַן. דווקא גניע מיט איר קינד זיינען נישט אַרויס שלאָפן אויפן הויף. האָט עס מיך געחידושט. איך האָב נאָכנישט געוווסט דעמאָלט מיט וואָס זי פאַרנעמט זיך אין די נעכט. איך האָב געוויינטלעך געוווסט, אַז זי איז נישט קיין צנועה. אַ שטילע, גוטע פרוי, אַ יונגע, נישט־מיאוסע, קאָרפּולענטע, מיט גוטע, נאַאיווע, שיער נישט קעלבישע אויגן. אויף יעדן מאַנצ־ביל קוקט זי מיט באַוואונדערונג און אכטונג. שוין לאַנג, נאָך מיט צוויי־דריי יאָר צוריק, האָט מיין מיטוווינער געהאַט געוווסט, אַז גניען קען מען נעמען צו זיך אין שטוב אַריין ווען מען וויל. ער האָט זיך פאַר מיר געריימט, אַז ער באַשענקט זי מיט אַ בכבודיקן האָנאָראַר... מיט אַ פּאָר שטעקלעטשלעך וואָס ער „טראָגט" אַרויס פון אַרטעל.

איך האָב געמיינט, אַז גניע גייט זיך אָפּ נאָר מיט היימישע און דאָס געלעגנ־הייטלעך, ציטנווייז. ווייל איר שטילער און דערשלאָגענער בליק איז נאָך אַלץ אַזאַ תמימותדיקער, אומשולדיקער, מוטערלעכער.

אין דער נאַכט האָב איך באַמערקט ווי עס עפנט זיך דאָס סקריפּענדיקע טויער און עס קומט אַריין איינער אין אַ מיליטערישן שינעל און גייט צו גניען אין שטיבל אַריין. גייט ער אַוועק, קומט באַלד אַ צווייטער, אַ דריטער. רוסן, אוזבעקן, פּוילישע יידן.

איך האָב אויפגעוועקט שמאַיעוויטשן און גלייך געפרעגט וואָס דאָ קומט פאָר? ווי אַזוי דערלאָזט ער אַזאַ מין זאַך אין דעם זעלבן הויף ווו ער וווינט מיט זיין יונגער פרוי? און בעתן רעדן איז דערווייל אָנגעקומען גניעס אַ חברטע, די בוכאַל־טערין, וועמענס מאַן איז אויך אויפן פראָנט. זי איז דאָ געבליבן מיט אַ קינד און אָט פירט זי מיט זיך צוויי מענער מיטאַמאָל און אַריין צו גניען אין שטיבל.

ווען די מענער זיינען שוין אַרויס, בין איך אַריין צו די צוויי פרויען און גע־דראָט, אַז איך וועל זיי אונטערצינדן דאָס שטיבל. איך האָב אויפגעוועקט אַלע שכנים אין הויף און געפרעגט פאַרוואָס זיי דערלאָזן צו אַזעלכעס. קודם האָב איך באַלד אָנגעהאָנגען אַ שלאָס אויפן טויער.

גניע האָט כמעט ווי נישט אָפּגעענטפערט, נאָר געוויזן אויף איר שלאָפנדיק יונגעלע און געוויינט. פון די שכנים האָב איך שוין געהערט, אַז גניע שטעלט אַ באַדינג יעדן אירן גאַסט, אַז ער מוז מיטברענגען עפּעס צו עסן פאַרן קינד. יעדער

פון די שכנים האָט מורא געהאַט מיט איר צו טשעפּען, דער עיקר מיט דער בוכאַל־טערין, ווייל ביי יעדן וועט זי דאָך געפינען עפּעס טרייפס. דער אַרבעט אומלעגאַל, דער האַנדלט אומלעגאַל — וועט זי מסרן, איז בעסער מיט זיי נישט צו טשעפּען. און צווישן זייערע „געסט" זיינען דאָך פאַראַנען אויך מיליציאָנערן, וויכטיקע שטאַט־באַאַמטע.

עטלעכע נעכט האָב איך אַכטונג געגעבן אויפן טויער, אויפן שלאָס. ווען געסט האָבן פאַרעקשנט געקלאַפּט אין טויער, האָב איך צו זיי אַרויסגעשריגן, געזידלט, געדראָט. יענע האָבן צוריקגעזידלט און געדראָט זיך מיט מיר אָפּצורעכענען. איך בין נישט אָפּגעטרעטן.

האָבן די פרויען געביטן זייער טאַקטיק. געניע האָט אָנגעהויבן אויפנעמען די געסט בייטאָג. זי האָט נאָר דעמאָלט אַרויסגעשיקט איר יונגעלע אויפן הויף זיך שפּילן. און היות די בוכאַלטערין האָט דאָך בייטאָג געאַרבעט, איז אויף ביינאַכט געניע אַריבער צו יענער אין שטוב.

***

אין אַ קורצער צייט אַרום וועט שוין געניע דאָך מוזן פאַרלאָזן איר דירה, ווייל עס איז צוריקגעקומען פון דער אַרמיי אונזער באַלעבאָס, טורסון קאַסימאָף.

ער האָט זיך שטאַרק פאַרענדערט אין זיין אויסזעען, געוואָרן מאָגערער, אָבער מונטער און האַפּערדיק. ער האָט אָפּגעשוירן די וואָנסן (אַ גרויסער חטא פאַר אַ מאַכמעדאַנער) און טראָגט אַ העלן אייראָפּעאישן אַנצוג. ער לייגט שוין נישט קיין גרינעם טאַבאַק אונטער דער צונג, נאָר רויכערט דייטשע פּאַפּיראָסלעך דורך אַ בורשטינענעם מונדשטיק און ווינקט צו אַלעמען שטיפעריש מיט די אייגלעך:

— ער האָט אָנגעזעען אַ נייע וועלט! מ'האָט אים אַרויפגעזעצט אַ נייעם קאָפּ! אים אַריינגעזעצט אַ פּאָר נייע אויגן!

לענאַ, זיין ווייב, ליגט אין שפּיטאָל, איז מיט איר געענדיקט! זיין זון איר־גאַש לעבט, וועט אוודאי בקרוב שוין צוריקקומען פון דער אַרמיי, אָבער ער וועט נישט חתונה האָבן מיט זיין קוזינע אַלאַידאַ, זי איז דאָך שוין קיין מיידל, שוין אַ גרושה. אָבער פאַר אים אַליין, טורסונען, פּאַסט עס יאָ. ער האָט נאָך דערצו גענוג געלט! און קוראַזש אויך! שליסליך איז ער דאָך נאָך פאַר די פּופּציק און זיין פּלימעניצע אַלאַידאַ שוין נאָך די פּופּצן.

דער שידוך איז טאַקע צושטאַנד געקומען. טורסון איז אַריינגעקומען צו מיר אין קיביטקע מכבד זיין מיט אַ שעלעכל ווייַן. און כדי עס זאָל אים, חלילה, נישט פאַרשאַטן קיין „גוט אויג", האָט ער נאָך אַלץ, פון געוווינשאַפט, אויף דעם הייַ־מישן, אוזבעקישן שטייגער, צוגעקרעכצט:

— יאַמאָן, יאַמאָן, אַקאַ דזשאָן!

טעג אין פיבער

איך בין אַוועק אין ענקאַוועדע מאָנען מיין זייגער, וואָס מ'האָט מיר געהאַט צוגענומען ביים אַרעסט. עס איז מיר געגאַנגען נישט נאָר אין זייגער, איך האָב

איך געוואָלט דורכגיין, נישט מיט די הענט אַרונטער, דורכן קאָרידאָר פון ענקאַווודע, זעען דעם קאַבינעט נומער 42 און נישט ציטערן פאַר נאָגטיעווס קלעפּ.

איך בין געגאַנגען צוויי מאָל און דעם זייגער נישט צוריקבאַקומען. מער וועל איך שוין נישט גיין, ווייל איך נעם דאָך אונטערציטערן, אַריינגייענדיק אין דער געביידע.

אין שטאָט טרעף איך נאָך אַלץ באַקאַנטע וואָס פרייען זיך מיט מיין באַפרייאונג. האָב אויך באַקומען צוגעשיקט באַגריסונג־טעלעגראַמעס פון חברים, איינע פון מאָסקווע (זיין נאָמען איז נישט צום דערמאָנען) און די צווייטע פון מ. וואַלדמאַן, פון בוכאַרע.

איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן אָנצוטרעפן אויף דער גאַס דעם לאַגערנאַטשאַלניק בערסאָנסקי. ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַריין אויף אַ לחיים, באַקענט מיט זיין פרוי און זון, זיך באַוויזן פאַר מיר מיט די יידישע פּליטן, וועלכע ער האָט אָנגעשטעלט אויפן פּאַטעפּאָן. זיך שוין מער אויסגעפרעגט וועגן יידישע ענינים און בכלל שוין גערעדט צו מיר מיט אַזאַ פאַרטרויען און אַזוי אָפן, ווי מ׳רעדט נאָר מיט דעם סאַמע נאָענטסטן.

איך האָב שוין פּלייסיק געזוכט מעגלעכקייטן צו באַקומען אַ פּראָפּוסק אין וועג אַריין און וואָס שנעלער אַרויספאָרן פון סאַמאַרקאַנד. דערצו דאַרף מען רייזיקע און קודם — געלט. האָב איך זיך אָנגעהויבן לערנען אַ ניי פאַך, אַרבעטן אויף אַ וועבשטול. צו יענער צייט האָבן שוין אַ סך פּוילישע יידן איינגעאָרדנט ביי זיך וועבשטולן, עס איז געווען האַלב־לעגאַל, זיי האָבן דערביי שיין פאַרדינט. איך האָב געאַרבעט עטלעכע טעג אויף דער לער און גאָרנישט אויפגעטאָן. האָב איך זיך אָוועקגעזעצט אַרבעטן אַלס שוסטער. אין לאַגער האָב איך זיך דאָס אַביסל אויסגעלערנט. במשך עטלעכע וואָכן האָב איך אויסגעאַרבעט צען פּאָר אוזבעקישע כמו־שטיוועלעך פאַר פרויען, טאַנדעטנע, פאַרטאַטשנע, אָבער פאָרט שטיוועלעך. זיי פאַרקויפט צו אַ באַזאַר־הענדלער און פאַרדינט עלף הונדערט רובל. עס גייט אויף אַ וועג, אַ פּראָפּוסק קאָסט אָבער פינף טויזנט רובל. עס איז נאָך דאָ זאַכן צו פאַרקויפן פון אַן אָנגעקומען פּעקל. אַנדערע פּוילישע פאָרן דערווייל אין דער שטיל אַוועק. ווייניקע, אָבער זיי פאָרן, און עס ווערט וואָס אַמאָל שווערער.

**
*

ביי די פּוילישע יידן קומען פאָר חתונות, נישט נאָר פיקטיווע, כדי צו באַקומען אַ פּוילישן דאָקומענט און די רעכט אויף אַרויסצופאָרן פון ראַטנפאַרבאַנד קיין פּוילן, נאָר אמתע חתונות. אַ סך פּוילישע פאַרדינען שוין נישקשה, חוץ דעם וויל מען נישט פאָרן קיין פּוילן איינזאַמע, זוכט מען זיך צו צו דער פּאָר און מען פּראַוועט חתונות.

איך וויל דאָ דערמאָנען איינע אַזאַ חתונה, אויף וועלכער איך בין געווען פאַרבעטן, נישט צוליב דער חתונה גופא, נאָר צוליבן אָנדענק פון אַ יידישן אַקטיאָר, אַ קרבן פון דער דאָזיקער חתונה.

עס איז געווען אַ חתונה פון איינעם וואָס האָט גערעכנט, אַז זיין פאַרבליבענע פרוי אין פּוילן, איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע יידן דאָרט. ער האָט אַ קורצע צייט געוווינט שוין דאָ מיט אַ פרוי, זי האָט געהאַט מיט אים אַ קינד, איז דאָס

קינד אַוועקגעשטאָרבן און ער איז זיך מיט איר צעגאַנגען. איצט האָט ער חתונה מיט אַ יונג מיידל. ער אַליין איז אַ גוטער פאַרדינער אויפֿן שוואַרצן מאַרק.

צו דער חתונה איז אויך געווען פֿאַרבעטן דער אַלטער לעמבערגער אַקטיאָר וואַלדבערג. ער האָט געשפּילט אין דער היגער טרופּע, געשטאַנען סרוב אַלס בילע־טער ביים טעאַטער־אַריינגאַנג, באַטאָג פֿונאַנדערגעקלעפּט די טעאַטער־אַפֿישן אין שטאָט. וואַלדבערג איז געווען אַ טיפּישער אַקטיאָר פֿון די אַמאָליקע יידישע וואַנ־דער־טרופּעס. ער רעדט תמיד פֿאַרקאַטערט. קאָן זיין אַז דאָס איז נישט קיין אָר־גאַנישער פֿעלער ביי אים, נאָר אַזאַ חנדל, וואָס איז אים פֿאַרבליבן פֿון די קאָמישע ראָלן, וואָס ער האָט צייטנווייז געשפּילט. עס איז רעכט, אַז מיט דעם אונטערן־נאָז־טענדל האָט ער מאַסקירט זיין נישט־געשולטע און אָנגעשפּאָלטענע שטימע. דער עולם האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז אַזאַ בכיוון־טאָן.

דעם קאָפּ פֿלעגט ער האַלטן שטענדיק פֿאַרלייגט אויף אַ זייט, אויף דער רעכ־טער, אַמאָל אויף דער לינקער, אָבער קיינמאָל נישט אינמיטן, נאָרמאַל. מחמת דעם, מסתמא, האָט זיין איינגעקאָרטשעט נעבעך־פּנימל אויסגעזעען נאָך טרויעריי־קער. די מינע איז ביי אים געווען אַזאַ, ווי ער וואָלט געהאַלטן ערב־וויינען, אָדער שוין מוצאי־וויינען. אַז מען האָט אַ רגע לענגער געקוקט אויף זיין טראַגישן אויס־זען, האָט מען זיך אַפֿילו געקאָנט צעלאַכן. וואַלדבערגן האָט עס לחלוטין נישט גע־אַרט, אפֿשר גאָר איז ער דאָס צומאָל אויסן געווען, אַפֿילו צופֿרידן, אַבי איר זאָלט נישט קוקן אויף אים גלייכגילטיק. איר מעגט איבער אים קרעכצן, אָדער לאַכן. אַ גאַנג האָט ער געהאַט, אַמאָל פֿון אַ יונגל, און אַמאָל פֿון אַ געבראָכענעם זקן. די אַקטיאָרן האָבן זיך צו אים טאַקע באַצויגן ווי צו אַזעלכן, אַמאָל ווי צו אַ יונגל און אַמאָל ווי צו אַ זקן אַן עובר־בטול. האָט וואַלדבערג דערפֿילט די גרינגשעצנ־דיקע באַציאונג צו אים מצד זיינע קאָלעגן, האָט ער, אָדער זיך צעוויינט, אָדער גאָר שטייף אויסגעצויגן זיין גוף און מיט גרויס רעספּעקט אָנגעמאָלדן:

„מיין זון פֿון ווין, דער דאָקטער" —

איןביידע פֿאַלן האָט עס געהאַט די געהעריקע פּעולה און זיין קאָלעגע האָט תיכף געביטן דעם ביטול־טאָן.

וואַלדבערג שפּילט אין דער היגער טרופּע דריטראַנגיקע ראָלן, זעלטענער צווייטראַנגיקע און אין באַזונדערע אויסנאַם־פֿאַלן, בעת אַן ערשטער ראָליסט פֿלעגט פּלוצים קראַנק ווערן — אים פֿאַרטרעטן.

ווי יעדער עלטערער אַקטיאָר, איז יעדעם צווייטע־דריטע וואָרט זיינס פֿאַר־בונדן מיט זכרונות. ער רעכנט אויס די סאַמע גרעסטע אַקטיאָרן מיט וועלכע ער האָט אַמאָל מיטגעשפּילט. עס איז אַ קנאַפּע נפקא מינה וואָסערע ראָל ער האָט מיטגעשפּילט, בלויז אַן עפּיזאָדן־ראָל, צי בלויז סופֿלירט פֿון קאַסטן אַרויס — אָבער אַלץ הייסט מיטגעשפּילט. וועגן אַלע גרויסע אַקטיאָרן וואָס ער דערמאָנט, רעדט ער מיט ערפֿורכט, זיין שטימע ציטערט דערביי אונטער, נאָר טאָמער קומט אים אויס צו דערמאָנען גאָלדפֿאַדענען, זאָגט ער נישט אַנדערש ווי:

„דער גרויסער אַווראָהאָם גאָלדפֿאַדען אָלעף האַשאָלעם!"

און כאַפּט זיך גלייך מיט דער האַנט צוצודעקן זיין אַנטבלויזטן קאָפּ.

וואַלדבערג האָט ליב דאָס טעאַטער נישט ווייניקער ווי דאָס יומכיפּורדיקע דאַווענען. איך האָב אים געזען דאַווענען דעם לעצטן יום־כּיפּור אין שול פֿון געוועזענעם קרעמענטשוגער רב. ער איז שעהנווייז געשטאַנען אויף איין אָרט, מיט

דעם מחזור פאַרדעקט זיך די אויגן, דערין אַריינגעזאָגט און אַריינגעוויינט.

אין אייניקע מאָמענטן האָט זיך אים אויסגעדוכטן, אַז דאָס האַרציקע דאַווענען פון דעם בעל־מוסף, דעם קרעמענטשוגער רב, האָט אויך עפּעס אַ שייכות צו טעאַטער, ער רעדט זיך אַזוי אַדורך מיט גאָט ווי אַ קינד צו אַ טאַטן, מיט געבעט, מיט געוויין — און צי איז דען מעגלעך, אַז דאָס זאָל זיין טאַקע אַלץ עכט און נאַטירלעך? און ווען נאָך מוסף האָט דער רב געהאַלטן אַ רעדע מעניני דיומא, גערופן צו היטן כשרות און דערביי געלויבט און געבענטשט די „סאָוויעטסקע וולאַסט" מיטן גענעראַליסימוס בראש — האָט שוין וואַלדבערג אוודאי געמיינט, אַז ער האָט דעם רב געפּאַקט ביים אַקטיאָרעווען, ער האָט שוין שיער נישט געוואָלט צווינקען צו מיר מיט אַן אייגל. ווען דער רב איז אָבער איבערגעגאַנגען צו נעילה, האָט וואַלדבערג דערזעען זיין טעות, מורא געקריגן פאַר זיין מיאוסער מחשבה, האָט ער נאָך מער איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין מחזור, געשאָקלט פריער מיטן קאָפּ אין דער ברייט, דערנאָך געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און געשלוכצט און געוויינט.

אָבער ער נעמט דאָס טעאַטער און זיין שפּילן אויך אַ סך מער ערנסטער ווי פיל זיינע קאָלעגן. ער האָט דאָס טעאַטער ליב ווי זיין לעבן, וואָס איז ער מישטיינס געזאָגט אַ גאַנצן טאָג? ווער קוקט זיך אויף אים אום? אָבער ביינאַכט, ווען ער איז אויף דער סצענע, איז איבערגעטאָן, גרימירט, זאָגט זיין רעפּליק, אָדער זינגט אָפּ אַ לידל — דעמאָלט אַפּלאָדירט מען אים. די זעלבע מענטשן, וואָס ביי־טאָג קוקן זיי זיך אויף אים נישט אום, אָבער איצט — איז ער, וואַלדבערג, אויף דער בינע, הויך, און יענער דאָרט — אין דער נידער, און זאָל, זיי אַפּלאָדירן אים. צווישן זיי זיינען פאַראַן דירעקטאָרן, נאַטשאַלניקעס — אַלע אַפּלאָדירן אים. אין די געציילטע מינוטן פילט זיך וואַלדבערג אַן אויבער־מענטש.

וועט ער צוריק אַראָפּ פון בינע, וועט זיין נעבעך־פּנים ווידער טראָגן אויף זיך אַלע מאַסקעס פון די אַלע טראַגישע און קאָמישע העלדן, וואָס ער האָט געשפּילט במשך פערציק יאָר אויף די טעאַטער־ברעטער. צו דעם אַלעם וועט נאָך אויף זיין פּנים זיך אָנזען דאָס לעכצן איינמאָל אָפּצועסן צו דער זעט. ער פאַרגינט זיך נישט אפילו קיין שטיקל ברויט צו דער זעט, ער וויל אָנקלייבן אַ פּאָר טויזנט רובל אויף צו קויפן אַ מתנה. און ווען ער וועט צוריקפאָרן קיין פּוילן, וועט ער פון דאָרטן צופאָרן קיין ווין, אויסזוכן זיין איינציקן זון, אפשר לעבט ער דאָך — און אים מהנה זיין מיט אַ שיינער מתנה.

אויף דער חתונה איז געווען עסן לרוב, פון שענסטן און בעסטן. וואַלדבערג האָט זיך צוגעכאַפּט צו די אַלע גוטע מאכלים, געטרונקען וויין, געוויינט פאַר פרייד פון די טעמדיקע מעדנים, די אויגן האָבן געלאַכט, די ליפּן זיינע האָבן געקייט און געקוואָלן — אַ טייערע חתונה, זאָל נאָר זיין שמחות ביי יידן! ער איז שוין בגילופין, עסט אייליק, האָט מורא עפּעס נישט צו פאַרשפּעטיקן. אַן אַלטיטשקע פרוי, די שכנה פונדאַנען, וועלכע איז געוואָרן אַריינגעבעטן אויף דער חתונה, האָט נישט געקאָנט לא עליכם דאָס אויסטראָגן, דער מאָגן האָט עס באַלד אָפּגעגעבן אויפן אָרט, איז געוואָרן אַ שלעכטער ריח, די אַלטיטשקע האָט זיך נישט געקאָנט רירן פונם אָרט און מען האָט זי קוים אַרויסגעטראָגן.

וואַלדבערג איז געווען אַזוי בגילופין און פריילעך, אַז ער האָט געלאַכט פון דער אַלטיטשקער. געזאָגט חכמות, צווייידייטיקייטן, ווידער פאַרטרונקען און פאַרביסן, געזונגען אַ שפּאָטיש לידל וועגן פרעסן און באַמאַכן זיך, אַליין הויך געלאַכט,

נישט געהערט זיין אייגן קול און פּלוצים אין מיטן געלעכטער האָט ער זיך צעשריגן, פאַרקייכט. מ'האָט געמיינט, אַז ס'איז אַקטיאָרישע סיגעס, האָט ער גענומען פּאַכען מיט די הענט, די אויגן האָבן פאַרלוירן דעם שמייכל, דאָס מויל זיך אויסגע־קרומט, דאָס פּנים האָט פאַרלוירן דאָס לעצטע ביסל בלוט, ער האָט זיך פאַרקייכט אין געשרייען. מ'האָט אים געכאַפּט אונטער די הענט, אַרויסגעטראָגן אים אויפן דאַך, אים אַריינגעלייגט אין זיין דאַך־שטיבל וווּ ער האָט דאָ געוווינט. ער האָט זיך אָפּגעמאַטערט עטלעכע שעה און אין יסורים אויסגעגאַנגען.

מ'האָט גערופן עטלעכע קאָלעגן זיינע, אַקטיאָרן, מען האָט אים אויסגעטון, געפונען ביי אים אַ גאָלדענעם זייגער און עטלעכע טויזנט רובל. די אַקטיאָרן מיט משה ליפּמאַן בראש האָבן צוגעזאָגט פאַר דעם געלט איינצואָרדנען די לוויה און אים שטעלן אַ מצבה.

**
*

צוריקגייענדיק אויפצומאַרגנס פון וואַלדבערגס לוויה, האָב איך באַמערקט דורכפאָרן אַ לאַסט־אויטאָ און אויף אים איז געזעסן מיין ליבער לאַגער־חבר איליאַ. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט עטלעכע סטרעלאָקעס. מ'האָט אים געפירט אין אַ שטאָטישער פאַבריק אַריין עפּעס פאַריכטן. ער האָט דאָס ערשטע מאָל, נאָך דריי יאָר, ווידער דערזעען די גאַסן פון סאַמאַרקאַנד. דאָס איז געווען אַ פּועל יוצא פון מיין שמועס מיטן לאַגער־נאַטשאַלניק כערסאָנסקי ביי אים אין שטוב. די סטרעל־קעס (קאָנוואָי), קענענדיק מיך, האָבן מיר נישט געשטערט צולויפן צו אים און אַריינוואַרפן עטלעכע עפּל. איליאַ האָט זיך געשעמט מיט זיינע טרערן, אָבער נישט געוואָלט אויך זיך פאַרשטעלן די אויגן.

בעתן באַפרייען מיך, האָב איך זיך נישט באַוויזן מיט אים צו געזעגענען, האָבן מיר זיך איצט געזעגנט מיט די בליקן. עס האָט זיך מיר, אין דער מינוט, נאָך אַמאָל איינגעשניטן אין מיין גאַנצן וועזן דער ווונטש — אַז עס זאָל אַמאָל אַזאַ איליאַ און אַלע טויזנטער, צי מיליאָנען איליאַס, שוין ענדלעך אַמאָל באַפרייט ווערן פון די טורמעס.

און אַליין דאַרף מען אויך זען זיך צוצואיילן שוין צו אַנטרונען פון דער פּרעניות־ערד, נישט אָנזעען מער די טורמעס און לאַגערן.

**
*

רויזנשמיד איז שוין אַוועקגעפאָרן קיין וו. זיך אַרויסגעקריגן אויף אַן אומוועג. ער האָט דערוויל געלאָזן דאָ זיין פרוי און זון. ער האָט געמוזט פאָרן אום סאַמע יום־כיפור אינדערפרי, ווייל עס האָט געשמעקט מיט פּיקוח נפש, עס האָט אים געדראָט אַרעסטירט צו ווערן. אין דעם טאָג האָבן נישט דיזשורירט אויפן וואָקזאַל קיין שליחים פון פּוילישן פּאַטריאָטן־פאַרבאַנד, אַכטונג געבן צי עס פאָרט נישט ווער אויף אייגענער האַנט. זיי זיינען געווען זיכער, אַז היינט, יום־כיפור, וועט קיינער נישט פאָרן.

עס איז אויך געלונגען זיך אַרויסצוקריגן לייזער ראַנען מיט זיין פרוי שבע. זיי זיינען געקומען קיין רוסלאַנד אין יאָר 1936, האָבן זיי סיי ווי נישט קיין רעכט אויף רעפּאַטריאַציע, צוריקצופאָרן קיין פּוילן. דערוויל פאָרן זיי קיין ווילנע, פון דאָרטן וועלן זיי שוין געפונען אַ וועג אויף ווייטער.

אַרויס, אַוועק, אַהיים!

קאַפּיטל א

דעם דרייצנטן נאָוועמבער ביינאַכט האָב איך, מיט נאָך אַ גרופּע יונגעלייט פון פּוילן, זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ לאַסט־אויטאָ, אויף אָפּצופירן קיין טאַשקענט. דער אויטאָ איז געשטאַנען הינטער דער שטאָט און מען האָט באַדאַרפט אַרויסגיין איינציקווייז, קיינער זאָל נישט באַמערקן.

איך שאַר זיך אין אַ פינצטערער, רעגנדיקער נאַכט אויף די שמאָלע, סאַמאַרקאַנדער געסעלעך. פאַרן צוגיין צום אויטאָ דאַרף איך נאָך אָפּסטעמפּלען מיין דאָקומענט אין דער מיליץ.

איך האָב אָפּגערעדט מיט בערעלעס פרוי, אַז אין דער נאַכט ווען איך וועל אַרויספאָרן, זאָל זי מיט אים אַוועקגיין אין אַ קינאָ, כדי ער זאָל נישט געוואָר ווערן וועגן מיין פאָרן. ער איז דאָך, חוץ אַלעם, אויך איינער פון די אָנפירער פונם פּוילישן פּאַטריאָטן־פאַרבאַנד דאָ.

זיין פרוי האָט אים די גאַנצע צייט געהיטן. איז ער נאָר אַוועק אויף אַ שעה פון שטוב און געזוימט זיך אַביסל לענגער, איז זי שוין געלאָפן אים זוכן. זי איז נאָך אַלץ נישט געווען מיט אים זיכער, צי ער איז נישט ווייטער אַ מיטאַרבעטער אין נקוּוד. דער עיקר האָט זי מורא געהאַט, אַז ער זאָל מיר ווידער עפּעס נישט טאָן קיין שלעכטס. זי האָט אים געדראָט, אַז אויב מיר וועט עפּעס געשעען, שטעכט זי אים גלייך אויפן אָרט און באַלד דערנאָך דערשטעכט זי זיך.

און. אָט, ווי איך שאַר זיך אַזוי זייטיק דורך די שמאָלע געסעלעך, קומט מיר אַנטקעגן בערעלע! ער איז געוואָר געוואָרן, אַז איך פאָר אַוועק און ער וויל זיך מיט מיר געזעגענען. ער ווייסט אויך, אַז איך דאַרף סטעמפּלען מיין פּאַס, אָבער עס איז אַ גרויסער אָטשערעד אין דער מיליץ, איך וועל נאָך פאַרשפּעטיקן מיין אויטאָ. אין דער מיליץ האָט ער באַקאַנטשאַפט, ער וועט עס מאַכן שנעלער.

און ער איז אַריין מיט מיין פּאַס אין מיליץ, און אין אַ מינוט אַרום אַרויסגעבראַכט אַ געסטעמפּלטן. ער האָט מיך שוין באַגלייט צום אויטאָ צוזאַמען מיט רויזקען, איר שוועסטער, זייער מוטער און זיך מיט מיר געזעגנט ווי זיי אַלע — דורך צעקושן זיך...

קאַפּיטל ב

אין אַכט טעג אַרום בין איך שוין געווען אין מאָסקווע.

איך האָב אומבאַדינגט געוואָלט זען מאָסקווע. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין רעכט דאָרט צו זיין מער ווי עטלעכע שעה. כדי איבערצונעכטיקן דאַרף מען זיך איינמעלדן.

איך בין דאָרט געווען דריי טעג, געשלאָפן ביי חברים אין אַ האָטעל, זיך נישט איינגעמעלדעט.

נישט מיט אַלע חברים האָב איך זיך געוואָלט זען... און נישט אַלע האָבן זיך

גערן געוואָלט זעען מיט מיר. זיי האָבן, נעבעך, מורא געהאַט. איך האָב נישט געהאַט צו זיי דערפאַר קיין טענה.

איך האָב באַשלאָסן דאָ מער נישט צו זעען ווי נאָר דעם רויטן פּלאַץ ביים קרעמעל און דעם לענין־מאַוזאָליי.

איך בין אָפּגעשטאַנען אין אַ זונטיק עטלעכע שעה אין אָטשערעד צוזאַמען מיט די טויזנטער מענטשן, וועלכע קומען באַקוקן לענינען.

מיר איז באַשערט געווען צו האָבן אַביסל שרעק. אין מיין מאַנטל איז געלעגן אַ גרויסע, ווייסע בולקע, וואָס איך האָב דאָ געקויפט אין אַ מאַגאַזין. די ספּעציעלע וואַך, באַטראַכט יעדן איינציקן, וואָס שטייט אין אָטשערעד צום מאַוזאָליי. אויב זי דערזעט עפּעס פאַרדעכטיקס, אַן אָפּשטייענדיקע טאַש ביי וועמען, בעט מען יע־נעם אַרויס פון דער ריי און מען רעווידירט אים. מיליטערלייט מוזן אַלע אָפּגעבן זייער געווער.

איך האָב צעבראָכן די בולקע אויף שטיקלעך. איך וואָלט נישט וועלן, אַז מען זאָל מיך אַרויסנעמען פון דער אָטשערעד, באַזוכן, דערנאָך פרעגן ביי מיר אויף אַ דאָקומענט. דאָס טויג נישט פאַר מיר. צו יעדן פּראָפּוסק, אפילו לעגאַלן, קאָן מען זיך צוטשעפּען. כאָטש ער האָט מיך געקאָסט פינפטויזנט רובל, איז אויף מיין נאָמען, אַלץ איז אין אָרדנונג, אָבער דאָך, עפּעס נישט־כשרס האָט מען געקענט אין אים אויסגעפונען. איך האָב דאָך בכלל נישט געהאַט קיין רעכט אַרויסצובאַ־קומען אַ פּראָפּוסק, כאָטש ער איז נישט אויסגעשטעלט אויף די גרענעץ־שטחים. דער וואָס האָט מיך, כלומרשט, אַרויסגעפאָדערט פון יענער שטאָט, האָט נישט די מינדעסטע אַנונג ווער איך בין און ווייס אים וועגן אויך גאָרנישט. מיין נאָ־מען איז געוואָרן צוגעשריבן אין סאַמאַרקאַנד, דורך אַ גוטן בעל־מלאכה... איך האָב שוין געהאַט גענוג האַרץ־קלאַפּעניש אין צוג ביז מאָסקווע, ביי יעדן מאָל פאַר־שטעלן דעם פּראָפּוסק צו קאָנטראָל. איך בין דאָך ערשט דאָס צווייטע מאָל געפאָרן אין רוסלאַנד מיט אַ פּאַסאַזשיר־וואַגאָן און ביז איצט נאָך אַלץ נישט געוווסט, אַז מיט יעדן פּאַסאַזשיר־צוג פאָרט מיט אַ באַזונדערער וואַגאָן מיט אַן אָפּעראַטיווער נקווד־אָפּטיילונג.

עס איז אָנגעקומען מיין ריי. איך האָב געזעען דעם באַלזאַמירטן לענין און עס האָט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק. איך בין געווען צופרידן וואָס איך האָב געזעען לענינען.

איך האָב זיך אָנטציקט מיטן מעטראָ. איך בין אויך געווען צופרידן דערפון, וואָס איך האָב זיך בנוגע מאָסקווע אָנגענעם אַנטוישט. איך בין געווען פריער זי־כער, אַז אין מאָסקווע איז אַלץ פאַרשענערט און פאַרגלעטיקט ווי אין אַן אויסשטעל־פענצטער. איך האָב אָבער געזעען דאָ דאָס זעלבע ווי אין אַלע רוסישע שטעט. איך האָב אַ „פּראַוודאַ" געמוזט קויפן אויך אויפן שוואַרצן מאַרק און באַצאָלן צוויי רובל. (דער אָפיציעלער פּרייז איז צוואַנציק קאָפּיקעס). אָבער אין סאַמאַרקאַנד האָט אַ „פּראַוודאַ" געקאָסט פון זעקס ביז צען רובל. און זי איז דאָך אָנגעקומען ערשט אויפן צענטן טאָג.

איך זע דאָ די זעלבע גראָע וואַטע־פופייקעס, די זעלבע גראָע פּנימער. דער זעלבער שוואַרצער מאַרק, מחנות גנבים. אין די זייטיקע גאַסן טרעפט ביינאַכט, אַז מען ווערט באַפאַלן פון באַנדיטן, זיי ציען אַראָפּ דאָס אָנטועכץ, הרגענען.

צום אָפיציעלן פּרייז האָב איך באַקומען נאָר פּאַפּיראָסן. מען פאַרקויפט אויף

דער גאַס אייז־קרעם, דער עולם עסט דאָס געשמאַק, כאָטש עס איז שוין אַ שניי און אַ פראָסט. עס זיינען אָפן עטלעכע גרויסע מאַגאַזינען וווּ מען באַקומט אַלץ, אָבער צו קאָמערציעלע, שוואַרץ־מאַרק־פּרייזן. אַ קליינער טאַבלעט שאָקאָלאַד קאָסט דריי־הונדערט רובל. מען באַגעגנט אויך עלעגאַנט געקליידעטע פרויען, אָבער זעלטן און ווייניק.

אויפן דריטן טאָג האָב איך „פּאַ בלאַטו", דורך דער פאַרמיטלונג פון בופעט־טשיק אויפן וואָקזאַל, פאַר פופציק רובל, באַקומען אַ סטעמפּעל אויפן באַן־בילעט אויף צו פאָרן ווייטער, צו דער שטאָט וואָס איז געווען אויסגעשטעלט אויפן פּראָ־פּוסק — פּאָלאָצק (ווייסרוסלאַנד). מיין דעה איז געווען צו פאָרן קיין פּאָלאָצק אַרום און אַרום, דורך ווילנע, דאָרט זיך פאַרהאַלטן און זוכן אַ וועג צו פאָרן ווייטער, קיין פּוילן.

קאַפּיטל ג

פון עטלעכע פּונקטן האָט מען זיך געקענט אַריבערקריגן קיין פּוילן. די הויפּט־ערטער זיינען געווען לעמבערג, ווילנע, באַראַנאָוויטש. פונדאַנען זיינען געפאָרן די היגע איינוווינער, וועלכע האָבן אָפּטירט פאַר פּוילן. עס האָבן דערצו רעכט פּאָליאַקן און יידן, אָבער נישט קיין אוקראַינער, ווייסרוסן, ליטווינער. קיין לעמבערג און אין די אַרומיקע שטעט זיינען אָנגעפאָרן טויזנטער פּוילישע יידן. זיי האָבן זיך אַהער דערשלאָגן פון וויטן אוראַל, סיביר, מיטל־אַזיע. עס איז נישט געווען אַזוי לייכט זיך צו דערקריגן ביז די ערטער. אָבער ווער עס איז שוין אָנגעקומען קיין לעמבערג, אויב ער האָט נאָר געהאַט אַ דאָקומענט, וווּ עס איז געווען געשריבן, אַז ער איז געבוירן אין פּוילן, האָט געקענט זיך רעגיסטרירן און אַריבערפאָרן. אין גאַנצן אַזוי גלאַטיק איז עס נישט צוגעגאַנגען, עס האָט אָבער געקאָסט נאָר זאַ קליינע פאָר הונ־דערט רובל כאַבאַר. עס זיינען געווען טויזנטער אָנגעפאָרענע און די שטאָט־פאַר־וואַלטונג האָט געוואָלט פון זיי וואָס שנעלער פּטור ווערן, ווייל זיי האָבן פאַרלייגט די וואָקזאַלן, אַלע גאַסן, טראָטואַרן.

איך האָב אָבער נישט געקאָנט פאָרן קיין לעמבערג. איך האָב מורא געהאַט ריזיקירן. יעדע עטלעכע שעה איז מען אין צוג אַריינגעקומען פון דעם נקווד־וואַגאָן קאָנטראָלירן די דאָקומענטן און פּראָפּוסקן. איך האָב באַדאַרפט בעטן אויף הצ־לחה, אַז עס זאָל מיר אַדורכגיין אַלץ בשלום, ווייל אַ פּגם אין מיין פּראָפּוסק האָט מען געקענט אויסגעפונען. אין ווילנע האָב איך געוואָלט זיין, ווייל איך האָב שוין געוווּסט אַז מיין ברודער, וועלכער איז אַנטלאָפן פון פאַרשיקונג פון טיף־רוסלאַנד קיין ווילנע, איז אין חודש אויגוסט 1941 דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן אויפן פּאָנאַר. איך האָב געוואָלט געוואָר ווערן מערערע פּרטים וועגן זיין טויט, וועגן טויט פון זיין פרוי.

איך טאָר זיך אין ווילנע נישט פאַרהאַלטן, איך מעג נאָר דורכפאָרן די שטאָט. האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן דאָרט ביי באַקאַנטע. איך האָב געוואָלט פאַרשאַפן זיך פּאַפּירן אויף צו קענען מיטפאָרן מיט אַ רעפּאַטריאַנטן־עשאַלאָן קיין פּוילן. איך דאַרף נאָר דערצו זיין אַ ווילנער, אָדער געבן כאַבאַר פינפטויזנט רובל, וועט מען מיר מאַכן אַ פאַלש פּאַפּירל.

אין ווילנע זיינען געווען אַ סך יידן פון ליטע און לעטלאַנד. זיי האָבן אויך געוואָלט זיך מאַכן אַזעלכע פּאַפּירלעך, כדי זיך אַריבערצוקריגן קיין פּוילן. אַ סך האָבן פּשוט געשוואַרצט די גרענעץ. עטלעכע אַזעלכע פּאַרטיעס יידן האָט מען גע־כאַפּט ביי דער גרענעץ און איינגעזעצט. איין אויטאָ, אין וועלכן עס זיינען געפאָרן הויכגעשטעלטע לייט, מענטשן אויף פּראָמינענטע פּאָסטנס, אפילו מיטאַר־בעטער פון דער נקווד, ווען זיי זיינען שוין געווען נאָנט צו דער גרענעץ און אַ פּאַטרול האָט זיי באַפוילן בלייבן שטיין, אויף קאָנטראָלירן זייערע דאָקומענטן, האָבן די פּאַסאַזשירן אַרויסגעכאַפּט רעוואָלווערן און געשאָסן אויף דעם גרענעץ־פּאַטרול. זיי האָבן געמוזט ריזיקירן מיט אַלעם, ווייל ווען מען כאַפּט זיי, דער־שיסט מען זיי סיי ווי. מען האָט אָבער דעם אויטאָ מיט פּאַסאַזשירן פּאָרט פאַר־האַלטן. עס זיינען געווען געהרגעטע פון ביידע צדדים.

איך האָב נישט קיין פינפטויזנט רובל אויף צו מאַכן זיך אַ רעפּאַטריאַציע־דאָקומענט. וואָלט איך געווען אין לעמבערג, וואָלט איך אָפּגעקומען בלויז מיט עטלעכע הונדערט רובל.

איך האָב אין סאַמאַרקאַנד אָנגעבאָרגט געלט ביי באַקאַנטע. דער פּראָפּוסק האָט געקאָסט פינפטויזנט רובל, פאַר אַ באַן־בילעט אין טאַשקענט, חוץ דעם פּרייז פאַרן בילעט, האָב איך געמוזט געבן כאַבאַר די מאַכערס — צוועלפהונדערט רובל, צווייהונדערט רובל פאַרן אַריינלאָזן מיך אין וואַגאָן, כאָטש איך האָב געהאַט אַ בילעט.

איך האָב נאָך דאָרט, אין טאַשקענט, זיך באַדאַרפט אויסהיטן פאַר אַ געוויסן געזעלשאַפטלעכן טוער פון פּוילן, אַ סאָציאַליסט, אויף וועלכן מ'האָט געהאַט אַ חשד, אַז ער איז אַ מסור, אַ פאַררעטער, מיטגעאַרבעט אין נקווד. ער איז פריער אַליין געווען אַרעסטירט, אַ לאַנגע צייט געזעסן, פּלוצים האָט מען אים באַפרייט. דאָס האָט ער זיך אוודאי אויסגעקויפט דערמיט, וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט צוצושטעלן קרבנות, זיינע אייגענע, געוועזענע פּאַרטיי־חברים. האָב איך צוויי טעג אין טאַשקענט געמוזט זיצן אין אַ שטוב ביי אַן אוזבעק און דערפאַר אויך באַצאָלט אַ שיינע פּאָר רובל.

סיי ווי, איך האָב נישט אַזאַ סומע אויף צו באַקומען אַ פאַלשן רעפּאַטריאַציע־דאָקומענט. איך דאַרף פאָרן אין אַן אַנדערער שטאָט אַריין. אין מיין פּלאַן איז נאָך געווען צו זיין אין באַראַנאָוויטש און סלאָנים. דאָרטן איז דאָך פאַרבליבן מיין פרוי מיטן קינד, אפשר וועל איך כאָטש געוואָר ווערן ווען זיי זיינען דערמאָרדעט געוואָרן, אפשר וועל איך געפינען כאָטש זייערס אַ קבר.

אָבער דערוויילע דריי איך זיך אַרום אין ווילנע. איך מוז זיך פאַרשאַפן אַ פּאַ־פּירל צו קאָנען פאָרן קיין באַראַנאָוויטש און סלאָנים. איך דריי זיך אַרום איבער די ווילנער גאַסן, איבער די ווילנער חורבות. איך קען די שטאָט, געווען דאָ עט־לעכע מאָל, איינמאָל אויפן ייוואָ־צוזאַמענפאָר אין יאָר 1935.

איך בין אין יידישן מוזיי, וואָס האָט געדינט פאַר אַ תפיסה אין געטאָ. אין דעם מוזיי ליגן צונויפגעקליבן עטלעכע טויזנט ביכער, וואָס שטאַמען פון ייוואָ. איך האָב דאָ געפינען עטלעכע פון מיינע ביכער. איך האָב שוין אַליין נישט גע־גלויבט , אַז איך וועל נאָך אַזעלכעס אַמאָל אָנזען. שוין אפשר נישט געגלויבט אויך, אַז איך בין געווען דער מחבר פון טאָקע אָט די ביכער.

אין דרויסן, אויפן מאַרק, פאַרקויפט מען וואַרעמע קאַרטאָפל־לאַטקעס, קעז, זעמעלעך, פלייש, פּוטער. האָט איר געקויפט פּוטער, האָט מען עס איינגעפּאַקט

אין „שמות" פון חומשים, סידורים; האָט איר געקויפט פלייש, האָט מען עס אייך איינגעוויקלט אין גמרא־קונטרסים. ביי איין גוי האָב איך אָפּגעקויפט צוויי צעריסענע בלעטלעך פון אַ סידור, ווו עס איז געווען אַ תפילה וועגן די עשרה הרוגי מלכות.

מען האָט נאָך געקאָנט זעען אויף די ווילנער גאַסן פענצטער פאַרקלעבט מיט יריעות פון ספר־תורה׳ס. אַלע קריסטלעכע שניידער און שוסטערס דאָ האָבן געהאַט אויסגעשניטענע פאַרמען מאָדעלן פון — ספרי־תורות.

אין ווילנע איז געווען שווער זיך אַרומצודרייען אַ נישט־איינגעמאָלדענער. מען האָט ביינאַכט געמאַכט אַבלאַוועס אויף די גאַסן, עס זיינען געווען פאַלן פון באַנדיטישע אָנפאַלן.

איך האָב זיך איינגעשאַפן אַ פּראָפּוסק קיין באַראַנאָוויטש און סלאָנים. עס איז שווער זיך צו דערשלאָגן צו אַ באַן־בילעט, די צוגן פאַרשפּעטיקן אויף גאַנצע מעת־לעתן. איך האָב נישט געטאָרט זיך באַווייזן אין ווילנע מיט מיינע פּאַפּירלעך, מיט מיין פּראָפּוסק קיין פּאָלאָצק. דער באַן־בילעט קיין פּאָלאָצק האָט אַ סטעמפּל, וואָס איז שוין אַלט צוויי וואָכן. וועט זיך אָנהויבן אַ חקירה ודרישה ווו איך האָב געגעכטיקט אין ווילנע, וועט מען שוין געניוער אויך בודק זיין דעם פּראָפּוסק. עס וועט נישט שווער זיין אָנצופרעגן אין פּאָלאָצק ביי דער פּערזאָן, וואָס האָט מיר בלומרשט אַרויסגעשיקט דעם פּראָפּוסק, יענער וועט נישט וויסן פון וואָס צו זאָגן.

איך בין עטלעכע מאָל געווען אויפן וואָקזאַל, דאָרט קומען אָבער יעדע צוויי שעה פאַר אַבלאַוועס, איך בין עטלעכע מאָל שיער נישט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער מיליץ.

עס איז מיר דאָך געלונגען זיך דערשלאָגן צום צוג און פאָרן קיין באַראַנאָוויטש. אויפן וועג האָב איך אָנגעטראָפן שטיין אויף די סטאַנציעס רעפּאַטריאַציע־עשאַלאָנען קיין פּוילן, זיי זיינען אָפּטמאָל אָפּגעשטאַנען גאַנצענע וואָכן.

אין באַראַנאָוויטש האָב איך באַדאַרפט זיך איינמעלדן, דער פּראָפּוסק איז אָבער געווען גילטיק נאָר דריי טעג. טאָמער דאַרף איך בלייבן דאָ לענגער, איז בעסער אין ערגעץ נישט צו גיין.

איך בין אַוועק זוכן דאָס אָרט, ווו עס איז געשטאַנען דאָס הויז פון לייזער בערנשטיין, ווו מיין פרוי מיטן קינד האָבן געוווינט. נישט נאָר איז נישטאָ קיין הויז, נאָר די גאַסן איז שווער צו דערקענען. נישטאָ קיין גרענעץ צווישן איין גאַס און דער צווייטער, בלויז שניי־פעלדער מיט קופּעס ציגל. אויף טייל גאַסן זעט מען נאָך שילדלעך מיט די פאַרשידנסטע נעמען, דעם פּוילישן, דעם דייטשן און דעם רוסישן נאָמען פון דער גאַס.

ביינאַכט איז אוממעגלעך אַרויסצוגיין אין שטאָט, עס באַפאַלן באַנדיטן, טוען אויס און הרגענען.

אין שטאָט וווינען איצט צוועלף יידישע משפחות, צווישן זיי שוין אייניקע אָנגעפאָרענע, סאָוויעטישע.

די פרוי גאַוזע פון באַראַנאָוויטש האָט מיר געהאַט געגעבן אַן אַדרעס צו אירס אַ פריינדין, אַ פּאַרטיזאַנערין, לאַה מאַנדעל. איך קום דאָרט אַריין ביינאַכט, זיי דערשרעקן זיך פאַר מיר, אָבער באַלד דערפרייען זיי זיך:

— אַ ייד? פונוואַנען געקומען?

זי קוקט אַביסל מיט אומצוטרוי, פאַרדאַכט. איך זאָג איר נאָכוואָס איך בין

דאָ אַהערגעקומען. איך פרעג זיי קודם צי זיי ווייסן אפשר עפּעס וועגן מיין פרוי און קינד, וועגן די בערנשטיינס. צו פּאַרט־ייבן זייער פאַרדאַכט האָט מיר אַרויס־געהאָלפן מיינס אַ געדיכט. די פרוי גאַווזע האָט איר דאָ געלאָזן, בעתן דורכפאָרן קיין פּוילן, מיין „טויטן־טאַנגאָ". די פרוי לאה האָט עס געהאַט פאַרשריבן ביי זיך אין העפט. אויב איך בין דער מחבר פון דעם געדיכט, האָט זי צו מיר צוטרוי.

לאה און איר מאַן זיינען געווען פּאַרטיזאַנער אין וואַלד. זייער קינד זייערע עלטערן, אַלע זיינען זיי אומגעקומען.

איך בלייב דאָ נעכטיקן. מען איז מיך מכבד מיט עסן. עס לויפט אָפּ אַ טאָג נאָך אַ טאָג. זיי גרייטן זיך אויך צו רעפּאַטריאירן קיין פּוילן. זיי ווילן פאַרקויפן דאָס שטיקל הויז, אויב אָבער זיי רעפּאַטריאירן זיך, טאָרן זיי דאָס הויז נישט פאַרקויפן. זיי זיינען אָבער אָן געלט און ווילן דאָך אָפּנעמען כאָטש אַ נישטיקע פּאָר טויזנט רובל.

איך וויל זיך דאָ אויסאַרבעטן פּאַפּירן, אַז איך בין אַ באַראַנאָוויטשער, וועל איך קענען מיטפאָרן אָפיציעל מיט די רעפּאַטריאַנטן קיין פּוילן. עס זיינען פאַראַן מאַכערס. מען נעמט ביי מיר צו אַלע דאָקומענטן און די צוויי טויזנט רובל וואָס איך האָב נאָך געהאַט. היות מיין פרוי האָט דאָ געוווינט אַ צייט, וועט נישט זיין שווער צו מאַכן פאַר מיר אַזאַ פּאַפּיר.

בין איך פאַרבליבן לחלוטין אָן שום דאָקומענטן. ביינאַכט זיינען אַריינגעקו־מען צו לאהן אין שטוב אַריין אַ מיליציאָנער און דער קוואַרטאַל־קאָמיסאַר. זיי האָבן עפּעס געזוכט, זאָגן זיי, אַריינגיין און אַרויסגיין פונדאַנען אַ פרעמדן מענטש. לאה האָט מיך שוין געהאַט אַריינבאַהאַלטן אין אַ שאַנק. זי האָט געלייקנט אַז ביי איר געפינט זיך אַ פרעמדער. דערווייל האָט זי זיי מכבד געווען מיט בראָנפן. זיי זיינען אָפּגעזעסן צוויי שעה צייט.

איך בין געשטאַנען אין שאַנק און אויסגעהערט דעם גאַנצן שמועס. פּאַקט מען מיך איצט און איך ווער אַרעסטירט, איז מיר גלייכער זיך צו נעמען דאָס לעבן, מער אין טורמע אַריין וועל איך נישט גיין.

לאה און איר מאַן זאָגן מיר גאָרנישט, נאָר איך פיל אַז זיי שרעקן זיך, זיי ריזיקירן צוליב מיר. וואָס טוט מען?

מען האָט געשיקט צום מאַכער אָפּנעמען דערווייל מיינע דאָקומענטן, ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט זיי פאַרברענט. ער גרייט זיך מיר צו מאַכן אַן אַנדערן דאָקומענט.

איך גיי שוין נישט אַרויס פון שטוב. אין דער דירה וווינט אויך אַ יידישע פאַמיליע פון וויטעבסק. לאה האָט אַ חשד, אַז די וויטעבסקער האָבן זי שוין גע־מסרט אַז זי גרייט זיך צו פאַרקויפן די דירה. די סאָוועטישע פאַמיליע האָט אַליין חשק צו פאַרנעמען די גאַנצע דירה. עס איז אַן אַלט פּאָרפאָלק מיט צוויי דערוואַק־סענע טעכטער, איינע אַ לערערין און די צווייטע אַ שול־אינספּעקטאָרין. דער אַל־טער טאַטע דאַוונט נאָך יעדן טאָג, די פרוי זיינע צינדט ליכט פּריוואַטגצונאַכטס. די טעכטער רעדן נאָך אַביסל יידיש, האָבן ליב צו שמועסן וועגן ליטעראַטור, וועלט־זאַכן, אָבער זיי קענען נישט פאַרגינען די פּוילישע יידן, וואָס זיי פאָרן אַוועק אין אַן אָפּענער, פרייער וועלט אַריין. דאָ זיינען נישט פאַראַן קיין ליטישע מענער מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט, מיט וועמען צו פאַרברענגען אין אַ שמועס. אַלע פּוילישע יידן פאָרן דאָך פונדאַנען אַוועק.

לאה האָט פאַר זיי מורא און אויך איך האָב פאַר זיי מורא, ווייל אין מיטן בעסטן רעדן און באַגייסטערן זיך מיט יענער פרייער, שיינער וועלט וווהין מיר פאָרן, הייבן זיי חלוצים אָן לויבן זייער פאָטערלאַנד אין דעם באַקאַנטן, סקאַר־באָוון נוסח. זיי האָבן ווידער נישט קיין צוטרוי צו אונז, טאָמער האָבן זיי זיך שוין צוויפל אַרויסגערעדט פאַר אונז.

איך בין שוין צוויי וואָכן אין באַראַנאָוויטש. עס איז שוין די זיבעטע וואָך זינט איך בין אַרויס פון סאַמאַרקאַנד. דער מאַכער האַלט אין איין אָפּשלעפּן.

דעם 31־טן דעצעמבער איז ער געקומען צו לויפן מיט אַ בשורה, אַז עס איז שוין אַלץ אין אָרדנונג, עס איז שוין צונויפגעשטעלט אַ רשימה פון דער רעפּאַט־ריאַנטן־גרופּע און היינט ביינאַכט דאַרפן מיר אַרויספאָרן.

אין דער לעצטער מינוט, ווען אין שטוב ביי לאהן האָט זיך צונויפגעקליבן די גאַנצע גרופּע רעפּאַטריאַנטן, דרייצן פּערזאָן, אַלץ יידישע פּאַרטיזאַנער, דעמאָבי־ליזירטע רויטאַרמייער, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז עס זיינען פאַראַן צוויי רשימות, איינע אַ ריכטיקע, אויף וועלכער עס פיגורירן 12 פּערזאָן, איך נישט, און אַ צווייטע, אַ פיקטיווע רשימה, אויף וועלכער איך פיגוריר שוין אויך. ביידע רשימות זיינען צונויפגעשטעלט פון דעם זעלבן באַאַמטן, מיט די זעלבע אָפּי־ציעלע סטעמפּלען, נאָר איינע איז אונטערגעשריבן פונם נאַטשאַלניק פון דער רעפּאַטריאַציע־אָפּטיילונג און די צווייטע איז אונטערגעשריבן דורך זיין געהילף. דאָס האָט דער געהילף געטאָן דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געוואָלט זיך טיילן מיט זיין נאַטשאַלניק מיט דעם כאַבאַר וואָס ער האָט באַקומען פאַר מיר, ער האָט די טויזנט רובל אַליין געוואָלט אַראָפּלאָזן אין קעשענע.

ביז צום איינשטייגן אין צוג, דאַרף מען האַלטן די ריכטיקע רשימה, איך וועל דאַרפן גיין אין אַ זייט, מען וועט מיך פאַרשטעלן, נאָר ווען מען וועט שוין זיין אין צוג, וועט מען דאַרפן צעדרייסן די ריכטיקע רשימה און אַרויסנעמען די צווייטע, וווּ איך פיגוריר שוין אויך.

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט. עטלעכע האָבן געהאַלטן, אַז צוליב מיר דאַרפן זיי אַלע נישט ריזיקירן, מען קען זיי נאָך אויך פאַרהאַלטן. זיי זיינען אין אַ פאַר־לעגנהייט. ביז לאה זאָגט נישט צו זיי שטרענג:

— קינדער, צי זענט איר פּאַרטיזאַנער, אָדער פּחדנים?! קיין איין רגע נישט געטראַכט, מיר גייען אַלע צוזאַמען! איר דאַרפט זיך נאָר אָנגורטן מיט אַביסל מוט און גוטן ווילן. מיר וועלן אונזערם אַ פריינט, אַ יידישן שרייבער, נישט לאָזן אַליין אין אַזאַ שווערער מצודה!

איך האָב זיך געפונען אין אַ זייער פיינלעכער לאַגע. איך האָב געוווּסט, אַז צוליב מיר ריזיקירן זיי אייגנטלעך מיט גאָרנישט, אויב עס וועט קומען צו אַ קאָנ־טראָל דאָ, וועלן זיי אַרויסנעמען די ריכטיקע רשימה, דער בע׳עוולטער וועט זיין נאָר איך אַליין. דאָך האָב איך פאַרשטאַנען זייער מורא און, פאַרשטייט זיך, מיט גאָרנישט זיך אָנגערופן.

עס האָט מיך איצט נאָך מער פאַרדראָסן אויף דעם מאָדנעם פאַקט, וואָס איך, אַ פּוילישער בירגער, וואָס האָב די פולע רעכט צוריקצופאָרן קיין פּוילן, פון לעמ־בערג פאָרן אַזעלכע טויזנטער ווי איך, אין דער רשימה האָט מען מיך דאָ דרייסט געמעגט אַריינשטעלן, האָט זיך אַ באַאַמטן געוואָלט פאַרדינען נאָך טויזנט רובל, נישט געגעבן צוליב דעם אונטערצושרייבן דעם נאַטשאַלניק מיין נאָמען און איצט

בין איך דעריבער אַן אומלעגאַלער און קאָן יעדע רגע אַריינפאַלן. וואָלט איך אפילו איצט וועלן צוריק מיינע אַלטע דאָקומענטן, זיינען זיי שוין אויך פאַרברענט. צווישן די דאָקומענטן האָב איך געהאַט אַ בריוו פון דער באַראַנאָוויטשער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אין וועלכן זי האָט מיר אָפּגעענטפערט קיין סאַמאַרקאַנד אויף מיין בריוולעכער אָנפראַגע וועגן דעם גורל פון מיין פרוי און קינד. אין אַ נויט, האָט דער דאָקומענט אויך געקענט צונוץ קומען, אַלנפאַלס אין וועג.

עלף ביינאַכט גייען מיר אַלע אַרויס צום וואָקזאַל. מיר האָבן נאָך דאָ צו וואַרטן אַנדערטהאַלבן שעה. עס קומט מיליטער און מיליץ און פירן דורך אַן אַבלאַווע אויפן וואָקזאַל. איך ליג אויסגעצויגן אויף דער ערד אין וואָקזאַל, איבערגעדעקט מיט עטלעכע מאַנטלען, איך שלאָף כלומרשט. מען דאַרף האָבן נאָך צען אַזעלכע הערצער אין זאַפּאַס, אַז מען זאָל קענען איבערטראָגן די שרעק.

דאַנקען גאָט, שוין די אַבלאַווע אויך איבערגעקומען. עס איז האַלב איינס ביינאַכט, די ערשטע האַלבע שעה פונם נייעם יאָר 1946. מיר פאָרן אָפּ פון באַראַנאָוויטש קיין בריסק.

קאַפּיטל ד

זיי האַלטן ביי זיך נאָך אַלץ ביידע רשימות, זיי האָבן מורא צוצערייסן די גוטע רשימה, הגם זיי ווייסן, אַז דאָ קען שוין קיינער נישט דערקענען צי דעם נאַטשאַלניקס אונטערשריפט איז אַ ריכטיקע אָדער נישט. איך רוף זיך מיט גאָר־נישט אָן, איך לייד אַ סך צוליב זייער שרעק. זיי האָבן טאַקע גאַרנישט וואָס מורא צו האָבן, נאָר יעדער פון זיי פירט מיט זיך מיט עפּעס פון זייערע לעצטע פאַר־מעגנס, וועט מען נעמען זוכן, וועט מען שוין עפּעס געפונען און צונעמען, דאָס איז זייער גאַנצע שרעק. דערין בין איך דאָך שוין זיכער נישט שולדיק, אָבער סיווי זיינען אַלע אויפגערעגט.

מיר זיינען אָנגעקומען דעם ערשטן יאַנואַר צוועלף בייטאָג קיין בריסק. דאָ איז די גרענעץ־סטאַנציע, פונדאַנען דאַרפן מיר אָפּפאָרן שוין מיט אַ צוג קיין וואַרשע. מיר האָבן שוין אונזער היינטיקן צוג פאַרשפּעטיקט, דאַרפן מיר וואַרטן נאָך אַ קנאַפּן מעת־לעת.

בריסק איז איצט בלויז אַ פוסטער נאָמען, עס איז נישט אינגאַנצן חרוב, אָבער עס זיינען נישטאָ קיין יידן, בריסק דליטא — אָן יידן!

ווידער ליגן אויפן וואָקזאַל, דאָ איז געפּאַקט מיט זעלנער און אָפיצירן, וואָס פאָרן פון און קיין בערלין. מיר דאַרפן נאָך אַריינגיין און אָפּשטעמפּלען די רשימה. עטלעכע פון זיי וואַקלען זיך נאָך אַלץ און קענען זיך נישט באַשליסן וועלכע רשימה אַוועקגעבן צום אָפּסטעמפּלען.

אַ צווייטע יונגע פרוי פון אונזער גרופּע, אַ דרייסטע, זי איז שוין געווען מיט אַלעמענס באַגאַזשן אויף דער צאָל־קאַמער ביי דער גרענעץ־וואַך און שוין דאָרט „אונטערגעשמירט", אַז מען זאָל נישט דורכפירן קיין גענויע רעוויזיע פון זייערע זאַכן, זי גייט אויך צו צום פענצטערל אָפּשטעמפּלען די רשימה. זי נעמט, פאַר־שטענדלעך, די רשימה אויף וועלכער איך פיגוריר. איר מאַן איז דאָס געווען דער פאַרמיטלער ביים מאַכן פאַר מיר דעם דאָקומענט. ער האָט פאַרדינט דערביי

עטלעכע הונדערט רובל, נאָר זי טוט עס נישט דערפאַר, ווייל איר מאַן איז געווען דערין פאַרמישט, זי טוט עס פּשוט, צוליב מענטשלעכקייט, ווייל זי איז אַ יידישע פרוי, נאָך אפילו אַזאַ איינע, וואָס דאַוונט יעדן טאָג.

מען שטעמפּלט איר אָפּ די רשימה. אַצינד גיט זי מיר שוין איבער יענע רשימה, אַז איך זאָל זי אַליין צערייסן.

דערווייל דאַרף מען נאָך ליגן אויפן וואַקזאַל און וואַרטן. איך בין נאָך אַלץ נישט פאַרטיק מיט זיך. טאָמער האָט מען מיך דערווייל געמסרט אין סאַמאַרקאַנד און נאָכגעשיקט שטעק־בריוו צו די גרענעץ־וואַכן? טאָמער וועלן זיי פונדאַנען אָנ־פרעגן אין באַראַנאָוויטש, וויפל מענטשן עס איז דאָרט געוואָרן אונטערגעשריבן? טאָמער דאָס און טאָמער יענץ. איך פיל ווי יעדעס טיילכל פון מיין גוף, אפילו מיי־נע האָר, אַלץ איז אַדורכגענומען מיט פּחד. איין קילאָמעטער פון בריסק קאָנטראָ־לירט מען נאָך די דאָקומענטן אין צוג, אויף דער סאַמע גרענעץ.

ווען מען לייגט מיר איצט נאָך פאָר, אַז איך זאָל זיך לאָזן אָפּהאַקן אַ האַנט, אַבי איבערצוקומען בשלום די גרענעץ, וואָלט איך קיין רגע זיך נישט געוואַקלט און מסכים געווען דערויף.

קאַפּיטל ה

און אָט זיינען מיר שוין אין צוג קיין וואַרשע. אַ קילאָמעטער הינטער דער שטאָט בריסק דאַרפן אַלע צוריק אַרויסגיין פונם צוג און די וואַך באַקוקט יעדן איינציקן און זיינע דאָקומענטן.

ווען דער אָפיציר פרעגט מיך צוויי מאָל איבער מיין פאַמיליע־נאָמען, פיל איך, אַז אָט־אָט פּלאַצט אויף מיין האַרץ, איך צעפּאַל זיך אויף פיצלעך. און דער גרענעץ־אָפיציר טאָר דאָך גאָרנישט דערזעען מיין שרעק! מוז איך זיך באַהערשן אין דער רגע און רואיק אָפּענטפערן.

און ווידער — דאַנקען גאָט! עס איז דורך בשלום! מיר זיצן שוין אין די וואַגאָנען, מיר פאָרן אַריבער דאָס בריקל און זיינען שוין אויף דער פּויל־שער זייט!

אַלע פון אונזער גרופּע וואַרפן זיך אויף מיר און גראַטולירן. איך בין פּונקט אַזוי אָן לשון ווי נאָכן באַפרייט ווערן פונם לאַגער.

— נאַט, זעט! — רופט זיך אָן איינער — ווייזנדיק אויף מיר — זעט אים, אַ נייער מענטש ווערט געבוירן, זעט אים נאָר, אַן אַנדערע, לעבעדיקע פאַרב איז אים אַריין אין זיין פּנים!

פאָרן מיר שוין אויף פּוילישער טעריטאָריע, קיין וואַרשע.

ווער קען אָפּשאַצן דאָס גליק?

ווער קען פאַרשטיין ווי אַזוי אַ זיבניעריקער טרוים, וואָס האָט אויסגעזען קיינמאָל נישט מקוים צו ווערן, דער טרוים פון אַלע נעכט, טעג און שעהן, אין די שפּיטאָלן, פאַרשיקונג, תפיסות, לאַגערן, ווער קען גלויבן, אַז דער חלום ווערט פאַרווירקלעכט? ווען איך זאָל לעבן אפילו פינפהונדערט יאָר, איז דאָס איינע גליק גענוג אויף דער גאַנצער צייט לעבן.

איך פאָר קיין וואַרשע. מיין שטאָט, מיין היים, מיין שטוב, מיינע נאָענטסטע,

אפשר וועט זיך פאַרט ווער אָפּגעפונען אַ לעבעדיקער? האָב איך דאָך געלאָזן דאָרט נאָך מיין מאַמע, שוועסטערן, זייערע קינדער, שוועגערינס, שוואָגערס, אפשר וועט זיך פאַרט אָפּגעפונען ווער אַ לעבעדיקער?

קאַפּיטל ו

מיר זיינען שפּעט ביינאַכט אָנגעקומען קיין וואַרשע, אויף דער סטאַנציע פּראַגאַ. מיר גייען אַרויס אויפן פּעראָן. ביים וואָקזאַל הענגט סטאַלינס בילד. לאָה די פּאַרטיזאַנערין רופט זיך אָפּ צו איר מאַן, ווייזנדיק אים אויף סטאַלינס בילד:

— נאַ, מעישקע, זעסט? ער איז דאָך דאָ אויך דאָ! טאָ נאָכוואָס זיינען מיר אַנטלאָפן פון דאָרטן? מיר קענען שוין צוריקפאָרן, עס וועט נישט העלפן קיין אַנטלויפן פון זיי.

איך פרעג ביי די פּוילישע קינדער וואָס פאַרקויפן דאָ לימאָנאַד, ווי אַזוי איך קען צוקומען אין פּראַגע צו דער סקערניעווויעצקע גאַס. זיי רוקן זיך אָפּ און ענט־פערן נישט. אַ בלאָנד יאַטל זייערס — פון אַ יאָר דרייצן, רוקט זיך צוריק עטלעכע טריט אויף הינטן־אַרום און שרייט צו מיר אויס:

— העי, דו, ייד־באָלשעוויק, פאָר צוריק קיין רוסלאַנד!

**
*

מיר גייען איבער די פּראַגער גאַסן, מיר האָבן אַן אַדרעס פון אַ ייד וואָס דאַרף דאָ ערגעץ וווינען. מיר קומען אָן צו דעם אָרט, מיר קלאַפּן אָן און פרעגן זיך אויף יענעם. נישטאָ אַזעלכער:

— ביי אונז וווינען נישט קיין יידן!

מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט שעהן אויף דער גאַס. אינדערפרי זיינען מיר ערשט געוואָר געוואָרן, אַז יענער וווינט יאָ דאָרטן, נאָר אונטער אַן אַרישן נאָמען...

קאַפּיטל ז

איך בין באַלד פאַרטאָג אַוועק קיין וואַרשע. אויפן וועג האָב איך אָנגעטראָפן אַ באַקאַנטן ייד. ער דערציילט מיר בסך־הכל, אַז מיין שוועגערין, מיין יונגערן ברודערס פרוי, געניע, וואָס איז אַנטלאָפן אין 1941 פון דער רוסישער פאַרשיקונג און אָנגעקומען קיין ווילנע, האָט זיך געראַטעוועט פון די דייטשן. מיין ברודער נחמן האָט מען דערשאָסן אויף פּאָנאַר, ביי ווילנע. אָבער זי האָט זיך געראַטעוועט, אַוועק אויף דער אַרישער זייט, חתונה געהאַט מיט אַ קריסט און געהאַט מיט אים אַ קינד.

— וווּ וווינט זי?! ווו איז זי?! זאָגט מיר שנעל, דערבאַרעמט אייך!

— ליידער! זי וווינט שוין נישט, זי האָט געוווינט, אין לאָדזש. מיט דריי טעג צוריק איז זי געפאָרן קיין לובלין פאַרקויפן עפּעס זייערס אַ שטיקל הויז.

— נו, דערציילט שנעלער, ווו איז זי?

— מען האָט זי אויפן וועג, אין נאַלענטשאָוו, פאַר לובלין, דערהרגעט! מען האָט זי געפונען אַ נאַקעטע און דערשאָסענע, דאָס איז מען געוואָר געוואָרן ערשט נעכטן.

איך בין אַוועק קיין וואַרשע. געזוכט די גאַס ווו איך האָב געוווינט, דאָס הויז. יאָ, דאָס הויז שטייט נאָך, אַ פאַרברענטע מויער, עס וווינען אין אַ הילצערן ביידל אויפן הויף דער ווירט פון דעם הויז און דער סטרוזש.

איך קריך אַרויף אויף די קופעס ציגל און זע די ווענט פון אונזער וווינונג. בלויז ציגל און זאַמד, ערד. איך טאָרע מיך אין די קופעס גרוז, זוך, נישטער, איך געפין נאָר אַ דייטשן אילוסטרירטן זשורנאַל, דאָס איז שוין פון אַ שפּעטערדיקן לאָקאַטאָר, וואָס האָט דאָ געוווינט. עס ליגן שטיקלעך צעבראָכענע גלאָז, אָפּגעריסענע טאַפּעטן.

איך בין אַוועק אין יידישן קאָמיטעט קיין פּראַגע נאָכזוכן די רשימות פון די געראַטעוועטע, לעבנגעבליבענע יידן. ניין, קיין איינער פון אַלע מיינע איז נישט לעבן געבליבן.

איך שפּאַן ווידער אויף די חורבות פון וואַרשע.

פון איין זייט שפּאַנט מיט מיר דאָס גליק — איך האָב דערלעבט אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד, זיין אין וואַרשע; פון דער צווייטער זייט שפּאַנט מיט מיר דאָס אומגליק — איך האָב קיינעם, קיינעם נישט געפונען, בלויז חורבות און אומקום!

אַזוי פירן מיך געאָרעמט גליק און אומגליק, מיך, אַן איינזאַמען, צעבראָכענעם ייד, איינעם פון די זין פון דעם צעבראָכענעם, אומגליקלעכן און פאַרפּייניקטן יידישן פאָלק!

ס ו ף

שטאָקהאָלם, 17 סעפּטעמבער, 1947

ב א מ ע ר ק ו נ ג :

איך שטרייך אונטער, אַז די נעמען פון די באַשריבענע פ ר ע נ ק ע ל, פ ר י ד ע, פ י ב י ך, כ ע ר ס אָ נ ס ק י, ר ו י ז נ ש מ י ד, ב ע ר ע ל ע ש מ אַ י ע ו ו י ט ש — זיינען נישט די אויטענטישע נעמען זייערע.

נאָך אין עטלעכע אַנדערע פאַלן האָב איך די נעמען פאַרקירצט אָדער גע־ ענדערט.

איך האָב געהאַלטן פאַר נייטיק דאָס צו טון צוליב אַ גאַנצער ריי ערנסטע סיבות.

ד ע ר מ ח ב ר